STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02113

MAYN LEBENS-GESHIKHTE

Bores Thomashefsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

באָריס טאָמאַשעווסקי

מיין
לעבענס־געשיכטע



ניו־יאָרק, נ. י.
1937

Book of My Life

by

BORES THOMASHEFSKY

•

Copyright 1937 by Bores Thomashefsky
Printed in U.S.A. Trio Press, Inc., N. Y.

266



געווידמעט

מיין טייערער

לעבענס־באַגלייטערין

רעגינאַ

מיט דער טאָמאַשעווסקי־פאַמיליע בין איך באַקאַנט געוואָרן דעם ערש־טען יאָר פון מיין לעבן אין אַמעריקע. באָריס טאָמאַשעווסקי איז דאַן אַלט געווען ביי דרייצען יאָר, אפשר פערצען. ער איז אָבער געווען הויך געוואַקסן און אין אַלגעמיין מער אַנטוויקלט קערפערלעך ווי לויט זיינע יאָרן. דעריבער איז מיין איינדרוק געווען, אַז ער איז אַלט אַ יאָר זעכצן. איידער איך האָב אים געזען צום ערשטן מאָל איז ער געוואָרן בר מצוה, און די צערעמאָניע איז געפּראַוועט געוואָרן אין דער הענרי־סטריטער שול, וואו ער איז געווען אַ משורר.

אַ קורצע צייט בין איך געווען אַ באָרדער ביי זיינע עלטערן. אויף אַ העכערן פלאָר האָבן געוואוינט מיינע גענאָסן, רוסישע סאָציאַליסטן, האָבן זיי מיר רעקאָמענדירט די לאָזשי. דאָס איז געווען אויף מאָט סטריט, לעבן באַיאַרד סטריט (אַ מינוט גאַנג פון קריסטי סטריט און דיוויזשאָן, אויף יענער זייט פון דער באַוערי). היינט וואוינען דאָרטן כמעט דורכאויס אי־טאַליענער. אין יענע יאָרן אָבער, אין דעם אָנהויב פון די אַכציגער פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט, איז דער געגענד געווען אין גאַנצן באַוואוינט פון אידישע אימיגראַנטן, און אַ פּאָר יאָר פריער איז דאָס אייגענטלעך געווען דער הויפּט צענטער פון דעם אידישן קוואַרטאַל. איטאַליענער איז דענסמאָל אין ניו יאָרק געווען זעהר ווייניג.

באָריס איז געווען דער עלטסטער פון די קינדער. עס זענען געווען אינגערע — באָיס און מיידלעך — אַלע בילדשעהנע. די מוטער איז אויך געווען אַן אומגעוועהנלעך שעהנע פרוי. אויך איז דער פאָטער געווען שעהן. דעם פאָטער האָב איך געזען בלויז אַ פּאָר מאָל, ווייל אין די פּאָר וואָכן וואָס איך האָב געוואוינט ביי דער פאַמיליע, איז ער מערסטענס ארומגעפאָרן אין פאַרבינדונג מיט פּלענער וועגען אַ אידישן טעאַטער, קאָנצערטן און עהנלעכע אונטערנעמונגען. איך געדענק אים אַלס אַ שעהן־געבויטן, נעט געקליידעטן, אינטערעסאַנטן יונגעמאַן.

אין ניו יאָרק האָט דאַן אָנגעהויבן צו שפּילן אַ אידישע טעאַטער־קאָמ־פּאַני — די ערשטע, וואָס אַמעריקע האָט ווען עס איז געזען. מיר האַלטן דאָ, אַלזאָ, ביי דעם סאַמע ערשטן בלעטל אין דער געשיכטע פון דער אידישער בינע אין די פאַראייניגטע שטאַטן.

דער פערצן־יאָריגער באָרים טאָמאַשעווסקי פּלעגט דאַן שפּילן מיידלשע ראָלן, און אויך מענערשע העלדן־ראָלן. ער איז געווען דער סטאַר פון דער קאָמפּאַני, די הויפּט „אַטראַקשאָן" מיט זיין זינגען און שפּילן אַזוי גוט ווי מיט זיין שעהנקייט, און ער האָט דאָס גוט געפיהלט. איך געדענק אַ סצענע ביי זיינע עלטערן אין הויז: צוויי פון זיינע קאָלעגן האָבן זיך ביי אים געבעטן ער זאָל זיך ניט אָפּזאָגן פון זיין ראָלע, און געהן צו דער רעפּעטיציע. ער האָט זיך פאַר'עקשנ'ט, קאַפּריזעוועט. זיין מוטער האָט זיך אריינגעמישט, מיטגעהאָלפן די קאָלעגן מיט אַ פּאָר גוטע ווערטער; און ער האָט נאָכגעגעבן.

ער איז ווירקליך געווען אַ מערקווירדיג שעהנער באָי, מיט אַן אַנטוויקעלטער, שעהנער פיגור, און מיט אַן אַנגענעמען אויסדרוק אויף זיין אָפּגעטאָקטן פּנים.

עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען דער אידישער טעאַטער איז שוין געווען אביסעל אויסגעוואַקסן, האָט מיט אים געקלונגען אין אַלע ווינקעלעך פון אַמעריקע, וואו עס האָבן געוואוינט אידישע אימיגראַנטן. ער איז געווען דער צויבער פון דעם ווייבערשן טייל פון אונזער טעאַטער־עולם, אָבער מענער האָבן אויך פון אים געקוואָלן.

נאָך שפּעטער אביסל, ווען אין אונזער טעאַטער־וועלט איז אריין אין דער מאָדע די אַזוי גערופענע ביבלישע אָפּערע, האָט ער געהאַט אַ שטורמישען ערפאָלג אין אַ פּיעסע מיטן נאָמען „אַלעקסאַנדער דער קרוין פּרינץ פון ירושלים". ער איז דאַן געווען אַ „קראַסאַוועץ" אין דעם פולען זינען פון וואָרט. די פּיעסע איז געגאַנגען זעהר לאַנג, און ער, אין דער הויפּט־ראָלע, איז געווען די הויפּט אורזאַך פון איר געוואַלטיגן סוקסעס.

פרויען פלעגן שטונדענווייז רעדען וועגען באָרים טאָמאַשעווסקי דעם קרוין פּרינץ פון ירושלים, ווי שעהן ער איז און ווי שעהן ער שפּילט. אָהן אַ צאָל דאַמען און מיידלעך האָבן זיך אין אים שטערבלעך פאַרליבט, גאַנץ אומבאַקאַנטערהייט, בלויז קוקענדיג אויף אים פון זייער סיט אין טעאַטער.

ווען מען האָט אַ מיידעל גערעדט אַ שידוך און דער חתן איז איר ניט געפעלן געוואָרן מיט זיין פּנים אָדער פיגור, פלעגט די מאַמע צו איר זאָגן: „וואָס ווילט זיך דיר, אַ טאָמאַשעווסקי פאַר אַ חתן?"

אַרום יענער צייט האָט מיינער אַ באַקאַנטער זיך פאַר מיר אַמאָל באַקלאָגט אויף זיין פרוי, אַז זי פאַרפעלט ניט קיין איין פאָרשטעלונג אין וועלכער טאָמאַשעווסקי שפּילט. ער איז געווען זעהר אייפערזיכטיג.

— די פּאָליציי וואָלט אים באַדאַרפט אַרעסטירן אַלס אַ געפאַהר פאַר דער געזעלשאַפט — האָט ער באַמערקט.

ער האָט דאָס געזאָגט אַלס אַ שפּאַס. עס איז אָבער לייכט געווען צו זען, אַז דער וואונש מען זאָל דעם שעהנעם שוישפּילער אַוועקנעמען פון דער בינע האָט געברענט ווי אַ פייער ביי אים אין האַרצען.

איך פלעג הערען וועגן מיידלעך און ווייבלעך, וואָס האָבן זיך אויס־געפּוצט אין זייערע שענסטע דרעסעס יעדעס מאָל, וואָס זיי זענען געגאַנגען זען טאָמאַשעווסקי'ן אין טעאַטער.

דער לעזער וועט פרעגן: האָבן זיי דען אַלע ערוואַרט צו זען זיך מיט אים פּערזענלעך, צווישן די אַקטן? דער אַנטוואָרט איז: אפשר יאָ און אפשר ניט. אָבער צו זען טאָמאַשעווסקי'ן אפילו בלויז אויף דער בינע איז ביי זיי געווען אַ גרויסער יום־טוב, פלעגן זיי זיך פּוצן לכבוד דעם יום־טוב. אָבער — זיי האָבן אַזוי פיל געטרוימט וועגן דעם צויבער־שעהנעם „קרוין פּרינץ פון ירושלים", אַז יעדע פון זיי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז אפשר וועט ער שטעהענדיג אויף דער בינע וואַרפן אַ בליק אויף איר. דאָס איז ניט איבערטריבן אויף אַ האָר.

אין דער אַמעריקאַנער טעאַטער־וועלט איז פאַראַן אַזאַ מין שוישפּילער, וועלכען מען רופט „מאַטינע איידאָל", דאָס הייסט, אַז ער איז אַזוי שעהן און עלעגאַנט, אַז דער עולם, וואָס באַזוכט די מאַטינע פאָרשטעלונגען, דאָס הייסט, מייסטענס פרויען, קומט אין טעאַטער ספּעציעל צוליב אים. אין דעם אידישן טעאַטער זיינען פאַראַן בלויז צוויי מאַטינעס אַ וואָך, און זיי האָבן ניט אַזאַ כאַראַקטער ווי אין די אַמעריקאַנישע טעאַטערס, טאָמאַ־שעווסקי איז אָבער ביי אונז געווען דאָס זעלבע ווי דאָס וואָס מען רופט, אָדער מען פלעגט רופען, אויף בראָדוועי „מאַטינע איידאָל".

נאָך דער פאָרשטעלונג פלעגט אויף דער סטריט ביים טעאַטער שטעהן אַ גרויסער עולם, מיט אַ מאַיאָריטעט פון פרויען און מיידלעך, און געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט טאָמאַשעווסקי'ן אָנצוקוקן נענטער.

פאַרשידענע געשיכטעס האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט טאָמאַשעווסקי'ן אַלס העלד פון ראָמאַנען און דראַמעס פון ווירקלעכן לעבן.

דאָ פּאַסט צו דערמאָנען דעם עפּיזאָד, וועלכן מיר האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק דערצעהלט טאָמאַשעווסקי'ס איינגסטע שוועסטער, עני טאָמאַ־שעווסקי. ווען זי איז נאָך געווען אַ סקול־מיידעלע איז דאָס פאָרגעקומען. איר סקול איז געווען אויף קריסטי סטריט, צווישן קאַנעל און העסטער. איין מאָל האָט זי זיך פאַרשפּעטיגט, האָט די לערערין איר געהייסן ברענגען דער מאַמען. זי האָט אָבער באַלד דעם באַפעל געענדערט:

— ניין, ניט דער מאַמען! — האָט זי געזאָגט — זאָל קומען דיין ברודער באָרים.

אויף מאָרגן איז באָרים געקומען אין סקול, אויסגעפוצט אין זיינע פיינע קליידער, מיט א רייך־פאַרביגן, קאָסטבאַרן נעקטאַי און מיט זיין הויכן קאַפּעלוש אין האַנט.

די לערערין איז געווען א אידישע מיידעל.

* * *

די באָים און מיידלעך פון דער טאָמאַשעווסקי־פאַמיליע זענען אויס־געוואַקסן, און אַלע זענען זיי געווען זעלטן שעהן, און אַלע האָבן זיי געשפּילט אויף דער אידישער בינע. איינע פון די אינגסטע, עמאַ, האָט גענומען די אידישע טעאַטער־וועלט מיט שטורם אַלס קופּלעטן־זינגערין און טענ־צערין, ווען זי איז נאָך געווען גאָר א קינד. אַן אמת'ער מלאך'ל איז זי געווען. עס איז ווירקלעך שווער איבערצוגעבן וואָס פאַר א הערלעכן חן און שעהנקייט זי האָט געהאַט. אַגענטן פון די פלעצער, וואו מען פאַרגרעסערט פּיקטשורס, פלעגן טראָגן עמאַ'ס בילד אַלס א מוסטער צו ווייזן וואָס פאַר א שעהנע בילדער זיי מאַכן.

דאָס איז די טראַגישע עמאַ פינקעל, פון א שפּעטערער צייט די מוטער פון בעלאַ (די פרוי פון מוני ווייזענפריינד) און פון לוסי פינקעל, די שוישפּילערין.

די צוויי עלטערע שוועסטער טאָמאַשעווסקי'ס זענען אויך געווען אונ־געוועהנליך שעהן און זיי האָבן אויך געשפּילט אויף דער אידישער בינע (מאַדאַם עפּשטיין און מאַדאַם גרינבערג).

איין ברודער טאָמאַשעווסקי'ס, מאַיק, איז אויך געווען פאַרבונדן מיט דער טעאַטער־וועלט, אָבער ניט אַלס שוישפּילער, נאָר אַלס מענעדזשער. א צווייטער ברודער, איזי, האָט אויסגעשטודירט אַלס דענטיסט. ביידע זענען זיי געווען שעהן מיט דער פיגור אַזוי גוט ווי מיטן פּנים.

* * *

טאָמאַשעווסקי פלעגט זינגען מיט געשמאַק און ווי א געניטער, געשולטער טענאָר, און צוליב זיין שעהנעם פּנים און שעהנער פיגור האָט זיין מענלעכע שטימע געהאַט א ספּעציעלן חן ביי די דאַמען און מיידלעך. ווען אין יענע יאָרן וואָלט שוין געווען דער פאָנאָגראַף, וואָלטן זיינע רעקאָרדס געווען די פּאָפּולערסטע.

אין א שפּעטערער צייט, ווען גאָרדין האָט שוין געהאַט אריינגעבראַכט בעסערע פּיעסען, און מען האָט איבערהויפּט געשפּילט ווערק פון א העכערן סאָרט, האָט טאָמאַשעווסקי אויפגעפירט טשיריקאָוו'ס באַרימטע דראַמע „יעווריאַי" (אידען). טאָמאַשעווסקי האָט די פּיעסע געשפּילט אין זיין

טעאטער, און ער האָט געמאַכט אַן אמת׳ן „היט״ אין דער הויפּט־ראָלע. דאָ איז ער ערשינען שוין ניט אַלס אַ „מאַטינע איידאָל״, ניט הויפּטזעכלעך מיט דעם כח פון זיין קערפּערלעכער שעהנקייט, נאָר טאַקע אַלס קינסטלער. איך האָב אים אין דער דאָזיגער ראָלע געזען און האָב געשריבן אַ באַגייסטער־טע קריטיק וועגן זיין שפּילן. ער האָט אין איר אַרויסגעוויזן אַ פיינעם, ערנסטען טאַלאַנט. בלויז דאָ און דאָרטען האָט די אויסשפּראַך ביי אים געקלונגען אויף דעם מעלאָדראַמאַטיש־דייטשמערישן שטייגער, וועלכער איז אויף דער אידישער בינע אַזוי לאַנג געווען דער שטייגער פון אונזערע בעסטע אַקטיאָרן.

ביי דעם פּונקט דאַרף מען האָבען אין זינען, אַז איידער עס האָט זיך באַוויזן דער איינפלוס פון גאָרדין׳ס פּיעסען, האָט אפילו דייוויד קעסלער שטענדיק דעקלאַמירט אין זיין שפּילן — דעקלאַמירט און „געשוינדעוועט״ מיט אַ „דייטשמערישער״ אויסשפּראַך. און זיגמונד פיינמאַן נאָך מער. בלויז מאָגולעסקאָ איז שטענדיק געווען אַן אויסנאָם פון דעם כלל. ער האָט תמיד גערעדט אידישע אידיש אויף דער בינע.

נאָך „יעווריעיאַי״ האָב איך טאָמאַשעווסקי׳ן געזען אין אַנדערע רעאַליס־טישע פּיעסען, און מיין באַגריף וועגן אים אַלס אַ קינסטלער מיט אַ פיינעם און ערנסטן טאַלאַנט, ווען ער האָט די ריכטיגע פּיעסע, איז באַשטעטיגט געוואָרן ווידער און ווידער.

דערנאָך, ווען באָריס טאָמאַשעווסקי האָט גענומען שרייבן פאַרן „פאָר־ווערטס״ פון ציט צו צייט, האָט ער זיין טאַלאַנט אַרויסגעוויזן אַלס שרייבער אויך. מען האָט אין אים דערזען אַן אינטערעסאַנטע איינבילדונגס־קראַפט און אַ מערקווירדיגן חוש צו דעליקאַטע דראַמאַטישע מאָמענטן, צו סיטואַציעס, וואָס האָבן אין זיך אַ פּאָעטישן אינהאַלט. די דאָזיגע מיינונג מיינע האָב איך אַרויסגעזאָגט ביי מערערע געלעגענהייטן. פיל פון די אַרטיקלען, וואָס ער פלעגט פאַר אונז שרייבן, מייסטענס באַזונדערע בלעטלעך פון זיינע ערינערונגען, האָבן געמאַכט אַ רושם.

* * *

דער „פאָרווערטס״ הויבט איצט אָן צו דרוקן טאָמאַשעווסקי׳ס לעבענס־געשיכטע, געשריבן פון אים אַליין ספּעציעל פאַרן „פאָרווערטס״. ביי אונז געפינט זיך שוין אַ גאַנצער באַרג מיט לעזע־שטאָף — איבער פערציג קאַפּיטלעך. איך האָב דאָס אַלץ איבערגעלעזן. צוויי זונטאָגס האָב איך פאַרבראַכט לעזענדיג. איך האָב זיך ווירקלעך ניט געקענט אָפּרייסן. די פערציג קאַפּיטלעך זענען ניט באַזונדערע פערציג שטיקלעך און ברעקלעך

פון עראינערונגען אָדער פּאַסירונגען. דאָס זענען פערציג קאַפּיטלעך פון אַ פולשטענדיגער אויטאָביאָגראַפיע. אַלץ וואָס ס'האָט פּאַסירט אין טאָמאַשעווסקי'ס לעבן, און וואָס איז ווערט, אַז מען זאָל עס לעזען, ווערט געגעבן מיט אַן אינערלעכן אינהאַלט, וועלכן נאָר אַ קינסטלער איז אימשטאַנד צו געבן. מיט דעם וואָרט קינסטלער, מיין איך דאָ אַ מענשן, וואָס האָט פון דער נאַטור דעם טאַלאַנט צו באַמערקן דאָס, וואָס האָט אין זיך קאָליר, דראַמאַטישע קראַפט; דאָס, וואָס רעדט צו דער נשמה; דאָס, וואָס לאָזט אויף שטענדיק איבער אַן איינדרוק. קיין זייטיגע זאַכן, וואָס האָבן ניט אַזאַ ווערט, געפינט איר דאָרטן ניט.

מיר האָבן אויבען דערמאָנט, אַז ער האָט אין „פאָרווערטס“ פון צייט צו צייט געשריבן באַזונדערע בילדלעך פון זיין לעבן. דאָס איצטיגע אָבער איז אינגאַנצן אָריגינעל. דער אינהאַלט פון יענע אַרטיקלען זיינע ווערט איצט פון אים באַהאַנדלט אויף אַ נייעם, אויף אַ ברייטן שטייגער, מיט מאַסן איינצעלהייטן, וועלכע זענען נאָך ביז איצט ניט פאַרעפענטלעכט געוואָרן.

טאָמאַשעווסקי'ס לעבן אַנטהאַלט אין זיך אייגנטלעך דעם סך־הכל פון דער געשיכטע פון דעם אידישן טעאַטער אין אַמעריקע, ווייל ער איז געווען דער סטאַר אין דער גאָר ערשטער קאָמפּאַני, וואָס האָט אין אַמעריקע גענומען שפּילן אויף אידיש, און ער האָט דורכגעמאַכט אַלע פעריאָדען, אַלע טיילן פון אונזער טעאַטער־לעבן ביזן היינטיגן טאָג — אַ געשיכטע פון איבער דריי און פערציג יאָר.

אַ חוץ דעם קען מען זאָגן, אַז אין דער געשיכטע פון באָרים טאָמאַשעווסקי האָבן מיר אין אַ געוויסן זין אויך די געשיכטע פון דעם גאַנצן אידישן אימיגראַנטן־לעבן, פון דעם סאַמע אָנהויב פון דער גרויסער אידישער איינוואַנדערונג ביזן היינטיגן טאָג.

די גרויסע אידישע עמיגראַציע פון רוסלאַנד האָט זיך אָנגעפאַנגען אין אוקראַינע נאָך די ערשטע גרויסע פּאָגראָמען. זי האָט זיך אָנגעפאַנגען אין אָדעס און קיעוו, הויפּטזעכלעך אין קיעוו. די ערשטע גרויסע צוגען, וואָס זענען אַוועק געפּאַקט מיט אידישע עמיגראַנטן צום עסטרייכישן גרעניץ זענען געגאַנגען פון קיעוו. טאָמאַשעווסקי איז פון קיעווער גובערניע, און די לעצטע וואוינונג פון זיינע עלטערן איז געווען אין קיעוו גופא. כדי צו האָבן אַ באַגריף וועגן די סצענעס פון אימיגראַנטן־לעבן אין יענע ערשטע יאָרן, 1881־1882, איז וויכטיג צו האָבן פאַר זיך אַ בילד פון געוויסע פּאַסירונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין קיעוו אַ גאַנץ קורצע צייט פאַר דעם ווי די טאָמאַשעווסקי־פאַמיליע האָט זיך אַוועקגעלאָזן קיין ניו יאָרק.

דאָס באַקומען מיר אין די ערשטע קאַפּיטלעך פון טאָמאַשעווסקי'ס ביאָגראַ־פיע. ער פאַנגט אָן מיט זיינע קינדער־יאָרן און מיר ווערן באַקאַנט מיט פאַרשיידענע פּאַסירונגען און סיטואַציעס, וועלכע שטעהען פאַר אונז ווי לעבעדיג. איינעגע פון זיי רירן דעם לעזער אויף אַן אומבאַשרייבלעכן אופן. טאָמאַשעווסקי שילדערט אַ פּאָר סצענקעס פון דעם קיעווער פּאָגראָם, וועלכן ער האָט אַליין בייגעוואוינט; ער שילדערט אויך אַ סצענע ווי אַזוי מ'האָט געהאַנגען דריי רעוואָלוציאָנערן אויף אַ קיעווער גאַס. איינער פון זיי איז געווען אַ איד, וועלכן ער האָט געקענט. ער האָט אַליין געזען ווי מען האָט אים געהאַנגען.

טאָמאַשעווסקי'ס פאָטער איז געווען באַקאַנט מיט רעוואָלוציאָנערע סטו־דענטן און דעריבער האָט מען די גאַנצע פאַמיליע געצוואונגען צו פאַרלאָזן רוסלאַנד אין פיר־און־צוואַנציג שטונדן.

פאַראַן אין די דאָזיגע ערשטע קאַפּיטלעך זעהר אינטערעסאַנטע סצענקעס פון טאָמאַשעווסקי'ס קינדער־ליבעס, אַ ליבע מיט אַ „שיקסעלע" און דערנאָך אַ ליבע מיט אַ אידיש מיידעלע אין בערדיטשעוו. זיי כאַראַקטעריזירט ער אַלס אומשולדיגע ליבעס. אָבער דאָרטן אין בערדיטשעוו האָט ער געהאַט אַ דריטע ליבע, שוין גאָר ניט קיין אומשולדיגע. די שולד איז אָבער געווען הויפּטזעכלעך ניט זיינע. מיר האָבן סצענעס פון דער עמיגראַציע קיין בראָד און פון בראָד, ביז מיר קומען אַריין אין ניו־יאָרק וואו טאָמאַ־שעווסקי איז געוואָרן בר מצוה. די צערעמאָניע איז געפּראַוועט געוואָרן אין אַ שבת אין דער העברי סטריטער שול, וואו טאָמאַשעווסקי האָט דאַן גע־זונגען אַלס משורר'ל. דאַן האָבן מיר דעם אָנפאַנג פון דעם אידישן טעאַטער מיט טאָמאַשעווסקי'ן אַלס „דער סטאַר" און אַלס „די סטאַר", ווארום, ווי מיר האָבן שוין אויבן באַמערקט, האָט ער געשפּילט פרויען־ראָלן אַזוי גוט ווי מענער־ראָלן.

אין דעם לעבן פון באָריס טאָמאַשעווסקי אַלס שוישפּילער הויבט איר אָן אַלץ מער און מער צו זען אַי דעם גוף אַי די נשמה פון אידישן טעאַטער און די ערפאַרונגען פון באָריס טאָמאַשעווסקי אַלס שוישפּילער. אין דעם צווייטן פונקט ווערט איינגעשלאָסן אויך זיין ראָלע אַלס דאַמען־העלד, אַלס אַקטיאָר נאָך וועלכן פרויען און מיידלעך פלעגן בוכשטעבלעך נאָכלויפן.

אין אַ געשפּרעך מיט מיר האָט באָריס טאָמאַשעווסקי באַטאָנט ווידער און ווידער:

„איך וועל דאָ דערציילן אַבסאָלוט אַלץ אָהן צוריקגעהאַלטענקייט צי עס וועט אָנרירן מיר, צי עס וועט אָנרירן אַנדערע. איך וויל, אַז דאָס

זאָל זיין אַ פֿאָלשטענדיגער ודוי פון מיין לעבן. איך זאָג אַז איך וועל דערציילן אַלץ. וואָס אַנבאַטרעפט מיר, בין איך פאַראַנטוואָרטלעך צו זיך אַליין און איך האָב אין זינען בלויז דעם אמת, דעם טיפן אמת, אָבער, וואָס אַנבאַלאַנגט אַנדערע, וועל איך פּרובירן קיינעם ניט וועה טאָן. מיר וועט נאַטירלעך אויסקומען צו ענדערן נעמען כדי ניִשט צו אַנטפּלעקן געוויסע מענטשן. טעאַטער־מענטשן אָדער טעאַטער־פּאַטריאָטן וועלן וואַרשיינלעך זיך לייכט קענען אָנשטויסן ווער, וואָס און ווען. איך ווידערהאָל אָבער, אַז אין אַזעלכע פֿאַלן וועלן די נעמען זיין פאַרשטעלטע און געוויסע איינצל־הייטן וועלן זיין עטוואָס געענדערט.

„יעדער פאַקט, יעדע סיטואַציע, יעדעס בילד און פּאָרטרעט — אַלץ וועט אָבער אַנטהאַלטן דעם נאַקעטן אמת, פול מיט שטריכן און פאַרבן פון דער פֿאָלשטענדיגער ווירקלעכקייט״.

די וויכטיגע קאַפּיטלעך אַנטהאַלטן אַ ים מיט איינצלהייטן וועגן יעדן וויכטיגן אַקטיאָר און אַקטריסע, יעדער וויכטיגער פאַרפאַסער און יעדע וויכטיגע פּאַסירונג אין אידישן טעאַטער־לעבן זינט טאָמאַשעווסקי איז אויף דער בינע. אָהן אַ שיעור טראַגעדיעס און קאָמעדיעס, סקאַנדאַלן און סימפּאַטישע זאַכן זענען פאָרגעקומען הינטער דער בינע וועגן וועלכע דער עולם ווייס ניט. עס האָבן זיך פאַרשפּרייט לעגענדעס און פּליאָטקעס. ווייט ניט אַלץ איז אמת. טאָמאַשעווסקי דערציילט וועגן אַלץ. די הויפּט טעמע איז אָבער זיין אייגענער לעבן פון זיין וויטער קינדהייט ביזן היינטיגן טאָג.

אב. קאַהאַן

„פֿאָרווערטס״, נאָוועמבער, 1935

מיין לעבּענס־געשיכטע

1

דער יחוס'דיגער שדוך - מיין טאַטע פאַרשווינדט - קאַווקאַז לאָזט אים מער נישט רוען. ביים זיידן דעם חזן - איך גאַסטראָליר מיט אַן „אדון עולם" - אַ חזן אָדער אַן אָפּערע־זינגער. „ברוך'ל קאָמעדיאַנטשיק".

אין אַ קליין שטעטעלע מיטן נאָמען קאַמינקע, אין קיעווער גובערניע, איז מיין זיידע, אברהם יעקב טאָמאַשעווסקי, חזן געווען. גערופן האָט מען אים: דער טאַלנער חזן, ווייל מיט יאָרן פריער איז ער געווען אַ חזן ביים טאַלנער רבי'ן. דאָס איז אין יענער צייט ביי אַלט־מאָדישע אידן געווען אַ גרויסער יחוס. מיין באָבע, גיטעלע, די חזנ'טע, האָט מען געהאַלטן פאַר זעהר אַ שעהנע. אַזאַ איינדרוק האָב איך געהאַט אַלס קינד, לויט דעם ווי איך פלעג הערן רעדן וועגן איר. זי האָט געהאַט פיר קינדער — צוויי זין און צוויי טעכטער. די עלטסטע טאָכטער, שיינדעלע, האָט חתונה געהאַט מיטן שפּאָלער רבי'נס אַ זון. די צווייטע, רבקה'לע, איז געוואָרן אַ שנור פון דעם ראַכמעסטריווקער רבי'נס אַ זון. די צוויי זין, דער עלטערער, פּנחס טאָמאַשעווסקי, האָט געקענט גוט לערנען, געהאַט אַ שעהנע שטימע צום זינגען און געשפּילט פידל — אַ בחור מיט אַלע מעלות. אָט דער פּנחס טאָמאַשעווסקי איז געווען מיין פאָטער.

אין אַ דערפל מיטן נאָמען אַסיטניאַטשקע, ניט ווייט פון קאַמינקע, האָט געלעבט אַ איד, אַן אַרענדאַר, מיכל איז געווען זיין נאָמען. דער פּריץ פון דאָרף (באַרקעט האָט ער געהייסן) האָט דעם אידישן אַרענדאַר ליב געהאַט און אים איבערגעגעבן אין אַרענדע אַלע שענקען, אַלע מילן און אַלע טייכן. מיכל דער אַרענדאַר — מיכל אַסיטניאַטשקער, ווי מען פלעגט אים רופן — איז געווען אַ רייכער באַלעבאַטישער איד פון דעם פּראָסטן שניט. ער האָט זיך געיאָגט נאָך יחוס, און מיט אַ פיינעם נדן האָט ער געקראָגן

פאַר זיין שעהנער טאָכטער, חיה־ביילע, דעם גראַמטענעם זון פון דעם טאַלנער חזן, פנחס. דער חתן־בחור פנחס האָט זיין חיה־ביילע'ן ביז צו דער חופה קיינמאָל ניט געזען. עס איז געפראַוועט געוואָרן אַ גרויסאַרטיגע חתונה.

דאָס פּאָר פאָלק האָט געבאָרן זייער ערשט קינד, אַ אינגעלע. זיי האָבן אים אַ נאָמען געגעבן ברוך. דאָס בין איך, דער איצטיגער באָריס טאָמאַשעווסקי.

דער טאַטע מיינער, דעם אַרענדאַרס איידעם, איז געזעסן אויף קעסט. וועגן פּרנסה האָט ער ניט געדאַרפט זאָרגן. דער רייכער שווער האָט פאַרזאָרגט מיט אַלעם, האָט דער איידעם געלערנט יעדן טאָג אין דעם דאָרפישן בית מדרש, געשפּילט פידל און בשתיקה אָנגעהויבן אַריינקוקן אין „טריף־פּסול'ען", זיך גענומען לערנען רוסיש און דייטש.

מיט דער צייט איז דאָס לעבן אין דעם פאַרוואָרפענעם קליינעם דערפל מיין טאַטען מיאוס געוואָרן און ער איז אַוועק פון זיין ווייב און קינד. מען קען זיך פאָרשטעלן די יללות, די געוואַלדן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין די הייזער פון ביידע פאַמיליעס — ביי דעם טאַלנער חזן און ביי מיכל דעם אַרענדאַר. איך בין דאַמאָלסט צוויי יאָר אַלט געווען. די מאַמע מיינע האָט מיר אָבער שפּעטער די געשיכטע פיל מאָל דערציילט.

צוויי יאָר האָט דער טאַטע מיינער ניט געלאָזט הערן פון זיך, — פאַרשוואונדן ווי אין וואַסער אַריין. רכילות־טרייבער האָבן געבראַכט אַלערליי מעשיות וועגן אים. מאַנכע האָבן דערציילט, אַז ער איז אַוועק קיין אַמעריקע. די מאַמע מיינע האָט זיך אָבער צו די רכילות ניט געוואָלט צוהערן. זי האָט ניט געגלויבט קיין שלעכטס אויף מיין פאָטער. זי האָט זיך געהאַלטן אין איין טרייסטן:

— מיין פנחס וועט צוריקקומען צו מיר און צו אונזער קינד.

אין דער שטיל, פאַר זיך אַליין, פלעגט די מאַמע ביטער וויינען. פיל מאָל האָט זי זיך שטילערהייט אַריינגעכאַפּט אין דעם קליינעם בית מדרש, און דאָרטן, ביים ארון קודש, איר ביטער האַרץ אויסגעגאָסן און גאָט געבעטן, ער זאָל איר צוריקשיקן איר מאַן.

צוויי יאָר שפּעטער האָט אַ בעל־עגלה צוגעפירט צום זיידענ'ס הויז פון דאָרף אַ מאָדנעם פּאַסאַזשיר. אַזאַ פאַרשוין האָט מען נאָך אין דערפל קיינמאָל פריער ניט געזען: אַ מאַן מיט אַ גרויען ראָק, אַ גרויען צילינדער־הוט אויפן קאָפּ, בלויע ברילן, דאָס פּנים גלאַט אָפּראַזירט, — קיין סימן פון אידישע פאות און פון דעם שעהנעם אידישן בערדל. אָט דער מאָדנער

פארשוין איז געווען פנחס טאמאשעווסקי, חיה־ביילע'ס מאן, מיין טאטע.

ביי אונז איז געווארן שמחת־תורה, און דאס גאנצע דערפל איז געגאנגען כאדאראם. דער טאטע מיינער, דער „אריסטאקראט״, האט דערציילט ניסים פון קאווקאז, וואו ער איז געווען די גאנצע צייט און וואו ער האט גע'פטר'ט זיין נדן און אהיימגעקומען אהן א גראשן ביי דער נשמה — א הוילער אריסטאקראט. . . . מיין זיידע, ר' מיכל, האט זיין איידעם, פיניע'ן, מוחל געווען אלע עבירות, אים געגעבן א פרישן נדן, און פנחס טאמאשעווסקי איז ווידער געווארן א קליינער עושר. דער טאטע האט זיך אבער ווייטער שרעקלעך געלאנגווייליגט אין דעם דארף. איצט, נאכדעם ווי ער האט אפגעלעבט צוויי יאר אין קאווקאז, האט ער זיך אין דעם דארף קיין ארט ניט געקענט געפינען. אין קאווקאז האט זיך דער טאטע אויסגעלערנט א סך קאווקאזער לידער, פלעגט ער זיי זינגען און צושפילן אויף זיין פידל. זיין הארץ האט אבער געצויגן צו דער גרויסער, ברייטער וועלט — קיעוו, אדעס, מאסקווע. אפילו פון אמעריקע האט ער געטראכט. פון זיין פאטער, דעם חזן, האט ער גע'ירש'נט א ליידנשאפטלעכע ליבע צו געזאנג, צו מוזיק: און אין פארבינדונג מיט דעם האט ער געטרוימט וועגן דער ברייטער וועלט, וועגן א וועלט פון קאלירפולע איבערלעבונגען.

אזוי שטעל איך זיך אים פאר איצט, ווען איך טראכט איבער אלץ, וואס איך געדענק וועגן אים פון יענע לאנג־פארגאנגענע יארן, ווען איך בין נאך געווען א קליין אינגל, און ער איז נאך געווען א גאנץ יונגער מאן. איך געדענק אים גאנץ גוט אויך פון דער צייט ווען מיר זענען שוין אריבער־געקומען קיין אמעריקע. דאן האב איך שוין געקענט מער פארשטעהן, און אלץ וואס איז פון אים איבערגעבליבן אין מיין זכרון באשטעטיגט מיין באגריף וועגן אים אלס א מענטש מיט אן אומרוהיגער נשמה, וואס בענקט נאך אונטערנעמונגען, הויפטזעכלעך אזעלכע, וואס האבן צו טאן מיט מוזיק און מיט טעאטער.

די מאמע האט אנגעהויבן אביסל דאקוטשען דעם טאטן:

— וואס וועט זיין דער סוף? ווי לאנג קענען מיר זיצן אויף קעסט? טאמער ווערט, חלילה, דער טאטע ארעם? דער פריץ נעמט אוועק ביי אים די ערענדעס, וואס וועט דאן זיין פון אונז? אויף דיין טאטן, דעם קאמינקער חזן, דעם גרויסן ארעמאן, קאנסטו זיך ניט פארלאזן. מען דארף אנהויבן טראכטן וועגן א תכלית.

דורך אלערליי פראטעקציעס האט דער טאטע ענדלעך באקומען א שטעלע

ביי דעם דאַמאָלסטדיגן גרויסן עושר, ישראל בראָדסקי. מיר האָבן זיך אַריבערגעצויגן פון דאָרף קיין זלאַטאָפּאָליע, וואו ישראל בראָדסקי האָט געוואוינט און געהאַט איינע פון זיינע צוקער־פאַבריקן.

מיין זיידע, דער חזן, איז געקומען קיין זלאַטאָפּאָליע צו אונז צו גאַסט. ער האָט גע׳פּועל׳ט ביי מיינע עלטערן, זיי זאָלן מיך לאָזן פאָרן מיט אים קיין קאַמינקע. איך בין דאַמאָלט אַלט געווען פיר יאָר.

איך געדענק גענוי אַלץ וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט פון דאַן אָן. נאַטירלעך, געדענק איך דאָס אַלץ לויט דעם, ווי מענטשן און דאָס לעבן בכלל האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין מיין קינדערשן באַוואוסטזיין, לויט מיין קינדערשן פאַרשטאַנד.

מיין טאַטע־מאַמע האָבן נאָכגעגעבן דעם זיידנס פאַרלאַנג און מיך מיטגעשיקט מיט אים קיין קאַמינקע. דער זיידע האָט אַליין מיט מיר געלערנט אידישקייט. איך געדענק ווי דער זיידע פלעגט זאָגן, אַז איך האָב אַ גוט קעפּעלע. ער האָט מיט מיר געלערנט חומש, און דערנאָך חומש מיט רש״י. און זינגען האָט דער זיידע, דער חזן, מיך אויך אָנגעהויבן לערנען. ער פלעגט פאַר אַלעמען זאָגן, אַז איך האָב אַ שעהן שטימעלע און אַז איך בין אַ געבאָרענער מנגן. ווען איך בין ביי מיין זיידן אָפּגעווען איין יאָר, האָב איך שוין געקענט זינגען אַלע קאָמפּאָזיציעס, וואָס ער האָט געזונגען מיט זיינע משוררים.

יעדן שבת־צו־נאַכט, צו מלוה־מלכה, פלעגן זיך צוזאַמענקומען אין זיידענ׳ס הויז די וויכטיגע באַלעבאַטים פון שטעטל: דער גבאי, דער שוחט דער רב, די „גבירים״. דער זיידע פלעגט זינגען מיט זיין כאָר. איך, דער פיר־פינף־יאָריגער אינגעלע, בין געווען, ווי מען זאָגט אין אַמעריקע, דער הויפּט אַטרעקשאָן. יעדן שבת ביינאַכט האָב איך געמוזט אָפּגעבן „קאָנ־צערט״. דער זיידע האָט מיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ ביינקל און איך האָב געזונגען. מיט מיין קינדעריש שטימעלע פלעג איך אויסזינגען גאַנצע נגונים. דער זיידע, די באָבע און די באַלעבאַטים האָבן מיך אויף די הענט אַרומגעטראָגן, מיך געקושט, געגלעט, געצערטלט. די פּני פון שטעטל האָבן נביאות געזאָגט, אַז איך וועל אַמאָל זיין אַ גרויסער חזן.

ימים־נוראים־צייט האָט מיין זיידע, דער טאַלנער חזן, גענומען איינשטודירן מיט די משוררים די ימים־נוראים׳דיגע תפילות. איינער פון די קליינע משורים׳לעך, אַ אינגעלע פון צען יאָר, האָט איינגעשטודירט דעם „אדון

מיין באָבע גיטעלע



מיין זיידע אברהם יעקב טאָמאַשעווסקי
טאַלנער חזן

מיין מאַמע חיה־ביילע

מיין טאַטע פּנחס טאָמאַשעווסקי

עולם״, וואָס ער האָט געדאַרפט זינגען נאָך „כל נדרי״. איך האָב דעם „אדון עולם״ זיך אויך אויסגעלערנט.

אַ געוויסן טאָג זאָג איך צום זיידן, אַז איך וויל זינגען יום כּפּור דעם „אדון עולם״ ביים עמוד אין דער שול. דער זיידע, די באָבע און די נאָהענטע באַקאַנטע האָבן זיך געוויצלט: „זע נאָר אדם אַ מענטש און קאַטשקע רוק זיך! זע נאָר ווער עס וויל זינגען „אדון עולם״ אין דער גרויסער שול!״. די גוטינקע באָבע האָט מיך געקושט און דערביי געפרעגט: „ברוך׳ל, וועסט ניט מורא האָבן צו זינגען פאַר אַ גרויסן עולם?״

— איך האָב ניט קיין מורא — האָב איך געענטפערט — איך וויל זינגען דעם „אדון עולם״!

איך האָב זיך צעוויינט און געבעטן, אַז מען זאָל מיך לאָזן זינגען. דער זיידע און די באָבע האָבן מיר צוגעזאָגט, אַז איך וועל זינגען דעם „אדון עולם״.

מיט אומגעדולד האָב איך שוין געוואַרט אויף דער יום־כּפּור־נאַכט.

אַ פּאָר וואָכן פאַר יום־כּפּור האָט מיר אָנגעהויבן וועה טאָן דער האַלז. עס איז מיר געוואָרן ערגער מיט יעדן טאָג. עס האָבן ניט געהאָלפן די באַבסקע רפואות, די הייסע מילך און אַנדערע גוטע זאַכן. דער רופא האָט ערקלערט, אַז איך האָב אַ מכּה אין האַלז.

דער וועהטאָג פון דער מכּה איז געווען אַ גאַרניט אין פאַרגלייך מיט מיין וועהטאָג, דאָס איך וועל ניט קענען זינגען דעם „אדון עולם״. די יום־כּפּור נאַכט האָט זיך גערוקט אַלץ נעהענטער און נעהענטער און מיין מכּה איז געוואָרן וואָס אַ טאָג אַלץ ערגער און ערגער. איך וועל יענעם יום־כּפּור קיין מאָל ניט פאַרגעסן. דער רופא האָט מיטן הארבן וואָרט אָנגעזאָגט, אַז איך מוז ליגן אין בעט.

ס׳איז געקומען ערב יום־כּפּור. פאַרנאַכט האָבן דער זיידע און די באבע זיך גענומען צוגרייטן צו געהן אין שול אריין. איך ליג אין מיין בעטעלע, איך שטרעק אוים צו זיי מיינע הענטלעך און צעוויין זיך ביטער:

— זיידעניו, באַבעניו, נעמט מיך מיט אין שול אריין!

דער זיידע האָט זיך אָנגעשריען אויף מיר: „מען טאָר ניט געהן, דו ביזט קראַנק״. די באבע האָט מיך געקושט און זיך געבעטן ביי מיר:

— ברוך׳ל, ווען דו וועסט ארויסגעהן פון בעטעלע, האָט דער רופא געזאָגט, וועסטו, חלילה, שטאַרבן.

עס האָט אָבער ניט געהאָלפן דעם זיידענס שרייען און דער באַבעס

בעטן זיך. אזוי שנעל ווי זיי האָבן מיך אָפּגעבענשט און זענען אַוועק אין שול אַריין, האָב איך זיך אַנגעטאָן און בין אַוועקגעלאָפן אין שול.

ווען איך בין אַריין אין שול און דערזען די אידן אין די ווייסע קיטלען און טליתים, די גרויסע וואַקסענע ליכט, דעם זיידן מיט די משוררים ביים עמוד, האָט זיך מיין קעפּעלע פאַרדרעהט און איך בין אַוועקגעפאַלן. איך געדענק ניט, וואָס עס איז ווייטער מיט מיר געשען. איך געדענק בלויז, אַז ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, בין איך געלעגן אויף אויסגעבעטע היי, וואָס איז געווענלעך אויסגעשפּרייט אין די היימישע שולן אויף יום־כפור. איך האָב אַ קוק געטאָן צום עמוד און געזען דאָס קליינע משורר'ל וואָס האָט געדאַרפט זינגען דעם „אדון עולם". פון גרויס אויפרעגונג האָט מיר די מכה אין האַלז געפּלאַצט. איך האָב זיך גענומען שטיקן פון דער מאַטעריע. מען האָט מיר דערלאַנגט אַביסל וואַסער, איך זאָל אויסשווענקען דעם האַלז. איך האָב זיך געפיהלט בעסער, איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון מיין געלעגער, צוגעלאָפן צום עמוד און גענומען שלעפּן און רייסן דאָס אָרעמע אינגעלע, שרייענדיג מיט מיינע לעצטע כחות: „איך וויל זינגען דעם אדון עולם!"

אין שול איז געוואָרן אַ גערודער. מענער האָבן געשריען, ווייבער האָבן די קעפּ פון דער ווייבערשער שול אַרויסגעשטעקט. עס האָט ניט געהאָלפן מיין זיידנס פּראָטעסטירן.

— איך האָב ניט מעהר קיין מכה! — האָב איך געשריען — איך בין שוין געזונט, איך קען שוין זינגען!

דער זיידע האָט אויף מיר אַרויפגעוואָרפן אַ טלית און איך האָב געזונגען „אדון עולם". ווי אַזוי איך האָב געזונגען — דאָס ווייס איך ניט. איך געדענק בלויז, אַז ווען איך האָב געענדיגט, האָט דער זיידע מיך געקושט, באַלעבאַטים האָבן מיר אויף די הענט געטראָגן און די באָבע האָט פון דער ווייבערשער שול געשריען: „מיין ברוך'ל, מיין איינִיקל, ער איז נעבעך קראַנק, מוטשעט אים ניט!"

אַהיימגעקומען, האָט מיך די באָבע געקושט און געהאַלזט און דער זיידע האָט, שמייכלענדיג, געבורטשעט:

— אַזאַ שקאָץ! . . . געהערט אַ מעשה . . . האָט אויסגעפירט דאָס זייניגע, אַזאַ יונגאַטש! . . .

איך בין איצט געוואָרן אַ גאַנצער חשוב אין שטעטל; און איך אַליין האָב זיך גענומען פילן גדול'דיג. די באַלעבאַטים פון שטעטל פלעגן

מיך באַגריסן מיט אַ „גוט מאָרגן, ברוך׳ל“, „אַ גוטען אָוונט, ברוך׳ל“, און דער זיידע האָט מיר אויך מער ליבע און צערטלעכקייט אַרויסגעוויזן נאָך מיין זינגען דעם „אדון עולם“.

מיינע עלטערן האָבן געהערט פון מיין ערפאָלג אין קאַמינקער שול יום־כפור ביינאַכט, זענען זיי עקסטראַ געקומען פון זלאַטאָפּאָליע קיין קאַמינקע צו הערן מיך זינגען דעם „אדון עולם“. מיין טאַטע איז געווען אויפן זיבעטן הימל. די מאַמע האָט נביאות געזאָגט, אַז איך וועל, אם ירצה השם, זיין אַ גרויסער חזן און דער טאַטע האָט מיט באַשטימטקייט געזאָגט, אַז פון מיר וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער אָפּערע־זינגער. אפילו דער רבי אין חדר האָט פאַר מיר אַביסל דרך ארץ געהאַט — אַלץ צוליב מיין „אדון עולם“.

די חברים מיינע האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן „ברוך׳ל קאָמעדיאַנטשטשיק“. דעם נאָמען האָבן זיי מיר געגעבן דערפאַר, ווייל איך פלעג אין חדר מאַכן אַלערליי קונצן. איך פלעג זיך פאַרשטעלן פאַר אַן אַלטע אידענע, איך פלעג נאָכמאַכן ווי עס רעדט אַ זאַאיקע. איך פלעג זיך פאַרשטעלן פאַר אַ בעל העגלה, און נאָך און נאָך קינדערשע שטיק פלעג איך פּראַווען. מיינע חברים, די תלמידים פון חדר, האָבן מיר פאַר מיינע קונצן אַפּלאָדירט. דאָס זענען געווען די ערשטע אַפּלאָדיסמענטן, וואָס איך האָב באַקומען אין מיין לעבן. מיין רבי, ר׳ זאַנוועל, אַן איינגעהויקערטער בייזער איד, וועלכער האָט קיינמאָל קיין שמייכל ניט געטאָן, האָט געלאַכט און הנאה געהאַט פון מיינע קונצן. גאַנץ אָפט, ווען ער איז געווען גוט אויפגעלעגט, פלעגט ער מיך בעטן, „ברוך׳ל, זינג דעם אדון עולם“. איך האָב געזונגען און נאָכן זינגען האָט די רביצין מיר צוגעטראָגן עפּעס פון די מאכלים, וועלכע זי האָט צוגעגרייט פאַרן רבי׳ן.

פאַרן אַוועקפאָרן צוריק קיין זלאַטאָפּאָליע האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז ווען איך וועל עלטער ווערן, וועט ער מיך אַריינגעבן אין אַ מוזיקאַלישער שולע און שפּעטער, ווען איך וועל ענדיגן די שולע, וועל איך אָנקומען אין אַ קאָנסערוואַטאָריע. איך וועל זיין אַ גרויסער אַרטיסט, אַן אָפּערע־זינגער. די ווערטער „אַרטיסט“, „אָפּערע־זינגער“ האָבן שעהן געקלונגען אין מיינע אויערן.

2

אַ גרוס פון אידיש טעאַטער - איך מאַך אַ צירקוס - ישראל בראָדסקי און אָפּיצירן הערן מיך זינגען - אַ הונדערטער מיין ערשטער האָנאָראַר - מיר קלייבן זיך אַריבער קיין קיעוו. גויים צאָלן פאַר „לכה דודי" - אַ באַזוך אין דער אָפּערע - איטאַליענישער אָפּערע־דיריגענט רעקאָמענדירט מיך צו ר' ניסן בעלזער.

צום זיידן איז געקומען אַ ליבער גאַסט: מיין פעטער שמואל, מיין טאַטנס אַ ברודער. דער פעטער שמואל איז געווען אַ וועלטלעכער בחור און אַ שעהנער יונג. ער האָט געהאַט אַ שטעלע אין קיעוו און פלעגט פאָרן אין יעליסאַוועטגראַד אויף די גרויסע ירידים. ער פלעגט באַזוכן טעאַטער, דעם צירקוס. ער איז אַהיימגעקומען נאָכדעם ווי ער איז אַ לאַנגע צייט געווען אַוועק. ווען מיין פעטער שמואל האָט מיך געהערט זינגען דעם „אדון עולם", איז ער גאָר אַנטציקט געוואָרן. דער שעהנער פעטער שמואל האָט זיך אָנגעהויבן חבר'ן מיט מיר. ער פלעגט אַרומגעהן שפּאַצירן מיט מיר אין וועלדל. אויף די דאָזיגע שפּאַצירן פלעגט ער מיר דערצעהלן וועגן די צירקוסן און די טעאַטער־שטיק, וואָס ער האָט געזען אין די גרויסע שטעט. ער האָט מיר אויך דערצעהלט, אַז אין יעליסאַוועטגראַד האָט ער געזעהן גאָלדפאַדענ'ס אידישע טעאַטער־טרופּע. מען האָט געשפּילט „די באבע מיטן איייניקל", „די קאַפּריזנע טאָכטער". דער פעטער שמואל האָט פאַר מיר געזונגען אַלע לידלעך פון די פּיעסען און ער האָט זיי מיר אויך אויסגעלערנט. איך פלעג די לידלעך זינגען און מיט זיי שטאַרק אויסנעמען.

אַ געוויסן טאָג איז אין קאַמינקע אָנגעקומען אַ צירקוס. דער פעטער שמואל האָט מיך מיטגענומען צו אַ פאָרשטעלונג. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען האָב איך געזעהן רייטער און רייטערקעס, קלאָונס, טענצער,

אַלערליי קונצן־מאַכער. אַהיימקומענדיג, האָב איך נאָכגעשפּילט די גאַנצע צירקוס־פאָרשטעלונג. דער זיידע, די באָבע, דער פעטער שמואל און די שכנים, וועלכע זענען געווען דערביי, האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן לאַכנדיג פון מיינע משוגע׳נע שטיק. עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך צוזאַמענגענומען מיינע חברים, אינגלעך פון שטעטעל, און געמאַכט מיט זיי אַ צירקוס. וואָס פאַר אַ צירקוס דאָס איז געווען, קאָן מען זיך שוין פאָר־שטעלן. איך בין געווען דער הויפּט־דירעקטאָר, דער הויפּט־רייטער. אַ בעזים איז געווען מיין פערד, אויף וועלכן איך האָב אַרומגעטאַנצט רייטנדיג. איך בין געשפּרונגען דורך רייפן, זיך געהוידלט אויף הוידלקעס. די אינגלעך האָב איך אויסגעשמירט מיט סאַזשע און מיט רויטער און גרינער פאַרב. זיי זענען געווען מיינע קלאָונס. צוויי קנעפּלעך איז געווען דער פּרייז פאַר זען די פאָרשטעלונג. יעדע פאָרשטעלונג האָט מיר אַריינגעבראַכט אַ גאַנצן באַרג מיט קנעפּלעך.

ווען איך בין אַלט געוואָרן פינף יאָר, בין איך צוריקגעפאָרן אַהיים צו מיינע עלטערן.

ישראל בראָדסקי, ביי וועלכן מיין פאָטער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער, איז צו יענער צייט געווען באַקאַנט אַלס איינער פון די גרעסטע גבירים אין רוסלאַנד. ער האָט געהאַט אַ סך צוקער און בראַנפן־פאַבריקן. ער האָט אויך געבויט, צוזאַמען מיט דעם באַרימטן מאָסקווער אידישן מיליאָנער פּאָליאַקאָוו, אַ וויכטיגע אוקראַאינישע אייזנבאַן. אידן, הויפּטזעכלעך אין דרום־רוסלאַנד, האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַ מין אידישן קיסר. ער האָט זיך אָבער געפירט אויפן אַלטן אידישן שטייגער. געוואוינט האָט ער אין זלאַטאָפּאָליע.

מיין טאַטע איז דאָרטן געווען אַן אָנגעשטעלטער ביי אים אויף אַ פאַבריק, און בראָדסקי האָט אים געהאַלטן נאָהענט צו זיך. ער פלעגט אים אָפט מיטנעמען מיט זיך קיין קיעוו אין געשעפט. בראָדסקי האָט געהאַט אַן אייגענע שול ביי זיך אויפן הויף, און מיין פאָטער פלעגט יעדן פרייטאָג צונאַכט און שבת דאַווענען פאַרן עמוד אין דער שול.

ווען איך בין אַהיימגעקומען פון קאַמינקע, האָט דער טאַטע מיר געזאָגט, אַז ישראל בראָדסקי וויל מיך הערן זינגען דעם „אדון עולם״. דער טאַטע האָט זיך געפרעהט און די מאַמע האָט זיך געגווידערט. מען האָט געשיקט רופן ר׳ לייב דעם קרומען שניידער, און ער האָט פאַר מיר אויפגענעהט אַ נייעם קאָסטיום לכבוד דער איינלאַדונג.

א געוויסן שבת צו נאכט האבן מיך דער טאטע מיט דער מאמען געבראכט צו ישראל בראדסקי'ן אין הויז. דער טאטע האט מיך געשטורכעט, אז איך זאל ארויסנעמען דעם פינגער פון מויל, איך זאל זיך ניט שרעקן, ניט שעמען. דאס שטורכען האט אבער ניט געהאלפן. די רייכע צימערן, די זילבערנע און באגילדעטע לייכטער, די פיאנא, די פילע דינער און די פילע געסט, צווישן וועלכע עס האבן זיך געפונען עטלעכע קריסטן — דאס אלץ האט אויף מיר אנגעווארפן א שרעק. איך האב זיך געקלעפט צו דער מאמען, ווי איך וואלט קיין צווייטע ניט געקאנט איבערציילן. אין דער היים בין איך געווען אזא רירעוודיגער, ריידעוודיגער, זינגענדיגער, און דא, ביי די בראדסקי'ס, האב איך זיך אינגאנצן פארלארן.

ישראל בראדסקי, מיט דער שעהנער אידישער שווארצער בארד און שטאלצען גביר'ישן אויסזען, איז צוגעקומען צו מיר, מיר געגעבן א קניפ אין בעקל און געזאגט:

— א שעהן אינגעלע, אט דאס איז דאס דער ברוך'ל, וואס האט איינגענומען די וועלט מיטן „אדון עולם"?

איך האב זיך צעוויינט פאר שרעק.

ישראל בראדסקי האט מיך צערטלעך אנגענומען פאר א הענטל, מיט מיר שפאצירט איבערן גרויסן זאל און מיך פארגעשטעלט פאר די געסט:

— אט דאס איז ברוך'ל, פנחס טאמאשעווסקי'ס עלטסטער זון. ער וועט היינט פאר אונז געבן אן אמת'ן אידישן קאנצערט, ניט אזוי, ברוך'ל?

— האט ער זיך געווענדעט צו מיר — דו וועסט זינגען דיין זיידנס „אדון עולם".

מיט אן אראפגעלאזט קעפעלע, א פארשעמטער, האב איך צוגעשאקלט.

און אט שטעה איך שוין אויף א בענקעל. דער טאטע שטעהט נעבען מיר, ער גיט מיר דעם ריכטיגען טאן. איך באטראכט דעם עולם ארום מיר, די פאמיליע בראדסקי, א סך הערען, דאמען, אייניגע אפיצירען מיט גאלדענע עפאלעטן. מיין יונג הערצעלע קלאפט אין מיר ווי מיט האמערס. דער טאטע גיט מיר צו מוט. איך נעם זינגען דעם „אדון עולם". איך וויים ניט ביז היינטיגען טאג ווי גוט אדער ווי שלעכט איך האב געזונגען. איך געדענק בלויז, אז א שטיק פון מיין קינדערשער נשמה האב איך יענעם אוונט אריינגעלעגט אין דעם „אדון עולם". דער עולם האט מיר שטארק אפלאדירט. די אפיצירען האבן מיך געצערטלט; דאמען האבן מיך אויף די הענט געטראגן פון איינער צו דער אנדערער, מיך געקושט, געגלעט.

ישראל בראָדסקי האָט מיך געהאַלטן אויף די הענט, מיר געמאַכט קאָמפּלי־מענטן — „וועסט אַמאָל זיין אַ גרויסער קינסטלער, ברוך'ל׳ן״

שפּעטער האָט בראָדסקי מיר אַריינגעשטופּט אין הענטל אַ פּאַפּירל. איך האָב דאָס פּאַפּירל געוויזן דעם טאַטן. באַטראַכטנדיג די אַסיגנאַציע, האָט דער טאַטע אויסגערופן אַ פאַרוואונדערטער:

— ברוך'ל, דאָס איז דאָך הונדערט רובל!

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב פאַרדינט געלט.

גאַנץ זלאַטאָפּאָליע האָט מיט מיר געקלונגען. פון מויל צו מויל איז איבערגעגאַנגען די נייעס וועגן דעם הונדערטער, וואָס בראָדסקי האָט מיר געגעבן. און באַלד איז פון הונדערטער געוואָרן אַ טויזנטער און פון טויזנטער אַ גאַנצער אוצר. אין דער גאַנצער געגנט האָט מען גערעדט וועגן דעם, אַז ר' ישראל בראָדסקי האָט דעם טאַלנער חזנ'ס אייניקל גליקלעך געמאַכט פאַרן זינגען „אדון עולם״.

דער „אדון עולם״ האָט עפּעס אויפגעטאָן פאַר מיינע עלטערן. אויף מאָרגן, נאָך מיין זינגען פאַר אים דעם „אדון עולם״, האָט בראָדסקי געשיקט רופן מיין טאַטן צו זיך, און צו אים געזאָגט:

— טאָמאַשעווסקי, אייער קינד דאַרף לערנען מוזיק אין אַ מוזיקאַלישער שולע. ער מוז אויך געהן אין גימנאַזיע. מיין עצה איז, אַז איר זאָלט זיך אַריבערקלייבן קיין קיעוו. וועל איך אייך געבן אַ באַשעפטיגונג אין איינעם פון מיינע דאָרטיגע געשעפטן און אייער בחור'ל וועט האָבן די מעגלעכקייט צו לערנען.

עטלעכע וואָכן שפּעטער האָבן מיר זיך געזעגנט מיט אַלע קרובים און פריינד, אָנגעפּאַקט אַ גרויסע בויד מיט באַלעבאַטישקייט און מיט די זאַכן, וואָס דער רייכער זיידע, ר' מיכל, האָט אונז מיטגעגעבן, האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין. מיר זענען צוערשט געפאָרן קיין קאַמינקע, זיך געזעגענען מיטן זיידן און דער באָבען. פון קאַמינקע האָבן מיר געזאָלט פאָרן מיטן באַן קיין קיעוו.

איך געדענק ניט ווי אַזוי דאָס איז געווען, אָבער, ווי מיר זענען אָנגעקומען אין קאַמינקע, און דאָרטן פאַרבראַכט עטליכע טעג, האָט מיין טאַטע באַשלאָסן מיך פאַרלויפיג ניט מיטצונעמען. קורץ, איך בין אויף דערוויילע געבליבן ביים זיידן צו געהן אין חדר. און שפּעטער, ווען דער טאַטע וועט שוין זיין איינגעסטראָיעט אין קיעוו, וועט מען מיך נעמען אַהין.

צוויי יאָר בין איך געבליבן ביים זיידן אין קאַמינקע. זיבן יאָר בין

איך דאַן אַלט געווען. מיינע עלטערן האָבן גענומען פאָדערן איך זאָל קומען צו זיי. דער זיידע און די באָבע האָבן מיך ניט געוואָלט אָפּלאָזן, אָבער מיין טאַטע און מאַמע האָבן ניט נאָכגעגעבן און איך האָב געבענקט נאָך זיי. קורץ, אין אַ שעהנעם טאָג האָבן מיך דער זיידע, די באָבע, דער פעטער שמואל, די מומע שיינדעל און די מומע רבקה געפירט צום וואָקזאַל און מיך אַריינגעזעצט אין אַ וואַגאָן. דאָס איז געווען מיין ערשטע רייזע אויף אַ באַן. זיי האָבן אָנגעזאָגט דעם קאָנדוקטאָר, ער זאָל מיך אַרונטערלאָזן אין קיעוו און אַז דאָרטן וועט מען שוין מיך אָפּנעמען.

איך בין געזעסן ביים פענסטער אַ צעטומלטער, אַ דערשראָקענער.

דער קאָנדוקטאָר, אַ גוטינקער קריסט, איז צו מיר צוגעקומען גאַנץ אָפט, געבראַכט מיר נאַשעריייען. אויף אַ געוויסער סטאַנציע, דאַכט זיך, אין ראַזדעלני איז דאָס געווען, זענען אַריין אין מיין וואַגאָן אַ גאַנצע כאַפּטע אידן. אייניגע פון זיי האָבן מיך דערקענט.

— ברוך'ל! ברוך'ל, וואו פאָרסטו? — האָבן זיי געפרעגט.

— איך פאָר קיין קיעוו, צו מיין טאַטע־מאַמע.

איצט איז מיר געוואָרן פרעהלעכער. איך געפין זיך דאָך צווישן אייגענע. איך האָב געמוזט פאַר די אידן זינגען דעם „אדון עולם“ און דעם זיידענס „לכה דודי“ און נאָך אַנדערע זאַכן.

ווען איך בין אָנגעקומען אין קיעוו, האָב איך געהאַט אָנגעשטאָפּטע קעשענעס מיט קליינגעלט, וואָס די אידן האָבן מיר געגעבן פאַר מיין זינגען. אפילו דער גוטער קאָנדוקטאָר האָט אויך געקליבן נחת פון מיין „אדון עולם“. די גויים אין וואַגאָן האָבן מיר אַפּלאָדירט און מיר אויך געגעבן געלט.

אין קיעוו בין איך אָנגעקומען אַרום דריי אַזייגער פאַרטאָג. דער קאָנדוקטאָר האָט מיך אַראָפּגענומען פון באַן און מיר געוואונשן גליק. איך קוק אויף אַלע זייטן, איך זוך מיינע עלטערן, איך זוך עמיצן, וואָס זאָל מיך איבערנעמען, אָבער קיינער איז ניטאָ. איך בין געוואָרן פאַרצווייפלט. איך בין געבליבן זיצן אין גרויסן קיעווער וואָקזאַל און געוואַרט און לסוף איינגעדרימלט. אַ זשאַנדאַרם האָט מיך אויפגעוועקט:

— וואוהין פאָרסטו? און צו וועמען?

פאַר שרעק און פון שלעפערדיקייט האָב איך ניט געקענט ענטפערן. ווען איך האָב זיך אויסגעטשוכעט און אביסל געקומען צו זיך, האָב איך דעם זשאַנדאַרם געוויזן דעם אַדרעס פון מיינע עלטערן. דער זשאַנדאַרם

האָט מיך אַרויסגעפירט פון וואָקזאַל, מיר צוגעפירט צו אַ דראָשקע און אַ זאָג געטאָן צום איזוואָזטשיק:

— פיר אוועק דעם אינגל אויף באָלשאַיאַ וואַסילקאָווסקאַיאַ, צו פיליפּ טאָמאַשעווסקי.

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך איצט דערזען אַ גרויסע שטאָט. די ברייטע גאַסן, די ברענענדיגע לאָמפּן פוןביידע זייטן, די הויכע מויערן, די דראָשקע — אַלץ האָט מיך פּשוט פאַרבלענדט. איך האָב געדרעהט מיטן קאָפּ אויף אַלע זייטן. איך האָב זיך זאַט ניט געקאָנט אָנקוקן אויף דעם שעהנעם קיעוו. אין מיינע קינדערשע אויגן האָט די שטאָט אויסגעזען ווי אַ גן־עדן, און וואָס ווייטער די דראָשקע האָט מיך געפירט, אַלץ שענער און רייכער האָט פאַר מיינע אויגן געבלענדעט די שטאָט קיעוו. ווען מיר זענען אַריינגעפאָרן אויף באָלשאַיאַ וואַסילקאָווסקאַיאַ גאַס, וואו מיינע עלטערן האָבן געוואוינט, בין איך גאָר ווילד געוואָרן פון פרייד. אָט דאָ וועל איך וואוינען! אין דער שטאָט וועל איך לערנען! ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ פּנים עס האָט דאָס האָט דאַרף אסיטניאשקע און דער „ברך" זלאָטאָפּאָליע. אפילו דעם זיידנס שול, וואָס איך האָב געגלויבט, אַז זי איז די גרעסטע, די שענסטע אויף דער גאַנצער וועלט, האָט איצט אויסגעזען ווי אַ קליינטשיגע געביידע אין פאַרגלייך מיט די גרויסע הייזער פון קיעוו.

די דראָשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ גאַנץ שעהנעם מויער. איך האָב דערזען אַ שעהנעם שילד מיט גאָלדענע בוכשטאַבן: „פיליפּ טאָמאַ־שעווסקי, פּרוכטאָוואַיאַ אי איסקוסנאַיאַ זאַוויעדיעניע". עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קומענדיג אין קיעוו, האָט מיין טאַטע זיך באַטראַכט, אַז אַנשטאָט צו אַרבעטן ביי בראָדסקי'ן אויף אַ שטעלע, וועט ער בעסער עפענען אַן אייגן שטיקל געשעפט — נעמלעך אַ געשעפט פון אַ געוויסן סאָרט געטראַנק, געמאַכט פון פאַרשידענע פרוכטן (ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, האָט ער דאָס זיך אויסגעלערנט „פאַבריצירן" ווען ער איז געווען אויף קאַווקאַז. ער האָט געגלויבט, אַז אין קיעוו וועט דאָס זיין אַ גאַנג־באַרער אַרטיקל. דאָס געשעפטל איז טאַקע אוועק גוט).

איך האָב אָנגעקלאַפּט אין פענסטער און באַלד זענען דער טאַטע און די מאַמע אַרויסגעקומען. זיי האָבן מיך אַרומגעכאַפּט מיט צערטלעכקייט,

באצאָלט דעם איזוואָזטשיק און מיך אריינגעפירט אין הויז. דער טאַטע האָט זיך געערגערט:

— ס'טייטש, איך האָב דאָך ניט געקראָגן קיין טעלעגראַמע, אַז דו ביזט ארויסגעפאָרן!

נאָכדעם ווי איך האָב זיך אויסגערוהט פון מיין רייזע און אָפּגעגעסן, האָט דער טאַטע מיך אוועקגעזעצט אין זיין אייגענעם פאַיעטאָנטשיק, און מיך געפירט ווייזן די שטאָט. מיר זענען געפאָרן איבער די גאַסן פון קיעוו. זיצנדיג נעבן מיר, האָט דער טאַטע פאַר מיר אָנגערופן יעדע גאַס מיטן נאָמען.

— דו זעסט, ברוך'ל, אָט דאָס גרויסע הויז דאָרטן אויפן בארג? דאָס איז דער אוניווערזיטעט. דאָ לערנט מען זיין אַן אדוואָקאַט, אַ דאָקטאָר, אַ פּראָפעסאָר.

דער טאַטע האָט מיך געפירט אויפן קרעסטשאַטיק, די שענסטע און לעבעדיגסטע גאַס פון קיעוו. איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן פון די גרויסע מאַגאַזינען, האָטעלן, די פילע קאַרעטן, מענטשן. צו מיין פרייד איז קיין גרעניץ ניט געווען.

מיר זענען געפאָרן בארג אראָפּ, צום פּאָדאָל, דער אידישער קוואַרטאַל אין קיעוו. דער טאַטע האָט מיך צוגעפירט צום טייך, צום דניעפּר, און מיר דערציילט, אַז דאָ קומען אָן שיפן פון ווייטע שטעט, וועלכע פירן פּאַסאַזשירן, סחורה און האָלץ קיין קיעוו.

איך בין געווען אין זיבעטן הימל. פאָרנדיג אהיים, האָט מיר דער טאַטע אָנגעוויזן דעם קיעווער גאָראָדסקאָי טעאַטער (שטאָטישער טעאַטער). איך דערמאָן זיך, אַז קיין זאַך, וואָס איך האָב דורכן טאָג געזען, האָט אויף מיר ניט געמאַכט אַזאַ איינדרוק ווי דאָס קיעווער אָפּערע־הויז. דער טאַטע האָט זיך אָפּגעשטעלטביים טעאַטער. ער איז אהין אריין און געקויפט דריי בילעטן. דעם זעלבן אָוונט בין איך געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן אין אַ טעאַטער. מען האָט געשפילט די אָפּערע „פאַוסט".

אַ פאַר'חלומ'טער בין איך געזעסן אין דער אָפּערע און געשלונגען די מוזיק. די ארטיסטן האָב איך באטראַכט מיט אַ ציטערדיג געפיל.

— דו ווייסט, טאַטע — רוף איך זיך אָן — מען זינגט דאָ שענער ווי ביים זיידן אין דער קאַמינקער שול.

ביזן היינטיגן טאָג געדענק איך דעם איינדרוק וואָס די אָפּערע האָט אויף מיר דאַן געמאַכט. איך געדענק יעדע סצענע, די דעקאָראַציעס, די באַלויכטונג, די בינע־עפעקטן. אויפן וועג אַהיים, זיצנדיג אין פאַיעטאָן, און שפּעטער, ווען מיר זענען אַריין אין הויז, האָב איך פּרובירט נאָכזינגען וואָס עס איז מיר פאַרבליבן פון די מעלאָדיען אין מיין קינדערשן זכרון. טאַטע־מאַמע האָבן אָנגעקוואָלן פון מיין זינגען און פון מיין נאָכמאַכן דעם טייוול (מעפיסטאָפעלעס) און די אַנדערע אַרטיסטן פון דער אָפּערע. דער „אדון עולם" און די אַנדערע קאָמפּאָזיציעס פון מיין זיידן האָבן מיך שוין ניט אַזוי שטאַרק אינטערעסירט. אין מיינע אויערן האָבן נאָכאַנאַנד געקלונגען די מעלאָדיעס פון „פאַוסט". איך האָב טאָג און נאַכט געהאַלטן אין איין זינגען פון דער אָפּערע. מיך האָבן ניט אינטערעסירט מעהר די פאַרווײַלונגען, וואָס דער טאַטע האָט פאַר מיר אויסגעזוכט. ער פלעגט מיך נעמען אין „שאַטאָ דע פלער", אַ וואַריעטע־טעאַטער, וואו אַקטיאָרן פון דער גאַנצער וועלט זענען אויפגעטראָטן. איך האָב אָבער כסדר געבענקט נאָך דער אָפּערע „פאַוסט". דער טאַטע האָט מיך גענומען צו סאַווינען אין דראַמאַטישן טעאַטער. אַ שעהנע דראַמע האָט מען דאָמאָלט געשפּילט. ביי דער פאָרשטעלונג האָב איך נאָכאַנאַנד געטאַרעט דעם טאַטן:

— פיר מיך אין דער אָפּערע!

אַ געוויסן טאָג האָט דער טאַטע געבראַכט צו אונז אין הויז דריי כאָריסטן פון דער קיעווער אָפּערע. דאָס זענען געווען אידישע יונגעלייט: שפּאָלאַנסקי, גאָראָדעצקי און פערדמאַן. דער לעצטער, גדליה פערדמאַן, איז געווען אַ בערדיטשעווער. ער האָט געזונגען ביי דעם באַרימטן בערדיטשעווער חזן ניסן בעלזער. דער טאַטע האָט זיך מיט זיי באַקאַנט אין בראָדסקי'ס הויז. ער האָט פאַר זיי דערציילט וועגן מיר, וואָס פאַר אַ גרויסער מנגן איך בין, האָבן זיי זיך פאַראינטערעסירט און געקומען מיך הערן זינגען.

ווען דער טאַטע האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר די דריי כאָריסטן פון דער אָפּערע, בין איך געווען אין זיבעטן הימל. אין מיינע קינדערשע אויגן האָבן די דריי יונגע לייט אויסגעזען ווי אויסערווײַלטע מענטשן. אַ קליינינ־קייט צו זינגען אין דער אָפּערע! זיי זינגען „פאַוסט" צוזאַמען מיט אַזוי פיל מוזיקאַנטן, און טראָגן קליידער, באַהאָפטן מיט גאָלד און זילבער . . . איך האָב די אויגן פון זיי ניט געקאָנט אַרונטערנעמען. צוערשט האָט דער טאַטע געשפּילט אויף דער פידל און די דריי געסט האָבן געזונגען. די מאַמע

האָט דערלאַנגט היימישע מאכלים פאַר די געסט. נאָכן עסן האָט דער טאַטע מיך געבעטן, אַז איך זאָל עפּעס זינגען פאַר די געהויבענע געסט. מיין האַרץ האָט געקלאַפּט און הענט און פיס האָבן ביי מיר געציטערט. ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל געזונגען אין דער גרויסער שול פון קאַמינקע, האָב איך זיך ניט אַזוי געשראָקן ווי איצט, ווען איך דאַרף זינגען פאַר די אָפּערע־זינגער. דער טאַטע, די מאַמע און די געסט זענען צוגעשטאַנען צו מיר, אַז איך מוז זינגען, און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָב איך גענומען זינגען דעם „אדון עולם״. ווען כ׳האָב געענדיגט, האָבן די דריי זינגער מיך באַ־וואָרפן מיט קאָמפּלימענטן. די פריערדיגע שרעק איז שוין פאַרשוואונדן. איך בין געוואָרן היימישער און האָב געזונגען אַלץ וואָס איך האָב נאָר געקענט. דאַן האָב איך געבעטן ביי די געסט, אַז זיי זאָלן עפּעס זינגען פון דער אָפּערע „פאוסט״. זיי האָבן מיר צוליב געטאָן און געזונגען. איך האָב מיטגעזונגען די מעלאָדיען, וואָס זענען מיר געווען אביסל באַקאַנט.

איך געדענק ווי איינער פון די דריי כאָריסטן האָט געזאָגט צום טאַטן, אַז ער זאָל מיך אוועקפירן צום דיריגענט פון דער קיעווער אָפּערע, אַן איטאַליענער, מיטן נאָמען אַלטאַניאָ. ער האָט דערביי דערקלערט, אַז אין מאַנכע אָפּערעס דאַרף מען האָבן יונגע קינדער, וואָס זינגען מיט אין געוויסע סצענעס. אַלע דריי כאָריסטן זענען געווען איינשטימיג, אַז ווען אַלטאַניאָ וועט מיך הערן זינגען, וועט ער מיך צונעמען. איך בין שוין ניט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט. איך האָב נאָר גע׳חלומ׳ט פון מיין גרויס גליק, אַז איך, ברוך׳ל פון אסיטניאַטשקע, וועל זינגען אין דער קיעווער אָפּערע . . .

אין אַ געוויסן טאָג האָט דער טאַטע, צוזאַמען מיט דעם כאָריסט שפּאַ־לאַנסקי, מיך גענומען צום דיריגענט פון דער אָפּערע, צו אַלטאַניאָ׳ן. מיט אַ טאָג פריער האָבן די דריי כאָריסטן מיט מיר איינגעשטודירט אַן אַריע פון דער אָפּערע „האַלקאַ״. איך האָב די אַריע גוט אויסגעלערנט און זי גוט געזונגען.

— דאָס איז דאָס אינגעלע, וואָס זינגט אַזוי שעהן — האָט שפּאַ־לאַנסקי מיך פאָרגעשטעלט פאַר אים.

אַלטאַניאָ, אַ הויכער, שוואַרץ׳חנ׳עווודיגער מאַן, מיט לאַנגע האָר און שוואַרצע דורכדרינגענדע אויגן, האָט מיך אַ ווײַלע באַטראַכט. זיינע אויגן האָבן מיך איבערגעשראָקן. מיין יונגע נשמה איז פון מיר שיער ניט אַרויס־געפלויגן.

— אינגעלע — רופט זיך אָן צו מיר אַלטאַניאַ מיט אַ ליבלעכן שמייכל — מיינע קאָלעגן זאָגן מיר, אַז דו זינגסט שעהן; וויל איך הערן דיך זינגען. האָסטו מיטגעבראַכט מוזיק, נאָטן?

איך בין געבליבן שטעהן אַ דערשראָקענער, אַ צעטומלטער. שפּאָלאַנסקי האָט אַרויסגענומען די נאָטן פון דער אָפּערע „האַלקאַ“.

— ניין, ניין! — האָט אַלטאַניאַ געזאָגט, מאַכנדיג מיטן קאָפּ פון רעכטס צו לינקס און צוריק — ניט קיין אָפּערע זאָל ער זינגען. איך וויל, ער זאָל זינגען אַ אידישע קאָמפּאָזיציע.

שפּאָלאַנסקי האָט גראָד געהאַט ביי זיך די נאָטן פון „אדון עולם“. דער באַריסט האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי דער פּיאַנאָ און גענומען שפּילן און איך האָב אַ קנאַק געטאָן דעם „אדון עולם“. ווען איך האָב געענדיגט זינגען, האָט אַלטאַניאַ מיר אַ קניפּ געטאָן אין בעקל און דערביי געזאָגט, ווענדענדיג זיך צו אַלע אַנוועזנדע:

— ער זינגט שעהן, זעהר שעהן, פאַר אַ קינד איז דאָס אויסערגעוויינלעך שעהן.

דער טאַטע מיינער האָט דערקלערט אַלטאַניאַ'ן, אַז ער וויל איך זאָל זיך לערנען זינגען. דער דיריגענט האָט אים דערקלערט, אַז איך בין נאָך צו יונג צו שטודירן מוזיק. דערביי האָט ער באַמערקט, אַז אין קיעוו איז ניטאָ קיין מוזיקאַלישע שולע פאַר אַזעלכע יונגע קינדער ווי איך.

— די בעסטע מוזיקאַלישע שולע פאַר אַזאַ קינד איז ביי אַ גוטן חזן — האָט אַלטאַניאַ געזאָגט.

און ער האָט געראָטן דעם טאַטן, ער זאָל מיך אַריינגעבן צו ניסן בעלזער אין בערדיטשעוו, וועגן וועלכן ער, אַלטאַניאַ, האָט פיל געהערט. דאָרטן וועל איך לערנען נאָטן. ער האָט אויך געראָטן מיין פאָטער, אַז איך זאָל לערנען רוסיש און אַז ער זאָל מיך שיקן אין אַ שולע. פאַרן אַוועקגיין האָט אַלטאַניאַ אָנגעזאָגט דעם טאַטן, אַז ער זאָל מיך ברענגען אין דער אָפּערע אַזוי אָפט ווי מעגלעך. אַלטאַניאַ'ס ווערטער, אַז איך מוז גיין אין דער אָפּערע אָפט, האָבן מיך געמאַכט פאַר דעם גליקלעכסטן קינד אין קיעוו.

די דריי באַריסטן האָבן מיט מיר געלערנט נאָטן. זיי האָבן מיך אויך געלערנט אַריעס פון אָפּערעס. צוויי מאָל אַ וואָך פלעגט דער טאַטע מיך נעמען אין דער אָפּערע, אויף דער גאַליאַרקע, פאַרשטייט זיך. איך בין

שוין געוואָרן אַ גאַנצער בן־בית אויף דער גאַלעריע אין אָפּערע־הויז. יעדעס מאָל ווען אַלטאַניאַ פלעגט אַרויסקומען דיריגירן דעם אָרקעסטער, האָב איך אים באַטראַכט ווי אַן אייגענעם מענטש. איך בין געגאַנגען אין אַ רוסישער שול און האָב אויך געלערנט ביי אַ מלמד.

מיט דער צייט האָט ישראל בראָדסקי זיך אַריבערגעצויגן פון זלאַטאָפּאָליע קיין קיעוו. בראָדסקי'ס מויער איז געווען פונקט אַנטקעגן קיעווער אָפּערע־הויז. איך קען ניט געדענקען די איינצלהייטן ווי אַזוי עס איז געשען. איך ווייס נאָר, אַז דער טאַטע מיינער איז געוואָרן חזן ביי ישראל בראָדסקי'ן אין זיין שול, וועלכע ער האָט אויפגעבויט ביי זיך אויפן הויף. דאָס איז געווען אַ קליינע שול, אָבער זעהר אַ שעהנע און זעהר רייך באַפּוצט. יעדן פרייטאָג־צו־נאַכט און שבת ביייטאָג, פלעגט דער טאַטע דאַוונען פאַרן עמוד אָהן משוררים. ימים נוראים האָט ער געדאַוונט מיט משוררים. דאַמאָלסט האָב איך אויך מיטגעזונגען אין כאָר. בראָדסקי האָט געהאַט צוויי אייניקלעך אין מיינע יאָרן, האָב איך זיך מיט זיי גע'חבר'ט. שבת, ווען דער טאַטע פלעגט דאַוונען פאַרן עמוד, האָב איך זיך אויפן הויף געשפּילט מיט די צוויי קינדער פונם אידישן מיליאָנער. איך בין שוין דאַמאָלסט אַלט געווען ניין יאָר. ביי די בראָדסקי'ס אין הויז בין איך געווען אַ גאַנצער בן־בית, און בראָדסקי'ס אייניקלעך פלעגן קומען צו אונז אַהיים. אָפט פלעגן זיי פאָרן שפּאַצירן אין זייער קאָטש געשפּאַנט מיט פיר פערד נאַשפּיץ. די צוויי רייכע אייניקלעך פלעגן עסן מיין מאַמענס מאכלים און איך פלעג עסן ביי די בראָדסקי'ס די טייערע געריכטן, וואָס דער פראַנצויזישער קוכער פלעגט צוגרייטן. יעדעס מאָל וואָס ישראל בראָדסקי פלעגט מיך זען, פלעגט ער מיר אַ קניפּ טאָן אין בעקל. גאַנץ אָפט, ווען זיי האָבן געהאַט געסט, האָב איך געזונגען ביי דער בראָדסקי פאַמיליע. איך האָב שוין דאַן געקענט זינגען אַריעס פון פאַרשיידענע אָפּערעס. בראָדסקי פלעגט מיר זאָגן:

— ברוך'ל, ווען דו וועסט אויסוואַקסן און ווערן אַ באַרימטער אָפּערע־זינגער, וועסטו דאַן זינגען אָפּערע; פאַר מיר זינג בלויז דיין זיידנס און דיין טאַטנס נגונים.

האָב איך דעם גביר צוליב געטאָן און געזונגען בלויז אידישע קאָמפּאָזיציעס. אויך אַ אידיש ליד, וואָס דער טאַטע האָט מיך אויסגעלערנט, האָב

איך פאַר בראָדסקי'ן געזונגען. דאָס איז געווען דאָס ערשטע אידישע ליד, וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט. בראָדסקי'ן איז דאָס אידישע ליד שטאַרק געפעלן און איך פלעג דאָס מוזן פאַר אים איבערזינגען עטלעכע מאָל. דאָס איז געווען אליקום צונזער'ס באַקאַנטע ליד: „די אייזנבאַן".

אַן אייזנבאַן אַ נייע
איז יעצט געוואָרן;
זי פירט פּאַסאַזשירן, אָרעם און רייך.
א. אז. וו.

די מעלאָדיע איז געווען זעהר אַ שעהנע. בראָדסקי פלעגט איר מיט־זינגען, אויך די צוויי אינגלעך האָבן מיטגעהאָלפן און אפילו מאַדאַם בראָדסקי האָט צוגעזונגען; האָב איך געהאַט אַן אייגענעם כאָר יעדעס מאָל, ווען איך האָב געזונגען די „אייזנבאַן".

3

רעוואָלוציאָנערע סטודענטן - קאַטינקאַ — מיין ערשטע ליבע - מיין טאַטע קלעבט ביי די רעוואָלוציאָנערן - מען הענגט 3 סטודענטן - ר׳ ניסן בעלזער שיקט נאָך מיר - אַ טראַגעדיע אין ניסן בעלזער׳ס פאַמיליע - מאירל דער אַלט - אין וואָס איז באַשטאַנען ר׳ ניסנ׳ס גרויסקייט?

אין דעם הויז, וואו מיר האָבן געוואוינט אין קיעוו, אויף באָלשאַיאַ וואַסילקאָווסקאַיאַ גאַס, איז געווען אַ סטודענטן־קיך. סטודענטן פון קיעווער אוניווערזיטעט פלעגן קומען אַהין עסן. אין יענעם הויז, אין אַ באַזונדערן צימער, מסתמא, פלעגן די סטודענטן אָפּהאַלטן געהיימע רעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונגען. צווישן די סטודענטן, וועלכע פלעגן דאָרטן עסן, האָבן זיך געפונען דריי אידן. זייערע נעמען געדענק איך ניט. זייערע פּנים׳ער געדענק איך אָבער נאָך היינט. איינער איז געווען אַ הויכער, אַ בלאָנדער, מיט לאַנגע האָר. ער האָט אויסגעזען ווי יעזוס. דער צווייטער איז געווען אַ דאַרער, אַ קורצער, מיט שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געברענט ווי פייער און מיט אַ שטאַרקער קלינגענדער שטימע. דער דריטער איז געווען אַ ישיבה־בחור אין סטודענטישע קליידער. די אַלע דריי אידישע סטודענטן זענען געוואָרן איינגייער ביי אונז אין הויז. זיי האָבן זיך גע׳חבר׳ט מיט מיין פאָטער און ליב געהאַט מיך הערן זינגען.

די באַלעבאָסטע פון דער סטודענטן־קיך איז געווען אַ פראָסטע פויערטע פון אַ דאָרף נעבן קיעוו. זי איז געווען זעהר אַ שעהנע. אַ טעכטערל האָט זיך געהאַט נאָך אַ שעהנערע, אַ מיידעלע אין מיינע יאָרן. קאַטיאַ האָט זי געהייסן. מען פלעגט איר רופן פאַרצויגן קאַטינקאַ. אָט דאָס מיידעלע, קאַטינקאַ, איז געווען מיין ערשטע געליבטע — אַן אמת־האַרציגע

קינדערשע ליבע. מיר זענען צוזאַמען געגאַנגען אין איין שול. אונזערע הערצער האָבן געצויגן איינע צו דער אַנדערער. איך פֿלעג חלומ'ען וועגן קאַטיאַ'ן און מיט אומגעדולד וואַרטן אויפֿן פֿרימאָרגן, ווען איך וועל מיט איר צוזאַמען גיין אויף מאַליאַ וואַסילקאָווסקאַיאַ אין אונזער שולע. פֿאַר־טאָג, ווען עס איז נאָך כמעט פֿינסטער געווען, האָט זיך שוין קאַטיאַ אַרומ־געדרייט אין פֿינסטערן קאָרידאָר און געזונגען דאָס מאַלאָרוסישע לידל „וויאָוט וויטרי״. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל פֿאַר מיר, אַז איך זאָל זיך אָנטאָן און אַרויסקומען. אַמאָל, ווען איך בין אויפֿגעשטאַנען פֿריער, און קאַטינקאַ האָט זיך פֿאַרשלאָפֿן, אָדער פֿאַרשפּעטיגט אַרויסצוקומען, פֿלעג איך דאָס זעלבע לידל זינגען, איר געגעבן דעם סיגנאַל. מיר פֿלעגן צוזאַמען לערנען אונזערע אורוקן (לעקציעס, למודים) אָדער אין איר מוטערס הויז אָדער אין אונזער הויז. שטונדן לאַנג פֿלעגן מיר אין אַ ווינקעלע זיצן געטוליעט איינער צום אַנדערן אין דעם לאַנגן טונקעלן קאָרידאָר, אויף אַ לאַנגער הילצערנער באַנק, וואָס איז דאָרט געשטאַנען. אַמאָל פֿלעגן מיר זינגען גאַנץ שטיל מאַלאָרוסישע לידער. קאַטיאַ'ס מוטער האָט אונז אַ סך מאָל געזען זיצן צוזאַמען. זי האָט דערביי גוטמוטיק געשמייכלט. מיין מאַמע, אָבער, איז געווען שטאַרק ברוגז אויף מיר פֿאַרוואָס איך חבר זיך מיט אַ שיקסל און זי פֿלעגט מיך אָפֿט וואַרענען: „זאָל גאָט שומר און מציל זיין, אַז דער טאַטע זאָל דאָס דערזען!״ אָבער איך בין געווען גרייט אויסצושטיין די שווערסטע שטראָף פֿאַר מיין קאַטינקאַ.

עס זענען אַוועק וואָכן, חדשים. אונזער ליבע איז שוין אַזוי ווייט דער־גאַנגען, אַז די סטודענטן פֿלעגן מאַכן חוזק פֿון אונז ביידן. לכתחילה האָבן מיר זיך געשעמט, אָבער שפּעטער האָבן מיר זיך צוגעוואוינט צו די שפּאַסיגע באַמערקונגען און מיר האָבן געלאַכט צוזאַמען מיט די סטודענטן. קאַטינקאַ'ס שעהנע מאַמע האָט מיך שטאַרק ליב באַקומען. זי איז שטענדיק געווען צופֿרידן ווען מיר, איך און קאַטיאַ, האָבן געלערנט צוזאַמען די אורוקן. קאַטינקאַ האָט שוין אַפֿילו געקענט זינגען אַ שטיקל פֿון דעם זיידנס „אדון עולם״. איך האָב קאַטיאַ'ן אויך פֿאַרגעשטעלט פֿאַר בראָדסקי'ס ביידע אינגלעך. מיר האָבן אַלע זיך געשפּילט און געשטיפֿט צוזאַמען.

אָבער דערווייל האָט זיך אַ טיפֿער טרויער אַריינגעכאַפּט אין אונזער הויז, איבערהויפּט אין דער סטודענטן־קיך. איינער פֿון די דריי אידישע יונגעלייט וועלכע האָבן שטודירט אין קיעווער אוניווערזיטעט און געגעסן אין דער

סטודענטן־קיך, דער מיטן יעזוס־פּנים, איז אַרעסטירט געװאָרן אַלס פּאָליטי־שער פֿאַרברעכער און מען האָט אים פֿאַראורטײלט צו דער תּליה. (זײַן נאָמען איז געװען ראָזאָװסקי. ער איז נאָך געװען זעהר יונג — בײַ אַכצן יאָר, זײַן „פֿאַרברעכן" איז באַשטאַנען אין דעם, װאָס מען האָט אים געכאַפּט טײלנדיג פּראָקלאַמאַציעס). איך געדענק װי דער טאַטע מײַנער האָט גע־װײנט װי אַ קלײן קינד:

— אַזאַ שעהן בחור! אַזאַ גערעכטענער! אַזאַ באַלעבאַטיש קינד זאָל געהאַנגען װערן!

די צװײ חברים זײַנע, די אידישע סטודענטן, פֿלעגן אַרײַנקומען צו אונז אין הויז און באַװײנען זײער חבר צוזאַמען מיט מײַן טאַטע־מאַמע. איך האָב פֿאַרשטאַנען די טראַגעדיע, הגם איך בין נאָך געװען אַזוי יונג. איך האָב דעם יונגן מאַן שטאַרק ליב געהאַט, און יעדעס מאָל װאָס ער פֿלעגט מיך בעטן, אַז איך זאָל עפּעס זינגען, פֿלעג איך אים צוליב טאָן. אויך מײַן קאַטינקאַ האָט שטאַרק געליטן פֿון דער טרויעריגער נײַעס. עס האָט שטאַרק געװירקט אויף איר געזונט אַזוי, אַז זי איז זעהר קראַנק געװאָרן. קאַטיאַ'ס מאַמע האָט מיך אַרײַנגערופֿן צו זיך, מיך אַרײַנגעפֿירט אין קאַטיאַ'ס צימער. קאַטינקאַ איז געלעגן אויף אַ הויכן באַרג מיט קישנס, אַ בלאַסע, און געקוקט אויף מיר מיט אירע בלויע אויגלעך. איך האָב בײַ איר געפֿרעגט װאָס איר איז, האָט זי זיך שטאַרק צעכליפּעט:

— אַזאַ שעהנער, אַזאַ ליבער, װעט געהאַנגען װערן!

איך האָב קאַטיאַ'ן ניט געקענט באַרוהיגן, װײַל איך אַלײן האָב זיך אויך שטאַרק צעװײנט. קאַטיאַ'ס מאַמע האָט זיך אװעקגעזעצט בײַם בעט, אונז בײדן אַרומגענומען װי אַ מאַמע נעמט אַרום אירע קינדער. זי אַלײן האָט אויך געװײנט.

— אַזאַ ליובעזנער (ליבלעכער), אַזאַ אינטעליגענטער, אַזאַ הײליגער!

איך געדענק װי הײנט װאָלט עס פּאַסירט, װי די שעהנע פֿרוי, קאַטיאַ'ס מאַמע, האָט געקריצט מיט די צײן און אויסגערופֿן:

— אַך, זײ װעלן באַצאָלן, טײער באַצאָלן פֿאַר דעם פֿאַרגאָסענעם בלוט!

זינט יענער פּאַסירונג איז דער טאַטע מײַנער געװאָרן אַ גאַנצער אַרײַנ־גײער אין דער סטודענטן־קיך. גאַנצע אָװנטן פֿלעגט ער פֿאַרברענגען בײַ די סטודענטן. איך געדענק װי די מאַמע מײַנע האָט איבערגעבראַכט מײַן טאַטנס פּאַטער, דעם טאַלנער חזן, קײן קיעװ, צוליב אַט דעם געשעעניש. דער זײדע האָט זיך צעשריען אויפֿן טאַטן:

— פּנחס, וועסט אַריינפאַלן אין אַן אומגליק! וואָס גערהסטו צו זיי? מיש זיך ניט מיט זיי! דיין חיה־ביילע איז דאָך געראַכט. אַט וועט מען איינעם פון זיי אויפהענגען. דו קענסט נאָך חלילה אויך ליידן. ווילסט נאָך חלילה אַריינפאַלן קיין סיביר?

דער טאַטע האָט דעם זיידן צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים פאָלגן און דער זיידע איז אַוועקגעפאָרן צוריק קיין קאַמינקע אַ צופרידענער. דער טאַטע האָט אָבער זיין פאַרשפּרעכן ניט געהאַלטן. ער איז ווייטער אָפּגעזעסן ביי די סטודענטן גאַנצע נעכט.

עס האָט זיך אָנגערוקט דער טאָג פון דער הינריכטונג. קאַטינקאַ האָט מיר אָנגעזאָגט די שרעקלעכע בשורה, אַז אין דעם און דעם טאָג וועלן גע־האַנגען ווערן דריי סטודענטן, צווישן זיי אויך דער אידישער יונגערמאַן מיטן יעזוס־פּנים. איך און קאַטיאַ האָבן אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז מיר וועלן גיין זען ווי די דריי וועלן געהאַנגען ווערן, און אַז מיר וועלן גאָט בעטן פאַר אונזער ליבן אידישן בחור'ל. מיר האָבן דעם סוד ניט געקענט באַהאַלטן. קאַטיאַ האָט וועגן אונזער באַשלוס דערציילט איר מאַמען. אויך איך האָב דערציילט דער מאַמען מיינער, אַז איך און קאַטיאַ וועלן אויפשטיין פאַרטאָג און גיין זעהן ווי מען וועט אויפהענגען די דריי סטודענטן.

די נאַכט פאַר דער הינריכטונג האָב איך ניט געקענט איינשלאָפן. באַגינען הער איך ווי עמיצער גראַבעלט זיך אין אונזער טיר. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס רופט מיך קאַטינקאַ. איך בין אַרונטערגעשפּרונ־גען פון מיין בעט און דורך דער טיר גאַנץ שטיל געזאָגט קאַטיאַ'ן, אַז איך טו זי אָן און מיר וועלן גיין. קאַטיאַ באַקלאָגט זיך, אַז זי קען אירע שיכלעך ניט געפינען.

— גיי זוך זיי, — האָב איך געזאָגט צו קאַטיאַ'ן — און זי איז אַוועק זוכן אירע שיכלעך.

איך נעם זיך אָנטאָן, אַלץ פאַלט מיר פון די הענט. מיין גאַנצער קערפּער ציטערט. איך וויל אָנטאָן די שיכלעך — זיי זענען ניטאָ! איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז מיין מאַמעס ארבעט. זי האָט באַהאַלטן מיינע שיכלעך, אַז איך זאָל ניט קענען גיין צו דער הינריכטונג. איצט האָב איך זיך געכאַפּט, אַז קאַטיאַ'ס מאַמע האָט אויך דאָס זעלבע געטאָן. אָבער מיר האָבן זיך אַן עצה געגעבן — מיר זענען געגאַנגען באָרוועסע.

די הינריכטונג איז פאָרגעקומען אויף אַ בולוואַר, ניט ווייט פון קרעס־טשאַטיק. ווען מיר זענען אַהין געקומען, זענען שוין דאָרטן געשטאַנען

טויזנטער מענטשן און פֿון אַלע גאַסן האָבן געשטראָמט פֿרישע מענטשן־כוואַליעס. מיר האָבן זיך דורכגעשטופּט דורך דעם ריזיגן עולם אַלץ נעענטער און נעענטער צו דעם אָרט, וואו די תּליה איז געשטאַנען. מיר זענען אַרויף אויף די טרעפּלעך פֿון אַ הויז, וואָס האָט זיך געפֿונען פּונקט אַנטקעגן דער תּליה. מיר האָבן פֿאַר זיך דערזען ניט איינע, נאָר דריי תּליות. קאַטינקאַ האָט אַוועקגעלעגט איר שעהן קעפּעלע אויף מיין ברוסט און מיך אַרומגענומען מיט אירע הענטלעך. טרערן האָבן זיך געגאָסן פֿון אירע אויגעלעך, איר גאַנץ קערפּערל האָט געציטערט. עס איז געווען זומער־צייט און דאָך האָבן מיר ביידע געציטערט ווי עס וואָלט געווען אַ ברענענדיגער פֿראָסט. די ריזיגע צאָל מענטשן זענען אַלע געשטאַנען ווי פֿאַרגליווערטע. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אַרום און אַרום. דאָס פּלאַץ איז געווען איינגאַנצן אַרומגערינגלט פֿון פּאָליציי און זשאַנדאַרן. פּאָליציי אויף פֿערד האָבן אַרומגאַלאָפּירט ווי די טייוולאָנים. פֿון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ היסטערישער יאָמער. פּאָליציאַנטן זענען גלייך צוגעלאָפֿן צו דעם אָרט פֿון וואַנען דער היסטערישער געשריי האָט זיך געטראָגן און אַוועקגעפֿירט די וויינענדיגע פּערזאָן. אַרום די דריי תּליות זענען געשטאַנען סאָלדאַטן מיט בלאַנקע שווערדן, און אַ סך, אַ סך גלחים און נאָנעס.

עס האָט זיך געהערט אַ פּויקעריי. יעדער קלאַפּ אין פּויק האָט אַרויסגעריסן אַ שטיק האַרץ. פֿון ווייטן האָט זיך באַוויזן אַ שוואַרצער וואָגן, אין וועלכן עס האָבן זיך געפֿונען די דריי פֿאַראורטיילטע צום טויט. דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן די תּליות און מען האָט פֿון דאָרטן אַרויסגעפֿירט דריי סטודענטן, — יונגע, שעהנע, טויט־בלייכע בחורים'לעך. צווישן זיי, אונזער שעהנער אידישער בחור מיטן יעזוס־פּנים. איצט האָט ער ווירקלעך אויסגעזען ווי יעזוס אויפֿן קרייץ.

קאַטיאַ האָט גענומען קוויטשען. די אַרומיגע מענטשן האָבן איר צוגעהאַלטן דאָס מויל. פּאָליציי איז אָנגעלאָפֿן פֿון אַלע זייטן זוכן ווער עס וויינט. איך האָב קאַטיאַ'ן פֿאַרשטופּט צווישן די אַרומשטייענדיגע און פּאָליציי האָט זי ניט געקענט געפֿינען. מיר האָבן שוין גאָרניט געקענט זען. מיר האָבן בלויז געהערט ווי אַ גלח זאָגט אַ תּפֿילה. דעם גלח'ס ווערטער האָבן ווי מיט מעסערס אונזערע יונגע הערצער געשניטן. ווען מיר האָבן זיך צוריק אַרויפֿגעכאַפּט אויף די טרעפּלעך פֿון הויז, האָבן מיר געזען די דריי געהאַנגענע. זייערע קערפּערס האָבן זיך נאָך געוואָרפֿן אין דער לופֿטן, אַלע מאָל שוואַכער, שוואַכער, ביז זיי זענען געבליבן הענגען ווי שטיקער

האַלץ, פאַרהאַנגען מיט שוואַרצן לייוונט. עס האָבן זיך ווידער געהערט היסטערישע געוויינען צווישן די מאַסן. די פּויקן האָבן ווידער גענומען באַראַבאַנעווען, די פּאָליציי איז ווידער אַרומגעלאָפן ווי משוגעים. איך האָב געמוזט נעמען אַ דראָשקע און אַהיימפירן קאַטינקאַ'ן כמעט אַ פאַר'חלש'טע. ווען מיר זענען אַהיימגעקומען, האָט קאַטיאַ'ס מאַמע, אַ וויינענדיגע, גענומען מינטערן קאַטיאַ'ן. דער טאַטע מיינער האָט באַצאָלט דעם איזוואָזטשיק און דערנאָך מיך גוט אויסגעפּאַטשט.

די ליבע צווישן מיר און קאַטיאַ'ן האָט אָנגעהאַלטן ביז מיין צענטן יאָר. מיינע עלטערן האָבן אַלץ ניט אויפגעהערט צו פּראָטעסטירן, אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפן. איך געדענקט ווי קאַטיאַ'ס מאַמע פלעגט זאָגן צו מיין טאַטע־מאַמע:

— וואָס האָט איר צו די קינדער? זיי שפּילן זיך, זיי האָבן זיך ליב, זאָלן זיי זיך שפּילן.

די ליבע האָט מיר ניט געשטערט צו זיין אַ גוטער תלמיד. איך האָב זיך גוט געלערנט אין חדר. איך האָב שוין געקענט אויף אויסווענדיג עטלעכע און צוואַנציג קאַפּיטלעך תנ"ך. כ'האָב אויך זעהר פלייסיג געלערנט אין דער שקאָלע (רוסישע שול) און האָב שוין געקענט לייענען נאָטן פון בלאַט. די דריי אָפּערע־כאָריסטן, גאָראָדעצקי, שפּאָליאַרסקי און פערדמאַן זענען געווען מיינע לערער. זיי זענען געווען אָפטע געסט ביי אונז אין הויז.

ביי מיר האָט זיך דערוויייל אַנטוויקלט אַ שעהנע, קלינגענדע סאָפּראַנאָ־שטימע מיט קאָלאָראַטור. פערדמאַן, וועלכער האָט פריער, איידער ער איז אָנגעקומען אין דער קיעווער אָפּערע, געזונגען ביי ניסן בעלזער, האָט מיט מיר איינגעשטודירט עטלעכע סאָפּראַנאָ־סאָלאָס פון ניסן בעלזער'ס קאָמפּאָזיציעס. פערדמאַן האָט זיך דורכגעשריבן מיט ניסן בעלזער, האָט אים געלאָזט וויסן וועגן דעם פיינעם סאָפּראַן, וואָס ער האָט אַנטדעקט אין קיעוו.

אַ געוויסן טאָג ברענגט פערדמאַן אַ בריוו פון דעם באַרימטן וועלט־חזן ניסן בעלזער.

אין דעם בריוו שרייבט ר' ניסן צו זיין געוועזענעם משורר, אַז ער זאָל פועל'ן ביי מיין טאַטן, אַז ער זאָל מיך שיקן צו אים קיין בערדיטשעוו.

דער טאַטע האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צו ר' ניסן בעלזער און אים געשטעלט באַדינגונגען: ערשטנס, מוז איך וואוינען ביי אים, ביי ניסן

בעלזער, אין הויז. צווייטנס, מוז איך גיין אין דעם זעלבן חדר, וואו זיינע אינגלעך גייען; דריטנס, מוז ר׳ ניסן צוזאָגן, אַז ער וועט אויף מיר אַכטונג געבן ניט ווי אויף אַ משורר, נאָר ווי אויף זיין אייגן קינד.

ר׳ ניסן בעלזער האָט זיך געגויטיגט אין אַ יונגינקן סאָפּראַן־זינגערל און ער האָט צוגעשטימט צו אַלע באַדינגונגען, וואָס דער טאַטע האָט אים געשטעלט. די מאַמע האָט זיך גענומען פּאַרען און צוגרייטן מיך אין וועג אַריין.

ווען קאַטיאַ האָט דערהערט, אַז איך פאָר אַוועק, האָט זי זיך צעוויינט:

— דו פאָרסט אַוועק קיין בערדיטשעוו? דו וועסט מיך איבערלאָזן? איך וועל בענקען נאָך דיר!

איך האָב מיין קאַטינקע׳ן אַרומגענומען, איר אַ קוש געטאָן און מיט אַ צעוועהטאָגט האַרץ איר געזאָגט:

— קאַטינקאַ, מאָיאַ דאָראָגאַיאַ (מיין טייערע), איך וועל אויך נאָך דיר בענקען, אָבער ווען איך וועל צוריקקומען פון בערדיטשעוו און וועל זינגען אין דער קיעווער אָפּערע, וועלן מיר דאַן ביידע זיין גליקלעך.

קאַטיאַ האָט גלייכצייטיג געוויינט און געלאַכט.

די נאַכט פאַר מיין אַוועקפאָרן בין איך און קאַטינקאַ געזעסן אין דעם לאַנגן קאָרידאָר ביז פאַרטאָג. קאַטינקאַ האָט געוויינט, איך אויך. מיר האָבן זיך ניט געקענט אָפּרייסן איינער פון דעם אַנדערן.

צום באַן האָבן מיך באַגלייט די דריי כאָריסטן, מיינע מוזיק־לערער, מיין טאַטע־מאַמע, קרובים, בראָדסקי׳ס ביידע אינגלעך און קאַטיאַ און איר מאַמע. ווען די באַן האָט געגעבן אַ פייף אַלס סיגנאַל, אַז זי גייט אָפּפאָרן, האָט דאָס האַרץ אין מיר זיך אַ צאַפּל־געטאָן. כ׳בין געזעסן ביים פענסטער אין וואַגאָן. און אָט האָט זיך די באַן אַ ריר געטאָן. לאַנגזאַם האָט זי גענומען פאַרלאָזן דעם קיעווער וואָקזאַל. קאַטינקאַ איז נאָכגעלאָפן. אין אירע שעהנע אויגעלעך האָבן טרערן געגלאַנצט. איך האָב איר דורכן פענסטער צוגעוואָרפן קושן. דאָס זעלבע האָט זי געטאָן. די באַן האָט גענומען גיין גיכער און גיכער. פאַרשוואונדן איז קאַטינקאַ פון מיינע אויגן.

אָנגעקומען אין בערדיטשעוו בין איך אַרום פינף אַ זייגער פאַרטאָג. עס איז געווען אַ טריבער, רעגנדיגער טאָג. איינער פון מיינע לערער, גדליה פערדמאַן, האָט מיר מיטגעגעבן אַן אַדרעס פון זיינער אַ שוועסטער אין בער־

דיטשעוו. דער אַדרעס איז געווען ניט פון איר וואוינונג, נאָר פון אַ קליטל, וואָס זי האָט געהאַלטן אויפן בערדיטשעווער אידישן מאַרק. אויף אָט דעם אַדרעס האָט מיך דער איזוואָזטשיק געבראַכט. אַזוי ווי עס איז געווען באַגינען, איז דאָס קליטל נאָך געווען פאַרמאַכט. דער גאַנצער בערדיטשעווער מאַרק איז נאָך געשלאָפן. קיין אַנדערע אַדרעס האָב איך ניט געהאַט, האָט מיך דער איזוואָזטשיק איבערגעלאָזן ביים קליטל. עס האָט גענומען גיין אַ רעגן. איך, אַן אויסגעפּוצטער קיעווער „אַריסטאָקראַט“, מיט אַ גרויסן קאַסטען און מיט אַ פיינעם סאַקוואַיאַזש, בין געשטאַנען אַ לאַנגע צייט אונטערן רעגן, וואַרטנדיג אויף פערדמאַנ׳ס שוועסטער. דער רעגן איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. איך בין דורכגעווייקט געוואָרן. ערשט דאַן האָב איך זיך אַרונטערגעשטעלט אונטער אַ ביידל און געוואַרט.

ענדלעך האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אויפן מאַרק בערדיטשעווער סוחרים. עס האָבן זיך גענומען עפענען די טירן פון די קליטן, די פאַרהאַנגען פון די לייווענטענע בודקעס. בערדיטשעווער אידן, ווייבער, מוידן, בחורים האָבן זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף מיר. דער געררוך פון פרישע בערדיטשעווער בייגל און פלעצלעך האָט געררייצט, געלאָקט. איך בין אַלץ געשטאַנען ווי אַן אויסגעווייקטע קאַץ און געוואַרט אויף מיין לעררערס שוועסטער.

ענדלעך איז אָנגעקומען אַ לאַנגע, אויסגעדאַרטע אידענע מיט פעדערן אין קאָפּ, מיט פאַרשמאַלצעוועטע קליידער. איך האָב זיך פאַר איר פאָרגעשטעלט:

— אָ, דאָס ביסטו דאָס אינגעלע, וואָס מיין ברודער שיקט צו ר׳ ניסנ׳ען?

איך האָב איר דערלאַנגט דעם בריוו, וואָס גדליה האָט מיר געגעבן צו איר. די אָרעמע פרוי האָט דעם בריוו געדרייט אויף אַלע זייטן.

— איך מוז וואַרטן ביז מיין מאַן וועט קומען — האָט זי אַ זאָג געטאָן — זעץ זיך דערווייל אָט דאָ, אינגעלע.

זי האָט מיר אָנגעוויזן אַ פּלאַץ אויף זעק מיט פאַסאָליעס, קלייען, אַרבעס. איך האָב זיך געזעצט.

— פאַרשטעהסט, אינגעלע — האָט די פרוי זיך געווענדעט צו מיר — ר׳ ניסן שלאָפט נאָך אודאי, און מיין מאַן איז אויך ניטאָ. ווען מיין מאַן וועט קומען, וועט ער דיך אָוועקפירן צו ר׳ ניסנ׳ען. דערווייל זיץ און רו זיך אויס.

עס האָבן אָנגעהויבן קומען ווייבער איינקויפן. די לאַנגע אידענע איז

געוואָרן שטאַרק באַשעפּטיגט און האָט איינגאַנצן פאַרגעסן אָן מיר. זיצנדיג אַזוי אויף די זעק, אַ דורכגעווייקטער פון רעגן, האָב איך איינגעדרימלט. אין חלום האָב איך איבערגעלעבט אַלץ, וואָס מיין יונגער מוח האָט אין זיך אריינגעזאַפּט: די קיעווער אָפּערע, דער שאַטאָ־דע־פלער, דער קרעסטשאַטיק, אַלטאַניאַ, דער דיריגענט פון דער אָפּערע, און מער פון אַלץ — מיין קאַטינקאַ.

פון דעם חלום האָט מיך אויפגעוועקט די לאַנגע דאַרע אידענע. זי איז געשטאַנען נעבן מיר און מיך געטאָרעט:

— אינגעלע, מיין מאַן וועט דיך באַלד אָוועקפירן צו ר׳ ניסנ׳ען.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ דאַרער, קליינער אידל מיט איינגעפאַלענע באַקן, מיט אַן אויסגעקראָכן בערדל, מיט לאַנגע פאות און מיט אַ מויל אויסגעפוילטע ציין. ער האָט אויך אַביסל צוגעפּאַנפעט. ער זאָגט צו מיר:

— דיין קעסטעלע מיט די זאַכן לאָז איבער דאָ ביי מיר אין קלייטל און קום מיט מיר צו ר׳ ניסנ׳ען.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ גרויסן גאָרטן, וועלכער איז געווען אַרומגעצאַמט מיט שטאַכעטן. דער אַריינגאַנג אַהין איז געווען דורך אַן אייזערנעם טויער. טיף אין גאָרטן איז געשטאַנען אַ גרויסע צוויי־שטאָקיגע ווייסע הויז מיט אַ באַלקאָן. דער גאָרטן איז געווען שטאַרק אָפּגעלאָזן. מאַנ־כע בוימער זענען געווען פאַרטריקנט, אַנדערע מיט אָפּגעבראָכענע צווייגן.

איך האָב אין מיין טאַטנס הויז זיך אַזוי פיל אָנגעהערט פון ר׳ ניסן בעלזער; אַזוי פיל וואונדערלעכע געשיכטעס האָט מען וועגן אים דערציילט: די הערלעכע קאָמפּאָזיציעס זיינע וועלכע איך האָב געהערט זינגען ביי מיין זיידן — דאָס אַלץ האָט אויף מיר אַזוי געווירקט, אַז ווען ר׳ ניסן האָט מיך אויפגענומען, האָב איך זיך איינגאַנצן פאַרלאָרן. איך האָב פאַר זיך דערזען אַ קליין אידל מיט צוויי גרויסע, שוואַרצע, ברענענדיגע אויגן, מיט אַ פּנים כמעט אָהן אַ באָרד, נאָר שטיקלעך בערדלעך צעוואָרפן איבער דעם בייזן פּנים, אַ אידן אין אַ זיידענעם כאַלאַט, אַ שעהנע יאַרמעלקע, אמת אידישלעך, בערדיטשעווער אידעשלעך. דאָס קליינע אידל האָט מיר אָבער אויסגעזעען, ווי אַ וואונדערבאַרער, ווי אַ געטלעכער מאַן. ר׳ ניסנ׳ס האַלטונג און זיין שטרענ־גער געזיכט האָבן מיך איבערגעשראָקן. איך בין געבליבן שטיין ווי אַ שטומער.

ר׳ ניסן האָט מיך אָנגענומען פאַרן הענטל און מיר געגעבן שלום עליכם.

— וואָס־זשע, ביי אייך אין קיעוו גיט מען ניט קיין שלום עליכם? ווי אזוי הייסטו, אינגעלע?

— באָריס — האָב איך אַ דערשראָקענער און אַ פאַרשעמטער גע־ענטפערט.

— אין קיעוו האָסטו געהייסן באָריס — האָט ר׳ ניסן געזאָגט מיט אַ לייכטן, קוים־באַמערקבאַרן שמייכל — אין בערדיטשעוו דאַרפן מיר האָבן אַ אידישן נאָמען.

— ברוך־אהרן — האָב איך פאַרשעמט אַרויסגעשטאַמלט.

— ברוך־אהרן! — האָט ר׳ ניסן געזאָגט מיט דעמזעלבן האַלבן שמייכל, וואָס פריער — וואָס דאַרף זיך דיר נאָכשלעפּן אהרן? ברוך, ברוך דער סאָפּראַן וועלן מיר דיך דאָ רופן. האָסט אַ סאָפּראַן־שטימע, אזוי האָבן מיר מיינע מענטשן פון קיעוו געשריבן.

ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע און דאַן זיך ווידער געווענדט צו מיר:

— קום, ברוך׳ל, אַרײַן אין יענעם צימער, צום קלאַוויר. איך וויל הערן דײַן שטימעלע.

הענט און פּיס האָבן מיר געציטערט.

מיר זענען אַרײַן אין אַ גרויסן זאַל מיט אַ סך פענסטער, דורך וועלכע עס האָבן זיך געזען די ביימער פון ר׳ ניסנ׳ס גאָרטן. דער זאַל איז געווען פײַן מעבלירט לויטן אידישן געשמאַק. אַ גרויסע אַלטע פּיאַנאָ האָט פאַר־נומען דעם סאַמע אויבענאָן. אויף דער פּיאַנאָ זענען געווען אָנגעוואָרפן ביכער, נאָטן און נאָטן־פּאַפּיר, גאַנצע בערג. ר׳ ניסן האָט זיך אוועקגעזעצט ביים קלאַוויר, געשפּילט עטלעכע אַקאָרדן און מיר אָנגעוויזן, אַז כ׳זאָל אָנהויבן פון ערשטן טאָן. ר׳ ניסן האָט געשפּילט און איך האָב געזונגען עט־לעכע גאַמען. איך האָב געזונגען אזוי הויך ווי אַ סאָפּראַנאָ דאַרף זינגען. ר׳ ניסן איז ניט איבעראַשט געוואָרן פון מיין שטימע, נאָר איך האָב באַ־מערקט אַ שמייכל אויף דעם שטרענגן פּנים פון דעם וועלט־באַרימטן חזן.

— קענסט עפּעס אַ אידישע קאָמפּאָזיציע? — פרעגט ר׳ ניסן.

— איך קען אייערע עטליכע סאָלאָס, וואָס גדליה האָט מיך אויסגעלערנט.

— זינג־זשע, זינג די סאָלאָ וואָס דיר געפעלט אַמבעסטן.

איך האָב געזונגען „בעמוד ענן ידבר״, וואָס מיין זיידע האָט נאָך מיט מיר געהאַט איינגעשטודירט: אַ גרויסע סאָפּראַן־סאָלאָ.

ווען איך האָב געענדיקט זינגען, האָט ר׳ ניסן מיר געגעבן אַ קניפּ אין

בעקל. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז צופרידן פון מיין זינגען. ר׳ ניסן האָט געבעטן דאָס אידל, וועלכער האָט מיך געבראַכט צו אים, אַז ער זאָל אריבערברענגען מיינע זאַכן. מיין באַגלייטער איז אוועק. ר׳ ניסן האָט מיר אָנגעוויזן אַ גאַנץ שעהן צימערל, וואו עס איז געשטאַנען אַ קינדער־בעטל.

— דאָס איז מיין יודעלע׳ס חדר. אָט אין דעם בעטעלע וועסטו מיט מיין יודעלע׳ן שלאָפן.

ר׳ ניסן האָט אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין אַ צווייטן צימער און אויס־גערופן:

— מרים!

מרים איז אַן אינטערעסאַנטער טיפּ. זי איז געווען אַ פרומע קריסטין, ווען זי איז אָנגעקומען צו ר׳ ניסן אַלס דינסט. מיט דער צייט איז זי אַזוי שטאַרק צוגעבונדן געוואָרן צום הזנ׳ס פאַמיליע, אַז זי האָט זיך מגייר געווען און באַקומען דעם אידישן נאָמען מרים.

באַלד האָט מיך ר׳ ניסן פאָרגעשטעלט פאַר זיין עלטסטן זון, אַלטער׳ל. אַן אויסגעדאַרטער, לאַנגער בחור, עס האָט ביי אים ערשט אָנגעהויבן שפּראָצן אַ בערדל. די אויגן זענען ביי אים געווען גרויסע, שוואַרצע. זיין אויסזען איז געווען פון אַ טיפּיש חסיד׳ישן יונגעמאַן: לאַנגע פאות, אַ לאַנגע קאַ־פאָטע, אַ חסיד׳יש קאַפּעליושל אויפן קאָפּ — אַן עכט בערדיטשעווער חסידישער בחור׳ל. ער איז צו מיר געווען זעהר פריינטלעך. ווי כ׳האָב זיך שפּעטער דערוואוסט האָט אַלטער׳ל צו זעכצן יאָר חתונה געהאַט מיטן בעלזער רבינ׳ס טאָכטער, שפרה׳לע האָט זי געהייסן. שפרה׳לע איז געווען אַ יפת־תואר. צו פערצן יאָר האָט מען איר פאַרשלייערט מיט אַלטער׳לען. צו פופצן יאָר איז שוין געווען אַ מאַמע. אַלטער׳ל פלעגט בייטאָג לערנען אין בית־המדרש צוזאַמען מיט אַנדערע יונגעלייט. אין דער זעלבער צייט האָט ער געלערנט מוזיק. ער איז געווען אַ גרויסער מנגן און אַ פיינער פּיאַניסט.

אין אַ געווויסן טאָג איז אַלטער׳ל אַנטלאָפן פון דער היים. ער איז אוועק קיין פּעטערבורג. דאָרטן האָט דער באַרימטער אידיש־רוסישער פּיאַניסט אַנטאָן רובינשטיין אַלטער׳לען אַריינגענומען צו זיך אין הויז און אַליין מיט אים געלערנט מוזיק. צוויי יאָר שפּעטער האָט אַלטער׳ל שוין דיריגירט דעם אָרקעסטער פון דער פּעטערבורגער אָפּערע. אַלטער׳ל האָט זיך גע׳גט מיט זיין שפרה׳לען און ביי דער צערעמאָניע פון גט איז ער פּלוצלינג געשטאָרבן.

יודעלע, ר׳ ניסנ׳ס אינגסטער זון, איז געווען אַ זעהר איידל קינד. איין פיסל איז ביי אים געווען אַ קרומער.

מרים איז אַריינגעקומען. ר׳ ניסן האָט איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל אַכטונג געבן אויף מיר, פונקט ווי זי גיט אַכטונג אויף זיין אינגל, יודעלע, וועלכער איז געווען אין מיין עלטער.

די גר׳טע האָט זיך גאָר מחיה געווען מיט מיר, הויפּטזעכלעך דערפאַר, וואָס איך האָב געקענט ריידן רוסיש. זי איז געווען צו מיר כמעט ווי אַ מאַמע.

יודעלע איז היינט אַ באַגאַבטער מוזיקער. ער איז יאָרן לאַנג געווען פאַרבונדן מיטן אידישן טעאַטער אַלס קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט. די לעצטע יאָרן האָט ער זיך גענומען צו חזנות. ער געפינט זיך אין אַמע־ריקע. די עלטערע טעאַטער־באַזוכער געדענקען נאָך זיכער יודעלע בעלזער׳ס האַרציגע מוזיק, וואָס ער האָט געשריבן פאַרן אידישן טעאַטער.

ר׳ ניסן האָט מיך געשיקט אין דעם זעלבן חדר, צו דעם זעלבן מלמד, וועלכער האָט געלערנט מיט די קינדער פון די בערדיטשעווער חשוב׳ע בעלי־בתים. אין יענעם חדר האָבן געלערנט אַלפעריג׳ס קינדער, הירש מאַגאַזאַניק׳ס קינדער און אויך יודעלע. ר׳ ניסן איז געווען אַן אלמן. זיין פרוי איז געשטאָרבן מיט עטלעכע חדשים פאַר מיין קומען צו אים.

ר׳ ניסן האָט מיך מיטגענומען מיט זיך אין דער בערדיטשעווער אַלטער שול. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך פאַר זיך געזען אַזאַ גרויסע שול מיט אַזעלכע וואַזשנע באַלעבאַטים. ר׳ ניסן האָט מיך אַרומ־געפירט צווישן די בערדיטשעווער באַלעבאַטים און מיך פאַר זיי פאָר־געשטעלט:

— אָט דאָס אינגעלע האָט מען היינט צו מיר צוגעשיקט פון קיעוו. מיינער אַ משורר, וועלכער זינגט היינט אין דער קיעווער אָפּערע, האָט אים צו מיר צוגעשיקט. עס איז אַ וואַזשנער אינגעלע, ער שטאַמט פון אַ געהויבענער משפחה. זיין זיידע, ר׳ אברהם יאַנקעל, איז דער טאַלנער חזן, און דאָס אינגעלע וועט אויך אַמאָל זיין אַ גרויסע כלי.

ווען די משוררים זענען געקומען צו פּראָבע, האָט ר׳ ניסן מיך פאַר זיי פאָרגעשטעלט. צווישן ר׳ ניסנ׳ס משוררים זענען דאַן געווען אייניגע באַגאַבטע זינגער. איינער פון זיי איז געווען נחום וואַטענקאָ. ער האָט געהאַט אַ זעלטענע באַס־באַריטאָן שטימע. ער איז געווען אַ זעהר שעהנער

מאַן און ער האָט געטראָגן אַ צילינדער־הוט און די מאָדערנסטע קליידער. זיינע לאַנגע האָר, דער קינסטלער־שטערן און זיין גראַציעזע האַלטונג האָבן אַרויסגערופן גרויס רעספּעקט צו אים. קוקנדיג אויף נחום׳ען, האָט מען גיכער געקענט מיינען, אַז ער איז אַן אַרטיסט פון דער קייזערלעכער אָפּערע, ווי אַ משורר ביי ר׳ ניסן בעלזער. ווען נחום וואַטענקאַ איז אַוועק פון ר׳ ניסנ׳ען, איז ער אָנגענומען געוואָרן אַלס חזן אין דער גרויסער אָדעסער שול אויפן אָרט פון בארימטן באַכמאַן. דער מיליאָנער פּאָליאַקאָוו פון מאָסקווע האָט געהערט נחום׳ען דאַווענען אין דער אָדעסער שול, איז ער אַזוי באַגייסטערט געוואָרן פאַר זיין זינגען און פאַר זיין פּערזענלעכקייט, אַז ער האָט אויפגעבויט אַ שול ביי זיך אין הויף און צוגענומען נחום׳ען אַלס חזן. ער האָט אים געגעבן אַ קאָנטראַקט אויפן גאַנצן לעבן. נאָך אַ משורר איז געווען ביי ר׳ ניסן בעלזער, וועלכן איך קען ניט און טאָר ניט אויסלאָזן. דאָס איז בערל לולקעמאַכער. ער האָט געהאַט אַ טענאָר־שטימע, וועלכע האָט זיך געקענט פאַרגלייכן מיט די שטימען פון די באַרימטע אָפּערע־טענאָרן. דער דריטער משורר האָט געהייסן שפּאָליאַנסקי, אויך אַ באַס־באַריטאָן. דאָס איז אַ מענטש, וואָס האָט אַ לעבן לאַנג געלעבט מיט אַ טראַגעדיע. ער האָט געענדיגט אַ קאָנסערוואַטאָריע מיט אויסצייכנונגען און מיט חלומות צו ווערן אַן אָפּערע־זינגער, האָט מען אים אין אַ פּאָגראָם אויסגעשלאָגן אַן אויג. דער פּאָגראָם האָט אים געמאַכט פאַר אוים אָפּערע־זינגער און צעשטערט אַלע זיינע גילדערנע האָפענונגען. ער האָט געמוזט ווערן אַ משורר. ער איז געווען אַן אינטעליגענטער מענטש און איינער פון די וויכטיגסטע משוררים ביי ר׳ ניסנ׳ען.

איך מוז דערמאָנען נאָך איינעם פון די משוררים, וועלכער איז אָנגעקומען צו ר׳ ניסנ׳ען אַ צייט שפּעטער נאָך מיין אָנקומען.

דאָס איז געווען אין אַ ווינטער־טאָג. איבער בערדיטשעוו האָט געבושעוועט אַ זאַווערוכע. דער ווינט האָט געריסן די דעכער פון די הייזער און גאַנץ בערדיטשעוו איז פאַרשאָטן געוואָרן מיט שניי. דאָס פייפן פון ווינט האָט געשטערט אונזער פּראָבע. אין יענעם שטורעמדיגן טאָג עפנט זיך די טיר פון ר׳ ניסנ׳ס הויז און דער ווינט שליידערט אריין אַן אָרעמע פרוי מיט אַ באָרוועס אינגעלע. מיין האַרץ איז אין מיר שיער צעריסן געוואָרן, ווען איך האָב דערזען דאָס באָרוועסע קינד, באַדעקט מיט שניי. די נאַקעטע פּיסלעך זענען געווען רויט ווי מיט בלוט פאַרגאָסן. דאָס אָרעמע קינד וואָרפט זיך און ציטערט פאַר קעלט.

די אָרעמע פרוי טוליעט דאָס קינד צו זיך און שטייט ביים טיר ווי אַ בעטלערין. מיט אַ ציטערדיק קול פרעגט זי, צי זי קאָן זען ר׳ ניסן דעם חזן. איך בין צוגעלאָפן צו דער פרוי און איר מיט דעם אינגעלע צוגעפירט צום גרויסן אויוון, וואָס איז געשטאַנען אין סאַמע מיטן פון גרויסן צימער, וואו די פראָבעס זענען אָפגעהאַלטן געוואָרן. איך האָב זיי אוועקגעזעצט און געעפנט דאָס טירל פון אויוון, כדי זיי זאָלן זיך קענען וואָס שנעלער דערוואַרעמען. דאָס שרעקלעכע בילד פון דער אָרעמער פרוי מיט דעם שעה־נעם באַרוועסן אינגעלע האָט אויף אונז, „יונגע משוררים׳לעך, געמאַכט אַזאַ שטאַרקע ווירקונג, אַז מיר האָבן זיך אַלע צעוויינט. (מיר, די יונגע משוררים׳לעך, פלעגן פריער מאַכן פראָבעס באַזונדער און דערנאָך האָבן מיר געמאַכט פראָבן צוזאַמען מיטן גאַנצן כאָר, מיט די עלטערע אויך. מיך האָט ר׳ ניסן געמאַכט פאַר דעם „דיריגענט״ פון די יונגע).

— איך וויל זען ר׳ ניסן בעלזער — זאָגט די פרוי — איך האָב אים געבראַכט אַ גוט זינגערל, מיין אינגעלע; מיין מאיר׳ל האָט אַ שעהן קול׳כעל. דער חזן פון אַלט־קאָנסטאַנטין האָט אונז צוגעשיקט צו ר׳ ניסנ׳ען.

ר׳ ניסן איז יענעם טאָג, צוליב דעם שרעקלעכן וועטער, ניט געגאַנגען דאַוונען אין שול, נאָר געדאַוונט אין דער היים.

די פרוי ווענדעט זיך ווידער צו אונז, יונגע משוררים׳לעך:

— קינדערלעך, איך בעט אייך, זאָגט ר׳ ניסנ׳ען, אַז איך קום אַזש פון אַלט־קאָנסטאַנטין. איך האָב זיך קוים צוגעשלאָגן אַהער, און מיר זענען זעהר הונגעריג. איך בעט אייך, זאָגט דאָס אים.

איך בין אַריינגעגאַנגען אין צימער, וואו ר׳ ניסן איז געשטאַנען אין טלית און תפילין און געדאַוונט, איך זאָג צו אים:

— ר׳ ניסן, אַן אָרעמע פרוי האָט אייך געבראַכט אַ אינגעלע פון אַלט־קאָנ־סטאַנטינער חזן. זי בעט, איר זאָלט דאָס אינגעלע הערן זינגען. עס איז אַ טייער, שעהן אינגעלע.

ר׳ ניסן האָט ניט געוואָלט מפסיק זיין, מאַכט ער צו מיר אויף שטום־לשון, אַז ער דאַרף ניט קיין אינגלעך־משוררים.

— ר׳ ניסן, די פרוי און דאָס אינגעלע זענען נעבעך הונגעריג. דאָס אינגעלע איז אַ באַרוועסער. זיי זענען פאַרפרוירען!

ר׳ ניסן איז געבליבן שטיין, אַ טראַכט געטאָן. זיין אידיש האַרץ האָט

א פּנים א ציטער געטאָן. ער האָט מפסיק געווען, אַרויסשטאַמלענדיג בלויז א פּאָר ווערטער:

— מרים . . . עסן . . . הולך (געגאַנגען) . . .

א פרעהלעכער בין איך אַריינגעלאָפן צו דער גר'טע, און איר איבערגע־געבן וואָס ר' ניסן האָט געזאָגט. זי האָט אַריינגענומען די אָרעמע מוטער מיט דעם האַלב־פּאַרפרוירענעם אינגעלע צו זיך אין קיך און זיי געגעבן עסן. נאָכן עסן איז מאיר'ל אַנטשלאָפן געוואָרן אָנשפּאַרנדיג זיין שעהן קעפּעלע אויף דער מוטערס ברוסט. די מאַמע האָט אים געגלעט און גע־ווארעמט מיט איר אָטעם.

ר' ניסן איז פאַרטיג געוואָרן מיטן דאַווענען. ער האָט מיך אַריינגערופן און געהייסן, אַז איך זאָל אַריינברענגען די פרוי מיט איר אינגעלע. די אָרעמע מאַמע האָט מיט גרויס מורא און דרך ארץ גערעדט צו ר' ניסנ'ען:

— ר' ניסן, מיין מאיר'ל איז אַ טייער זינגערל. ער האָט שוין געדאַווענט פאַרן עמוד.

ר' ניסנ'ס אויגן האָבן זיך פּלוצלונג אָנגעצונדן און ער איז געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט. ער האָט מיך איבערגעלאָזן מיט דער פרוי און דעם אינגעלע און איז, אַ בייזער, אַוועק אין צווייטן צימער. מיר האָבן געוואַרט אַ ווייַלע, אָבער ר' ניסן האָט זיך ניט באַוויזן. איך בין אַריינגעגאַנגען צו ר' ניסנ'ען אין עס־שטוב. ער איז געזעסן ביים טיש און געגעסן פּריש־טיק. ער איז נאָך אַלץ געווען שטאַרק אויפגערעגט.

— ר' ניסן — רוף איך זיך אָפּ האַלב דערשראָקן — די אָרעמע פרוי מיטן אינגעלע וואַרטן אויף אייך.

ר' ניסן זאָגט צו מיר אין אַן אויפגערעגטן טאָן:

— ברוך'ל, געה אַריין צו דער אידענע און זאָג איר, אַז איך דאַרף ניט איר אינגעלע. איך וויל אים ניט הערן, איך וויל אים ניט האָבן צווישן מיינע משוררים. אַ אינגעלע פון צען יאָר, וואָס האָט שוין געדאַווענט פאַרן עמוד, קען ביי מיר ניט זינגען. זאָג עס איר, זאָל זי פאָרן צוריק אַהיים מיט איר „חזן".

איך האָב דער אָרעמער מאַמען אָנגעזאָגט די שלעכטע בשורה, און ביידע, די מאַמע און דאָס אינגעלע, האָבן זיך שטאַרק צעוויינט.

די אָרעמע פרוי האָט געבראָכן די הענט און געקלאָגט:

— געשלעפט זיך אין אַזא זאַווערוכע, פאַרהונגערט און פאַרפרוירן, מיר זענען שיער ניט אומגעקומען. וואָס וועט אַצינד זיין? מיר האָבן דאָך ניט אפילו מיט וואָס אַהיים צו פאָרן! בעט ר׳ ניסנ׳ען, ער זאָל רחמנות האָבן!

איך האָב ניט געקענט צוזען די יסורים פון דער אָרעמער פאַרצווייפלטער פרוי, און בין צוריק אַריינגעגאַנגען צו ר׳ ניסנ׳ען. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל רחמנות האָבן און דעם אינגעלע איבערבעטן. ווען ער האָט אָפּגעגעסן זיין אָנבייסן, איז ער צוריק אַריינגעקומען און זיך אַוועקגעזעצט ביי דער פּיאַנאָ. מאיר׳ל האָט גענומען זינגען. איך האָב געזען, אַז ר׳ ניסנ׳ען איז שטאַרק געפעלן געוואָרן מאיר׳לס אַלט־שטימעלע.

— זינג עפּעס אַ סאָלאָ, ניט קיין אייגענע געדאַנקען — זאָגט צו אים ר׳ ניסן — זינג אַ סאָלאָ פון עפּעס אַ קאָמפּאָזיציע.

דאָס אָרעמע אינגעלע שטייט אַ ווײַלע אַ פאַרשעמטער, אַ דערשראָקענער, זיין גאַנץ קערפּערל ציטערט פון מורא פאַר דעם שטרענגן ר׳ ניסן בעלזער. ענדלעך שטאַמלט ער אַרויס:

— איך קען זינגען אייער „רבונו של עולם“. דער חזן פון אַלט־קאָנסטאַנטין האָט עס מיך אויסגעלערנט.

אויף ר׳ ניסנ׳ס שטרענגן פּנים האָט זיך אַ שמייכל באַוויזן.

מאיר׳ל האָט זיך צעשפּילעט דאָס צעריסענע העמדעלע, פריי געמאַכט זיין שעהן געטאָקטע העלזעלע און גענומען זינגען דעם באַרימטן „רבונו של עולם“ פון ר׳ ניסן בעלזער. אָנגעפאַנגען האָט ער אין אַ פּיאַניסימאָ, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ פאָרטאָ־פאָרטיסימאָ. די קאָמפּאָזיציע אַנטוויקלט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. מאיר׳ל זינגט מיט פייער, מיט זיסקייט, מיט אידישן חן. ווען עס איז געקומען צו דעם חזנ׳ס סאָלאָ, האָט מאיר׳ל אַרויסגעבראַכט אַלע קאָלאָראַטור־עפעקטן. ווען ער האָט געענדיגט זינגען, האָט ר׳ ניסן דעם אינגעלע אַ קוש געטאָן אין קעפּל. ער האָט געגעבן מאיר׳לס מאַמען געלט, אַז זי זאָל אַהיימפאָרן צוריק און מאיר׳ל איז פאַרבליבן ביי ר׳ ניסנ׳ען.

מיר איז ביי ר׳ ניסנ׳ען אין הויז געווען זעהר גוט. איך האָב זיך דאָרטן

געפיהלט ווי אן אייגענער. דער טאטע מיינער פלעגט פון ר׳ ניסנ׳ען באַ־קומען בריוו מיט לויבנגעזאַנגען וועגן מיין פאַרטשריט.

קיין אויסערגעוויינלעכע שטימע האָט ר׳ ניסן ניט געהאַט. די שטימע האָט געציטערט ביי אים. זי האָט ניט געקלונגען גלאַט און גראד, אזוי ווי די ווערטער ביי א זאַאיקע האָט זיין שטימע געקלונגען. זיין גרויסקייט איז הויפּטזעכלעך באשטאַנען אין זיין מוזיקאַלישקייט און אין דעם געזאַנג פון זיין כאָר. אַזאַ כאָר האָט קיין חזן אויף דער וועלט ניט געהאַט. באַרימט איז ער אויך געווען מיט זיינע קאָמפּאָזיציעס, וועלכע חזנים האָבען געזונגען מיט זייערע משוררים איבער גאַנץ רוסלאַנד, פּוילן, גאַליציע און רומעניע.

4

מיין ראָמאַן מיט באַשקען - אַ פּאַטש צוליב צעפּלאַמטער ליבע - מיין ערשטע טעאַטער־פאָרשטעלונג אויף אַ בוידעם - איך שרייב אָן מיין ערשטע פּיעסע - מען כאַפּט מיך ביי דער האַנט - ר׳ ניסן זאָגט נביאות, אַז כ׳וועל זיין אַ קאָמעדיאַנשטשיק - מען נעמט מיך אַהיים. דער קיעווער פּאָגראָם - אַ דריטער ראָמאַן נאָר פון אַן אַנדערן סאָרט.

איך בין שוין אַ בחור׳ל פון עלף יאָר. ווי מען זאָגט מיר, בין איך דאַמאָלסט געווען אַ זעהר שעהן אינגעלע. אַנטקעגן ר׳ ניסנ׳ס הויז האָט געוואוינט אַ וויין־שענקער, וועלכער האָט געהאַט אַ זעהר שעהן טעכטערל. באַשקע האָט מען איר גערופן. זי איז געווען אַ זעהר שעהן מיידעלע. עמיצער האָט אַמאָל איר אַ נאָמען געגעבן די „שעהנע פּרינצעסין פון וויין־קעלער", און דעם דאָזיגן נאָמען פלעגן וועגן איר באַנוצן בערדיטשעווער ווייבער. איינמאָל האָב איך באַמערקט, בשעת׳ן זינגען אַ סאָלאָ אין שול, ווי באַשקע שטעקט אַרויס איר קעפּל פון צווישן די פאָרהאַנגען אין דער ווייבערשער שול, און קוקט מיר גלייך אין די אויגן אַריין. ניט נאָר האָב איך דאָס באַמערקט, נאָר די אַנדערע משוררים האָבן דאָס אויך געזען. זיי האָבן מיר טאַקע וועגן דעם אויפמערקזאַם געמאַכט. זינט דאַן פלעג איך שוין זינגען מיינע סאָלאָס ניט פאַרן בערדיטשעווער עולם, נאָר פאַר באַשקען. און אָט אַזוי, אויף שטום לשון, האָבן מיר זיך ביידע פאַרליבט. באַשקע איז געווען אַ יאָר עלטער פון מיר. אַ לאַנגע צייט איז אַוועק און איך פלעג איר זען נאָר ווען איך פלעג שטיין ביים עמוד אָדער אויפן באַלעמער צווישן

די משוררים און זינגען א סאָלאָ. די משוררים פלעגן מיך קיבעצן:
„דיין באַשקע האָט שוין אַרויסגעשטעקט דאָס קעפּל“.

באַשקע האָט געקענט אַלע קאָמפּאָזיציעס און געוואוסט ווען עס קומט מיין סאָלאָ. הגם איך האָב נאָך מיט באַשקע׳ן קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט, האָט זי שוין אין מיין האַרצן פאַרנומען אַ בכבוד׳ן פּלאַץ. איך האָב גע׳חלום׳ט וועגן איר, געוואָלט זי זען. איך האָב גענומען טראַכטן וועגן אַ געלעגנהייט מיט איר באַקאַנט צו ווערן.

אַ געוויסן שבת נאָכמיטאָג האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט אויפזוכן באַשקע׳ן. איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן איר הויז און געוואַרט אויף דער געלעגנהייט זי זאָל אַרויסקומען. אַ היבשע ווײַלע בין איך אַזוי געשטאַנען און געוואַרט. פּלוצים האָט זיך געעפנט אַ פאַרמאַכטער לאָדן פון צווייטן שטאָק און עס האָט זיך באַוויזן ביים פענסטער באַשקע׳ס שעהן קעפּעלע. אין דעם מאָמענט האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך שטיי ביים עמוד אין דער שול און באַשקע קוקט צו מיר אַרונטער פון דער ווייבערשער שול. באַשקע קוקט אויף מיר מיט אירע שעהנע, שוואַרצע, גרויסע, פאַרשעמטע אויגן. איך האָב זיך אויך געפיהלט פאַרשעמט. איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און אַ וואונק געטאָן צו איר. באַשקע האָט, שעמעוודיג, געענטפערט מיט אַ וואונק. איך האָב זיך געפיהלט גליקלעך פון דעם וואונקענדיגן ענטפער. איך שיק אַרויף נאָך אַ וואונק צו באַשקע׳ן, וואָס האָט אויף שטום־לשון געמיינט, אַז איך וויל זיך מיט איר זעהן. באַשקע האָט אַ שאָקל געטאָן מיט איר שעהן קעפּעלע אויף יאָ. עס האָט ניט גענומען לאַנג און זי איז אַרונטערגעקומען. זי איז געבליבן שטיין אויף די הילצערנע טרעפּלעך פון הויז. איבער די צעבראָכענע הילצערנע טראָטואַרן פון די בערדיטשעווער גאַסן האָבן אַרומגעשפּאַצירט באַלעבעסלעך מיט זייערע יונגע ווייבלעך, עלטערע אידן זענען געשטאַנען אין רעדלעך און געשמועסט וועגן בערדיטשעווער פּאָליטיק. קורץ, איך און באַשקע זענען ניט געווען אַליין. בערדיטשעווער אויגן פון אַלע זייטן, וואו מען קערט זיך נאָר. באַשקע איז אַראָפּ פון די טרעפּלעך און זיך געלאָזט געהן צום שול־געסל. געהענדיג, האָט זי אַ פּאָר מאָל אויסגעדרייט איר שעהן קעפּעלע און דערביי צו מיר אַ וואונק געטאָן. דעם וואונק האָב איך גוט פאַרשטאַנען — איך זאָל איר נאָכגעהן. און זי האָט מיך נאַטירלעך שטאַרק ניט געדאַרפט בעטן. דאָס הינטער־געסל ביי דער גרויסער בערדיטשעווער שול, צווישן דער שול און דעם בית־המדרש, איז געווען פאַרמויערט מיט גרויסע שטיינערנע ווענט. דאָרט

איז באַשקע שטיין געבליבן און געוואַרט אויף מיר. מעשה קיעווער קאַוואַליער בין איך גלייך צוגעגאַנגען צו איר און איר דערלאַנגט מיין האַנט. באַשקע איז רויט געוואָרן און אַ פאַרשעמטע אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זי האָט זיך געהאַלטן מעשה בערדיטשעווער אַריסטאָקראַטקע און מיט אַ שטאָלצע מינע האָט זי אָנגענומען מיין האַנט און דערביי געשמייכלט. איך האָב געזוכט ווערטער אָנצוהייבן דעם געשפּרעך, אָבער עס איז מיר שווער געווען זיי צו געפינען.

לאַנג האָב איך זיך אין דער פאַרלעגנהייט ניט געפונען. האָב איך דאָך שוין געהאַט אין קיעוו אַ ליבע — מיין קאַטינקאַ. איך בין באַלד געוואָרן דרייסטער און איך רוף זיך אָפּ:

— דו ווייסט, באַשקע, היינט האָב איך אין שול געזונגען שעהן צוליב דיר.

— איך האָב דאָס געפיהלט — האָט באַשקעלע געענטפערט אַ פאַרשעמטע — איך פיהל אַלע מאָל, ווען דו זינגסט צוליב מיר.

און זי דערציילט מיר, אַז די ווייבער אין שול שטורכען זיך איינע די אַנדערע און שושקען זיך דערביי:

„ברוך'ל דער סאָפּראַן און באַשקע עסן זיך אויף מיט די אויגן" . . .

— און וואָס זאָגט באַשקעלע? — האָב איך געפרעגט.

באַשקעלע האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און דערביי אַ קוועטש געטאָן מיין האַנט.

איך האָב איר אַ כאַפּ געטאָן אין מיינע ביידע הענט, צוגעדריקט צו זיך און איר אַ קוש געטאָן אין אירע שעהנע רויטע ליפּעלעך. און אַזוי איז אונזער ליבע געשלאָסן געוואָרן. אָנשטאָט זיך דורכצואוואָרפן מיט אונזערע בליקן פון דעם באַלעמער אָדער דעם עמוד צו דער ווייבערשער שול, פלעגן מיר זיך גאַנץ אָפט באַגעגענען ביים בריקל פון טייכל, וואָס טיילט אָפּ די אַלטע שטאָט, אונטער דער גרעבליע. גאַנץ בערדיטשעוו האָט שוין געוואוסט וועגן אונזער סוד.

איין מאָל האָב איך טייער באַצאָלט פאַר מיין ליבע: מיר שטייען אויפן באַלעמער מיט ר' ניסנ'ען און מיר זינגען איינע פון זיינע באַרימטע קאָמפּאָזיציעס. איך האָב געהאַט צו זינגען אַ סאָלאָ. די בערדיטשעווער באַלעבאַטים האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער סאָלאָ. באַשקע איז געשטאַנען אין דער ווייבערשער שול און פון דאָרטן אַרויסגעשטעלט דאָס קעפּל פון צווישן די פאָרהאַנגען, קוקנדיג מיט אירע שעהנע אויגעלעך צו

מיר. איך האָב זיך שטאַרק איינגעקוקט אין באַשקע׳ן און געוואונקען צו איר. עס איז געקומען די צייט צו זינגען. איך בין אָבער געווען אַזוי פאַר־טיפט אין באַשקע׳ן, אַז איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איך דאַרף זינגען די סאָלאָ. ר׳ ניסן וואַרט, אַז איך זאָל אָנהייבן; מיינע אויגן זענען נאָך אַלץ ביי באַשקע׳ן. די אידן אין שול מורמלען. ר׳ ניסן האָט דערזען, אַז איך קוק אויף באַשקע׳ן, נעמט ער און דערלאַנגט מיר אַ פייערדיגן פּאַטש. איך האָב זיך געכאַפּט וואָס איך האָב דאָ אָפּגעטאָן און האָב זיך געפיהלט פאַר־זינדיגט. אָבער אין שול אַ פּאַטש . . . און באַשקע האָט דאָס געזען . . . עס האָט מיר שרעקלעך פאַרדראָסן; האָב איך ניט געוואָלט זינגען. ר׳ ניסן דיריגירט, מאַכט מיט די הענט, ווייזט מיר אָן, איך זאָל אָנפאַנגען די סאָלאָ. איך שטיי אַ צאָרנדיגער, אַ פאַרשעמטער און וויל ניט זינגען. אין שול איז געוואָרן אַ טומל. קיין אַנדער סאָפּראַן, וועלכער זאָל קענען מיין סאָלאָ־נומער, איז ניט געווען און מען האָט ווייטער ניט געקענט אָנגיין מיטן געזאַנג. פּלוצלינג גיט זיך אַ כאַפּ אויף ר׳ יוזפל, דער בערדיטשעווער רב, וועלכער איז געזעסן אויף אַ ברייטער סאַמעטענער שטול ביי דער מזרח־וואַנט, און גייט צו צו מיר. מיט זיין אַלטער ציטערדיגער שטים זאָגט ער:

— אינגעלע, פאַרגעס ניט, אַז דו שטייסט אין אַ מקום קדוש! פאַרשעם ניט אונזער ר׳ ניסנ׳ען, זינג, אינגעלע!

איך האָב גענומען זינגען די סאָלאָ. ר׳ ניסן האָט שוין ניט מער דיריגירט. ער האָט זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף מיר. איך האָב געזונגען זעהר שעהן, מיט פיל הארציגקייט. איך האָב פריער די זעלביגע סאָלאָ אַזוי שעהן ניט געזונגען. ווען איך האָב געענדיגט, האָבן זיך געהערט איינינע אַפּלאָ־דיסמענטן. ר׳ ניסן האָט מיט כעס אויסגעשריען:

— דאָ איז ניט קיין טעאַטער! דאָ קלאַפּט מען ניט!

ווען איך האָב געזונגען האָב איך ווידער דערזען באַשקע׳ן אויף איר פּלאַץ אין דער ווייבערשער שול. זי האָט עפּעס געמאַכט מיט די ליפּעלעך, גערעדט צו מיר, אָבער איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס זי רעדט.

ווען איך האָב באַשקע׳ן געטראָפן דעם זעלבן נאָכמיטאָג הינטער דער בערדיטשעווער שול, אין דעם ווינקל, וואו עס איז געווען אונזער ליבעס־נעסט, האָט זי געזאָגט, אַז איך האָב זעהר קלוג געטאָן וואָס איך האָב געזונגען, און אַז דאָס האָט זי געמורמלט צו מיר פון דער ווייבערשער שול.

נאָך דער געשיכטע מיט דעם פּאַטש אין שול, האָט ר׳ ניסן עטלעכע וואָכן מיט מיר ניט גערעדט. ער האָט מיך איבערהויפּט איגנאָרירט. ביי

די פּראָבען האָט ער מיר ניט קאָרעגירט, ניט אויפמערקזאַם געמאַכט מיר אויף מיין זינגען. איך האָב געזונגען ווי איך האָב געוואָלט.

שפּעטער האָט ר׳ ניסן זיך מיט מיר איבערגעבעטן. דאָס איז געווען אין הויז פון ר׳ הירש מאַגאַזאַניק, דער גרעסטער עושר פון בערדיטשעוו, וועלכער איז געווען דער גבאי פון דער בערדיטשעווער שול. ר׳ ניסן מיט זיין כאָר האָבן געזונגען שבת צו נאַכט ביי דעם בערדיטשעווער גביר. עס זענען דערביי געווען פאַרבעטענע געסט פון קיעוו, אָדעס, כאַרקאָוו און זעלבסט־פאַרשטענדלעך, די פני פון בערדיטשעוו, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען ר׳ יוזפל, דער רב. איך האָב זיך דאַן געהאַט צוגעקיהלט און ניט געקענט זינגען מיינע סאָלאָס. ר׳ ניסן רופט מיך צו, גיט מיר אַ קניפּ אין בעקל און זאָגט:

— ברוך׳ל, דו פאַרשעמסט מיך היינט ן דו מוזט זינגען. ניטאָ אַזאַ זאַך ווי זיין הייזעריג. מ׳דאַרף זינגען מיט מוט, מיט האַרץ, מיט נשמה. מען דאַרף נאָר וועלן זינגען, זינגט זיך שוין . . .

ער האָט צו מיר גערעדט אַזוי פּאָטערלעך, אַזוי ליבלעך, אַז איך האָב פאַרגעסן אָן דעם פּאַטש, אָן דער בושה, וואָס ער האָט מיר פאַרשאַפט אין שול, פאַרגעסן אָן דער באַליידיקונג פאַר מיין באַשקע׳ן. איך האָב אים געפאָלגט. איך האָב זיך אָנגעשטרענגט און געזונגען. אמת, אביסל שווערלעך, אָבער געזונגען האָב איך אַלע סאָלאָס. ר׳ הירש מאַגאַזאַניק האָט מיר דער־לאַנגט אַ גאַנץ צענערל. באַשקעלע האָט זיך דרויסן ארומגעדרעהט ביי די פענסטער און מיר צוגעשיקט לופט־קושן.

מיט דער הילף פון די קלענערע משוררים האָב איך אויף דעם בוידעם פון ר׳ ניסנ׳ס הויז אויפגעבויט אַ בינע. אַלס מאַטעריאַל פאַר דער בינע האָב איך באַנוצט קעסטלעך און צווייגן פון בוימער. אַלטע ליילעכער, ציכן און קאָלדרעס זענען צוזאַמענגעשטשאָבעט געוואָרן. דאָס איז געווען דער פאָרהאַנג. איך האָב אָנגעשריבן אַ פּיעסע מיט דעם נאָמען „בערדיטשעווער רוצחים״. איך האָב אַליין פאַרפאַסט די מוזיק צו דעם שטיק. די ראָלן האָב איך איינגעשטודירט מיט מיינע חברים׳לעך, די משוררים. צוויי־דריי מאָל אַ וואָך פלעגן מיר געבן די פאָרשטעלונגען. די באַזוכער זענען געווען די שכנים פון הויז און אַלע באַקאַנטע פון דער חברה קליינע משוררים. פאַרשטעהט זיך, אַז באַשקע איז געווען די הויפּט מחותנת׳טע ביי די פאָר־שטעלונגען. זי האָט צוזאַמענגעשלעפּט פון איר היים און פון אַנדערע היימען

אַלץ וואָס מיר האָבן נויטיג געהאַט צו די פאָרשטעלונגען. ר׳ ניסן האָט נאַטירלעך וועגן דעם ניט געוואוסט.

אַ געוויסן שבת נאָכמיטאָג, האָט אין אונזער פאָרשטעלונג דאָס ערשטע מאָל אָנטייל גענומען ר׳ ניסנ׳ס אינגסטער זון, יודעלע. דער בוידעם איז געווען באַזעצט מיט חשוב׳ע געסט. די פאָרשטעלונג האָט ביים עולם שטאַרק אויסגענומען. זיי האָבן געלאַכט פון די וויצן, געטרויערט פון דער טראַ־געדיע און הארציג אַפּלאָדירט אונז, די קינדער־שוישפּילער. איך שטיי אויף דער בינע אין אַ געוויסער סצענע, די משוררים׳לעך אַרום מיר, מיט אַראָפּגעלאָזטע העמדלעך איבער די הויזן, אַרומגעבונדן מיט רויטע און גרינע גאַרטלעך. יודעלע, ר׳ ניסנ׳ס מוזיניק, האַלט אַ רעדע. פּלוצים באַווייזט זיך אויף דעם לייטער איבער וועלכן מען איז אַרויפגעגאַנגען אויף דעם בוידעם, דער קאָפּ פון ר׳ ניסן בעלזער. יודעלע האָט זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן וויינען. די משוררים׳לעך, איבערהויפּט מאיר׳ל דער אַלט, האָבן געציטערט ווי אַ בלאַט. מיינע „אַרטיסטן״ זענען, דערשראָקענע, זיך פאַנאַנדערגעלאָפן. איך בין געווען דער איינציגער, וואָס איז געבליבן שטיין אַ מוטיגער. אַ טויטע שטילקייט איז געוואָרן צווישן אַלעמען. אַלע האָבן ערוואַרטעט, אַז דער בייזער ר׳ ניסן וועט אַלעמען מיט אַ שטעקן אַרויסטרייבן. ער האָט אָבער געהאַנדלט גאַנץ אַנדערש. ער האָט צוגערופן יודעל׳ען, אים געהייסן אַראָפּגיין פון בוידעם. דוכט מיר, אַז ער האָט אים דערביי אַ שטורכע געטאָן. צו אונז, אינגלעך, האָט ער זיך גוטמוטיג געווענדעט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן:

— מאַכט זיך נאַריש, שפּילט זיך ווייטער אייער קאָמעדיע, איך וויל זען וואָס איר טוט.

אונזער פאָרשטעלונג איז ווייטער אָנגעגאַנגען, נאַטירלעך מיט מורא, ניט אַזוי ווי פריער. אונזער פּובליקום, די שכנים, האָבן זיך איינגעהאַלטן מיטן לאַכן און מיטן אַפּלאָדירן. ר׳ ניסן איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויפן לייטער מיט אַ האַלבן קערפּער אויפן בוידעם און געקוקט מיט זיינע גרויסע אויגן אויף אונזער טעאַטער־שפּיל. ווען מיר האָבן געענדיגט און דער פאָרהאַנג איז אַראָפּגעפאַלן, איז ר׳ ניסן פאַרשוואונדן. דער עולם איז זיך צעגאַנגען. זינט דער פּאַסירונג האָב איך ביי ר׳ ניסנ׳ען קיין אַנדער נאָמען ניט געהאַט ווי „קאָמעדיאַנטשיק״.

זייט ר׳ ניסן האָט געזען מיין טעאַטער־פאָרשטעלונג אויפן בוידעם בין איך ביי זיך געוואָרן גדול׳דיג. איך האָב שוין גענומען שרייבן לידער מיט

מוזיק. וואָס עס האָט נאָר עפּעס פּאַסירט אין בערדיטשעוו, האָב איך באַלד פון דעם געמאַכט אַ ליד. די קליינע משוררים׳לעך האָבן זיך דאָס ליד אויסגעלערנט. פון זיי האָבן זיך דאָס אַנדערע אויסגעלערנט זינגען און אַזוי זענען מיינע לידער פּאָפּולער געוואָרן. האָט עמיצער אָנגעזעצט, האָב איך געמאַכט אַ ליד פון אַ גנב. איז געווען אַ שרפה, האָב איך פאַרפאַסט אַ ליד „עס ברענט״. אַלע בערדיטשעווער דינסטמיידלעך האָבן געזונגען מיינע לידער. איך האָב אויך געמאַכט אַ ליד וועגן איינעם פון אונזערע קליינע משוררים׳לעך „דער רויטער אַלט״. אָט דאָס לידל האָט אפילו ביי די גרויסע משוררים אויסגענומען. עס איז געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז אפילו זיי, די גרויסע משוררים, פלעגן עס זינגען. דעם רעפריין פון לידל האָב איך אַראַנזשירט אין פיר שטימען און ביי די פּראָבן, איידער ר׳ ניסן איז אַריינגעקומען, פלעגן מיר זינגען דעם רעפריין.

צי ר׳ ניסן האָט דאָס ליד „דער רויטער אַלט״ געהערט, צי ניט געהערט, ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז איך האָב זעהר שטאַרק געוואָלט, אַז ער זאָל אָט דאָס געראָטן לידל מיינס הערן. איך האָב געזוכט די געלעגנהייט, אַז ער זאָל עס הערן, און איך האָב אַזאַ געלעגנהייט געפונען.

אַ געווּיסן שבת מברכים ווען מיר זענען אַהיימגעקומען פון שול, איז ר׳ ניסן געווען זעהר גוט אויפגעלעגט. דאָס האָט באַדייט, אַז ער איז געווען צופרידן פון אונזער זינגען. ער האָט צו יעדן איינעם געשמייכלט, מיט יעדן זיך געוויצלט. איך, יודעלע, מאיר׳ל דער אַלט, און דער רויטער אַלט זענען געזעסן אויפן הויף אויף אָנגעלעגטע קלעצער און ברעטער. מען האָט געהאַלטן אין בויען נאָך אַ דירה פאַר ר׳ ניסנ׳ען, אַ גרעסערן פּלאַץ, וואו צו מאַכן די פּראָבן. עס איז געווען אַ שעהנער זומערדיגער טאָג. ר׳ ניסן האָט אַרומגעשפּאַצירט אויפן הויף אַ פאַרטראַכטער. פּלוצלונג איז ער ערגעץ וואו פאַרשוואונדן. טראַכט איך ביי זיך: אָט איצט איז די פּאַסנדע צייט, אַז ער זאָל הערן מיין פּאָפּולער לידל „דער רויטער אַלט״. ווי מיר זיצן אַזוי אויף די ברעטער און קלעצער, הויב איך אָן זינגען מיין לידל אויפן קול אַזוי, אַז ר׳ ניסן זאָל עס דערהערן. דאָס לידל האָט געהאַט אַרום צוואַנציג סטראָפן. איך האָב אַלע סטראָפן אָפּגעזונגען. ר׳ ניסן באַווייזט זיך ווידער אויפן הויף און לאָזט זיך גיין גלייך צו מיר. ער נעמט מיך דורך מיט זיינע צוויי גרויסע שוואַרצע אויגן. איך וואַרט אַ דערשראָקענער צו הערן וואָס ער האָט מיר צו זאָגן. ער גיט מיר אַ קניפּ אין בעקל און זאָגט צו מיר גוטמוטיג:

— ברוך'ל, דו וועסט זיין א קאָמעדיאַנשטשיקן

דער קאָמפּלימענט איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן. זינט יענעם „קאָנצערט" אויף די ברעטער און קלעצער האָב איך אויפגעלעבט. איך האָב שוין פאַר ר' ניסנ'ען קיין מורא ניט געהאַט. איך האָב שוין דעם בוידעם פאַרוואַנדלט אין אַ רעגעלע „אָפּערא־הויז". איך פלעג פראַנק און פריי מאַכן מיינע פּראָבן און עס איז געוואָרן אַ לעבעדיגע וועלט. איך האָב אויך אָנגעשריבן אַ ראָלע פאַר מיין באַשקע'לען. זי איז אָבער נעבעך געווען אַ גרויסע באַהעלפּערקע; שפּילן טעאַטער האָט זי ניט געקענט. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט אונזער ליבע.

עס האָבן זיך געפונען שכנים, וועלכע האָבן דערציילט באַשקע'ס טאַטן וועגן אונזער ליבע. דער טאַטע האָט איר דערפאַר גוט אָנגעפּאַטשט, אָבער דאָס פינסטערע געסל צווישן דער שול און בית המדרש איז נאָך ווייטער געבליבן אונזער ליבעס־נעסט.

צוויי און האַלב יאָר האָב איך געזונגען ביי ר' ניסן בעלזער. עס זענען געקומען חזנים פון רומעניע, לעמבערג און פון אַנדערע שטעט, וועלכע האָבן זעהר שטאַרק געוואָלט מיך צונעמען פאַר אַ משורר. עס האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט זיין אין לעמבערג, אין בוקאַרעשט, אין אָדעס. אָבער דער טאַטע האָט ניט געלאָזט. ער האָט מיך אָוועקגעגעבן צו ניסן בעלזער דערפאַר, ווייל אַזוי האָט געראַטען דער דיריגענט פון דער קיעווער אָפּערע, אַלטאַניאַ. ביי ניסן בעלזער דאַרף זיין מיין ערשטע מוזיקאַלישע שולע. שפּע־טער, ווען איך וועל עלטער ווערן, וועט ער מיך שיקן אין קאָנסערוואַטאָריע. אָבער דאָ האָבן מיינע עלטערן זיך פאַרבעטנקט נאָך מיר און מיך באַשלאָסן אַהיימברענגען אויף עטלעכע וואָכן. דער טאַטע איז עקסטרא געקומען קיין בערדיטשעוו מיך אַהיימנעמען.

ער האָט מיר ניט געלאָזט וויסן, אַז ער קומט. קומענדיג אין בערדי־טשעוו, איז ער פאַרפאָרן אין איינעם פון די בעסערע האָטעלן. אָנגעקומען איז ער אַ פרייטאָג פאַרנאַכט. ער איז ניט געקומען צו ר' ניסנ'ען אין הויז. אין אָוונט איז ער אַוועק אין דער בערדיטשעווער שול. ער איז געקומען שוין אין מיטן דאַוונען. ער האָט אַזוי אויסגערעכנט, אַז מען זאָל אים ניט באַמערקן, און קיינער זאָל ניט וויסן, אַז ער געפינט זיך אין שול. איך בין געשטאַנען ביים עמוד מיט די איבריגע משוררים און מיר האָבן געזונגען, ווי יעדן פרייטאָג צו־נאַכטס. מיין באַשקע'לע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין דער ווייבערשער שול און געוואָרפן אירע שעהנע אויגעלעך צו מיר. איך האָב

געזונגען אַ סאָלאָ, וועלכע איך האָב זעהר שטאַרק ליב געהאַט, און זי טאַקע זעהר שעהן געזונגען. אין מיטן זינגען זע איך פון ווייטן עפּעס אַ נײַ פּנים אין דער בערדיטשעווער שול. אַ מאַן מיט אַ צילינדער־הוט, מיט פּענסנע,— אַן עכטער אַריסטאָקראַט. איך קוק זיך גוט איין אין דעם גאַסט — עס איז מיין טאַטע! איך האָב געענדיגט זינגען און, ניט אָנפּרעגנדיג זיך ביי ר׳ ניסנ׳ען, האָב איך זיך דורכגעשטופּט דורך דעם געפּאַקטן עולם און בין צוגעלאָפן צו מיין טאַטן. ער האָט זיך צוקושט מיט מיר און מיך גלייך צוריקגעשיקט צום עמוד.

— האָסט עס ניט געדאַרפט טאָן, מיין קינד! ניט שעהן אַוועקצוגיין פון עמוד אין מיטן דאַווענען!

נאָכן דאַווענען האָט ר׳ ניסן זעהר פיין אויפגענומען מיין טאַטן, אים פאָרגעשטעלט פאַר ר׳ יוזפל, דעם רב, פאַר ר׳ בנימין יאָסי, דעם גבאי פון שול, און פאַר די אַנדערע געהויבענע באַלעבאַטים. אַלע האָבן דעם טאַטן איבערגעגעבן ווי גוט איך לערן זיך. דער טאַטע האָט אָנגעקוואָלן פון נחת. אַ לאַנגע צייט זענען געשטאַנען רעדלעך אידן אַרום דעם טאַטן, וועלכער איז געווען דער איינציגער „אַריסטאָקראַט" צווישן די פּאות־אידן. איך האָב שטאָלצירט מיטן טאַטן. זאָלן בערדיטשעווער אידן זען, אַז ברוך׳ל איז ניט גלאַט אַ פּראָסט משורר׳ל; זאָלן זיי זען וואָס פאַר אַ טאַטן איך האָב! . . . די משוררים, די קליינע און די גרויסע, האָבן מיר גראַטולירט און איך האָב זיי אַלעמען פאָרגעשטעלט פאַרן טאַטן.

ר׳ ניסן האָט איינגעלאַדן דעם טאַטן צו זיך אַהיים אויף שבת. יענער שבת איז פאַר מיר געווען אַ שעהנער, אַ זיסער, אַ פרעהלעכער. איך געדענק אים נאָך ביז היינטיגן טאָג. שבת אינדערפרי זענען ר׳ ניסן, דער טאַטע מיינער, און דעם חזנ׳ס ביידע זין, אַלטער׳ל און יודעלע, צוזאַמען געגאַנגען אין שול אַריין. בערדיטשעווער אידן, ווייבער, בחורים, מיידלעך, זענען נאָכ־געלאָפן נאָך מיין טאַטן. אַזאַ „דייטש" מיט אַ צילינדער־הוט איז אין בער־דיטשעוו געווען ניט קיין געוועהנלעכע ערשיינונג. איך האָב געהערט שטימען אַרום מיר: „אָט דער דייטש איז ברוך׳ל דעם סאָפּראַנס טאַטע". אין שול האָט מען דעם טאַטן אַוועקגעזעצט אין מזרח־וואַנט, נעבן גבאי. יענעם שבת האָב איך געזונגען נאָר פאַר מיין טאַטן. שבת ביינאַכט האָט ר׳ ניסן באַשטעלט אַלע משוררים, זיי זאָלן קומען צו אים, און ער האָט געגעבן אַן עכטן ניסן בעלזער קאָנצערט פאַר מיין טאַטן. אַלטערל האָט געשפּילט אויף דער פּיאַנע. ביי דעם קאָנצערט זענען אָנוועזענד געווען די שעהנסטע באַלעבאַ־

טים פון שטאָט. דער טאַטע מיינער, וועלכער איז דאַן געווען אַ פּאַרמעגלעכער מענטש און דערצו אַ ספּאָרט, האָט איינגעטיילט אַלע קליינע משוררים צו פינף רובל יעדן. פאַר די גרעסערע משוררים האָט ער איבערגעלאָזן ביי ר' ניסנ'ען אַ גאַנצן הונדערטער. פאַר דער בערדיטשעווער שול האָט ער אויך איבערגעלאָזן אַ הונדערטער. פאַרן אַוועקפאָרן האָט ר' ניסן געקויפט מיין טאַטן אַ מתנה אַ גאָלדענעם זייגער. אויף צו מאָרגנס בין איך מיטן טאַטן געפאָרן קיין קיעוו.

די שמחה וואָס מיין אהיימקומען האָט אַרויסגערופן אין אונזער הויז, ביי טאַטע־מאַמע, ביי מיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך, איז אוממ־באַשרייבלעך.

די גליקלעכסטע פון אַלע איז געווען קאַטינקאַ. קאַטיאַ איז אַריינגעלאָפן צו אונז אין הויז און ווען זי האָט מיך דערזען, האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט. זי האָט מיך אַרומגעכאַפּט פאַר טאַטע־מאַמע אין די אויגן. קאַטיאַ'ס מאַמע האָט מיך אויך אַרומגענומען און געקושט. איך האָב זיך געפיהלט אַזוי זינדיג געגן קאַטיאַ'ן! איך האָב זיך דערמאָנט אָן באַשקע'לען פון בערדי־טשעוו. ווען כ'האָב זיך ווידער מיט קאַטינקע'ן באַגעגנט אין פינסטערן קאָרידאָר, האָב איך אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דאָרטן, אין בערדיטשעוו, שלאָפט אפשר ניט און בענקט נאָך מיר, באַשקע'לע. די גאַנצע צייט וואָס איך בין געווען אין קיעוו האָט קאַטינקאַ פון מיר ניט אָפּגעטראָטן. מיינע עלטערן האָבן געלאַכט פון מיר און קאַטינקאַ'ס מאַמע האָט אַנגעקוואָלן פון אונזער קינדער־ליבע. איך האָב געהערט ווי קאַטינקאַ'ס מאַמע האָט דערציילט מיין מאַמען, אַז ווען זי איז געווען אין קאַטינקאַ'ס יאָרן, האָט זי אויך ליב געהאַט אַ אידיש אינגעלע. איצט איז דער אַמאָליגער אינגעלע אַ באַרימטער דאָקטאָר און זי זעט זיך אָפּט מיט אים.

קאַטינקאַ האָט מיר דערציילט, אַז מיין טאַטע זיצט אָפּ גאַנצע אָוונטן ביי איר מוטער אין הויז און פאַרברענגט מיט די סטודענטן, און אַז ער איז אויך זעהר באַפריינדעט מיט איר מוטער. זי האָט מיר דאָס אַלץ דערציילט אַזוי נאַאיוו און אַזוי קינדעריש. און איך, אַלס אַ נאַאיווער אינגל, האָב נאַטירלעך גאָרניט פאַרדעכטיגט. אַ געוויסע נאַכט, איידער איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן, האָב איך געהערט אַ שטילן געשפּרעך צווישן מיין טאַטן און מאַמען. די מאַמע האָט גערעדט מיט אַנגסט:

— געדענק, פּיניע, דו וועסט אַריין אין אַן אומגליק און מיר וועלן אַלע

צוליב דיר ווערן אומגליקלעך! ווי קומסטו צו זיי, די משוגענע סטודענטן?! געדענקסט ווי מען האָט דריי פון זיי אויפגעהאַנגען? מען וועט נאָך דיך אויך, חלילה, אויפהענגען, און אונז אַלעמען וועט מען אין סיביר פאַרשיקן! פיניע, האָב רחמנות אויף מיר און אויף דיינע קינדער און טשעפּע זיך אָפּ פון זיי!

דער טאַטע האָט געזוכט דער מאַמען צו באַרוהיגן, אָבער עס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן. זי האָט געוויינט. איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי, איז אין הויז געווען אַ גרויסער טומל. דער טאַטע מיינער האָט געהאַלטן ביים גאָרגל דעם גוי, וועלכער האָט ביי אונז געאַרבייט אַלס קוטשער, און צו אים געשריגן:

— איך וועל דיך אויפן שטעל דערווערגן, אויב דו וועסט וואַגן נאָך איין מאָל זאָגן דאָס, וואָס דו האָסט פריער געזאָגט.

— לאָז מיך אָפּ, זשיד! לאָז מיך גיין. איך וועל היינט אויס׳הרג׳ענען אַלע אידן.

פאַר׳שיכור׳ט, מיט צעשויבערטע האָר, מיט אַ האַק אין האַנט, האָט דער גוי זיך געריסן און געשריען:

— דעמעיעווקע ברענט. עס ברענען אידן, עס ברענען אידישע הייזער. אַ פייער וועט פאַרברענען אַלע אידן פון קיעוו און פון גאַנץ רוסלאַנד. באַלד וועט דאָ אויך ברענען, דו, דיין ווייב און דיינע קינדער! אויסקוילענען וועלן מיר אייך, קיין סימן וועט פון אייך ניט בלייבן!

דער יאָמער־געשריי פון דרויסן איז געווען אַ שרעקלעכער. עס האָט זיך געהערט אַ בראַזגעריי פון אויסגעבראָכענע פענסטער, האַרצרייסנדע געשרייען פון ווייבער און קינדער. די קולות פון גאַס האָבן ווי מיט מעסערס געשניטן. דער גוי האָט זיך אַלץ ווייטער געריסן פון טאַטנס שטאַרקע הענט.

— לאָז מיך אָפּ, זשידאָווסקאַיאַ כאַריאַ! לאָז מיך אָפּ! אונזערע זענען שוין באַלד אויף באַלשאַיאַ וואַסילקאָווסקאַיאַ. באַלד וועלן זיי אַהערקומען און מיר וועלן זיך אָפּרעכענען מיט אייך. לאָז מיך גיין, ווען ניט וועל איך מיט דער האַק צעשפּאַלטן דיין מוח און אויס׳הרג׳ענען דיין גאַנצע פאַמיליע.

דער טאַטע מיינער, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס אַ איד אַ גבור, האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם גוי, ווי מען כאַפּט אַ קליין קינד, און אים אַריינגעוואָרפן אין אַ צימער און פאַרשלאָסן די טיר.

די פּאָגראָמשטשיקעס זענען געקומען אַלץ נעענטער און נעענטער. דער

טאַטע האָט צוזאַמענגענומען אַלע קינדערלעך און דער היסטערישער מאַמען און זיי אַרויפגעטראָגן אויפן בוידעם. אַליין האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביים בוידעם מיט דער האַק, וועלכע ער האָט אָקאָרשט געהאַט צוגענומען ביים גוי, און ווילד געשריגן:

— קעפּ וועל איך צעהאַקן אָהן רחמנות ווער עס וועט וואַגן אַרויפצוגיין אויפן בוידעם!

קאַטינקאַ׳ס מאַמע און די קליינע קאַטינקאַ און עטלעכע פון די סטודענטן זענען געשטאַנען נעבן מיין טאַטן, גרייט מיט זייער לעבן פאַר אונז צו באַצאָלן. דורך אַ פענסטערל אין דאַך האָב איך געזען דאָס שרעקלעכע בילד, וואָס איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן. אַנטקעגן אונזער הויז האָט זיך געפונען ישראל בראָדסקי׳ס בראַנפן־זאַוואָד מיט די פּאָדוואַלן, די קעלערס, וואו מען האָט געהאַלטן די פלעשער מיט געטראַנקען. עס זענען אָהער אָנגעקומען עטלעכע הונדערט אוקראַאינער פּויערים באַוואָפנט מיט העק, גראָבע שטעקנס און גראַבליעס. זיי האָבן געליאַרמט מיט ווילדע, שיכור׳ע קולות און געקלאַפּט אין טויער, מען זאָל זיי אַהין אַריינלאָזן. דאָס טויער האָט זיך געעפנט. אַלע, וועלכע זענען געווען באַשעפטיגט אין זאַוואָד, קריסטן און אידן, זענען דאָרטן געשטאַנען אויסגעשטעלט אין צוויי רייען מיט טאַצן אין די הענט און אויף די טאַצן זענען געווען אָנגעשטעלט די טייערסטע געטראַנקען. דאָס איז געווען אַן איינפאַל פון דעם דירעקטאָר פון ישראל בראָדסקי׳ס זאַוואָד, אויפצונעמען די „געסט״ מיט שנאַפּס. דער צעיושעטער המון האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צו די פלעשער און גענומען טרינקען. טרינקענדיג האָבן זיי אויסגעשריגן:

— דאַ זדראַווסטוואויעט בראָדסקי! (זאָל לעבן בראָדסקין).

זיי האָבן זיך גוט אָנגעטרונקען און זענען אַוועק, ניט אָנרירנדיג קיין זאַך. דאָס טויער האָט זיך ווידער צוגעמאַכט.

פון בראָדסקי׳ס זאַוואָד האָבן זיך די פּאָגראָמשטשיקעס אַוועקגעלאָזט צו אונזער הויז. די קריסטלעכע סטודענטן, קאַטינקאַ׳ס מאַמע און קאַטינקאַ, האָבן זיך געשטעלט אויף די קניה און געבעטן, מען זאָל קיינעם אין הויז ניט טשעפּען. דאָס בעטן האָט געהאָלפן און די פּאָגראָמשטשיקעס זענען אַוועק. זיי זענען באַפאַלן אַנדערע הייזער, גערויבט, געשלאָגן, געברענט און אומגעבראַכט אַ סך אידישע לעבנס.

קנאַפּע דריי טעג האָט דער שרעקלעכער פּאָגראָם אָנגעהאַלטן. אויף דעם פּאָדאָל, אין אידישן קוואַרטאַל, איז די הריגה געווען אַ שוידערלעכע,

ביז פּאָליציי און מיליטער האָבן זיך ענדלעך אַריינגעמישט און דעם פּאָגראָם אָפּגעשטעלט.

פון ר׳ ניסן בעלזער זענען אָנגעקומען בריוו, אַז איך מוז צוריק קומען וואָס גיכער און איך האָב זיך פאַרטיג געמאַכט צוריקצופאָרן קיין בערדיטשעוו. די מאַמע האָט געוויינט און געבעטן דעם טאַטן, ער זאָל מיך ניט אַוועקשיקן. דער פּאָגראָם האָט אירע נערוון אײנגאַנצן צעריסן. זי האָט מיך געוואָלט האָבן נעבן זיך. דער טאַטע האָט דער מאַמען געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי טאָר מיין קאַריערע ניט צעברעכן.

— ברוך׳ל מוז צוריקפאָרן קיין בערדיטשעוו.

צוויי מענטשן האָבן געוויינט פאַרוואָס איך פאָר אַוועק — מיין מאַמע און קאַטינקאַ.

און אָט בין איך שוין צוריק אין בערדיטשעוו. באַשקעלע איז געווען דאָס גליקלעכסטע קינד אין שטאָט. ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט הינטער דער שול אין אונזער ליבעס־נעסט, האָט זי מיט טרערן אין אירע שעהנע אויגעלעך מיר ערקלערט ווי שטאַרק זי האָט געבענקט נאָך מיר. זי איז נעכט ניט געשלאָפן. איך האָב זיך געפיהלט אַזוי שולדיג, אַזוי זינדיג. איך האָב דאָך פאַרגעסן אָן איר און פאַרברענגט מיט קאַטינקאַ׳ן . . .

צו ר׳ ניסנ׳ען פלעגט פון צייט צו צייט קומען אַ קרובה זיינע צו גאַסט. זי פלעגט זיך אָפּשטעלן אויף עטלעכע וואָכן און דאַן אַוועקפאָרן צוריק אין איר היים. צוליב פאַרשטענדלעכע אורזאַכן וועל איך איר ריכטיגען נאָמען ניט אָנגעבן. איך וועל זי דאָ רופן חיה׳לע. געשטאַמט האָט זי פון אַ פיינער, באַלעבאַטישער פאַמיליע. זי איז געווען נאָך זעהר אַ יונגע און אַ זעלטענע שעהנהייט. חתונה געהאַט האָט זי זעהר יונג. זי איז נאָך קיין זעכצן יאָר ניט אַלט געווען און איז שוין געווען אַ מאַמע פון אַ קינד. מיט איר מאַן איז זי געווען צעשיידט. חיה׳לע איז געווען זעהר גוט צו מיר. יעדעס מאָל וואָס זי פלעגט זיך אָפּשטעלן אויף אַ שטיקל צייט ביי ר׳ ניסנ׳ען, פלעגט זי אויף מיר אַכטונג געבן, אַז איך זאָל עסן צו דער צייט, גיין שלאָפן צו דער צייט. חיה׳לע איז ניט געגאַנגען שלאָפן ביז זי האָט ניט געזען, אַז איך, ברוך׳ל, זאָל זיין גוט צוגעדעקט און אַז מיינע וועש, מיינע קליידער זאָלן זיין אין אָרדנונג. איך בין שוין דאַמאָלט געווען אַ בחור׳ל פון איבער צוועלף. פאַר מיינע יאָרן בין איך געווען אַ היבש ביסל איבערגעוואַקסן. די לאַנגע האָר, וועלכע האָבן מיר שעהן געפּאַסט, האָבן מיר געמאַכט אויסזען

עלטער. ווי אַ בחור פון אַ יאָר פופצן, זעכצן האָב איך אויסגעקוקט. שטונדן לאַנג פלעגט חיה'לע מיך האַלטן נעבן זיך, איך פלעג פאַר איר לייענען אידישע ביכלעך, ראָמאַנען. איך האָב איר אויך געלערנט אַביסל רוסיש. איך האָב געלעזן און זי האָט געשלונגען יעדעס וואָרט.

אַ ווינטער נאַכט. אַ שטורמווינט האָט געסטראַשעט אַוועקצובלאָזן גאַנץ בערדיטשעוו. דער שניי האָט פאַרדעקט די פענסטער פון הויז. ר' ניסן איז דאַמאָלט אין דער היים ניט געווען. ער איז געווען אַוועקגעפאָרן אין אַן אַנדערע שטאָט חתונה האָבן מיט אַ רייכער אלמנה, וועלכע האָט געהאַט אַ גלאָז־פאַבריק ניט ווייט פון בערדיטשעוו. די גר'טע, מרים, איז געשמאַק געשלאָפן נאָך אַ שווערן טאָג אַרבייט. יודעלע האָט אויך געכראָפעט אין זיין בעטל. שטיל און טרויעריג איז געווען דאָס גרויסע הויז מיט די פילע צימערן. דאָס שרעקלעכע פייפן פון שטורם־ווינט האָט די שטילקייט איבערגעריסן און די טרויעריגקייט נאָך טרויעריגער געמאַכט. דאָס קליינע קינד איז געשלאָפן אין דעם שניי־ווייסן בעטעלע. איך און חיה'לע זענעןביידע געזעסן אויף דעם ברייטן אַלטמאָדישן בעט. איך לייען פאַר חיה'לען שאָמער'ס ראָמאַן, „דער בלוטיגער אַדיע". חיה'לע האָט אָנגעשפאַרט איר שעהנעם קאָפ אויף מיין אַקסל און געקוקט מיר טיף אין די אויגן אַריין, און אַזוי זיצנדיג האָט זי איינגעדרימלט מיט אַ זיסן שמייכל אויף אירע שעהנע קאַרשן־ליפּן. איך האָב אַוועקגעלעגט דעם ראָמאַן, אַרומגענומען חיה'לען און זי שטאַרק צוגעדריקט צו זיך. חיה'לע האָט פון שלאָף ניט ערוואַכט. אַביסל שפּעטער האָט זי זיך אויפגעכאַפּט, אַרומגענומען מיך מיט איין האַנט און מיך צוגעטוליעט צו איר ווי אַ מאַמע טוליעט צו איר קינד. די קעראָסין־לאָמפּ, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, האָט שוין אָנגעהויבן צו צאַנקען, מיט יעדער מינוט אַלץ מער און מער, ביז זי האָט זיך אינגאַנצן אויסגעלאָשן. חיה'לע איז נאָך אַלץ געזעסן נעבן מיר און מיך געטוליעט צו זיך. איך האָב פּלוצלינג דערפיהלט אַ ציטער איבער מיין גאַנצן קערפּער. איך האָב חיה'לען אַ קוש געגעבן. חיה'לע איז נאָך אַלץ געשלאָפן. איך האָב איר געגעבן נאָך אַ קוש און נאָך אַ קוש. חיה'לע כאַפּט זיך אויף און נעמט מיר אויך קושן. זי נעמט אַרונטערוואַרפן פון זיך די קליידער און איך האָב באַלד דערפילט נעבן זיך איר וואַרעמען קערפּער. זי האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט און זיך צוגעדעקט מיט אַ זיידענער קאָלדרע. איך האָב איר אַ קוש געטאָן און געזאָגט אַ גוטע נאַכט. חיה'לע האָט אָנגעכאַפּט מיין האַנט.

— גיי ניט אַוועק, ברוך'ל, זיץ דאָ נעבן מיר. מיר איז דאָ אַזוי אומעטיג אַליין! דאָס פּייפן פון ווינט יאָגט אַרויף אַ מורא אויף מיר. מאַך זיך באַקוועם, ברוך'ל!

זי האָט אַראָפּגענומען פון מיר מיין רעקל, מיך צוגעדריקט צו זיך און מיך איינגעדעקט מיט דער קאָלדרע. מיר זענען געלעגן אין בעט, זיך דערציילט מעשיות, אַנעקדאָטן, פּאַסירונגען. איך האָב געוואָלט אַריינברענגען אַ לאָמפּ פון אַנדערן צימער.

— מען דאַרף ניט — האָט חיה'לע געשעפּטשעט.

מיר האָבן זיך געקושט, געהאַלזט, זיך צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן . . .

יענע צוויי ליבעס מיינע, מיט קאַטינקאַ און מיט באַשקע'ן, זענען געווען אומשולדיגע קינדער־ראָמאַנען. מיין נאָהענטקייט מיט חיה'לען איז שוין ניט געווען קיין אומשולדיגע, הגם שולדיג איז זי געווען מער ווי איך. זי איז געווען מיין ערשטע פרוי, אַלס פרוי צו אַ מאַנסביל.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט שוין דורך די פענסטער דער בלויער טאָג אַריינגעקוקט. חיה'לע איז נאָך געשמאַק געשלאָפן. איך האָב איר אַ קוש געטאָן. זי האָט ניט געהערט. איך בין אַוועק אויף די שפּיץ פינגער אין מיין צימער. יודעלע איז געשמאַק געשלאָפן און ניט געהערט ווען איך האָב זיך נעבן אים אַוועקגעלייגט. איך בין איינגעשלאָפן ווי אַ גע'הרג'עטער. שפּעטער, עסנדיג פרישטיק, צוזאַמען מיט חיה'לען און יודעלע'ן, בין איך געזעסן אַ פאַרשעמטער. חיה'לע האָט זיך געוויצלט און כסדר מיר צוגעשאַרט די בעסטע מאכלים.

5

פֿאָליציי באַפֿאַלט די סטודענטן־קיך — אויף אַן אויספֿאָרשונג ביים גובערנאַטאָר — מיר ווערן אַרויסגעשיקט פֿון רוסלאַנד — מיין אַוועקפֿאָרן פֿון בערדיטשעוו — גע׳גנב׳עט דעם גרענעץ. ביים בלינדן חזן — איך דאַוון שבת מברכים אין בראָדער שול — „אַליאַנס איזראַעליט" שיקט עמיגראַנטן קיין אַמעריקע — די רייזע קיין אַנטווערפּן — אידן זענען פֿאָרט בני רחמנים — 21 טעג שאָקלען מיר זיך קיין אַמעריקע.

מיין טאַטע האָט זיך ניט צוגעהערט צו די רייד פֿון זיידן, ער האָט זיך ניט צוגעהערט צו די רייד פֿון דער מאַמען מיינער, אַז ער זאָל זיך אויפֿהערן צו חבר׳ן מיט די סטודענטן, ווארום אַז ניט וועט נאָך קומען אייף איבז אַן אומגליק.

און דאָס אומגליק איז טאַקע געקומען.

אַ געווויסן טאָג איז די פֿאָליציי באַפֿאַלן די סטודענטן־קיך און אַרעסטירט אַלע, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפֿונען. קאַטיאַ׳ס מאַמע איז אויך אַרעסטירט געוואָרן. פֿאָליציי האָט געמאַכט אַן אָביסק און האָט געפֿונען גאַנצע בערג מיט פֿאַרבאָטענע ליטעראַטור, רעוואָלוציאָנערע ביכער און שריפֿטען און מען האָט זיך געשושקעט אַז אין קעלער פֿון הויז האָט מען געפֿונען אַ דרוק־מאַשין מיט אַלע נויטיגע זאַכן פֿאַר אַ דרוקעריי. פֿאָליציי האָט די קיך פֿאַר׳חתמ׳עט. מיין מאַמע האָט די קליינע קאַטינקאַ אַריינגענומען צו זיך אין הויז און זי געהאַלטן ביז אַ באָבע אירע איז געקומען און זי גענומען צו זיך.

מער האָב איך קאַטינקאַ'ן ניט געזען.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט דער טאַטע געקראָגן אַ בריוו פון דער פּאָליציי, אַז אין אַ געוויסן טאָג זאָל ער עלף אַזייגער אינדערפרי זיך מעלדן אין דער קאַנצעלאַריע פון גובערנאַטאָר. צו דער באַשטימטער צייט איז דער טאַטע געשטאַנען פאַרן קיעווער גובערנאַטאָר. ער האָט געדאַרפט ענטפערן אויף פאַרשידענע פראַגן, וואָס דער גובערנאַטאָר האָט אים געשטעלט. ענטפערן דעם אמת, וואָלט עס מיינען פאַראַטן די סטודענטן, און דאָס האָט דער טאַטע, נאַטירלעך, ניט געוואָלט טאָן. מיט גוטן און מיט בייזן האָט דער גובערנאַטאָר געזוכט צו ווירקן אויפן טאַטן, אַז ער זאָל געבן אַזעלכע ענטפערס ווי אים האָט זיך געוואָלט. דער טאַטע מיינער האָט זיך קונציג אַרויסגע־דרייט און ניט געגעבן די ענטפערס וואָס מען האָט געוואָלט פון אים אַרויסקריגן, און דער גובערנאַטאָר האָט אַרויסגעגעבן אַ קורצן אורטייל:

— אין פיר־און־צוואַנציג שעה צייט מוזטו פאַרלאָזן רוסלאַנד. דיין געביין טאָר זיך דאָ מער ניט געפינען!

דער טאַטע האָט זיך געבעטן אַז מען זאָל אים געבן כאָטש אייניגע וואָכן צייט אויף צו פאַרקויפן זיין געשעפט און איינמאָנען די חובות וואָס זענען אים געקומען. דער גובערנאַטאָר האָט ניט געלאָזט צו זיך רעדן.

— איך גיב דיר פיר־און־צוואַנציג שטונדן צייט! — האָט ער גע־שטורעמט — און אַ סוף!

אין פיר־און־צוואַנציג שעה צייט האָבן טאַטע־מאַמע געטאָן וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט, כדי אויסצופאָלגן דעם באַפעל. וואָס זיי האָבן געקענט, האָבן זיי פאַרקויפט, פאַר האַלב געלט, נאַטירלעך, און נאָך פאַר ווייניגער ווי העלפט. דאָס איבריגע האָבן זיי צעשאָנקען, און זיי זענען אַרויסגעפאָרן פון קיעוו. דער טאַטע איז געפאָרן דירעקט קיין בראָד, גאַליציען. די מאַמע האָט אויסגעבלאָפּאָטשעט דריי טאָג צייט, אַז מען זאָל מיך קאָנען אָפּנעמען פון בערדיטשעוו. איך האָב פון קיין זאַך ניט געוואוסט.

אין אַ שעהנעם טאָג איז די מאַמע מיינע מיט די אַנדערע קינדערלעך: מיינע שוועסטערלעך און ברידערלעך, אָנגעקומען אין בערדיטשעוו. זי איז פאַרפאָרן אין אַ האָטעל און געשיקט נאָך מיר. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ געוואַלדיגע איבעראַשונג. די מאַמע, מיינע שוועסטערלעך און ברידער־לעך אין בערדיטשעוו! די מאַמע האָט מיר דערציילט וואָס עס איז געשען און מיר אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז דער טאַטע איז שוין אין בראָד און אַז מיר מוזן פאַרלאָזן רוסלאַנד. זי איז געקומען מיך נעמען.

מיר פאָרן קיין אַמעריקע. די נייעס האָט אין מיר אַרויסגערופן גרויס פרייד. אַ קלייניגקייט, אַמעריקע! מאַכן אַ רייזע פון בערדיטשעוו אַזש קיין אַמעריקע! . . . .

דאָס איז געווען פונקט צוויי וואָכן פאַר די ימים נוראים — דער סעזאָן פון חזנות: סליחות, ראָש־השנה, יום כפור.

— ווי קאָן איך אַוועקפאָרן און איבערלאָזן ר׳ ניסנ׳ען? — האָב איך ביי דער מאַמען געפרעגט.

די מאַמע ערקלערט מיר, אַז מען קאָן דאָ גאָרניט העלפן. עס איז אַ באַפעל פון קיעווער גובערנאַטאָר און מיר מוזן פאַרלאָזן רוסלאַנד. איך טראַכט: ווי זאָגט מען אָן די בשורה ר׳ ניסנ׳ען צוויי וואָכן פאַר ימים נוראים? איך בין געווען זעהר צעטראָגן. עס ציט מיך צו פאָרן קיין אַמעריקע. און וואָס טוט מען מיט ר׳ ניסנ׳ען?

די מאַמע האָט מיך באַרוהיגט.

— מיין קינד, ר׳ ניסן וועט פאַרשטיין, אַז עס איז קיין אַנדערע ברירה ניטאָ. עס איז אַ באַפעל פון דער רעגירונג. מיר מוזן פאַרלאָזן רוסלאַנד. מיר האָבן נאָך אינגאַנצן צוויי טעג צייט.

די מאַמע איז מיט מיר אַוועק צו ר׳ ניסנ׳ען. זי האָט אים אַלץ ערקלערט און דערביי אים געוויזן דעם געשריבענעם באַפעל פון גובערנאַטאָר. ביי דעם באַרימטן חזן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. ער האָט מיך אַרומגענומען און צו זיין ברוסט צוגעדריקט.

— דו מוזט אַוועקפאָרן פון מיר, ברוך׳ל, — האָט ער געזאָגט אין אַ טאָן פון טיפן באַדויערן, — אַ שאָד, אַ שאָד!

און צו דער מאַמען האָט ער זיך געווענדעט:

— אייער ברוך׳ל איז ביי מיר אין הארצן פונקט אַזוי טייער ווי מיינע אייגענע קינדער.

מיר איז בלויז געבליבן זיך צו געזעגענען מיט בערדיטשעוו. חיה׳לע איז געווען די ערשטע, וואָס האָט טרערן פאַרגאָסן. ביים געזעגענען זיך מיט איר, האָט זי מיך געבעטן, איך זאָל אָן איר ניט פאַרגעסן, איך זאָל איר שרייבן. איך האָב איר צוגעזאָגט צו שרייבן פון אַמעריקע. די צווייטע וואָס האָט אַ סך טרערן פאַרגאָסן איז געווען מיין באַשקע׳לע.

ר׳ ניסן, די משוררים און אייניגע באַלעבאַטים האָבן אונז צו דער באַן באַגלייט. ווען די באַן האָט זיך גענומען רירן, האָב איך זיך שטאַרק צעוויינט.

אונזער ערשטע סטאַנציע, וואו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, איז געווען א שטעטל ניט ווייט פון דער עסטרייכישער גרעניץ, ראַדזיוויל. מיר זענען פאַרפאָרן אין אַ אידישער אכסניא. באַלד זענען געקומען צולויפן אידן־שמוגלערס, וואָס פלעגן באַזאָרגן דאָס אריבער׳גנב׳ענען זיך דעם גרענעץ, עס האָט זיך אָנגעהויבן א דינגעניש. דער טאַטע איז שוין זיינס איבער־געקומען. ער האָט שוין אויף אונז געוואַרט אין בראָד, גאַליציע, וואָס האָט דאַמאָלט געהערט צו עסטרייך. איצט האָבן מיר געדאַרפט דורכגיין דעם גיהינום. די מאַמע איז ענדלעך דורכגעקומען מיט איינעם פון די שמוגלערס און עס איז באַשטימט געוואָרן, אז א געוויסע נאַכט וועלן צו אונז קומען איניגע מענטשן און אונז אריבערפירן איבער דעם גרענעץ.

עס איז געווען א פינסטערע נאַכט ווען צו דער אכסניא איז צוגעפאָרן א גרויסער וואָגן, געשפּאַנט מיט צוויי אָקסן. דער אָנטרייבער איז געווען א קריסט. אויפן וואָגן זענען געווען אידן, וועלכע האָבן אונז געדאַרפט אריבערפּעקלען איבערן גרענעץ. מען האָט ארויפגעלייגט אונזערע פּעק אויפן וואָגן. דער קריסט האָט אונז איבערגעדעקט מיט זעק, מיט שטרוי, און מיר זענען געפאָרן. מיר האָבן קיין זאַך ניט געזען, ווייל די זעק מיט שטרוי האָבן אונז פאַרדעקט. איך געדענק בלויז, אז א לאַנגע, לאַנגע צייט זענען מיר אַזוי געפאָרן. די מאַמע האָט געקרעכצט, דאָס פּיצעלע קינד, א שוועסטערל (זי איז ביים אָנקומען אין אַמעריקע געשטאָרבן), האָט גע־וויינט. דער קריסט האָט אריינגעשריגן צו אונז פון זיין פּלאַץ, אַז מען זאָל דאָס קינד פאַרשטאָפּן דאָס מויל. דאָס אָרעמע נפש׳ל האָט ניט גע־וואוסט, אַז מיר גנב׳ענען דעם גרענעץ און, אַז עס דאַרף זיין שטיל. צוליב דעם וויינענדיגן קינד האָט מען וויטער ניט געקאַנט פאָרן. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דער קריסט האָט אַראָפּגענומען פון אונז די זעק מיט די שטרוי און אונז אַריינגעפירט אין אַ קליין קריסטלעך שטיבל. דאָרטן האָבן מיר פאַרבראַכט איניגע שעה, דערנאָך האָט מען אונז ווידער אַריינגעזעצט אין וואָגן, אונז ווידער איינגעדעקט מיט זעק מיט שטרוי, איצט נאָך מער ווי פריער. עס זענען אויפן וועג צוגעקומען נאָך איניגע קריסטן. זיי האָבן געמאַכט לעבער אין שטרוי אַזוי, אַז מיר זאָלן האָבן לופט צו אָטעמען. מיר זענען אַזוי געפאָרן אַ היבשע שטרעקע. דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט. מען האָט אַראָפּגענומען פון אונז די זעק מיט שטרוי. מיר האָבן זיך געפונען אויף אַ פעלד. די קריסטן האָבן אונז געהייסן אַרונטערגעהן פון וואָגן. די מאַמע האָט זיך דערפרייט און געזאָגט צו אונז, קינדער, זעהר שטיל:

— שוין, ברוך השם, שוין איבערגעקומען!

אָבער די קריסטן האָבן אונז ערקלערט, אַז מיר זענען נאָך די גרענעץ ניט אַריבערגעגאַנגען. זיי האָבן אונז אָנגעוויזן אויף אַ שטיבל מיט אַ שטרויענעם דאַך, און צו אונז געזאָגט:

— ווען איר וועט זיין שוין דאָרטן, אין יענעם שטיבל, וועט איר שוין זיין אויף דער אַנדער זייט גרענעץ. דאָרט איז שוין עסטרייך.

די קריסטן האָבן אַרויסגענומען קליידער פון אַ זעקל. דער מאַמען האָבן זיי אָנגעטאָן אַ רויטן שאַל מיט אַ פויערשע בורקע. מיך, מיט די איבריגע קינדער האָבן זיי אָנגעטאָן אין אויסגענייטע מאַלאָרוסישע העמדלעך און פויערשע היטלען, און יעדן פון אונז געגעבן אַ גראָבן שטעקן אין האַנט. איינער פון די אידן, וועלכער איז מיט אונז דעם גאַנצן וועג מיטגעפאָרן, האָט אויך אָנגעטאָן אַ פויערש היטל, און גענומען אַ גראָבן שטעקן אין האַנט. ער איז געגאַנגען פאָרויס און מיר נאָך אים.

פּלוצים דערהערן מיר דאָס קלאַפּן פון פערדישע קאָפּיטעס און באַלד שטייט פאַר אונז אַ גרענעץ־סאָלדאַט אויף אַ פערד. די קריסטן האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד און אונזער ביסל משפחה האָבן זיי אַוועקגעזעצט נעבן זיך. זיי האָבן יעדן איינעם געגעבן אַ שטיק ברויט. מיר האָבן גענומען עסן מיט שרעק. די קריסטן האָבן פאַררויכערט זייערע ליולקעס. עס איז געוועזן שטיל. קיינער האָט קיין וואָרט ניט גערעדט. דער סאָלדאַט האָט שווייגנדיג אונז אַ ווײַלע באַטראַכט, דערנאָך האָט ער אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און ביים ליכט פון ברענענדיגן שוועבעלע, האָט ער זיך אין אונז איינגעקוקט, פרעגנדיג ביי די קריסטן, וואָס מיר טוען דאָ. די קריסטן האָבן אַ ווײַלע גערעדט מיטן סאָלדאַט. דאָס אידל אין דעם פויערשן היטל און אין די פויערשע קליידער איז אויך צוגעגאַנגען צום רעדל. וואָס זיי האָבן דאָרטן גערעדט, ווייס איך ביזן היינטיגן טאָג ניט. איך געדענק נאָר, אַז דער סאָלדאַט האָט אונז איבערגעלאָזט און איז אַוועק רייטנדיג אויף זיין פערד. מען האָט אונז דאַן צוגעפירט צום שטיבל. דער איד האָט אונז געוואונשן אַ גליקלעכע רייזע און דערביי געזאָגט:

— איצט דאַרפט איר שוין פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן. איר זענט שוין אין עסטרייך. דאָ קען מען אייך שוין גאָרניט טאָן.

מיר זענען אַריין אין הייזל. דאָרט האָבן אונז אויפגענומען אַ איד און אַ אידענע, די באַלעבאַטים. די אידענע איז געווען אַ גראָבע מיט דריי גאָידערס. זי איז אַפּנים נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון שלאָף.

די האָר זענען ביי איר געווען צעשויבערט און פול מיט פעדערן. דאָס פּאָר פאָלק האָט אונז זעהר פיין אויפגענומען און עס האָט ניט גענומען לאַנג און אויפן טיש איז געשטאַנען אַ זודיגער סאַמאָוואַר. זיי האָבן דערלאַנגט עסן און מיר האָבן זיך ווי היישעריקן צוגעכאַפּט צו די מאכלים. איך געדענק ווי פאַרן אוועקפאָרן האָט די מאַמע זיך אָנגעבייזערט אויפן איד מיט דער אידענע:

— גזלנים, בייטעל־שניידער, הויט־שינדערן פאַר אַ סאַמאָוואַר מיט אַ פּאָר אַלטע פאַרשימעלטע קנישעס און אַ פּאָר בייגל, רעכנט איר מיר צוואַנציג רובל!

— וועט איר נאָך אַמאָל, ווען איר וועט צוריקפאָרן פון אַמעריקע, צו אונז מער ניט קומען. — האָט דאָס אידל זיך אָנגערופן.

און די אידענע מיט די דריי גוידערס האָט געכיכעט און געלאַכט מיט אַ שטימע פון אַ קאַטשקע.

צומאָרגנס זענען מיר מיטן ערשטן צוג אָפּגעפאָרן קיין בראָד. פאַרן אוועקפאָרן האָט די מאַמע געשיקט אַ טעלעגראַמע צום טאַטן. ווען מיר זענען אָנגעקומען אין בראָד, האָט דער טאַטע שוין אויף אונז געוואַרט אויפן וואָקזאַל. די באַגעגעניש איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע, געמישט מיט פרייד און טרערן.

— גאָט צו דאַנקען, שוין איבערגעקומען! — האָט דער טאַטע אויסגערופן. — פּטור געוואָרן פון רוסלאַנד! אריבער בשלום דעם גרענעץ . . .

דער טאַטע האָט פאַר אונז פאַרזאָרגט צימערן אין אַן עכט־אידישן האָטעל. אהין זענען מיר פון וואָקזאַל צוגעפאָרן. איך געדענק ווי דער טאַטע פלעגט עטלעכע מאָל אַ טאָג גאָט דאַנקען דערפאַר וואָס מיר האָבן זיך געראַטעוועט פון רוסלאַנד. דורך דער קורצער צייט וואָס דער פאָטער מיינער איז געווען אין בראָד, האָט ער זיך שוין געהאַט איינגעשאַפט אַ סך באַקאַנטע. צווישן זיינע נייע באַקאַנטע האָט זיך געפונען אַ רוסישער סאָלדאַט, וועלכער איז אַנטלאָפן פון דער אַרמיי. דאָס איז געווען זעהר אַן אינטעליגענטער יונגעמאַן. ער האָט אריבערגעשוואַרצט די גרענעץ צוזאַמען מיטן טאַטן.

אין בראָד האָט דער טאַטע אויך באַגעגנט זיינעם אַ חבר, מיט וועלכן ער איז אַמאָל צוזאַמען אין איין חדר געגאַנגען. דאָס איז געווען אַ דיקער איד פון דריי הונדערט און פופציג פונט. זיין אידענע איז אויך געווען זעהר אַ דיקע. דאָס פּאָר פאָלק האָט געהאַט אַ גאַנץ היבשע משפחה, דריי

אינגלעך און דריי מיידלעך, אלע געראָטן אין זייער טאַטע־מאַמע, אלע זעהר דיקע, אלע אָנגעפּרעסענע, אויסגעפּאַשעטע, קורצע, מיט פּיס ווי קלעצער און מיט אָנגעבלאָזענע באַקן. די גאַנצע משפּחה האָט געהאַלטן אין איין שוויצן. וואָס הייסט שוויצן! עס איז פּשוט אונמעגלעך געווען צו זיצן נעבן זיי, ווען די גאַנצע משפּחה האָט זיך געפונען אין איין צימער. איך האָב פיינט געהאַט זיך צו חבר'ן מיט די דיקע קינדער, ווייל איך האָב ניט געקענט פאַרטראָגן זייער שוויצן.

דעם טאַטנס יוגענד־פריינד איז געווען א איד א בן־תורה און ניט קיין אָרעמאַן. די פאַמיליע האָט געוואוינט אין זעלבן האָטעל, וואו מיר זענען איינגעשטאַנען, זענען מיר פון גאַנץ פרי ביז שפּעט ביינאַכט געווען צוזאַמען. מיר האָבן דאָרט געדאַרפט וואַרטן ביז עס וועט קומען די צייט, אַז מיר זאָלן אויף א צוג פאָרן קיין אַנטווערפּן, און פון דאָרטן וועט אַן עמיגראַנטן־געזעלשאַפט אונז שיקן קיין אַמעריקע. עטלעכע וואָכן האָבן מיר געוואַרט אין בראָד.

דער בראָדער חזן (ער איז געווען א בלינדער) האָט זיך דערוואוסט אַז, איך, ברוך'ל, ר' ניסן בעלזער'ס באַרימטער סאָפּראַן, געפינט זיך אין בראָד, האָט ער געשיקט א מענטשן בעטן דעם טאַטן מיינעם, ער זאָל מיך ברענגען צו אים. דער טאַטע מיינער, א איד א יחסן, האָט געענטפערט דעם בלינדן חזן, אַז אויב ער וויל „זען" זיין ברוך'לען, זאָל ער זיך מטריח זיין און קומען צו אונז.

דעם זעלבן טאָג נאָך האָט דער זעלבער איד געבראַכט א בריוול פון חזן צו מיין טאַטן. דער חזן האָט געשריבן, אַז ער וואָלט מיט גרויס כבוד געקומען צו ברוך'לם טאַטן, אָבער גאָט האָט אים געשטראָפט און אַוועקגענומען ביי אים דאָס ליכט פון זיינע אויגן. אים קומט אָן זעהר שווער דאָס גיין, דערפאַר בעט ער מען זאָל אויף אים קיין פאַראיבל ניט האָבן און אים צוטיילן דעם כבוד. דער טאַטע איז שטאַרק גערירט געוואָרן פון דעם חזנ'ס עטלעכע ווערטער. ער האָט פאַר מיר דעם חזנ'ס בריוול איבער־געלייענט און איך האָב צוגעשטימט, אַז מיר דאַרפן גיין צו אים.

דער בלינדער חזן האָט אונז אויפגענומען מיט גרויס כבוד.

דער ערשטער געשפּרעך איז געווען וועגן ר' ניסן בעלזער. דער בלינדער חזן האָט גערעדט מיט גרויס באַגייסטערונג וועגן אים.

— געזען האָב איך ר' ניסנ'ען קיינמאָל ניט, ווייל גאָט האָט ביי מיר

צוגענומען די ראיה. כ'האָב אָבער געהערט אים דאַווענען מיט זיין באַרימטן כאָר, און איך זינג זיינע קאָמפּאָזיציעס. אייער ברוך'לען זע איך נאַטירלעך ניט. איך האָב אָבער געהערט וועגן אים שיינע זאַכן.

ער האָט מיך צוגערופן צו זיך, מיך געגלעט און דערביי געזאָגט:

— ברוך'ל, מען האָט מיר דערציילט גאַנצע ניסים פון דיר. מען זאָגט מיר, אַז דו ביזט אַ שעהן אינגעלע. דאָס, מיין קינד, איז אַ גרויסע מעלה פאַר אַ זינגער. אין אַמעריקע וועסטו אויך נושא חן זיין. זאָג מיר, ברוך'ל, אַז איך וועל דיך בעטן, אַז דו זאָלסט עפּעס פאַר מיר זינגען, וועסטו עס מיר ניט אָפּזאָגן? דו ווייסט דאָך אודאי, אַז אַ בלינדן טאָר מען ניט אָפּזאָגן ווען ער בעט עפּעס, אַ בלינדער איז ווי אַ קינד . . .

נאָך איידער איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט אים צו ענטפערן, האָט דער בלינדער חזן ווייטער גערעדט:

— ברוך'ל, איך וויל דיך חלילה ניט פאַרהערן זינגען. איך ווייס, אַז גאָט האָט דיך געבענשט מיט אַ טייערע סאָפּראַן־שטימע. עס איז אַ גרויסער כבוד און אַ זכיה, אַז מען זינגט ביי ר' ניסן בעלזער אין כאָר. בעט איך דיך, אַז דו זאָלסט מיך מכבד זיין און פאַר מיר עפּעס זינגען.

דער טאַטע האָט מיר צוגעוואונקען, אַז איך זאָל דעם בלינדן חזן צוליב טאָן. איך האָב געזונגען פאַר אים ר' ניסן בעלזער'ס באַרימטן ראש־חדש בענטשן, דעם גאַנצן „יהי רצון" האָב איך געזונגען, אפילו די „סאָלאָס" וואָס דער חזן האָט דאַרטן צו זינגען האָב איך ניט אויסגעלאָזט. ווען איך האָב געענדיגט זינגען, האָט זיך דער בלינדער חזן אויפגעכאַפּט פון זיין שטול, זיינע בלינדע אויגן זענען געווען ברייט אָפן, ער האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענט און מיט באַגייסטערונג גערופן מיין נאָמען.

— ברוך'ל, ברוך'ל, קום אַהער צו מיר. איך וועל דיך בענטשן, איך וויל דיר ווינטשן גליק.

ער האָט מיך צוגעדריקט צו זיין ברוסט און געקושט.

— גאָט זאָל דיך אַזוי מחיה זיין ווי דו האָסט מיך מחיה געווען! ברוך'ל, איך וויל דיך בעטן, אַז דו זאָלסט זינגען אין דער בראָדער שול, כאָטש איין מאָל צו שבת מברכים, זאָג עס מיר ניט אָפּ! די באַלעבאַטים וועלן דיר דערפאַר גוט באַצאָלן.

איך האָב געשוויגן און געוואַרט, אַז דער טאַטע זאָל ענטפערן. דער בלינדער חזן האָט זיך געווענדעט צום טאַטן:

— וואָס זאָגט איר, הער טאָמאַשעווסקי?

איך האָב געוואונקען צום טאַטן, אַז ער זאָל זאָגן יאָ. דער טאַטע האָט צוגעזאָגט דעם בלינדן חזן, אַז ער וועט מיך לאָזן זינגען.

— אָבער דאָס געלט — האָט דער טאַטע באַמערקט, — וואָס די באַלע־באַטים וועלן מיר באַצאָלן, זאָל גיין פאַרן אידישן שפּיטאָל אָדער פאַר וועלכן עס איז אַנדערן וואוילטעטיגן צוועק, ווייל, גאָט צו דאַנק, איך נויטיג זיך ניט אין געלט.

דער בלינדער חזן האָט זיך שטאַרק דערפרייט. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זינגען יענעם שבת ר׳ ניסנ׳ס קאָמפּאָזיציעס. אַלץ וואָס ער האָט פאַרלאַנגט איז געווען, אַז איך זאָל קומען צו דריי אָדער פיר פּראָבעס.

באַלד האָט גאַנץ בראָד געקלונגען מיט דער נייעס, אַז ר׳ ניסן בעלזער׳ס סאָפּראַן וועט זינגען אין דער בראָדער שול שבת מברכים.

די שול איז געווען באַלאַגערט מיט אַ ריזיגן עולם. זי איז געווען אַזוי איבערגעפּאַקט, אַז קיין שפּילקע האָט מען ניט געקענט אריינוואַרפן, און דרויסן האָבן זיך געפונען אַ מאַסע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געשפּאַרט אריינצוגיין. פּאָליציי האָט געמוזט האַלטן אָרדנונג. שבת אין דער פרי איז דער געדראַנג געווען נאָך גרעסער ווי פרייטאָג צונאַכט, האַלב בראָד איז געשטאַנען אין דרויסן. מען האָט געעפנט טיר און פענסטער, כדי צו געבן דעם דרויסנדיגן עולם אַ געלעגנהייט צו הערן.

איך האָב זעהר אויסגענומען מיט מיין זינגען. שבת ביינאַכט איז דער טאַטע פאַרבעטן געוואָרן צום גבאי פון שול. דאָרטן זענען געווען פאַר־זאַמלט די פיינסטע באַלעבאַטים פון שטאָט. אַזוי ווי עס איז געווען עטלעכע וואָכן פאַר מיין בר־מצוה, האָט מיר די גבאי׳טע געשאָנקען אַ תפילין־זעקעלע, אויסגעשטריקט מיט גאָלד. דאָס תפילין־זעקעלע האָט זי אייגנטלעך גע־לאָזט מאַכן פאַר איר איינגל, וועלכער האָט געדאַרפט בר־מצוה ווערן מיט עטלעכע חדשים שפּעטער.

ווען מיר זענען אָפּגעפאָרן פון בראָד, איז דער בלינדער חזן מיט די משוררים און אייניגע באַלעבאַטים געקומען צום באַן זיך געזעגענען מיט אונז. מען האָט מיר שיינע מתנות געבראַכט. מיט כבוד האָבן מיר פאַרלאָזן די באַרימטע אידישע שטאָט בראָד.

מאַסן אידן האָבן זיך דענסטמאָל געפונען אין בראָד, וועלכע האָבן זיך געקליבן צו פאָרן קיין אַמעריקע. צווישן די עמיגראַנטן זענען געווען אַ סך פאַמיליעס: מענער, פרויען און זייערע קינדער. די עמיגראַנטן האָבן

געוואָרט, אַז די „אַליאַנס־איזראַעליט" זאָל זיי אַריבערשיקן קיין אַמעריקע.

ענדלעך איז אָנגעקומען אַ בריוו פון דער „אַליאַנס־איזראַעליט" צו אַ געוויסע צאָל עמיגראַנטן, אַז זיי זאָלן זיך אין אַ באַשטימטן טאָג מעלדן און זיין גרייט צו דער רייזע. מיר האָבן געדאַרפט פאָרן מיט דער זעלבער גרופּע. צווישן די עמיגראַנטן איז געוואָרן אַ גרויסע שמחה.

אין אַ באַשטימטן טאָג האָבן זיי זיך אַלע פאַרזאַמלט אויפן באַן־הויף מיט זייערע קלומקעס, פּעקלעך, בלעכענע שיסלען, לעפל און קווערטלעך. די באַן האָט אונז געדאַרפט אָפּפירן קיין אַנטווערפּן, פון וואַנען עס וועט אָפּגיין אַ שיף קיין אַמעריקע.

די רייזע אויף דער באַן איז געווען אַ שרעקלעך אָפּקומעניש. מען האָט אַריינגעפּאַקט מער מענטשן ווי עס האָט געקאָנט אין וואַגאָן אַריין. די וואַגאָנעס זענען געווען שטאַרק אָפּגעלאָזענע, פול מיט שטויב, האַלב צעבראָכענע. אין דער אָפּטיילונג, וואו אונזער פאַמיליע האָט זיך געפונען, האָבן העכסטנס געקאָנט אַריין אַכט מענטשן, אָבער דער טאַטע מיינער האָט געוויזן אַ קונץ און האָט אַהין אַריינגעשטופּט דעם גראָבן אידן מיט זיין גראָבער אידענע און זייערע זעקס דיקע קינדער. פאַר זיי אַליין וואָלט די אָפּטיילונג געווען צו קליין, און צו דעם געזינדל האָט זיך נאָך מיטגעשלעפּט דער אַנטלאָפענער סאָלדאַט. אונזער פאַמיליע איז באַשטאַנען פון דעם טאַטן, די מאַמע און פיר קינדערלעך, פון וועלכע איך בין געווען דער עלטסטער. צוזאַמען זענען מיר, אַלזאָ, געווען אין דער אָפּטיילונג פון וואַגאָן אַכצן נפשות. די וואַגאָנעס זענען געווען פאַרשלאָסן. די עמיגראַנטן האָבן זיך געפונען ווי חיות אין אַ שטייג. מען האָט געקאָנט אויסגיין פאַר אַ טרונק וואַסער, האָט מען דאָס ניט געקאָנט קריגן. אַזוי זענען מיר געפאָרן אַ היבשע שטרעקע. דער גראָבער איד, מיין טאַטנס יונגנד־חבר, האָט באַלד ווי דער צוג האָט זיך גענומען רירן, זיך אַ כאַפּ געטאָן צו דער אכילה. אין דער שטיקעניש און קוועטשעניש, האָט ער זיך געמאַכט גאַנץ באַקוועם. זיין אידענע האָט אים דערלאַנגט אמת־אידישע הערינג מיט ציבעלעס, קאַלטע קאָטלעטן מיט קנאָבל, און אַ סך קנאָבל, גלאַט אַזוי ציבעלעס. נאָכן עסן האָט דעם אידן גענומען ברענען, ער האָט אָבער אפילו קיין איין טראָפּן וואַסער ניט געקענט קריגן. אויף יעדער סטאַנציע האָבן די עמיגראַנטן געקלאַפּט אין די פענסטער, געבעטן מען זאָל זיי אַרויסלאָזן. עס האָבן זיך געהערט געשרייען: „וואַסער, וואַסער"! אָבער די קאָנדוקטאָרן האָבן זיך אפילו ניט אומגעקוקט.

ענדלעך האָט זיך גאָט מרחם געווען. אויף אַ געוויסער סטאַנציע, דאַכט זיך, דאָס איז געווען אין קראַקוי, האָט זיך די באַן אָפּגעשטעלט און די טירן פון די פאַרמאַכטע וואַגאָנען־שטייגן האָבן זיך געעפנט. אויף דער פּלאַט־פאָרמע זענען געשטאַנען דאַמען און הערען, שעהן געקליידעטע, אויך יונגע לייט. זיי האָבן אונז, עמיגראַנטן, פריינדלעך באַגריסט און געהייסן מיר זאָלן גיין מיט זיי. ווי אַ טשערעדע שאָף זענען מיר זיי נאָכגעגאַנגען. מען האָט אונז אַרייַנגעפירט אין אַ גרויסן זאַל, וואו עס זענען געשטאַנען געדעקטע לאַנגע טישן מיט אַלערליי מאכלים און געטראַנקען. מיר האָבן געגעסן און איינינגע פון די מענער האָבן פאַר אונז געהאַלטן רעדעס. זיי האָבן דערציילט וואָס זיי טוען פאַר אונז, עמיגראַנטן, און וואָס זיי וועלן נאָך ווייטער טאָן ביז זיי וועלן אַריבערנעמען קיין אַמעריקע אַלע אידן פון רוסלאַנד. זיי האָבן אונז געוואונשן אַ גליקלעכע רייזע און גליק אין אונזער נייער היים. מיר האָבן אויסגעהערט די רעדעס און אין דערזעלבער צייט זיך געקוויקט מיט די גוטע מאכלים און געטראַנקען. דער דיקער איד מיט זיין אידענע און זייערע קינדער האָבן געגעסן ווי נאָך אַ קרענק און געטרונקען פון אַלע פלעשער. און טאָמער איז עס געווען ווייניג, האָבן זיי אָנגעשטאָפּט אַלע קעשענעס מיט וואורשטלעך, קאָלבאַסן און וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט מיטשלעפּן, האָבן זיי מיטגעשלעפּט מיט זיך. די באַן־באַאמטע האָבן אונז געגעבן גענוג צייט זיך אָפּצורוהען, צו געניסן אביסל פון דער פרישער לופט. ענדלעך האָט זיך געהערט אַ קלונג. אַ סיגנאַל. אַז מען דאַרף אַריינ־גיין צוריק אין די וואַגאָנען און — מיר פאָרן שוין ווייטער.

מיר זענען בשלום אָנגעקומען קיין אַנטווערפּן. מען האָט אונז אַריינ־געפירט אין אַ ביליגן האָטעל, וואו מען האָט אונז געהאַלטן עטלעכע טעג. די בעלגישע אידן זענען געקומען אונז אָנקוקן ווי מיר וואָלטן זיין ווילדע מענטשן. דער טאַטע האָט אונז יעדן טאָג געפירט אָנקוקן די שעהנע שטאָט. מיר האָבן באַזוכט מוזעאומס, פּאַרקס און אַנדערע עפענטלעכע אַנשטאַלטן. אפילו אין טעאַטער האָט מיך דער טאַטע גענומען. איך האָב נאַטירלעך ניט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט פון דער פּיעסע, וואָס מען האָט דאָרט געשפּילט, אָבער מיר איז זעהר געפעלן געווען דער שעהנער טעאַטער און די מוזיק.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אונז צוזאַמענגעשטיקט אין גרויסע וואַגאָ־נעס, וועלכע זענען געפירט געוואָרן פון נאָך גרעסערע פערד. אַזעלכע גרויסע פערד האָב איך נאָך אין מיין לעבן ניט געזען. מען האָט אונז צוגעפירט

צו אַ קליינער שיף. עס איז געווען אַ טריבער רעגנדיגער טאָג. די שיף האָט אויף אונז אַלעמען אָנגעוואָרפן אַ שרעק. אָט דאָס קליינע שיפל וועט אונז אַלע שלעפּן אַזש קיין אַמעריקע! דער טאַטע האָט אונז ער־קלערט, אַז מיר דאַרפן פאָרן איין־און־צוואַנציג טעג, דאָס הייסט, ווען אַלץ וועט צוגיין בשלום: ווען, חלילה, ניט, ווער ווייס ווי לאַנג מיר וועלן זיך דאַרפן שלעפּן.

אַרויפקומענדיג אויף דער שיף, האָט מען אונז געפירט אויף טרעפּן אַלץ טיפער און טיפער. מיר זענען געגאַנגען איבער טרעפּן און געקראָכן איבער לייטערס ביז מען האָט אונז געבראַכט אין אַ פינסטערן פייכטן קעלער, אָהן לופט, אָהן פענסטער. די פּאָדלאָגע איז געווען אַ גליטשיגע. די בעטן, צוזאַמענגעשלאָגן פון ברעטלעך, זענען געווען איינע איבער דער אַנדערער. זעק מיט שטרוי האָבן געדינט אַלס מאַטראַצן. פון לייַלעכער אָדער ציכן איז ניט געווען קיין זכר.

— אָט דאָ, אין דער שטיקעניש, אין דער פייכטקייט וועלען מיר דאַרפן אָפּפינסטערן איין־און־צוואַנציג טעג! — האָט די מאַמע געוויינט.

דער גראָבער איד מיט דער אידענע האָבן זיך באַלד איינגעאָרדנט, זיך צולייגט אויף די שטרויענע זעק און גענומען רייבן די סעודה. זיי האָבן זיך אין אַנטוואָרפן פאַרזאָרגט מיט גענוג מאכלים. דער אַנטלאָפענער סאָל־דאַט האָט זיך אויך געמאַכט גאַנץ היימיש. די מאַמע האָט אָבער ניט געקענט רוהען. זי האָט פּראָטעסטירט, געוויינט, געבעטן דעם טאַטן, אַז ער זאָל לויפן צום קאַפּיטאַן פון שיף און זען ווירקן, אַז מען זאָל אונז אַרויסנעמען פון נאַסן קבר. די מאַמע האָט אַ כאַפּ געטאָן אונז, פיר קינדער־לעך, און איז מיט אונז אַרויף איבער די אַלע טרעפּ און לייטערס אויפן דעק. דאָרטן האָט זי זיך אוועקגעזעצט אין אַ קאָרידאָר און געקלאָגט, אַז זי וועט זיך אַריינוואַרפן אין וואַסער צוזאַמען מיט אירע קינדער אויב מען וועט איר ניט געבן אַ צימער מיט לופט, ווי עס פּאַסט פאַר מענטשן. דער סוף איז געווען, אַז דער טאַטע האָט צוגעצאָלט אַ געוויסע סומע געלט און מען האָט אונז געגעבן צוויי גאַנץ באַקוועמע צימערן מיט פענסטער, מיט לייַלע־כער אויף די בעטן. אין אונזער נייער קוואַרטיר האָט מען אויך געדאַרפט אַרונטערגיין אויף טרעפּ.

און אָט זענען מיר שוין אויפן ים.

די שיף טרייסלט זיך. עס ווארפט מיט אונז, פאסאזשירן, אזוי ווי אין א קדחת. זייענדיג א טאג אויפן ים איז דער טאטע קראנק געווארן; באלד איז די מאמע אויך קראנק געווארן. זי האט זיך געפיהלט נאך ערגער ווי דער טאטע. איך, דער בערדיטשעווער קנאקער, בין אויך געווען זעהר קראנק. איך האב געפיהלט אזוי שלעכט, אז עס האט זיך מיר געדוכט, אז איך וועל די ים־קראנקהייט ניט אריבערטראגן. דער שיף־דאקטאר קומט צוויי מאל א טאג, ער גיט מעדיצינען, פראשקעס, פילן, אבער עס העלפט ניט. מיר דוכט זיך, אז איך וועל אויף דער שיף שטארבן. מען דערציילט מיר, אז דער גראבער איד און די אידענע און זייערע קינדער עסן אויף אלע באק־ציינער. זיי קומען טאקע מיך מבקר־חולה זיין. שטייענדיג ארום מיר, עסן זיי די געזאלצענע קרעקערס. אימיצער האט דעם קאפיטאן דער־ציילט, אז איך בין א זינגערל, איז ער אריינגעקומען צו מיר און מיר געגעבן פאמעראנצן און צוקערקעס. ערשט אויפן פופצעטן טאג האב איך גענומען פיהלן בעסער. דער טאטע און די מאמע זענען פריער געזונט געווארן. דער טאטע האט מיך ארויסגעטראגן אויפן דעק און מיך אוועקגעזעצט אויף אן אנלען־שטול און מיך גוט איינגעדעקט מיט א וואלענע קאלדרע. די פרישע לופט האט מיך דורכגענומען און איך האב אנגעהויבן פיהלן בעסער. איך האב פרובירט גיין. דער דאקטאר האט געזאגט, אז דאס גיין וועט מיר טאן גוטס, אבער איך בין געווען צו שוואך צו שטעלן א פוס און די שיף האט זיך כסדר געמארדעוועט. איינמאל האב איך זיך אנגעטאן א כח און גענומען גיין, האט זיך די שיף געגעבן אזא טרייסל, אז איך בין אומגעפאלן און זיך צעשלאגן דעם קאפ, בין איך ווידער אפגעלעגן צוויי טעג אין בעט.

ענדלעך האב איך זיך גענומען פיהלן גוט, איך האב שוין געקאנט אליין שפאצירן אויף דער שיף. איך האב געגעסן און האב זיך גאנץ פיין פאפראוועט.

די לעצטע נאכט, איידער מיר זענען אנגעקומען אין ניו יארק, האט דער קאפיטאן געהייסן דעם טאטן, ער זאל מיך ברענגען צו זיין טיש צו סאפער. דער טאטע האט מיך אויסגעפוצט אין מיין שווארצן עמוד־קאסטיום (וועלכן איך פלעג טראגן בשעת איך האב געזונגען אין כאר). דער קאפיטאן האט מיך פארגעשטעלט פאר אייניגע פאסאזשירן פון ערשטן קלאס, צווישן וועלכע עס האבן זיך געפונען אייניגע, וועלכע האבן גערעדט אידיש. זיי זענען געווען מיינע איבערזעצער. נאכן עסן איז פארגעקומען א קאנצערט. עס

האָבן געזונגען איינינגע איטאַליענער, אַ רוסיש מיידל האָט געזונגען אַריעס פון אָפּערעס. דער קאַפּיטאַן האָט מיך געהייסן עפּעס זינגען. דאָס רוסישע מיידל, וועלכע האָט געזונגען, האָט מיך באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ אַן אַריע פון דער אָפּערע „האַלקאַ", וועלכע איך האָב געזונגען. ווען איך האָב אָפּגעזונגען די אַריע, האָט מען פאַרלאַנגט איך זאָל זינגען אידישע זאַכן. איך האָב געזונגען, נאַטירלעך, אָהן פּיאַנאָ־באַגלייטונג. דער קאַפּיטאַן האָט געשיקט רופן מיינע עלטערן, אַז זיי זאָלן קלייבן נחת.

נאָכן זינגען האָב איך געקראָגן שיינע מתנות פון די געסט. דער קאַפּיטאַן האָט מיר צוגעבראַכט אַ גרויסע באָקס קענדי.

אויף מאָרגן, באַגינען, ווען מיר זענען אויפגעשטאַנען, האָבן מיר פון דערווייטנס דערזען די שטאָט ניו יאָרק.

— דאָס איז אַמעריקע! — האָבן זיך געהערט פריילעכע שטימען צווישן די פּאַסאַזשירן.

איינינגע האָבן פון פרייד געוואָרפן די היטלען אין דער הויך, און געשריען: „דאַ זדראַווסטוואויעט אַמעריקאַ!" (עס זאָל לעבן אַמעריקע! הוראַ פאַר אַמעריקע!)

6

דער ערשטער אַריינפאָר אין ניו יאָרק - מיר ציען זיך אַריין אין „האָטעל פאַלעק" - איך קריג אַ דזשאַב ביי אַ חזן - מיין באַקאַנטשאַפט מיטן שול־פּרעזידענט פרענק וואולף - איך פאַראינ־טערעסיר אים צו ברענגען אַ טרופּע אידישע אַקטיאָרן פון לאָנדאָן - כ'האָב מורא פאַר טאַטע־מאַמע צו ווערן אַן אַקטיאָר - מען סטראַשעט אַרויסצושיקן פון אַמעריקע פאַר שפּילן אידיש טעאַטער.

Di שיף איז צוגעפאָרן צו איר פּיער, וואו מען האָט אַרונטערגעלאָזט די פּאַסאַזשירן פון ערשטן און צווייטן קלאַס. אונז, עמיגראַנטן, האָט מען מיט באַרדזשעס אָפּגעפירט צו אַ רונדיגן, שטיינערנעם מויער — דעם „קעסטל גאַרדען". אַהין זענען מיר אַריין מיט אונזערע פּעקלעך. עס האָט דאָרטן געקאָכט ווי אין אַ קעסל. מענטשן זענען פאַרהאַוועטע אַרומגעלאָפן, געזוכט זייערע פּעקלעך, זייערע לאַנדסלייט, וועלכע האָבן זיי געדאַרפט קומען אָפּ־וואַרטען. מיר זיצן אויף אונזערע פּעקלעך, וואָס ליגן אויף דער ערד, צוקוקנדיג זיך דערשראָקענע צו דעם טומל. עס האָבן זיך באַלד באַוויזן איינינגע אידלעך, מעקלערס, וועלכע פלעגן באַזאָרגן די אימיגראַנטן מיט האָטעלן, ביליגע און טייערע. אונזער געזינדל, — דער גראָבער איד מיט זיין פאַמיליע און דער אַנטלאָפענער סאָלדאַט, — האָט זיך ווידער פאַר־איינינגט, באַלד זענען אָנגעקומען טרעגער, וואָס האָבן אַרויסגעטראָגן אונזערע פּעקלעך. מיר האָבן זיך געלאָזן גיין נאָך זיי. די פּעקלעך זענען אַוועקגע־לעגט געוואָרן אויף אַ גרויסן עקספּרעס־וואָגן. דרויסן, אויפן גאַס, זענען

געשטאַנען מאַסן מענטשן, זיי האָבן געשריגן, גערעדט, געלאַכט; אייניגע האָבן אונז נאָכגעקרימט, מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען, צי קוועלן זיי אָן פון אונז, צי מאַכן זיי פון אונז חוזק. דאָס אידל, דער מעקלער, האָט אונז געהייסן אַרויפקריכן אויפן גרויסן עקספּרעס־וואַגן. מיר האָבן זיך אויסגע־זעצט אויף אונזערע קלומקעס און דער וואָגן האָט זיך גענומען רירן. מיר זענען געפאָרן און געפאָרן. אינגלעך, ווייסע חברה, זענען אונז נאָכגעלאָפן, מען האָט אונז אויך מכבד געווען מיט עטלעכע שטיינער.

— אָט האָסטו דיר אַמעריקע! — האָט דער טאַטע אויסגערופן מיט אַנגסט — דאָרטן שטיינער, דאָ שטיינער . . . אונזער גאַנץ לעבן איז אונז אַפּנים באַשערט פאַרוואָרפן צו ווערן מיט שטיינער.

אונזער וועגווייזער, דאָס אידל, האָט אונז געטרייסט, אַז דאָס זענען לויפּערלעך, וואָס וואַרפן שטיינער. זיי האָבן קיין שום באַדייטונג ניט.

— איר זענט איצט אין אַ פרייער מדינה, אין אַ גליקלעך לאַנד — האָט ער געזאָגט — דאָ זענען ניטאָ קיין פּאָגראָמען, קיין אידן־האָס. איר זעט דאָרט די אַלע געשעפטן? — האָט ער אָנגעוויזן אויף די סטאָרס — די גרויסע און די קלענערע, דאָס זענען אידישע. איר וועט קיין חרטה ניט האָבן וואָס איר זענט געקומען אין אַמעריקע.

איך האָב דערזען אידישע שילדען מיט פאַרשידענע אויפשריפטן אין אַלערליי קאָלירן. וואו איך האָב אַ קער געטאָן מיטן קאָפּ, האָב איך געזען אידיש. ווען אונזער וואָגן איז אַריינגעפאָרן אויף איסט בראָדוויי, האָט זיך אַמשטאַרקסטן געוואָרפן אין די אויגן די גרויסע אידישע סיין „אידישע גאַ־זעטען". דאָס איז אין יענער צייט געווען די איינציגע אידישע צייטונג אין ניו יאָרק. אַ וואָכן־בלאַט. שפּעטער איז די וואָכנשריפט געוואָרן אַ טעגלעכע צייטונג, — „דאָס אידישע טאַגעבלאַט". און טאַקע נעבן „די אידישע גאַזעטען", דאָס דריטע אָדער דאָס פערטע הויז פון קאָרנער, האָט זיך אונזער גרויסער וואָגן אָפּגעשטעלט. אויף יענעם הויז איז געהאַנגען אַ סיין: „האָטעל פּאַלעק". דער טאַטע איז אַריינגעגאַנגען אין האָטעל און באַשטעלט פאַר אונז צימערן, און באַלד האָבן די עקספּרעסלייט אַהין אַריינגעטראָגן אונזערע פּעקלעך.

און אָט זענען מיר שוין אויף איסט בראָדוויי, אין „האָטעל פּאַלעק". די ערשטע היים אין אַמעריקע. איך האָב זיך אוועקגעשטעלט אין דרויסן אויף די טרעפּ פון הויז און באַטראַכט אַמעריקע. אָפּשטייענדיג אַזוי אַ ווייל, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט אויף מיין ערשטן שפּאַציר אין דעם נייעם לאַנד.

ווייטער ווי צו די „אידישע גאזעטען" בין איך ניט געגאנגען, דער, צו וועמען איך האב אויסגערעדט די ערשטע עטלעכע ווערטער אין אמעריקע, איז געווען א בחור'ל אין מיינע יארן. דאס איז געווען אברהם סאראזאן, דער איצט באקאנטער לאיער, א זון פון דעם ארויסגעבער פון דעם „אידישען טאגע־בלאט".

אין ניו יארק זענען מיר אנגעקומען אין א דינסטאג. דעם זעלבען טאג, ריכטיגער געזאגט, דעם זעלבען אוונט, באלד נאך סאפער, איז צו אונז אריינ־געקומען א איד מיט לאנגע האר, מיט א סטאוו־פאיפ. ער האט זיך געפרעגט אויף ברוך'ל דעם סאפראן, וואס האט געזונגען ביי ר' ניסן בעלזער, וועלכער איז היינט אנגעקומען מיט דער שיף פון אנטווערפן. ער האט דערציילט, אז מען האט אים איבערגעגעבן, אז ברוך'ל מיט זיינע עלטערן, די פאמיליע טאמאשעווסקי, זענען פארפארן אין „האטעל פאלעק". דער טאטע מיינער האט זיך פאר דעם גאסט פארגעשטעלט און געפרעגט ביי אים, ווער ער איז און וואס ער דארף. דער איד מיטן סטאוו־פאיפ האט זיך פארגעשטעלט אז ער איז חזן קארטשמאראוו, פון דער הענרי סטריט שול. מען האט אים געשריבן פון בערדיטשעוו אז קיין אמעריקע איז ארויסגעפארן ר' ניסן בעלזער'ס סאפראן. ער האט זיך מיט דעם אינטערעסירט און זיך נאכ־געפרעגט אויף דער פאמיליע טאמאשעווסקי, יעדעס מאל ווען עס איז אנגעקומען א שיף מיט אימיגראנטן קיין ניו יארק. היינט איז ער געוואר געווארן, אז מיר זענען שוין דא, ער האט זיך נאכגעפרעגט וואוהין מיר זענען פארפארן און ער איז געקומען.

— אזוי ווי איך בין חזן אין דער חשוב'ער שול אויף הענרי סטריט און ביי מיר זינגט א שעהנער כאר, און איך זינג אויך ר' ניסן בעלזער'ס קאמפאזיציעס, וויל איך האבן ר' ניסן בעלזער'ס א משורר.

דער טאטע האט מיך צוגערופן און מיך פארגעשטעלט פאר חזן קארטשמאראוו.

— א, דאס ביזטו, ברוך'ל. א שעהן אינגעלע . . . איך האב וועגן דיר געהערט. ווילסט זינגען ביי מיר אין שול? די פיינסטע באלעבאטים פון ניו יארק וועלן דיך הערן, וואס־זשע זאגסטו?

— אז דער טאטע וועט מיך הייסן זינגען, וועל איך זינגען, — האב איך געענטפערט.

— זעהר פיין, זעהר פיין! כבוד אב . . . זעהר פיין.

דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו מיין טאַטן, האַלב אין שפּאַס:

— אייער בחור׳ל איז נאָך ניט קיין אַמעריקאַנער, זעהר פיין.

נאָך אַ קורצן שטילשווייגן ווענדעט זיך חזן קאַרטשמאַראָוו ווידער צו מיין פאָטער:

— איר ווילט דאָך אודאי וויסן וואָס אייער אינגל וועט באַקומען פאַר זיין זינגען?

— פאַרשטעהט זיך, מיר זענען דאָך נאָך גרינע. דער ערשטער טאָג ערשט אין אַמעריקע — האָט דער טאַטע געענטפערט.

— ביי אייך וועל איך קיין מציאות ניט כאַפּן — האָט חזן קאַרטשמאַראָוו געזאָגט — איך וועל אייך געבן 5 דאָלאַר אַ וואָך, און שפּעטער וועלן מיר זען. ער וועט אודאי קריגן מער. מיר האָבן זעהר, זעהר פיינע באַלעבאַטים. און אַזוי ווי איר זענט ערשט דעם ערשטן טאָג אין אַמעריקע, וויל איך אייך מאַכן דעם ערשטן פּאַטשאַטעק. איך וועל אייך באַצאָלן פאַר דעם ערשטן חודש פאָראויס.

און חזן קאַרטשמאַראָוו האָט דעם טאַטן מיינעם דערלאַנגט פיר אַמערי־קאַנער פינפערלעך, צוואַנציג דאָלער, זאָגנדיג דערביי:

— מאָרגן וועל איך צושיקן אַהער מיין באַר־דיריגענט, וועלכער וועט ברוך׳לען נעמען צו פּראָבע.

שפּעטער, ווען די אַנדערע גרינע האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם, אַז איך האָב שוין אַ דזשאָב, האָבן זיי מיך מקנא געווען. „אַ טייערע מדינה אַמעריקע! — האָבן זיי געזאָגט. — דעם ערשטן טאָג דאָ און ער האָט שוין פאַרדינט צוואַנציג דאָלער. אַ קלייניגקייט, פערציג רובל!“

דער טאַטע האָט שטאָלצירט און די מאַמע האָט זיך געגוידערט פאַר שמחה. אַ קלייניגקייט איר ברוך׳ל... אַזש אין אַמעריקע האָט מען געהערט פון אים... פאַר שמחה האָט זי מיך אַזש געקושט און דער טאַטע האָט מיר צוגעזאָגט צו קויפן די ערשטע מתנה אין אַמעריקע.

פרייטאָג־צו־נאַכטס האָב איך געזונגען פאַר אַ גרויסן עולם אין דער הענרי סטריט שול. חזן קאַרטשמאַראָוו האָט איינגעשטודירט מיטן כאָר צוויי נייע קאָמפּאָזיציעס פון ר׳ ניסן בעלזער, אין וועלכע איך האָב געהאַט צו זינגען עטלעכע שעהנע סאָלאָס. איך האָב ביים עולם שטאַרק אויסגע־נומען. נאָכן דאַווענען זענען מיר, איך און דער טאַטע, אַרומגערינגלט גע־וואָרן פון די באַלעבאַטים פון שול. חזן קאַרטשמאַראָוו האָט מיך פאָרן

גאַנצן עולם געבענשט, אַז עס זאָל מיר גוט זיין אין אַמעריקע.

דער פּרעזידענט פון דער העברי סטריט שול איז געווען אַ דייטשער איד מיטן נאָמען פרענק וואולף. ער האָט מיין טאַטן איינגעלאַדן צו זיך אַהיים אויף קידוש. חזן קארטשמאַראָוו און נאָך איינינע באַלעבאַטים מיט זייערע ווייבער, איידעמס און שניר זענען אויך מיטגעגאַנגען. מאַדאַם וואולף, די פּרעזידענטיכע, אַ זעהר שעהן אַמעריקאַנער ווייבל, האָט זיך געפרעהט מיט מיר און מיט די אַנדערע געסט. פון דעם קידוש איז געוואָרן אַ גאָר געהויבן שמחה׳לע. ניט נאָר האָט מען געמאַכט „קידוש״, נאָר מען האָט געגעסן און געטרונקען. חזן קארטשמאַראָוו האָט געזונגען. איך, נאַטירלעך, האָב אויך געזונגען. איך האָב געזונגען אידישע און רוסישע לידער. מ׳האָט אַזוי געהוליעט ביז שפּעט אין דער נאַכט. פרענק וואולף האָט געבעטן מיין טאַטן ער זאָל מיר לאָזן איבערנעכטיגן ביי אים, ער וויל איך זאָל בלייבן ביי אים איבער שבת. דער טאַטע האָט אים ניט געקענט אָפּזאָגן און איך בין דאָרטן פאַרבליבן.

אויפן מאָרגן בין איך מיטן פּרעזידענט געגאַנגען אין שול אַריין. שבת ביי טאָג האָב איך ווידער אויסגענומען מיט מיין זינגען. די שול איז געווען געפּאַקט, אַ סך אידן האָבן געמוזט שטיין אין קאָרידאָר פון דער שול, ווייל אינווייניג איז שוין קיין אָרט ניט געווען. דער טאַטע האָט מיר דערציילט, אַז די אידן, וועלכע האָבן מיך נעכטן ביינאַכט געהערט זינגען, האָבן דאָס דערציילט פאַר זייערע פריינד און באַקאַנטע; דערפאַר איז היינט ביי טאָג אַזאַ גרויסער עולם.

נאָכן דאַווענען איז דער טאַטע ווידער אַוועקגעגאַנגען צום פּרעזידענט אַהיים. און ווידער איז דעם פּרעזידענטס הויז געווען איבערגעפּאַקט מיט שול־באַלעבאַטים. דער טאַטע האָט מיך געוואָלט אַהיימנעמען, אָבער מר. פרענק האָט גע׳טענה׳ט, אַז ער האָט דאָך נעכטן געזאָגט, אַז ער וויל מיך האַלטן ביז איבער שבת. דער טאַטע און די איבעריגע געסט זענען אַוועק. נאָכן עסן מאַכט צו מיר מר. פרענק וואולף:

— אַצינד וועל איך מיט דיר גיין און דיר ווייזן אַמעריקע.

ער האָט מיך גענומען צו אַ מאַטינע־פאָרשטעלונג אויף דער באַוערי, אין געשאָנעל טעאַטער. אַ געוויסער נ. ס. וואודס האָט דאָרט געשפּילט אַ מעלאָדראַמע. אויף דער בינע האָט מען געהאַלטן אין איין שיסן, שטעכן, הרג׳ענען, ברענען, שפּרינגען פון בערג, אין איין קריכן פון טאָלן. דאָס

שפּילן איז מיר שטאַרק געפעלן געווען. הויפּטזעכלעך האָב איך מקנא געווען דעם אַקטיאָר וואודס. דאָס נעשאָנעל טעאַטער איז מיט יאָרן שפּעטער גע־וואָרן דאָס „רומעניען אָפּערע הויז", וואו מען האָט געשפּילט אידיש טעאַטער. נאָך דער פאָרשטעלונג האָט פרענק וואולף מיט מיר אַרומגעשפּאַצירט אויף גרענד סטריט און קאַנעל סטריט.

ווי מיר גייען אַזוי שפּאַצירן, פרעגט ביי מיר מיין פיהרער, מר. פרענק וואולף, ווי מיר איז געפעלן געווען דאָס שטיק, וואָס מיר האָבן אָקאָרשט געזען אין טעאַטער. איך האָב אים געענטפערט, אַז דער יונגער אַקטיאָר וואודס געפעלט מיר זעהר שטאַרק און אַז איך בין אים מקנא. מר. וואולף גיט אַ קוק אויף מיר און פרעגט:

— וואָס וואָלסטו געוואָלט זיין? — איך מיין, וועלכע פרנסה וואָלסטו דיר געוואָלט אויסקלייבן? ווילסט ניט ווערן אַ חזן?

— איך וואָלט געוואָלט זיין ווי אָט דער וואודס, אַן אַקטיאָר.

— אַן אַקטיאָר ווילסטו זיין! — האָט פרענק וואולף זיך צולאַכט. — מיין קינד, דו דאַרפסט פריער אויסוואַקסן, ווערן אַ שעהנער בחור, און דו מוזט זיך אויסלערנען די ענגלישע שפּראַך. וואָס, האָסט אַזוי שטאַרק ליב טעאַטער?

איך האָב געענטפערט:

— אידיש טעאַטער.

— וואָס? אידיש טעאַטער? גיבט עס דען אידיש טעאַטער? — האָט וואולף גענומען רעדן דייטש. — וועגן דעם האָב איך קיין מאָל ניט געהערט. וואו שפּילט מען דען אידיש טעאַטער?

—אין גאַנץ רוסלאַנד, אין גאַליציע, אין רומעניען שפּילט מען אידיש טעאַטער, — ענטפער איך אים. — איך האָב אויך געהערט אויף דער רייזע, אויף דער שיף, אַז אין לאָנדאָן האָט מען לעצטנס אָנגעהויבן שפּילן אידיש טעאַטער.

און אַזוי רעדענדיג זענען מיר צוגעקומען צום הויז אויף עסעקס סטריט, וואו מר. וואולף האָט געוואוינט און וואו ער האָט געהאַלטן אַ ביר־סאַלון. ווען מיר זענען אַריין אין הויז, האָט מר. וואולף דערציילט זיין שעהנער פרוי די נייעס, אַז אויף דער וועלט שפּילט מען אידיש טעאַטער. מרס. וואולף איז אויך איבעראַשט געוואָרן פון דער נייעס.

— דערצייל עפּעס וועגן אידישן טעאַטער, — האָט פרענק זיך גע־ווענדעט צו מיר.

איך האָב דערציילט פאַר מיינע נייע פריינד וועגן דער „באָבע יאַכנע״, וועגן „שמענדריק״. זיי האָבן שטאַרק געלאַכט און אין דער זעלבער צייט זענען זיי געווען פאַראינטערעסירט אין דעם וואָס איך האָב זיי דערציילט.

— איך קען זינגען עטלעכע לידער פון אידישן טעאַטער, — האָב איך ערקלערט דעם פאַר־פאָלק.

זיי האָבן מיך געבעטן זינגען און איך האָב זיי צוליב געטאָן. איך האָב פאַר זיי געזונגען „אידן בני רחמנים״, וואָס „מירעלע״ זינגט אין „כשופמאַכערין״; איך האָב אויך געזונגען די „באבקעלעך״. מר. און מרס. וואולף זענען פשוט באַגייסטערט געוואָרן פון די לידער פון אידישן טעאַטער. ווען איך האָב געענדיגט זינגען, מאַכט פרענק וואולף צו זיין פרוי:

— ווייסט וואָס, אַ אידיש טעאַטער אין ניו יאָרק וואָלט געווען אַ זעהר פיין געשעפט.

איך דערצייל פאַר זיי, אַז איך בין געפאָרן אויף איין שיף מיט איינעם אברהם גאָלובאָק און אַז ער האָט מיר דערציילט, אַז זיינע צוויי ברידער שפּילן איצט אין לאָנדאָן אידיש טעאַטער. איינער פון זיי, לעאָן גאָלובאָק, איז אַ קאָמיקער און דער צווייטער, מיראָן, איז אַ דראַמאַטישער שוישפּילער. ער האָט מיר דערציילט, אַז זיינע ביידע ברידער ווילן אויך קומען אין אַמעריקע און זיי האָבן ניט קיין געלט אויף דער רייזע. אברהם גאָלובאָק האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אייגנטליך געקומען אין אַמעריקע מיט דעם צוועק אויסצוגעפינען דאָ אַ מענטשן, וואָס זאָל וועלן גרינדן אַ אידיש טעאַטער. אויב עס וועט זיך געפינען אַזאַ מענטש, דאַרף ער ארויסשיקן צוועלף שיפס־קאַרטן פאַר דער קאָמפּאַני, וואָס שפּילט אין לאָנדאָן און אויסער דעם דריי הונדערט דאָלאַר געלט, וועלן זיי אַלע קומען אין ניו יאָרק.

פרענק וואולף האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און ביי מיר געפרעגט:

— ווייסטו וואו דער אברהם גאָלובאָק וואוינט? איך וואָלט אים וועלן זען.

— ער וואוינט אין דעם זעלבן האָטעל וואו מיר שטייען, אויף איסט בראָדוויי, — האָב איך געענטפערט.

דעם זעלבן שבת־צו־נאַכט האָב איך געבראַכט אברהם גאָלובאָק׳ן צו פרענק וואולפ׳ן אין הויז און באַלד דערויף האָט וואולף דורך יאַרמולאָווסקי׳ס באַנק ארויסגעשיקט צו דער שוישפּילער־קאָמפּאַני אין לאָנדאָן צוועלף שיפס־קאַרטן דריטע קלאַס און דריי הונדערט דאָלער.

עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט אַ שיף געבראַכט די גאַנצע קאָמפּאַני

שווישפּילער קיין ניו יאָרק. די צוויי ברידער גאָלובאָק זענען געווען די די־רעקטאָרן פון דער טרופּע. אין דער קאָמפּאַני זענען געווען די פאָלגענדע שווישפּילער: מר. און מרס. ספּעקטאָר, מר. באַיאַרסקי, מר. סיימאָן, מרס. קראַנצפעלד, די פּרימאַדאָנאַ, ישראל באַרסקי (ער האָט זיך אויך גערופן מיטן נאָמען ישראל בן עולם), זעלדעס און מר. און מרס. לאַנדעסמאַן. מר. וואָלף, אברהם גאָלובאָק, מיין טאַטע און איך האָבן די געסט־שווישפּילער אָפּגעוואַרט ביי דער שיף. מען האָט די אָנגעקומענע געסט אָוועקגעפירט אין אונזער האָטעל אויף איסט בראָדוויי.

פרענק וואָלף האָט זיך שטאַרק געפרעהט מיט די אַרטיסטן, און זיי, די גרינע אַרטיסטן, האָבן זיך אויך געפרעהט מיט וואָלפ'ן. די „אידישע גאַזעטען", די איינציגע אידישע צייטונג וואָס האָט דעמאָלט עקזיסטירט אין ניו יאָרק, האָט געבראַכט די נייעס צום אידישן עולם, אַז אַ טרופּע אידישע שווישפּילער איז אָנגעקומען אין אַמעריקע פון לאָנדאָן און אַז אין קורצן וועט אַנאָנסירט ווערן וואו און וואָס זיי וועלן שפּילן.

איך האָב זיך באַלד אָנגעשלאָסן אָן דער טרופּע שווישפּילער. די דירעק־טאָרן, די ביידע ברידער גאָלובאָק, איז מיין זינגען געפעלן געווען. זיי האָבן געגלויבט, אַז איך וועל אויך קענען שפּילן טעאַטער, וועל קענען דורכפירן ראָלן, אין וועלכע איך וועל ניט דאַרפן בלויז זינגען. אגב האָבן זיי מיר פאַרשפּראָכן, אַז זיי וועלן מיך לערנען ווי אַזוי צו ווערן אַ גוטער שווישפּי־לער. די אַנדערע מיטגלידער האָבן מיך גערן אריינגענומען אין זייער טרופּע, האָבן זיי דאָך איינגנטלעך געהאַט מיר צו פאַרדאַנקען, וואָס זיי זענען געקו־מען אין אַמעריקע; איך בין דאָך געווען דער שדכן, וואָס האָט דורכגעפירט דעם שידוך.

מען האָט מיר באַלד געגעבן אַ ראָלע אין דער פּיעסע, וואָס וועט געשטעלט ווערן צו דער ערשטער פאַרשטעלונג, און איך בין שוין מיט מזל אַן אַקטיאָר. וואָס וועלן אָבער זאָגן דער טאַטע מיינער און די מאַמע? אָט די פראַגע האָט מיר געענגבערט דעם מוח. האָט דאָך דער טאַטע ערוואַר־טעט, אַז איך וועל ווערן אַ באַרימטער אָפּערא־זינגער, אָדער, אַמוויינגסטנס, אַ באַרימטער חזן. וואָס וועט ער זאָגן, ווען ער וועט הערן, אַז איך ווער אַ אידישער אַקטיאָר? און וואָס וועט די מאַמע זאָגן?

מיין שרעק איז געווען אומזיסט. דער טאַטע איז געווען צופרידן, וואָס איך שליס זיך אָן אָן דער טרופּע. ער האָט דאָ געזען פאַר זיך אַליין אַ מעגלעכקייט צו האָבן פּרנסה (ער האָט טאַקע אַ קורצע צייט שפּעטער

אָנגעשריבן אַ פּיעסע אונטערן נאָמען „יאַנקעלע יונגאַטש“, אין וועלכער, אגב, ער האָט אַליין מיטגעשפּילט. ער האָט פאַר זיך אָנגעשריבן אַ ראָלע מיט אַ סך העברעאישע ווערטער).

דער טאַטע איז געווען צופרידן: איך וועל שפּילן טעאַטער און וועל אין דער זעלבער צייט זינגען אין דער ענרי סטריט שול; וועט זיין אביסל פּרנסה, און אַז דער טאַטע איז באַשטאַנען, האָט די מאַמע שוין אויך צוגעשטימט.

אַלזאָ, איך ווער אַ „קאָמעדיאַנטשיק“, ווי ר׳ ניסן בעלזער האָט עס מיר נביאות געזאָגט.

ניו יאָרק האָט געקאָכט מיט דער נייעס, אַז מען וועט שפּילן אידיש טעאַטער. אידן האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער ערשטער פאָר־שטעלונג.

עטלעכע טעג שפּעטער איז אָנאָנסירט געוואָרן די ערשטע אידישע טעאַטער־פאָרשטעלונג אין ניו יאָרק. דורך פּאָוסטערס האָט מען די אידן פון ניו יאָרק געלאָזט וויסן, אַז אין טורן־האָל, אויף דער פערטער סטריט (איצטער מאַנהעטען ליסעאום), וועט געשפּילט ווערן אידיש טעאַטער. די פּאָוסטערס האָט מען אויסגעהאַנגען אין די פענסטער פון די אידישע געשעפטן. אַזוי גיך ווי די פּאָוסטערס האָבן זיך באַוויזן, האָבן אידן גענומען קויפן טיקעטס און שוין דעם ערשטן טאָג זענען אַלע טיקעטס צו דער ערשטער פאָרשטעלונג אויספאַרקויפט געוואָרן. מען האָט זיך צוגעגרייט צו שפּילן „קאָלדוניא, אָדער די כשוף־מאַכערין“, אַן אָפּערעטע אין פיר אַקטן פון אברהם גאָלדפאַדען. די ראָלן זענען, אויף וויפל איך געדענק, געווען צעטיילט אַזוי:

אברהם, אַ רייכער איד	לעאָן ספּעקטאָר
באַסיע, זיין פרוי	מאַדאַם ספּעקטאָר
מירעלע, זייער איינציגע טאָכטער	מאַדאַם קראַנצפעלד
מאַרקוס, איר חתן	מיראָן גאָלובאָק
אליקום, אַ שווינדלער	הער סיימאָן
אַ קצב	הער באָיאַרסקי
די באָבע יאַכנע	לעאָן גאָלובאָק
משה, אַ באַבקעלעך פאַרקויפער	באָרים טאָמאַשעווסקי
דער קאַטערינשטשיק	הער באַרסקי

ארענדאַר .... הער לאַנדסמאַן
קאַפּעלמייסטער .... הער יתום
דעקאָראַציעס געמאָלן פון יונה ראָזענבאַום
די קאָסטיומען, פון מאַדאַם לעמיש
די פּאַרוקען פון דער פירמע בוכמייסטער

אונזערע פּראָבן זענען פאָרגעקומען אין 101 העסטער סטריט. ביי יעדער פּראָבע איז דער בלאָק געווען באַלאַגערט פון מענטשן, וועלכע האָבן זיך געשטופּט צו הערן דאָס זינגען. פרענק וואולף מיט זיין פרוי האָבן ניט פאַרפעלט קיין איין פּראָבע. נאָך יעדער רעפּעטיציע האָט וואולף געמאַכט אַ שמחה'לע און אַקטיאָרן האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין. אייניגע פון די אַרטיסטן האָבן טאַקע ליב געהאַט דעם „ביטערן טראָפּן".

ספּעקולאַנטן, וואָס האָבן געהאַט אויסגעקויפט די טיקעטס פאַר דער ערשטער פאָרשטעלונג, האָבן געמאַכט גוטע ביזנעס. זיי האָבן גאָר אַליין ניט געוואוסט וויפל צו רעכענען פאַר אַ טיקעט, און דער עולם האָט געצאָלט וויפל מען האָט פאַרלאַנגט.

אָבער אין אַ געווויסן טאָג קומט עפּעס אַ געזונטער חברה־מאַן, אַ האַלבער גוי און אַ גאַנצער איד, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ רויטן קאַרק, מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ און פרעגט זיך אויף די מענעדזשערס פון דער אידישער טעאַטער־געזעלשאַפט. עמיצער האָט אים אָנגעוויזן אויף מיר: אַ גרינעם בחור'ל פון דרייצן יאָר! דער איד ווייזט מיר עפּעס אַ בלעכל, וואָס איז געווען צוגעשפּילעט צו זיין וועסט. איך האָב זיך דערשראָקן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז ער ניט אַבי־ווער. זאָל דאָס זיין אַן אַמעריקאַנער זשאַנדאַרם, אַ פּריסטאַוו, אָדער אפשר גאָר אַ גענעראַל? וואָס האָב איך, אַ גרינער, דעמאָלט געוואוסט? דער מאַן מיטן בלעכל זאָגט מיר אין אַ באַפעלנדן טאָן, אַז מאָרגן, צען אַזייגער אין דער פרי, מוז איך קומען צום אימיגראַנטן־קאָמיטעט. ער שרייבט מיר אָן דעם אַדרעס, וואו איך דאַרף קומען, און וואָרענט מיך דערביי, אַז אויב איך וועל ניט קומען, וועט זיין ניט גוט. איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז מאָרגן, פּונקט צען אַזייגער אין דער פרי, וועל איך דאָרט זיין. איך בין גלייך אַוועקגעגאַנגען צו פרענק וואולפ'ן און אים דערציילט וועגן דער געשיכטע און ביי אים געפרעגט וואָס איך זאָל טאָן. פרענק וואולף האָט מיך געהייסן גיין אַהין.

אויף מאָרגן צו דער באַשטימטער צייט בין איך אַוועק אויף דעם אָנגע־געבענעם אַדרעס צוזאַמען מיט לעאָן און מיראָן גאָלובאָק. איך קען זיך ניט

דערמאָנען וואו דאָס איז געווען. איך געדענק בלויז, אז ניט ווייט פון קעסטל גארדען האָט זיך געפונען דאָס אָנגעגעבענע הויז, וואו מיר האָבן געדאַרפט גיין. מיר זענען אַרונטער אויף אַ פּאָר טרעפּ אין אַ קעלער. אין דעם צימער צו דער פראָנט איז געזעסן אַ מיידל ביי אַ שרייב־טיש. זי האָט ביי אונז געפרעגט וואָס מיר פארלאַנגען. איך האָב איר ערקלערט, אין מאמע־לשון, נאַטירלעך, אז מען האָט אונז געהייסן דאָ אהערקומען צען אזייגער אין דער פרי. דער אימיגראַנטן־קאָמיטעט דאַרף אונז זען. דאָס מיידל איז אריין אין אַ צווייטן צימער און באַלד איז זי פון דאָרטן צוריק אַרויסגעקומען און אונז אַריינגעפירט אהין. ביי אַ גרויסן לאַנגן טיש זענען געזעסן עטלעכע מענער. איינער פון זיי, וועלכער איז געזעסן אין מיטן, איז געווען אַן אַלטער מאַן. מיר זענען געשטאַנען פאר די אומבאַקאַנטע מענטשן מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, ווי פאַרברעכער פאַר אַ ריכטער. דער אַלטער מאַן האָט אָנגעטאָן אַ פּאָר דיקע ברילן און אַ לאַנגע צייט אויף אונז געקוקט, דורכנעמענדיג אונז מיט זיינע גרויסע אויגן, דערנאָך רופט ער זיך אָפּ צו אונז:

— איר זייט דאָס די אַרטיסטן, וואָס הייבן אָן צו שפּילן אידיש טעאַטער אין טורן האָל?

אַלע דריי האָבן מיר צוגעשאָקלט מיט אונזערע אַרטיסטישע קעפּ אויף יאָ.

— ווער האָט אייך געבראַכט קיין אַמעריקע? — פרעגט דער אַלטער ווייטער אין אַ שטרענגן טאָן.

איך האָב דער ערשטער זיך אָפּגערופן:

—איך בין געקומען מיט מיין טאַטע־מאַמע און זיי — האָב איך אָנגעוויזן אויף מיינע צוויי באַגלייטער — און די איבעריגע פון דער טרופּע האָט אַריבערגעבראַכט מר. פרענק וואולף.

— פרענק וואולף, דער וואָס האָט אַ ביר־סאַלון אויף עסעקס סטריט? — האָט דער אַלטער סאַרקאַסטיש איבערגעפרעגט. — איך פאַרלאַנג איר זאָלט מיר ענטפערן אויף אַלע מיינע פראַגעס, — האָט דער אַלטער זיך שוין גענומען קאָכן. — איר שפּילט די „כשוף־מאַכערין״?

— יאָ, די „כשוף־מאַכערין״, — האָבן מיר באַשטעטיגט.

— איז דאָס אמת, אַז אין דעם שטיק, וואָס איר שפּילט, קומט פאָר אַ פעדלער, וואָס רופט זיך האַצמאַך און אַז דער האַצמאַך באַשווינדלט אַן אָרעמע מיידעלע, וועלכע קויפט ביי אים שפּילקעס?

מיר האָבן פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די קעפּ.

— איר זענט געקומען אין אַמעריקע ווייזן אידישע גנבים, אידישע שווינדלער?! — האָט דער אַלטער זיך נאָך שטאַרקער צעקאָכט. — ווער פון אייך שפּילט דעם האַצמאַך?

— איך, — האָט לעאָן גאָלובאָק געענטפערט.

— שעמען זאָלסטו זיך, יונגעו! — האָט דער אַלטער אַ דונער געטאָן. — און אין דעם זעלבן שטיק, וואָס איר גייט שפּילן, קומט פאָר אַ סצענע, וואו אַ אידישע אַלטע פרוי, די באָבע יאַכנע, צינדט אונטער אַ הויז און אַ גאַנצע פאַמיליע ווערט פאַרברענט. איז דאָס אמת?

מיראָן גאָלובאָק, וועלכער איז געווען אַן אינטעליגענטער יונגעמאַן פון אָדעס און וועלכער פלעגט פון צייט צו צייט שרייבן אין „אָדעסקי ליסטאָק", האָט אים געוואָלט ענטפערן, אָבער דער אַלטער רייטש און די איבעריגע, וואָס זענען געזעסן ביים טיש, האָבן אים ניט געלאָזן קומען צום וואָרט. דער אַלטער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ הילצערנעם האַמער אין טיש און עס איז געוואָרן שטיל.

ווי אַ ריכטער האָט דער אַלטער אַרויסגעגעבן דעם פּסק־דין:

— איר זאָלט ניט וואַגן צו שפּילן אייער אידיש טעאַטער מיט האַצמאַך און באָבע יאַכנע! און אויב איר וועט אונז ניט פאָלגן און איר וועט דאָך וואַגן צו שפּילן, זאָלט איר וויסן, אַז אין פיר־און־צוואַנציג שטונדן צייט וועלן מיר אייך מיט אַן אָקסן־שיף אַרויסשיקן פון אַמעריקע. מיר וועלן אייך שיקן אַהין, וואוהין איר באַלאַנגט. און איצט קאָנט איר גיין.

מיר זענען אַרויס פון קעלער פאַרביטערטע, פאַרצווייפלטע. קוים מיט צרות האָבן מיר זיך צוגעשלעפּט צו מר. פרענק וואולפ'ס סאַלון. מיר האָבן פאַר פרענק'ן דערציילט די גאַנצע געשיכטע און דער עיקר וועגן דעם סטראַשונאָק, אַז מען וועט אונז אַרויסשיקן מיט אַן אָקסן־שיף פון אַמעריקע. דער סאַלון־קיפּער האָט זיך שטאַרק צעלאַכט און מרס. וואולף האָט נאָך שטאַרקער געלאַכט. ווען פרענק וואולף האָט זיינע קאָסטאָמער, וואָס האָבן

מיראָן גאָלובאָק (1863—1921)

רפאל באָיאַרסקי-באָגאַרט (1868—1925)

לעאָן גאָלובאָק (1865—1918)

משה זילבערמאַן, אַלם חזן

זיך דעמאָלט געפונען אין סאַלון, דערציילט די געשיכטע, האָט דער גאַנצער סאַלון געלאַכט. בלויז מיר דריי, אָרעמע גרינע אַרטיסטן, האָבן ניט גע־לאַכט. מיר זענען געשטאַנען באַטריבטע מיט טרערן אין די אויגן.

— לאַכט זיך אויס פון זיי! — האָט אונז פרענק וואולף געטרייסט. — האָט ניט קיין מורא פאַר די קאָמיטעטניקעס. זאָלן די אָרעמע אומגליקלעכע אידן דאָרט אין רוסלאַנד אַזוי מורא האָבן פאַר דעם רוסישן גזלן, דעם צאַר, ווי איר דאַרפט מורא האָבן פאַר זיי, די קאָמיטעטניקעס. לאַכט זיך אויס פון זיי. קיינער קען אייך גאָרניט טאָן, אפילו ניט דער פּרעזידענט פון אַמעריקע. מאַכט ווייטער אייערע פּראָבעס און גרייט זיך צו דער פאָרשטעלונג, און וועט איר נאָר גוט שפּילן און געפעלן ווערן דעם עולם, וועט איר דאָ מאַכן אַ סך געלט. איר וועט דעמאָלט קענען אַריבערברענגען נאָך אַרטיסטן און זייערע קרובים. שרעקט זיך גאָר ניט. הערט זיי, די קאָמיטעטניקעס, ווי דעם פאַראַיאָריגן שניי! שפּילט טעאַטער און מאַכט סוקסעס!

7

די ערשטע אידישע פאָרשטעלונג אין ניו־יאָרק - די סצענע אויף דער גאַס - דער אימיגראַנטן־קאָמיטעט קויפט אונטער די פרימאַדאָנע - איך שפּיל די פרימאַדאָנע־ראָל - איך ווער אוים משורר פאַר שפּילן טעאַטער - די אַקטיאָרן ווערן סיגאַרעטן־אַרבעטער - אַ שרפה מאַכט זיי ווידער פאַר אַקטיאָרן - מען הייבט אָן שפּילן אין אַן אמת'דיג טעאַטער - מיין נייער ראָמאַן מיט אַן אַנדערער מיידל.

פרייטאָג, 11 אַזייגער אינדערפרי, איז געווען די לעצטע פּראָבע. מיר האָבן געהאַט צוגעגרייט אַן אָרקעסטער פון 24 מאַן. צו יענער צייט איז אַזאַ אָרקעסטער געווען אַ זעלטענע ערשיינונג אפילו אין די נישט־אידישע טעאַטערס. דער דיריגענט פון אָרקעסטער איז געווען אַ מוזיקער מיטן נאָמען יתום. ער האָט גאָלדפאַדען'ס אָפּערעטע אָרקעסטרירט און די אָרקעסטראַציע האָט געקלונגען זעהר שעהן. מר. יתום איז איצט בלינד און ער שפּילט פּיאַנאָ אין אַ רומענישן רעסטאָראַן אין אַ ניו־יאָרקער אידישן קוואַרטאַל.

מיר האָבן געהאַט צוגעגרייט אַ גרויסן כאָר פון 20 זינגער און זינגערינס. די זינגער האָבן מיר גענומען פון די פאַרשידענע טעמפּלען. איך בין געווען דער כאָר־דיריגענט. ווען דער כאָר האָט גענומען זינגען, האָט זיך מיר געדוכט, אַז דאָס זינגט ניסן בעלזער'ס באַרימטער כאָר, אַזוי האָט ער געזונגען מיט האַרץ, מיט נשמה און מיט טעמפּעראַמענט. ביי דער לעצטער פּראָבע איז געשפּילט געוואָרן די גאַנצע אָפּערעטע. אַלץ איז אַרויסגעקומען שעהן, לעבעדיג, מיט אַלע קאָלירן. פרענק וואולף איז געווען אין זיבעטן

הימל. אויך די אַנדערע פריינט, וועלכע זענען געווען אַנוועזנד ביי דער לעצטער פּראָבע, זענען געווען באַגייסטערט. דעם גאַנצן טאָג זענען ביים האָל, וואו די פאָרשטעלונג האָט געדאַרפט פאָרקומען, געשטאַנען הונדערטער מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט קויפן טיקעטס. די טיקעטס זענען שוין אָבער געווען אויספאַרקויפט פון פריער, און די קאַסע איז געווען פאַרשלאָסן. ספעקולאַנטן, וועלכע האָבן נאָך געהאַט אַביסל טיקעטס, האָבן געריסן הויכע פרייזן.

מיר האָבן געהאַט אַ היבש ביסל יסורים ביי דער גענעראַל־פּראָבע — די פּרימאַדאָנע, מאַדאַם קראַנצפעלד, האָט ניט געוואָלט קומען צו דער פּראָבע. זי האָט געזאָגט, אַז זי איז מיד פון די פילע פּראָבן און וויל זיך ניט אָנשטרענגען. זי וויל קענען גוט זינגען ביינאַכט ביי דער פאָרשטעלונג. און זינגען האָט זי געקענט זעהר גוט; זי האָט געהאַט אַ שעהנע סאָפּראַן־שטימע. האָב איך ביי די פּראָבן געזונגען אַלע אירע לידער. איך האָב געקענט די גאַנצע מוזיק פון דער אָפּערעטע, ווייל איך האָב דאָך איינגע־שטודירט מיטן כאָר.

אַרום זיבן אין אָוונט בין איך צוגעקומען צום האָל. איך בין געגאַנגען דורך סעקאָנד עוועניו. ס'איז אָבער געווען אוממעגלעך אַריינצוגיין אין דער פערטער סטריט: טויזנטער, טויזנטער מענטשן זענען דאָרטן געשטאַנען. אויפן קאָרנער איז געשטאַנען אַ וואָגן, אויף וועלכן עס זענען געשטאַנען עט־לעכע מענטשן, צווישן זיי דער אַלטער דייטש פון דעם אימיגראַנטן־קאָמי־טעט, וועלכער האָט אונז געסטראַשעט, אַז מען וועט אונז אַרויסשיקן מיט אַן אָקסן־שיף פון אַמעריקע, אויב מיר וועלן שפּילן אידיש טעאַטער. איי־נער פון די מענטשן אויפן וואָגן האָט געהאַלטן אַ רעדע. ער האָט געשריגן אויף די העבּסטע קולות, געמאַכט ווילד מיט די הענט. ער האָט אָבער גערעדט ענגליש, און איך האָב נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט וואָס ער האָט געזאָגט.

ווען ער האָט געענדיגט זיין רעדע, האָבן מוזיקאַנטן, וועלכע זענען גע־זעסן אויפן וואָגן, גענומען שפּילן און באַראַבּאַנעווען. אַרום דעם וואָגן איז אויך געשטאַנען אַ ריזיגער עולם. זעהענדיג אַז איך קאָן זיך ניט דורכשטופּן דורך דער ריזיגער מענטשן־מאַסע, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט אויף דער באַוערי, גלויבנדיג, אַז איך וועל דורך דאָרט קאָנען צוקומען צום האָל. ווען איך בין ווידער צוגעקומען צו דער פערטער סטריט, איז געווען דיזעלבע געשיכטע: אַ ריזיגער עולם, און מ'קען זיך ניט דורכשטופּן.

אויפֿן צווייטן קאָרנער, אויף סעקאָנד עוועניו און פערטע סטריט, צו דער וועסט־סייד, האָב איך ווידער אָנגעטראָפֿן אַ וואָגן מיט רעדנער און מוזיקאַנטן. מ'האָט געשפּילט, געטרובעט, געבאַראַבאַנעוועט און גערעדט — ווידער אויף ענגליש, און ווידער האָב איך ניט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָרט קומט פֿאָר. דורכשטופּנדיג זיך דורכן ענגן עולם צום האָל, האָב איך געהערט ווי די רעדנער אויפֿן וואָגן דערמאָנען די נעמען גאָלובאָק, טאָמאַשעווסקי, באַרסקי, ספּעקטאָר. איצט האָב איך שוין פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס רעדט מען וועגן אונז, אידישע שוישפּילער, אָבער וואָס מ'רעדט, האָב איך נאָך אַלץ ניט געוואוסט. אַביסל שפּעטער, צוקומענדיג שוין צום האָל, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די רעדנער האָבן געוואָרנט דעם עולם ניט צו גיין זען אונזער פֿאָרשטעלונג, ווייל עס איז אַ שאַנדע פֿאַר אידן. מיט גרויס מי האָב איך זיך דורכגעשטופּט דורך דער מאַסע מענטשן און בין אַריין אין האָל קוים אַ לעבעדיגער. דער האָל איז שוין געווען באַלויכטן. די אָשערס אין פּול־דרעס, האָבן זיך אַרומגעדרייט. פֿרענק וואָלף, אויך אין פּול־דרעס, האָט די אָשערס געגעבן אָרדערס ווי אַזוי אויפֿצונעמען די געסט. איך האָב פֿרענק וואָלפֿ'ן דערציילט וועגן די צוויי וואָגנס מיט רעדנער אויף צווייטער עוועניו, האָט ער זיך אויסגעלאַכט און געזאָגט צו מיר:

— טאָמאַשעווסקעלע, גיי טו זיך אָן און זע, אַז די פֿאָרשטעלונג זאָל זיין שעהן, און די חברה מיט זייערע טרומפּייטן זאָלסטו הערן ווי די קאַץ.

דער האָל איז באַלד געוואָרן איבערגעפּאַקט מיט מענטשן, קיין שפּיל־קע ניט אַריינצוואַרפֿן.

דער אָרקעסטער האָט גענומען שפּילן די אָווערטורע. דער יתום האָט אין דער אָווערטורע אַריינגעפּלאָכטן אַלע לידער פֿון „קאָלדוניע". די אָווער־טורע האָט געמאַכט אַ רושם. דער עולם האָט שטאַרק אַפּלאָדירט און מיר, די אַרטיסטן אויף דער בינע, הינטער דעם פֿאָרהאַנג, האָבן זיך געפֿיהלט גליקלעך, יום־טוב'דיג. נאָך דער אָווערטורע האָב איך געגעבן אַ קלונג, אַ צייכן, אַז מ'דאַרף אָנפֿאַנגען די פֿאָרשטעלונג. אַלע אַרטיסטן אין דער באַר שטייען גרייט אָנצוהייבן. אָבער וואו איז מירעלע? די פּרימאַדאָנע פֿעלט! מ'לויפֿט, מ'זוכט, מ'שרייט „קראַנצפּעלד, קראַנצפּעלד", אָבער קיין ענטפֿער. מיר זענען אַלע פֿאַרצווייפֿלט, מען קען דאָך ניט אָנהייבן די פֿאָר־שטעלונג, ווייל באַלד ווי דער פֿאָרהאַנג הויבט זיך אויף, דאַרף „מירעלע" ערשיינען אויף דער בינע. איך לויף אַרונטער אין איר דרעסינג־רום, אין קעלער, וואו זי טוט זיך אָן — די רום איז פֿינסטער. איך מאַך ליכטיג.

ס׳העגנגען דאָרטן אירע בינע־קליידער, אָבער איר געביין איז דאָרטן ניטאָ, און אָן איר קאָן מען די פאָרשטעלונג ניט אָנהייבן. וואָס טוט מען?

געוואוינט האָט די קראַנצפעלד ניט ווייט, ערגעץ אין פּאַרסאַיט סטריט. איך הייס, אַז דער אָרקעסטער זאָל נאָך אַמאָל איבערשפּילן די אָווערטורע און לויף אַוועק צו איר אין דערהיים. איך געפין זי זיצנדיג מיט אַ טיכל פאַרבונדן דעם קאָפּ.

— קראַנצפעלד! — גיב איך אַ געשריי מיט אַלע מיינע כוחות — וואָס איז געשען? מען דאַרף דאָך שוין אָנהויבן שפּילן, דער אָרקעסטער שפּילט דאָך שוין דאָס צווייטע מאָל די אָווערטורע! וואָס זיצט איר דאָ? קומטן

זי ענטפערט מיר גאַנץ געלאַסן, אַז זי איז קראַנק, דער קאָפּ טוט איר ווי, די ציין רייסן איר און הייזעריג איז זי אויך. קורץ, היינט קען זי ניט שפּילן: מען מוז אָפּלייגן די פאָרשטעלונג ביז זי וועט פּיהלן בעסער. איך רעד, איך שריי, איך בעט זיך, אָבער רעד צו דער וואַנט! לאָז איך זי איבער מיטן קאָפּ־ווייטאָג און מיטן ציין־ווייטאָג און לויף צוריק אין האָל אריין. איך דערצייל פאַר מיינע קאָלעגן וואָס די קראַנצפעלד האָט מיר געזאָגט און לויף שנעל אַראָפּ אין איר דרעסינג־רום און טו זיך אָן אין אירע קליידער, און אַזוי בין איך אַרויף אויף דער בינע, און די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעפאַנגען — **די ערשטע אידישע טעאַטער־פאָרשטעלונג אין אַמעריקע.** איך האָב געשפּילט די ראָלע פון „מירעלע״. אין דעם דריטן אַקט האָב איך זיך איבערגעטאָן פאַר אַ איינגעלע און געזונגען דאָס לידל „די באַבקעלעך״.

די פאָרשטעלונג איז אַדורך גלאַט, אָבער דער עולם איז געווען ניט צופרידן צוליב דעם וואָס מען האָט ערוואַרט צו הערן די פּרימאַדאָנאַ קראַנצפעלד, וועלכע אַ סך האָבן געקענט נאָך פון רוסלאַנד, רומעניע און גאַליציע. די גאַנצע טרופּע האָט גאַנץ פיין אויסגענומען ביים פּובליקום, אָבער עס איז ניט געווען דאָס, וואָס מיר האָבן דערוואַרט. אַלע אונזערע פריינד, אויך מיינע עלטערן, זענען אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ. פרענק וואָלף איז אָבער פון טעאַטער אַוועק אָהן אַ גוד־באַי.

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז קראַנצפעלד האָט באַקומען פון אימיגראַנטן־קאָמיטעט דריי הונדערט דאָלאַר, אַז זי זאָל ניט קומען שפּילן צו דער פאָרשטעלונג, און איר מאַן האָט מען געקויפט אַ סאָדאַ־וואָסער סטענד אויפן קאָרנער דיווויזשאָן און באָוערי דערפאַר וואָס ער האָט גע׳פּועל׳ט ביי זיין פרוי, אַז זי זאָל אונז, אַרטיסטן, פאַרראַטן.

אויף מאָרגן פרי זענען מיר אַלע אַרטיסטן געקומען צו פרענק וואולפ׳ן. דער סאַלון־קיפּער האָט אונז זעהר קאַלט אויפגענומען. ער האָט שוין דעם חשבון געהאַט אַ פאַרטיגן. פון דעם געלט וואָס די פאָרשטעלונג האָט אריינ־געבראַכט האָט ער באַשלאָסן אַרונטערצונעמען פאַר די שיפסקאַרטן וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט, אָבער אַזוי ווי די איינגאַמע איז ניט געווען גרויס גענוג צו דעקן אַלץ וואָס עס האָט אים געקאָסט, און ער האָט דאָך געשיקט דריי הונדערט דאָלער קעש אויך, איז לויט דעם חשבון אויסגעקומען, אַז מיר זענען אים נאָך שולדיג געבליבן עטלעכע הונדערט דאָלער. ער האָט אונז ערקלערט, אַז ער שענקט אונז דעם חוב און ער האָט נאָך יעדן איינעם פון אונז געגעבן צו צען דאָלער.

— איצט, קינדער, קאָנט איר טאָן וואָס איר ווילט — האָט ער צו אונז געזאָגט — איך קען זיך מער ניט אָפּגעבן מיט טעאַטער־ביזנעס. מיין ביז־נעס איז אַ סאַלון. איך ווינש אייך אַלעמען גליק!

ווי אָפּגעשמיסענע האָבן מיר פאַרלאָזן פרענק וואולפ׳ס סאַלון. יעדער פון אונז האָט אָנגעהויבן זוכן פרנסה. איך האָב נאָך אַלץ געזונגען אין הענרי סטריט שול און באַקומען פינף דאָלער אַ וואָך. מיר איז, אַלזאָ, בעסער געווען ווי מיינע קאָלעגן־אַקטיאָרן.

איז דאָך אָבער דאָ אַ ווערטל, אַז עס איז באַשערט אַן אומגליק, קומט עס אין שטוב אריין. נו, איז דאָס אומגליק געקומען צו מיר:

דער אַלטער דייטש פון אימיגראַנטן־קאָמיטע, וועלכער האָט אונז, אַקטיאָרן, געסטראַשעט, אַז ער וועט אונז אַרויסשיקן פון לאַנד מיט אַן אָקסן־שיף אויב מיר וועלן שפּילן אידיש טעאַטער, איז געווען אַ מעמבער אין דער הענרי סטריט שול, האָט ער געווירקט אויף די איבעריגע מעמבערס פון דער שול, אַז מען זאָל מיך ניט צולאָזן זיין דאָרטן מער קיין משורר. אַ קורצע צייט נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג אין טורן האָל, האָב איך באַקומען אַ בריוו פון די פירער פון דער שול, אַז דערפאַר וואָס איך האָב געשפּילט אידיש טעאַטער, קען איך מער ביי זיי אין שול ניט זינגען אַלס משורר.

די פינף דאָלאַר אַ וואָך וואָס איך פלעג קריגן פאַר מיין זינגען האָבן אונזער פאַמיליע שטאַרק געפעלט.

ווען מיר האָבן געגעבן די ערשטע פאָרשטעלונג פון „קאָלדוניע״, איז אויף דער בינע אַרויפגעקומען אַ רייך־געקליידעטער מאַן, אין אַ צילינדער־הוט,

אין אַ פראַק, מיט אַ שטעקן מיט אַ גאָלדענעם קאָפּ. ער האָט זיך פאַר אונז פאָרגעשטעלט, אַז ער איז אַן אימפּרעסאַריאָ פון אַ רוסישן טעאַטער און אַז זיין נאָמען איז סאָלאָמאָנסקי. ער האָט דאָ בשותפות מיט אַ רייכער פירמע, יאַקאָבי, אַ פאַבריק פון סאַמאָפּאַלנע סיגאַרעטן (סיגאַרעטן וואָס מען קאָן פאַררויכערן אָן שוועבעלעך, ווייל יעדער סיגאַרעט האָט אין קעפּל אַ שוועבעלע און אַז מען גיט עס אַ רייב, צינדט זיך אָן דער סיגאַרעט). סאָלאָמאָנסקי האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אונזער פאָרשטעלונג. געקומען אין טעאַטער איז ער דורך אברהם גאָלובאָק, וועלכער איז נאָך אין דער אַלטער היים געווען אַ סיגאַרעטן־מאַכער, און אין אַמעריקע האָט ער געאַרבעט ביי סאָלאָמאָנסקי׳ן. איצט, אַז מיר אידישע שוישפּילער, זענען געווען אויף צרות, האָט אברהם גאָלובאָק אויסגעווירקט ביי סאָלאָמאָנסקי׳ן, ער זאָל אַריינעמען די גאַנצע טרופּע אַקטיאָרן אין זיין פאַבריק. איידער מיר זענען אָנגעקומען אַרבייטן, האָט אברהם גאָלובאָק אונז אַלעמען צוזאַמענגענומען און אונז געלערנט מאַכן סיגאַרעטס. מיר האָבן זיך געלערנט די אַרבעט יעדע נאַכט איייניגע וואָכן צייט.

און אָט זיצן מיר שוין אַלע ביי סאָלאָמאָנסקי׳ן אין פאַבריק און מיר אַרבייטן סיגאַרעטס. סאָלאָמאָנסקי גיט אונז אָפּ כבוד און באַהאַנדלט אונז אמת ברידערלעך. צוזאַמען מיט אונז האָבן דאַמאָלסט אין דער פאַבריק געאַרבעט איייניגע, וועלכע שפּילן היינט וויכטיגע ראָלן אין אידישן לעבן פון דער איסט סאַיד: שרייבער, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און אפילו באַנקירן.

מיר האָבן אָבער לאַנג דאָרטן ניט געאַרבעט. די סיגאַרעטן, וואָס זייער מעלה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי צינדן זיך אָן אַליין, האָבן אויפן אָרט און שטעל באַשטעטיגט, אַז זיי צינדן זיך אָן אַליין. עס האָט אויסגעבראָכן אַ פייער און מען האָט אונז, אַרבעטער, קוים אַרויסגעראַטעוועט לעבעדיגע.

בלייבנדיג ווידער אָהן ברויט האָבן מיר אויף דאָס ניי אנגעהויבן חלומ׳ען וועגן אַ אידיש טעאַטער. מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג צווישן זיך צו ווענדן זיך צו פרענק וואולף׳ן, און דער גוטער פרענק וואולף האָט אונז ווידער געהאָלפן. ער האָט געדונגען פאַר אונז אויף גאַנץ יום־טוב סוכות דעם זעלבן טורן־האָל אויף דער פערטער סטריט, וואו מיר האָבן אָנאָנסירט אַז מיר וועלן שפּילן גאָלדפאַדען׳ס אָפּערעטע „די באָבע מיטן איייניקעל“.

לעאָן גאָלובאָק וועט שפּילן אַלס די באָבע און באָרים טאָמאַשעווסקי אַלס איר אייניקל.

די אָפּערעטע האָט געהאַט אַ גוואַלדיגן ערפאָלג. מיר האָבן געשפּילט דעם גאַנצן יום טוב פאַר געפּאַקטע הייזער. פרענק וואולף האָט אַלץ פיין אַראַנזשירט און די אַרטיסטן האָבן זיך געזען מיט אַ שעהנע פאַר דאָלער. עס האָט אונז שוין ניט באַנג געטאָן וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן אונזערע דזשאָבס אין דער סיגאַרעטן־פאַבריק, און מיר האָט אויך ניט באַנג געטאָן וואָס מען האָט מיר אָפּגעזאָגט פון דער הענרי סטריט שול.

זייענדיג ערמוטיגט פון אונזער ערפאָלג, האָבן מיר אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַן אמת׳ע טעאַטער־געביידע, נאַטירלעך אויף דער איסט סאַיד. אויף דער באָוערי האָט דאַמאָלסט עקזיסטירט דאָס טהאַליאַ טעאַטער. דאָרט זענען געגעבן געוואָרן דייטשע פאָרשטעלונגען. דאָס טעאַטער האָט געמאַכט גלענצנדע געשעפטן. אויף דער באָוערי איז אויך געווען דער נעשאָנעל טעאַטער. דער באַלעבאָס איז געווען אַ רומענישער איד מיטן נאָמען מאַיקעל יאַמען. איך בין אַוועק צו אים און מיט אים גערעדט, אַז ער זאָל אונז איבערגעבן זיין טעאַטער. ער האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. אין אַ טאָן פון חוזק מאַכט ער צו מיר:

— ווילסט שפּילן „די באָבע יאַכנע"? אָדער „ניע בע, ניע מע, ניע קוקו־ריקו"ן ניין, מיין יונגעו! — איז ער פּלוצלינג אַריינגעפאַלן אין דייטש — איך מאַך גוטע געשעפטן אין ענגליש. גיי אַריבער דאָ אַנטקעגן צו דעם ליטוואַק, וועלכער האַלט דעם באָוערי גאַרדען, אַ ביליגער טעאַטער, וואו מען קען קריגן אַ טיקעט פאַר צען אָדער צוואַנציג סענט, אפשר וועט ער מיט דיר מאַכן אַ געשעפט. דער ליטוואַק פאַרלירט דאָרטן זיין העמד. ער האָט שוין אַלץ פּראָבירט, און יעדע פּראָבע קאָסט אים געלט. אפשר וועט ער זיך אָנכאַפּן אָן דיין פאָרשלאַג.

איך האָב ניט לאַנג געוואַרט און בין אַריבערגעגאַנגען אין באָוערי גאַרדן. איך האָב געטראָפן דעם באַלעבאָס, מר. ליוואַי, אַ גאַנץ פריינדלעך אידל, און דוקא ניט קיין ליטוואַק, גראַד אַ דייטשער איד. איך האָב אים געמאַכט דעם פאָרשלאַג, אַז מיר זאָלן אין זיין טעאַטער געבן אידישע פאָרשטעלונגען. דער צופאַל האָט אונז צוגעהאָלפן אין דעם. מר. ליוואַי׳ס מוטער האָט געזען אונזער פאָרשטעלונג „די באָבע מיטן אייניקעל" אין טורן־האָל און עס איז איר שטאַרק געפעלן געווען, האָט זי אים צוגערעדט אַז ער זאָל מיין פאָר־שלאַג אָננעמען, און ער האָט זיך געלאָזט צורעדן. ער פרעגט אָבער ביי

מיר, צי האָט ער אַ רעכט צו שליסן אַ געשעפֿט מיט מיר, אַ פֿערצן־יאָריגן בחור׳ל. איך האָב מר. ליוואַי ערקלערט, אַז מיינע קאָלעגן, די שוישפּילער, האָבן צו מיר פֿאָלשטענדיגן צוטרוי און אַז זיי וועלן טאָן אַלץ וואָס איך וועל זיי הייסן. איך האָב מיט מר. ליוואַי אָפּגעמאַכט, אַז נעקסטן פֿרייטאָג וועלן מיר אָנהייבן געבן אידישע פֿאָרשטעלונגען אין זיין באַוערי גאַרדן טעאַטער. דער אָפּמאַך איז געווען אויף זעכציג און פֿערציג פּראָצענט. זעכציג פּראָצענט פֿאַר אונז און פֿערציג פֿאַר אים. ער דאַרף געבן באַלייכטונג, בינע־אַרבעטער, אַ קאַסירער, בילעטן, אַן אָרקעסטער פֿון צען מאַן; און ער דאַרף אויך צושטייער געבן אַ העלפֿט וואָס די אַדווערטייזמענטס וועלן קאָסטן. מיר, די שוישפּילער, דאַרפֿן געבן קליידער, פּאַרוקן, פּיעסן און כאָר.

איך האָב די גוטע בשורה געבראַכט צו מיינע קאָלעגן. אַלע האָבן זיך דערפֿרעהט. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן פֿון דער גאַנצער טרופּע, אַז איך זאָל זיין זייער פֿאָרשטעהער, דער דירעקטאָר, הייסט עס; אַז דער נאָמען פֿון דער טרופּע זאָל זיין „באָריס טאָמאַשעווסקי׳ס אידישע אָפּערעטן־טרופּע“.

צו דער ערשטער פֿאָרשטעלונג אין דעם באַוערי גאַרדן טעאַטער האָט מען געשפּילט אַ דראַמע, געשריבן פֿון ישראל באַרסקי (ישראל בן עולם). אונטערן נאָמען ישראל בן עולם פֿלעגט ער שרייבן אַרטיקלען אין אייראָפּעאישע אידישע צייטונגען און אויך אין „די אידישע גאַזעטען“ אין ניו יאָרק. אין די שפּעטערע יאָרן פֿלעגט ער אַמאָל שרייבן אַרטיקלען אין „פֿאָרווערטס“. ער איז איבערהויפּט געווען אַן אינטעליגענט, אַ אידעאַליסט און אַ פֿאַנ־טאַזיאָר. ער האָט געהערט צו דער גרופּע „עם עולם“, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע גרינדן קאָלאָניעס. שפּעטער איז ער געווען טעטיג אין דער שניידער־יוניאָן און אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. זיין דראַמע האָט זיך גערופֿן „די וואַהנזיניגע“. די ראָלן זענען ספּעציעל געשריבן גע־וואָרן פֿאַר די שוישפּילער פֿון אונזער טרופּע און יעדער איינער האָט געהאַט אַ וויכטיגע ראָלע.

דאָס שטיק האָט געהאַט גרויס ערפֿאָלג. צוויי חדשים האָבן מיר גע־שפּילט „די וואַהנזיניגע“ ביי אויספֿאַרקויפֿטע הייזער. איך האָב געשפּילט די ראָלע פֿון דער „וואַהנזיניגער“; איך האָב איבערהויפּט געשפּילט אַלע פֿרויען־ראָלן אין די פּיעסען, וועלכע מיר האָבן אויפֿגעפֿירט. זינט די פּרי־מאַדאָנאַ קראַנצפֿעלד האָט אויפֿגעהערט צו שפּילן ביי אונז, בין איך געווען די דראַמאַטישע שוישפּילערין און אויך די פּרימאַדאָנאַ.

דער באַוערי גאַרדן טעאַטער, וואָס איז פריער געווען אַ ביליגער בירגאָרטן פאַר מאַטראָסן און פאַרדעכטיגע פאַרשוינען, איז איצט מיט אונזער שפּילן דאָרט, געוואָרן אַ שעהן אידיש טעאַטער. די שענסטע באַלעבאַטים פון דאַמאָלסטיגן ניו יאָרק זענען געווען אונזערע שטענדיגע באַזוכער, און מיר האָבן געהאַט שעהן פּרנסה. איך האָב געהאַט נקמה אָן דעם באַלעבאָס פון דעם נעשאָנעל טעאַטער, וועלכער האָט מיר אָפּגעזאָגט איבערצוגעבן זיין טעאַטער.

זינט מיר האָבן אָנגעהויבן צו געבן אידישע פאָרשטעלונגען אין באַוערי גאַרדן טעאַטער האָט מאַיקעל יאָמען פאַרלאָרן אַלע זיינע אידישע קאָסטאָמער. אַנשטאָט צו גיין אין זיין טעאַטער צו ענגלישע פאָרשטעלונגען, זענען די אידישע אימיגראַנטן געקומען צו אונז אין אידישן טעאַטער. מאַיקעל יאָמען האָט אָנגעהויבן שיקן שלוחים צו מיר, אַז איך זאָל איבערנעמען זיין טעאַטער. איך האָב זיך אויסגעלאַכט פון אים, פּונקט ווי ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון מיר ווען איך בין געקומען צו אים מיט מיין פאָרשלאַג, אַז ער זאָל אונז איבערגעבן זיין טעאַטער.

מיט דער צייט זענען צוגעקומען פון אייראָפּע עטלעכע נייע אַרטיסטן. איינער פון זיי איז געווען אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען וואָלפזאָן, אַ פיינער זינגער (וועגן אים וועל איך שפּעטער שרייבן אַ באַזונדער קאַפּיטל, ווארום מיט אים איז פאַרבונדן אַ מערקווירדיגע, אַ סענסאַציאָנעלע לעבענסגעשיכטע). ס'איז אויך אַריבערגעקומען אַ פיינע פּיאַניסטין פון אָדעס, מאַדאַם לאַנדעסמאַן.

איך בין שוין דאַמאָלט געווען אַ היבש בחור'ל, און בין געווען דער אָפּיציעלער דירעקטאָר פון דער טרופּע. איך האָב אָבער נאָך אַלץ געשפּילט פרויען־ראָלן.

אין דער יונגער דאַמען־וועלט (אין ווירקלעכן לעבן) האָב איך שוין געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, איבערהויפּט צווישן די אַריבערגעקומענע שעהנהייטן. אין מיין כאָר האָב איך געהאַט צוואַנציג מיידלעך, אַלע גרינע: אָדעסער, קיעווער, יעליסאַוועטגראַדער, רומענישע, גאַליציאַנישע, און אַלע זענען זיי געווען טאַקע אמת שעהן. איך בין אַלעמאָל געווען אַ דאַמען־פריינד. צווישן די אַלע שעהנהייטן, וועלכע האָבן זיך געשאַרט אַרום מיר, צווישן מיינע „פּאַטריאָטקעס", האָט זיך געפונען אַן אָדעסער מיידל, וואָס איז ווירקלעך געווען מערקווירדיג שעהן. אָט דאָס אָדעסער מיידל האָט

מיין האַרץ געפאַנגען. אירע שעהנע נאַאיווע אויגן האָבן מיר דערמאָנט אָן מיין ערשטער געליבטע, קאַטינקאַ, די קריסטלעכע מיידעלע פון קיעוו. מיין נייע געליבטע פלעגט נעבן מיר זיין גאַנצע טעג און ביז שפּעט אין דער נאַכט. ביי אַלע פּראָבן האָט זי זיך געפונען נעבן מיר; ביי יעדער פאָר־שטעלונג איז זי אין טעאַטער געזעסן אין די ערשטע רייען; נאָך יעדן אַקט איז זי געווען ביי מיר אין דרעסינג־רום. מיינע קאָלעגן, די אַרטיסטן, און פיל פון פּובליקום, האָבן שוין געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז דאָס שעהנע מיידעל איז טאָמאַשעווסקי'ס כלה. איר טאַטע־מאַמע, היימישע באַלעבאַטים, האָבן מיך שטאַרק ליב געהאַט. אָפט פלעגט איר מאַמע צו מיר זאָגן:

— געדענקט, איר זענט נאָךביידע יונגע קינדער, איר טאָרט ניט טראַכטן וועגן נאַרישקייטן! . . .

אָבער איך און מיין געליבטע האָבן דעם חשבון אונטערגעפירט גאַנץ אַנדערש. מיר זענען געווען אַזוי פאַרקאָכט איינער אין דעם אַנדערן, אַז קיין זאַך האָט אונז ניט אָפּגעשראָקן. מיר האָבן פאַר קיינעם קיין מורא ניט געהאַט און קיינעמס וואָרנונג ניט געפאָלגט. איך געדענק ווי דער טאַטע מיינער האָט זיך אַמאָל שטאַרק צעבייזערט אויף מיר:

— וואָס פאַר אַ מוידן! וואָס פאַר אַן אַרומשלעפּן זיך! וואָס פאַר אַ ברענגען די מויד צו מיר אין שטוב אַריין?!

איך האָב דעם טאַטן ערקלערט, שוין ניט ווי אַ קינד, נאָר ווי אַ מאַן, און טאָקע ווי אַ דירעקטאָר פון אַ טעאַטער, אַז איך בין שוין מאַן גענוג אַליין צו פאַרשטיין וואָס ס'איז רעכט און וואָס ס'איז אומרעכט. איך האָב אים אויך אָפן געזאָגט, אַז דאָס שעהנע מיידל איז מיין צוקונפטיגע פרוי.

דער טאַטע האָט מיט מיר צוליב דעם ניט גערעדט עטלעכע חדשים. ער איז אפילו אין טעאַטער מער ניט געקומען, און יעדעס מאָל וואָס איך פלעג מיין געליבטע ברענגען צו אונז אהיים, האָט ער אויף איר געקוקט קרום. זי האָט דערפון שטאַרק געליטן, אָבער איך האָב זי געטרייסט, אַז דער טאַטע וועט זיך לאָזן איבערבעטן. זי איז געווען עלטער פון מיר (דאָס זעכצנטע יאָר), אָבער שכל האָט זי געהאַט פון אַ מיידל שוין היבש איבער צוואַנציג.

אין באָוערי גאַרדן טעאַטער האָב איך געהאַט אַ גאַנץ שעהנעם אָפיס מיט ווייכע לעדערנע טשערס און אַ קאַוטש. מיין געליבטע פלעגט קומען צו מיר צען אַזייגער אין דער פרי און פאַרבלייבן מיט מיר ביז נאָך דער פאָרשטעלונג, דאָס הייסט, ביז שפּעט אין אָוונט.

איין מאָל איז איר מאַמע פּלוצלינג געקומען אין מיין אָפּיס, און אונז ביידן געפונען אין אַ ליבעס־פּאָזע. מיר האָבן זיך שטאַרק פאַרשעמט. די מאַמע האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און געפאָדערט, אַז די טאָכטער זאָל שוין אַהיימגיין און איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל מער ניט וואַגן צו קומען צו מיר. דאָס מיידל האָט איר מוטער געענטפערט דאָסזעלבע וואָס איך האָב געענטפערט מיין טאַטן: זי איז שוין אַלט גענוג צו וויסן וואָס זי האָט צו טאָן. מיין געליבטערס מוטער איז אַוועק אַ וויינענדיגע. מיין געליבטע האָט זיך אויך שטאַרק צעוויינט. איך האָב געזוכט זי צו באַרוהיגן. דעמזעלבן טאָג, אייניגע שעה שפּעטער נאָך דעם אומערוואַרטעטן וויזיט פון מיין געליבטערס מוטער, זענען צו מיר געקומען דער מיידעלס פאָטער און אַ ברודער אירער, אַ פיינער אינטעליגענטער בחור, אַ געוועזענער שילער פון דער אָדעסער גימנאַזיע. זיי האָבן מיין שעהן מיידל גוט אָנגעפּאַטשט און מיט געוואַלט זי גענומען מיט זיך. יאָרן־לאַנג איז יענע סצענע פאַר מיר געווען אַ טראַגישער מאָמענט אין מיין לעבן. און ס'איז אַ פאַקט, אַז עד היום, ווען איך דערמאָן זיך אָן מיין שעהן אָדעסער מיידעלע, גיט מיר אַ צופּ ביי דער נשמה. מער האָב איך זי ניט געזען. דורך אירע לאַנדסלייט האָב איך זיך שפּעטער דערוואוסט, אַז די פאַמיליע האָט אַרויסגעמופט פון ניו יאָרק. וואוהין, האָט קיינער פון זיי ניט געוואוסט. שפּעטער איז זי ווידער געקומען אין ניו יאָרק.

8

צוליב מיינעם אַ ראָמאַן פאַרלירט מען אַ טעאַטער. די ערשטע פאָרשטעלונג אין נואַרק - דאָס נייע אידישע טעאַטער אין אַ דייטשען ביר־סאַלון - די דורכגעפאַלענע פאָרשטעלונג אין פילאַדעלפיע. מען וואַרפט אונז אַרויס מיט די בעבעכעס אויף דער גאַס - אַ איד—אַ מלאך - אַ נייער זינ־דיגער ראָמאַן - אין נעסט פון אויסגעלאַסנקייט און שמוץ.

מר. ליוואַי, דער אייגנטימער פון טעאַטער איז געשטאָרבן. זיין אלמנה, אַ קריסטין, וועלכע האָט ליב געהאַט דעם „ביטערן טראָפּן“, און וועלכע האָט זיך מיטן טעאַטער קיינמאָל ניט אינטערעסירט, האָט זיך גענויטיגט אין געלט און זי האָט דעם טעאַטער פאַרקויפט, זענען מיר ווידער געבליבן אָהן אַ טעאַטער.

דאָ האָב איך זיך באַקענט מיט אַ געוויסן אונגאַרישן אידן, וועלכער האָט געהאַט אַ האָל אין 165 איסט בראָדוויי, וואו אויפן ערשטן פלאָר האָט זיך געפונען אַ טאַנץ־זאַל און איבערן טאַנץ־זאַל זענען געווען מיטינג־רומס. אונטן, אין קעלער, איז געווען אַ ביר־סאַלון. איך האָב דעם אידן פאַראינ־טערעסירט אין טעאַטער ביזנעס, און עס האָט ניט גענומען לאַנג ווי דער איד האָט זיין האָל פאַרוואַנדלט אין אַ אידיש טעאַטער. ער האָט געלאָזט אויפבויען אַ בינע, מאָלן דעקאָראַציעס, געמאַכט דרעסינג־רומס. קיין טעאַטער־שטולן האָט ער ניט געוואָלט אריינשטעלן. ערשטנס, האָט ער געזאָגט, דאַרף עס קאָסטן אַ סך געלט, און קיין געלט האָט ער ניט געהאַט; און, צווייטנס, האָט ער ניט געוואָלט קאַליע מאַכן דעם פלאָר, ווייל ווען

מען האָט קיין טעאַטער ניט געשפּילט, איז דאָרט געווען אַ טאַנץ־זאַל; האָט ער ניט געוואָלט צושרויפן די שטולן צום פּלאָר.

אונזער טרופּע האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין איר נייער היים, 165 איסט בראָדוויי. מיר האָבן אָנגעהויבן מיט אַ נייער אָפּערעטע, וואָס מיין פאָטער האָט פאַרפאַסט. דער נאָמען פון דער אָפּערעטע איז געווען „ראָטשילד׳ס ביאָגראַפיע". איך האָב געשפּילט די ראָלע פון דעם יונגן ראָטשילד, ווען אַלס אַן אָרים אָפּגעריסן אינגל, קלייבט ער שמאַטעס. איך האָב אויך געשפּילט די ראָלע פון דעם אַלטן ראָטשילד, ווען ער איז שוין אַ באַנקיר און פירט געשעפטן מיט קעניגע.

דאָס קליינע טעאַטערל אויף איסט בראָדוויי איז ניט געווען מזל׳דיג. נאָך אַלעמען איז דאָך דאָס געווען אַ האַל, וואו עס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן מיטינגען, וואו מען האָט געטאַנצט און וואו עס זענען געפּראַוועט געוואָרן חתונות און פאַרטיס. די שטולן, ניט זייענדיג צוגעשרויפט צום פּלאָר, האָבן זיך געדרייט צווישן די פיס.

דערפאַר אָבער איז דאָס טעאַטערל געווען מזל׳דיג פאַר מיר גופא — אין ליבע. איך בין איבערהויפּט אין יענער צייט געווען מער פאַרנומען מיט ליבע ווי מיט דער דראַמע. אַרום טעאַטערל האָבן זיך אַרומגעדרייט פיל שעהנע פרויען אין פאַרשידענעם עלטער, וועלכע האָבן געגאַרט באַקאַנט צו ווערן מיט אַקטיאָרן. איך, אַלס דער דירעקטאָר, בין נאַטירלעך געווען די גרעסטע „אַטרעקשאָן". אייניגע פון די שעהנע מיידלעך האָב איך געמאַכט פאַר כאָריסטקעס, פאַר אַשערקעס; אַנדערע האָבן אויפגעפּאַסט אויף די קליידער. מאַנכע פון די אַמאָליגע שעהנהייטן זענען איצט זעהר רייך און האָבן פיינע קינדער און אייניקלעך. מיט אייניגע פון זיי באַגעגן איך זיך נאָך אַמאָל און ביי אַ גלעזל וויין דערמאָנט מען זיך מיט אַ וויץ, מיט אַ וואונק אָן די אַלטע צייטן . . .

אין דער גאַנצער גרופּע פון שעהנהייטן האָט בלויז איינע אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק; עס האָט לאַנג ניט גענומען און זי האָט זיך טיף אַריינגעקליבן אין מיין האַרצן אריין. זי איז ווירקלעך געווען אַ זעלטענע שעהנהייט. גערופן האָט מען זי די „שעהנע ענעלע". זי לעבט היינט ערגעץ אין אַפריקע, וואו זי איז פאַרהייראַט פאַר אַ קריסט אַ מיליאָנער.

אַ געווויסן טאָג האָט ענעלע זיך מיר ערקלערט אין ליבע. זי האָט מיר דערציילט, אַז זי שלאָפט ניט גאַנצע נעכט, רק זי טראַכט וועגן מיר. זי האָט גערעדט אַזוי דרייסט, שוין גאָרניט ווי אַ יונגע מיידעלע, נאָר ווי אַ

ערפּאַרענע פרוי. איך האָב חושד געווען, אַז איר אָנקל, דער באַלעבאָס פון דעם האָל, אין 165 איסט בראָדוויי, איז צו איר ניט גלייכגילטיג. זי האָט מיר אָבער דערציילט וועגן אַן אַנדערן, אַז ער ערקלערט זיך איר אין ליבע, נאָר אַז זי האָט אים פיינט.

— אָבער מיך האָסטו ליב? — פרעג איך ביי ענעלע׳ן.

אַנשטאָט צו געבן אַן ענטפער אויף מיין פראַגע, האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן מיט אירע ביידע שעהנע הענטלעך אויף מיר און מיין פּנים באַדעקט מיט הייסע קושן. צווישן אונז האָט זיך צעפלאַקערט אַ ראָמאַן. אַנשטאָט צו קומען צו פּראָבע, ווי געוויינלעך, צען אַזייגער אין דער פרי, פלעג איך קומען זיבן. ענעלע האָט שוין געוואַרט אויף מיר אין מיין דרעסינג־רום. מיין גאַנצע פרייע צייט האָט זי פאַרנומען. זי איז מיט יעדן טאָג שענער געוואָרן און יעדן טאָג מיר מער ליבע אַרויסגעוויזן. די אַקטיאָרן און אַקטריסעס פון מיין טרופּע האָבן מיר נאָך מער חשק צוגעגעבן אין מיין ליבע צו איר. ביי פּראָבעס, אָדער ווען מיר פלעגן זיצן אין די דרעסינג־רומס, איז שטענדיג דער הויפּט געשפּרעך געווען וועגן ענעלע׳ן.

— גאָט, איז זי שעהן! איז זי ליכטיג! — פלעגן די שוישפּילער וועגן איר זאָגן — אַן אמת׳ער מלאך! עס איז גאַר קיין גלייכן ניטאָ צו איר אין גאַנץ ניו יאָרק און אפשר אויף דער גאַנצער וועלט.

הערנדיג אַזעלכע לויב־געזאַנגען וועגן מיין ענעלע׳ן, בין איך געווען אויפן זיבעטן הימל און די ליבע אין מיר האָט זיך נאָך שטאַרקער צעפלאַקערט. איך האָב שוין אינגאַנצן פאַרגעסן אָן מיינע פריערדיגע ליבעס: קאַטינקאַ, באַשקעלע, דאָס שעהנע ווייבעלע אין בערדיטשעוו אין הויז פון ר׳ ניסן בעליזער. אַלע פריערדיגע ראָמאַנען זענען אָפּגעשטאָרבן, געלעבט האָט בלויז ענעלע. זי איז אפילו געפעלן דעם טאַטן מיינעם. ער זאָגט אַמאָל צו מיר:

— אַ טייער מיידל, די ענעלע!

צו מיין פלאַקערדיגער ליבע האָט אָבער באַלד גענומען אַ סוף.

דער באַלעבאָס פון האָל האָט זיך דערוואוסט וועגן מיין ליבע מיט ענעלע׳ן, איז ער געוואָרן שטאַרק אייפערזיכטיג. ער האָט מיך אַריינגערופן אין זיין אָפיס און מיר ערקלערט, אַז ער לאָזט אונז אָפּשפּילן בלויז די איינע וואָך, ווייל מיר האָבן שוין אַנאָנסירט די פאָרשטעלונגען דורך אַ פּאָוסטער. און אַז אויף דער אַנדערער וואָך זאָלן מיר, אַקטיאָרשטשיקעס, זיך אָפּזוכן אַן אַנדער פּלאַץ צו שפּילן. און ער זאָגט מיר אָן מיטן הארבן וואָרט:

— טאַמאַשעווסקי, זאָלסט פאַרגעסן, אַז עס האָט אַמאָל געלעבט אויף דער וועלט אַן ענעלע! און אויב דו וועסט מיך ניט פאָלגן, וועט אַ גרויס אומגליק געשען.

דער טאַטע מיינער און די איבעריגע אַקטיאָרן און אַקטריסעס זענען גע־לאָפן צום אייגנטימער פון האָל און געבעטן אים, אַז ער זאָל אונז ניט אַרויס־וואַרפן. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. מיר האָבן אונטערגעשיקט פּראָמי־נענטע פּערזאָנען, זיי זאָלן זיך פאַר אונז איינשטעלן, און זען ווירקן אויף אים, אַז ער זאָל אונז לאָזן ווייטער שפּילן טעאַטער, און עס האָט אויך ניט געהאָלפן. מיר האָבן געענדיגט די וואָך און — מיר זענען ווייטער געבליבן אָהן אַ טעאַטער.

ענעלע'ן האָב איך מער ניט געזען. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז אירער אַן אָנקל האָט זי אַוועקגעשיקט צו זיינער אַ שוועסטער אין אַ קאָונטרי ערגעץ נעבן באָסטאָן. מיך האָט ניט אינטערעסירט מער דאָס טעאַטער, די אָפּערעטע „ראָטשילד'ס ביאָגראַפיע"; מיר האָט קיין זאַך ניט אינטערעסירט; איך האָב בלויז געטראַכט פון ענעלע'ן. מיין בענקשאַפט נאָך איר איז געווען אומבאַשרייבלעך. גאַנצע וואָכן פלעג איך זיך יעדן טאָג אַרומדרייען שטונדן לאַנג אַרום 165 איסט בראָדוויי, טאָמער וועל איך אָנטרעפן מיין ענעלע'ן. אָבער אומזיסט איז געווען מיין זוכן, מיין בענקען. ענעלע איז ווי אין וואַסער אַריין! איך האָב אונטערגעשטעלט חברים און חבר'טעס, זיי זאָלן מיר העלפן זוכן מיין ענעלע'ן. עס האָט אָבער גאָרניט געהאָלפן. איך האָב ענעלע'ן אויף אייביג פאַרלאָרן.

אַ לאַנגע צייט האָבן מיר געזוכט אַ טעאַטער און ניט געקאָנט געפינען. און די חברה אַקטיאָרן האָבן ווידער אָנגעהויבן ליידען. איינעם האָט גע־פעלט דירה־געלט, ביי אַ צווייטן האָט מען צוגעמאַכט די גאַז, ביי אַ דריטן האָט מען צוגענומען דאָס ביסל מעבל, וואָס ער האָט געקויפט אויף אָפּצאָלן. חברה האָבן געהאַט טענות צו מיר:

— וואָס פאַר אַ דירעקטאָר ביזטו צו אַלדע שוואַרץ יאָר, אַז דו קענסט ניט אויסהאַלטען די טרופּע?!

איך בין אַוועקגעפאָרן קיין נוארק, ניו דזשוירזי, זוכן דאָרטן אַ טעאַטער. איך האָב ביי זיך געטראַכט: אין נוארק זענען דאָ, קיין עין הרע, אַ סך אידן, וועלן מיר דאָרטן שפּילן טעאַטער. קיין טעאַטער האָב איך אָבער אין נוארק ניט געקענט קריגן. ערשטנס האָט מען געדאַרפט האָבן געלד צו

געבן אַ דעפּאָזיט, און דאָס האָב איך ניט געהאַט. און, צווייטנס, ווער קאָן זיין זיכער צי מיר וועלן דאָרטן האָבן אַזאַ ערפאָלג ווי אין ניו יאָרק? איך האָב זיך באַקענט מיט אַן אָרימען זייגערמאַכער און אים דערציילט וועגן וואָס איך בין געקומען אין נוארק. ער האָט מיך פריינדלעך אויסגעהערט און מיר צוגעזאָגט צו העלפן. ער האָט מיך צוגעפירט צו אַ קליין טעאַטערל, וואָס האָט זיך געפונען ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענער געגנט. דער אייגנטימער פון טעאַטערל האָט מיר פאַרדונגען אויף איין נאַכט זיין פּלאַץ פאַר 75 דאָלער. דער זייגערמאַכער האָט אויסגעלעגט פינף־און־צוואַנציג דאָלער אַלס דעפּאָזיט; האָב איך שוין אַ רעסיט פון טעאַטער. דער גוטער זייגערמאַכער איז מיט מיר דערנאָך געגאַנגען צו אַ דרוקער און באַשטעלט פּאָסטערס און הענד־בילס און פאַר דעם באַצאָלט. דעם טאָג פון דער פאָרשטעלונג איז די גאַנצע טרופּע פאַרפאָרן אין הויז פון דעם אָרעמען זייגערמאַכער. זיין היים איז באַשטאַנען פון דריי צימערלעך, וואָס ער, זיין פרוי און פיר קינדערלעך האָבן באַוואוינט. אונזער טרופּע איז באַשטאַנען פון זעכצן מענטשן, און מען קען זיך שוין פאָרשטעלן ווי באַקוועם מיר האָבן זיך דאָרט אַלע געפיהלט און ווי באַקוועם דער זייגערמאַכער און זיין פרוי האָבן זיך געפיהלט. די באַלעבאָסטע, אַ ליבהאַרציגע פרוי, האָט צוגעגרייט טיי, אַוועקגעשטעלט אויפן טיש קרעקערס און מיט אַ זיסן שמייכל אויפגענומען געסט. פאַרנאַכט זענען מיר אַלע אַוועק אין טעאַטערל. דער זייגערמאַכער איז געזעסן ביי דער קאַסע אַ פריילעכער, אַ לעבעדיגער.

— נו, — פרעג איך ביי אים, — וואָס הערט זיך ביי דער קאַסע? חברה אַקטיאָרן זענען אויך נייגעריג דאָס צו וויסן. דער זייגערמאַכער טרייסט אונז:

— עס וועט זיין אָל־ראַיט. ביינאַכט וועלן אַלע אידן קומען. איך האָב שוין פאַרקויפט צוויי טיקעטס צו פופציג סענט. עס וועט זיין גוט, זאָרגט ניט!

חברה איז אַרויף אויף דער בינע און זיך גענומען גרייטן צו דער פאָר־שטעלונג. געשפּילט האָבן מיר באַרסקי'ס „די וואַהנזיניגע". מיר האָבן נאָך צייט געהאַט צו מאַכן אַ שטיקל פּראָבע. די מוזיקאַנטן האָבן אויך געמאַכט אַ מוזיק־פּראָבע. אַלץ איז צוגעגאַנגען בשלום. די צייט האָט זיך גערוקט אַלץ נעהענטער צום אָנהייבן. אַקטיאָרן האָבן זיך אָנגעטאָן, גרימירט, די סטעידזש־הענט האָבן פאַרטיג געמאַכט די בינע, דער אָרקעסטער האָט גענומען שפּילן די אָוּוערטיורע.

איך גיב א קוק דורכן לעבל פון פארהאנג צו זען וואס עס טוט זיך אין טעאטער און עס ווערט מיר פינסטער אין די אויגן. אונטן, אין ארקעסטער, זיצן עטלעכע מענטשן, עטלעכע אויף דער באלקאני און א היבש ביסל אויף דער גאלעריע, חברה שווישפילער גייען ארום פארטרויערט, מען זיפצט, מען קרעכצט, די אקטריסעס ברעכן די הענט, אלע האבן מיר געווארט אויף דער פארשטעלונג אין נוארק. מען האט געהאפט, אז עס וועט זיין אויף רענט, אויף גאז, עס וועט זיין צו באצאלן כאטש א ביסל געלט דעם גראסע־רימאן, דעם בוטשער, און וואס וועט איצט זיין? איך בין געזעסן א פאר־צווייפלטער אין מיין דרעסינג־רום. אט דארף מען באלד אנהייבן שפילן און קיינער קומט ניט אריין צו מיר — עס קומט ניט דער באלעבאס פון טעאטער נאך די איבעריגע פופציג דאלער, עס קומען ניט די מוזיקער נאך געלט.

דער גלאק האט א קלונג געטאן מען זאל אנהייבן, און מיר האבן טאקע אנגעהויבן שפילן. אין מיטן שפילן זענען אריינגעקומען אין טעאטער נאך עטלעכע מענטשן. מיר האבן אפגעשפילט דעם אקט מיט גרויס ערפאלג. דער ערפאלג איז אבער בלויז געווען א מאראלישער, דאס פובליקום האט שטארק אפלאדירט, אבער אין דער קאסע איז געווען צרות. נאכן צווייטן אקט איז ארויפגעקומען א ראבינער, וועלכער האט זיך פאר מיר פארגעשטעלט. איך געדענק ניט מער זיין נאמען, אבער איך געדענק, אז ער איז געווען א ליב־לעכער, סימפאטישער מאן אין די עלטערע יארן. ער זאגט מיר, אז אים איז שטארק געפעלן די פארשטעלונג און אז ער בעט ביי מיר, אז איך זאל אים ערלויבן צו ריידן צום פובליקום. איך פרעג ביי אים, וואס ער וויל ריידן, ערקלערט ער מיר, אז אזוי ווי אין נוארק איז עס דאס ערשטע מאל וואס מען שפילט אידיש טעאטער, איז דערפאר דער באזוך זעהר א שוואכער; וויל ער וועגן דעם ריידן צום עולם און זיי פארברייטן צו א צווייטער פאר־שטעלונג, וואס וועט זיכער זיין א פינאנציעלער סוקסעס. איך האב, נאטיר־לעך, געגעבן דעם ראבינער די ערלויבעניש צו ריידן און ער האט געהאלטן א זעהר שעהנע רעדע. ער האט מיך אנגענומען ביי דער האנט און איז מיט מיר ארויס אויף דער בינע און אזוי געהאלטן זיין רעדע. ער האט גערעדט וועגן דעם פארפאסער פון דער פיעסע, בארסקי׳ן, וועלכער האט אויך מיט־געשפילט אין דער פיעסע, וועגן מר. און מרס. ספעקטאר און ער האט אפע־לירט צום פובליקום, אז עס זאל קומען צו די ווייטערדיגע פארשטעלונגען. ווען מען האט געענדיגט שפילן, זענען אידן געלאפן צו דער קאסע נאך טי־קעטס פאר דער צווייטער פארשטעלונג.

ווען איך האָב זיך איבערגעטאָן נאָכן שפּילן, איז צו מיר אין דרעסינג רום אַריינגעקומען דער ראַבינער, צוזאַמען מיט נאָך איינעם, אַ הויכן, שעה־נעם מאַן, מיט באַקנבערד און פּענסנע, זעהר רייך געקליידעט. דער ראַבינער ערקלערט מיר, אַז דער מאַן און נאָך איינינע פון פּובליקום האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אַז מען זאָל מיר געבן צוויי הונדערט און פופציג דאָלער פאַר די שוישפּילער. זיי, די באַלעבאַטים, האָבן ניט געקאַנט זען, אַז די אַרטיסטן זאָלן אַרבייטן דאָס ערשטע מאָל אין נוארק ביי אַזאַ קליינער איינגאַמע. איך האָב נאַטירלעך דאָס געלט צוגענומען און הארציג באַדאַנקט דעם ראַבינער און זיין באַגלייטער. דאָן האָט דער זעלבער מאַן איינגעלאַדען די גאַנצע טרופּע צו אַ סאַפּער אין אַ אידישן רעסטאָראַן. די גאַנצע טרופּע האָט הארציג באַדאַנקט אי דעם ראַבינער, אי זיינע פריינט. דער זייגערמאַכער האָט זיך צוזאַמען מיט אונז געפרייט. ער האָט אונז דער־ציילט, אַז דער באַלעבאָס פון טעאַטער האָט אונז געשאָנקען די פופציג דאָלער, ווייל אים איז געפעלן געווען די פאַרשטעלונג. דער באַלעבאָס איז געווען אַן אַמעריקאַנער איד און ער האָט געזאָגט, אַז ביי אָרעמע אַרטיסטן וויל ער קיין געלט ניט נעמען. דער זייגערמאַכער האָט מיר ערקלערט, אַז פון דער איינגאַמע האָט ער באַצאָלט דעם אָרקעסטער און די אַנדערע מענטשן, וועלכע האָבן געאַרבייט און אַז עס איז נאָך געבליבן אַ צוואַנציג דאָלער און אפשר מער; ער האָט דאָס קליין געלט נאָך ניט איבערגעציילט. און דערביי לייגט ער אַוועק אויפן טיש דאָס געלט.

— נעמט זיך אַראָפּ די פינף־און־צוואַנציג דאָלער, וואָס איר האָט געגעבן אַלס דעפּאָזיט — זאָג איך צו אים.

ער האָט דאָס געטאָן, און דאָס איבעריגע האָט ער אונז אַוועקגעגעבן. מיר האָבן גאַנץ פיין געהוליעט ביי דעם סאַפּער. די געמיטער פון אונז, אַקטיאָרן, זענען געוואָרן אַביסל פריילעכער — עס וועט זיין אַביסל געלט זיך צו ראַ־טעווען פון דער נויט.

מיין טאַטע האָט דערווייל געהאַלטן אין איין זוכן אַ טעאַטער אין ניו יאָרק. זינט מען האָט אונז אַרויסגעוואָרפן פון איסט בראָדוויי, האָט ער ניט גערוט. איבער גאַנץ ניו יאָרק איז ער אַרומגעלאָפן, זוכנדיג פאַר אונז אַן אָרט, וואו צו שפּילן. אַ געוויסן טאָג זאָגט מיר אָן דער טאַטע די פריילעכע בשורה, אַז ער האָט אַ טעאַטער פאַר אונז. וואו? ווער? וואָס? — דאָס וויל ער מיר ניט זאָגן. ער וועט מיך פירן צום טעאַטער מאָרגן, עלף אַזייגער

אין דער פרי. איך האָב שוין יענע נאַכט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. די נייגעריגקייט צו זען דעם טעאַטער האָט מיך ניט געלאָזט שלאָפן.

אויף מאָרגן גיי איך מיט מיין טאַטן אָנקוקן דעם טעאַטער. ער פירט מיך אַוועק אויף עווניו „בי״, צווישן דער צווייטער און דער דריטער סטריט.

איך וואַרף מיינע אויגן אויף אַלע זייטן. איך זוך דעם טעאַטער. איך זע גראָסערי־סטאָרס, פרוכט־סטאָרס, שיך־סטאָרס, סטיישאַנערי־סטאָרס, ביער־סאַלונס, אָבער ניט קיין טעאַטער. מיין טאַטע פירט מיך אַריין אין אַ סאַלון און שטעלט מיך פאַר פאַרן באַלעבאָס, וועלכער שטייט הינטערן באַר — אַן אַלטער, פאַר׳שכור׳טער דייטש, מיט אַ רויטער, בראָנפנדיגער נאָז. איך גיב דעם דייטש מיין האַנט. ער דריקט זי שטאַרק, שאָקלט דערביי מיטן פליכעוואַטן קאָפּ און זאָגט:

— יאַ, יאַ, דער יונגע איז דאָס דער בערימטער שוישפילער? יאַ, יאַ. טרינקען וויר איינס.

און אָט שטייט אַ פלאַש מיט גלעזלעך. דער דייטש גיט אַ וואונק מיטן אויג און זיין אַסיסטענט פילט אָן די גלעזלעך. דער באַלעבאָס פון סאַלון נעמט אַ גלעזל, גיט אַ בורטשע „פראָזיט״, און קערט איבער דאָס גלעזל אין זיין ברייט אָפענעם מויל אַריין. דער טאַטע מיינער איז ניט געווען קיין טרינקער, איך אודאי ניט; האָבן מיר זיך געקוועטשט מיט די גלעזלעך, אין דער צייט וואָס דער דייטש האָט שוין געהאַט אַריינגעשנאַפּסט די פינפטע כוסה. איך פרעג ביי מיין טאַטן:

— וואו איז דער טעאַטער?

— יאַ, יאַ, — רופט זיך אָפּ דער האַלב־שיכור׳ער דייטש מיט אַ הייזעריגער שטימע. — קאָם, יונגע, איך צייגע דיר דאָס טעאַטער.

ער פירט מיך צו אַ זייטיגער טיר, וואָס ער עפנט, און מיר געפינען זיך אין אַ לאַנגן, שמאָלן זאַל, וואָס איז אָנגעשטעלט מיט טישלעך און בענקלעך. טיף, אין הינטערגרונט, געפינט זיך אַ קליינע בינע. אָט דאָס איז דאָס טעאַטער, וואָס דער טאַטע האָט פאַר מיר אויסגעזוכט. עס איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן. איך האָב שוין געוואָלט אַנטלויפן. דער טאַטע מיינער ערקלערט מיר, אַז דער אַריינגאַנג איז ניט דורכן סאַלון. עס איז אַ זייטן־טיר, וואָס פירט אין דעם זאַל. ער דערציילט מיר אויך, אַז דאָ האָבן געשפּילט גרויסע דייטשע אַרטיסטן, אַז דער באַלעבאָס וועט אַרויסנעמען די טישלעך און אַריינשטעלן אמת׳ע שטולן, אַז דער נאָמען פון טעאַטערל איז געווען „קאָנקאָרדיאַ טעאַטער״. דער טאַטע ערקלערט מיר,

אַז ער האָט אָפּגעמאַכט מיטן באַלעבאָס צו שפּילן מיט אים אויף פּראָצענט. ער, דער אייגנטימער, גיט דאָס טעאַטערל, באַלייכטונג, סטיידזש־הענדס און זעקס מוזיקער און דערפאַר באַקומט ער פינף־און־צוואַנציג פּראָצענט פון דער איינגאַמע. דער טאַטע רעדט מיך צו, איך זאָל נעמען דאָס טעאַטערל, און ער פאַרזיכערט מיר, אַז מיר וועלן מאַכן גוטע ביזנעס. איך האָב דעם טעאַטער גענומען ניט אָנפרעגנדיג ביי דער טרופּע.

דער דייטש האָט געהאַלטן וואָרט, איינגעפיקסט אַלץ, ווי ער האָט צו־געזאָגט. דאָס טעאַטערל האָט אויסגעזען ניט שלעכט און מיר האָבן אָנ־געהויבן שפּילן. צוערשט איז געגאַנגען אַ נייע פּיעסע, וואָס דער טאַטע האָט פאַרפאַסט. „די נאַכט קעניגין" איז געווען דער נאָמען פון דעם שטיק. דאָס שטיק איז געווען אַביסל צו „ליטעראַריש". קאָמישעס איז אין דעם געווען זעהר ווענינ, מוזיק אויך ווענינ; און די דעמאָלסטדיגע אידישע טעאַ־טער־באַזוכער האָבן ניט געקענט פאַרטראָגן אַ פּיעסע אָהן קאָמיזם און אָהן מוזיק. דאָס איז געווען איינע פון די אורזאַכן, פאַרוואָס אידן זענען ניט געקומען אין טעאַטער. די צווייטע אורזאַכע איז געווען, וואָס דאָס טעאַטער איז ניט געווען באַקאַנט דעם גרויסן עולם, ווייל עס האָט זיך געפונען ניט אין סאַמע אידישן קוואַרטאַל. עוועניו „עי" און עוועניו „בי" און די אַרומיגע גאַסן זענען דעמאָלט געווען באַוואוינט פון לויטער דייטשן.

דאָס „קאָנקאָרדיאַ"־טעאַטערל איז, אַלזאָ, אויך געווען שלים־מזל'דיג. מיר האָבן ניט געקענט מאַכן קיין לעבן. עס איז געגאַנגען אַלץ ערגער און ערגער. די שוישפּילער האָבן ווידער געליטן נויט, ס'איז ניט געווען אויף רענט, אויף גאַז, און גאַנץ פּשוט, אויף אַ שטיקל ברויט. דורך דער קורצער צייט, וואָס מיר האָבן דאָרט געשפּילט, האָבן מיר אויסגעפונען, אַז איבערן טעאַטערל, אויף די אויבערשטע פּלאָרס, האָבן זיך געפונען אומאַנשטענדיגע הייזלעך. כדי זיך צו ערקונדיגן צי דאָס איז אמת, האָב איך זיך אַ געוויסע נאַכט אַרויפגעכאַפּט אויבן, און וואָס איך האָב דאָרטן געזען, האָט מיך גענוג איבערצייגט, אַז דער קלאַנג איז ניט קיין בלבול. אפשר איז דאָס געווען איינע פון די אורזאַכן, פאַרוואָס דער אידישער טעאַטער־עולם האָט געוויכט פון יענעם פּלאַץ. מיר האָבן נישט באַלעמוטשעט און זענען אַנטלאָפן פון דעם שמוץ און מיר זענען ווידער געבליבן אָהן אַ טעאַטער.

זוכן מיר מיטלען ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען און קאָנען קיין זאַך ניט געפינען. אַלץ גייט מיט דער פּוטער אַראָפּ. צו וואָס פאַר אַ אונטערנע־מונג מיר האָבן זיך ניט גענומען, איז זי דורכגעפאַלן. מיינע אַרטיסטן

האָבן ווידער אנגעהויבן זוכן אַנדערע פּרנסות, און מאַנכע פון זיי האָבן טאַקע געפונען אויך. דער דראַמאַטישער אַקטיאָר און די דראַמאַטישע אַקטריסע האָבן אָנגעהויבן נייען העמדלעך. דער קאָמיקער האָט גענומען האַנדלען מיט וואַנצן־פּוידער, דער ליבהאָבער איז געוואָרן אַן אינשורענס־אַגענט, און דער ליבער אינטעליגענטער ישראל באַרסקי האָט אונז איבערגעלאָזן און איז אַוועק אויף אַ פאַרם ערגעץ נעבן קליוולאַנד.

אַ געוויסן טאָג איז דער טאַטע אַוועקגעפאָרן אין פילאַדעלפיע דאָרט זוכן אַ טעאַטער, און ער האָט טאַקע געפונען. אין פילאַדעלפיע האָט ער זיך באַקענט מיטן דעמאָלדיגן דירעקטאָר פון דייטשן טעאַטער, אַלעקסאַנדער קאָסט. מיין פאָטער האָט מיט אים אָפּגעמאַכט, אַז מיר זאָלן שפּילן אין פילאַדעלפיא די גאַנצע פסח־וואָך. מיר האָבן געלאָזט וויסן צו אונזערע פריינט אין פילאַדעלפיע, אַז מיר הייבן דאָרטן אָן שפּילן אין דייטשען טעאַטער, וואָס האָט זיך געפונען אויף דריטע סטריט קאָרנער גרין סטריט: מיר וועלן שפּילן „בריינדעלע קאָזאַק“ פון אברהם גאָלדפאַדען. געוואָלט האָב איך, אַז מיר זאָלן שפּילן אַ בעסערע פּיעסע, אָבער עס האָבן שוין אויסגעפעלט עטלעכע פון די בעסערע אַקטיאָרן און „בריינדעלע קאָזאַק“ איז געווען די פּאַסנדסטע פּיעסע פאַר אונזער אַנסאַמבל. אַלעקסאַנדער קאָסט, דער באַלעבאָס פון טעאַטער, האָט אויסגענומען מיט דעם טאַטן, אַז ער זאָל ניט אַרויסלאָזן קיין אידישע פּאָסטערס אָדער הענד־בילס און אַז מיר זאָלן אויך ניט אַנאָנסירן אין קיין אידישער צייטונג וועגן אונזערע פאָרשטעלונגען. אַזוי איז געווען דער אָפּמאַך. אַנדערש האָט דער דייטש דעם טאַטן זיין טעאַטער ניט געוואָלט פאַרדינגען. די כונה פון דעם אָפּמאַך האָב איך אייגנטלעך ניט פאַרשטאַנען. דער פועל יוצא איז אָבער געווען, אַז די אידן אין פילאַדעלפיע האָבן ניט געוואוסט, אַז מען שפּילט אידיש טעאַטער. מען האָט אויסגעהאַנגען דייטשע פּאָסטערס, ענגלישע פּאָסטערס און אַנאָנסירט אין דער דייטשער צייטונג וועגן אונזערע פאָרשטעלונגען. די אַנאָנס איז געווען אַזוי צוזאַמענגעשטעלט, אַז מען האָט געמיינט, אַז מיר שפּילן דייטש טעאַטער. די דייטשן און די דייטשע אידן האָבן זיך שטאַרק אָפּגערופן און האָבן אין די מאַסן געקויפט טיקעטס. מיין טאַטן איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק ווי אַזוי דורכצופירן די ערשטע פאָרשטעלונג מיט גרויס סוקסעס (ער האָט נעבעך געמיינט גוט): מיין שוועסטעריל, עמאַ, וועלכע איז דאַן פינף יאָר אַלט געווען, האָט זעהר שעהן געזונגען אידישע לידלעך. אין ניו יאָרק

האָט זי געמאַכט אַ „היט״ מיט איר זינגען. זאָל עמאַ זיין די ערשטע אויפן פּראָגראַם און זי וועט אָנהויבן די פאָרשטעלונג מיט זינגען עטלעכע לידער.

דאָס טעאַטער איז געווען אינגאַנצן אויספאַרקויפט. אַלע סיטס זענען געווען באַזעצט מיט לויטער קריסטן און אויך דייטשע יאַהודים, אין פול דרעס און די דאַמען אין באַל־קליידער. זיצנדיג אין מיין דרעסינג־רום, בין איך איבעראַשט געוואָרן פון אַן אונערוואַרטעטן וויזיט. עס איז אַריינגעקומען צו מיר מאַקס אַבראַמאָוויץ, דער דאַמאַלדיקער פיינער מוזיקער און באַרימ־טער דייטשער קופּלעטיסט. איך האָב זיך מיטן גאַסט זעהר דערפרייט. ער איז אַרונטערגעבראַכט געוואָרן קיין ניו יאָרק אין דעם דאַמאַלסטדיגן אַט־לאַנטיק גאַרדן און ער האָט זעהר פיין אויסגענומען. איך האָב אים אייניגע מאָל געהערט זינגען און בין געווען איבעראַשט. אַזוי ווי דאָס טעאַטער איז שוין געווען אויספאַרקויפט, האָב איך פאַרן חשוב׳ן גאַסט קיין פּלאַץ נישט געהאַט; ער האָט געמוזט זיצן הינטער די קוליסן.

דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף און מיין שוועסטערל עמאַ קומט אַרויס און זינגט לידלעך. די אַפּלאָדיסמענטן זענען געווען זעהר שוואַכע, ניט די ניו יאָרקער באַגייסטערונג. דאָס קינד האָט זיך שטאַרק געערגערט און זיך ביטער צעוויינט, ווען זי איז געקומען הינטער די קוליסן. „זיי ווילן מיך נישט הערן זינגען!״ — האָט זי געוויינט. מאַקס אַבראַמאָוויץ האָט זי גע־טרייסט, איינגעשטילט. און אַט הייבט זיך אָן די פאָרשטעלונג פון „ברײנדע־לע קאָזאַק״. אין דער ערשטער סצענע קומט פאָר ווי צוויי פריינט זיצן אין אַ גאָרטן ביי אַ טישל, טרינקען וויין און פירן צווישן זיך אַ געשפּרעך וועגן גוטע און שלעכטע ווייבער. איינער פון זיי איז אַ העלד אַ מאַנס־פּאַרשוין, דער צווייטער — אַ לעמעשקע. ביידע דערציילן זיך איינער דעם אַנדערן ווי אַזוי זיי וועלן פירן אַ לעבן מיט זייערע ווייבער, ווען זיי וועלן חתונה האָבן. זיי טרינקען אַזוי לאַנג, ביז זיי ווערן אַנטשלאָפן. און עס חלום׳ט זיך זיי אַ בילד פון ווייבערשע מלאכים. דער טאַטע מיינער האָט געשפּילט איינעם פון די מענער, דעם לעמעשקע, און אַ געוויסער מר. לעווין (ער האָט איצט אַ מעבל סטאָר אויף דער באַוערי) האָט געשפּילט די ראָלע פון דעם העלדישן מאַנספּאַרשוין. איך האָב געשפּילט „ברײנדעלע קאָזאַק״; לעאָן גאָלובאָק האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ שיכור׳ן משרת אין אַ האָטעל. נאָכן בילד פון די מלאכים פאַלט דער קויערטן און עס שטעלט פאָר אַ קאָרידאָר פון אַ האָטעל. דער שכור׳ער דינער לויפט פון טיר צו טיר כדי צו באַדינען די געסט, וועלכע רופן אים. איך שטיי הינטער די קוליסן אָנגעטאָן אַלס

„ברײנדעלע קאָזאַק“ און הער ווי אין טעאַטער רודערט זיך עפּעס. איך פֿרעג גאַנץ שטיל גאָלובאָק׳ן: „וואָס איז דאָרט געשען?“, ענטפֿערט ער מיר אויך גאַנץ שטיל און גאַנץ גיך: „דאָס פּובליקום צעגייט זיך!“. איך גיב אַ קוק דורך דער טיר וואָס פֿירט צום פּובליקום און עס ווערט מיר פֿינסטער אין די אויגן. דאָס גאַנצע פּובליקום פֿאַרלאָזט דעם טעאַטער. איך וויל די אַקטיאָרן מײַנע וועגן דעם אומגליק ניט דערצײלן. גאָלובאָק זינגט זיך זײַן לידל און טאַנצט דערבײַ. קײנער אַפּלאָדירט ניט. געענדיגט דעם טאַנץ, לויפֿט גאָלובאָק צו צו מיר און זאָגט מיט טרערן אין די אויגן:

— טאָמאַשעווסקי, דאָס גאַנצע פּובליקום איז זיך צעגאַנגען. אונטן איז קײן אײנער ניט געבליבן, בלויז עטלעכע מענטשן זיצן אויף דער גאַלעריע.

און דאָ דאַרף איך באַלד אויפֿטרעטן. עס זינגט אַ כאָר פֿון מײדלעך און בײַ אַ געוויסן טאַקט דאַרף איך אַרויפֿקומען אויף דער בינע. איך קום אַרויף אויף דער בינע — קײנער איז אין טעאַטער ניטאָ! די אָשערס שטײען און לאַכן מיר אין פּנים אַרײַן. עס האָט מיר פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ. איך האָב אָפּגעזונגען, אָפּגעטאַנצט און אָפּגעשפּילט דעם גאַנצן אַקט פֿאַר די לײדיגע פֿיר ווענט פֿון טעאַטער. די עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אויף דער גאַלעריע זענען געווען אײגענע. זײ האָבן געוואוינט צוזאַמען מיט אונז אַקטיאָרן, אין אַ אידישער באָרדינג־הויז. זײ זענען געווען די אײנציגע, וועלכע זענען פֿאַרבליבן אין טעאַטער ביזן סוף פֿון דער פֿאָרשטעלונג. נאָכדעם ווי איך האָב זיך אָנגעטאָן, בין איך אַרײַן מיט מײַן טאַטן צום דירעקטאָר פֿון טעאַטער, און אָט ווי הער קאַסט האָט אונז אויפֿגענומען:

— הערען זי מאַל, איר קענט דאָך גאָרניכטס! איר זײַט קײנע שױ־שפּילער. גײען זי פּעדלען!

די פּראָצענטן פֿון דער אײַננאַמע האָט ער אונז ניט געוואָלט געבן:

— געהען זי פֿאָרט, אָדער איך שמײס זי הערױס!

ווען מיר זענען אַרױס פֿון טעאַטער זענען שױן די ווענט געווען פֿאַר־קלעפּט מיט דײַטשע אַפֿישן. מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז דער דײַטש האָט אונז פּשוט אָפּגעטאָן אַ מיאוס׳ן שפּיצל: ער האָט אומישנע געוואָלט מיר זאָלן דורכפֿאַלן, אַז מיר זאָלן האָבן אַ שוואַרצן סוף, כדי מיר זאָלן מער ניט חלומ׳ען וועגן שפּילן אידיש טעאַטער אין פֿילאַדעלפֿיע. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אַ אידיש טעאַטער וועט שעדיגן זײַנע ביזנעס, ווײַל אידן זענען געווען אַכציג פּראָצענט פֿון זײַנע באַזוכער. איצט איז מיר ערשט

קלאָר געוואָרן פאַר וואָס ער האָט ניט ערלויבט צו מאַכן קיין אידישע פּאָס־טער און אידישע הענד־בילס.

ווען מיר זענען געקומען צוריק אין אונזער באָרדינג־הויז, האָבן די אידן, וועלכע זענען געווען ביי דער פאָרשטעלונג, אונז זעהר שטאַרק באַדויערט, און מער פון אַלע האָט אונז באַדויערט די באַלעבאָסטע פון באָרדינג־הויז, אַ זעהר שעהן ווייבעלע, אפילו אַביסל צו דיק, וועלכע האָט ניט געוואוינט מיט איר מאַן. דורך די עטלעכע טעג, וואָס איך בין געווען אין פילאַדעלפיע ביז די טרופּע איז אָנגעקומען, האָב איך זיך מיט דעם ווייבל נעענטער באַקענט: זי האָט זיך שוין געהאַט אפילו מיר ערקלערט אין ליבע, מיר דערלאַנגט די בעסטע מאכלים, האָט זי איצט באַדויערט אונזער דורכפאַל, צוליב וואָס איך וועל אין פילאַדעלפיע ניט קענען פאַרבלייבן. זי האָט מיר געטרייסט, אַז וועגן דעם חוב, וואָס איר קומט, זאָל איך זיך ניט זאָרגן. זי האָט מיר אפילו געגעבן געלט אויף טיקעטס פאַר דער גאַנצער טרופּע צוריק צו פאָרן קיין ניו יאָרק. די טרופּע איז אַוועקגעפאָרן קיין ניו יאָרק, און איך בין נאָך פאַרבליבן עטלעכע טעג אין פילאַדעלפיע. דאָס ווייבעלע האָט מיך ניט געלאָזט אַוועקפאָרן.

ווען איך בין אַהיימגעקומען האָב איך געטראָפן אַ שרעקלעכע לאַגע: דער גראָסערימאַן וויל מער ניט געבן אויף באָרג; דער בוטשער — דאָס זעלבע: די קינדערלעך הונגערן: די מאַמע גייט אָרום אַ פאַרצאָגטע; דער טאַטע זוכט פּרנסה און געפינט ניט. איך בין געקומען מיט צען דאָלער, וואָס דאָס שעהנע ווייבעלע, די באַלעבאָסטע פון באָרדינג־הויז, האָט מיר אַנטליען, האָט די מאַמע איינגעקויפט עפּעס צו עסן און עס איז געוואָרן פרייליכער אין הויז. די מאַמע גייט אָבער כסדר אָרום און זיפצט און קרעכצט. איך זאָג צו איר:

— מאַמעניו, קרעכץ ניט, זיפץ ניט, גאָט וועט העלפן!

די מאַמע האָט מיר ניט געוואָלט אויסזאָגן, אַז דער לענדלאָרד האָט אַריינגעשיקט אַ „דיספּאָזעס“ און אַז זי האָט זיך אָפּגעבעטן ביי אים אויף עטלעכע טעג. די ליבע מאַמע מיינע האָט אויך דעם טאַטן ניט געוואָלט אויסזאָגן וועגן דעם „דיספּאָזעס“. געוואוינט האָבן מיר דאַן אין עסעקס סטריט.

איין שעהנעם טאָג קום איך אַהיים פון אַרומלויפן זוכן אַ טעאַטער און פון אַ באַראַטונג מיט מיינע אַקטיאָרן. איך גיי מיט איינע פון מיינע נייע געליבטע, אויך זעהר אַ שעהן מיידעל. פון דערווייטן זע איך, ווי די

מאמע מיט די קינדערלעך גייען פון די טרעפּ און ווי קריסטן טראָגן מעבל. איך האָב פון דערווייטנס דערקענט אַז דאָס איז אונזער מעבל. איך האָב דאָס מיידל גלייך אוועקגעשיקט און בין צוגעלאָפן צו אונזער הויז. די מאַמע וויינט, ברעכט די הענט, איך לויף אַריין צום לענדלאָרד פון הויז; אַ בוטשער, וועלכע האָט געהאַלטן זיין בוטשער־סטאָר און אויך געהאַט זיין וואוינונג אין זעלבן הויז. איך רעד צו אים, איך בעט אים, ער זאָל נאָך אָפּ־וואַרטן אַביסל, אָבער ער ענטפערט מיר ניט. איך גיי אַרויס פון אים אַ צע־וועהטאָגטער, אַ דערשלאָגענער. עס קומט צו מיר צו אַן קליינטשיק, דאַר אידעלע, מיט אַן עכט אידישע בערדעלע. ער האָט אויסגעזען ווי אַ גריי־נער, וואָס איז נאָר וואָס אַראָפּ פון שיף. ער לעגט אַרויף זיין האַנט אויף מיין פּלייצע און פרעגט:

— טאָמאַשעווסקי?

— יעס, איך בין טאָמאַשעווסקי, — ענטפער איך אים.

— אייך שטעלט מען דאָס אַרוים אין סטריט?

— יעס, — ענטפער איך אים.

— קומט אָקאָרשט מיט מיר אַריין צום לענדלאָרד.

איך בין מיט דעם אומבאַקאַנטן אידן אַריינגעגאַנגען צום לענדלאָרד. דאָס אידל האָט באַצאָלט פאַר דעם חודש רענט, וואָס מיר זענען שולדיג געווען און פאַר נאָך אַ חודש אין פאַראויס האָט ער אויך געגעבן. ער האָט אויך באַצאָלט די קריסטן, זיי זאָלן צוריק אַריינטראָגן דאָס מעבל, און דער מאַמען האָט ער געגעבן עטלעכע דאָלער. און דאָס איז נאָך ניט אַלץ, וואָס דאָס טייער אידעלע, אונזער מלאך, האָט פאַר אונז געטאָן. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ סטאָר און מיר איינגעקויפט אַ פאַר סוטלעך און וועש. אויך פאַר דער מאַמען און די קינדערלעך האָט ער מתנות געקויפט. זינט דאַן איז דאָס אידעלע געבליבן אונזער הויז־פריינט. מיר וועלן זיך שפּעטער מיט אים ווידער באַגעגענען אין פאַרבינדונג מיט אַ מערקווירדיגער אינ־טערעסאַנטער געשיכטע פון לעבן פון די ערשטע אידישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע.

אַ שרעקלעכע ביטערע צייט האָבן מיר, אונזער פאַמיליע און מיינע אַקטיאָרן, דאַן איבערגעלעבט. ווען איך זאָג, „מיינע אַקטיאָרן", מיין איך די, וועלכע האָבן זיך נאָך געהאַלטן ביים טעאַטער און ניט געזוכט קיין אַנדערע פּרנסה, אָבער דאָס גוטע אידעלע פון עסעקס סטריט האָט אונז אַלעמען פון צייט צו צייט געהאָלפן מיט וויפל ער האָט געקענט. קיין גביר איז ער ניט

געוועזן. מיר דאַכט זיך, אַז ער איז דענסטמאָל געווען אַ קאָסטאָמער־פּעדלער.

דער טאַטע מיינער איז נאָך אַלץ אַרומגעלאָפן גאַנצע טעג און נעכט זוכנדיג אַ טעאַטער, אַ האָל, וועלכן ס׳איז פּלאַץ, וואו מיר זאָלן קענען שפּילן. ער פלעגט יעדן פאַרנאַכט אַהיימקומען אַ מידער, אַ דערשלאָגענער, און די מאַמע מיינע האָט אים געיאַדעט מיט די באַקאַנטע ווייבערשע שטעכווערטלעך:

— טעאַטער האָט זיך אים פאַרגלוסט! דאָס קינד, ברוך׳ל, שפּילט טעאַטער, אָל־ראַיט, ער איז אַ יונג בחור׳ל. אידן, ווייבער, מיידלעך, האָבן אים ליב, שפּילט ער טעאַטער. אָבער דו? וואָס האָסטו זיך אָנגעטשעפּעט צום טעאַטער? עס איז ניטאָ קיין דירה־געלט, עס איז ניטאָ וואָס צו עסן, מיר גייען אַלע אַרום באָרוועס! גזלן, רוצח, זוך זיך אָפּ עפּעס אַ פרנסה! אַן אַקטיאָר ווילט זיך אים זיין!

אָט די ווייבערשע לעקציע האָב איך געהערט יעדן טאָג אין דער וואָך. דער טאַטע מיינער האָט, נעבעך, אַראָפּגעשלונגען די אַלע לעקציעס פון דער מאַמען, אַ זיפץ געטאָן און גאָרניט געענטפערט. אָבער אָפט פלעגן אַרויסקומען משפחה־טראָבעלס, און ער פלעגט פאַרשווינדן פון שטוב אויף אַ געוויסער צייט, אַזוי ווי ער האָט געטאָן מיט יאָרן צוריק, ווען מיר זענען נאָך געווען אין רוסלאַנד, און ער האָט פאַרבראַכט צוויי יאָר אויף קאַווקאַז. דאָ אין אַמעריקע פלעגט ער אַוועקגיין אויף אַ קורצע צייט.

אַ געוויסן טאָג ערקלערט מיר דער טאַטע, אַז ער גייט זוכן עפּעס אַ פרנסה. דערביי האָט דער טאַטע מיר געגעבן אַ לעקציע אַז ער רעכנט אַז אידיש טעאַטער איז ניט קיין סחורה, און ער ראַט מיך ווי אַ טאַטע (און די מאַמע האָט דערביי צוגעהאָלפן), איך זאָל אויך זיך אָפּזוכן אַ פרנסה: אַרבייטן ביי סיגאַרעטן; עס זענען דאָ אין ניו יאָרק עטלעכע גרויסע סיגאַרעטן־פאַבריקן, וועל איך קריגן אַרבייט. דאָס טייערע אידעלע פון עסעקס סטריט האָט צוגעהאָלפן. ער האָט געזאָגט, אַז די מאַמע האָט טאַקע רעכט. מענטשן, האָט ער געזאָגט, דאַרפן קודם־כל זוכן פרנסה און אויב איין ביזנעס לוינט זיך ניט, דאַרף מען זוכן אַן אַנדערע.

און אָט וואָס עס האָט פּאַסירט: דער טאַטע האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט אַוועק פון ניו יאָרק זוכן פרנסה ערגעץ אַנדערשוואו, און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן. ער איז אַוועק און האָט אונז איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט. איך האָב אויך געוואָלט טאָן דאָס אייגענע, איבערלאָזן ניו יאָרק, איבערלאָזן

דאָס אידישע טעאַטער. איך בין אָבער פון ניו יאָרק ניט אוועקגעפאָרן. איך האָב באַשלאָסן צו זוכן אַ דזשאַב.

דאָס אידעלע פון עסעקס סטריט האָט שוין געהאַט אַ פאַרטיגן פּלאַן: ער דערציילט מיר, אַז זיינער אַ באַקאַנטער, אַ ביזנעסמאַן, האָט אַ טאָכטער, אַ מיידל אין מיינע יאָרן, וועלכע אַרבייט ביי סיגאַרעטס. געאַרבייט האָט דאָס מיידל אין דער דעמאָלט באַרימטער סיגאַרעט־פעקטאָרי „סוויט קאָר־פּאָראַל". די פעקטאָרי האָט זיך געפונען ערגעץ ביים האָדסאָן. דאָס אידעלע פון עסעקס סטריט גייט מיט מיר אוועק צו זיין פריינד, וועלכער האָט געוואוינט ניט ווייט פון אונזער הויז. מיר האָבן געוואַרט ביז דאָס מיידל איז געקומען אַהיים פון דער אַרבייט. זי איז געווען אַ שעהן ליכטיג מיידע־לע, מיט צוויי פלאַם־פייערדיגע אויגעלעך, אַ פרעהלעכע, אַ לעבעדיגע, אַ רעדעוודיגע. דאָס מיידל האָט מיך זעהר פריינדלעך באַגריסט, ווען דאָס אידעלע האָט מיך פאַר איר פאָרגעשטעלט.

— איך האָב אייך געזען שפּילן אין קאָנקאָרדיאַ טעאַטער, — זאָגט זי צו מיר, געבנדיג דערביי אַ בליץ מיט אירע שעהנע אויגעלעך.

איך האָב באַלד דערפיהלט, אַז דער בליץ מיינט פאַר מיר אַ נייע ליבע.

מיר האָבן דערקלערט דעם מיידל ווענן וואָס מיר זענען געקומען און ביי איר געפרעגט, צי קען איך קריגן אַ דזשאַב אין דער פעקטאָרי, וואו זי אַרבייט. זי האָט אונז ערקלערט, אַז די פעקטאָרי איז פול באַזעצט מיט אַרבייטער, נאָר אַזוי ווי זי איז שטאַרק באַפריינדעט מיטן פאָרמאַן, מיטן סופּעראינטענדענט און אפילו מיטן באַלעבאָס'ס זונדל, קאָן זי אויספירן, אַז מען זאָל מיך באַלד צונעמען צו דער אַרבייט. זי האָט זיך אָבער געוואונדערט: וואָס הייסט, איך, דער באַרימטער אַקטיאָר, דער דירעקטאָר פון אַ אידישער טעאַטער־טרופּע, דאַרף גיין אַרבייטן ביי סיגאַרעטן. זי האָט אַרויפגעלעגט איר שעהן הענטל אויף מיין אַקסל און געזאָגט:

— מאָרגן, האַלב זיבן אין דער פרי, זאָלט איר צוקומען דאָ צו מיין הויז און איך וועל אייך נעמען מיט מיר אין פעקטאָרי, איר וועט זיכער קריגן אַ דזשאַב.

דאָס אידל פון עסעקס סטריט האָט איר האַרציג געדאַנקט. איך האָב איר דערלאַנגט, מעשה קאַוואַליער, די האַנט און איר אויך געדאַנקט. איר שעהן הענטעלע האָט שטאַרק געדריקט מיין האַנט. מיר האָבן איר געזאָגט „גוד־באַי" און מיר זענען אוועק.

אויף מאָרגן אין דער באַשטימטער צייט האָב איך זיך באַגעגנט מיט דער

יונגער סיגאַרעטן־מאַכערין. קיידי, האָט זי געהייסן. מיר האָבן זיך ווידער היים געדריקט די הענט.

מיר האָבןביידע אַרונטערגעשפּאַצירט צו דער סיגאַרעטן־פעקטאָרי. עס איז געווען אַ גאַנץ נישקשה׳דיגער שפּאַציר, אָבער קיידי האָט מיך צוגערעדט, אַז מיר זאָלן גיין צופוס. האָבן מיר זיך גענומען געאַרעמט און זענען געגאַנגען. אויפן וועג האָט זי מיר ערקלערט, אַז זי האָט די גאַנצע נאַכט פון מיר גע׳חלומ׳ט. דערביי האָט זי מיר דערציילט, אַז עס איז אייגנטלעך ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי טרוימט וועגן מיר. זי האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן מיר זינט זי האָט מיך געזען שפּילן אין קאָנקאָרדיאַ טעאַטער. זי האָט מיר ווייטער דערציילט, אַז זינט מיר האָבן אַריינגעמופט אין אונזער הויז, האָט זי פיל מאָל געוואַרט אויפן סטופּ פון זייער הויז, וועלנדיג זיך מיט מיר באַגעגענען, אָבער זי האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן, זי האָט מיך אפילו געזען אייניגע מאָל אַרויסגיין פון הויז, אָבער איך בין קיינמאָל ניט געווען אַליין. יעדעס מאָל פלעגן מיך באַגלייטן פרויען, מיידלעך, יונגעלייט; האָט זי ניט געהאַט דעם מוט צו מיר צוצוגיין און מיט מיר אָנהויבן צו רעדן. איצט איז זי זעהר צופרידן פון דער געלעגנהייט, וואָס זי האָט מיט מיר זיך צו באַקענען. איך האָב איר, נאַטירלעך, אויך פאַרוואָרפן מיט קאָמפּלימענטן. און אַזוי רעדנדיג זענען מיר צוגעקומען צו דער „סוויט קאָרפּאָרעל״ סיגאַרעטן־פעקטאָרי. סיידי איז מיט מיר אַרויפגעגאַנגען אין אָפיס. דאָרט האָבן מיר געמוזט אַביסל וואַרטן ביז דער סופּעראינטענדענט איז געקומען. קיידי איז צוגעגאַנגען און מיט אים עפּעס גערעדט. גערעדט האָט זי מיט אים ניט ווי אַן אַרבייטער־מיידל צו דעם סופּעראינטענדענט פון פאַבריק, נאָר ווי מיט אַ פריינט, מעשה גוט־ברודערשאַפט. דער סופּעראינטענדענט, אַ הויכער, שטאָלצער דזשענטלמען, האָט קיידי׳ן אַ פּאָר מאָל אַ גלעט געטאָן איבער אירע שעהנע בעקלעך. קיידי האָט זיך געגוידערט פאַר אים, קאָקעטעוועט, געשמייכלט, דערנאָך איז זי צוגעקומען צו מיר און מיט אַ שמייכל מיר אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז זי האָט גע׳פּועל׳ט ביים סופּעראינטענדענט, מען זאָל מיר געבן אַ דזשאָב, אָבער, אַז איך דאַרף וואַרטן ביז דער פאָרמאַן וועט קומען נאָך מיר. עס האָט ניט גענומען לאַנג און דער פאָרמאַן איז געקומען.

— האַלאָ, טאָמאַשעווסקי! — האָט דער פאָרמאַן מיט פרייד אויסגערופן.

דער פאָרמאַן איז געווען מיין אַלטער באַקאַנטער אברהם גאָלובאָק.

גאָלובאָק האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַרן סופּעראינטענדענט, און אים ערקלערט װער איך בין. דער סופּעראינטענדענט האָט מיך פרײנדלעך באַגריסט און דערבײ באַמערקט מיט אַ שמײכל:

— װעלל, דאָס הײסט, אַז מיר װעלן האָבן אַ גאַנצע טרופּע אידישע אַרטיסטן בײ אונז אין פאַבריק.

קײדי האָט גאָר אָנגעקװאָלן זײענדיג װי פרײנדלעך איך װער אױפגענומען. גאָלובאָק האָט מיך אַרױפגעפירט אין דער פעקטאָרי. כמעט אַלע סיגאַרעטן־מאַכער זענען געװען מײנע טעאַטער־קאָסטאָמערס, האָבן זײ מיך באַלד דערקענט און מיך פרײנדלעך באַגריסט. מיר איז פינסטער געװאָרן אין די אױגן פאַר בושה. איך, דער טעאַטער־דירעקטאָר, אַ סיגאַרעטן־מאַכער . . . אָבער איך האָב זיך געשטאַרקט און אברהם גאָלובאָק און קײדי האָבן מיך אַביסל געטרײסט. גאָלובאָק האָט מיך צוגעפירט צו אַ לאַנגן טיש, װאו מען האָט געאַרבײט די סיגאַרעטן. פון בײדע זײטן טיש זענען געזעסן די סיגאַרעטן־מאַכער און אױפן טיש איז געלעגן אָנגעװאָרפן אַ באַרג מיט טאַבאַק און גילזן. צו מײן איבעראַשונג האָב איך דאָרטן געטראָפן צװײ פון מײנע װױכטיגסטע אַרטיסטן, לעאָן גאָלובאָק, דער באַרימטער קאָמיקער און מיראַן גאָלובאָק, דער באַרימטער טראַגיקער. עס איז אױסגעקומען אַזױ, אַז לעאָן איז געזעסן נעבן מיר און מיראַן אַנטקעגן מיר. קײדי האָט זיך עפּעס געשושקעט מיטן פאָרמאַן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס רעדט זי מיט אים, אַז מען זאָל מיך אַװעקזעצן נעבן איר. אברהם גאָלובאָק האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אױף נײן. קײדי איז אַרונטערגעלאָפן צום סופּעראינטענדענט און איז באַלד מיט אים צוריקגעקומען. דער סופּעראינטענדענט האָט עפּעס גערעדט מיטן פאָרמאַן און באַלד האָט גאָלובאָק אַװעקגעזעצט קײדי'ן געגנאיבער מיר, און מיראַן גאָלובאָק'ן, װעלכער איז פריער געזעסן געגנאיבער מיר, האָט מען איבערגעטופּט נעקסט צו זײן ברודער, לעאָן. איך בין געװען זעהר צופרידן, װאָס זי זיצט פּונקט אַנטקעגן מיר. עס װעט מיר פּשוט זײן פרײלעכער און אַנגענעמער.

איך האָב זיך אַװעקגעזעצט אַרבײטן, די אַרבײט איז אָבער ניט געגאַנגען. איך בין געװען אַ צרה'דיגער סיגאַרעטן־מאַכער, פּשוט אַ קאַליקע. קײדי האָט מיר צוגעהאָלפן בײ דער אַרבײט. אברהם גאָלובאָק האָט מיר אױך אַ סך אַרױסגעהאָלפן. מײן קאָמיקער און מײן טראַגיקער, די צװײ ברידער לעאָן און מיראַן גאָלובאָק, האָבן מיר אױך געװיזן װי אַזױ צו אַרבײטן. קײדי האָט מיר צוגעװאָרפן פאַרטיג־געמאַכטע סיגאַרעטן און

אויסבראַקירט מיינע שלעכט־געמאַכטע סיגאַרעטן. איך האָב אויף קיינעם ניט געקוקט, צו קיינעם ניט גערעדט; ווי אַ דער׳הרג׳עטער בין איך געזעסן. אויף קיידי׳ן פלעג איך יאָ פון צייט צו צייט וואַרפן אַ בליק.

עטלעכע שטונדן שפּעטער איז דער סופּעראינטענדענט אריינגעקומען. ער איז צוגעגאַנגען צו יעדן אַרבייטער און באַטראַכט די אַרבייט. איך זע ווי איינינגע מענער און מיידלעך הויבן זיך אויף, טוען אָן זייערע קליידער און גייען אַוועק. איך פאַרשטיי ניט וואָס דאָ קומט פאָר. אויף מיין פראַגע פאַרוואָס גייען עפּעס די אַרבייטער אַוועק, האָט מיר קיידי געענטפערט, אַז זיי גייען ניט מיט זייער אייגענעם ווילן, נאָר אַז דעם סופּעראינטענדענט איז זייער אַרבייט ניט געפעלן; גאַנץ פּשוט, ער האָט זיי אָפּגעזאָגט. מיר איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן. איך בין דאָך דאָ דער ערגסטער קאַליקע.

קיידי האָט שנעל דורכגעקוקט די סיגאַרעטן, וואָס איך האָב געמאַכט, אַרויסגעוואָרפן די שלעכטע און אַריינגעלעגט צו מיר גוט־געמאַכטע סיגאַרעטן פון איר פּעקל. איך האָב זיך געפיהלט אַ ביסעלע גרינגער, פרייער.

און אָט איז דער סופּעראינטענדענט נעבן מיר. ער קוקט דורך מיין אַרבייט, נעמט אַרויס עטלעכע סיגאַרעטן פון אויבן, פון מיטן און פון גאַנץ אונטן, קוקט און קוועטשט זיי. קיידי האָט צו אים אַ שמייכל געטאָן, אָבער ער האָט איר ניט געשאָנקען קיין שום אויפמערקזאַמקייט. דער סופּער־אינטענדענט איז נעבן מיר געשטאַנען עטלעכע מינוט און דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען. איך זע, ווי ער רעדט צום פאָרמאַן, און ווייזט אָן אויף מיין פּלאַץ. דאָס האַרץ האָט אין מיר געקלאַפּט ווי ביי אַ גזלן.

איך האָב געוואָלט אויפשפּרינגען און אויסשרייען צו מיינע קאָלעגן, די צוויי ברידער גאָלובאָק: „יאָלדן, וואָס זיצן מיר דאָ? קומט, מיר וועלן זיך אַוועקלאָזן אין דער ברייטער וועלט און מיר וועלן שפּילן אידיש טעאַטער. צום טייוול מיט דער סיגאַרעטן־פאַבריק, מיטן סופּעראינטענדענט און מיט די אַלע גליקן!“. איך האָב דאָס אָבער ניט געטאָן.

געצאָלט האָט מען פאַר דער אַרבייט אַ דאָלער פאַר טויזנט סיגאַרעטן. דער בעסטער סיגאַרעטן־מאַכער האָט העכסטנס געקאָנט אויסאַרבייטן דריי טויזנט סיגאַרעטן אַ טאָג, און דאָס האָט מען געמוזט אַרבייטן צוועלף שעה. און איך, אַ קאַליקע, וועל זיך דאַרפן אָפּמוטשען אַ גאַנצן טאָג און קוים אַרויסקוועטשן טויזנט אָדער, העכסטנס, צוועלף הונדערט סיגאַרעטן! עס האָט זיך מיר געדרייט דער מוח, איך האָב אפילו אָן קיידי׳ן פאַרגעסן. איך

האָב פאַרשטאַנען, אַז מיינע קאָלעגן, די צוויי שוישפּילער, האָבן גאַנץ גוט געפּיהלט, וואָס ביי מיר אין הארצן און אין מוח קומט פאָר.

ווען איך האָב ערוואַכט פון מיינע טרויעריגע געדאַנקען, האָב איך באַמערקט די צוויי אַרטיסטן זיצן שטאַרק פאַרטרויערט. קיידי האָט געקוקט אויף מיר מיט אירע שעהנע אויגן און דערביי געזיפצט. עס קומט צו מיר צו דער פאַרמאַן, אברהם גאָלובאָק, און זאָגט מיר, אַז דער סופּער־אינטענדענט איז צופרידן מיט מיין אַרבייט. עס איז געוואָרן אַ שמחה צווישן אַלע אַרבייטער. קיידי איז פאַר גרויס פרייד צוגעלאָפן צו מיר, מיך אַרומגעכאַפּט מיט אירעביידע וואַרעמע הענטלעך און מיר אַ קוש געטאָן. דאָס איז געווען דער ערשטער קוש פון קיידי'ן.

צוועלף אזייגער האָט דער פייפער פון פאַבריק אַ פייף געטאָן. איך האָב גענומען קיידי'ן און מיר זענען אַריין אין אַ ביליגן אידישן רעסטאָראַן, וואָס האָט זיך געפונען נעבן דער פעקטאָרי. די ברידער גאָלובאָק האָבן געבראַכט מיט זיך סענדוויטשעס פון דער היים און זיי זענען געבליבן אין דער פעקטאָרי. ביים לאָנטש האָבן מיר, איך און קיידי, אַביסל אַ רעד געטאָן וועגן ליבע. איך האָב נאָך געפּיהלט דעם קוש אירן. די גאָלובאָקס האָבן שפּעטער, ביי דער אַרבייט, באַמערקט, אַז צווישן מיר און קיידי'ן הויבט זיך אָן אַ ראָמאַן . . . „אַ נייער ראָמאַן ביי טאָמאַשעווסקי'ן" . . . און די צוויי ברידערלעך האָבן זיך געוויצלט:

— קיידי, — האָבן זיי געזאָגט צו מיין אַרויסהעלפערין — דו וועסט ניט בלייבן קיין סיגאַרעטן־מאַכערין. טאָמאַשעווסקי וועט דיך שוין מאַכן פאַר אַ פּרימאַדאָנע.

קיידי האָט געלאַכט און איך האָב אויך געשמייכלט. אַהיים פון דער פעקטאָרי זענען מיר שוין ניט געגאַנגען צופוס, ווי איינדערפרי, נאָר מיר זענען געפאָרן. אַ קליינינקע קאַר מיט איין פערדל האָט זיך געשלעפּט ביז ניט ווייט פון אונזער הויז. די קאַר איז געווען אָנגעפּאַקט מיט פּאַסאַזשירן ווי אַ באָקסל מיט סאַרדינעס. איך בין געשטאַנען מיט קיידי'ן און מיר זענען שיער ניט דערשטיקט געוואָרן, אָבער איך האָב געוואונשן, אַז די קאַר זאָל אַזוי פאָרן אפילו אַ גאַנצע נאַכט, וואָרום קיידי האָט זיך שטאַרק צוגע־טוליעט צו מיר. איר אָטעם האָט מיך געברענט, און איך האָב זי שטאַרק צוגעדריקט צו זיך. עס האָט אונז ביידן באַנג געטאָן, ווען מיר האָבן געדאַרפט פאַרלאָזן די קאַר. קיידי'ס באַנעמען זיך צו מיר, איר שמייכלען צום סופּער־אינטענדענט, איר גוט־ברודערשאַפט מיט אים, זיין גלעטן זי — דאָס אַלץ

האָט מיר צוגעגעבן מוט צו האַנדלען און באַנעמען זיך מיט איר אַביסל פרייער, ניט ווי איך האָב געמיינט ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט.

דעמזעלבן אָווגט, נאָכן סאַפּער, איז קיידי אַרויפגעקומען צו אונז אין הויז. איך האָב זי פאָרגעשטעלט פאַר מיין מאַמען, פאַר מיינע שוועסטער־לעך און ברידערלעך. זי איז באַלד געוואָרן אַ גאַנצע חבר'טע מיט זיי, און די מאַמע מיינע איז גאָר פאַרליבט געוואָרן אין איר. קיידי איז אַרונ־טערגעלאָפן און אַרויפגעבראַכט קענדי, פרוכטן און שפּילצייג פאַר די קינדער. די מאַמע האָט זיך זעהר שטאַרק געפרייט, וואָס זי האָט פאַר מיר געקראָגן אַ דזשאָב און די פאַמיליע וועט מער ניט דאַרפן ליידן קיין הונגער. עס איז געוואָרן שפּעט, די קלענערע קינדערלעך זענען איינגעשלאָפן, די עלטערע זענען געזעסן מיט האַלב־פאַרשלאָפענע אויגעלעך. די מאַמע איז שוין אויך געווען מיד. קיידי האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט אַ גוטע נאַכט, צוקושענדיג זיך מיט דער מאַמען, ווי אַלטע גוטע פריינדינס. איך, מעשה קאַוואַליער, האָב איר אַרויסבאַגלייט. געוואוינט האָבן מיר אויפן ערשטן פלאָר. ווען מיר זענען שוין געווען אויף יענער זייט טיר, זאָגט צו מיר קיידי:

— לאָמיר אַרויפגיין אויפן רוף.

איך האָב איינגעשטימט. די נאַכט איז געווען אַ שעהנע, אַ ליכטיגע, אַ וואַרעמע. געפינענדיג זיך ביידע גאַנץ אַליין אויפן רוף, האָב איך די ערשטע זאַך איר באַצאָלט דעם חוב, וואָס איך בין איר שולדיג געבליבן — דעם קוש, וואָס זי האָט מיר געגעבן אין דער פעקטאָרי. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קושעניש, וועלכע האָט לאַנג, לאַנג אָנגעהאַלטן. יעדע ווייל פלעגט זי מיר שטעלן דיזעלבע פראַגע:

— האָסט מיך ליב?

די גאַנצע צייט וואָס מיר זענען געזעסן אויפן רוף האָט זי וועגן קיין אַנדערע זאַך ניט גערעדט. איך בין דאָך שוין געווען אַן אַקטיאָר. איך האָב שוין געקענט אַ סך ליבע־„פראַזע״, וואָס עס רעדען די פאַרליבטע העלדען אין די פאַרשידענע פּיעסען, האָב איך געקנאַקט מיט ליבע־פראַזען אָהן אויפהער. נאָך יעדען מאָל, וואָס איך האָב איר פאַרזיכערט, אַז איך האָב זי ליב, האָט קיידי אונטערגעשטעלט דאָס שעהנע פּנים'ל אירס און דערביי געזאָגט:

— נו, קוש מיך!

און איך האָב איר ניט געזשאַלעוועט. קושן איז קושן! עס איז געווען אַ נאַכט פון קושעניש. איך האָב געפיהלט, אַז מיינע ליפּן ווערן שוין גע־

שוואַלן פון קושן. ווען מיר זענען אַרונטער פון רוף איז שוין געווען גאַנץ שפּעט.

אויף מאָרגן אינדערפרי האָבן מיר ביידע, איך און קיידי, ווידער געשפּאַצירט צו דער אַרבייט. דער צווייטער טאָג אין פאַבריק איז שוין אַוועק אַ מער צופרידענער. קיידי, זיצנדיג אַנטקעגן מיר, האָט כסדר שעלמיש געוואונקען צו מיר מיט אירע שעהנע אויגעלעך. אירע וואונקען האָבן צו מיר גערעדט:

„היינט ביינאַכט... היינט ביינאַכט... יאָ, מיין ליבינקער?

איך האָב איר אָפּגעענטפערט אויך מיט אַ וואונק. און שטיל האָב איך צו איר געשעפּטשעט, אַז זי זאָל זיך אַביסל באַהעיטן, ווייל מיינע קאָלעגן, די אַקטיאָרן־סיגאַרעטן־מאַכער, קאָנען נאָך עפּעס באַמערקן. אָבער זי האָט געהערט די גאַנצע וועלט מיט אַלע סיגאַרעטן־מאַכער ווי די קאַץ און ווייטער געוואונקען צו מיר:

„היינט ביינאַכט... היינט ביינאַכט... יאָ, מיין ליבינקער?״

איך האָב געמיינט, אַז דער היינט ביינאַכט מיינט, אַז זי וועט ווידער פאַרברענגען ביי אונז אין הויז מיט מיינע שוועסטערלעך, ברידערלעך און מיט דער מאַמען, וועלכע האָבן איר אַזוי פריינדלעך אויפגענומען און דערנאָך, שפּעטער, אויפן רוף.

איך האָב אָבער אַ טעות געהאַט. זי האָט געמיינט גאָר עפּעס אַנדערש.

אין אָוונט האָט מיך קיידי גענומען אויף אַ שפּאַציר. איך בין געגאַנגען, ניט ווי סנדיג וואוהין מיר גייען און וואָס מיך ערוואַרטעט. אָפּגייענדיג אַ שטיקל וועג, פרעג איך ביי איר וואוהין זי פירט מיר, גיט זי אַ וואונק מיט אירע שעהנע שעלמישע אויגעלעך און ענטפערט:

— וואָס אַרט דיך? וועסט האָבן גרויס פאַרגעניגן, קום!

— וואָס איז דאָס, אַ טעאַטער, אַ מוזיק־האָל, אַ מוזעאום? — האָב איך געפרעגט.

— עס איז „אַלץ״ — האָט קיידי געשמייכלט און דערביי שעלמיש געוואונקען מיט די אויגלעך.

מיר זענען צוגעקומען צו אַ טענעמענט־הויז. מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען אָדער אויף ריווינגטאָן סטריט, אָדער אויף סטענטאָן סטריט. איך געדענק ניט מער די גאַס און ניט דעם נומער פון הויז. איך געדענק בלויז, אַז דאָס איז געווען אויף איינע פון די צוויי גאַסן, אין האַרץ פון דעם אידישן

קוואַרטאַל. די גאַס איז געווען געפּאַקט מיט ווייבער, קינדערלעך, בייבי־קערידזשעס, מענער אָהן רעקלעך האָבן אַרומגעשפּאַצירט אויפן סאַידוואָק, עלטערע מענער אין יאַרמולקעס, ווייבער מיט פּאַרוקן, אַן איטאַליענער שפּילט אויף אַ קאַטערינקע און קינדער האָבן געטאַנצט אַרום אים: פּעדלער מיט פּושקאַרטס; אַ טומל, אַ הו־האַ. דער געפּילדער האָט געגרילצט אין די אויערן, ממש טויב צו ווערן. אָט אין דער קאָכעניש פון דער איסט סייד האָט מיך קיידי געבראַכט. זי איז מיט מיר אַרויף אין אַ וואוינונג אויפן דריטן פלאָר. קיידי האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. עס האָט זיך געעפנט אַ קליין טירעלע, וואָס איז געווען אויסגעשניטן אויבן אין דער טיר און עס האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר שוואַרצע אויגן און אַ שטיקל פרויען־געזיכט.

— דאָס בין איך, קיידי, — האָט קיידי אַ שעפּטשע געטאָן.

— און ווער איז דער באָי? — האָט די פרוי מיט די שוואַרצע אויגען געפרעגט.

— ער איז מיינער אַ פריינט. ס׳איז אָלראַיט, האָב קיין מורא ניט.

די טיר האָט זיך געעפנט. איך האָב דערזען פאַר זיך אַ גראָבע אידענע, אפשר פון דריי הונדערט פונט, אָבער אַ שעהנע און נאָך גאָר אַ יונגע, אָנגעטאָן אין אַ רויטן פלאַמענדיגן ראַפּער, וואָס איז געווען פון פאָרנט אביסל צופיל אויסגעשניטן, מיט אַ פּאָר גראָבע נאַקעטע הענט, ווי צוויי דעמבעס.

— אוי! — שרייט אויס די גראָבע אידענע — דאָס איז דאָך טאָמאַשעווסקי. איך האָב אייך געזען שפּילן אויף איסט בראָדוויי און אויף דער באָוערי. שור, דאָס זייט איר! העלאָו! — שטופּט מיר די אידענע אַריין אַ לאַפּע, ווי אַ פוס פון אַ העלפאַנט — קומט אַריין אין פראָנט־רום. אזא געהויבענעם גאַסט נעמט מען ניט אויף אין קיך . . .

די גראָבע אידענע איז געווען איבערראַשט פון מיין וויזיט. איך האָב נאָך אַלץ ניט געוואוסט וואו איך געפין זיך און ווער עס איז די פליישיגע אידענע. אָבער עפּעס איז מיר פאָרגעקומען פאַרדעכטיג, ווען קיידי האָט זיך גענומען שושקען מיט דער גראָבער אידענע, און די באַלעבאָסטע האָט זיך געווענדעט צו מיר:

— וואָס זאָגט איר, טאָמאַשעווסקי, צו אייער מויד? שוין גאָר אַ מויד! . . . איר זענט אַ מבין אויף איר ליכטיג פּנים, אויף אירע שעהנע אייגעלעך? — און דערביי האָט די גראָבע אידענע פרעך געוואונקען. איך האָב שוין אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר. פלוצלינג

דערהער איך אַ געלעכטער, וואָס איז אַרויסגעקומען פון אַ בעד־רום, אַ פרעכער געלעכטער פון אַ מאַן מיט אַ פרוי. די גראָבע אידענע קלאַפּט אָן אין טיר פון בעד־רום און שרייט אריין: „העי, העי, שטילער דאָרטן! מיר האָבן דאָ אַ געהויבענעם גאַסט. מיר האָבן דאָ טאָמאַשעווסקי'ן, און מען דאַרף אים מכבד זיין".

די גראָבע אידענע האָט אריינגעבראַכט אַ פלעשל בראַנפן. אויפן טיש זענען געשטאַנען האַלב ניט־דערטרונקענע גלעזלעך. דער טיש איז געווען אַ שמוציגער. עס זענען אויף אים געלעגן אַ סך שטיקלעך אָפּגערויכערטע סיגאַרעטלעך.

— נו, מאַכט אַ „לחיים", טאָמאַשעווסקי — מאַכט צו מיר די אידענע — מאַכט זיך היימיש. דאָ זייט איר ניט אין קיין בית המדרש. קיידי איז דאָ ביי מיר ניט קיין פרעמדע, אַ־יאָ, קיידעלע? — האָט זי פרעך אַ וואונק געטאָן צו מיין באַגלייטערין.

קיידי האָט זיך גאָרניט פאַרשעמט פון דער גראָבער אידענעס באַמער־קונג. זי האָט אָנגעגאָסן אַ גלעזל בראַנפן און געטרונקען צו מיר „לחיים".

— „לחיים", זאָל אייך זיין מיט מזל, איך מיין אייך ביידן! — האָט די גראָבע אידענע זיך געוויצלט.

— ביי מיר קאָנט איר זיך מאַכן גאַנץ היימיש, — האָט זי זיך ווידער געווענדט צו מיר. — קיידי ווייס דאָס שוין. זיצט ניט אַזוי אָנגעכמורעט, טאָמאַשעווסקי. צו מיר, אַז מען קומט דאַרף מען זיין פריילעך, ניט אַזוי, קיידי?

קיידי האָט אָנגעלעהנט איר קאָפּ אויף מיין אַקסל און זיך געלאַסטשעט צו מיר. די גראָבע אידענע האָט אָנגעקוואָלן פון דער סצענע. זי איז צוגעלאָפן צו מיר און מיך אַרומגענומען. עס האָט זיך געהערט פון איר דער גערוך פון ביליגן בראַנפן, דערנאָך האָט זי אָנגעכאַפּט קיידי'ן און אַ זאָג געטאָן, ווענדענדיג זיך צו מיר:

— זעט נאָר אַ פּנימ'ל, זעט נאָר אַ העלזעלע, זעט נאָר דאָס פיגורעלע. מענער ווערן דאָך די כפרה נאָך איר!

עס האָט זיך געעפנט די טיר פון בעדרום, פון וואַנען עס האָט זיך פריער געהערט דער פאַרשייטער געלעכטער, און עס איז אַרויסגעקומען אַ אידל מיט אַ היבש בערדל, אַ פאַרשוויצטער, אַ צעבראַסטעטער, אַ שכור'ער. נאָך אים האָט זיך מיטגעשלעפּט אַ קליין מיידעלע, נאָך כמעט אַ קינד. איך האָב דערקענט דאָס אידל. ביי אים האָבן מיר געקויפט דאָס ערשטע

מעבל, ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין אַמעריקע. דאָס אידל האָט זיך פאַר מיר פאַרשעמט, אָבער די בושה האָט ביי אים אָנגעהאַלטן בלויז אַ קורצע ווײַלע. ער איז באַלד געקומען צו זיך און מיך באַגריסט. ער האָט פאַר זיך אָנגעגאָסן אַ גלעזל בראַנפֿן און געמאַכט אַ „לחיים" מיט דער גראָבער אידענע. קיידי'ן האָט ער גלייך אָנגערופן ביים נאָמען, ווי אַן אַלטע באַקאַנטע. דאָס מיידעלע, וועלכע איז אַרויסגעקומען צוזאַמען מיט אים פון בעדרום, האָט אויך גענומען אַ שנאַפּס. דאָס אידל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שמור־ציגע אַלטע צעריסענע סאָפע, וואָס איז געשטאַנען צווישן צוויי פענסטער, וועלכע זענען געווען פאַרהאַנגען מיט שמוציגע פאָרהענגלעך. דאָס מיידעלע איז צו אים צוגעשפּרונגען און שטיפעריש זיך ביי אים אַוועקגעזעצט אויף די קני. איך בין געזעסן ווי אַ דער'הרג'עטער. איך האָב זיך נישט פאָר־געשטעלט, אַז אַזעלכעס קאָן פּאַסירן אין אַ טענעמענט־הויז פון דער איסט־סייד צווישן אָנשטענדיגע שכנים. קיידי האָט געהאַלטן אין איין טרינקען און איז געוואָרן אַלץ פרייליכער; איך האָב זי שוין באַלד נישט דערקענט. דאָס אידל האָט איר געהאָלפן מיטטרינקען. דאָס מיידעלע האָט אויך מיט־געהאַלטן מיט זיי. קיידי האָט מיך געשלעפּט איך זאָל מיט איר גיין אין דעם צימער, פון וואַנען דאָס אידל איז נאָר־וואָס ארויסגעקומען. די גראָבע אידענע האָט מיר געקלאַפּט איבער דער פּלייצע זאָגנדיג:

— גייט, גייט, שעמט זיך נישט!

— איר וועט האָבן אַ גוד טאַים, — האָט דאָס קליינע מיידעלע שטי־פעריש מיטגעהאָלפן דער גראָבער אידענע.

פּלוצלינג האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין טיר. די גראָבע אידענע איז צוגעלאָפן צו דער טיר, געעפנט דאָס קליינע פענסטערל און געפרעגט ווער דאָס איז, און באַלד דערויף מיט באַגייסטערונג אויסגעשריען:

— איר וועט דאָ באַלד זען צוויי ביוטיס!

זי האָט געעפנט די טיר און אַריינגעפירט צוויי מיידעלעך, אויך כמעט נאָך קינדער, אין עלטער פון דרייצן אָדער פערצן יאָר, צוויי פרישע רויזן. די גראָבע אידענע האָט זיי פאָרגעשטעלט פאַר מיר:

— די בלאָנדינקע, דאָס איז סוזי. מיר רופן זי „די שעהנע סוזי". און די צווייטע איז מאַלי. סוזי איז אַלראַיט... און מאַלי איז נאָך אַ „גרינע". וואָס זאָגט איר צו די צוויי קאַנאַריקלעך? זעהט נאָר פיסעלעך... זעט נאָר פיסקעלעך...

דאַן האָט זי זיך געווענדט צו די צוויי אָריינגעקומענע מיידעלעך, אָנווייזנ־דיג אויף מיר:

— דאָס איז מר. טאָמאַשעווסקי, דער אידישער עקטער.

— קוק ניט אויף זיי! איך בין דזשעלאָוס! — האָט קיידי געשריגן צו מיר.

— אָלראַיט . . . אָלראַיט, — האָט די גראָבע אידענע קיידי'ן באַ־רוהיגט.

דאָס אידל מיטן בערדל האָט אַ כאַפּ געטאָן די שעהנע סוזי און איז מיט איר פאַרשוואונדן אין דעם זעלבן צימער, פון וועלכן ער איז פריער אַרויס־געקומען. די גראָבע אידענע האָט געוואונקען און מיט אַ שמייכל באַמערקט:

— ער איז אַ פיינער קאַסטאָמער.

זיין פריערדיג מיידעלע האָט אים נאָכגעשריען:

— העי, העי, מיסטער, איר זענט אַ גרויסער חזיר.

פונם צימער האָט זיך געהערט סוזי'ס שטימע:

— מאַלי, מאַלי!

מאַלי איז אַריין אין בעדרום. די גראָבע אידענע האָט אַהין אַריינגע־טראָגן אַ פלאַש וויין. ווידער האָט זיך פון דאָרטן אַרויסגעטראָגן אַ פאַר־שייטער געלעכטער. די גראָבע אידענע האָט דאַן מיך מיט קיידי'ן אַריינגע־שטופּט אין אַ צווייטן בעדרום, און האָט דערביי באַמערקט:

— דאָס איז מיין אייגן בעדרום, אַהין לאָז איך קיין געסט ניט אַריין. אָבער מיט אייך, טאָמאַשעווסקי, מאַך איך אַן אויסנאַם.

אַרויסקומענדיג פון בעדרום, האָב איך געטראָפן נייע געסט, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען עטלעכע פון מיינע נאָהענטע באַקאַנטע. איינער פון זיי, מיט אַ געשניצט בערדל, איז געווען דער אייגנטימער פון אַ מיטינג־לאָקאַל אויף דער איסט סייד, אַ פאָטער פון קינדער און אַ מאַן פון אַ זעהר שעהנער פרוי. איך האָב געקענט די גאַנצע פאַמיליע. זיי פלעגן יעדן פרייטאָג צונאַכט קומען צו מיר אין טעאַטער. דער אָבער־קעלנער פון אַטלאַנטיק גאַרדן, אַ דייטש אידל, איז אויך געווען צווישן די געסט. עס זענען אויך צוגעקומען עטלעכע מיידלעך, אינגערע און עלטערע. די גראָבע אידענע האָט באַשלאָסן מער קיין געסט ניט אַריינצולאָזן. זי האָט טונקל געמאַכט די פראָנט־רום, איינער האָט דעם אַנדערן כמעט ניט געזען, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן עקלהאַפטע אויסגעלאַסנקייט. קיידי האָט מיט־געקוויטשעט, מיטגעשריען מיט די איבעריגע. ענדלעך האָט זי מיך איבער־

געלאָזן און איז פאַרשוואונדן. אין אַ ווײַלע אַרום איז זי ווידער צוגעקומען צו מיר, מיך אַרומגענומען און געקושט. איך האָב איר קאַלט אויפגענומען, כמעט ווי אָפּגעשטויסן פון זיך. איך האָב אָפּגעזוכט די גראָבע אידענע און איר געוואָלט באַצאָלן וואָס איר קומט.

— איר גייט שוין אַוועק? דאָס שענסטע הייבט זיך ערשט אָן. גייט ניט אַוועק, טאָמאַשעווסקי. גלויבט מיר, ווען איר פאַרבלייבט דאָ נאָך אַ פּאָר שטונדן, וועט איר יעדע נאַכט קומען צו מיר.

איך האָב לענגער דאָרט ניט געקאָנט פאַרבלייבן און צוזען וואָס עס קומט פאָר. איך האָב געוואָלט אַנטלויפן. מײַן גאַנצער פאַרמעגן איז געווען צוויי דאָלער, האָב איך דאָס אַרײַנגערוקט דער גראָבער אידענע אין לאַפּע. זי האָט די צוויי דאָלער מיר צוריקגערוקט אין האַנט אַרײַן.

— איר וועט מיר אַמאָל געבן טיקעטס אין טעאַטער אַרײַן.

איך בין אַוועק. קיידי איז מיר נאָכגעלאָפן. דעם גאַנצן וועג אַהיים האָב איך מער צו איר קיין איין וואָרט ניט גערעדט. זי איז געווען אַ היבש ביסל פאַרקנאַקט. איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי אַ מיידל קען קומען צו אירע עלטערן אין אַזאַ צושטאַנד.

— בייזט בייז אויף מיר — האָט קיידי זיך געלאַסטשעט צו מיר.

איך האָב זי אָפּגעשטופּט פון זיך. איך האָב מער ניט געקענט פאַרטראָגן איר אָנוועזנהייט. ווען מיר זענען צוגעקומען צו אונזער הויז בין איך אַוועק פון איר אָהן „אַ גוטע נאַכט“. זי האָט מיך געוואָלט אַרומנעמען און אַ קוש טאָן, אָבער איך האָב זיך אויסגעדרייט און בין אַרײַן צו זיך אין הויז. די מאַמע און די קינדער זענען שוין געשלאָפן. איך בין אַרײַן אין מײַן צימער און זיך אַוועקגעזעצט ביים אָפענעם פענסטער. דער קאָפּ האָט זיך מיר געשפּאָלטן פון ווייטאָג. איך האָב כמעט די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. אין מײַן מוח האָבן זיך געדרייט די שווידערהאַפטע בילדער, וועלכע איך וועל מײַן גאַנצן לעבען ניט פאַרגעסן.

אויף מאָרגן, ווען איך בין געקומען צו דער אַרבייט, האָב איך דאָרטן קיידי'ן ניט געטראָפן. זי איז צו דער אַרבייט ניט געקומען. אַהיימקומענדיג אין אָוונט פון דער פאַבריק, האָב איך איר געטראָפן נעבן אונזער הויז. איך האָב אויסגעשפּיגן און בין אַרויף צו זיך אַהיים. די מאַמע האָט מיך, ווי

שטענדיג, באַגריסט מיט מוטערליבע, מיך אַרומגענומען, צוגעדריקט צו איר ברוסט און געפרעגט בײ מיר:

— וואָס איז דיר, מײן קינד? וואָס זעסטו עפּעס הײנט אויס ניט גוט?

איך האָב איר געגעבן עפּעס אַ תירוץ.

— דו ווײסט, ברוך'ל, קײדי איז דאָ דעם גאַנצן טאָג בײ מיר געווען.

איך האָב זיך געבעטן בײ דער מאַמען:

— איך בעט דיך, מאַמע, דערמאָן מיר ניט קײדי'ס נאָמען.

דאָס איז געווען דער סוף צווישן מיר און קײדי'ן.

אַ קורצע צײט נאָך דער געשיכטע האָבן מיר אַרויסגעמופּט פון עסעקס סטריט און גענומען אַ וואוינונג אויף מאָטט סטריט.

איך האָב ווײטער געאַרבײט אין דער „סוויט קאָרפּאָרעל״ סיגאַרעטן־פּעקטאָרי. קײדי האָט דאָרטן מער ניט געאַרבײט. איך האָב זי ווײטער ניט באַגעגנט. איך האָב זי ניט געזען מער ביזן הײנטיגן טאָג.

9

מיר שפּילן אידיש פֿאַר גוים - איך ווער ווידער דירעקטאָר - עס קומט אין אַמעריקע אַ פּראָפעסיאָנעלע טרופּע אידישע אַקטיאָרן - איך פֿאַרליר מיין קנאַבן־שטימע און עס ווערט אויס טעאַטער - איך אַנטלויף פֿון ניו־יאָרק - אַ נייער ראָמאַן מיט אַ טראַגישן סוף - פּיאַנאָ־לעסאָנס אַלס קעגנמיטל צו אַ ליבע מיט אַ שיקסל - איך פֿאַרליב זיך אין דער פּיאַנאָ־לערערין - „דועטן" צווישן מיינע צוויי געליבטע.

אַ געוויסן טאָג, ווען איך בין מיטאָג־צייט אַרונטערגעלאָפֿן פֿון פֿעקטאָרי עסן לאָנטש אין אידישן רעסטאָראַן, וואָס האָט זיך געפֿונען נעבן דער פֿעקטאָרי, גייט צו מיר צו אַ יונגערמאַן און זאָגט:

— מר. טאָמאַשעווסקי, מר. מייקעל יאָמען פֿון דעם נעשאָנעל טעאַטער אויף דער באַוערי, האָט מיך געשיקט צו אייך, ער וויל אייך זען וועגן אַ וויכטיגע זאַך. ער בעט אייך, איר זאָלט פֿאַרגעסן אָן אַלע קריוודעס וואָס איר האָט געגן אים. „הי מינס ביזנעס" (ער האָט אין זינען געשעפֿט — האָט ער פֿאַרענדיגט אויף ענגליש.

איך האָב דעם יונגעמאַן געזאָגט, אַז היינט ביינאַכט אַכט אַזייגער וועל איך זיין ביי מר. יאָמען אין זיין אָפֿיס.

צוריקקומענדיג פֿון לאָנטש האָב איך פֿאַר מיינע קאָלעגן, די ברידער גאָלובאָק, דערציילט די נייעס, אַז מאַיקעל יאמען האָט געשיקט נאָך מיר און אַז איך וועל ביי אים זיין היינט אַכט אַזייגער אין אָוונט. ביי די אַרטיסטן סיגאַרעטן־מאַכער איז געווען אַ גרויסע שמחה.

— שלעפּט אונז אַרויס פֿון אָט דער פֿינסטערער הונגער־פּרנסה! מיר

וועלן דאָ אונטערהגיין! איך וועל קריגן די אויסצערונג! — האָט אויסגערופן לעאָן גאָלובאָק, דער קאָמיקער.

— גאָט פאַרדאַמט! — האָט געשריען מיראָן גאָלובאָק, דער טראַגי־קער, — איך אַרבייט אַ גאַנצן טאָג ביי די פאַרפלוכטע סיגאַרעטן, ביינאַכט פעדל איך מיט וואַנצן־פּוידער און פון ביידע פּרנסות קאָן איך קיין לעבן ניט מאַכן.

איך האָב געבעטן ביידע חברים מיינע, די ברידער גאָלובאָק, אַז זיי זאָלן וואַרטן ביי מיר אין הויז ביז איך וועל צוריקקומען פון מיין וויזיט ביי יאָמען.

מיר האָבן קוים, קוים דערשלעפּט דעם טאָג. מיר האָבן שוין ניט געקאָנט אַרבייטן מער, די סיגאַרעטן זענען געפאַלן פון אונזערע הענט; די גילזן האָבן געשווינדלט פאַר אונזערע אויגן. דער פאָרמאַן, אברהם גאָלובאָק, האָט באַמערקט, אַז מיר אַרבייטן ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין, איז ער צוגעקומען צו אונז און געפרעגט וואָס עס איז געשען. איך האָב אים ערקלערט, אַז יאָמען, דער באַלעבאָס פון נעשאָנעל טעאַטער, האָט מיך געשיקט רופן און אַז איך גיי צו אים היינט אָוונט, האָט ער זיך אויך דערפרייט.

— זאָל אייך גאָט העלפן! — האָט ער שטיל אַ מורמל געטאָן — איך קאָן ניט צוזען ווי מיינע ברידער, לעאָן און מיראָן, און טאַקע איר אַליין, באָריס, זיצן דאָ מיט איינגעבויגענע רוקנס גאַנצע טעג ביי די סיגאַרעטן. גאָטעניו, העלף זיי! — האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל.

אין אָוונט, פּונקט אַכט אַזייגער צו דער מינוט, בין איך געווען אין נעשאָנעל טעאַטער. מר. יאָמען האָט מיך זעהר פריינדלעך אויפגענומען. ער האָט מיר ערקלערט, אַז ער וויל מיך אַנגאַזשירן צוזאַמען מיט נאָך פיר־פינף אַרטיסטן צו שפּילן בלויז אין איינאַקטערס (אַ וואָדעוויל סקעטש), צוזאַמען מיט זיין ענגלישער קאָמפּאַני, אין וועלכער דער דערמאָנטער נ. ס. וואודס איז געווען דער סטאַר. וואודס איז אייגנטלעך געווען אַ אידיש בחור'ל. דער פאָטער זיינער האָט געהאַט אַ שניידער־שאַפּ אין קאַנעל סטריט. וואודס איז געווען דערביי ווען מאַיקעל יאָמען האָט מיט מיר פאַרהאַנדלט. איך בין געווען זעהר צופרידן מיט דעם פאָרשלאָג. פּטור ווערן פון די סיגאַרעטן! דאָס איז דאָך אַ נס פון הימל.

איך האָב דעם באַלעבאָס פון טעאַטער ערקלערט, אַז איך האָב אַ שעהנעם

רעפּערטואַר פון איין־אַקטערס. דערביי האָב איך אים דערציילט אין קורצן די האַנדלונגען פון איינציגע סצענעס. ער איז געווען זעהר צופרידן.

— מיר וועלן מאַכן גוטע ביזנעס, פון אידישע און קריסטלעכע באַזוכער, — האָט וואודס געזאָגט, און ווענדענדיג זיך צום באַלעבאָס פון טעאַטער, זאָגט ער:

— וועלל, מר. יאַמען, פיניש איט אַפּ (מאַך אַ סוף).

— וועלל, וואָס פאַרלאַנגסטו פאַר דיר מיט דיינע אַרטיסטן? — פרעגט ביי מיר מר. יאַמען.

איך האָב ניט געוואוסט וואָס אים צו ענטפערן. פון איין זייט האָט מיך געצויגן צו דעם פאָרשלאַג — אַבי פּטור צו ווערן פון דעם פינסטערן שאָפּ. פון דער צווייטער זייט האָב איך זיך עפּעס געפיהלט ניט זעהר אַנגענעם. פאַר קריסטן האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געשפּילט, און דאָ דאַרף איך שפּילן אי פאַר קריסטן, אי פאַר אידן. איך האָב זיך גאָרניט געקענט פאָרשטעלן ווי מיר, אידישע אַרטיסטן, וועלן קאָנען צופרידנשטעלן די קריסטלעכע באַזוכער. מר. יאַמען האָט אפּנים פאַרשטאַנען מיין פאַרלעגנהייט און ער מאַכט צו מיר:

— מר. טאָמאַשעווסקי, איך אַליין האָב אייך געמאַכט דעם פאָרשלאַג און איך אַליין וועל באַשטימען אַ פּרייז. איך וועל אייך געבן פאַר אייער טרופּע, וואָס דאַרף באַשטעהן פון פינף אָדער זעקס מענטשן, דריי הונדערט דאָלער אַ וואָך, און איך פאָדער פון אייך דאָס פאָלגענדע: איר דאַרפט יעדע וואָך אויפפירן אַ נייעם סקעטש. מיטוואָך און שבת ווערן געגעבן מאַטינע־פאָרשטעלונגען; זונטאָג שפּילט מען ניט.

איך האָב פּרובירט אַרויסצורייסן נאָך אַ הונדערטער, אָבער מר. יאַמען האָט זיך ניט אונטערגעגעבן.

— איך האָב אייך געזאָגט דריי הונדערט און מער קאָן איך ניט געבן. זענט איר צופרידן, וועט איר שוין די נעקסטע וואָך אָנהייבן שפּילן. איך וועל אייך אַדווערטייזן „טאָמאַשעווסקי ענד קאָמפּאַני". מיך אַרט ניט ווער די אַנדערע שוישפּילער וועלן זיין. איך גיב אייך די דריי הונדערט דאָלער און איר קאָנט דער טרופּע צאָלן וויפיל איר פאַרשטעהט; מיר גייט עס ניט אָן. אַלץ וואָס מיך אינטערעסירט איז, אַז איר זאָלט יעדע וואָך שטעלן אַ נייע זאַך, אַ שעהנע אידישע זאַך מיט עטלעכע נומערן מוזיק; און מער ווי אַ האַלבע שעה דאַרף דער סקעטש ניט פאַרנעמען. זענט איר צופרידן, מאַך איך מיט אייך אַ קאָנטראַקט פאַר דעם סיזאָן.

איך האָב צוגעשטימט צו זיינע באַדינגונגען און האָב אים ערקלערט, אַז נעקסטע וואָך קענען מיר שוין אָנהייבן.

קומענדיג אַהיים האָב איך געטראָפן די צוויי ברידער גאָלובאָק, לעאָן און מיראָן. איך האָב זיי ערקלערט וואָס איך האָב אויפגעטאָן. פון פרייד האָבן זיי מיך אַרומגעכאַפּט קושן.

— אוים סיגאַרעטן־מאַכער! אוים פעקטאָרי! אוים „סוויט קאָר־פּאָרעל״! אוים טאַבאַק! אוים גילזן! — האָבן ביידע ברידער, טאַנצנדיג, געשריגן — מיר שפּילן טעאַטער, מיר זענען ווידער אויף דער בינע. מעג זיין וואָדעוויל, אַבי טעאַטער.

איך האָב ביידע ברידער צוגעזאָגט צו פינף־און־צוואַנציג דאָלער אַ וואָך, ביידע האָבן זיך געפיהלט גליקלעך.

פינף־און־צוואַנציג טויזנט סיגאַרעטן האָבן מיר געדאַרפט אויסאַרבעטן כדי צו פאַרדינען פינף־און־צוואַנציג דאָלער.

איך האָב מיינע קאָלעגן פאַרשפּראָכן, אַז שפּעטער וועלן זיי קריגן מער. מיין אינגערער ברודערל, מאַקס (שפּעטער האָט ער זיך גערופן מאַיק. ער איז פיל יאָרן געווען דער דירעקטאָר פון פילאַדעלפיער אידישן טעאַטער) האָט אַרויפגעבראַכט אַ פּאַינטל ביר און מיר האָבן געטרונקען.

אויף מאָרגן האָב איך געשיקט נאָכן קאָמיקער באַיאַרסקי און נאָך דער אַקטריסע לאַנדעסמאַן און האָב זיי אַנגאַזשירט. מיט זיי האָב איך אָפּגע־מאַכט צו פופצן דאָלער אַ וואָך. אויך זיי זענען געווען גליקלעך און צופרידן.

מיר האָבן גענומען מאַכן פּראָבן פון גאָלדפאַדענ׳ס אַן איין־אַקטער „דער קאַטאַר״. איך האָב געשפּילט דאָס לוסטיגע שניידער־מיידל, צירעלע; לעאָן גאָלובאָק, דער קאָמיקער, האָט געשפּילט דעם הינקעוואַטן חתן; באַיאַרסקי — דעם שיכור׳ן שניידער, צירעלע׳ס טאַטע; מיראָן גאָלובאָק האָט געשפּילט דעם לערער; מאַדאַם לאַנדעסמאַן האָט געשפּילט דעם שניידערס פרוי, וועלכע ווערט יעדע ווייליע אַנטקומען. מיר האָבן אַריינגעשטעלט עטלעכע שעהנע לידלעך. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר האָבן געדאַרפט שפּילן אָהן אַ סופליאָר.

מאַיקל יאָמען האָט אונז גרוים אַנאָנסירט דורך אידישע און ענגלישע פּאָוסטערס. די ערשטע פאָרשטעלונג האָבן מיר געגעבן אין אַ מאָנטאָג אָוונט. דער געדראַנג ביי דער קאַסע איז געווען אַזוי גרוים, אַז מען האָט געמוזט שיקן נאָך פּאָליציי צו האַלטן אָרדנונג. דער עולם איז באַשטאַנען פון נייינציג פּראָצענט אידן.

א ריזיגן ערפאָלג האָבן מיר געהאַט מיט אונזער וואָדעוויל. מאַיקל יאַמען איז ארויפגעקומען אויף דער בינע און געהאַלטן א רעדע, אין וועלכער ער האָט אונז, אידישע אַרטיסטן, געלויבט ביזן הימל. ער האָט אונז ארויפגעשלעפט אויף דער בינע און דאָס פובליקום האָט אונז אויפגענומען מיט שטורעמדיגע אַפּלאָדיסמענטן. וואוּדס מיט זיין קאָמפּאַני איז אויך זעהר וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון עולם.

די גאַנצע וואָך איז דאָס קליינע טעאַטערל געווען איבערגעפּאַקט. זיבן אַזייגער איז שוין די קאַסע געווען געשלאָסן. אַזוי איז געווען יעדע נאַכט. שבת ביי טאָג און שבת בייַנאַכט זענען טויזנטער מענטשן געגאַנגען צוריק, ווייל זיי האָבן ניט געקענט קריגן קיין טיקעטס. מיר האָבן דאָרט געשפּילט דעם גאַנצן ווינטער־סיזאָן און א שטיק אין זומער אריין — ביז ענדע יוני. אויפגעפירט האָבן מיר א חוץ דעם „קאַטאַר" פון גאָלדפאַדען, די „שוועבע־לעך" פון גאָלדפאַדען, „די דריי רעקרוטען", „דער גרינער פעדלער", פאַר־פאַסט פון מיר אליין, „דער גט", „שמענדריק'ס חתונה" און „איקס מיקס דריקס" פון גאָלדפאַדען. אַלע איין־אַקטערס האָבן שטאַרק אויסגענומען. דער דירעקטאָר איז געווען צופרידן, דער עולם איז געווען צופרידן, די אַקטיאָרן זענען געווען צופרידן און, פאַרשטעהט זיך, אז איך בין געווען דער צופרידנסטער פון אַלעמען. פון די 300 דאָלער איז מיר געבליבן א גאַנץ שעהנע אַפּותיקאַ. איך האָב שוין פאַרגעסן אָן דער פאַרפלוכטער סיגאַרעטן־פעקטאָרי. עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן, ווי מען זאָגט, א צייט פון „חי געלעבט" . . .

ענגליש רעדן האָב איך נאָך אַלץ ניט געקענט. אָבער צו די ענגלישע אַקטריסעס פון דער קאָמפּאַני, וואָס האָבן געשפּילט צוזאַמען מיט אונז אין זעלבן טעאַטער, האָב איך קיין לשון ניט געדאַרפט. איך בין מיט זיי געוואָרן א גאַנצער פאַני־בראַט. א פריילעכן סיזאָן האָבן מיר אַלע געהאַט. נ. ס. וואוּדס איז געוואָרן מיט מיר א גאַנצער גוטער ברודער. ער האָט מיך אריינגעפירט אין א נייער וועלט, וועלכע איז פאַר מיר געווען פרעמד. ער האָט מיך באַקענט מיט ענגלישע אַקטיאָרן. די נייע קאָלעגן מיינע האָבן מיך פאַרשלעפּט אין פּלעצער, וועלכע האָבן מיר דערמאָנט אָן דער גראַבער אידענע ערגעץ אויף סטענטאָן אָדער אויף ריווינגטאָן סטריט, וואוהין קיידי האָט מיך געהאַט פאַרשלעפּט. אידלעך מיט בערדלעך האָב איך דאָרט, אין די נייע פּלעצער, ניט אָנגעטראָפן. די באַזוכער זענען געווען עכטע אַמערי־

קאַנער, יונגע און עלטערע און גאַנץ אַלטע, וועלכע האָבן געוואוסט ווי אַזוי צו מאַכן די פרעהלעכקייט נאָך פרעהלעכער ווי ביי דער גראָבער אידענע. די ענגלישע קאַלעגן האָבן אַהין אויך פאַרשלעפּט עטלעכע פון אונזער טרופּע. אַ באַזוך דאָרטן האָט געקאָסט טייער. מען האָט געמוזט טרינקען שאַמפּאַניער, ניט קיין פּראָסטן ביליגן בראַנפן, ווי ביי דער גראָבער אי־דענע. די ענגלישע שוישפּילער פּלעגן אין יענעם פּלאַץ פאַרשווענדן די גאַנצע וויידזשעס זייערע און זענען נאָך געבליבן בעלי חובות.

איך האָב זיך צוריקגעהאַלטן פון אויסגעבן צו פיל געלט, ווייל איך האָב געהאַט אַ ליבענדע מאַמע מיט שוועסטערלעך און ברידערלעך צו פאַר־זאָרגן. און איך האָב פאַר זיי געזאָרגט. מיר האָבן געמופט אין אַ שעהנער וואוינונג אויף עלדרידזש סטריט, געקויפט שענערע מעבל, טאַקע ביי דעם זעלביגן אידן מיטן בערדל, וועלכן איך האָב געטראָפן ביי דער גראָבער אידע־נע. איך בין שוין אויך געווען אַ דעפּאַזיטאָר אין אַ אידישער באַנק. יעדע וואָך האָט די מאַמע געטראָגן געלט אַהין.

ווען דער סיזאָן האָט זיך געענדיגט, האָט מאַיקעל יאַמען מיט מיר געמאַכט אַ ניי געשעפט: איך זאָל אין זיין טעאַטער שפּילן אידיש טעאַטער. ער האָט אָפּגעזאָגט וואודס׳ן מיט זיינע ענגלישע אַרטיסטן און אַנאָנסירט אין די ענגלישע צייטונגען און אויך אין די „אידישע גאַזעטען" — די איינציגע אידישע צייטונג דאַמאָלסט אין ניו יאָרק — אַז נעקסטן סיזאָן וועט ער האָבן טאָמאַשעווסקי׳ן מיט אַן ערשט־קלאַסיגער טרופּע אידישע אַרטיסטן.

עס זענען געקומען סאָסייעטים קויפן בענעפיטס. דורכן גאַנצן זומער פלעגט אַלע טאָג אַריינקומען פּריש געלט. מאַיקעל יאַמען איז געווען גליק־לעך. איך האָב גענומען צוזאַמענשטעלן אַ נייעם רעפּערטואַר. איך האָב זיך געמוזט האַלטן מיט דער פריהערדיגער טרופּע, ווייל קיין נייע אידישע אַקטיאָרן זענען ניט צוגעקומען. האָב איך אַרויסגענומען אייניגע שוישפּילער, וועלכע זענען געווען באַשעפטיגט אין פאַרשידענע טרעידס. (אין די איינ־אַקטערס, ווי דער לעזער ווייסט שוין, האָב איך בלויז באַשעפטיגט פינף שוישפּילער). העמדלעך־נייען איז געווען די פּאָפּולערסטע טרייד ביי אידן. איך האָב צוזאַמענגענומען אַלע צעזייטע און צעשפּרייטע שוישפּילער פון די פאַרשידענע שעפּער און האָב מיט זיי אָפּגעמאַכט, אַז זיי זאָלן שפּילן אויף פּראָצענטן.

איך בין, אַלזאָ, ווידער אַ דירעקטאָר פון אַ אידיש טעאַטער. לעאָן גאָלובאָק און מיראָן גאָלובאָק זענען מיינע צוויי הויפּט־אַרטיסטן. ישראל

בארסקי ווערט דער פּראָפעסאָר. איידער איך האָב אָנגעפאַנגען דעם סיזאָן, איז פון אייראָפּע אָנגעקומען איינער מיטן נאָמען טאַנטשוק. דאָס איז געווען זעהר אַ שעהנער, אינטעליגענטער בחור. ער איז צו מיר געקומען און מיר ערקלערט, אז ער וויל ווערן אַ אידישער אַקטיאָר. ער איז מיר געפעלן געוואָרן און כ'האָב אים אַריינגענומען אין דער טרופּע. ער האָט באַלד ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג געהאַט גרויס ערפאָלג. זיין טאַלאַנט פאַר דער בינע איז נאָך ניט געווען אַנטוויקלט. ער האָט אָבער אויסגענומען מיט זיין שעהנקייט און מיט זיינע אינטעליגענטע מאַניערן. אויך איז דאַן צוגעקומען זעהר אַן אינטעליגענטער בחור פון אייראָפּע מיטן נאָמען זשופּניק. ער איז אַריינגעטראָטן אין מיין טרופּע אַלס סופליאָר, ער האָט אָבער גלייכצייטיג אָנגעשריבן אַ פּיעסע, מיט וועלכער מיר האָבן אָנגעהויבן דעם סיזאָן. די פּיעסע האָט אויסגענומען ביים עולם. דאָס איינציגע וואָס מיר האָט געפעהלט אין מיין טרופּע איז געווען אַ פּרויען־אַרטיסטין, הויפּטזעכלעך אַן ערשטע דאַמע, אַ פּרימאַדאָנע. האָב איך נאָך אַלץ געמוזט שפּילן די ראָלע פון יונגע מיידלעך. איך האָב אָבער געהאַט אַזוי פיל ערפאָלג אין די פרויען־ראָלן מיינע, אַז דאָס פּובליקום האָט גאָרניט געפאָדערט קיין אמת'ע פרוי.

די גאַנצע טרופּע איז געווען העכסט צופרידן. מיר האָבן זיך יעדע וואָך געטיילט מיט אַ היבשער סומע געלט. אין יענער צייט איז פאַר אַ „גריי־נעם" געווען אַ גליק, ווען ער האָט פאַרדינט פערציג, פופציג דאָלער אַ וואָך (היינטיגע צייטן איז עס אויך ניט קיין קליינער גליק; אָבער דאַן איז דאָס געווען אַ פאַרמעגנס). און אין די יום־טוב־וואָכן, ווי סוכות, פּסח, קריסטמעס, ניי־יאָהר, האָט יעדער אַקטיאָר געקראָגן אַ גאַנצן הונדערטער אַ וואָך, און אַמאָל נאָך מער. אַלע אַקטיאָרן האָבן זיך אָנגעטאָן אין צילינדערס, אין טייערע מאַנטלען, אין פרינס־אַלבערטס, גאָרניט ווי סיגאַרעטן־מאַכער, העמדלנייער אָדער פעדלער פון וואַנצן־פּאודער. ווער איז אין ניו יאָרק געווען גלייך צו אונז אידישע אַקטיאָרן!

פּלוצלינג, ווי אַ דונער אין אַ קלאָרן, שעהנעם זומערדיגן טאָג, קומט אַ ידיעה אַז אין אַמעריקע קומט אָן אַ אידישע טעאַטער־געזעלשאַפט פון רוסלאַנד. מיין חברה אַקטיאָרן זענען געקומען צו מיר דערשראָקענע.

— האָסט געהערט די נייעס, באָריס? עס קומען אָן אין ניו יאָרק אמת'ע אַקטיאָרן! וואָס וועלן מיר טאָן?

איך האָב זיי געטרייסט, אָבער מיין האַרץ האָט מיר געשראָקן פּונקט ווי

זייערע הערצער. עס האָט זיך מיר אפילו ניט געוואָלט גלויבן, אַז אַ טרופּע אידישע שוישפּילער וועט זיך שלעפּן אַזש קיין אַמעריקע, אָבער געשראָקן פון דער בשורה האָב איך זיך. מיר האָבן ווייטער געשפּילט טעאַטער און געלעבט אַ גוטן טאָג און מיר האָבן שוין כמעט פאַרגעסן וועגן דעם קלאַנג, אַז עס קומען נייע אַקטיאָרן קיין ניו יאָרק.

פּאַסירט אָבער אַ געוויסן שבת בייטאָג: מיר גיבן אַ מאַטינע־פאָר־שטעלונג פון גאָלדפאַדענ׳ס „קאַלדוניע״. ווי געוויינלעך האָב איך אין דעם שטיק געשפּילט די ראָלע פון „מירעלע״. מיין סאָפּראַן־שטימע איז נאָך געווען שעהן, פריש. איך האָב געזונגען די ראָלע פון מירעלע, ווי די בעסטע פּרימאַדאָנע. איך האָב מיט דער ראָלע פּשוט איינגענומען ניו יאָרק. דאָס טעאַטער איז ביי יעדער פאָרשטעלונג געווען אויספאַרקויפט מיט סטענדינג־רום. איך האָב פריער נאָך קיין מאָל אַזוי שעהן און קרעפטיג ניט געזונגען ווי דאָס מאָל. די אַפּלאָדיסמענטן ביי יעדן נומער, וואָס איך האָב געזונגען, זענען געווען שטאַרקער ווי ביי די פריערדיגע פאָרשטעלונ־גען פון דער זעלבער אָפּערעטע. די אַקטיאָרן, די מוזיקער און דער דירעק־טאָר, מאַיקעל יאַמען, האָבן מיר געמאַכט קאָמפּלימענטן. איך האָב זיך געפיהלט שטאָלץ, גליקלעך.

נאָכן צווייטן אַקט קומט אַרויף אויף דער בינע אַ הויכער לאַנגער איד און פרעגט זיך אויף מיר. מען האָט אים אַריינגעפירט אין מיין דרעסינג־רום. ער שטעלט זיך פאָר מיר פאָר: זיין נאָמען איז זאַכאַר (מען האָט אים גערופן „דער לאַנגער זאַכאַר״). ער דערציילט מיר, אַז ער איז אַן אַדווערטייזינג־אַגענט פאַר די נייע שוישפּילער, וועלכע קומען אין אַמעריקע. ער נעמט אַרויס פון זיין קעשענע אַ הענד־ביל, וואו עס איז אַנאָנסירט, אַז אַ נייע טרופּע אידישע שוישפּילער, אמת׳ע קינסטלער, אונטער דער דירעק־ציע פון משה זילבערמאַן און היינע־חיימאָוויטש זענען שוין אויף דער שיף, און אַז אין צען טעג אַרום קומען זיי אין אַמעריקע. אויפן הענד־ביל איז געווען אויסגערעכנט די גאַנצע טרופּע: משה זילבערמאַן, מאַדאַם זילבער־מאַן, היינע־חיימאָוויטש, מאַדאַם חיימאָוויטש (די שפּעטערדיגע מרס. סערא אַדלער) מאַקס קאַרפּ, וואַכטעל, באַראַדקין און מרס. באַראַדקין. יאָזעף לאַטיינער אַלס פאַרפאַסער און סופליאָר.

ווען איך האָב איבערגעלייענט דעם הענד־ביל, בין איך בלאַס געוואָרן. חברה אַקטיאָרן האָבן דאָס באַמערקט. איך בין אָבער באַלד געקומען צו זיך און האָב זיי און זיך אַליין געטרייסט, אַז מיר דאַרפן פאַר די נייע

אַרטיסטן קיין מורא ניט האָבן: ניו יאָרק האָט געגנוג אידן, וועלכע קאָנען אָנפילן צוויי אידישע טעאַטערס. דער איינציגער וואָס האָט זיך ניט געלאָזט טרייסטן איז געוועזן אונזער פּראָפּאָסער און אַקטיאָר ישראל באַרסקי.

— פּאַקט זיך איין, קינדערלעך, — האָט ער געזאָגט, — איר וועט ווידער גיין צו די סיגאַרעטן, צו די העמדלעך, צום פּעדלען מיט וואַנצן־פּאודער.

באַרסקי האָט יעדן איינעם פון אונז געראַטן אַז מען זאָל זיך וואָס שנעלער צוריקנעמען צו דער אַרבייט.

— פּאַרגעסט אָן טעאַטער, קינדערלעך, — האָט באַרסקי אונז געשאָטן זאַלץ אויף די וואונדן.

דערוויייל האָט דער סטעידזש־מענעדזשער געגעבן אַ סיגנאַל, אַז מען דאַרף אָנהייבן דעם דריטן אַקט. דער דריטער אַקט שטעלט פאָר דאָס כשוף־שטיבל פון דער באָבע יאַכנע. די באָבע יאַכנע זיצט דאָרטן און וואַרפט קאָרטן דעם ליבהאָבער, וואָס הייסט אין דער אָפּערעטע מאַרקוס. לעאָן גאָלובאָק האָט געשפּילט די באָבע יאַכנע. אין מיטן שפּילן האָט ער אַריינגעוואָרפן ווערטלעך וועגן אונזער נייער צרה — די אָנקומענדע אַק־טיאָרן: „ברידערלעך, די נייע קאָמעדיאַנטשיקעס וועלן באַלד אָנקומען", און אַנדערע שטעכווערטלעך. דער ליבהאָבער, מאַרקוס, גייט אַרויס פון דער באָבע יאַכנע און צוויי טייוואָלים ברענגען צושלעפּן די שעהנע מירעלע (מיך).

די צוויי טייוואָלים רייסן מירעלע'ן ביי די האָר, צעפּליקן אויף איר די קליידער. די אָרעמע מירעלע ליידעט שרעקלעך. מען שלאָגט זי, מען וואַרפט זי צו דער ערד. אליקום, דער באָבע יאַכנע'ס געליבטער, סטראַ־שעט מירעלע'ן, אַז אויב זי וועט זיך ניט אונטערגעבן, וועט ער זי מאַכן פאַר אַ קאַליקע. ער גיט איר אַ האַלבע שעה צייט זיך איבערצוקלערן. מירעלע באַקלאָגט זיך אויף איר ביטער מזל. זי בלייבט אַליין אויף דער בינע און נעמט זינגען דעם ראָמאַנס:

„באַרימען קען זיך איצט ניט קיינער,
העלפן קען מיר נאָר איין גאָט" . . .

די ווערטער און די מוזיק זענען געלונגענע. אַלע אידן, וועלכע פלעגן קומען צו „קאַלדוניע", האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט צו הערן מיך זינגען דאָס באַרימטע לידל. ווייבער פלעגן דערביי כליפּען. איך האָב ווירקלעך

זעהר שעהן געזונגען דעם ראָמאַנס, ווייל איך האָב זעהר ליב געהאַט די מוזיק און די ווערטער. ביים סוף פון דעם לידל איז מיר אויסגעקומען צו נעמען אַ זעהר הויכן טאָן — אַן אויבערע „דאָ". פאַר אַ אינגל מיט אַ סאָפּראַן־שטימע איז אַ זעלטנהייט צו נעמען אָט דעם הויכן טאָן. דאָס טעאַטער האָט געקראַכט מיט אַפּלאָדיסמענטן און איך פלעג מוזן איבערזינגען דעם פינאַל עטלעכע מאָל, אָבער דאָס מאָל, נאָך מיין אויפרעגונג ביים איבערלעזן דעם ענד־ביל פון די נייע אַקטיאָרן, האָב איך אָט דעם הויכן טאָן ניט געקאָנט נעמען. דער טאָן האָט זיך איבערגעריסן. ער האָט געקלונגען ווי אַ קרעה פון אַ געקוילעטן האָן. אין טעאַטער איז געוואָרן אַ גערודער, און אויך אַ געלעכטער. איך האָב זיך פאַרשעמט. איך האָב נאָך אַמאָל אָנגעהויבן דעם פינאַל. אין דעם מאָמענט לויפן אַריין די כשוף־מיידלעך און זינגען:

„דערצייל, דערצייל אונז, גוטע זעל,
דערצייל, דערצייל, דערצייל" . . .

און איך, דאָס הייסט מירעלע, זינג:

„קענט איר דען פיהלן מיין הערץ?
קענט איר דען פיהלען מיין שמערץ?

איך האָב זיך אָנגעשטרענגט און גענומען דעם טאָן מיט קראַפט, מיט פיל פייער און האָב פאַרענדיגט אויף דער אויבערער „דאָ", נאָך שענער און שטאַרקער ווי איך פלעג זינגען פריער די זעלבע אַריע. דאָס טעאַטער האָט געשטורעמט פון אַפּלאָדיסמענטן.

נאָכדעם ווי איך האָב געענדיגט דאָס ליד, דאַרף איך זאָגן: „טייערע מיידעלעך, זיסע קינדערלעך, האָט רחמנות און באַפרייט מיר פון דעם גהינום, פון דער באָבע יאַכנע, פונם פעטער אַליקום". אָבער אַנשטאָט צו רעדן, ווי איך פלעג אַלע מאָל רעדן, מיט אַ שטימע פון אַ מיידל, האָב איך פּלוצלינג אָנגעהויבן צו רעדן מיט אַ באַס־שטימע. דאָס פּובליקום האָט זיך צעלאַכט און איך האָב זיך זעהר שטאַרק דערשראָקן. איך פּרוביר רעדן ווי פריער און איך קען ניט. איך וויל זינגען און איך קען דאָס מויל ניט עפענען, און דאָ האָב איך נאָך צו זינגען דאָס יתומה־ליד אין פערטן אַקט! איך בין אַזוי צעטראָגן, דערשראָקן, אַז איך קען איבערהויפּט מער ניט שפּילן מיין ראָלע, ווייל יעדעס מאָל ווען איך הויב אָן רעדן מיט מיין באַס־שטימע ברעכט אויס אין טעאַטער אַ שטאַרקער געלעכטער. און

עס איז דאָך טאַקע קאָמיש. אַ מיידל מיט אַ באַס־שטימע! . . . די גאַנצע טרופּע איז געוואָרן פאַרצווייפלט, אייניגע פון זיי האָבן געבראָכן די הענט. די פּאָר ווייבערשע אַרטיסטקעס, די מאַדאַם לאַנדעסמאַן און מאַדאַם ספּעקטאָר און די כאָריסטקעס האָבן געוויינט.

און אָט אַזוי האָט זיך געענדיגט דער פערטער אַקט.

איך האָב נאָך דער פאָרשטעלונג ערקלערט מיינע קאָלעגן, אַז די אויפּרעגונג ביים איבערלייענען דעם הענד־ביל וועגן די נייע שוישפּילער, וועלכע קומען קיין ניו יאָרק, האָט אויף מיר אַזוי שרעקלעך געווירקט, אַז איך האָב פאַרלאָרן מיין סאָפּראַן־שטימע. ביינאַכט צו דער פאָרשטעלונג האָבן מיר שוין ניט געשפּילט. עס האָט געהייסן, אַז טאָמאַשעווסקי איז קראַנק געוואָרן.

אָט אַזוי האָט זיך געענדיגט מיין קאַריערע אַלס פּרימאַדאָנע אין אָנהויב זומער 1884.

איך האָב מער קיין פרויען־ראָלן ניט געקאָנט שפּילן. מיינע אַקטיאָרן זענען ווידער אַוועק צוריק אין די סיגאַרעטן־פעקטאָרים, אין די שוירט־פעקטאָרים און צו אַנדערע טריידס.

די נייעס, אַז טאָמאַשעווסקי האָט פאַרלוירן די שטימע און קען מער ניט שפּילן קיין טעאַטער, האָט זיך שנעל פאַנאַנדערגעטראָגן איבער די אידישע הייזער פון ניו יאָרק. וואו מען איז געגאַנגען און וואו מען איז געשטאַנען האָט מען גערעדט וועגן טאָמאַשעווסקי'ס טראַגעדיע. מוזיקאַלישע מענטשן ווייסן, אַז צו פּופּצן אָדער זעכצן יאָר פאַרלירן אינגלעך זייערע ערשטע שטימען. זיי מוזן דאַן וואַרטן אַ יאָר, אַמאָל צוויי און אַמאָל אויך גאַנצע דריי יאָר ביז זיי באַקומען די צווייטע שטימע — אַ טענאָר, אַ באַריטאָן אָדער אַ באַס. קרובים, באַקאַנטע און מיינע דאַמאָלסטדיגע „פּאַטריאָטן" זענען געקומען צו מיר און מיך געטרייסט. איך האָב נאַטירלעך ערוואַרטעט, אַז איך וועל פאַרלירן מיין שטימע, אָבער דאָס איז מיר געקומען אַזוי אומגעריכט, אַזוי פּלוצלינג און דאָס גראַד אין אַזאַ צייט, ווען עס קומען אָן קיין ניו יאָרק אַנדערע אַקטיאָרן. אָט דאָס האָט מיך שטאַרק געערגערט און פאַרדראָסן. די מאַמע מיינע האָט מיין אומגליק זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן און אפילו מיינע שוועסטערלעך און ברידערלעך, וועלכע זענען נאָך אַלע קליינע קינדערלעך געווען, האָבן געפיהלט מיין שמערץ.

אַ געווויסן טאָג לעז איך אין די „אידישע גאַזעטען" אַן אַרטיקל וועגן

די אמת'ע אידישע אַקטיאָרן, וועלכע קומען פון איראָפּע קיין ניו יאָרק. דאָס האָט מיך אַזוי צעטומלט, אַז איך האָב זיך געשעמט צו ווייזן אין גאַס. פון גרויס ערגערניש בין איך קראַנק געוואָרן. איך בין אָפּגעלעגן קנאַפּע דריי וואָכן אין בעט. איך האָב געהאַט היץ און עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך וועל שוין קיין מאָל ניט געזונט ווערן. אַ סך מאָל האָב איך זיך געוואונשן, אַז איך זאָל שוין פון בעט ניט אויפשטיין. אונזער הויז איז אין טרויער פאַרוואַנדלט געוואָרן. מיר האָבן געהאַט אָפּגעשפּאָרט עטלעכע הונדערט דאָלער, אָבער וואָס טוט מען ווייטער? טעאַטער שפּילן קען איך ניט און דערצו קומט דאָך נאָך אַ נייע טרופּע שוישפּילער. צוריק גיין ווידער צו די סיגאַרעטן? — אָט דער געדאַנק האָט מיך גאָר אינגאַנצן דער־שלאָגן. בעסער שטאַרבן איידער גיין צוריק אין דער סיגאַרעטן־פאַבריק!

דער טאַטע מיינער, דערווייל, האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער אַמעריקע זוכן פּרנסה. ער האָט די גאַנצע צייט ניט געלאָזט הערן פון זיך. מיר האָבן אַלע געבענקט נאָך אים, די מאַמע האָט אַ סך טרערן פאַרגאָסן. מיר האָבן נאָכגעפרעגט וועגן אים ביי פריינט, ביי באַקאַנטע, אָבער קיינער האָט אונז קיין ידיעה וועגן אים ניט געקאָנט געבן — פאַרשוואונדן, ווי אין וואַסער אריין.

פלוצלינג איז דער טאַטע אַהיימגעקומען. מיר, קינדער, האָבן זיך זעהר שטאַרק דערפרייט. די מאַמע אונזערע, ווי פאַרביטערט זי איז ניט געווען צוליב זיין פאַרשוואונדן ווערן, איז אים געפאַלן אויפן האַלז און אים גע־קושט, וויינענדיג פון פרייד.

— פּיני, מיין פּיני, מיין פּיני! איצט וועסטו שוין מיט אונז פאַר־בלייבן.

דער טאַטע האָט אונז דערציילט וואָס מיט אים האָט פּאַסירט די גאַנצע צייט וואָס ער איז אין דער היים ניט געווען. ער האָט אַ צייט גע־פּעדלט (מיט וואָס געדענק איך שוין ניט), און די לעצטע צייט האָט ער געאַרבייט אין אַ טוך־פאַבריק אין ראַרינגטאָן, ניו דזשוירזי. ווען ער האָט געלייענט אין די „אידישע גאַזעטען" וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט אין טעאַטער, ווען איך האָב פּלוצלינג מיין שטימע פאַרלאָרן, האָט אים אַ ריס געטאָן אין האַרצן. ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און ער איז אַהיים־געלאָפן. דער טאַטע באַדויערט מיך און טרייסט מיך, אַז עס וועט נעמען אַ יאָר אָדער צוויי און איך וועל צוריק באַקומען אַ שטימע און איך וועל ווידער זיין אַלראַיט.

אָבער צווי יאָר וואַרטן . . . וואו נעמט מען דערווייל פּרנסה? ווייס איך דאָך, אַז מיין טאַטע איז ניט קיין פאַרדינער און מיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך זענען נאָך קליינע קינדער און איך בין דער עלטסטער. אָט די פראַגע האָט געגראָבן מיין מוח.

דער טאַטע איז אַהיימגעקומען אַ גאַנצער ספּאָרט. ער האָט געטראָגן שעהנע קליידער, העמדער, האָט מיטגעבראַכט עטלעכע פּאָר שיך.

מער פון אַלץ האָב איך געליטן און געבענקט נאָכן טעאַטער־לעבן. ווען איך האָב געשפּילט טעאַטער, האָב איך געהאַט אַזוי פּיל באַקאַנטע, אַזוי פּיל פּאַטריאָטן, היינט די פּאַטריאָטקעס! . . . עס זענען אַוועק נאָר עטלעכע וואָכן ווי איך האָב נישט געשפּילט קיין טעאַטער און פון אַלע מיינע פאַרעהרער איז קיין סימן ניט געבליבן. אין אָנפאַנג פון מיין אומגליק זענען זיי נאָך געקומען צו מיר און מיך געטרייסט. שפּעטער האָט מען שוין קיינעם פון זיי מער ניט געזען.

די אידישע טרופּע פון חיימאָוויטש און זילבערמאַן איז שוין דאָ אין ניו־יאָרק. די נייע אַקטיאָרן שפּילן שוין אין טורן־האָל אויף דער פערטער סטריט, אין זעלבן האָל, וואו איך האָב געעפנט דאָס ערשטע אידישע טעאַטער אין אַמעריקע. זיי מאַכן גלענצנדע געשעפטן. חיימאָוויטש ווערט דער ליבלינג פון ניו יאָרק; מאַקס קאַרפּ, דער טאַלאַנטפולער זינגער, קערט וועלטן; וואַכטעל, דער קאָמיקער, איז אויך שטאַרק באַליבט; אַלע מיינע פּאַטריאָטן און פּאַטריאָטקעס ליגן שוין איבער די נייע אַקטיאָרן. אָט די נייעס האָבן מיר איבערגעגעבן איינינגע פון מיינע פאַרבליבענע פריינד.

איך בין אין זייער טעאַטער ניט געגאַנגען און האָב זיך מיט קיינעם פון די נייע אַקטיאָרן ניט באַקאַנט. דער גרויסער ערפאָלג פון די נייע אידישע שוישפּילער האָט מיר צעריסן מיין האַרץ. איך האָב געפיהלט, אַז ווען איך וועל פאַרבלייבן אין ניו־יאָרק, וועט מיט מיר פּאַסירן עפּעס אַן אומגליק. כ'וועל ניט אויסהאַלטן פון איפערזוכט. טאַטע־מאַמע האָבן גאַנץ גוט באַמערקט מיינע יסורים. זיי האָבן געפיהלט מיין לאַנגווייליגקייט, זייערע הערצער האָבן ווי געטאָן קוקנדיג ווי איך ליג גאַנצע טעג אין שטוב, גיי ניט אַרויס אין גאַס, היט זיך פאַר מענטשן. מיין טאַטע האָט דעריבער דער מאַמען געמאַכט אַ פאָרשלאַג:

— ברוך'ל — ווענדט ער זיך צו איר — קען טאַקע אין ניו־יאָרק מער ניט זיין, און זאָל ער טאַקע דאָ איצט ניט פאַרבלייבן, זאָל אים קיינער ניט זען די פּאָר יאָר, וואָס ער האָט צו וואַרטן ביז ער וועט באַקומען זיין שטימע.

איז מײן פּלאַן, אַז מיר זאָלן אַלע זיך אַריבערקלײבן קײן ראַרינגטאָן, ניו־דזשוירזי. ערשטנס, גײט עס צו זומער, און ראַרינגטאָן איז אַ קלײן שטעטעלע מיט בױמער און בלומען; און צװײטנס, קען מען דאָרט אַרבײטן אין אַ פּעקטאָרי און פּאַרדינען, אמת ניט קײן סך, אָבער אַ לעבן מאַכן קאָן מען דאָרט.

און אַזױ איז טאַקע באַשלאָסן געװאָרן: מיר מופן קײן ראַרינגטאָן, ניו דזשוירזי. אַנטלױפן פון ניו יאָרק, אַנטלױפן װאו די אױגן װעלן טראָגן, אַבי ניט זײן אין ניו יאָרק. איך האָב לענגער ניט געקענט אױסהאַלטן די לאַגע. איך האָב זיך נאָך נאָכאַנאַנד געערגערט און געשעמט צו באַגעגענען די מענטשן, װאָס פלעגן מיך פאַרגעטערן פאַר מײן שעהן זינגען.

מיר װאױנען שױן אין ראַרינגטאָן, ניו דזשוירזי, אין אַ גאַנץ שעהן הױז, נעבען אַ װאַלד. ניט װײט פון אונזער הײם פליסט אַ טײכעלע. די לופט איז רײן און פריש, די קינדערלעך גײען אין סקול און דער טאַטע אַרבעט אין אַ פּעקטאָרי.

די עטלעכע דאָלער, װאָס די מאַמע האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט פון מײן שפּילן טעאַטער האָט זי מיטגעבראַכט, לעבט מען זיך װי גאָט אין אָדעס. אָבער איך לאַנגװײליג זיך שרעקלעך. לאַנג זענען די טעג, און לאַנג זענען די נעכט. װאַלד, װאַלד און נאָך אַמאָל װאַלד. איך שפּאַציר אין װאַלד צװישן די בײמער און חלום מײנע טעאַטער־חלומות. ערשט ניט לאַנג טעאַטער געשפּילט, אַ באַליבטער שױשפּילער געװען, אַ סטאַר, אַ גאַנצער „יאַ טעביע דאַם", אַ דירעקטאָר; אַרום מיר האָבן זיך גערופירט אַקטיאָרן, כאָריסטן, מוזיקער, מײדלעך, װײבלעך די שענסטע, די פײנסטע; ליבע, פרײלעכקײט — אַלץ, אַלץ איז װי אַ חלום פאַרשװאונדן. בלױז װאַלד, װאַלד און װאַלד . . .

אפילו די מאַמע מײנע האָט זיך געלאַנגװײליגט אין דעם קאָנטרי־שטעטעלע ראַרינגטאָן. אױך זי האָט געבענקט נאָכן טעאַטער־לעבן. װער איז געװען גלײך צו איר, װען זי איז געזעסן אין דער לאָזשע און געזען שפּילן איר ברוךל'ען! דאָס פּובליקום האָט אַפּלאָדירט, און זי, די מאַמע, האָט זיך געגױדערט, געקוקט אין פּובליקום מיט שטאָלצע בליקן און מיט אַ נחת־שמײכל אױף איר שעהנעם פּנים, װי זי װאָלט זאָגן: „דאָס איז דאָך מײן ברוך'ל".

דער טאַטע פלעגט אַהײמקומען פון דער אַרבעט אַן אױסגעשמירטער, אַ

פאַר׳חושכ׳טער. מיר האָט געריסן דאָס האַרץ קוקנדיג אויף אים. באַלד אָבער האָט ער זיך אַרומגעוואַשן, זיך איבערגעטאָן און ווידער געוואָרן אַ ריינער טאַטע. אויף זיין לאַגע האָט ער זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט. ער איז געווען צופרידן וואָס ער האָט זיין פאַמיליע ביי זיך אין דעם קליינעם שטעטעלע, וואָס האָט אַ וואַלד און וואו די לופט איז אַ פרישע. נאָכן סאַפּער פלעגן מיר זיך אַלע אַוועקזעצן אויף דער וועראַנדע. דער טאַטע האָט געשפּילט אויפן פידל און מיר, די קינדער, האָבן געזונגען פאַרשידענע טעאַטער־לידלעך. אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט אונזער צייט.

אַ צייט שפּעטער איז מיין אינגסט שוועסטערל קראַנק געוואָרן. מען האָט געבראַכט דאָקטוירים, נוירסעס. זי איז געווען אַ טייער, שעהן מיידעלע פון צוויי יאָר און מיר האָבן זי אַלע זעהר שטאַרק ליב געהאַט. די עטלעכע אָפּגעשפּאָרטע דאָלער פון באַנק זענען אַוועק אויף צו פּרובן ראַטעווען דאָס קינד. מען האָט זי אָבער ניט געקאָנט ראַטעווען, זי איז געשטאָרבן.

דער אומגליק איז געווען אַ דאָפּעלטער: מיר זענען געבליבן אָהן דעם קינד און אָהן געלט. מיטן טאַטנס פאַרדינסטן איז געווען זעהר שווער אויסצוקומען. די פאַמיליע איז געווען אַ גרויסע און די פאַרדינסטן — זעהר קליינע, אָבער די מאַמע איז געווען אַ גוטע באַלעבאָסטע; האָט זי שוין אַזוי אויסגעדרייט אַז אונז, קינדער, זאָל גאָרניט פעלן.

מיט דער צייט האָבן מיר זיך אַביסל צוגעוואוינט צום לעבן אין ראַרינגטאָן. דאָרטן האָב איך זיך באַקאַנט מיט דער איינציגער אידישער מיידל, וואָס די „מדינה״ ראַרינגטאָן האָט פאַרמאָגט. אַ איד האָט דאָרטן געהאַלטן אַ סטאָר, ריכטיגער געזאָגט, אַ סטאָרקעלע. ער האָט פאַרקויפט שיך, קליידער, העמדער און אַנדערע זאַכן. דער ביזנעסמאַן האָט מיך נאָך געקענט אין ניו יאָרק, ווען איך בין נאָך אַן אַקטיאָר געווען. ער האָט מיך געזען שפּילן, האָט ער מיר צוגעטיילט גרויס כבוד. יעדן זונטאָג פלעגט ער קומען מיט זיין פרוי צו אונז צו גאַסט און פאַרברענגען ביי אונז ביז שפּעט ביינאַכט. זיי האָבן געהאַט אַריבערגעבראַכט אַ קרובה פון דער ליטע, אַ שטעטל ערגעץ נעבן ווילנע. דאָס איז געווען אַ רויטע מויד מיט אַ סך „קלייען״ (זומער־שפּרענקלעך) אויפן פנים, אויפן האַלז און אויף די הענט. אַ „קלייענדיגע מויד״. אַ געווויסן זונטאָג האָט דאָס פּאָר פאַלק מיטגעבראַכט די „גרינע״ רויטע מויד צו אונז צו גאַסט, און איך האָב זיך מיט איר באַקאַנט. די מויד איז געווען אַ פלאַפּערקע, זי האָט געהאַלטן אין איין רעדן, אין איין דערציילן פון איר שטעטל, פון איר משפחה, פון אירע

איבערלעבונגען אויפן שיף. אז מען האט זיך צו איר גוט צוגעקוקט, איז זי גאר ניט געווען אזא מיאוס'ע; פארקערט, זי איז געווען א גאנץ סימפאטיש מיידל, נאר א גרינע. זענען מיר דאך אלע געווען גרינע, אבער זי איז געווען נאך גרינער פאר אונז. אין ניו יארק וואלט איך זיך אויף איר אפילו ניט אומגעקוקט; אבער דא איז זי פאר מיר געווען אן „אטרעקשאן". איר היימישער נאמען איז געווען שפרינצע. דא האט איר דעם סטארקיפערס פרוי א נאמען געגעבן פלארענס. די גרינע מויד האט שטאלצירט מיט איר נייעם נאמען, ווי א פרוי שטאלצירט מיט א טייער שטיקל צירונג. טאמער האט עמיצער געמאכט א טעות און איר גערופן שפרינצע, פלעגט די קלייענדיגע מויד שטארק פראטעסטירן:

— איך בעט אייך, רופט מיך ניט מיטן היימישן נאמען! שפרינצע האט מען מיך גערופן אין מיין שטעטל, דא אין אמעריקע, הייס איך פלארענס.

בקיצור, צו דעם צעטל פון מיינע געליבטע איז צוגעקומען א פלארענס. גאנצענע טעג — פלארענס. זי פלעגט קומען צו אונז בייטאג און ביינאכט; מען האט גאר פון איר ניט געקאנט פטור ווערן, און זי האט קיינמאל ניט אויפגעהערט צו פלאפלען. מיינע שוועסטערלעך און ברידערלעך האבן איר פיינט געהאט, דער טאטע האט זי אויך ניט געקענט אנקוקן. ווען ער איז געקומען פון א טאג שווערער ארבעט און געטראפן אין הויז פלארענס'ן, פלעגט ער קריצן מיט די ציין. ארויסטרייבן זי האט די מאמע ניט געוואלט, ווייל זי האט געזען, אז זי איז שטענדיג נעבן מיר, זי פארברענגט מיט מיר און פארטרייבט פון מיר די לאנגווייליגקייט. ווען פלארענס האט זיך דערוואוסט, אז איך בין געווען א בארימטער אקטיאר אין ניו יארק, האט זי גענומען מיר דערגיין די יארן. זי פלעגט מיך נאר שלעפן אין וואלד אריין, איך זאל איר דערציילן מעשיות פון טעאטער.

אירע קרובים, דער סטארקיפער און זיין פרוי האבן אנגעקוואלן פון דעם, וואס פלארענס האט וואו צו פארברענגען די צייט. איך פלעג דאן לערנען ענגליש, בין איך שוין געווארן פלארענס'עס לערער אויף ענגליש. פלארענס איז אין ליבעס־זאכען קיין גרינע ניט געווען. זי איז געווען פון מיין עלטער. א פיגור האט זי געהאט זעהר א שעהנע, און ווען זי פלעגט זיך צוזינגען און דערביי טאנצן א רוסישע קאזאצקע, פלעגן אירע בעקעלעך זיך צעבליהען און אירע אויגעלעך פלעגן זיך אנצינדן מיט א גרין

פייערל. אין אַזאַ מאָמענט איז זי פאַר מיר ערשינען אַלס אַ שעהנע, אַ סימפּאַטישע.

פלאָרענס האָט מיך שטאַרק ליב באַקומען; און איך בין אויך צו איר צו־געצויגן געוואָרן. ווען עס האָט זיך אַמאָל געמאַכט, אַז זי איז אַ טאָג ניט געקומען צו אונז, האָב איך געבענקט נאָך איר. פלאָרענס און דער וואָלד — דאָס איז געווען מיין איינציגער צייט־פאַרטרייב. פלאָרענס'עס קרובים האָבן מיך שוין באַטראַכט פאַר אַן אייגענעם מענטשן, דאָס הייסט, אַלס פלאָ־רענס'עס חתן. איך האָב אָנגעהויבן צו קומען צו זיי אין סטאָר, אויך צו זיי אין הויז. דעם גאַנצן טאָג, ביז שפּעט אין דער נאַכט, איז דאָס פאָר פאָלק געווען ביזי אין סטאָר; האָבן מיר, איך און פלאָרענס, געהאַט דאָס הויז פאַר זיך אַליין. סוף זומער, ווען עס האָט שוין געגומען ווערן קיהלער און דער וואָלד איז שוין ניט געווען אַזוי באַקוועם, דאָס גראָז איז שוין געווען פייכט און פון די בוימער האָבן געקאַפּעט קאַלטע טראָפּנס, איז אין הויז געווען פיל באַקוועמער. פלאָרענס האָט געקענט מאַכן פיינע לאַטקעס. טיי און קאַווע איז שטענדיג געשטאַנען גרייט אויפן אויוון, האָבן מיר געגעסן לאַטקעס, פאַרטרונקען מיט קאַווע אָדער טיי, געלערנט ענגליש און — ראָמאַנסירט.

מיינע עלטערן זענען געווען זעהר ניט צופרידן וואָס איך האָב זיך צוגעקלעפּט צו דער גרינער מויד. אָפן אויסגערעדט האָבן זיי דאָס מיר ניט. איך האָב אָבער געפיהלט, וואָס זיי טראַכטן. ווען איך פלעג אַמאָל אַהיימ־קומען שפּעט פון מיין וויזיט ביי פלאָרענס'ן אָדער ווען איך פלעג אוועקגיין פון דער היים באַלד נאָכן סאַפּער, האָבן טאַטע־מאַמע געהאַט יסורים. דער טאַטע פלעגט זיך בעטן ביי מיר:

— אפשר וואָלסטו היינט געבליבן אין דער היים? איך וועל שפּילן אויף מיין פידל און מיר וועלן אַלע זינגען.

איך האָב געהאַט אַ פאַרטיגן תירוץ:

— דו ווייסט דאָך, טאַטע, אַז איך טאָר ניט זינגען, אפילו ניט עפענען דאָס מויל. ווען מען פאַרלירט די קינדער־שטימע, טאָר מען ניט זינגען, ווייל דאָס קאָן שאַדן צו דער צווייטער שטימע.

— ווייסטו גאָר וואָס? — האָט דער טאַטע אַלץ פּרובירט מיך צו פאַר־האַלטן אין הויז, — מיר וועלן צושיקן מאַקסעלען (מיין ברודער מאַיק), וועט ער ברענגען פלאָרענס'ן אַהער.

אָפט פלעגט עס העלפן. מאַקס אָדער דזשאָו, אָדער איינע פון מיינע

שוועסטערלעך פלעגן אוועקגיין ברענגען פלארענס'ן און מיר האבן אלע צוזאמען פארבראכט דעם אוונט.

פלוצלינג האט פלארענס אנגעהויבן קרענקען. זי האט זיך באקלאגט, אז זי פיהלט ניט גוט, עס איבלט איר, זי האט קאפ־ווייטאג, עס שטעכט איר אין א זייט. איך האב פרובירט פארשידענע באבסקע רפואות. איך האב איר אויסגעריבן די זייט מיט אלקאהאל, צוגעלייגט מאסטארד פלאסטערס, זי געזוכט צו בארוהיגן אז זי וועט פיהלן בעסער. זי איז ווייטער געקומען צו מיר און איך צו איר און מיר האבן פארבראכט גאנץ פיין. יעדעס מאל וואס מיר האבן זיך באגעגנט האט זי געברענט ווי א פייער. זי האט פארגעסן אירע שמערצן, געטאנצט מיט מיר, געלאסטשעט זיך צו מיר.

פלארענס'עס ליבע איז געווען א ברענענדע, א פלאם־פייערדיגע. זי איז מיר שוין אבער געווארן אביסל צוגעגעסן. איך וואלט זיך שוין געוואלט ארויסדרייען פון איר, אבער עס גייט ניט. זי באקלאגט זיך פאר מיין מאמען, אז זי פיהלט יעדן טאג ערגער און ערגער. לויט די סימנים פון איר קראנקהייט איז די מאמע געקומען צום באשלוס, אז זי איז אין אנדערע אומשטענדן. די מאמע האט עס באלד דערציילט פאר פלארענס'עס קרובים. די קרובה אירע האט פלארענס'ן אוועקגעשיקט ערגעץ אין א דארף צו אירער א קרובה. דאס געזעגענען זיך צווישן מיר און פלארענס'ן וועל איך קיינמאל ניט פארגעסן. עס האט זיך אפגעשפילט א הארצרייסנדע סצענע. זי האט שוין געוואוסט וואס מיט איר איז און זי האט שרעקלעך געליטן. ביים זאגן מיר גוד־באי האט זי מיך ארומגעכאפט, מיר געקושט טיף אין די אויגן אריין און דערביי געוויינט:

— איך ווייס וואס פאר א בושה איך האב פארשאפט מיין משפחה, אבער צו דיר האב איך גאר ניט. איך ווייס נאר איינס: איך האב דיך שטארק ליב. איך ווייס וואס מען גייט מיט מיר טאן, איך ווייס, אז פון דעם קאן מען שטארבן, און אין די לעצטע מינוטן פון מיין לעבן וועל איך דער־מאנען דיין נאמען, ווייל איך האב דיך ליב. דו קענסט גארניט פיהלן ווי שטארק איך ליב דיך. בלייב געזונט, באריס, פארגעס מיך ניט, קום מיך זען, און אויב דו וועסט צו מיר ניט קומען, וועל איך זיך ארויסכאפן פון מיין קראנקן בעט און צופוס לויפן אהער צו דיר.

דעם סוד וואס האט מיט פלארענס'ן פאסירט האט קיינער ניט געוואוסט אויסער צוויי פרויען — מיין מאמע און פלארענס'עס קרובה, און, זעלבסט־פארשטענדלעך, איך. דער טאטע האט וועגן דעם ניט געוואוסט. פלארענס

איז אוועקגעפאָרן. דאָס לעבן איז ווידער געוואָרן לאַנגווייליק, פּוסט, נודנע. איך בין שיער ניט אראָפּ פון זינען פון לאַנגווייליגקייט. איך האָב גענומען בענקען נאָך פלאָרענס'ן. איך האָב זי געוואָלט זען. איך האָב געוואָלט פאָרן צו איר, די מאַמע האָט אָבער ניט געלאָזט. פלאָרענס'עס קרובה האָט מיך אויך געבעטן, אַז איך זאָל מער פלאָרענס'ן ניט זען. אַז זי וועט מיך ניט זען — האָט זי געזאָגט — וועט זי מיך פאַרגעסן, און אויב עס איז באַשערט פון גאָט, אויב אַלץ וועט זיך ענדיגן צום גוטן, וועלן מיר, איך און פלאָרענס, נאָך זיין מאַן און ווייב.

איך בין אַ פאַרציטערטער געוואָרן דערהערנדיג די ווערטער. נאָך אַלע שעהנהייטן וואָס האָבן אַרום מיר אַרומגעטאַנצט, וועט די רויטע פלאָרענס זיין מיין ווייב! אָבער איך האָב שטאַרק רחמנות געהאַט אויף איר. מיין האַרץ האָט מיר ווי געטאָן, טראַכטנדיג וועגן איר לאַגע. איך בין אַרומ־געגאַנגען אַ פאַרפינסטערטער, אַ צעווייטאָגטער. איך האָב זיך אַליין ניט געקענט אָפּגעבן קיין רעכנונג וואָס מיט מיר האָט אין דער קורצער צייט פּאַסירט.

פאַרשייטע יוגנד! . . . צום ערשטן מאָל אין מיין יונגן לעבן האָב איך זיך אָפּגעגעבן דין וחשבון פון זיך אַליין. איך האָב אונטערגעפירט אַ רעכענונג. דער סך הכל פון דעם חשבון איז געווען: איך בין שולדיג, שרעקלעך שולדיג! מען טאָר ניט אַזוי האַנדלען! מען דאַרף זיך באַרע־כענען און ניט זיין לייכטזיניג!

די מאַמע, וועלכע האָט שטאַרק רחמנות געהאַט אויף דער אומגליקליכער גרינער מיידל, פלעגט אָפט פאַרפאָלן ווערן אויף גאַנצע שטונדן. דאָס איז זי געפאָרן צו דער אָרעמער מיידל, מיטנעמענדיג מיט זיך פיינע מאכלים, וואָס זי האָט פאַר איר צוגעגרייט. די מאַמע האָט מיר דאָס קיין מאָל ניט געזאָגט, אָבער יעדעס מאָל וואָס זי פלעגט פאָרן צו פלאָרענס'ן, האָט מיר מיין האַרץ דאָס געזאָגט.

איין מאָל איז זי צוריקגעקומען פון איר וויזיט צו פלאָרענס'ן מיט געשוואָלענע אויגן פון וויינען. איך האָב איר געפרעגט וואָס עס האָט פּאַסירט. די אָרעמע, גוטע מאַמע האָט זיך היסטעריש צעוויינט:

— מיר מוזן אַרויסמופן פון ראַרינגטאָן. מיר מוזן ערגעץ אַוועק. מיר קאָנען דאָ מער ניט פאַרבלייבן.

— מאַמע, וואָס איז געשען?

— פלאָרענס פיהלט שלעכט, זעהר שלעכט — ענטפערט מיר מיין

מאמע — איך האָב מורא פאַר אַן אומגליק. פאַרשטייסט, מיין קינד, וואָס עס קען געשען? ווען דער טאַטע וועט קומען פון דער אַרבעט, וועל איך אים זאָגן, אַז איך וויל דאָ, אין דעם פאַרפלוכטן ראַרינגטאָן, מער ניט זיין. איך קאָן ניט צוזען ווי ער אַרבעט נעבעך אַזוי שווער. איך קען דאָ, אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל, מער ניט זיין. ניטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. אַזוי וועל איך אים זאָגן. יאָ, איך וועל דעם טאַטן צווינגען מיר זאָלן אַרויספאָרן פון דאַנען.

— מאמע! — פרעג איך מיט אַנגסט — פלאָרענס פיהלט שלעכט? איידער מיר מופן אַרויס פון דאַנען מוז איך זי זען. מיין האַרץ וועט מיר צערייסן. איך ווייס ניט מיט וואָס איך קען איר העלפן, אָבער זען מוז איך זי. זאָג מיר וואו זי געפינט זיך, וועל איך אַהין פאָרן.

— איך וועל מיט דיר צופאָרן אַהין, מיין קינד — באַרוהיגט מיך די מאמע.

אויף צומאָרגנס אין דער פרי, ווען דער טאַטע איז אַוועק צו דער אַרבעט, בין איך מיט דער מאַמען אַוועקגעפאָרן צו פלאָרענס׳ן. דעם גאַנצן וועג בין איך געזעסן ווי אַ דער׳הרג׳עטער. עס האָט מיך געפּלאָגט דער געדאַנק וועגן דעם פאַרברעכן וואָס איך בין באַגאַנגען. די רייזע האָט געדויערט מיט דער טריין איבער אַ שטונדע צייט. מיר זענען אַריין אין אַ קליין אָרעם הילצערן הייזעל ערגעץ אין אַ ווילעדזש. דאָרט האָבן געוואוינט פלאָרענס׳עס קרובים. מיין האַרץ האָט אין מיר געקלאַפּט ווי ביי אַ פאַרברעכער בשעת מען פירט אים צום ריכטער.

ווען איך בין אַריין מיט דער מאַמען אין פלאָרענס׳עס צימער, איז די קראַנקע געשלאָפן. אויף אַ האַלב צעבראָכען טישל נעבן בעט זענען געווען אָנגעשטעלט פאַרשידענע פלעשלעך מיט מעדיצינען, פּראָשקעס און סלאָיעס מיט וואַזעלין. די קראַנקע האָט שווער געאָטעמט. איר געזיכט איז געווען בלאַס, די ליפּן פאַרטריקנט, אונטער די אויגן בלוי, ווי אונטערגעשלאָגן. די מאמע איז געבליבן שטיין ביי דער טיר און געזיפצט. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל און באַטראַכט פלאָרענס׳ן. דאָס האַרץ האָט מיר פאַרקלעמט און פון מיינע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן — הייסע טרערן פון ווייטאָג און חרטה.

איך האָב אַרויסגענומען פון אונטער דער שמוציגער אַלטער קאָלדרע פלאָרענס׳עס האַנט און אַ קוש געטאָן. פלאָרענס האָט זיך ניט גערירט. איך האָב זיך אויפגעשטעלט פון בענקל, זיך אַריבערגעבויגן איבער פלאָ־

רענס׳עס בלאַסן פּנים און פאַרטריקנטע ליפּן, זי געקושט און געמורמלט צו זיך אַליין:

— איך האָב חרטה, איך האָב חרטה, זיי מיר מוחל, פלאָרענס!

פלאָרענס האָט געעפנט די אויגן און לאַנג, לאַנג געקוקט אויף מיר. דערנאָך האָט זי אויסגעשטרעקט אירעביידע הענט, מיך אַרומגענומען און צוגעטוליעט צו זיך.

— באָריס, מיין באָריס — האָט זי שטיל געוויינט — דו ביסט ניט שולדיג.

דאַן האָט זי זיך געווענדט צו מיין מאַמען:

— מרס. טאָמאַשעווסקי, באָריס איז ניט שולדיג. איך אַליין בין די שולדיגע. איך אַליין האָב זיך אומגליקלעך געמאַכט . . .

די מאַמע האָט זיך שטאַרק צעוויינט. זי האָט אַרומגענומען די אָרעמע קראַנקע מיידל, זי געקושט און געבליפּעט.

שטילערהייט האָט אונזער פאַמיליע אַרויסגעמופט פון ראָרינגטאָן. מיר האָבן זיך אַריבערגעקליבן קיין סעג־האַרבאָר, לאָנג איילאַנד, נישט ווייט פון ניו יאָרק.

דאָרטן האָבן זיך שוין געפונען עטלעכע אידישע סטאָרס, אַ שעהנע סטריט מיט אַלערליי געשעפטן. דאָס שטעטל שטייט ביים ברעג פון לאָנג איילענד סאונד. איבערן טייך פאָרן שיפן קיין ניו יאָרק און פון ניו יאָרק. אין דעם שטעטל, האָט דער טאַטע מיינער, דורך רעקאָמענדאַציעס, געקראָגן אַ דזשאַב אין אַ פעקטאָרי פון וואַטש־קייסעס און זייגערלעך.

איך האָב אָנגעהויבן גיין אין סקול. לאַנג בין איך אָבער אין סקול ניט געגאַנגען. איך האָב זיך געשעמט צו זיצן צוזאַמען מיט יונגע קינדער אין איינעם פון די גאָר ערשטע קלאַסן. איך האָב זיך געשעמט און גע־ערגערט. איך, שוין אַ דערוואַקסענער בחור, אַן אַקטיאָר, אַ דירעקטאָר פון אַ טעאַטער־קאָמפּאַני, דאַרף זיצן צווישן זעקס־יאָריגע קינדער אין סקול! האָב איך אויפגעהערט צו גיין.

איך האָב זיך אַרומגעדרייט פּוסט און פּאַס און בין שיער ניט משוגע געוואָרן פון לאַנגווייליגקייט. איך האָב געבעטן דעם טאַטן, ער זאָל פאַר מיר קריגן אַרבייט אין דער פאַבריק, וואו ער אַרבייט.

און אַט בין איך שוין אַ זייגער־מאַכער. אָבער צוזאַמענשטעלן אַ זייגערל — דאָס איז מיר קיינמאָל ניט אויסגעקומען. מען האָט מיך אָוועקגעזעצט

נעבן א גראָבן, הויכן לאַנגן דייטש. וועלכער האָט מיך געלערנט „פּאַלישן״ וואַטש־קייסעס. מען דאַרף מאַכן, אַז די דעקלעך פון די זייגערלעך, זאָלן גלאַנצן. עס איז אַ געוואַלדיגע קונץ . . . אפילו מיין אַלטע באָבע פון קאַמינקע וואָלט געקענט זיך אויסלערנען די אַרבייט אין עטלעכע מינוטן צייט. אָבער איך בין געווען צופרידן צו טאָן אפילו אַזאַ אַרבעט, אַבי פאַרנעמען די צייט, אבי ניט אַרומגיין ליידיג. די אַרבעט איז געווען אַ שמוציגע. צען שעה אַ טאָג האָב איך זיך געפּאָרעט אַרום אַ רויטן פּאַליש, אַ שוואַרצן פּאַליש, און פּאַלישן פון אַנדערע קאָלירן.

פון דער אַרבעט פלעג איך אַהיימקומען אַ גרימירטער, מיט אַנדערע ווער־טער — אַ פאַרשמירטער פון אַלערליי פאַרבן. עס האָט מיר גענומען אַ לאַנגע צייט ביז איך האָב פון זיך די פאַרבן אָפּגעוואַשן. אָבער איך האָב צו קיינעם ניט געהאַט קיין פּרעטענזיעס. איך האָב געאַרבעט שווער און בין געווען צופרידן.

דער דייטש, מיין לערער אין דער פאַבריק, האָט אַ גאַנצן טאָג פאַר מיר געזונגען דייטשע פאָלקס־לידלעך. איך האָב די לידלעך זיך אויסגעלערנט און מיטגעזונגען, ריכטיגער געזאָגט, מיטגעברומט, ווייל, זינגען האָב איך דאָך ניט געטאָרט ביז איך וועל ניט צוריקקריגן מיין צווייטע שטימע. דער דייטש, וועלכער איז געווען אַ מוזיקאַלישער מענטש, האָט אָנגעקוואָלן פון מיין „זינגען״.

— דו זינגסט יאַ קאָלאָסאַל, גרויסאַרטיג, אָבוואָל דו האָסט נאָך ניט דיין שטימע — האָט ער צו מיר געזאָגט. — האָסטו שטודירט מוזיק?

איך האָב אים ניט געוואָלט אויסזאָגן, אַז איך בין אַן אַקטיאָר און ניט קיין פּאַלישער פון וואַטש־קייסעס. דער דייטש איז געוואָרן מיט מיר אַ גאַנצער גוטער ברודער און מיט דער צייט איז ער ביי אונז געוואָרן אַ בן־בית. דער טאַטע פלעגט שפּילן אויף דער פידל און איך מיטן דייטש האָבן געזונגען דייטשע לידער. מיינע שוועסטערלעך און ברידערלעך, אפילו די מאַמע, האָבן זיך אויך אויסגעלערנט די דייטשע לידער. דער דייטש האָט געבראַכט צו אונז אין הויז זיין ווייב און די פּאָר קליינע דייטשעלעך זיינע און מיר האָבן געהאַט אַן אייגענעם כאָר. די אַרבעטער פון פאַבריק, וועלכע האָבן געוואוינט ניט ווייט פון אונז, פלעגן באַלאַגערן די פענסטער פון אונזער הויז, צוהערנדיג זיך צו אונזער זינגען. מיט דער צייט האָבן די אַרבעטער זיך אויך אויסגעלערנט די זעלבע לידער וואָס מיר האָבן געזונגען.

מיר האָבן גאַנץ ניש־קשה׳דיג געלעבט. דער טאַטע האָט פאַרדינט, איך

האָב פּאַרדינט, דריי פֿון די עלטערע קינדער, מערי, פּעני און מאַיק האָבן אויך אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער זעלבער וואַטש־קייס פֿעקטאָרי, און עס איז געווען פּרנסה. אונזער הויז איז געווען אָנגעפּילט מיט פֿרעהלעכקייט. דער הויפּט יום־טוב איז נאַטירלעך געווען זונטאָג, ווען די גאַנצע פֿאַמיליע איז געווען צוזאַמען. די עטלעכע אידישע סטאָרקיפּערס פֿון סעג־האַרבאָר זענען מיט דער צייט באַפֿריינדעט געוואָרן מיט אונזער משפּחה. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט צו אונז קומען אַ פּעדלער, וועלכער האָט געפּעדלט איבער די שטעטלעך פֿון לאָנג איילענד און פֿון ניו דזשוירזי, אַ פּשוט אידל מיט אַן איינגעבויגענעם רוקן. ווען ער האָט אָנגעקלאַפּט דאָס ערשטע מאָל אין טיר פֿון אונזער הויז און געזען אַ געבראָכענעם ענגליש אויס־רעכענען זיין סחורה, האָט די מאַמע ביי אים עפּעס געקויפֿט. ווען די מאַמע האָט גענומען רעדן צו אים אויף מאַמע־לשון, איז דער איד שיער ניט אומגעפאַלן פֿון שמחה. מיט דער צייט פֿלעגט דאָס אידל קומען צו אונז יעדן פֿרייטאָג און בלייבן ביי אונז ביז איבער זונטאָג. דער טאַטע און די מאַמע האָבן אים מקרב געווען און ביי אים קיין געלט ניט גענומען. ער איז געוואָרן אונזער וועכנטלעכער אורח.

אַ געוויסן זונטאָג זיץ איך ביים אָרגל (דער טאַטע האָט געהאַט איינ־געהאַנדלט אַ סעקאָנד־הענדיגע פּיאַנאָ און אַ סעקאָנד־הענדיגן אָרגל, אַ פּוס־האַרמאָניע) און שפּיל אַ געוויסן נגון. איך הער זיך צו ווי אין דעם צווייטן צימער דערציילט אונזער אורח, דער פּעדלער, אַז אין ראָרינגטאָן, ניו דזשוירזי, האָט געטראָפֿן אַן אומגליק מיט אַ אידיש מיידל. עפּעס אַ גרינע אידישע מיידל האָט זיך פֿאַרליבט אין אַ אידישן בחור אַן אַקטיאָר. דאָס מיידל איז באַגאַנגען אַ נאַרישקייט און איז געשטאָרבן, וועלנדיג פּטור ווערן פֿון דער ביבי, וואָס האָט געדאַרפֿט קומען אויף דער וועלט. איך האָב שוין ווייטער ניט געקאָנט שפּילן. די מאַמע האָט זיך געבעטן ביים אידל, ער זאָל ניט רעדן אַזוי הויך, ווייל דאָס שטערט מיר אין מיין שפּילן. נאָך אַ קורצער ווייל האָב איך אָריינגערופֿן די מאַמע מיינע און איר געזאָגט, אַז איך האָב אַלץ געהערט. די מאַמע האָט זיך ביטער צעוויינט. פֿון מיינע אויגן האָבן אויך גענומען פֿליסן טרערן. איך האָב זיך ווידער אָפּגעגעבן דין וחשבון. איך האָב זיך אַליין גוט אויסגע׳מוסר׳ט און ביי זיך פֿעסט באַשלאָסן אין דער צוקונפֿט צו זיין זעהר פֿאָרזיכטיג. איך האָב אפֿילו געזוכט פֿאַר זיך אַ זכות: זיי, די געליבטע מיינע, זענען אפשר מעהר שולדיג געווען ווי איך, זיי זענען מיר נאָכגעלאָפֿן. זיי האָבן מיך פֿאַר־

פאָלגט מיט זייער ליבע; און וואָס קענען שעהנע, ברענענדיגע מיידלשע אויגן ניט מאַכן מיט אַ בחור? . . . און איך האָב נאָך אַמאָל פעסט באַשלאָסן אין דער צוקונפט צו זיין פאָרזיכטיג. איך האָב מיין מאַמען דערציילט וועגן מיין פעסטן באַשלוס. די גוטע מאַמע מיינע האָט געלאַכט, זאָגנדיג דערביי:

— אוי, מיין קינד, ביסט נאָך יונג, דו וועסט נאָך האָבן אַ סך צרות, אויב דו וועסט ניט אַכטונג געבן אויף זיך.

איך האָב מיין באַשלוס ניט געהאַלטן. די נבואה פון מיין ליבער מאַמען איז מקוים געוואָרן. איך האָב זיך באַלד פאַרדרייט אין אַ נייער ליבע, און דאָס ניט אין איינער, נאָר טאַקע אין צוויי.

אין דער נעקסטער הויז פון אונז האָט געוואוינט אַן איירישע פאַמיליע. דאָס רוב פון די מיטגלידער האָבן געאַרבעט אין דער זעלבער וואַטש־קיים פעקטאָרי. דאָרט האָט זיך געפונען אַ מיידל אין מיינע יאָרן, אַ זעהר שעהנע, אַ בלאָנדינקע מיט גרויסע בלויע אויגן, וואָס האָבן געלויכטן ווי צוויי שטערן. און אָט די צוויי שעהנע אויגן האָבן מיך געצויגן ווי אַ מאַגנעט. דאָראָטי, האָט די מיידל געהייסן. איך האָב געזוכט די געלעגנהייט מיט איר זיך צו באַקענען און עס האָט ניט לאַנג גענומען און אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך מיר געמאַכט. אונזער שכנ'ס טעכטערל האָט זיך באַקאַנט מיט מיינע צוויי שוועסטערלעך, מערי און פעני, און האָט אָנגעהויבן אַריינקומען צו אונז אין הויז. מיינע שוועסטערלעך האָבן מיך פאַר זייער נייער פריינדין פאָרגעשטעלט. זיי האָבן געוויזן דאָראָטי'ן מיינע פאָטאָגראַפיעס, פון וועלכע איך האָב געהאַט אַ גאַנצן פאַק — פאָטאָגראַפיעס פון פאַרשידענע ראָלן, וואָס איך האָב געשפּילט. דאָראָטי האָט שוין אַלזאָ געוואוסט, אַז איך בין ניט קיין פּראָסטער פעקטאָרי־אַרבעטער, נאָר אַן אַקטיאָר און אַ געוועזענער טעאַטער־דירעקטאָר. דאָס שעהנע בלאָנדע קריסטלעכע מיידל האָט זיך גענומען שדכנ'ען צו מיר דורך אירע שעהנע אויגן.

אַ געווייסן אָזונט, ווען זי איז געווען ביי אונז אין הויז, האָט זי, ביים אוועקגיין, צו מיר אַ וואונק געטאָן. נאָכדעם ווי זי האָט זיך מיט מיינע שוועסטערלעך געזעגנט, בין איך איר נאָכגעגאַנגען. זי איז געגאַנגען דורך די הינטער־געסלעך צום ברעג פון טייך. דאָרט איז זי שטיין געבליבן און געוואַרט ביז איך בין צו איר צוגעקומען. איך האָב גערעדט זעהר אַ שלעכטן ענגליש. אָבער מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען און זיך ווי עס איז דורכגערעדט.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און מיר האָבן זיך ערקלערט אין ליבע איינע דעם אַנדערען — אַלץ דורך מיין שלעכטן ענגליש. מיר האָבן שפּאַצירט ביים ברעג טייך. עס איז שוין געווען שפּעטלעך אין דער נאַכט, אַרום און אַרום איז געווען שטיל, וואָרום די פאַבריק־אַרבעטער זענען געגאַנגען פרי שלאָפן. אויף אַ צעבראָכענעם שיפל, וואָס איז געלעגן אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל, ניט ווייט פון ברעג, האָבן מיר זיך צוגעזעצט. וואָס מיר האָבן ניט דער־רעדט מיט ווערטער, האָבן מיר דערזאָגט מיט קושן. איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז די מיידל איז אַן איירישע און זי האָט פאַרגעסן אַז איך בין אַ איד. . . . גאַנץ שפּעט זענען מיר אַהיימגעגאַנגען, אַנגעזעטיגט מיט קושן. מיר האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז מיר וועלן זיך דאָרטן, ביים צעבראָ־כענעם שיפל, באַגעגענען יעדע נאַכט, מיר האָבן געהאַלטן וואָרט. יעדע נאַכט, אויב דער וועטער איז נאָר געווען אַ שעהנער, האָבן מיר געהאַלטן אונזער אַפּוינטמענט. ווען עס האָט גערעגנט, פלעגט דאָראָטי אַריינקומען צו אונז אין הויז. עס האָט געהייסן, אַז זי קומט צו מיינע שוועסטערלעך. דער קלוגער טאַטע מיינער האָט באַמערקט, אַז צווישן מיר און דעם איירישן שכנ׳ס מיידעלע קומט עפּעס פאָר, און דאָס איז אים ניט געפעלן געווען. אַ געוויסן אָוונט האָט ער מיך אַ שטורכע געטאָן און דערביי מיר דערלאַנגט אַ פאַרציע מוסר.

— וואָס זשע, אַ שיקסע אויך? . . . אוי, ברוך׳ל, ברוך׳ל, קריכסט אַלע מאָל אין אַן אַנדער בלאָטע! מיין ניט, אַז איך וויים קיין זאַך ניט. איך ווייס אַלץ און איך זע אַלץ. זע נאָר, אַז דו זאָלסט אַמאָל קיין חרטה ניט האָבן!

איך בין שוין אָבער ביי זיך מער קיין קינד ניט געווען. איך בין דאָך אַן אַקטיאָר, אַ נעוועזענער טעאַטער־דירעקטאָר, מיר דאַרף מען שוין ניט זאָגן וואָס איך זאָל יאָ טאָן און וואָס איך זאָל ניט טאָן. איך האָב פאַר־שטאַנען, אַז דער טאַטע מיינער לעזט אַרויס מיינע געדאַנקען און מיינע געפיהלן, און אַז ער האָט יסורים. איין מאָל, ווען מיר זענען ביידע גע־גאַנגען צו דער אַרבעט, גיט ער צו מיר פלוצלינג אַ זאָג:

— דו ווייסט מיין קינד, וואָס דו וואָלסט גערדאַרפט טאָן כדי צו פאַר־ברענגען אינטערעסאַנט דיינע נעכט, דו זאָלסט ניט דאַרפן אַרומלויפן און ניט אין זינען האָבן פוסטע זאַכן. ביסט נאָך אַ יונג קינד, האָסט נאָך גענוג צייט פאַר נאַרישקייטן. פאָלג מיך, ברוך׳ל, דו ווייסט דאָך, אַז איך וויל דיך זעהן גליקלעך, אַז דיין קאַריערע איז ביי מיר טייער. איך האָב פאַר

דיר א טייערן פּלאַן: מיר וועלן פאַר דיר אויסגעפינען א פּיאַנאָ־לערער און דו וועסט אָנהויבן לערנען פּיאַנאָ שפּילן. ערשטנס, וועט עס דיר שפּעטער קומען צו נוץ. מוזיקאַליש ביסטו און אַז דו וועסט קענען שפּילן פּיאַנאָ, וועסטו קאָנען אַליין פאַרפאַסן מוזיק. צווייטנס, וועסטו האָבן מיט וואָס צו פאַר־נעמען די צייט און ניט אין זינען האָבן קיין נאַרישקייטן.

עס איז ווירקלעך געווען אַ גוטע עצה פון אַ פאָטער צו זיין קינד, הגם צו דעם, וואָס איך האָב געפּיהלט וועגן דאָראָטי'ן האָט דאָס געהאַט ווייניג שייכות. איך האָב דעם טאַטן צוגעזאָגט, אַז איך וועל אים פאָלגן. מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט וועגן אַ פּיאַנאָ־לערער. מיר האָבן אויסגעפונען, אַז קיין מענער־לערער איז אין שטעטל ניטאָ, עס איז דאָ איין־איינציגע לערערין פון פּיאַנאָ, די טאָכטער פון אַן אינטעליגענטער אַמעריקאַנער פאַ־מיליע, וואָס האָט געוואוינט אין ברוקלין. זי האָט אויך געגעבן לעסאָנס אויף אָרגאַן־שפּילן. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז איך זאָל ביי איר נעמען פּיאַנאָ־לעסאָנס.

איך האָב דערציילט פאַר דאָראָטי'ן וועגן מיין פּלאַן. איר האָט דאָס ניט געשמעקט.

— מיר וועלן זיך מער ניט קענען זען יעדן אָוונט ביים צעבראָכענעם שיפל. דאָס איז שרעקלעך! — האָט זי געזאָגט.

איך האָב איר געטרייסט, אַז עס וועט נאָך בלייבן גענוג צייט פאַר מיר צו פאַרברענגען מיט איר ביים ברעג טייך. זי האָט זיך ניט געלאָזן טרייסטן.

— קענסט זיך נאָך פאַרליבן אין דיין לערערין — זאָגט דאָראָטי — זי איז אַ זעהר שעהן מיידל.

איך האָב דאָראָטי'ן פאַרזיכערט, אַז קיין אַנדערע, אויסער איר, וועל איך קיינמאָל ניט ליבן; אַז זי וועט בלייבן מיין איינציגע.

זי האָט מיר געגלויבט און מיר געגעבן אַ קוש. מיר האָבן יענעם אָוונט פאַרבראַכט ביז גאַנץ שפּעט אין אונזער ליבע־נעסט ביים צעבראָכענעם שיפל.

אויף מאָרגן פאַרנאַכט איז געקומען צו אונז די פּיאַנאָ־לערערין. עס איז מיר ליכטיג געוואָרן אין די אויגן ווען איך האָב זי דערזען. זי איז געווען אַן אמת'ע שעהנהייט. איך שמייכל האָט געקענט פאַרברענען יעדן מאַן. איך וועל ניט אָנגעבן איר אמת'ן נאָמען. איך וועל זי רופן „עלסי". זי איז געווען דער קאָנטראַסט פון דעם אייריש מיידל, דאָראָטי; שוואַרצע האָר, שוואַרצע אויגן און אַ טונקל געזיכט. אירע באַנעמונגען זענען געווען

איידעלע, ווי פון אַ מיידל וואָס איז ערצויגן געוואָרן צווישן געבילדעטע מענטשן. מיין האַרץ האָט זיך באַלד אָנגעצונדן מיט אַ באַגער מיט דער דאָזיגער שעהנהייט נאָענט באַקאַנט צו ווערן. איך האָב פאַר איר געשפּילט אַ לייכטע מעלאָדיע, וועלכע איך האָב נאָך געלערנט אין בערדיטשעוו ביי אַלטער'לען, ר' ניסן בעלזער'ס עלטסטן זון. איך האָב אויך מיט מיין צעבראָכענער שטימע שטילערהייד געזונגען פאַר איר איינִיגע רוסישע ראָמאַנסן. שעהנע עטלעכע שטונדן איז עלסי געזעסן ביי אונז אין הויז. איך האָב אָפּגעמאַכט מיט איר, זי זאָל מיר געבן פיר לעסאָנס אַ וואָך, פופציג סענט פאַר אַ לעסאָן. איך האָב אַרויסבאַגלייט מיין שעהנע לערערין און ווען מיר האָבן זיך ביידע געזאָגט „גוד־נאַיט״, האָב איך געפיהלט ווי עלסי דריקט מיין האַנט, און זי האָט מיין האַנט באַלד ניט אָפּגעלאָזט, נאָר איר געהאַלטן היבשע סעקונדן. איך האָב געפיהלט ווי איר צו געבן אַ קוש. אַזוי פיל מוט האָב איך אָבער ניט געהאַט. באַלד ביי דער ערשטער באַגעגעניש . . . אָבער מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל נאָך האָבן אַ געלעגנהייט איר צו קושן. ווען זי איז צוגעקומען צום טויערל, וואָס האָט אַרויסגעפירט פון אונזער קליינעם הויף האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און מיר נאָך אַמאָל געזאָגט „גוד נאַיט״ און דערביי מיר צוגעוואָרפן אַ לופט־קוש. איך האָב געטאָן דאָס זעלבע.

ווען עלסי איז פאַרשוואונדן איז די איירישע מיידל, דאָראָטי, פּלוצלינג ווי פון אונטער דער ערד אַרויסגעוואָקסן, און האָט מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט:

— איך האָב אָבער געוואוסט . . . איך האָב געפיהלט . . . איך האָב ריך געוואָרנט, אַז זי וועט דיך אַריינכאַפּן אין איר נעץ. זי איז אַ שעהנע, זי איז אַ געבילדעטע, שפּילט פּיאַנאָ, און זי שטאַמט פון אַ פיינער פאַמיליע, און איך בין אַ פּשוט איירישע מיידל; מיין טאַטע איז אַ פּראָסטער אַרבעטער.

זי האָט זיך געטרייסלט פון אויפרעגונג. נאָך אַ קורצן שטילשווייגן האָט זי ווידער אַרויסגעפּלאַצט:

— איך וועל זי דערשיסן, די ברוקלינער קאַץ. איך וועל דיך דערשיסן און זיך אַליין אויך שיסן. געדענק, עס וועט זיין אַ טראַגעדיע!

איך האָב דער קליינער דאָראָטי אַרומגענומען, איר געקושט און זיך געבעטן ביי איר, אַז זי זאָל זיך באַרוהיגן.

— קום מיט מיר צום שיפל, — האָט דאָראָטי פאַרלאַנגט.

מיר זענען געגאנגען. דעם גאנצן וועג צום ברעג טייך האָט דאָראָטי קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. זי איז געגאַנגען אַביסל דערווייטערט פון מיר. זי האָט ניט געהאַלטן מיין אָרעם, ווי ביי אונזערע פריערדיגע שפּאַצירן צו אונזער ליבע־נעסט. מיר זענען צוגעקומען צום צעבראָכענעם שיפל. דאָראָטי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן עק פון שיפל, איינגראָבנדיג דעם שעהנעם בלאָנדן קאָפּ אירן צווישן אירע שעהנע הענט. מיט אַ פּיסל האָט זי געגריבלט אין זאַמד. מיר האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ פאַר איר.

— קום דאָראָטי, קום אהער צו מיר! זיי ניט אין כעס — רוף איך זי צו צו זיך.

— דו האָסט איר צוגעוואָרפן אַ לופט־קוש. איך האָב דאָס אַליין געזען. די גאַנצע צייט וואָס זי איז ביי דיר געווען, בין איך געשטאַנען הינטער דיין פענסטער. איך האָב אַלץ געזען און אַלץ געהערט. דו האָסט איר געוואָרפן אַ לופט־קוש און דאָס באַלד ווי איר זייט באַקאַנט געוואָרן! איך קען זיך שוין פאָרשטעלן וואָס עס וועט געשען שפּעטער.

זי איז געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז זי האָט געמוזט אָפּהאַקן אין מיטן ריידן. קומענדיג צו זיך, האָט דאָראָטי ווידער אָנגעהויבן:

— זי איז אַ סחורה . . . אויף איר איז אַלץ צו גלויבן. זי, די ברוקלי־נער שד'עכע, מיט אירע שוואַרצע אויגעלעך, האָט שוין געהאַט געגוג ליבע־סקאַנדאַלן. דאָס גאַנצע שטעטל ווייס עס. דעם קאָפּ קען זי פאַרדרייען מיט אירע פרומע אויגעלעך און צנועה'דיגע האַלטונג. געדענק, באָריס, זי וועט דיר דעם קאָפּ פאַרדרייען! זי וועט דיר אַרויסווייזן פייערדיגע ליבע און דערנאָך וועט זי זיך אויסלאַכן, ווי זי האָט דאָס געטאָן מיט אַנדערע.

זי האָט זיך ביטער צעוויינט און מיט טרערן האָט זי זיך ווידער געווענדט צו מיר:

— פּליז, באָריס, טו מיר ניט אָן קיין יסורים. איך האָב זיך דיר איבער־געגעבן מיט ליב און זעל. איך געהער אינגאַנצן צו דיר.

זי איז צוגעגאַנגען צו מיר, מיך אַרומגענומען, געוויינט און געקושט. איך האָב איר אויך געקושט. שפּעט אין דער נאַכט זענען מיר צוריק אַהיים־געגאַנגען. איצט האָט שוין דאָראָטי געהאַלטן מיין אָרעם, ווי אַלע מאָל, און נאָכאַנאַנד מיר געקוקט אין די אויגן אַריין, ווי זי וואָלט געוואָלט פון דאָרטן אַרויסלעזן צי איך בין אויפריכטיג, צי איך וויל זי אָפּנאַרן. אַ היבשע ווייל זענען מיר ביידע געבליבן שטיין נעבן אונזער היים און גע־רעדט וועגן אונזער ליבע. ווען איך בין שוין געלעגן אין בעט, האָבן מיך

די גערדאַנקען גענומען מוטשען. וואָס טו איך ווידער? וואָס וועט אַרויס־קומען דערפון? עס איז דאָך טאַקע אמת וועגן וואָס דאָראָטי האָט מיך געוואָרנט, איך בין דאָך טאַקע פאַרקאָכט אין דעם ברוקלינער מיידל. זי וועט קומען פיר מאָל אַ וואָך און מיר גענבן לעסאָנס. עס קען דאָך טאַקע נאָך פירן צו אַן אומגליק. דאָס הייסע איירישע בלוט פון דאָראָטי'ן קען דאָך טאַקע נאָך פירן צו אַ שרעקלעכן טאַט. די געדאַנקען האָבן מיך געמוטשעט און איך האָב ניט געקאָנט איינשלאָפן.

פּלוצלינג הער איך ווי עמיצער גראַבלט ביי מיין פענסטער. איך כאַפּ זיך אויף אַ דערשראָקענער און לויף צו צום פענסטער. איך זע דאָראָטי'ן, זי ווינקט צו מיר, איך זאָל עפענען דאָס פענסטער. איך האָב דאָס פענסטער געעפענט. דאָראָטי וויינט און זאָגט מיר:

— באָריס, איך קען ניט איינשלאָפן. מיינע געדאַנקען מוטשען מיך. איך פיהל, אַז דו וועסט מיך פאַרראַטן מיט עלסי'ן. איך וויל אַריינגיין צו דיר אין רום. איך וויל מיט דיר די נאַכט פאַרברענגען, איך וויל זיך מיט דיר דורכריידן. באַגינען, ווען עס וועט אָנהויבן טאָגן, וועל איך אַרויסגיין. פּליז, לאָז מיך אַריין!

איך האָב זי אַריינגענומען. ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, איז זי, ווי אַ גנב, אַרויס דורכן פענסטער. זי איז געווען פריילעך, גליקלעך. מיין שטימונג איז אָבער ניט געווען קיין פריילעכע. איך האָב געפיהלט, אַז נייע צרות רוקן זיך אויף מיר.

מיין האַרץ האָט מיך ניט אָפּגענאַרט.

אויף מאָרגן, זיבן אַזייגער, נאָך סאַפּער, איז געקומען די פּיאַנאָ־לערערין מיר געבן דעם ערשטן לעסאָן. מיין לערערין האָב איך ניט דערציילט אַז איך האָב נאָך אין בערדיטשעוו גענומען פּיאַנאָ־לעסאָנס. ווען איך האָב, ביי איר ערשטן באַזוך ביי אונז אין הויז, אויף דער פּיאַנאָ געשפּילט פאַר איר אַ לייכטע מעלאָדיע, האָב איך איר געזאָגט, אַז דאָס שפּיל איך פון געהער. זי האָט מיר געגעבן דעם ערשטן לעסאָן, און ווען איך האָב דאָס, וואָס זי האָט מיך געלערנט, איבערגעשפּילט, איז זי געוואָרן ערשטוינט. זי זאָגט מיר, אַז דאָס איז פאַר איר אַ גרויסער סורפּריז. דאָס ערשטע מאָל אין איר קאַריערע, אַלס לערערין, זעט זי, אַז אַ שילער זאָל מיט איין מאָל אַזוי גוט איבערנעמען אַ לעסאָן.

— דו ביסט ווערט אַ קוש פאַר דעם! — זאָגט זי צו מיר.

און זי גיט מיר אַ הייסן קוש. איך האָב פון דעם קוש פון אירע שעהנע ליפּן געהאַט מער פאַרגעניגן ווי פון איר לעסאָן. די שעהנע יונגע לערערין פאַרזיכערט מיר, אַז אויב איך וועל אַזוי גיך אויפנעמען אירע לעסאָנס, וועל איך אַמאָל זיין אַ בארימטער פּיאַנסיט, ווייל איך וויז אַרויס אַן אויסער־געוויינלעכן טאַלאַנט. איר רעדן צו מיר, איר באַנעמען זיך איז געווען גאָרניט ווי פון אַ לערערין. איך האָב געפיהלט — ריכטיגער געזאָגט, זי האָט מיך געמאַכט צום פיהלן — אַז מיר וועלן ווערן זעהר נאָענטע פריינט.ביים אַוועקגיין בעט מיך די לערערין, אַז איך זאָל קומען צו איר אַהיים נעמען די לעסאָנס.

— דאָ — ערקלערט זי מיר — זענען דאָ קליינע קינדער, וואָס האַלטן זיך אין איין אַרומדרייען. אייערע עלטערן האַלטן אין איין אַריינקומען און דאָס שטערט די לעסאָנס, און דערצו איז אייער פּיאַנאָ ניט קיין גוטע. אין דעם הויז, וואו איך וואוין, איז שטיל: ניטאָ קיין קינדער וואָס זאָלן שטערן, און מיין באַלעבאַסטע מישט זיך ניט, וועלן מיר קענען לערנען אומגעשטערט.

די לעצטע ווערטער אירע זענען באַגלייט געוואָרן פון אַ מערקווירדיגן צערט־לעכן שמייכל, וועלכער האָט אויף מיר געווירקט ווי אַ געהיימנים, וואָס איז פול מיט צויבער־קראַפט.

די שעה וואָס דער לעסאָן האָט געדאַרפט דויערן איז פאַרבראַכט געוואָרן מער מיט רעדן, ווי מיט לערנען. איך האָב מיין שעהנע לערערין צוגעזאָגט מאָרגן צו זיין ביי איר אין הויז, וואָס איז געווען ניט ווייט פון אונזער הויז. ביים אַוועקגיין זאָגט זי צו מיר:

— באַגלייט מיך אַהיים, באָריס.

נאַטירלעך האָב איך איר ניט אָפּגעזאָגט. מיר האָבן געהאַט דורכצוגיין אַ שטילע געגנט, וואָס איז געווען פאַרפלאַנצט פון ביידע זייטן מיט הויכע ביימער. זי האָט זיך שטאַרק צוגעטוליעט צו מיר.

מיר האָבן זיך ביידע אַרומגענומען און אַ היבשע ווײַלע אַזוי געשטאַנען צוגעדריקט איינע צו די אַנדערע און זיך געקושט.

— דו ווייסט, — זאָגט זי צו מיר, — איך האָב דיך ליב באַקומען פון דער ערשטער מינוט, וואָס איך האָב דיך דערזען. דיינע שוואַרצע אויגן, דיין שוואַרצער קאָפּ האָר, דיין גאַנצער אויסזען, דיין האַלטן זיך איז גאַנץ אַנדערש ווי פון אונזערע באָיס. דו זעעסט אויס ווי אַן איטאַליענער. די איטאַליענער האָבן פייער, טעמפּעראַמענט. איטאַליענער קענען ליב האָבן, און איך אַליין האָב אויך הייס בלוט, איך קען אויך ליבן. דו ביסט

נאָך יונג און איך אַליין בין נאָך אויך יונג. וועגן חתונה האָבן קענען מיר ביידע נאָך ניט טראַכטן, אָבער ליבן קענען מיר זיך. ניט אַזוי, באָריס? קיינער דאַרף וועגן אונזער ליבע ניט וויסן, און מיר האָבן אַ טייערע געלעגנהייט. דו נעמסט דאָך פּיאַנאָ־לעסאָנס ביי מיר. און ווען מיר וועלן זיך שטאַרק ליב באַקומען איינע די אַנדערע, דאַן וועט אונז קיינער ניט קענען שטערן, אַפילו ניט דיין טאַטע־מאַמע. ניט אַזוי, באָריס? דו וועסט מיט דער צייט זיין אַ גוטער פּיאַניסט, דו וועסט אַרומפאָרן געבן קאָנצערטן און איך וועל זיין שטענדיג מיט דיר און נעבן דיר.

ווי מיר זענען אַזוי געשטאַנען אין דעם ליבעס־אויסגוס, איז פּלוצלינג צוגעקומען דאָראַטי. זי האָט אונז אַ פּנים נאָכגעשפּיאָנירט, זיך פאַרשטעקט הינטער אַ בוים און זיך צוגעהערט צו אונזער געשפּרעך. איך און מיין מוזיק־לערערין האָבן זיך שטאַרק פאַרשעמט. עלסי האָט זיך געלאָזן פלינק אַוועקגיין. דאָראַטי איז צוגעלאָפן צו איר און זי אָנגעכאַפּט ביים האַנט. מיט דער אַנדערער האַנט האָט זי זיך פאַרמאָסטן איר צו דערלאַנגען קלעפּ. איך בין צוגעשפּרונגען און אָנגעכאַפּט דאָראַטי׳ס האַנט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ הייסער געשפּרעך צווישן די צוויי מיידלעך. איך בין געשטאַנען ווי אַ דער׳הרג׳עטער. איך האָב פּרובירט מאַכן צווישן זיי שלום, אָבער איך האָב ניט געקענט גענוג ענגליש, עס האָבן מיר געפעלט ווערטער. אויף ליבן־זיך האָב איך קיין ווערטער ניט געדאַרפט . . . אָבער אויף מאַכן שלום צווישן די צוויי ליבעס־קאָנקורענטקעס — דערויף האָב איך קיין לשון ניט געהאַט.

דער סוף איז געווען, אַז דאָראַטי האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם און אַוועקגעשלעפּט אַהיים. זי האָט מיר אַפילו ניט געגעבן קיין געלעגנהייט זיך אומצוקוקן און זען וואָס עס איז געוואָרן פון דער ברוקלינער מיידל. אויפן וועג אַהיים, האָט דאָראַטי געוויינט און מיך אויף דאָס ניי געוואָרנט, אַז איך זאָל ניט נעמען מער קיין פּיאַנאָ־לעסאָנס ביי עלסי׳ן. איך האָב איר ערקלערט, אַז קיין אַנדערע פּיאַנאָ־לערער איז אין שטעטל ניטאָ און לעסאָנס מוז איך נעמען צוליב מיין קאַריערע. מיין ריידן, מיין ערקלערן איר האָט אָבער זעהר ווייניג געהאָלפן.

— איך בעט דיך, איך וואָרן דיך, דו זאָלסט זיך מער ניט באַגעגענען מיט איר! — האָט זי געערדט אין אַ שטרענגן, באַפעהלנדן טאָן.

דאָראַטי, וועלכע איז שוין געווען ביי אונז אין הויז ווי אַן אייגענע, אַ חבר׳טע פון מיינע שוועסטערלעך, און גוט באַפריינדעט מיט מיין מאַמען,

איז מיט מיר צוזאַמען אַריין אין אונזער הויז. זי האָט ביי אונז פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט. די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט זיך ביי אונז געפונען, בין איך געזעסן אַ דערשלאָגענער.

דער סוף איז געווען ניט קיין אַנגענעמער. איינינע מאָל האָבן די צוויי מיידלעך זיך געשלאָגן אין גאַס, זיך געריסן ביי די האָר. עלסי׳ס אַ גוטע בעקאַנטע, אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, האָט געפּרואווט שפּילן די ראָלע פון אַ רודף שלום. דער סכסוך צווישן מיינע צוויי געליבטע האָט מיר אָבער ניט געשטערט אָנצוהאַלטן מיינע באַציהונגען מיטביידן. ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען, געדענק איך שוין ניט. פיל איינצעלהייטן געדענק איך שוין ניט. איך געדענק נאָר, אַז טראָץ דאָראָטי׳ס ווילדער אייפערזוכט, האָט זיך מיר איינגעגעבן צו פאַרטומלען איר קאָפּ און אָפּצונאַרן זי ווידער און ווידער. און אַזוי האָט די דאָפּעלטע ליבע מיט די צוויי מיידלעך אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט, ביז די גאַנצע געשיכטע, זייער פאַרליבטקייט אין מיר און מיין קאַמף אויסצומיידן ביידנס אייפערזוכט, האָט זיך מיר דערעסן. איך האָב זיך געטראַכט:

— גאָט זאָל מיר שוין העלפן, איך זאָל קריגן מיין צווייטע שטימע און זאָל פּטור ווערן פון דעם שטעטל סעג־האַרבאָר און פון מיינעביידע גע־ליבטע.

און גאָט האָט מיין תפלה צוגעהערט.

איך פלעג יעדן טאָג נעמען אַ גאַמע (אַכט טענער). איך האָב דערמיט פּרובירט מיין שטימע. אַ געווייסן אָוונט זעץ איך זיך אַוועק ביי דער פּיאַנאָ אויספּרובירן מיין שטימע — עס גייט! איך זינג אָפּ אַ גאַנצע אָקטאַווע (אַכט טענער, פון „דאָ״), און יעדער טאָן קלינגט שעהן, מיט פאַרב, מיט מעטאַל. אין יענעם מאָמענט בין איך געווען דער גליקלעכסטער בחור אין דער גאַנצער וועלט. איך בין צוגעלאָפן צו דער מאַמען און איר געקושט. איך האָב געהאַלזט דעם טאַטן, געטאַנצט מיט מיינע שוועסטערלעך און ברידערלעך.

— איך האָב שוין געקראָגן מיין שטימע! — האָב איך אויסגערופן מיט פרייד.

און מיט יעדן טאָג האָט זיך מיין שטימע פאַרבעסערט. איך האָב צוגע־קראָגן נייע טענער, שענערע, קלינגענדיגע. איך האָב זיך שוין ווידער געזען אויף דער בינע, ווי איך שטיי שוין ווידער פאַר אַ פּובליקום, ווידער די בינע, ווידער טעאַטער־גלאַנץ . . .

ווער איז דען געווען גלייך צו מיר? !

דעם לעצטן פּיאַנאָ־לעסאָן האָב איך גענומען אַ טאָג פאַר מיין אָפּפאָרן פון סעג־האַרבאָר. איך האָב זיך געגרייט צו געזעגענען זיך מיטביידע געליבטע מיינע. זאָגן זיי אַז איך פאָר אַוועק, אַז איך פאַרלאָז סעג־האַרבאָר — דאָס האָב איך באַשלאָסן, ניט צו טאָן. איך האָב פאַרבראַכט מיט מיין פּיאַנאָ־לערערין ביז שפּעט אין דער נאַכט. קיינער, אויסער אונזביידן, איז דאָן אין הויז ניט געווען. יענער טאָג איז געווען עפּעס אַן אַמעריקאַנער יום טוב און עלסי'ס באַלעבאָסטע איז געווען איינגעלאַדן צו גאַסט ביי פריינט אין אַ דערבייאיגער שטעטל. דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב געזען מיין עלסי.

אַרויסגייענדיג האָב איך געטראָפן דאָראָטי'ן זיצן אויפן סטופּ. זי האָט געוויינט. איך האָב זי געטרייסט. זי האָט שוין די נאַכט פאַרבראַכט ביי מיר אין רום ביז באַגינען, און דעם זעלבן טאָג האָב איך פאַרלאָזט סעג־האַרבאָר און אַוועקגעפאָרן קיין ניו יאָרק. די צוויי מיידלעך האָבן וועגן דעם ניט געוואוסט. דערנאָך האָט די מאַמע מיר געשריבן, אַז עס האָט זיך אָפּגעטאָן חושך צווישן זיי, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט אַז איך האָב פאַרלאָזט סעג־האַרבאָר. ביידע האָבן געוואָלט מיין אַדרעס, אָבער די מאַמע האָט זיי דעם אַדרעס ניט געגעבן.

און אַזוי האָט זיך געענדיגט מיין דאָפּלטע ליבע אין סעג־האַרבאָר.

סערא היינע־חיימאָוויטש (אַדלער)

מאָרים היינע־חיימאָוויטש

יעקב פּ. אַדלער (1855—1926)

דוד קעסלער (1860—1920)

10

איך שטעל ווידער צוזאַמען אַ טרופּע - די ערשטע אידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען אין שיקאַגאָ. אַ נייער ראָמאַן מיט זייטיגע ראָמאַנדלעך - מיין ערשטע באַגעגעניש מיט בעסי׳ן.

איבער צוויי יאָר בין איך געווען אוועק פון ניו יאָרק. ווען איך בין איצט צוריקגעקומען, האָב איך זיך געפילט ווי אַ פרעמדער, אַזוי ווי איך וואָלט דאָ קיינעם ניט געקענט. איך האָב ניט געהאַט דעם מינדסטען באַגריף וואו עס וואוינען מיינע אַמאָליגע אַקטיאָרן און איצטיגע סיגאַרעטן־מאַכער, העמד־דעל־נייער אָדער פעדלער. איך בין פאַרפאָרן אין אַ האָטעל אויפן קאָרנער ברום סטריט און באַוערי. דוכט מיר „אקסידענטאל האָטעל“ איז געווען דער נאָמען פון דעם פּלאַץ. געפינענדיג זיך אין מיין רום, האָב איך דאָס ערשטע אַ טראַכט געטאָן, וואָס טוט מען און ווי אַזוי פאַרברענגט מען די היינטיגע נאַכט אין ניו יאָרק. עס איז מיר אַרויפגעקומען אַ געדאַנק: מען דאַרף גיין אין דעם אידישן טעאַטער, וואו עס שפּילן די אָנגעקומענע שוישפּי־לער פון אייראָפּע. איך בין געווען זעהר נייגעריג זיי צו זען און זען ווי זיי שפּילן אידיש טעאַטער און ווי אַזוי דאָס פּובליקום באַציט זיך צו זיי. איך געדענק ניט ווי אַזוי דאָס איז געווען. איך געדענק נאָר, אַז אונטן אין אָפּיס פון דעם האָטעל האָט מען מיר פאַרקויפט אַ טיקעט.

איך בין אַוועק אין טעאַטער, אָבער אַזוי ווי איך האָב זיך אַוועקגעזעצט, האָבן איינינע אידן מיך גלייך דערקענט. איך הער ווי מען שושקעט זיך: „טאָמאַשעווסקי, טאָמאַשעווסקי!“

געשפּילט האָט מען יענעם אָוונט „שולמית“ פון אברהם גאָלדפאַדען. די ראָלע פון „שולמית“ האָט געשפּילט מרס. חיימאָוויטש (די שפּעטערדיגע מאַדאַם סערא אַדלער); די ראָלע פון „אבישלום“ האָט געשפּילט משה זילבערמאַן; „ציגנעטאַנג“ איז געשפּילט געוואָרן פון וואַכטעל׳ן; „אבי־גיל“ — פון מאַדאַם זילבערמאַן; „שולמית׳עס פאָטער“ — פון מאַקס קאַרפּ;

„נתן הכהן" — פון חיימאָוויטש (וועלכער האָט זיך אויך גערופן היינע). די איבעריגע ראָלן זענען ניט וויכטיג. דער אָרקעסטער איז געווען אַ קליינער; ער איז באַשטאַנען פון זעקס מאַן. דאָס איז מיר ניט געפעלן געוואָרן. די אָפּערעטע „שולמית" קען ניט געשפּילט ווערן מיט אַ קליינעם אָרקעסטער. אַמווייניגסטנס דאַרף מען האָבן צוועלף מוזיקאַנטן. וויליאַם קראַל איז געווען דער קאַפּעלמייסטער. דאָס טעאַטער איז געווען אויספאַרקויפט, אַ גרויסער עולם אין די שטיי־פּלעצער; אויף די קעפּ איז מען פּשוט געשטאַנען.

דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן און עס האָט זיך געהערט דער עולה־רגל־מאַרש. איך גלויב, אַז דער כאָר איז באַשטאַנען פון צען פּערזאָן, פיר מענער און זעקס פרויען. די סטאַטיסטן האָבן זיך שטאַרק אָנגעזען מיט זייערע לאַנגע ציצענע העמדער, מיט די פאַרבלאָטיגטע שיך, ניט קיין בינע־שיך (וועלכע עס האָבן געטראָגן אידן אין יענער צייט, ווען די אָפּערעטע שפּילט זיך אָפּ), נאָר אייגענע, און מיט זייערע דראָטענע בערד. געזונגען, אמת, האָט דער כאָר גאַנץ שעהן:

אָנגעלאָדן מיט אַלדאָס גוטס
מיט די שטעקענס אין די הענט . . .

עס קומען אַריין שולמית מיט איר פאָטער. סערא חיימאָוויטש איז געווען אַן אמת'ע אידישע שעהנהייט, אַן אמת'ע טאָכטער פון ירושלים. איר פאָטער, מאַקס קאַרפּ, איז געווען שלעכט גרימירט און שלעכט אָנגעטאָן, אָבער ווען ער האָט גענומען זינגען, האָט מען אַלץ מוחל געווען. ער איז געווען אַ שעהנער זינגער, מיט אַ וואונדערלעכער באַס־באַריטאָן שטימע, און אַ גרויסער מנגן. סערא חיימאָוויטש האָט אויסגעזען געטלעך און געזונגען האָט זי זעהר שעהן. זי האָט געהאַט אַ סאָפּראַנאָ שטימע, ניט קיין גרויסע, אָבער צו דער ראָלע פון שולמית האָט זי זיך זעהר גוט צוגעפּאַסט, און זי האָט אַלע אירע לידער שעהן געזונגען. משה זילבערמאַן, זאָל ער מיר מוחל זיין, איז געווען אַ הילצערנער אבשלום, און ער האָט געזונגען מיט אַ הילצערנער טענאָר־שטימע. ער האָט אָפּגעשריען די ראָלע, אָבער דער עולם איז געווען צופרידן און מען האָט אים אַפּלאָדירט. משה זילבערמאַן איז געווען דער דירעקטאָר פון דער „אָריענטאַל אָפּערא קאָמפּאַני" — אַזוי האָט זיך גערופן די טרופּע שוישפּילער, וועלכע איז געקומען פון אייראָפּע. ער האָט געשפּילט אַלע ליבהאָבער־ראָלן. ער איז געווען זעהר אַ עהרלעכער מענטש, אַ גוטער געשעפטסמאַן און אַ גאַנץ ליבער מענטש, און שעהן איז

ער אויך געווען. אַ שווישפּילער אָבער איז ער געווען זעהר אַ שוואַכער, דאָך אַלס דירעקטאָר און געשעפטס־פירער און אויך אַלס העלדן־ראָלן אַקטיאָר איז ער די ערשטע יאָרן געווען דער מאַכט־האָבער און דער צענטער פון דעם אידישן טעאַטער. שפּעטער, אין זיינע מיטעלע יאָרן, האָט ער פאַרלוירן זיין טעאַטער־קאַריערע. עס זענען אָנגעקומען בעסערע שווישפּילער פון אים און עס איז דאַן פאַר אים קיין פּלאַץ אויף דער בינע ניט געבליבן. (דער סוף פון זיין לעבן איז געווען אַ טראַגישער. אַ געוויסע צייט האָט ער געהאַט אַ שטעלע אַלס אַ דאָר־קיפּער אין אַ אידישן טעאַטער).

נאָך דער פאָרשטעלונג האָב איך זיך באַקאַנט מיט משה זילבערמאַנ׳ען און זיין פרוי, אַ טייער ווייבעלע, אַ שעהנינקע און אַ ליבענסווירדיגע. איר אויסזעהן און איר האַלטונג איז געווען ווי פון אַ גוטן אידנס אַ טעכטערל. זי איז אויך געווען אַ שוואַכע אַקטריסע. זי האָט אין „שולמית״ געשפּילט אַ קליינע ראָלע, אָבער אפילו אין דער דאָזיגער ניט־וויכטיגער ראָלע האָט זיך ארויסגעזען איר אומבאַהאָלפנקייט אויף דער בינע. נאָך דעם זעלבן אָוונט האָב איך זיך באַקאַנט מיט די איבעריגע שווישפּילער פון דער טרופּע, אָבער קיין גוט־ברודערשאַפט האָב איך מיט זיי ניט געשלאָסן. זיי זענען אַלע געווען שוין עלטערע מענער און איך — אַ אינגל פון זיבעצן יאָר.

יענעם אָוונט זענען מיר אַלע געזעסן אין אַ קאַפע־הויז ביי איין טיש. איך האָב זיי אַלעמען געטריט. מען האָט גערעדט וועגן אידישן טעאַטער און זיי האָבן אַביסל חוזק געמאַכט פון מיין טעאַטער. זיי האָבן געהערט וועגן מיין שפּילן און עס איז זיי ניט געפעלן געווען. זיי, הייסט עס, זענען די אמת׳ע ארטיסטן. איך האָב, פאַרשטעהט זיך, ניט געשוויגן, איך בין קיינעם קיין ענטפער ניט שולדיג געווען. איך האָב געלויבט ביזן הימל אריין מיינע ארטיסטן. איך האָב זיי ערקלערט, אַז אַזאַ קאָמיקער ווי לעאָן גאָלובאָק און אַזאַ ערנסטן שווישפּילער ווי מיראָן גאָלובאָק האָבן זיי ניט אין זייער טרופּע. און וואָס איז מכח דעם דראַמאַטישן שווישפּילער לעאָן ספּעקטאָר און מיט דער כאַראַקטער־שווישפּילערין מאַדאַם ספּעקטאָר? אַזעל־כע האָבן זיי אודאי ניט אין זייער טרופּע. און וואָס איז מכוח דעם אינ־טעליגענטן שווישפּילער און פּראָפעסער ישראל באַרסקי; אַזעלכע ארטיסטן ווי באַיאַרסקי און סיימאָן האָבן זיי אודאי און אודאי ניט. אייניגע פון מיינע אַמאָליגע פּאַטריאָטן, וועלכע זענען געזעסן ביי אונזער טיש, האָבן מיך אונטערשטיצט. אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווען מיר זענען זיך צעגאַנגען.

איך דערמאָן זיך, אַז ביי יענעם געשפּרעך האָב איך זעהר שטאַרק גע־לויבט סערא חיימאָוויטש. איך האָב געלויבט איר שעהן שפּילן, איר זינגען, איר קליידן־זיך אויף דער בינע און איר נאַטירלעכן חן.

דעם זעלבן אָוונט האָב איך אין טעאַטער זיך באַגעגנט מיט אברהם גאָלובאָק, דער ברודער פון די צוויי ברידער שוישפּילער, מיין געוועזענער פאַרמאַן פון דער סיגאַרעטן־פאַבריק. ער האָט מיר געגעבן דעם אדרעס פון זיינע ברידער. איך האָב זיי געפונען אין סאָפאָלק סטריט אין אַ טענעמענט הויז. ווען איך בין צו זיי געקומען, האָבן זיי זיך מיט מיר דערפרייט ווי מיט משיח'ן. איך האָב זיי דערציילט, אַז איך האָב שוין צוריקבאַקומען מיין שטימע און אַז איך וועל ווידער אָנהויבן צו שפּילן טעאַטער. איך האָב זיי אויך דערציילט וועגן דער פאַרשטעלונג, וואָס איך האָב געזען אין אָריענ־טאַל טעאַטער. איך האָב מיינע חברים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיר האָבן זיך גאָרניט וואָס צו שעמען מיט אונזערע אַרטיסטן געגן זייערע.

— איך וועל אָפּזוכן אַ טעאַטער אין ניו יאָרק און מיר וועלן שפּילן.

דורך דער צייט וואָס איך בין געווען אַוועק פון ניו יאָרק האָב איך אָנ־געשריבן אייניגע פּיעסן: „עלילת דם“, אַ דראַמע אין פיר אַקטן; „דוד וועלוועלע“, אַ קאָמעדיע אין פיר אַקטן; „דער גרינער“, אַ קאָמעדיע־דראַמע. איך האָב די צוויי ברידער דערציילט וועגן די נייע פּיעסן און זיי האָבן זיך דערפרייט. איך האָב זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן אָפּזוכן און צוזאַמענעמען אַלע אונזערע פריהערדיגע אַרטיסטן און זיי ברענגען צו מיר אין האָטעל, אויב מעגלעך, נאָך אין דעם זעלבן אָוונט. די גאָלובאָקס האָבן מיר דערציילט, אַז זיי האָבן פּרובירט שפּילן אייניקע פאַרשטעלונגען אין טורן־האָל, אָבער קיינער איז ניט געקומען צו זיי. זיי האָבן די פאַרשטעלונגען געמוזט אויפ־געבן און צו דער ערשטער פאַרשטעלונג האָבן זיי צוגעלייגט אַ פופציג דאָלער. זייט דאַן האָט זיך יעדער געכאַפּט צו עפּעס אַן אַרבייט. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז באַרסקי איז אַ שטיקל בוכהאַלטער אין אַ קוילן־יאַרד; ספּעקטאָר, דער טראַגיקער, און מאַדאַם ספּעקטאָר, האָבן זיך געמאַכט אַ פּעקטאָרי פון שווירטס; לאַנדעסמאַן פּעדלט און מרם. לאַנדעסמאַן אַרבייט אויך אין אַ פּעקטאָרי: באַיאַרסקי אַרבעט אין דיוויזשאָן סטריט אין אַ ליידיס העט סטאָר; אַלע די האָבן עפּעס אַרבעט, נאָר זיי, דיביידע ברי־דער, מוטשען זיך קוים אַ לעבן צו מאַכן. זיי טרייסטן מיך, אַז מיט מיר וועלן אַלע אַמאָליגע קאָלעגן זיך ווידער נעמען צו געבן פאַרשטעלונגען, זיי

וועלן אוועקוואַרפן זייער איצטיקע אַרבעט און זיי וועלן זיך ווידער פאַר־איייניקן מיט מיר.

איך בין געווען שטאָלץ און צופרידן, וואָס אַזעלכע שוישפּילער, שוין עלטערע מענטשן, האָבן צו מיר, אַ יונגן באָי, אַזוי פיל צוטרויען. קיין וואונדער איז אָבער דאָס ניט געווען. אין טעאַטער־לעבן איז סוקסעס דאָס וויכטיגסטע. אין אונזער טעאַטער, ווען מיר האָבן געשפּילט צוזאַמען, האָב איך דאָך געהאַט דעם הויפּט־סוקסעס. טיילווייז, נאַטירלעך, ווייל איך בין געווען אַ שעהן בחור'ל און צוליב מיר זענען דאַמען און מיידלעך געלאָפן צו אונזערע פאָרשטעלונגען; טיילווייז צוליב מיין דאַמאָלסטדיגן זינגען און שפּילן. ווי די מעשה איז, איך בין געווען דער „סטאַר". איך בין געווען די צוציהונגס־קראַפט. אַלזאָ, האָבן זיי געגלויבט, אַז איך וועל ווידער ציען אַן עולם.

נאָך דעם זעלבן אָוונט האָב איך געהאַט ביי מיר אין האָטעל די גאַנצע חברה־אַרטיסטן און אַרטיסטקעס פון אונזער אַמאָליגן טעאַטער. אַלע האָבן זיך געפרייט מיט מיר און איך מיט זיי ניט ווייניגער. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז „טאָמאַשעווסקי'ס ערשטע אידישע טעאַטער קאָמפּאַני" איז ווידער פאַראייניגט און אַז מיר הייבן אָן אויפדאַסניי שפּילן טעאַטער. איך האָב מיינע קאָלעגן געבעטן, זיי זאָלן קומען צו מיר אַ דריי טעג שפּעטער. איך וועל מיט דער צייט אָפּזוכן אַ טעאַטער.

אויף מאָרגן האָב איך זיך געווענדט צו מאַיקל יאמען, דעם דירעקטאָר פון נעשאָנעל טעאַטער אויף דער באַוערי. ער האָט זיך דערפרעהט מיט מיר. ער האָט מיר אָבער ערקלערט, אַז דאָס טעאַטער קען ער מיר, ליידער, ניט געבן, ווייל ער האָט עס שוין פאַרדונגען צו אַ נייער אידישער טעאַטער־קאָמפּאַני, וועלכע געפינט זיך שוין אויפן וועג קיין אַמעריקע. איך פרעג ביי אים ווער זענען די נייע שוישפּילער, ענטפערט ער מיר, אַז עפּעס אַ פינקל און אַ מאָגולעסקאָ, און די נעמען פון די איבעריגע ווייס ער ניט. איך האָב פּרובירט נעמען דעם פּיפּלס טעאַטער, אַ גרעסערער און בעסערער פּלאַץ, אויף דער אַנדער זייט באַוערי. דער דאַמאָלסטדיגער מענעדזשער פון יענעם טעאַטער האָט מיך אָבער אויסגעלאַכט. ער מאַכט גלענצנדע געשעפטן מיט אַן ענגלישער קאָמפּאַני — זאָגט ער מיר — און ער נויטיגט זיך ניט אין אַ אידישן טעאַטער. גאַנצע דריי טעג האָב איך געאַקערט די ערד צו געפינען אַ טעאַטער. צוםווינדזאָר טעאַטער און צום טהאַליאַ טעאַטער (ביידע אויף דער באַוערי) האָט מען גאָרניט געקענט צוקומען. דאָס ווינדזאָר

טעאַטער איז געווען אַ נײַ ענגליש טעאַטער, וואו מען האָט געשפּילט ביליגע מעלאָדראַמעס. יעדן אָוונט פלעגן אַוועקגיין טויזנטער מענטשן, ווייל זיי האָבן ניט געקענט צוקומען צו דער קאַסע. דאָס טהאַליאַ טעאַטער, וואָס האָט זיך געפונען אַנטקעגן איבער דעם ווינדזאָר, איז געווען דאָס איינציגע דייטשע טעאַטער אין ניו יאָרק, און די דייטשע באַפעלקערונג איז אין ניו יאָרק דאַמאָלט געווען זעהר גרויס. דאָס טעאַטער האָט יעדע פּאָר מאָנאַטן געבראַכט באַריהמטע דייטשע סטאַרס פון דייטשלאַנד, ווי, לודוויג באַרניי, פּאָסאַרד, מאָריסאָן.

ניט קענענדיג געפינען קיין טעאַטער, האָב איך אפילו פּרובירט צו נעמען דעם אַטלאַנטיק גאַרדען, אויך אויף דער באָוערי, עטלעכע טירן פון טהאַליאַ טעאַטער. דאָרטן פלעגט מען פאַר דעם פּרייז פון אַ גלאָז ביר זען וואָדעוויל־אַקטיאָרן און הערן אַ גרויסן דאַמען־אָרקעסטער. עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז איך זאָל איבערנעמען דעם פּלאַץ, אָבער עס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרניט.

זעען מיינע קאָלעגן־אַקטיאָרן זענען צו מיר געקומען אין דריי טעג אַרום, האָב איך זיי ערקלערט, אַז אין ניו יאָרק איז ניטאָ וואו צו שפּילן. מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין שיקאַגאָ. יעדער פון די אַרטיסטן האָט געדאַרפט באַצאָלן זיינע אייגענע רייזע־קאָסטן, ווייל איך האָב ניט געהאַט גענוג געלד אויסצולעגן פאַר אַלעמען.

עטלעכע טעג שפּעטער זענען מיר אַלע אָפּגעפאָרן קיין שיקאַגאָ.

מיר זענען געווען אַלע צוזאַמען, די גאַנצע אָריגינעלע טרופּע, וועלכע האָט געגעבן די ערשטע אידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען אין ניו־יאָרק. מיר זענען אַלע פאַרפאָרן אין אַ ביליגן האָטעל אין דעם אידישן קוואַרטאַל. אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז דאָס געווען דער סטענדאַרד האָטעל, אויף האַלסטעד סטריט. די ברידער גאָלובאָק האָבן געהאַט אַן אַדרעס פון אַ געוויסן היימי רובינשטיין, אַ אידישער כלל־טוער, אַ פּאָליטישן, אַן אָנגע־זעענער מענטש אין דער אידישער גאַס. זיי האָבן אָפּגעזוכט אָט דעם היימי רובינשטיין. זיי האָבן געטראָפן אַ גאַנצע משפּחה, אַ מאַמע, אַן אלמנה, מיט פיר זין, אַלע גבורים, און צוויי שעהנע פאַרהייראַטע טעכטער. איינער פון די זין איז נאָך געווען אַ בחור. אויך האָט די פאַמיליע געהאַט צוויי מיידלעך, איינע פון וועלכע איז געווען זעהר אַ שעהנע. די רובינשטיינס האָבן אויפגענומען זייערע צוויי געסט מיט אַ וואַרימער גאַסט־פריינדלעכקייט.

היימי, דער פּאָליטישען, דער עלטסטער זון פון דער פאַמיליע, האָט זיך גאָר דערפרייט, דערהערנדיג אַז מען גייט שפּילן אידיש טעאַטער אין שיקאַגאָ. ער האָט דערציילט, אַז אין די יונגע יאָרן האָט ער אַליין געשטרעבט צו ווערן אַן אַקטיאָר. איצט האָט ער געהאַלטן אַ ביר־סאַלון, און אַט דאָס געשעפט האָט אין אַמעריקע, ווי באַקאַנט, אַ נאָענטע שייכות צו פּאָליטיקס. אַ פּלאַץ וואו מען טרינקט משקה, איז אַ צענטער פאַר זאַמלען שטימען, אַ פּאָליטישער קלוב, און דורך דעם האָט דער סאַלון־קיפּער פאַרבינדונגען מיט די פּאָליטישענס פון דער אָדער יענער פּאַרטיי.

היימי רובינשטיין איז געווען אַ שעהנער יונג: שוואַרצע האָר, שוואַרצע אויגן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ שפּאַניער. ער איז געווען אַ ליבער, האַרציגער מענטש. די גאַלובאָקס האָבן מיך פאַרגעשטעלט פאַר אים און פאַר דער גאַנצער פאַמיליע. מיר האָבן זיך אַלע שטאַרק באַפריינדעט. דאָס שעהנע טעכטערל, איוואַ האָט זי געהייסן, האָט פון מיר קיין אויג ניט אַראָפּגענומען. דעם אמת זאָגנדיג, איז זי מיר באַלד געפעלן געוואָרן. איך האָב ביי זיך אין האַרצן געטראַכט: איוואַ וועט שוין אויך צוקומען צו מיין בינטל ליבעס.

עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך אַרויסגעטופּט פון האָטעל און אַריינגעטופּט צו דער אַלטער מרס. רובינשטיין, וועלכע האָט מיר אָפּגעגעבן איר פּאַרלאָר און אַ קליינע בעד־רום. מאַדאַם רובינשטיין האָט געקאָכט אמת־אידישע מאכלים און איוואַ איז געווען צו מיר זעהר פריינדלעך.

היימי רובינשטיין האָט פאַר אונז אויסגעזוכט אַ פּלאַץ, וואו מיר זאָלן קענען שפּילן טעאַטער, דאָס איז געווען דער טורן־האָל, אויף 12טע סטריט. דעם האָל האָבן מיר גענומען אויף בלויז צוויי מאָל אַ וואָך — פרייטאָג און שבת.

אידן פון שיקאַגאָ האָבן זיך זעהר דערפרייט, ווען זיי האָבן דערזען דעם פּאָסטער, דורך וועלכן עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז מיר גייען שפּילן אידיש טעאַטער. אידן, ווייבער, מיידלעך, בחורים האָבן יעדן טאָג באַלאַגערט דעם טורן־האָל צו קויפן בילעטן פאַר אונזערע פאָרשטעלונגען. ביים האָל זענען שטענדיג געשטאַנען גרויסע רעדלעך מענטשן צו כאַפּן אַ קוק אויף די אידישע „עקטערס“.

מיר האָבן אָנגעהויבן מאַכן פּראָבן מיטן כאָר, וועלכן מיר האָבן צוזאַמענגעשטעלט. איוואַ פלעגט מיטגיין יעדן טאָג מיט מיר צו פּראָבע. מיר די שוישפּילער, זענען געווען גליקלעכע און צופרידענע פון דער וואַרעמער אויפנאַמע, וואָס מיר האָבן באַקומען פון די רובינשטיינס. דער גרויסער

געלויף נאָך טיקעטס האָט דערפרייט אונזערע אַלעמענס הערצער. יעדן טאָג זענען צוגעקומען נייע באַקאַנטע.

צווישן אונזערע נייע פריינד האָט זיך געפונען אַ געוויסער דאָקטאָר קאַדישזאָהן. ער פלעגט יעדן טאָג פאַרספּענדן אַ סך געלט אויף אונז, איי־בערהויפּט ביי היימי רובינשטיינ׳ען אין סאַלון. דער דאָקטאָר האָט ליב געהאַט צו טרינקען, אָבער אַלץ הייסט טרינקען! ווען ער פלעגט זיך אָפּ־פאַרטיגן מיט זיינע פּאַציענטן, פלעגט ער קומען צו אונז און פאַרברענגען ביז שפּעט אין דער נאַכט. אָפט פלעגט מען אים דאַרפן אַהיימפירן; אַזוי פאַרשנאָשקעט איז ער געווען. אָבער ער איז געווען אַ ליבער, האַרציגער, אינטעליגענטער מענטש. ער האָט אונז, אַרטיסטן, אַ סך, אַ סך אַרויסגע־האָלפן. שטענדיג, ווען מיר האָבן זיך גענויטיגט אין הילף, איז ער געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך מיט אונז אינטערעסירט. ביי די פאָרשטעלונ־גען האָט ער געהאַלטן אַ שעהנע רעדע וועגן דעם אידישן טעאַטער, אַפּעלירנדיג צו די אידישע מאַסן, אַז עס איז זייער הייליגע פליכט דעם טעאַטער צו שטיצן. ער האָט אַפּעלירט צום עולם, אַז ער זאָל זען, אַז די גאַנצע טרופּע זאָל בלייבן אויף שטענדיג אין שיקאַגאָ. ער האָט אַפּעלירט, אַז אידן זאָלן בויען אַן אייגענעם אידישן טעאַטער אין שיקאַגאָ. דער עולם האָט דעם דאָקטאָר שטאַרק אַפּלאָדירט, אָבער וועגן בויען אַ טעאַטער, האָט זיך קיינער ניט אָפּגערופן.

צו דער ערשטער פאָרשטעלונג האָבן מיר געשטעלט „עלילת־דם״, מיינע אַן אייגענע דראַמע מיט מוזיק. זי האָט געהאַט ערפאָלג. די פאַמיליע רובינ־שטיין איז געווען די גליקלעכסטע פון גאַנצן פּובליקום, איבערהויפּט איוואַ, ווען זי האָט געזען דעם כבוד, וואָס מען האָט מיר צוגעטיילט. היימי רובינ־שטיין איז גאָר געווען אין זיבעטן הימל. ווען מיר זענען אַהיימגעקומען, האָט מאַדאַם רובינשטיין דערלאַנגט צום טיש געפילטע פיש און אַנדערע שבת׳דיגע מאכלים. די גאַנצע קאָמפּאַני איז איינגעלאַדן געוואָרן צו זיי. היימי רובינשטיין האָט געהאַלטן אין איין דערלאַנגען פלעשלעך שנאַפּס און ביר. עס איז געווען אַ פריילעכער פרייטאָג־צו־נאַכטס. היימי האָט געשריגן, אַז ער וועט זיין דער ערשטער, וואָס וועט אויפבויען אַ אידיש טעאַטער. דאָקטאָר קאַדישזאָהן, וועלכער איז געווען מיט אונז צוזאַמען ביי דער שמחה, האָט פיל מיטגעהאָלפן צו דער פריילעכקייט. איך האָב געזונגען לידער פון אידישע פּיעסן. די פענסטער זענען געווען אָפן, און גאַנץ קאַנאַל סטריט

(דאָרט האָט די פאַמיליע רובינשטיין געוואוינט) איז געשטאַנען דרויסן און אונז אָפּגעדירט.

די ערשטע פאָרשטעלונג אין שיקאַגאָ איז, ווי געזאָגט, געווען אַ גרויסער ערפאָלג. מיר האָבן גענומען שיקאַגאָ מיט שטורם. קיין אידישע צייטונג איז אין שיקאַגאָ דאַמאָלט נאָך ניט געווען, אָבער איינגע ענגלישע צייטונגען האָבן געלויבט אונזער שפּילן און אויך די פּיעסע. זיי האָבן באַדויערט, וואָס אַזוינע אַרטיסטן דאַרפן שפּילן אין אַ האָל, ערגעץ אויף דער צוועלפטער סטריט. איוואַ האָט מיר אויף מאָרגן געבראַכט די ענגלישע צייטונגען און איבערגעלעזן, וואָס מען שרייבט וועגן מיר און וועגן דער גאַנצער טרופּע. עטלעכע מאָל האָט זי איבערגעלעזן די רעצענזיעס וועגן אונזער פאָרשטעלונג. זי האָט דערביי אַרויסגעוויזן טיפע צופרידנהייט. פון גרויס פרייד האָט זיך מיך אַרומגענומען און מיר אַ קוש געטאָן און איז באַלד אַ פאַרשעמטע אַרויסגעלאָפן פון מיין צימער.

מיט דער צייט האָט לעאָן גאָלובאָק זיך פאַרליבט אין איוואַ'ס עלטערער שוועסטער, און עס איז געפּראַוועט געוואָרן אַ זעהר פריילעכע חתונה. די חתונה איז פאָרגעקומען טאַקע אין דעמזעלבן האָל, אויף דער צוועלפטער סטריט, וואו מיר האָבן געשפּילט. די נאַכט פון דער חתונה האָט איוואַ מיך אויף קיין איין מינוט ניט אָפּגעלאָזט. איוואַ'ס מאַמע, אַ זעהר פיינע, ליבלעכע און קלוגע פרוי, האָט אָנגעקוואָלן פון איר צוקונפטיגן איידעם. זי איז אויך געווען העכסט צופרידן פון דעם, וואָס איוואַ חבר'ט זיך מיט מיר. ווען איך בין מיט איוואַ'ן צו איר צוגעקומען און איר געוואונשן מזל טוב, האָט זי אונז ביידן אַרומגענומען און מיט איינגעהאַלטענע טרערן געזאָגט:

— אם ירצה השם ביי אייך ביידן אין גיכן!

זי האָט דערביי געצוואונגען מיך און איוואַ'ן, אַז מיר זאָלן זיך צוקושן. מיר האָבן איר צוליב געטאָן. די גליקלעכע מאַמע, די מחותנת'טע, איז אַרומגעלאָפן צווישן אַלע מחותנים און געסט און אָנגעוויזן אויף מיר, זאָגנדיג דערביי:

— טאָמאַשעווסקי וועט, אם ירצה השם, זיין מיין צווייטער איידעם.

מיר האָבן געשפּילט אין שיקאַגאָ מיט גרויס ערפאָלג אין דעמזעלבן האָל ביז נאָך די ימים טובים. אַ געווויסן טאָג ערקלערט אונז דער אייגנטימער פון האָל, אַ דייטש, אַז מיר קענען בלויז שפּילן נאָך צוויי וואָכן.

די איבעריגע נעכט איז זיין האָל פאַרדונגען, נאָך פון פריער, פאַר פאַרטיס און חתונות. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, געהאַט גרויסע יסורים פון דעם דייטשעס בשורה. היימי רובינשטיין האָט אונז אָבער געטרייסט, אַז מיר זאָלן זיך גאָרניט זאָרגן. ער וועט שוין פאַר אונז קריגן אַ פּלאַץ וואו צו שפּילן טעאַטער, און ער האָט אָנגעהויבן ארומצולויפן זוכן אַ טעאַטער, אָדער אַ האָל. יעדן אָוונט האָט ער מיך געטרייסט:

— זאָרג ניט טאָמאַשעווסקי! לאָז דאָס איבער צו מיר!

היימי האָט מיך געטרייסט, און איך האָב מיין קאָמפּאַני געטרייסט. איוואַ פלעגט מיר צוגעבן קוראַזש.

— דו פאַרלאָז זיך נאָר אויף מיין ברודער היימי.

די צוויי וואָכן זענען אריבערגעלאָפן און היימי האָט קיין טעאַטער ניט געפונען. מיר דרייען זיך שוין ארום אייניגע וואָכן, און מיר האָבן ניט וואו צו שפּילן. דאָקטאָר קאַדישזאָהן טרייסט אונז. ער העלפט פינאַנ־ציעל מאַנכע פון די אַרטיסטן, וועלכע האָבן ניט געקענט אָפּשפּאָרן פון זייערע פאַרדינסטן, און האָבן זיך דעריבער געגעניטיגט אין הילף. איך האָב זיך באַקאַנט מיט אַ געוויסן טאָמסקי. פאַנאַנדערערנדיג זיך מיט אים, האָב איך אויסגעפונען, אַז ער איז מיינער אַ קרוב. טאָמסקי האָט געהאַט אַ באָטאָן־האָל פעקטאָרי, און איז געווען אַ רייכער איד.

לעאָן גאָלובאָק זאָרגט זיך ווענינער פון אַלעמען. ער האָט אריינגעכאַפּט אַ יונגע ווייבל און ער איז גליקלעך. ער וואוינט ביי דער שוויגער אין דער נעקסטער בעד־רום פון מיינער. פאַר באָארד דאַרף ער ניט צאָלן, און דער גוטער, ליבער, היימי שטופּט אים אונטער אַ פּאָר דאָלער; די שוויגער האָט אויך אַ קניפּל און זי זשאַלעוועט אויך ניט קיין פּאָר דאָלער.

אַ געווויסן טאָג קומט היימי רובינשטיין און זאָגט אונז אָן די גוטע בשורה, אַז ער האָט געפונען פאַר אונז אַ האָל, וואו מיר קענען שפּילן, אָבער בלויז איין מאָל אַ וואָך, יעדן פרייטאָג־צו־נאַכט. מיר האָבן זיך מיט דער בשורה ניט אַזוי שטאַרק דערפרייט. אַ האָל . . . און דאָס בלויז איין מאָל אַ וואָך! שווער צו מאַכן אַ לעבן. אָבער וואָס קען מען טאָן? זאָל דער־וויי ל זיין איין מאָל אַ וואָך! אפשר וועלן מיר שפּעטער דאָך קריגן אַ טעאַטער אָדער אַ האָל, וואו מיר זאָלן קאָנען געבן יעדן אָוונט אַ פאַרשטעלונג.

דאָס איז געווען „דעקאָווען סטריט האָל״. אין יענער צייט איז דעקאָ־ווען סטריט געווען אַ פינטער געסל, מיט הילצערנע הייזלעך. בכלל איז שיקאַגאָ דאַן באַשטאַנען פון הילצערנע הייזער. (מיטן אויסנאַם פון דעם

ביזנעס־צענטער האָט זי אויסגעזען ווי א ריזיגער דאָרף). דער האָל איז אויך געווען א הילצערנע געביידע. די בינע איז געווען א קליינטשיקע. דער האָל איז איינגנטלעך געווען א ביליגער טאַנץ־זאַל, וואו מען האָט געקענט בלויז אויסשטעלן פיר הונדערט שטולן.

מיר האָבן, אלזאָ, אָנגעהויבן דאָרטן צו געבן יעדן פרייטאָג א פאָר־שטעלונג. מיר האָבן ווידער געהאַט אַן אומגעהוירן ערפאָלג, אָבער די איינגאַמע פון דעם איינעם אָוונט איז ניט געווען גענוג פאַר אַלע שוישפּילער צו מאַכן א לעבן. מיינע קאָלעגן האָבן זיך געמוטשעט און פּראָטעסטירט. איך האָב זיי געהאָלפן מיט וויפל איך האָב געקענט, אָבער מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס פאַר א הילף האָב איך זיי געקענט געבן! ישראל בארסקי איז אַוועק פון אונז. שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז ער האָט זיך דערשלאָגן צו עפּעס א שטעלע אויף א פאַרם, ערגעץ־וואו נעבן קליוולאַנד. באַיארסקי איז אויך אַוועק. ער איז צוריקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק. ביים געזעגענען זיך מיט מיר, האָט ער מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט קומען צו אונז, ווען מיר וועלן האָבן א שטענדיגן טעאַטער; עס מאַכט ניט אויס, צי אין שיקאַגאָ, צי אין אַן אַנדער שטאָט, אַבי א שטענדיג טעאַטער, וואו מיר זאָלן קאָנען שפּילן יעדע נאַכט.

די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען אין שיקאַגאָ האָב איך זיך דורכ־געשריבן מיט מיין טאַטן. א געווויסן טאָג באַקום איך פון אים א בריוו, און באַלד נאָך דעם א טעלעגראַמע, אין וועלכער ער לאָזט מיר וויסן, אַז ער פאַרהאַנדלט מיט מר. בעטס, דעם באַלעבאָס פון טהאַליאַ טעאַטער אין פילאַ־דעלפיאַ, און אַז מר. בעטס האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך אָנפרעגן וועגן מיר, די טרופּע שוישפּילער, זענען, און ער וועט אים דאַן לאָזן וויסן זיין באַשלוס. די גאַנצע פאַמיליע רובינשטיין, דר. קאַדישזאָהן און א סך פריינד און „פּאַטריאָטען" מיינע, האָבן מיך צוגערעדט, אַז איך זאָל פאַר־בלייבן אין שיקאַגאָ. מער פון אַלעמען האָט זיך ביי מיר געבעטן די אַלטע מרס. רובינשטיין.

— בלייב, מיין קינד, אין שיקאַגאָ. עס וועט דיר, חלילה, דאָ גאָרניט פעלן.

איך האָב גוט פאַרשטאַנען, וואָס די גוטע ליב־האַרציגע פרוי מיינט מיט דעם: דאָס האָט געהייסן, אַז איך וועל עסן קעסט ביי איר, האָבן א דאָלער אין פּאַקעט, ראָמאַנסירן מיט דער שעהנער איוואַ, און דערנאָך חתונה האָבן מיט איר. און אָט פאַר דאָס לעצטע, פאַר דעם חתונה־האָבן, האָב איך זיך

זעהר שטארק געשראָקן. איווא איז געווען אַ שעהן מיידל, אַ קלוג מיידל, אַ מיידל מיט אַלע מעלות, אָבער אויף חתונה האָבן בין איך נאָך געווען צו יונג. אָבער דאָס איז ניט געווען די איינציגע אורזאַך, פאַרוואָס איך האָב זיך געשראָקן פאַר חתונה האָבן: איך האָב געהאַט אַ גוטע לעקציע פון לעאָן גאָלובאָק׳ס הייראַט. גאָלובאָק און זיין ווייבל האָבן זיך גענומען אַרומ־רייסן ווי די קעץ. כמעט יעדן טאָג איז מיר אויסגעקומען צו זיין דער שלום־מאַכער צווישן זיי. אַזוי איז זי געווען אַ גאַנץ וואוילע מיידל, איווא׳ס שוועסטער, אָבער נאָך דער חתונה האָט זי זיך עפּעס געענדערט. איך מיין ניט, חלילה, צום שלעכטן. זי איז געוואָרן בייז און טראַציג, קידער־ווידער. אָפּט פלעג איך אין אַ שפּאַס זאָגן צו דער שעהנער איווא:

— נאָך דער חתונה וועסטו אויך זיין אַזוי ווי דיין שוועסטער.

איווא האָט מיר פאַרזיכערט, אַז זי וועט שטענדיג זיין פיין און גוט און ליבעסווירדיג.

עטלעכע טעג שפּעטער, נאָכדעם ווי איך האָב באַקומען פון מיין טאַטן דעם בריוו און די טעלעגראַמע, האָט מיר מיין רייכער קרוב, טאָמסקי, געגעבן געלט אויף רייזע־קאָסטן פאַר מיר און מיין קאָמפּאַני, און ער, טאָמסקי, איז טאַקע מיט אונז מיטגעפאָרן. געפאָרן זענען מיר צוערשט קיין באַלטימאָר, וואָס געפינט זיך אויפן וועג פון שיקאַגאָ קיין פילאַדעלפיע. פאַרוואָס עפּעס צוערשט אין באַלטימאָר? פאַרוואָס ניט גלייך קיין פילאַ־דעלפיע? איך געדענק ניט, צי איך האָב אַזאַ קשיה געשטעלט, צי ניט. איך געדענק בלויז, אַז אַזוי איז געווען ניט מיין פּלאַן, נאָר טאָמסקי׳ס.

צו דער באַן האָבן אונז באַגלייט די פאַמיליע רובינשטיין, דר. קאַדיש־זאָהן און אַ סך פון אונזערע „פּאַטריאָטן“. דאָס געזעגענען זיך איז געווען אַ האַרציגעס. אונזערע באַגלייטער האָבן שטאַרק באַדויערט, וואָס מיר מוזן אוועקפאָרן פון שיקאַגאָ.

די שעהנע איווא האָט ביים געזעגענען זיך מיט מיר זיך שטאַרק צעוויינט.

פון די זייטיגע ראָמאַנען מיינע אין שיקאַגאָ האָט איווא, נאַטירלעך, ניט געוואוסט. דאָס איז אויך געבליבן אַ סוד פאַר מיינע אַקטיאָרן.

איך האָב, זייענדיג אין שיקאַגאָ, ליב געהאַט אַ שוואַרץ־חנ׳עוודיג מיידע־לע פון אַ יאָר זעכצן, אַ קינד פון פיינע באַלעבאַטישע עלטערן, וועלכע האָבן געהאַלטן אַ סיגאַר־סטאָרקע אין אידישן קוואַרטאַל. מיט דער שוואַרץ־חנ׳עוודיגער מיידעלע האָב איך זיך באַקאַנט טאַקע אין דעם סיגאַר־סטאָר

פון איר פאָטער. איך האָב וועגען איר גע'חלום'ט פונקט ווי איך פלעג חלום'ען פון איוואַ'ן. מיר פלעגן זיך באַגעגענען אייניקע מאָל אַ וואָך. דאָס שוואַרץ-חנ'עוודיגע מיידעלע האָט מיך שטאַרק ליב באַקומען. אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר זיך געשוואוירן ביי דער לבנה און שטערן, ווי די העלדן פון שמ"ר'ס ראָמאַנען, אַז מיר וועלן זיך קיינמאָל ניט שיידן. זאָל דער לעזער אויף מיר ניט פאַריבל האָבן, וואָס איך האָב אַזוי פיל ראָמאַנסירט. פרויען האָבן מיך שטענדיג ליב געהאַט. איך בין געווען אַ צעבאַלעוועטער אינגל, און אַלס צעבאַלעוועטער אינגל, האָב איך זיך געשפּילט מיט פרויען-הערצער.

עס איז געווען נאָך איינע, אַ יונגע ווייבל פון אַ באַרבער. זי האָט געוואָלט אוועקוואַרפן איר מאַן און גיין מיט מיר. זי האָט געפלאַקערט מיט דורשט צו דער בינע. איך האָב מיט איר געמאַכט פּראָבען פון דער מיידל-ראָלע אין „עלילת-דם". זי האָט אַרויסגעוויזן פעיאיגקייטן צו דער בינע. איך האָב אָבער ניט געוואָלט צעשטערן אַ פאַמיליען-לעבן.

עס איז דאָ נאָך איינע, וועלכע איך קען ניט אויסלאָזן פון מיינע ראָמאַנען אין שיקאַגאָ. דאָס איז געווען אַ האָרבאַטע מיידל. זי האָט ניט פאַרפעלט קיין איינע פון מיינע פאָרשטעלונגען אין שיקאַגאָ. טאַקע דורך דעם באַרבערס ווייבל האָב איך זיך מיט איר באַקאַנט. זי איז געווען זעהר אַ שעהנינקע, אָבער, נעבעך, אַ קריפּעל. זי איז געווען די שליח'טע צווישן דעם באַרבערס ווייבל און מיר. זי האָט געטראָגן צעטעלעך פון מיר צו דעם ווייבל, און פון דעם ווייבל צו מיר. אין די צעטעלעך האָבן מיר זיך געלאָזן וויסן, ווען און וואו מיר זאָלן זיך באַגעגענען. דאָס אָרימע מיידל האָט נעבעך איבערגעלעבט אַ טראַגעדיע. זי איז געווען שטאַרק פאַרליבט אין מיר. זי איז מיר נאָכגעלאָפן, מיט זשעדנעקייט געאָטעמט די לופט, וואו איך האָב זיך געפונען. אויס מיטלייד, האָב איך איר אָפטמאָל אַרויס-געוויזן פריינטשאַפט. איך האָב זיך געלאָזן פון איר מיך ליב האָבן.

אָט די אַלע געליבטע מיינע האָבן מיך באַגלייט צום צוג.

ווען דער צוג האָט זיך גענומען רירן, האָב איך אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער. מיט רחמנות-בליקן האָב איך געקוקט אויף איוואַ'ן, וועלכע איז געשטאַנען ווי אַ געליימטע, מיט ביידע הענט אַראָפּגעלאָזט און איהר שעהנע, גרויסע, ליכטיגע אויגן זענען געווען אָנגעפילט מיט טרערן. זי האָט טרויעריג געשאָקלט מיטן קאָפּ, און איך האָב געפיהלט, וואָס זי האָט דאַן געטראַכט: אַ שעהנער חלום געווען . . . איך האָב געזען דאָס שוואַרץ-

חנ'עווידיגע מיידעלע פון סיגאר־סטאר מיט א טיכעלע ביי אירע אויגן, די ליפן אירע האבן זיך באוועגט. זי האט עפעס געזאגט, עפעס מיר נאכ־געשריגן — איז דאס געווען א ברכה, צי א קללה? . . . דאס גערויש פון צוג האט פארטויבט אירע רייד, און אפשר איז טאקע בעסער, וואס איך האב ניט געהערט, וואס זי האט געזאגט. דעם בארבערס ווייבעל האט זיך שטארק ניט גענומען צום הארצן, וואס איך בין אפגעפארן. זי האט געלאכט, ארומגעשטיפט, ארומגעשפרונגען, און צו מיר שעלמיש געוואונקען. די הארבאטע מיידל איז געשטאנען אנגעשפארט אן אן אייזערנעם סלופ, זיך אויסגעצויגן, ווי זי וואלט וועלען איר פעלער פארשטעלן. אירע אויגן האבן מיך דורשטיג געזוכט. זי האט צוגעווארפן לופט־קושן צו מיר.

באלד האבן מיר זיך דערוואוסט, אז מיין קרוב, מר. טאמסקי, פארט מיט אונז מיט ניט סתם אלס באגלייטער, נאר טאקע אלס אונזער מענעדזשער. אין באלטימאר האט ער געהאט א סך באקאנטע, האט ער געגלויבט, אז דארטן וועט ער אונז „פריסטראיען" גיכער ווי אין פילאדעלפיע.

די רייזע פון שיקאגא ביז באלטימאר איז געווען א פרעהלעכע, און פאר דער פרעהלעכקייט האבן מיר געהאט צו פארדאנקען מיין קרוב, טאמסקי'ן, דאס הייסט אונזער מענעדזשער. ער איז געווען א ליבלעכער מענש און אויך א ספארט.

מיר האבן אלע באדויערט וואס לעאן גאלובאק האט מיט אונז ניט געקענט מיטפארן. זיין יונגע ווייבל האט אים ניט געלאזט מיט אונז פארן. אונז האט אויך געפעלט דער ליבער בארסקי און מיר האבן אויך באדויערט וואס באיארסקי האט אונז פארלאזען. טאמסקי האט אונז פארזיכערט, אז ביז מיר וועלן דארפן אנהייבן שפילן אין באלטימאר אונזער ערשטע פארשטעלונג, וועט לעאן גאלובאק זיין מיט אונז. ער וועט אים ברענגען פון שיקאגא, ווען עס זאל אים אפילו דארפן קאסטן ווער ווייס וויפיל.

פארטאג זענען מיר אנגעקומען אין באלטימאר. עס איז נאך געווען פינסטער. מיר זענען אלע געווען טויט־הונגעריק, זענען מיר אריין אין א רעסטאראן און מיר האבן זיך א כאפ געטאן צו דער אכילה. טאמסקי האט באשטעלט עסן פאר זיך און פאר מיר. ער האט מיר אליין צוגעטראגן א טעלער מיט לאטקעס. איך האב פון די לאטקעס הנאה געהאט. נאכן עסן ערקלערט מיר טאמסקי, אז ער האט מיך „אפגע'שמד'ט", אז דאס זענען גארניט קיין לאטקעס, נאר געפרייטע אויסטערס. איך קען גארניט איבער־

געבן ווי שלעכט איך האָב פּלוצלינג גענומען פּיהלן, ווען איך האָב זיך דער־וואוסט וואָס פאַר אַ מאכל איך האָב געגעסן. טאָמסקי און מיינע קאָלעגן האָבן געהאַט אַ סך טראָבל פון מיר. מען האָט געמוזט אָפּזוכן אַ דראָג־סטאָר, פון וואַנען מען האָט געבראַכט פאַרשידענע מיטלען מיך אָפּצוראַטעווען.

מיר זענען אַלע פאַרפאָרן אין אַ אידישן באָרדינג הויז, וואָס טאָמסקי האָט געקענט פון פריער, וואָרום ער איז אין באַלטימאָר ניט געווען קיין גרינער. ער האָט דאָרט געלעבט אַ שטיק צייט און דאָס איז אויך געווען די אורזאַך פאַרוואָס ער האָט אונז געבראַכט קיין באַלטימאָר.

די אייגענטימערין פון באָרדינג־הויז איז געווען אַ געוויסע מרס. פּאָלק. זי האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט טאָמסקי׳ן און מיט דער גאַנצער טרופּע אַקטיאָרן. אַ קליינינקייט, אַ גאַנצע כאַליאַסטרע מיט באָרדערס! אויף אַזאַ גדולה האָט זי זיך גאָרניט געריכט. מיר זענען אַלע געווען פאַרשלאָפן און מיד פון דער גאַנצער רייזע, זענען מיר אַלע געגאַנגען שלאָפן. ווען מיר זענען אויפגעשטאַנען אויסגערוהטע, האָבן מיר גענומען אַ שפּאַציר איבער די גאַסן פון באַלטימאָר. באַלטימאָר איז אַ שעהנע, ריינע שטאָט. אונז איז הויפּטזעכלעך שטאַרק געפעלן געוואָרן וואַשינגטאָן סטריט. קיין באַקאַנטע האָבן מיר דאָרטן ניט געהאַט; זענען מיר געגאַנגען און קיינער האָט אויף אונז אפילו ניט אַ קוק געטאָן. מיר האָבן אויך גענומען אַ שפּאַציר איבערן אידישן געסל, העריסאָן סטריט, וואו עס גייט אָן דער האנדל מיט אַלטע קליידער, אָן אמת אידיש געסל, אָבער אויך דאָרטן האָט אונז קיינער ניט באַמערקט.

ווען מיר זענען געקומען אהיים פון דעם לאַנגן שפּאַציר איז אָנגעקומען אונדזער מענעדזשער, טאָמסקי, און אונז געבראַכט די בשורה, אַז ער האָט שוין געדונגען דעם קאָנקאָרדיא־האָל. טאָמסקי איז געווען גליקלעך, פריילעך. אַ קליינינקייט, קאָנקאָרדיאַ האָל — דער אַריסטאָקראַטישער קלוב פון די באַלטימאָרער דייטשע אידן! דער האָל איזווירקלעך געווען אַ שעהנער. קיין שענערן האָב איך נאָך ביז היינטיגן טאָג ניט באַגעגנט. ער האָט געהאַט מער ווי טויזנט סיטס, אמת׳דיגע טעאַטער־סיטס. דער זאַל איז געווען אין גאָלד איינגעטונקט. די שטולן זענען געווען באַגילדעטע און באַדעקט מיט רויטן סאַמעט. אויפן פלאָר איז געווען אויסגעשפּרייט אַ טייערער קאַרפּעט. די בינע איז אויך געווען זעהר אַ שעהנע און געהאַט טייערע דעקאָראַציעס. גרויסע גילדערנע שאַנדעליערס האָבן באַלויכטן דעם שיינעם זאַל. די דרעסינג־רומס זענען געווען גרויסע, לופטיגע און שעהן אויס־

מעבלירט. דער אַריינגאַנג צום טעאַטער איז גאָר געווען גרויסאַרטיג. ברייטע טרעפּן פון ווייסן מאַרמאָר מיט זעקס מאַרמאָרנע זיילן פון ביידע זייטן, ווי ביים ווייסן הויז אין וואַשינגטאָן. אַט אין דעם פּראַכטפולן פּאַלאַץ וועלן מיר שפּילן די ערשטע אידישע פאָרשטעלונג!

מיר זענען אַלע געווען גליקלעך. מיר האָבן זיך געריכט אין באַלטי־מאָר רייך צו ווערן. מיר האָבן אַנאָנסירט, אַז „טאָמאַשעווסקי'ס ערשטע אידישע טעאַטער־קאָמפּאַני" פון ניו יאָרק וועט נעקסטן פרייטאָג שפּילן אידיש טעאַטער און אַז מיר וועלן אויך שפּילן שבת. אַלס די ערשטע פאָר־שטעלונג האָב איך אַנאָנסירט מיין אייגענע מוזיקאַלישע דראַמע „עלילת־דם". די פּיעסע האָב איך איבערגעאַרבעט געשפּילט צו דער ערשטער פאָרשטעלונג. אין דעם שטיק האָב איך דורכגעפירט צווי ראָלען, אַ ווייבל וואָס בענשט ליכט און דעם יונגען מנחם, וועלכער שטייט אויס אַלע צרות, וואָס אַ איד פון די אַלטע צייטן האָט באַדאַרפט אריבערטראָגן. איך האָב מיט די ביידע ראָלען שטאַרק אויסגענומען, דעריבער פלעג איך מיט דער פּיעסע אָנהייבן אין יעדער שטאָט.

איך האָב באַדאַרפט האָבן כאָריסטן. טאָמסקי האָט מיר געבראַכט גאַנץ פיינע יונגע לייט און מיידלעך, וואָס האָבן געקענט זינגען. צווישן זיי זענען געווען איינציגע, וועלכע שפּילן אין מיין לעבנס־געשיכטע אַ גרויסע, גאָר אַ גרויסע, ראָלע, בעט איך דעם לעזער, אַז ער זאָל די נעמען געדענקען. איינער פון די כאָריסטן איז געווען אַ פיינער יונגערמאַן פון קיעוו מיטן נאָמען לואי לעוויצקי. ער האָט מיטגעבראַכט צו דער פּראָבע זיין שעהן חנ'עוודיג ווייבל, קלאַראַ לעוויצקי. ס'איז אויך געווען אַ געוויסער ווייס־זייגער און אַ זעהר שעהנע מיידל. ווייסזייגער איז איצט דעם באַרימטן בראָדוועיער טעאַטער־מענעדזשער שובערט'ס רעכטע האַנט. ער האָט חתונה געהאַט מיט שובערט'ס אַ שוועסטער. ער איז אַ געענדיגטער לאָיער. צו יענער צייט, ווען ער האָט געזונגען אין מיין כאָר, האָט ער שטודירט לאָאַ. די איבעריגע פון די כאָריסטן איז ניט וויכטיג צו דערמאָנען, ווייל זיי שפּילן ניט קיין וויכטיגע ראָלן אין מיין ווייטערדיגן לעבן.

לעוויצקי האָט אויף מיר געמאַכט אַ זעהר גוטן איינדרוק. זינגען האָט ער, אייגענטלעך, ניט געקענט; ער איז אָבער געווען אַ ליבער, אַ פרעהלעכער בחור. זיין ווייבעלע, קלאַראַ, וועלכע האָט געבליט ווי אַ שעהנע בלום, איז מיר אויך שטאַרק געפעלן געוואָרן. דאָס פּאָר־פאָלק לעוויצקי איז געווען פון די ערשטע באַקאַנטע מיינע אין באַלטימאָר, מיט וועלכע איך האָב זיך

גע׳חבר׳ט. קלאַרא איז געווען אַ רוסישע אינטעליגענטקע, אַ רעדעוודיגע, אַ זינגענדיגע. איר מאַן איז געווען אַ סיגאַר־מאַכער. ער איז געווען אַ פּשוט׳ער מענטש. ער האָט, דוכט מיר, ניט געקענט אונטערשרייבן זיין נאָמען, אָבער אַ ליבער בחור, און ער האָט געברענט צו דער בינע. ער האָט געוואָלט אוועקווארפן זיינע סיגארן און זיך איבערגעבן אינגאנצן צו דער בינע, און דאָס איז טאַקע געווען די אורזאַך פאַרוואָס ער האָט אַזוי געקלעפּט צו מיר. קלאַרא לעוויצקי איז געווען פאַרליבט אין שעקספּיר׳ס ווערק. אין אַ צען־סענטיגן טעאַטער, וואָס האָט דאַמאָלט עקזיסטירט אין באַל־טימאָר, האָט זי געזען „האַמלעט", „ראָמעאָ און דזשוליעט", „מאַקבעט" און „שײַלאָק". אין יענעם ביליגן טעאַטערל האָט מען געשפּילט בלויז שעקס־פּיר׳ס ווערק און דאָס בלויז פאַר צען סענט אײַנטריט. קלאַרא איז דאָרטן געווען אַ שטענדיגע באַזוכערין. יעדעס מאָל, ווען קלאַרא האָט גערעדט וועגן טעאַטער, האָט שעקספּיר אין איר געשפּרעך פאַרנומען דעם סאַמע אויבנאָן, און אַזוי ווי איר מאַן האָט געברענט צו דער אידישער בינע, אַזוי איז זי, קלאַרא, נאָך מער געווען פאַרקאָכט אין דעם ענגלישן טעאַטער. זי האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן, אַז זי זאָל שפּילן די ראָלע פון „אָפעליע" אין „האַמלעט", „דזשוליע" אין „ראָמעאָ און דזשוליעט".

— איך וואָלט געווען אַ שעהנע דזשוליעט — האָט קלאַרא זיך געגווי־דערט און דערביי געקוקט אין שפּיגל.

שיער, שיער האָב איך איר ניט צוגעזאָגט, אַז זי וועט שפּילן דזשוליעט און אַז איך וועל שפּילן דעם געליבטן אירן ראָמעאָ . . . איך האָב זיך אָבער צוריקגעהאַלטן און זיך ניט אַרויסגעכאַפּט מיט אַ נאַרישקייט.

דורך גרויסע פּאָוסטערס האָב איך אָנאָנסירט די ערשטע אידישע טעאַטער־פאָרשטעלונג אין באַלטימאָר. איך בין געווען זיכער, אַז די דאָרטיגע אידן וועלן זיך אַ לאָז טאָן אין גרויסע מאַסן און איך האָב זיך געערגערט וואָס דער קאָנקאָרדיאַ האָל וועט זיין צו קליין. די גאַנצע צייט וואָס מיר האָבן געמאַכט פּראָבן האָב איך מיך געפרעגט ביי מיין קרוב, טאָמסקי, צי דער עולם קויפט טיקעטס צו דער ערשטער פאָרשטעלונג. טאָמסקי, (ער האָט איצט אַ גאַראַזש ערגעץ אין ברוקלין) איז געווען אַ גוטער יונג, אָבער, זאָל ער מיר מוחל זיין, אַ גרויסער פאַנטאַזיאָר. ער האָט מיר פאַר־זיכערט, אַז קאָנקאָרדיאַ האָל איז צו קליין; אַזאַ גרויסען ערפאָלג האָט ער ערוואַרטעט. איך האָב טאָמסקי׳ן געגלויבט. ערשטנס, איז ער דאָך מיין

מענעדזשער, אויף זיינע קאָסטן זענען מיר דאָך אַלע געקומען קיין באַלטימאָר, און צוויטנס, איז ער דאָך מיינער אַ קרוב, אַן אייגענער מענש.

דער סוף איז געווען ניט אַזוי ווי טאָמסקי האָט מיר פאַרזיכערט.

עס איז געקומען פרייטאָג אָוונט. איך גיי אַריין אין דער קאַסע, איך גיב אַ קוק אויף די טיקעטס און עס איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן. אַלע טיקעטס ליגן זיך אויסגעגלעט, אויסגעפרעסט, מען האָט זיך אפילו צו זיי נאָך ניט צוגערירט. איך פרעג ביי טאָמסקי'ן — וואָס מיינט דאָס? — פאַרזיכערט ער מיר, איך זאָל זיך ניט ערגערן. אַלע אידן פון באַלטימאָר וועלן היינט קומען אין טעאַטער און אַלע טיקעטס וועלן ווערן צעכאַפּט ווי מצה־וואַסער.

די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט. די באַלטימאָרער אידן זענען ניט גע־קומען. באַלטימאָרער אידן האָבן ליב אידישע שבתים און ימים טובים. זיי האָבן ליב געפילטע פיש, לאָקשן מיט יויך, וואָס מ'דערלאַנגט פרייטאָג צו נאַכטס; זיי האָבן ליב אידיש טעאַטער אויך, נאָר אין קאָנקאָרדיאַ האָל האָבן זיי ניט געוואָלט קומען.

קורץ, מיר האָבן געשפּילט פאַר אַ ליידיג טעאַטער. עס זענען אפשר אינ־גאַנצן געקומען אַ פּאָר מנינים אידן און אידענעס, וועלכע האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך זייערע קינדערלעך. און באַלטימאָרער קינדערלעך, זאָלען געזונט זיין, קענען אָפּגעבן קאָנצערט אויף וויינען. מיר האָבן זיך געסטאַרעט און געשפּילט גוט, ווי דער טעאַטער וואָלט געווען איבערגעפּאַקט, אָבער די קינדערלעך פלעגן אונז פון צייט צו צייט שטערן מיט זייער וויינען.

שפּעטער האָבן מיר אויסגעפונען, אַז די אידן אין באַלטימאָר גייען אין קאָנקאָרדיאַ האָל נאָר דאַן, ווען מען שיקט זיי צו פרייע בילעטן.

ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, האָט דער קאָנקאָרדיאַ האָל באַלאַנגט צו די דייטשע אידן, ריכטיגער געזאָגט, צו אַ טשאַריטי־געזעלשאַפט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון זיי. אָט די געזעלשאַפט פלעגט שטיצן די אָרעמע גרינע איינוואַנדערער מיט האַלץ, קוילן און אויך מיט קליינע סומען געלט. די נעמען פון די אָרעמע אימיגראַנטן זענען געווען פאַרשריבן אין די ביכער פון דער טשאַריטי־געזעלשאַפט, האָבן די אָרעמע אידן מורא געהאַט צו קומען אין טעאַטער, טאָמער וועט עמיצער פון די דייטשע אידן זיי דאָרטן זען, וואָרום דאַמאָלט וואָלט עס דאָך געהייסן, אַז זיי קענען זיך פאַרגינען אַזאַ „לוקסוס״ ווי קויפן אַ טעאַטער־טיקעט, און מען קען זיי נאָך אויפהערן צו געבן דאָס ביסל שטיצע.

מיר האָבן געשפילט אין קאָנקאָרדיאַ האָל עטלעכע פאָרשטעלונגען, און אַלע פאָרשטעלונגען זענען געווען ניט קיין ערפאָלג. טאָמסקי האָט נעבעך פאַרלוירן אַ סך געלט, אַ חוץ די רייזע־קאָסטן וואָס ער האָט אויסגעלייגט צו ברענגען די טרופּע פון שיקאַגאָ קיין באַלטימאָר.

צוויי מענטשן האָבן זיך געפונען אין באַלטימאָר וואָס האָבן מיך געטרייסט אין מיין נידערגעשלאָגענער לאַגע. דאָס זענען געווען קלאַראַ לעוויצקי, די פרוי פון מיין כאָריסט, און די שעהנע, קלוגע מיידל, די טאָכטער פון אַ פיינער אידישער פאַמיליע, וועלכע האָט געזונגען אין מיין כאָר און מיט וועלכער איך בין שטאַרק באַפריינדעט געוואָרן. מיט דעם שעהנעם מיידל פלעג איך אָפט אַרומשפּאַצירן. אינגאַנצן האָב איך געהאַט פיר פריינט אין באַלטימאָר: לעוויצקי און זיין שעהנע פרוי, דעם סטודענטס־כאָריסט וויסזינגער און דאָס שעהנע מיידל. אין זייער געזעלשאַפט האָב איך זיך ניט געלאַנגווייליגט.

ענדלעך האָבן מיר אַרויסגעמופט פון קאָנקאָרדיאַ האָל. מיר האָבן אָפּגעזוכט אַ טעאַטערל; איינגנטלעך ניט קיין טעאַטער, נאָר אַ האָל, אָבער שוין ניט אַזאַ וואַזשנער ווי קאָנקאָרדיאַ. אין דעם האָל האָט מען געדאַרפט אַרויפגיין אויף טרעפּ, אפשר דריי שטאָק. דאָס איז געווען דער טורן־האָל אויף באַלטימאָר סטריט. אַ קליינער זאַל מיט אומגעפעהר זעקס הונדערט פּלעצער, אַ שמוציגער, אַן אָפּגעלאָזענער, די ווענט אָפּגעריסן. ס'איז געווען פינסטער און קאַלט.

און אָט אין דעם אָרעמען, אָפּגעלאָזענעם פּלאַץ האָבן מיר גראָד געמאַכט גלענצנדע געשעפטן! ביי יעדער פאָרשטעלונג זענען די טיקעטס געווען פולשטענדיג אויספאַרקויפט. באַלטימאָרער אידן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין אידישן טעאַטער. פיל פון די אידישע ביזנעסלייט פון הערריסאָן סטריט זענען געוואָרן פּאַטריאָטן און ראַט־געבער. באַלטימאָרער ווייבלעך און מיידלעך האָבן מיר גענומען שיקן מתנות; סיגאַרן, סיגאַרעטן, פאַרשידענע קלייניגקייט. פילע פון זיי האָבן מיר די מתנות אַליין געבראַכט. מיין היים און אויך אין טורן האָל האָט געשווירבלט און געגריבלט מיט געסט, וועלכע זענען געקומען מיך באַגריסן און זיך באַקענען מיט מיר. דאָס רוב פון מיינע „פּאַטריאָטן“ זענען געווען פון שעהנעם געשלעכט, אָבער דאָס שעהנע מיידעלע, וועלכע איך האָב שוין פריער דערמאָנט, האָט אַלע מיינע פּאַטריאָטקעס פאַרטונקלט מיט איר אינטעליגענץ און שעהנקייט.

איך געדענק, אַז אַ ווייבל מיט אַ קרומען פוס איז גאָר שטאַרק געווען

פארקאכט אין מיין שפילן. זי האט מיך גארניט אפגעלאזט. גאנץ פרי, ווען איך בין נאך געשלאפן, האט מען זי געטראפן זיצנדיג אויף די טרעפלעך פון מיין קווארטיר, א פארשלאפענע, ווארטנדיג אויף מיר. דער מאן איהרער, וועלכער איז געווען א איד א בן תורה, האט אין שפאס מיר אמאל געזאגט:

— איר ווייסט, טאמאשעווסקי, איך האב שטארק מורא, אז ווען מיין ווייבל זאל האבן צוויי גלייכע פיס, וואלט זי מיט אייך אנטלאפן.

איך בין נאך געווען דאמאלט א זעהר יונגער בחור און די פרוי האט שוין געהאט קינדער, וואס זענען געווען אין מיין עלטער.

די געשעפטן אין טורן האל זענען געגאנגען אלץ בעסער און בעסער. מיר האבן זיך געפיהלט שטאלץ און יום־טוב׳דיג. יעדער פון מיינע קאלעגן שוישפילער האט זיך אפגעזוכט זיין ווינקעלע, וואו צו פארברענגען די פרייע צייט. געשפילט האבן מיר בלויז א צוויי־דריי מאל א וואך; זענען געבליבן גענוג פרייע אוונטן. מיר האבן אויסגעצאלט טאמסקי׳ן דאס געלט, וואס מיר זענען אים שולדיג געווען, און ער איז אוועקגעפארן צוריק קיין שיקאגא.

א געוויסן פארטאג, עס איז נאך געווען טונקל, הער איך ווי עמיצער גראבלט אין מיין טיר. איך האב זיך אויפגעכאפט און די טיר געעפנט. ווי ערשטוינט בין איך געווען דערזעהענדיג דאס שעהנע מיידעלע.

— איך מוז מיט אייך רעדן, מיסטער טאמאשעווסקי — זאגט זי צו מיר גאנץ שטיל.

פארשטייט זיך, אלס קאוואליער, אלס דזשענטעלמען, וועל איך דאך ניט לאזן, אז אזא שעהן מיידעלע זאל שטיין אין דרויסן, איבערהויפט אזוי פרי, במעט נאך פינסטער. האב איך איר אריינגענומען אין מיין רום. מיין אונ־ערוווארטעטער גאסט, דאס שעהנע מיידעלע, האט מיר דערציילט, אז זי איז שטארק פארליבט אין מיר, זי קען ניט שלאפן, קען ניט עסן, זי האט פאר־לוירן דעם אינטערעס צו אלץ. זי האט זעהר ליב געהאט אירע פיאנא־לעסאנס, איצט אבער האט זי נישט קיין געדולד צו זיצן אפילו פינף מינוט ביי דער פיאנא: זי האט ליב געהאט צו לעזן ביכער, איצט אבער קען זי קיין בוך אין דער האנט אריין ניט נעמען; די בוכשטאבן טאנצן איר פאר די אויגן. זי האט ליב געהאט דעם ענגלישן טעאטער, אבער איצט עקזיסטירט בלויז פאר איר איין טעאטער אין דער גאנצער וועלט — דאס אידישע טעאטער, מיין טעאטער. איבערהויפט האט זי ליב דעם דירעקטאר פון דעם אידישן טעאטער, מיך, הייסט עס. און זי שווערט מיר ביי כל׳ערליי שבועות, אז זי האט מיך ליב, זי קען אהן מיר ניט לעבן און וועט אהן מיר ניט לעבן.

זי דערציילט מיר, אַז זי האָט זיך שוין לאַנג געקליבן מיר דאָס אַלץ צו זאָגן; נאָר יעדעס מאָל ווען זי איז געקומען צו מיר מיט דעם צוועק, פלעגט זי טרעפן מיידלעך, ווייבלעך, באַיס, האָט זי זיך דאָס איצט ארויסגעכאַפּט פון איהר הויז, ווי אַ גנב, און איז געקומען פאַר מיר איר האַרץ עפענען.

— איך בין געקומען צו אייך, ווייסנדיג, אַז גאַנץ פרי זענט איר געווים איינער אַליין אין אייער צימער, ווײל איך האָבן די געלעגנהייט מיט אייך צו רעדן.

אַ שעהן, אַ זעהר שעהן מיידעלע איז זי געווען. אַ שעהנער קאָפּ האָר, אַ רונד שעהן פּנים'ל, שעהנע בלויע אויגן, ליפּן ווי קאַרשן; אַ פיגורעלע אַ שלאַנקס, אַ חנ'עוודיגס. ווי קען מען האָבן אַ האַרץ פון אַ רוצח ווער צו טאָן, מיט אַ וואָרט אפילו, אַזא מלאך'ל, וואָס איז אריינגעפלויגן פלוצים צו דיר אין אַ פינסטערן פאַרטאָג . . . מיין שעהן מיידעלע האָט געלאַכט און געוויינט, זי האָט זיך אַ געפרייט אַ געשראָקן. געוויינט האָט זי דער־פאַר, ווייל יעדעס מאָל ווען זי קומט צו מיר טרעפט זי מיידלעך, ווייבלעך, און זי קען דאָס ניט אריבערטראָגן. אין טעאַטער איז דאָס זעלבע. הינטער די קוליסן — ווידער דאָס אייגענע, אין מיין דרעסינג־רום טרעפט זי אויך שעהנע מיידלעך, מאַנכע פון זיי קען זי זעהר גוט. זי איז מיט זיי צוזאַ־מען אין סקול געגאַנגען.

— דאָס קרענקט מיך, דאָס מוטשעט מיך, דאָס ווײל איך ניט אריבער־טראָגן — האָט זי זיך פאַר מיר באַקלאָגט — איך וויל אייך האָבן פאַר מיר אַליין, נאָר פאַר מיר אַליין.

זי האָט מיך ארומגעכאַפּט מיט אירע שעהנע הענטלעך און געקושט. ווען עס האָט אָנגעהויבן טאָג צו ווערן, איז זי אַהיימגעלאָפן.

דעם זעלבן נאָכמיטאָג האָב איך געהאַט אַן אַפּוינטמענט מיט לואי לעוויצקי, דער שעהנער קלאַראַ'ס מאַן. ער האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך אויף סאַפּער. ער האָט מיר געזאָגט, אַז זיין פרוי גרייט צו אַ וועטשערע פון לויטער היימישע מאכלים.

ביי די לעוויצקים אין הויז האָב איך געטראָפן נאָך אַ שעהן מיידעלע. ווען דאָס שעהנע מיידעלע האָט מיך דערזען, האָט זי זיך באַהאַלטן אונטער אַ בעט.

11

די אמת'ע ליבע איז דאָ! - די משפחה ווירקט. אַן אייגענע שוועסטער איז אייפערזיכטיג - איך ווער אַ באָרדער ביי בעסי'ס עלטערן - מען וויל איך זאָל ווערן אַ חזן - דער באָרים טאָמאַשעווסקי דראַמאַטישער קלוב אין באַלטימאָר - בעסי הייבט אָן שפּילן טעאַטער - גאַרטענשטיין און ספּיוואַקאָווסקי קומען קאָנקורירן - בעסי פּאָרט מיט מיר.

דאָס מיידעלע, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אונטערן בעט, האָט געהייסן בעסי. זי איז נאָך קיין פופצן יאָר נישט אַלט געווען. זי איז געווען קלאַראַ לעוויצקי'ס אַ שוועסטער. זי האָט וועגן מיר אַ סך געהערט פון איר שוועסטער און שוואָגער און זי האָט מיך אויך געזען אין טעאַטער. דער נאָמען טאָמאַשעווסקי האָט אויף איר אַ ציטער אַרויפגעיאָגט. אַזוי האָט זי מיר שפּעטער אַליין ערקלערט, ווען מען האָט איר אַרויסגענומען פון אונטערן בעט. בשעת זי האָט די ערקלערונג געמאַכט, איז זי געווען שטאַרק פאַרשעמט. איר שוועסטער, קלאַראַ, און איר שוואָגער לואי לעוויצקי האָבן זי פאַר מיר פאָרגעשטעלט:

— באַקענט זיך, מיסטער טאָמאַשעווסקי, דאָס איז מיסס בעסי קאופמאַן.

און מיר האָבן זיך באַקאַנט. באַלד זענען אָנגעקומען בעסי'ס עלטערן. דער פאָטער איז געווען אַ שעהנער היימישער באַלעבאָס, אַ קליינשטעטלדיגער אַריסטאָקראַט, אַ פיינער איד, אַ בן־תורה. אין דער אַלטער היים, אין טאַראַשטשע, קיעווער גובערניע, איז ער אַ פיינער סוחר געווען. ער איז געווען איינער פון די חשוב'ע באַלעבאַטים פון שטעטל. אין דער נייער היים, אין אַמעריקע, האָט ער זיך נאָך באַנוצט מיט די היימישע וויצן און תורה־ווערטלעך. איך האָב זיך גלייך פאַרליבט אין אים. דער אַלטער קאופמאַן האָט מיר אויך גרויס כבוד אָפּגעגעבן. מיר האָבן זעהר פיין פאַרבראַכט יענעם

אָוונט. דאָס אידישע טעאַטער האָט דער אַלטער קאָופמאַן וועניג געקענט, אָבער טעאַטער איז אים ניט געווען פרעמד. אין דער אַלטער היים פלעגט ער גאַנץ אָפט פאָרן קיין קיעוו און דאָרטן פלעגט ער באַזוכן די אָפּערע און יעדעס מאָל ווען עס פלעגט קומען אַ גרופּע שוישפּילער קיין טאַראַשטשע, פלעגט ער זיין איינער פון די ערשטע צו קויפן בילעטן. אַלס סוחר פלעגט ער אָפט פאָרן ניט בלויז קיין קיעוו, נאָר אויך קיין יעליסאַוועטגראַד, כאַרקאָוו און אַנדערע שטעט, און כמעט אומעטום פלעגט ער באַזוכן דאָס טעאַטער. אידיש טעאַטער אָבער האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען. אין מיין געשפּרעך מיט אים, האָב איך אים פאַראינטערעסירט מיטן אידישן טעאַטער און ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז צו דער קומענדער פאָרשטעלונג מיינער, וועט ער קויפן בילעטן פאַר זיין גאַנצער משפחה. זיין פאַמיליע איז באַשטאַנען פון אים, זיין פרוי, בעסי, רייטשעל, ליזא און אַ אינגעלע, מאָטעלע, זעהר אַ שעהן, טייער קינד. מרס. קאָופמאַן, בעסי'ס מאַמע, איז געווען אַ קליין פּאַרדאַרט ווייבעלע, מיט איינגעפאַלענע באַקן, מיט איינגעפאַלענע בריסט, כמעט אָהן ציין אין מויל, אָבער זעהר אַ קלוגע, אַ רעדעוודיגע, אַ ליבלעכע, און לויט די באַנעמונגען אירע — אַ היימישע אידישע אַריסטאָקראַטקע. ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט איר האָט מען גלייך געקענט זען, אַז זי שטאַמט פון אַ פיינער אידישער פאַמיליע. בעסי'ס מאַמע, דאָס קליינינקע ווייבעלע, איז מיט מיר געוואָרן אַ גאַנצער גוטער ברודער. זי האָט פון מיר געפאָדערט, איך זאָל איר זאָגן ווער איך בין, פון וועמען איך שטאַם, האָב איך איר אויסגערעכנט מיין גאַנצן יחוס, אַז מיין זיידע איז געווען חזן ביים טאַלנער רבי'ן און אַז מען רופט אים נאָך היינט דער טאַלנער חזן; אַז דער טאַטע מיינער האָט געהאַט אַ שטעלע ביים אידישן מיליאָנער ישראל בראָדסקי און איז געווען חזן אין בראָדסקי'ס שול, אין קיעוו. אַזוי ווי די קאָופמאַנס זענען אויך געווען פון קיעווער גובערניע, האָט דאָס אַלץ אויף איר אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט.

— דו הערסט, שלמה, — האָט זי זיך געווענדעט צו איר מאַן. — דו הערסט, זיין טאַטע איז געווען חזן ביי ישראל בראָדסקי, זיין זיידע איז דער טאַלנער חזן. און דו ביזט אַ אידישער אַקטיאָר! — האָט זי זיך געווענדעט צו מיר. — איך וועל קומען דיך זעהן שפּילן.

דערנאָך האָט זי געזאָגט צו איר עלטסטער טאָכטער:

—הערסט, קלאַרא, זאָלסט מיך מיטנעמען אין טעאַטער אריין, איך

וויל זען מיסטער טאָמאַשעווסקי'ן שפּילן. ער איז אַ באַלעבאַטיש קינד, דער אַקטיאָרשטשיק.

די קליינע שעהנע בעסי איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ביים פענסטער און געשעמט זיך אירע אויגן צו עפענען, צו קוקן אויף מיר. איך אָבער בין שוין ניט געווען קיין שעמעוודיגער. איך האָב געהאַלטן מיינע אויגן אָפן די גאַנצע צייט און זיי ניט אַרונטערגענומען פון דער שעהנער בעסי. איך וויים נישט פאַרוואָס, איך וויים נישט ווי אַזוי דאָס איז געשען; איך האָב געפיהלט אין יענעם מאָמענט, אַז פון אַלע מיינע ליבעס, פון אַלע מיינע איבערלעבונגען מיט דעם שעהנעם פרויען־געשלעכט, פון אַלע מיינע ראָמאַנען, האָט אָט די קליינע שעהנע בעסי מיין האַרץ געוואונען אויף אַן ערנסטען שטייגער.

קלאַראַ, די באַלעבאָסטע פון הויז, בעסי'ס עלטערע שוועסטער, האָט אויף מיר געקוקט מיט שטרענגע בליקן. זי האָט גלייך באַמערקט, אַז איך בין ניט גלייכגילטיג צו איר שוועסטערל, צו דער יונגיטשקער בעסי.

דורך דער קורצער באַקאַנטשאַפט האָב איך שוין אויסגעפונען דעם יחוס פון דער גאַנצער משפחה. דער אַלטער קאופמאַן, בעסי'ס פאָטער, האַנדלט מיט ברילן און מאַכט אַ שעהנעם לעבן. ער פירט אַ פיין באַלעבאַטיש הויז. די קליינע בעסי האָט געאַרבייט אין אַ שניידער־שאַפ ביי איר שוואָגער לעוויצקי'ס אַ ברודער; איר באָסעס זונדל איז פאַרליבט אין דער שעהנער בעסי און ריכט זיך מיט איר חתונה צו האָבן. איך האָב אויך אויסגעפונען, אַז פריער האָט בעסי געאַרבעט אין אַ פיקל־פעקטאָרי, געאַרבעט און דאָס געלט האָט זי אַוועקגעגעבן טאַטע־מאַמע. בעסי האָט געטראָגן פיינע קליידער, ניט קיין ביליגע. צוויי לאַנגע צעפ זענען אַראָפּגעהאַנגען איבער איר שעהן פאָרמירטער פיגור. די לאַנגע צעפ האָבן בעסי'ן צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן. אין מיינע אויגן איז זי געווען די שענסטע מיידל אין באַלטימאָר. מיינע פריערדיגע ליבעס זענען געווען, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, הפקר־ליבעס; איך האָב די עלטערן פון מיינע געליבטע גוט ניט געקענט. דאָ אָבער זע איך פאַר זיך אַ פיינעם טאַטן פון קיעווער גובערניע, אַ איד אַ בן תורה, אַ ליבענדע מאַמע, אַ קלוגע און פיינע, אַ גאַנצע פאַמיליע, וועלכע האַלט זיך צוזאַמען. עס פיהלט זיך די פריינטשאַפט, די ליבע וואָס עס הערשט אין דער משפחה. דאָס אַלץ האָט אויף מיר געהאַט אַן אומגעהויערע ווירקונג.

איך האָב געהאַט אין האַרצן דעם באַגעהר צו ווערן אַ מיטגליד אין אָט דער פיינער משפחה. איך האָב פרובירט פאַרבינדן אַ געשפּרעך מיט דער

שעהנער בעסי, אָבער איר האָט געפעלט דרייסטקייט. זי האָט עפּעס יאָ אַרויסגערעדט אַ פּאָר ווערטער; אָבער איר האַלטונג דערביי איז געווען אַ קינדערשע, אַ נאַאיווע. זי האָט ניט גערעדט צו מיר אַזוי פריי ווי איך האָב צו איר גערעדט. פאַרשעמט און גערויטלט האָט זיך בעסי'ס שעהנער פּנים, ווען זי האָט מיר געענטפערט אויף געוויסע פראַגן, וועלכע איך האָב איר געשטעלט. ביז האַלבער נאַכט זענען מיר געזעסן און געשמועסט. ביים אַוועקגיין, האָט לעוויצקי מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט ברענגען זיין שעהנע שוועגערין בעסי צו מיר אין טעאַטער. קלאַראַ האָט דערביי באַמערקט מיט שפּאַס:

— בעסי'לע וועט קומען מיט מיר אין טעאַטער אַריין. אין דער ערשטער רייע וועלן מיר אַלע זיצן. זעט איר זאָלט גוט שפּילן יענעם אָוונט.

— איך וועל שפּילן יענעם אָוונט, ווען איר וועט זיין אין טעאַטער, מער פאַר אייך ווי פאַרן עולם. איך וועל שפּילן בלויז פאַר אייך. — האָב איך געענטפערט און דערביי האָב איך געקוקט אויף בעסי'ן, וועלכע איז פאַרשעמט און רויט געוואָרן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך ווידערהאָלט:

— נאָר פאַר אייך וועל איך שפּילן, נאָר פאַר אייך!

דערביי האָב איך מיינע אויגן נישט אַראָפּגענומען פון דער שעהנער, נאַאיווער בעסי.

פאַרן אַוועקגיין האָט בעסי'ס שוועסטער, קלאַראַ, מיר די האַנט געדריקט און דערביי געמורמלט:

— איר האָט מיך היינט געמאַכט דזשעלאַס, מר. טאָמאַשעווסקי.

איך האָב געלאַכט, אַלע האָבן געלאַכט און אַזוי לאַכנדיג האָבן מיר זיך געזעגנט. איך האָב זיך געוואָלט געזעגענען מיט דער שעהנער בעסי אויף אַ ראָמאַנטישן שטייגער, זי צודריקן צו מיין ברוסט, זי גוט אָנקושן, אָבער איך האָב זיך געמוזט באַנוגענען מיט האַלטן בעסי'ס שעהנע הענטל אַ שטיק צייט אין מיין האַנט. דורך מיין האַנט־דרוק האָב איך איר געלאָזט וויסן וואָס עס טוט זיך איצט ביי מיר אין האַרצן.

די גאַנצע נאַכט האָב איך געטראַכט און גע'חלומ'ט פון דער שעהנער רייצנדער בעסי'לע. אויף מאָרגן בין איך דעם גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער. אַלע מיינע געדאַנקען זענען געווען פאַרנומען מיט דער שעהנער בעסי'לע. איך האָב זיך קוים קוים דערוואַרט אויפן אָוונט, ווען

לעוויצקי וועט קומען צו פּראָבע פון כאָר און איך וועל אים קאָנען פרעגן וועגן בעסי׳לען.

אין אָוונט זענען געקומען לעוויצקי און זיין פרוי. זיי האָבן מיר געבראַכט אַ גרוס פון בעסי׳לען. דער גרוס האָט מיך גליקלעך געמאַכט. איך האָב זיך געשעמט ביי זיי פרעגן פאַרוואָס מרס. לעוויצקי האָט נישט מיטגעבראַכט איר שוועסטערל. לעוויצקי דערציילט מיר, האַלב אין שפּאַס, אַז בעסי האַלט אין איין רעדן וועגן מיר דעם גאַנצן טאָג, און דאָס האָט מיך נאָך מער דערפרייט. קלאַראַ האָט אין אַ סאַרקאַסטישן טאָן באַמערקט:

— מיין שוועסטערל איז נאָך אַ יונג קינד, וואָס ווייס זי וואָס זי רעדט דאָרטן! אַ קינד האָט קינדערשע חלומות.

איר מאַן האָט זיך אַריינגעמישט:

— בעסי איז שוין גאָר קיין קינד ניט. האָט זי דאָך געפירט אַ ליבע מיט מיין ברודערס בחור׳ל.

און ווענדענדיג זיך צו מיר, האָט ער צוגעגעבן:

— מיסטער טאָמאַשעווסקי, בעסי׳לע איז אָלרייט. איך זאָג עס אייך, און איך ווייס וואָס איך זאָג.

קלאַראַ האָט בייז געוואָונקען צום מאַן. לעוויצקי האָט זיך געבייזערט אויף זיין שעהן ווייבעל.

— ווינק ניט צו מיר! איך האָב פיינט קונצן, וואָס ביי מיר איז אויפן לונג, איז באַלד אויפן צונג.

אין אַ ווײַלע אַרום ווענדעט ער זיך ווידער צו מיר:

— טאָמאַשעווסקי, בעסי׳לע האָט מיך היינט געבעטן, איך זאָל זי מיט־נעמען צו אייך, און איך וועל זי טאַקע ברענגען און, לאָמיר אייך זאָגן: זי האָט טאַלאַנט צו דער בינע. זי קען שעהן זינגען און זי מאַכט נאָך אייך און אַנדערע אַקטיאָרן. איך זאָג אייך, עס איז וועדט אויף בילעטן צו גיין. בעסי איז אַ רעגעלע עקטערקע. איך וועל זי ברענגען צו אייך צו דער נעקסטער פּראָבע. מען קען גאָרניט וויסן, בעסי׳לע קען נאָך אַמאָל זיין אַ גרויסע עקטערקע.

קלאַראַ מישט זיך אַריין.

— איך קען דאָך אויך זינגען, און שעהן זינגען. איך האָב נאָך אין קיעוו געזונגען רוסישע און מאַלאָ־רוסישע לידער, און יעדעס מאָל ווען איך האָב געזונגען, זענען די שכנים צו אונזער פענסטער צוגעלאָפן.

— גיי, נאַרעלע, דו ביזט שוין אַ מאַמע פון צוויי טייערע קינדערלעך —

האָט לעוויצקי זיך אָנגערופן — דיר טאָרן ניט ליגן אין קאָפּ נאַרישקייטן, אָבער בעסי'לע איז נאָך אַ יונג קינד.

קלאַראַ האָט דערויף געענטפערט מיט ביטערקייט:

— בעסי האָט דאָך שוין אויך אַ חתן, זי טאָר ניט חלומ'ען פון נאַרישקייטן.

נאָך דער פּראָבע האָב איך לעוויצקי'ן איינגערוימט אין אויער, אַז איך וויל זעהן בעסי'ן.

— איך בעט אייך, ברענגט זי מאָרגן צו דער פּראָבע.

לעוויצקי האָט מיר דאָס צוגעזאָגט און איך האָב מיט אומגעדולד געוואַרט אויף מאָרגן. איך בין ווידער ניט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט, ווידער געחלומ'ט פון דער קליינער, שעהנער בעסי'לע.

אויף מאָרגן זענען געקומען לעוויצקי מיט זיין פרוי און אויך בעסי. לעוויצקי דערציילט מיר, אַז דער פאָטער האָט בעסי'ן ניט געלאָזן גיין צו פּראָבע.

— אויב טאָמאַשעווסקי וויל זיך זען מיט אונזער בעסי'לען, זאָל ער קומען צו אונז אין הויז אריין — האָט דער פאָטער ערקלערט — און זאָגט טאַקע טאָמאַשעווסקי'ן, אַז איך בעט אים ער זאָל קומען. זאָגט טאָמאַשעווסקי'ן, אַז ער וועט זיין ביי אונז אַ חשוב'ער גאַסט.

לעוויצקי דערציילט מיר, אַז די אַלטע מיסיס קאָופמאַן האָט געזאָגט דאָס זעלבע וואָס איר מאַן. ער דערציילט מיר אויך, אַז ער האָט זיין שווער און שוויגער געגעבן זיין וואָרט, אַז ער וועט בעסי'ן אַליין ברענגען צוריק אַהיים.

איך בין עטלעכע מאָל געווען ביי בעסי'ס עלטערן צוגאַסט. יעדעס מאָל האָבן זיי מיך אויפגענומען ווי אַ ליבן גאַסט. בעסי'ס מאַמע פלעגט מיך מכבד זיין מיט וואַרעניע, וואָס זי האָט צוגעגרייט זומער אויף ווינטער ווי אַ היימישע באַלעבאָסטע פון אוקראַינע. איך האָב געמוזט פאַרזוכן אירע שטרודלען און קיכלעך, וואָס זי האָט געבאַקן. מיט בעסי'ן האָט מען מיך אַליין ניט איבערגעלאָזן אפילו אויף איין מינוט, אפילו ניט אויף אַ רגע. אירע עלטערן זענען שטענדיג פאַרבליבן מיט אונז, און אויב טאַטע־מאַמע זענען ניט געווען, האָבן זיך נעבן אונז געפונען ליזאַ פון איין זייט און רייטשעל פון דער אַנדערער (בעסי'ס צוויי אינגערע שוועסטערלעך) און מאַ־טעלע איז אויך אַרומגעקראָכן צווישן די פיס און גענאַשט פון אַלץ וואָס מען האָט דערלאַנגט צום טיש.

ביי איין וויזיט האט בעסי׳ס פאטער מיר דערלאנגט א מתנה א באקס סיגארן. מיר האבן ביי יענעם וויזיט לאנג גערעדט וועגן דער אלטער היים. מיר זענען דאך געווען לאנדסלייט — פון דער זעלבער גובערניע.

ווען מיר האבן געענדיגט דעם געשפרעך האבן מיר בעסי׳ס עלטערן געוויזן א זעהר שעהן צימער און מיר ערקלערט אז דאס צימער שטייט ביי זיי ליידיג און זיי לאדן מיך איין, איך זאל אריינמופן צו זיי אלס בארדער. זיי האבן מיר פארזיכערט, אז עס וועט מיר חלילה גאר ניט פעלן, איך וועל זיך פיהלן אזוי ווי אן אייגן קינד. איך האב, פארשטייט זיך, צוגע־שטימט און נאך ווי צוגעשטימט! אן בעסי׳ס שעהן פנימ׳ל האב איך דערקענט, אז זי איז זעהר צופרידן פון זייער נייעם בארדער. מיין הארץ איז איצט געווען פול מיט פרייד: איך וועל איצט זיין מיט בעסי׳ן אין איין הויז! איך וועל זי זען ווען איך וועל נאר וועלן!

איך בין געווען גליקלעך, און פון פרייד האב איך ניט געקענט איינשלאפן.

און אט בין איך שוין א בארדער ביי בעסי׳ס עלטערן אין הויז. אירע עלטערן זענען געווען צופרידן; זי, בעסי, איז געווען צופרידן; און איך בין געווען העכסט צופרידן. בלויז איין פערזאן איז געווען ניט צופרידן. דאס איז געווען בעסי׳ס עלטסטע שוועסטער, קלארא, און קלארא האט איר אונ־צופרידנהייט ניט געקענט באהאלטן. זי האט עס ארויסגעוויזן ביי יעדער געלעגנהייט. צו אירע עלטערן פלעגט זי איצט זעלטן קומען. צו בעסי׳לען האט זי זעהר ווייניג גערעדט און אויף מיר איז קלארא געווען שטארק ברוגז. אבער דאס האט ניט געשטערט, אז צווישן מיר און בעסי׳ן זאל די פריינד־שאפט ווערן מיט יעדן טאג אלץ שטארקער און שטארקער.

בעסי איז מער ניט געגאנגען אין שאפ ארבעטן. דעם גאנצן טאג און אין אוונט איז זי געווען אין דער היים. זי האט זיך געהאלטן אין איין פוצן, קאמען און וואשן זיך. געקליידעט איז זי געווען נעט און שעהן. זי האט געבליט ווי א שעהנע בלום. מיט יעדן טאג איז זי געווארן שענער, רייפער. איך האב איצט בעסי׳ן געזען גאנצע טעג. ביז שפעט אין דער נאכט פלעגן מיר זיך דערציילן מעשה׳לעך, אנעקדאטן. מיר זענעןביידע געווען גליקלעך, בעסי׳ס טאטע־מאמע האבן אויך אנגעקוואלן פון אונזער פריינד־שאפט. איר פאטער האט זיין צופרידנהייט ארויסגעוויזן דערמיט וואס ער פלעגט כמעט קיינמאל ניט אהיימקומען, ער זאל מיר ניט ברענגען עפעס א מתנה. בעסי׳ס מאמע האט געגעבן קאנצערט אויף קאכן די בעסטע

אידישע מאכלים. בעסי׳ס צוויי שעהנע שוועסטערלעך, רייטשל און ליזע, האָבן אויך געקלעפּט אַרום מיר.

מיין ליבע צו דער קליינער בעסי האָט מיר אַזוי דעם קאָפּ פּאַרדרייט, אַז איך האָב גענומען פּאַרנאַכלעסיגן מיינע טעאַטער־ביזנעס אין באַלטימאָר.

איך האָב קיין נייע פּיעסען ניט שטודירט און די אַלטע פּיעסען מיינע זענען שוין געווען אָפּגעשפּילטע. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז דער אידישער עולם אין באַלטימאָר האָט אויפגעהערט צו קומען צו מיר.

מיינע קאָלעגן, די שוישפּילער, האָבן געהאַט צו מיר טענות, אַז די קליינע בעסי האָט מיר דעם קאָפּ פּאַרדרייט, און צוליב איר פּאַרנאַכלעסיג איך אונזער טעאַטער.

מיין ליבע צו בעסי׳ן האָט געפירט דערצו, אַז מיין טרופּע איז אַוועקגעפאָרן צוריק קיין שיקאַגאָ און איך בין געבליבן אין באַלטימאָר ביי בעסי׳ן. קיין גרויסער עושר בין איך ניט געווען, קיין קאַפּיטאַל האָב איך פון מיין שפּילן ניט אָפּגעשפּאָרט, האָב איך געוואָלט פאָרן צו מיין טרופּע קיין שיקאַגאָ, אָבער די שעהנע בעסי איז געווען דער שטאַרקער מאַגנעט וואָס האָט מיך צוריקגעהאַלטן. בעסי האָט טאַקע ניט געוואָלט איך זאָל אַוועקפאָרן פון באַלטימאָר, און איר וואָרט איז פאַר מיר געווען טייערער ווי שיקאַגאָ, ווי גאַנץ אַמעריקע. בעסי האָט געוואָלט איך זאָל בלייבן און איך בין געבליבן נעבן איר. געפעלט האָט מיר גאָרניט. אירע עלטערן האָבן מיר געגעבן אַ רום און עסן פון דאָס בעסטע, אפילו שעהנע סוטס האָט מיר בעסי׳ס טאַטע געקויפט און אפילו אַ צילינדער־הוט האָט ער פאַר מיר פּאַרזאָרגט. ווי אַן אייגן קינד האָבן מיך די גוטהאַרציגע מענטשן באַהאַנדלט, ווי אמת׳ע טאַטע־מאַמע, און מיט בעסי׳ס ליבע בין איך געווען גליקלעך.

בעסי׳ס עלטערן האָבן מיך גענומען צורעדן, איך זאָל אַוועקוואַרפן די טעאַטער־ביזנעס. אַזוי ווי איך קען שעהן זינגען און בין אַמאָל געווען אַ משורר, זאָל איך ווערן חזן אין דער רוסישער שול, וואו בעסי׳ס פאָטער איז אַ מעמבער, און בעסי׳ס מאַמע האָט אָנגעהויבן מאָלן פאַנטאַסטישע בילדער; זי וועט זיצן מיט די ווייבער אין שול, בעסי נעבן איר מיט אַ סדור אָדער מחזור און נאָכזאָגן די תפילות, און מיט שטאָלץ וועט זי, בעסי׳ס מאַמע, זאָגן צו אירע חבר׳טעס „אָט איז בעסי׳ס חתן, מיין צוקונפטיגער איידעם. הערט ווי שעהן ער זינגט ביים עמוד“. בעסי׳ס פאָטער האָט אויך געמאָלן

פאַנטאַסטישע בילדער: צוליב מיר וועט מען אים מאַכן פאַר פּרעזידענט פון דער רוסישער שול.

די גוטע מענטשן האָבן גאַרניט געוואַרט אויף מיין ענטפער. זיי זענען אַפּנים געווען זיכער, אַז איך וועל זייער עצה פאָלגן און ווערן אַ חזן. בעסי'ן גופא איז ניט געווען קיין אונטערשיד, צי איך בין אַן אַקטיאָר, צי אַ חזן.

איך האָב אירע עלטערן ערקלערט, אַז זייער טעכטערל, בעסי, וועט ניט זיין קיין חזנ'טע. איך האָב אַנדערע פּלענער וועגן מיין קאַריערע.

בעסי האָט מיין ענטפער אויפגענומען שטיל, רוהיג. זי איז דאָך געווען אַ באַשיידן, צוריקגעהאַלטן מיידל, ווי אַ פרום טעכטערל פון אַ זעהר פרומען אידן.

ניט איך, ניט אירע עלטערן האָבן דאַמאָלסט געהאַט די מינדעסטע אהנונג, אַז זייער טעכטערל, די שטילע בעסי'לע, האָט אַ גרויסן טאַלאַנט צו דער בינע. איך פלעג אָפט גיין מיט איר אין ענגלישן טעאַטער צו מאַטינע־פאָרשטעלונגען. זי פלעגט קיינמאָל ניט אויסדריקן קיין מיינונג וועגן דער אָדער יענער אַקטריסע. איך האָב איבערהויפּט ניט באַמערקט ביי איר, אַז זי טראַכט ערנסט וועגן טעאַטער. איר עלטסטע שוועסטער קלאַראַ איז געווען פּונקט דער היפוך פון בעסי'ן. יענע האָט נאָר גערעדט וועגן טעאַטער, וועגן אַקטיאָרן, אַקטריסעס, וועגן שעקספּיר'ן און זי פלעגט נאָכ־מאַכן פאַרשידענע שוישפּילער ווי זיי פירן דורך זייערע ראָלן. קלאַראַ האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ טאַלאַנט און דער מאַן אירער לעוויצקי, דער כאָריסט, האָט געפּלאַקערט צו דער בינע. ווי די לעזער געדענקען, האָט לעוויצקי ביי אַ פּראָבע מיר דערציילט, אַז בעסי מאַכט נאָך די שוישפּילער, וועלכע זי האָט געזען אין פאַרשידענע ראָלן אין טעאַטער, אַז זי איז אַ רעגעלע עקטערקע. דורך דער צייט וואָס איך בין געווען באַרדער אין איר פאָטער'ס הויז האָב איך דאָס פון איר אָבער ניט געזען.

קלאַראַ איז געווען זעהר ניט צופרידן מיט מיין ליבע צו איר שוועסטערל. זי האָט צוליב דעם מיר אַרויסגעוויזן אַ ברוגז'קייט. זי איז ניט געווען קיין נאַריש ווייבל, קלאַראַ, און זי האָט פאַרשטאַנען אַז צווישן מיר און בעסי וועט קומען צו אַ שידוך.

פון שיקאַגאָ האָב איך דערוויל באַקומען גרוסן, אַז אייניגע פון אונזערע שוישפּילער זענען אַוועק צוריק קיין ניו יאָרק, אַז לעאָן גאָלובאָק, מיין קאָמיקער, איז געוואָרן אַ פּעדלער. ער פאָרט אַרום איבער די גאַסן מיט אַ

וואָגן פאַטייטאָס און שרייט אויף די העכסטע טענער: „פּאַטייטאָס! פּאָטייטאָס!"; אַז מיראָן גאָלובאָק, דער טראַגיקער, איז געוואָרן אַן אינשורענס־אַגענט, אַז באָיאַרסקי אַרבעט נאָך אַלץ אין אַ ליידיס העט סטאָר אויף דיוויזשאָן סטריט, אין ניו יאָרק; אַז דער דראַמאַטישער שוישפּילער ספּעקטאָר און זיין פרוי האַלטן נאָך אַן זייער שווירט־פעקטאָרי. סאַימאָן, דער כאַראַקטער־קאָמיקער און זינגער, אַרבעט ביי סיגאַרן. און איך — איך בין פאַרקאָכט אין בעסי'ן! איך האָב זי שטאַרק ליב. אַלע, אַלע מיינע פריערדיגע געליבטע האָב איך פאַרגעסן. אין מיין האַרץ לעבט בלויז איין איינציגע בעסי.

אָבער מיט ליבע אַליין קען מען דאָך ניט לעבן, האָב איך אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן פרנסה. אַ געוויסן טאָג איז געקומען צו מיר לעוויצקי און מיר פאָרגעלייגט אַ געשעפט ביי וועלכן איך קען מאַכן אַ לעבן, און ניט דאַרפן אַוועקפאָרן פון באַלטימאָר. איך האָב זיך דערפרייט ווי אַ קינד פון דעם געדאַנק, אַז איך וועל בלייבן נעבן בעסי'ן. און אָט איז דאָס געשעפט וואָס לעוויצקי האָט מיר פאָרגעשלאָגן: באַלטימאָר האָט אַ סך אינטעליגענטע יונגעלייט און מיידלעך און ווייבלעך, וואָס ווילן שפּילן טעאַטער. ער אַליין קען אַ סך אַזעלכע, וועט ער זיי צו מיר ברענגען און מיר וועלן גרינדן אַ טעאַטער־קלוב. איך וועל זיי לערנען שפּילן און זיי וועלן מיר דערפאַר גוט באַצאָלן. איך וועל, אַלזאָ, מאַכן אַ שעהן לעבן. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ געפונענער גליק. איך האָב געגרינדעט אין באַלטימאָר אַ טאָמאַשעווסקי־טעאַטער־קלוב.

אַ געוויסן אָוונט האָט לואי לעוויצקי צו מיר געבראַכט אַ גאַנצע כאָפּטע יונגעלייט; מיידלעך, ווייבלעך און אפילו עלטערע אידן. מאַנכע פון די עלטערע זענען געווען שול־אידן, צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען אַ פרעזידענט פון אַ שול. לעוויצקי ווענדעט זיך צו מיר:

— די הערען און דאַמען זענען געקומען צו אייך, איר זאָלט זיי אויסלערנען זיין אידישע אַקטיאָרן. מיר ווילן זיך אַלע לערנען שפּילן טעאַטער. איר, מר. טאָמאַשעווסקי, וועט זיין אונזער לערער. און דאָס זענען נאָך ניט אַלע; מיר קענען צוזאַמענשטעלן אַ קלוב פון אַ פאָר הונדערט מעמבערס. יעדער פון אונז וועט צאָלן אַ דאָלער אַ וואָך, און אויב עס וועט נויטיג זיין, וועלן מיר צאָלן מער; איר זאָלט זיך גאָרניט זאָרגן, עס וועט זיין געלט.

אַ געוויסער פּראָזאַנט, וועלכער האָט געהאַט אַ סיגאַר־פאַבריק, אַ גאַנץ אינטעליגענטער יונגערמאַן, האָט געהאַלטן אַ פייערדיגע רעדע וועגן אידיש

טעאַטער. ער האָט ערקלערט ווי נויטיג עס איז פאַר די באַלטימאָרער אידן צו האָבן אַ אידיש טעאַטער און אַז גאָט אַליין האָט געשיקט טאָמאשעווסקי׳ן קיין באַלטימאָר אַזאַ טעאַטער צו שאַפן.

— איך אַליין — רופט אויס פּראָזאַנט — כאָטש איך בין אַ סיגאַר־מאַכער, האָבן אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו שפּילן אידיש טעאַטער, און עס זענען דאָ צווישן אונז פיל וואָס האָבן אַזאַ פאַרלאַנג, און אפשר האָבן מאנכע פון אונז טאַלאַנט אויך; זיי קענען אמאָל אויסוואַקסן פעהיגע שוישפּילער. ווייסן מיר דאָך, אַז קיינער פון די אידישע שוישפּילער האָט ניט געענדיגט קיין דראַמאַטישע שולע און זיך ניט געלערנט זינגען אין אַ קאָנסערוואַטאָריע. מען דאַרף נאָר האָבן אַ געלעגנהייט צו שפּילן, איז אויב עס איז פאַראַן טאַלאַנט, זעט זיך דאָס אַרויס.

און ער האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז יעדער מעמבער זאָל איינצאָלן צען דאָלער אַלס איינטריט־געלט און אַז איך זאָל זיין דער דירעקטאָר פון דעם קלאָב. ער האָט מיר פאַרזיכערט אַז איך דאַרף קיין חרטה ניט האָבן, וואָס איך בין געבליבן איינער אַליין, אָהן מיינע שוישפּילער, אין באַלטימאָר; זיי, די קלוב־מעמבערס, וועלן שוין זאָרגן, אַז מיר זאָל גאָרניט פעלן.

און דעם זעלבן אָוונט איז דער דראַמאַטישער קלוב געגרינדעט געוואָרן. יעדער איינער האָט מיט שמחה אַוועקגעלייגט זיין צענערל, און די וואָס האָבן מיט זיך קיין געלט ניט געהאַט, האָבן די סומע געליען ביי אַ פריינט. איך בין יענעם אָוונט געוואָרן אַ גאַנצער עושר, וואָרום די צענערלעך האָט מען מיר איבערגעגעבן. פּראָזאַנט האָט ביי מיר געפרעגט צי דאַרף איך נאָך געלט, וועט ער אויסלייגן ביז מען וועט אַריינקריגן נייע מעמבערס. איך האָב אים געדאַנקט און ערקלערט, אַז איך דאַרף מער קיין געלט ניט האָבן. דאַן האָב איך געהאַלטן אַ קורצע רעדע, אין וועלכער איך האָב ערקלערט מיינע פּלענער פאַרן קלוב. מיר וועלן פאַרקויפן בענעפיטס צו סאָסייעטיס און מיר וועלן שפּילן יעדן פרייטאָג און שבת. איך וועל מיט די מעמבערס איינשטודירן די ראָלן אַזוי, אַז זיי וועלן זיך ניט דאַרפן שעמען פאַר פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער.

מיר האָבן געדונגען קלוב־רומס און איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט. איך האָב צעטיילט די ראָלן פון אַ פּיעסע צו אַלע מיטגלידער און האָב מיט זיי אָפּגעמאַכט, אַז ווער עס וועט אַרויסווייזן מער פעהיגקייטן, מער טאַלאַנט און וועט זיין מער צוגעפּאַסט צום כאַראַקטער פון דער ראָלע,

דער וועט זי שפּילן ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג. די מיטגלידער האָבן פאַרשטאַנען, אַז איך האָב רעכט און זיי האָבן מיר אַפּלאָדירט.

און דאָ האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן מיינע צרות. אַפּלאָדירן אַ רעדע איז איין זאַך און וועלן שפּילן די ראָלע, וועלכע מען איז פעהיג צו שפּילן, איז אַן אַנדער זאַך. אַלע מיטגלידער האָבן געוואָלט שפּילן צו דער ערשטער פאָרשטעלונג. אַ אידענע מיט אַ קרומען פּוס האָט געוואָלט שפּילן אַלס מיין געליבטע, און אָט די אידענע האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאַנצע אינטע־ליגענטקע. פאַרוואָס? — ווייל זי איז געווען באַלעזן אין שמר'ס ראָמאַנען. אַ איד אַ בוטשער, מיט אַ גראָבן בויך, מיט אַ גראָבן קאַרק און מיט צוויי לאַפּאַצאַנסקע פּיס, האָט דורכאויס געוואָלט שפּילן די ראָלע פון דעם פּרינץ, דעם ליבהאָבער; אַן עלטערע פרוי מיט ווענינ ציין אין מויל, אַ צעקנייטשטע, האָט נאָר געוואָלט שפּילן די פּרינצעסין. בקצור, עס איז געווען זעהר גרויסע צרות.

נאָך פיר וואָכן פּראָבע האָבן מיר די ערשטע פאָרשטעלונג באַשטימט אויף אַ פרייטאָג ביינאַכט. געשטודירט האָבן מיר „ראָטשילד'ס ביאָגראַפיע", אַ דראַמע מיט מוזיק, געשריבן פון מיין טאַטן. דאָ אין באַלטימאָר האָבן די פּראָבן געדויערט פיר וואָכן.

אין דער פּיעסע האָט רייטשעל, בעסי'ס אַ שוועסטערל, געשפּילט אַ קינ־דער־ראָלע. זי האָט געדאַרפט זיצן ביים סדר און פרעגן די פיר קשיות. בעסי'ס עלטסטע שוועסטער, קלאַראַ, האָט אויך אנטייל גענומען אין די פּראָבן. זי האָט געזאָלט שפּילן אַ גאַנץ שעהנע ראָלע, אָבער איר מאַן, לעוויצקי, האָט זיך מיט זיין שעהן ווייבל צעקריגט, ער איז געווען דזשעלאָוס אויף איר און ער האָט זי אינגאַנצן אַרויסגענומען פון קלוב, האָט בעסי גענומען שטודירן קלאַראַ'ס ראָלע.

די קלוב־מעמבערס האָבן אויספאַרקויפט אַלע בילעטן. הונדערטער מענטשן האָבן ניט געקענט אַריינקומען אין דעם קליינעם טורן האָל, וואו מיר האָבן געגעבן די פאָרשטעלונג, און זיי האָבן געמוזט, אַנטוישטע, אַהיימ־גיין. קיין באַלטימאָר איז צו יענער צייט אָנגעקומען פון רוסלאַנד אַ פידל־שפּילער מיטן נאָמען וואָרנאָוויצקי, האָט ער איינגעשטודירט די מוזיק מיט די אַרטיסטן און מיטן כאָר. אַלע מעמבערס פון קלוב האָבן געזונגען אין כאָר.

מיינע אַקטיאָרן האָבן געהאַט גרויס ערפאָלג. בעסי קאַופמאַן האָט גאָרניט שלעכט געשפּילט איר שוועסטער'ס ראָלע, אָבער בעסי'ס קליין

שוועסטערל, רייטשעל, האָט געהאַט דעם גרעסטן ערפאָלג; אַזוי שעהן, אַזוי טאַקטפול און אַזוי נאַטירלעך האָט זי געשפּילט איר קינדער־ראָלע.

נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג האָט אונזער קלוב באַקומען אַ נאָמען אין באַלטימאָר. עס האָבן זיך באַוויזן פיל נייע יונגעליים און פרויען, וועלכע האָבן זיך געבעטן, אַז מען זאָל זיי אַריינעמען אַלס מעמבערס פון קלוב. מאַנכע האָבן אפילו פאָרגעשלאָגן פופציג דאָלער איינטריטס־געלט און אייניגע נאָך מער, אַבי מען זאָל זיי אַריינעמען אַלס מיטגלידער און מאַכן פון זיי אַקטיאָרן.

מיר האָבן געשטעלט עטלעכע פּיעסען און אַלע האָבן פיין אויסגענומען ביים עולם. אויסגעצייכנט האָבן זיך די פאָלגענדע מיטגלידער פון אונזער קלוב: בעסי קאָופמאַן (שפּעטער בעסי טאָמאַשעווסקי), רייטשעל קאָופמאַן, לואי לעוויצקי, פראַזאַנט, מאַדאַם נוסבאַום, פעני דראָזדאָוויץ, אַ מיידל, וואָס האָט געאַרבעט אין אַ שניידער־שאַפּ אַלס פינישערין און אַ ברונעטער יונגער־מאַן, אַ סיגאַרן־מאַכער, וועמעס נאָמען איך האָב שוין פאַרגעסן. ער האָט אַרויסגעוויזן גאָר אַ פיינעם טאַלאַנט. יעדע וואָך האָב איך געביטן די אַקטיאָרן. די מעמבערס פלעגן זיך בייטן מיט זייערע ראָלן.

אַט אַזוי האָב איך מיר געהאַט שעהנע פּרנסה אין באַלטימאָר.

דער ליבער זומער האָט זיך אָנגערוקט. איך האָב מיט מיינע חברה קלובניקעס איינגעשטודירט די אָפּערעטע „יוסף מיט די ברידער", און מיר האָבן דאָס געשפּילט אין דעם גרויסן מאָניומענטל טעאַטער. דאָס טעאַטער איז אינגאַנצן געווען אויספאַרקויפט און הונדערטער מענטשן האָבן געמוזט גיין צוריק, ווייל עס איז מער קיין פּלאַץ ניט געווען. נאָך דער פאָרשטעלונג האָבן די מעמבערס פאַר מיר געמאַכט אַ באַנקעט, און די גאַנצע איינגאַמע פון דער פאָרשטעלונג האָט מען מיר אָוועקגעגעבן. איך בין ווידער געווען אַ גאַנצער עושר. פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געווען צופרידן. בעסי איז געווען גליקלעך און בעסי'ס טאַטע־מאַמע האָבן זיך אויך געפרייט.

מיט אַמאָל האָט זיך אָנגערוקט אויף מיר אַ נייע צרה:

אויף מאָרגן נאָך מיין גרויסן זיג אין מאָניומענטעל טעאַטער, ווען איך האָב זיך נאָך ניט געהאַט רעכט אויסגעשלאָפן, קלאַפּט מען אָן אין מיין

טיר. איך בעט אַריינקומען און עס קומט אַריין אַ שעהנער, עלעגאַנטער דזשענטלמען, מיט אַ ווייסן צילינדער־הוט, מיט אַ העלן פּרינץ־אַלבערט, אין דער האַנט האָט ער געטראָגן אַ שטעקן מיט אַ גאָלדענעם קאָפּ. זיין אויסזען איז געווען ווי פון אַ גרויסן אייראָפּעאישן אַרטיסט. דער גאַסט שטעלט זיך פאָר מיר פאָר און דערלאַנגט מיר דערביי אַ קאַרטל. איך לייען איבער: טעאַטער־דירעקטאָר יאַקאָב גאַרטענשטיין.

איך האָב דעם נאָמען פיל מאָל געהערט פון מיינע קאָלעגן־אַקטיאָרן. די ברידער גאָלובאָק האָבן אַמאָל געשפּילט מיט אים אין בערדיטשעוו, וואו ער איז דאַן געווען דער דירעקטאָר פון דער טרופּע. איך האָב געבעטן דעם גרויסן גאַסט זיצן. גאַרטענשטיין, זאָל ער מיר מוחל זיין (ער איז שוין אויף יענער וועלט), האָט געהאַט איין חסרון: ער האָט גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז איינער פון די בעסטע אידישע אַרטיסטן. ווער מיר קעסלער, ווער מיר פיינמאַן, ווער מיר מאָגו־לעסקאָ, ווער מיר פינקעל? ער מאַכט יעדען פון זיי אַ וואַנע . . . אין ניו יאָרק האָט מען אים געוואָלט אָפּגילטן, ער זאָל בלייבן מיט די דאָרטיגע שוי־שפּילער, אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געשפּילט ביי יענעם, ער איז שטענדיג זיין אייגענער דירעקטאָר. קיין באַלטימאָר איז ער געקומען שפּילן אידיש טעאַטער מיט זיין אייגענער טרופּע וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון אייראָפּע, און ער רעכנט מיר אויס די אַרטיסטן זיינע: ספּיוואַקאָווסקי פון אָדעס; סימאָנאָוו, טעפּליצקי, מענדעלע אַבראַמזאָהן, מיסעס אַבראַמזאָהן, סאָניא סעסקאָוויץ, אַ באַריהמטע אידישע פּרימאַדאָנע, און נאָך, און נאָך. און גע־קומען איז ער צו מיר, ערקלערט ער מיר, ווייל ער האָט געהערט, אַז איך בין אַ פיינער בחור מיט אַ גוט האַרץ, און אויב איך בין טאַקע אַזאַ ווי מען האָט אים וועגן מיר דערציילט, פאַרלאַנגט ער פון מיר איין זאַך — איך זאָל זיך אָפּזוכן אַן אַנדערע שטאָט, און באַלטימאָר זאָל איך איבערלאָזן פאַר אים, פאַר די אמת׳ע אידישע אַרטיסטן; און אויב איך וויל, קען איך זיך אָנשליסן אָן זיין טרופּע.

איך האָב גאַרטענשטיינ׳ען מוחל געווען דעם גרויסן כבוד זיך אָנצו־שליסן אָן זיין קאָמפּאַני און האָב אים ערקלערט, אַז פון מיינעטוועגן קען ער שפּילן טעאַטער אין באַלטימאָר; איך האָב פאַר קאָנקורענץ ניט קיין מורא.

— איך האָב געהערט — זאָגט גאַרטענשטיין, - אַז איר האָט אַ קלוב פון באַהעלפערס.

— ניין, — האָב איך געענטפערט, — איך האָב אַ קלוב פון אַנשטענ־דיגע באַלעבאַטים און באַלעבאַטישע קינדער. די מיטגלידער פון מיין קלוב האָבן געענדיגט דעם זעלבן קאָנסערוואַטאָריום, וואו עס האָבן געלערנט אַלע אייערע אויסגערעכנטע אַרטיסטן.

מיין גאַסט האָט זיך פון מיין באַמערקונג באַליידיגט; ער האָט האַסטיג אַרויפגערוקט אויפן קאָפּ זיין ווייסן צילינדער־הוט און איז אַוועק אַ ברוגז'ער. אפילו די האַנט האָט ער מיר ניט געגעבן. איך האָב זיך דערפון ניט גע־ערגערט. איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט וואָס מיינע קלוב־מיטגלידער וועלן טאָן צו זיין טרופּע; און איך האָב טאַקע קיין טעות ניט געהאַט.

אין דעם אידישן קוואַרטאַל פון באַלטימאָר האָט זיך צעפּלאַקערט אַ טעאַטער־קאַמף. אַ געוויסער מאַן מיטן נאָמען דזשוליוס דאַרף, אַ רייכע־ראַנפּען־הענדלער, איז געווען דער מענעדזשער פון דער נייער גאַרטענשטיין טרופּע. ער האָט אָפּגעדונגען דעם אָראַגאָריע האָל, אויף פּאַיעט סטריט, צוויי בלאָק פון דעם טורן־האָל, וואו איך האָב געשפּילט. ער האָט אַדווער־טייזט אויף אַ גרויסן שטייגער, אַז דער באַרימטער טעאַטער־דירעקטאָר גאַר־טענשטיין פון רוסלאַנד איז געקומען מיט וועלט־באַרימטע אַרטיסטן, וועלכע האָבן געשפּילט אידיש טעאַטער אין גאַנץ אייראָפּע, און אַז זיי וועלן אָנ־פאַנגען שפּילן אידיש טעאַטער אין באַלטימאָר, און אַז די נייע שוישפּילער זענען ניט קיין אַמאַטאָרן, נאָר אמת'ע אַקטיאָרן.

אַט די נייעס איז באַקאַנט געמאַכט געוואָרן דורך פּאָסטערס, הענד־בילס און אויך דורך די צייטונגען.

די ערשטע פּיעסע וואָס גאַרטענשטיין האָט אַנאָנסירט איז געווען „דער בעל תשובה" פון שמ"ר, מיט גאַרטענשטיין און ספּיוואַקאָווסקי אין די הויפּט־ראָלן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף אויף טויט און לעבן. עס האָבן זיך באַלד געגרינדעט צוויי פּאַרטייען, „פּאַטריאָטן". גאַרטענשטיין און ספּיוואַ־קאָווסקי־פּאַטריאָטן און טאָמאַשעווסקי־פּאַטריאָטן. איך האָב זיך געפיהלט שטאַרק, ווייל איך האָב געהאַט הינטער זיך איבער צוויי הונדערט מעמבערס און די מעמבערס האָבן געהאַט מיט זיך זייערע פאַמיליעס און פריינט. איך האָב אַנאָנסירט „עלילת דם". מיינע קלוב־מיטגלידער האָבן פאַרקויפט אַלע טיקעטס צו דער פאָרשטעלונג. ווען עס איז געקומען דער טאָג פון דער

פאָרשטעלונג, איז שוין אין דער קאַסע ניט געווען קיין טיקעטס. גאָרטענ־שטיינ׳ס פאָרשטעלונג איז אויך געווען אינגאַנצן אויספאַרקויפט.

גאָרטענשטיין מיט זיין טרופּע זענען אָבער דורכגעפאַלן. באַלטימאָרער אידן האָבן געשריען: „זע נאָר א אידיש טעאַטער אָהן א לידל, אָן א טענצל מען פאָנפעט דעם גאַנצן אָוונט, פען ביי טאָמאַשעווסקי׳ן זינגט מען, טאַנצט מען; מען זעט שעהנע מיידלעך, שעהנע ווייבלעך; עס שפּילן א סך כלי־זמר, עס איז פריילעך אויפן הארצן“.

איך בין געבליבן דער זיגער.

אויף דער צווייטער פאָרשטעלונג האָט גאָרטענשטיין געגעבן „אוריאל אַקאָסטאַ“. ער האָט געמיינט אז מיט „אוריאל אַקאָסטאַ“ וועט ער מיך גאָר דער׳הרג׳ענען. ער האָט אָבער א גרויסן טעות געהאַט. די פּיעסע „אוריאל אַקאָסטאַ“ האָט אים מיט זיין קאָמפּאַני אינגאַנצן דערשלאָגן.

„אוריאל די קוואַטשקע! — האָבן באַלטימאָרער אידן איבערגעקרימט דעם נאָמען — אויך מיר א פּלעין“ . . .

גאַנץ העריסאָן סטריט איז געגאַנגען כאָדאָראַם מיט „אוריאל די קוואָטשקע“. גאָרטענשטיינ׳ס טעאַטער איז מיט יעדער נאַכט געוואָרן אַלץ ליידיגער און ביי מיר זענען אַלע פאָרשטעלונגען געווען אויספאַרקויפט. מיינע קלוב־מעמבערס האָבן שוין דערפאַר געזאָרגט. זיי זענען געווען באַל־טימאָרער און זיי האָבן געהאַט גרויסע פארבינדונגען אין שטאָט.

עטלעכע וואָכן האָט זיך גאָרטענשטיין מיט זיין טרופּע אָפּגעמוטשעט אין באַלטימאָר און ענדלעך האָט ער, אין א פינסטערע נאַכט, געמוזט זיך אָפּטראָגן. ספּיוואַקאָווסקי איז דאַן געקומען צו מיר, איך זאָל אים העלפן. ער איז אין א נויט, ער האָט ניט מיט וואָס אַוועקצופאָרן פון באַלטימאָר. סימאָנאָוו איז אויך געקומען צו מיר. איך האָב דערזען פאַר מיר א גוט געשעפט. איך קען דאָ צוזאַמענשטעלן א קאָמפּאַני פון געניטע, גוטע אַרטיסטן און אָנהייבן שפּילן טעאַטער אין ניו־יאָרק, און זיך ניט מוטשען אין באַלטימאָר יעדע נאַכט מיט אַמאַטאָרן.

געטראַכט און געטאָן. איך האָב ערקלערט מיינע קלובניקעס, אַז איך מוז זיך אָפּזאָגן פון זיי אַלס דירעקטאָר און מוז אַוועקפאָרן פון באַלטימאָר; זיי קענען נעמען אן אַנדערן, וועלכער זאָל מיט זיי שטודירן און שפּילן טעאַטער. איך האָב זיי צוגעזאָגט, אז איך וועל פון צייט צו צייט קומען צו

זיי אויף באזוך, איך וועל זיי ארויסהעלפן מיט פּיעסען. די מעמבערס פון קלוב זיינען איבערראַשט געוואָרן דערהערנדיג מיין באַשלוס. עס האָט ניט געהאָלפן קיין בעטן, קיין צורעדן. איך האָב זיך מיט אַלעמען פריינדלעך געזעגנט און אַלע האָבן מיך צום באַן באַגלייט. איינע האָבן מיר אויך שעהנע מתנות געבראַכט.

גוד־באַי באַלטימאָר!

פאַרוואָס איך האָב אויפן שטעל ניט אנגאַזשירט ספּיוואַקאָווסקי'ן און די אַנדערע שוישפּילער, קען איך זיך איצט ניט דערמאָנען. אָבער מיר וועט נאָך שפּעטער אויסקומען ריידן וועגן די דאָזיגע שוישפּילער.

בלויז איין פּערזאָן האָב איך פון באַלטימאָר מיטגענומען מיט זיך. דאָס איז געווען די קליינע, שעהנע בעסי קאופמאַן. זי איז מיט מיר געפאָרן אָהן וויסן פון אירע עלטערן. איך בין געפאָרן צו מיינע עלטערן, צו מיין פאַמיליע, וועלכע האָט שוין דאַן געוואוינט צוריק אין ניו יאָרק. איך האָב בעסי'ן געבראַכט צו זיי אין הויז.

12

אַן אייגענע פֿאַמיליע־טרופּע - איך האָב חתונה מיט בעסי'ן - גאַרטענשטיין פֿאַרפֿאָלגט מיך. מאָגולעסקאָ און אַ טרופּע קומען שפּילן צו מיר אין פֿילאַדעלפֿיע - בעסי'ס מאַמע שטערט אַ פֿאָרשטעלונג - שלום מיט שווער און שוויגער. איך שפּיל איבער אַמעריקאַנער פּראָווינץ - מאָגו־לעסקאָ'ס טרופּע נעמט קאָנקורירן מיט מיר.

מיין גאַנצע משפּחה האָט דעם גאַסט אויפֿגענומען מיט גרויס ליבע. מיינע עלטערן האָבן זיך גאָר אַנטציקט פֿון איר. ווען מיר האָבן זיך אויסגערוט פֿון דער רייזע, האָבן מיר אַלע, די גאַנצע פֿאַמיליע, גענומען בעסי'ן אויף אַ שפּאַציר — ווייזן איר ניו יאָרק. אויף דער באַוערי האָבן מיר זיך אַריינ־געכאַפּט אין אַ ביליגע פֿאָטאָגראַפֿיע־סטודיאָ און די גאַנצע משפּחה, צוזאַמען מיט בעסי'ן, האָבן זיך אַראָפּגענומען אויף אַ בלעכענעם בילד. בעסי האָט אַרויסגעשיינט צווישן אַלעמען ווי אַ שעהנע בלום. דער טאַטע מיינער האָט זיך גאָר פֿאַרליבט אין בעסי'ן. איך האָב אים און די גאַנצע פֿאַמיליע איבערגעגעבן אַלע אירע מעלות, און דערציילט וואָס פֿאַר פֿיינע טאַטע־מאַמע זי האָט. מיינע עלטערן זענען געווען העכסט צופֿרידן פֿון דעם שדוך צווישן מיר און בעסי.

בעסי איז צו יענער צייט קיין זעכצן יאָר ניט אַלט געווען. אַ בלאָנדע קאָפּ האָר האָט בעסי דאַן געהאַט. די האָר זענען געווען אויסגעלייגט ווי אַ גאָלדענע קרוין אויף איר שעהנעם קאָפּ, שעהנע בלאָנדע אויגן און אַ פֿיגור פֿול מיט חן. ווער עס האָט נאָר בעסי'ן דערזען, האָט איר באַוואונדערט. איך האָב דערציילט, אַז בעסי האָט טאַלאַנט צו דער בינע, אַז זי זינגט שעהן, דעקלאַמירט שעהן און איך האָב נביאות געזאָגט, אַז זי וועט אַמאָל זיין אַ גרויסע אידישע אַרטיסטין.

מיין פאָטער האָט באַלד גענומען טראַכטן וועגן ביזנעס.

— ווייסטו וואָס, באָרים — זאָגט ער צו מיר — מיר האָבן דאָך אַן אייגענע טרופּע.

ער האָט גענומען רעדן וועגן מיינע שוועסטער:

— מערי — האָט ער געזאָגט — האָט נאָך אַלס קינד אַרויסגעוויזן טאַלאַנט צו דער בינע. און פּעני זינגט זעהר שעהן און זי איז שעהן, אַ קראַסאַוויצע. איר מאַן איז אַן אינטעליגענטער מענש, ער רעדט פראַנ־צויזיש, רוסיש, דייטש, און ער האָט אַמאָל געשפּילט טעאַטער אין אָדעס מיט דילעטאַנטן. און עפּשטיין, מערי'ס מאַן, איז אַ קלוגער ליטוואַק, אַ בן תורה, ער וועט קענען סופלירן, און עמאַ'לע זינגט זעהר שעהן, וועלן מיר צונעמען נאָך דריי־פיר מענטשן, און מיר וועלן קענען אָנהייבן שפּילן טעאַטער.

און דעם טאַטנס פּלאַן איז טאַקע פאַרווירקליכט געוואָרן. ער איז אַוועק־געפאָרן קיין פילאַדעלפיע, און אָפּגעמאַכט מיטן אייגנטימער פון דאָרטיגן טאַליא טעאַטער, וואָס האָט זיך געפונען אויף קעלעהיל סטריט. די באַדינ־גונגען זענען געווען גינסטיגע.

און די גאַנצע משפּחה מיינע איז געפאָרן קיין פילאַדעלפיע שפּילן אידיש טעאַטער. די לעזער געדענקען נאָך מיין טרויעריגע ערשטע אידישע טעאַטער־פאָרשטעלונג אין פילאַדעלפיע, אין דעם דייטשן טעאַטער, מיט דעם דירעקטאָר אַלעקסאַנדער קאָסט. ביי יענער פאָרשטעלונג איז זיך אינ־מיטן פון דעם ערשטן אַקט דער עולם צעגאַנגען און מען האָט מיך מיט די אַקטיאָרן איבערגעלאָזט מיט די פיר ווענט.

גאַנץ אַנדערש איז געווען מיין איצטיגע פאָרשטעלונג אין פילאַדעל־פיע. זי איז געווען אַ גרויסער ערפאָלג. איך האָב אַנאָנסירט, אַז איך וועל שפּילן „אוריאל אַקאָסטאַ“ פון קאַרל גוצקאָוו. איך האָב געשפּילט די ראָלע פון „אוריאל“, און בעסי האָט געשפּילט די ראָלע פון „יהודית.“ מיר האָבן גענומען פילאַדעלפיע מיט שטורעם. די בעסערע טעאַטער־באַ־זוכער זענען געווען צופרידן סיי מיט דער פּיעסע און סיי מיטן שפּילן, און דער אַלגעמיינער עולם האָט מורא געהאַט צו זאָגן אַ מיינונג. אידן זענען געקומען אין טעאַטער און מיר האָבן געמאַכט גוטע געשעפטן. די גאַנצע טאָמאַשעווסקי־פאַמיליע איז אויפגעריכט געוואָרן.

מיינע עלטערן האָבן גענומען פאָדערן פון מיר און בעסי'ן אַז מיר זאָלן שטעלן אַ חופּה.

— אַזוי איז קיין תּכלית ניט — האָט דער טאַטע געזאָגט. — איר האָט זיך ביידע ליב, גייט מען אין אַ מזל׳דיגער שעה צו דער חופּה, און פאַרטיג.

(בעסי און באָריס באַלד נאָך דער חתונה)

— יאָ, יאָ, — האָט די מאַמע צוגעגעבן. — די גלייכסטע זאַך איז — חתונה האָבן כּדת משה וישראל.

און מיר האָבן חתונה געהאַט. עס איז געפּראַוועט געוואָרן אַ שטילע חתונה. בעסי׳ס עלטערן זענען אויף דער חתונה ניט געווען. זיי זענען געווען שטאַרק ברוגז אויף מיר, פאַר וואָס איך האָב זייער בעסי׳ן „געקיד־

נעפּט״. מיר זענען אָבער געווען זיכער, אַז מיט דער צייט וועלן זיי זיך לאָזן איבערבעטן, און אונז זייער „מזל טוב״ געבן. אָבער קיין סוד איז אונזער חתונה פאַר בעסי׳ס עלטערן ניט פאַרבליבן.

מיט אַ מאָל ברענגט מען מיר אַ פּאָוסטער מיט הענד־בילס, אין וועלכע עס ווערט אַנאָנסירט, אַז עס קומט אַ נייע אידישע טרופּע קיין פילאַדעלפיע. גאַרטענשטיין האָט אָפּגעדונגען אַ האָל אויף קריסטי סטריט, אין אידישן קוואַרטאַל, וואו ער וועט געבן פאָרשטעלונגען. אַלזאָ, גאַרטענשטיין, מיט וועמען איך האָב שוין געהאַט אַ קאַמף אין באַלטימאָר, קומט קיין פילאַדעלפיען דאָ, אין פילאַדעלפיע, האָב איך זיך אָבער ניט געפיהלט אַזוי שטאַרק ווי אין באַלטימאָר. דאָ האָב איך ניט געהאַט מיינע קלובניקעס. און נאָך אַ זאַך: מיר האָבן געשפּילט אין דער דייטשער געגנד, ווייט פון אי־דישן קוואַרטאַל. צו מיר אין טעאַטער האָבן אידן געדאַרפט פאָרן מיט צוויי קאַרס, בעת קריסטי סטריט איז אין סאַמע האַרצן פון אידישן קוואַרטאַל, וואו עס וואוינען אַלע מיינע „פּאַטריאָטן״. מען דאַרף עפּעס אַ טראַכט טאָן. איך האָב זיך באַראַטען מיט מיין פאָטער און מיט דער גאַנצער משפּחה. עס איז ביי אונז געבליבן, אַז מיר דאַרפן זוכן אַ פּלאַץ צו שפּילן דאַון־טאַון, אין אידישן קוואַרטאַל. מיר האָבן אָפּגעזוכט אַ האָל, דעם דראַמאַטיק האָל, וואָס האָט זיך געפונען אויף קאָרנער פינפטע און געסקיל סטריט, אין רעכטן מיטן פון אידישן קוואַרטאַל, נאָך אַ סך נעהענטער צו די אידן, ווי דער קריסטי האָל. מיר האָבן אַנאָנסירט, אַז פרייטאָג און שבת וועלן מיר שפּילן אין טאָמאַשעווסקי׳ס דראַמאַטיק האָל, און אין מיטן דער וואָך — אין טהאַליאַ טעאַטער, אויף קעלעהילל סטריט. מיר האָבן, אַלזאָ, געשאָסן צוויי פויגלען מיט איין שאָס: מיר וועלן שפּילן אַפּ־טאַון, פאַר די דייטשע אידן, און אויך פאַר אונזערע אידן, וועלכע וועלן פאָרן מיט די צוויי קאַרס, און פרייטאָג און שבת וועלן מיר שפּילן פאַר לויטער אונזערע אידן.

דער איינפאַל איז געווען אַ געלונגענער. מיר האָבן געמאַכט פיינע ביזנעס אין ביידע טעאַטערס.

גאַרטענשטיין האָט אָפּגעשפּילט אַ פּאָר וואָכן און געמוזט צומאַכן זיין קריסטי סטריט האָל. „פּאַטריאָטן״ און גוטע פריינד האָבן זיך אריינגעמישט אין שלום, און איך האָב גאַרטענשטיינ׳ען צוגענומען צו מיר אין מיין טרופּע. איך בין ווידער געבליבן דער איינציגער אין פילאַדעלפיע מיט מיין אידישן טעאַטער. די ביזנעס איז אָוועק גוט, אָבער טאַקע גאָר גוט. ביז . . .

עס איז געקומען אַ נייע צרה. אין דער צרה בין איך, אייגנטלעך, אַליין שולדיג. איך האָב זי אַליין אויף זיך גענומען.

אַ געווויסן טאָג באַקום איך אַ בריוו פון זיגמונד מאָגולעסקאָ. ער, פינקעל, פיינמאַן, קעסלער, וויינבלאַט, און נאָך אידישע שוישפילער, האָבן זיך שוין דאַן געפונען אין ניו יאָרק. זיי זענען אריבערגעקומען פון רומעניע אין דער צייט, ווען איך בין געווען אין שיקאַגאָ, און דערנאָך אין באַלטימאָר. זיי האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם אין ניו יאָרק. און פאַר דער טרופּע פון זילבערמאַן, קאַרפּ, חיימאָוויטש, מאַדאַם חיימאָוויטש (די שפּעטערדיגע סאַראַ אַדלער), זענען זיי געווען געפערלעכע קאָנקורענטן. די נייע אידישע טרופּע האָט געשפּילט אין דעם נעשאָנעל טעאַטער, אויף דער באָוערי, ניו יאָרק, וועלכן מען האָט אַ נאָמען געגעבן „רומעניען אָפּערא הויז", לכבוד דער נייער טרופּע, וועלכע איז געקומען פון רומעניען.

פּערזענלעך האָב איך מאָגולעסקאָ'ן ניט געקענט. אָבער געוואוסט האָב איך וועגן אים זעהר פיל. וועלכער איד האָט אין יענער צייט ניט גע־וואוסט, און ניט געהערט וועגן מאָגולעסקאָ'ן? אַלזאָ, מאָגולעסקאָ שרייבט מיר אין זיין בריוו, אַז ער האָט געהערט וועגן מיר און וועגן מיין גוט האַרץ. ווען כ'וועל ערהאַלטן זיין בריוו, זאָל איך קומען קיין ניו יאָרק, אין דעם „רומעניען אָפּערא האוז", וואו ער שפּילט מיט זיין טרופּע, ווייל ער האָט זעהר וויכטיגעס מיט מיר צו רעדן.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב לאַנג ניט געוואַרט, און מיט דער נעקסטער טרעין בין איך אַוועק קיין ניו־יאָרק.

און אָט זיץ איך שוין אין „רומעניען אָפּערא האוז", אויף דער באָוערי מיט מאָגולעסקאָ'ן און דער גאַנצער טרופּע: פינקעל, קעסלער, פיינמאַן, און די אַנדערע שוישפּילער. מאָגולעסקאָ דערציילט מיר, אַז דער פייער־דעפּאַרטמענט האָט צוגעמאַכט דאָס טעאַטער, און אַז מען דאַרף מאַכן פייער־עסקייפּס און צובויען עטלעכע טירן. דאָס דאַרף נעמען אַ לאַנגע צייט, אפשר דריי אָדער פיר חדשים און דער סעזאָן איז שוין באַלד געענדיגט; מיינט דאָס חדשים לאַנג זיצן און וואַרטן און הונגערן. זייער לאַגע איז אַ טרויעריגע, ווייל דער סעזאָן איז געווען אַ שלעכטער; האָבן זיי געשיקט נאָך מיר, אַז איך זאָל די גאַנצע טרופּע אריבערנעמען צו מיר, קיין פילאַדעלפיע. אַזוי ווי זיי האָבן נאָך אין פילאַדעלפיע ניט געשפּילט, קען מען ערוואַרטן גוטע ביזנעס.

מאָגולעסקאָ'ס פּלאַן איז מיר געפעלן געוואָרן. איך האָב אָפּגעמאַכט

מיט די שוישפּילער אויף געווייסע פּראָצענטן, און עס איז געבליבן, אַז איך זאָל מיט מיין טרופּע זיך אַוועקלאָזן אויף דער פּראָווינץ איבער אַמעריקע, און מאָגולעסקאָ מיט זיין טרופּע זאָלן אָנהייבן שפּילן אין מיין טאַליאַ טעאַטער, אין פילאַדעלפיע. אויף רייזע־קאָסטן קיין פילאַדעלפיע האָבן זיי ניט געהאַט, האָב איך זיי געגעבן די נויטיגע סומע און נאָך אַ פּאָר דאָלער עקסטראַ, אין וואָס זיי האָבן זיך זעהר שטאַרק גענויטיגט.

איך בין, אַלזאָ, אַוועקגעפאָרן קיין פילאַדעלפיע. פון דער בינע אין מיין טעאַטער האָב איך ערקלערט פאַר דעם פילאַדעלפיער עולם, אַז איך ברענג קיין פילאַדעלפיע דעם וועלט־באַרימטן זיגמונד מאָגולעסקאָ מיט זיין גאַנצער טרופּע פון „רומעניען אָפּערא האוז״, פון ניו יאָרק.

פילאַדעלפיער אידן האָבן זיך שטאַרק דערפרייט. מאָגולעסקאָ האָט דאַן נאָך אין ערגעץ, אויסער אין ניו יאָרק ניט געשפּילט. איך האָב אַנאָנ־סירט, אַז מאָגולעסקאָ וועט אויפטרעטן אין דער אָפּערעטע „די קאָקעטע דאַמען״, וועלכע האָט אין ניו יאָרק געהאַט אַ קאָלאָסאַלן ערפאָלג. פילאַ־דעלפיער אידן האָבן אַ סך געהערט דערפון און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך טיקעטס: מען האָט געקויפט צו פינף און צען טיקעטס מיט אַמאָל. אַזאַ געלאַף נאָך טיקעטס עטלעכע טעג פאַר אַ פאָרשטעלונג האָב איך נאָך אין מיין טעאַטער קיינמאָל ניט געהאַט.

מאָגולעסקאָ האָט אָנגעהויבן שפּילן אין אַ פרייטאָג־צו־נאַכט. ער האָט געמאַכט אַן אומגעהויערן ערפאָלג. יעדע פאָרשטעלונג איז געווען בוכ־שטעבלעך אויספאַרקויפט. זיי האָבן געמאַכט זעהר גוטע ביזנעס. נאַטירלעך האָב איך אויך ניט צוגעלעגט צום געשעפט. מאָגולעסקאָ און די אַנדערע שוישפּילער האָבן דאַן געזאָגט: „וואָס מיר ניו יאָרק, ווער דאַרף האָבן ניו יאָרק?! פילאַדעלפיע איז אַ גאַנץ גוטע שטאָט און טאָמאַשעווסקי איז אַ גאַנץ פיינער דירעקטאָר״. איך האָב זיך מיט מיינע נייע קאָלעגן זעהר גוט באַפריינדעט און מיר פלעגן אַלע צוזאַמען פיין פאַרברענגען. דורך דער צייט וואָס מאָגולעסקאָ האָט געשפּילט אין מיין טעאַטער, האָט בעסי זיך געבעטן, אַז מיר זאָלן פאָרן קיין באַלטימאָר. זי האָט געבענקט נאָך אירע עלטערן, וועלכע זי האָט שטאַרק ליב געהאַט. האָב איך איר צוליב געטאָן. פאָרן אַוועקפאָרן קיין באַלטימאָר האָב איך געדונגען דאָס גרויסע אַריסטאָקראַטישע טעאַטער אין באַלטימאָר, די אַקאַדעמי אָוו מיוזיק, און געלאָזן אַנאָנסירן, אַז איך וועל אויפטרעטן אין „בר כוכבא״. באַלד נאָכדעם ווי מען האָט דורך פּאָסטערס געמעלדעט וועגן מיין פאָרשטעלונג, לאָזט מיר דער מענעדזשער

פון טעאַטער וויסן דורך אַ בריוו, אַז די אידן פון באַלטימאָר לויפן נאָך טיקעטס ווי נאָך מצה־וואַסער. אַז דער גרויסער טעאַטער, די אַקאַדעמי אָוו מיוזיק, איז ניט גרויס גענוג; אַזוי שטאַרק איז דער פאַרלאַנג נאָך טיקעטס.

אַז מיר זענען געקומען אין באַלטימאָר איז בעסי, פאַרשטייט זיך, גלייך אַוועק צו אירע עלטערן, וועלכע זענען נאָך אַלץ געווען ברוגז אויף איר, פאַרוואָס זי איז באַגאַנגען אַזאַ פאַרברעכן און אַוועק קיין ניו יאָרק מיט אַן אַקטיאָר אָהן זייער וויסן. אָבער די ליבע טאַטע־מאַמע האָבן בעסי'ן ענדלעך מוחל געווען. בעסי האָט איינגעלאַדן אירע עלטערן, זיי זאָלן קומען אין טעאַטער זען „בר כוכבא". איך בין מיט בעסי'ן צו אירע עלטערן אין הויז ניט געגאַנגען. איך האָב פשוט מורא געהאַט פאַר אומאַנגענעמלעכקייטן.

בעסי'ס מאַמע האָט די איינלאַדונג אָנגענומען. זי וועט גיין אין אָוונט אין טעאַטער זען ווי איר טאָכטער און אײדעם שפילן טעאַטער. בעסי'ס מאַמע איז פריער נאָך קיינמאָל אין קיין טעאַטער ניט געווען, ניט אין אַ אידישן, ניט אין אַן ענגלישן. די אַלטיטשקע האָט זיך אויסגעפוצט יום טוב'דיג און איז געקומען אין טעאַטער. דער טאַטע האָט אין טעאַטער ניט געוואָלט גיין. אויף אַזוי פיל זיך אונטערגעבן האָט ער ניט געוואָלט. אַלע בילעטן זענען געווען אויספאַרקויפט און עס איז ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר בעסי'ס מאַמע, האָב איך געהייסן צושטעלן אַ שטול אין דעם פּלאַץ, וואו עס זיצט דער אָרקעסטער, און בעסי'ס מאַמע איז געזעסן צווישן די מוזי־קאַנטן. דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן איז איר אויסגעקומען צו געפינען זיך צווישן אַזוי פיל מענטשן. די אַלטע האָט ניט געקאָנט איינזיצן. יעדע מינוט האָט זי זיך אויפגעהויבן און געזוכט מיט די אויגן באַקאַנטע. זי האָט ענדלעך געפונען צווישן גרויסן עולם עטלעכע באַקאַנטע ווייבער. זי האָט זיך מיט זיי באַגריסט, געשאָקלט צו זיי מיטן קאָפּ, געמאַכט מיט די הענט און דאָס אין דער צייט ווען דער אָרקעסטער האָט גענומען שפּילן די אָווער־טורע.

דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן. די בינע האָט פאָרגעשטעלט די שול, וואו עס זיצן די אַלטע און יונגע אידן בייביידע זייטן פון ארון־קודש. איך גיי אַרויף אויף דער בינע אָנגעטאָן אַלס בר כוכבא מיט לאַנגע האָר, מיט אַ בערדל. די אַלטע האָט מיך ניט דערקענט, אָבער ווען איך האָב אָנגעהויבן רעדן, האָט זי מיר גלייך דערקענט. אַלע ווייבע האָט זי זיך אויפגעהויבן און געפּאַטשט בראַוואָ צי מען האָט געדאַרפט, צי מען האָט ניט געדאַרפט. פון פּובליקום האָט מען צו איר געשריען: „זעצט זיך, זעצט זיך!"

די אַלטע האָט זיי אַלעמען געהערט ווי המן דעם גראַגער. זי האָט אָנגע־וויזן צו אירע חבר׳טעס, אַז אָט דער מיטן בערדל איז איר בעסי׳ס מאַן. פון פובליקום האָט מען ווידער ייִשריען: „זעצט זיך, זעצט זיך!״ אָבער זי האָט זיך געטאָן אירס. עס איז געקומען צו דער סצענע, ווען בר כוכבא גייט צו צום ארון קודש, נעמט פאַנאַנדער דעם פרוכת, עפנט אויף די טירלעך און נעמט אַרויס אַ ספר תורה, זינגענדיג דערביי דאָס באַקאַנטע ליד:

דאָ ביי דער סופר תורה סגולה ויחידה
שווערט מיר אַלע בני יעקב ויהודה

דער אָרקעסטער שפּילט אין יענעם מאָמענט ציטערנדיג (טרעמאָלאָ) און זעהר שטיל, ביז עס באַווייזט זיך אַ שטערן איבער בר כוכבא׳ס קאָפּ.

דאָ האָט זיך די אַלטע שוין לענגער ניט געקענט צוריקהאַלטן און האָט זיך אויפגעשטעלט פון איר שטול און אַ געשריי געטאָן צו אירע חבר׳טעס:

— איר זעט, ער קען אויך זיין אַ חזן, מיין בעסי׳ס מאַן!

די אָשערס זענען צוגעלאָפן, מען האָט זי געוואָלט אַרויסוואַרפן, האָט זי געמאַכט אַ סקאַנדאַל און מען האָט זי געמוזט צורו לאָזן. אַזוי איז אָפּ־געגאַנגען די גאַנצע פאָרשטעלונג. צום שלוס פון דער פאָרשטעלונג, האָט בעסי אַרויסגעשיקט צו דער מוטער אַ מענטשן, וועלכער האָט זי אַריינגע־בראַכט אין אונזער דרעסינג־רום. בעסי׳ס מוטער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט פון דעם סקאַנדאַל, וואָס די אָשערס האָבן איר געוואָלט אַרויס־וואַרפן פון טעאַטער.

— אַזעלכע סוואָלאָטשעס (אויסוואורפן) — האָט זי געמורמלט — זיי האָבן גאָרניט קיין דרך־ארץ פאַר אַן אַלטער פרוי. זיי האָבן דאָך מיר געוואָלט אַרויסוואַרפן. איך בעט זיך ביי זיי. איך שריי, איך בין בעסי׳ס מאַמע, און זיי הערן מיך ניט, אַזעלכע קאַרמאַנשטשיקעס! און וואָס האָב איך דאָ אַזוי חוטא בעגל געווען? איך האָב געזאָגט מיין פריינדין, נחמה, אַז מיין בעסי׳ס מאַן קען זיין אַ חזן; שטייט עס ניט אָן דעם טאַטען זייערע, אַזעלכע זשוליקעס!

בעסי האָט איר מוטער ענדלעך באַרוהיגט. די אַלטע, וועלכע איז געווען ברוגז אויף מיר, ווייל איך האָב איר טאָכטער אָוועקגענומען, פּשוט גערעדט, אַנטלאָפן מיט איר, האָט זיך מיט מיר איצט איבערגעבעטן. זי איז צו־געגאַנגען צו מיין טיש, נעבן וועלכן איך בין געזעסן, ווען איך האָב אַרונטער־גענומען פון זיך דעם גרים, און האָט זיך געבעטן ביי מיר:

— אָט אַזוי, רייס ניט אַראָפּ דאָס בערדל, עס פּאַסט דיר אַזוי שעהן טראָג עס ווייטער.

איך האָב מיין שוויגער געענטפערט אַז איר טאָכטער בעסי האָט מיך ליב אָן אַ בערדל אויך.

מיר האָבן זיך איבערגעטאָן און מיר זענען אַרויס פון טעאַטער. אַרויס־קומענדיג אויפן גאַס, זע איך בעסי'ס אַלטן פּאָטער. ער איז געשטאַנען אַנט־קעגן די טרעפּ פון טעאַטער, אָנגעשפּאַרט אָן אַ גאַס־לאָמפּ. ער איז געווען פאַרטראַכט, פאַר'חלומ'ט. דעם אמת זאָגנדיג, האָב איך ניט געוואָלט צו־גיין צו אים. בעסי איז צוגעלאָפן צום פּאָטער, זיך צעקושט מיט אים. דאָס אַלטע פּאָר פּאָלק האָבן עפּעס גערעדט צווישן זיך אין דער שטיל. וועגן וואָס, ווייס איך נאָך עד היום ניט; מסתמא וועגן מיר. בעסי האָט אָנגע־נומען דעם פּאָטער פאַרן האַנט און אים צוגעפירט גלייך צו מיר.

— שלום עליכם, מיין קינדן — שטרעקט מיין שווער אויס זיין האַנט צו מיר.

— עליכם שלום, — האָב איך געענטפערט.

דער פּאָטער האָט מיך אַרומגענומען, געדריקט צו זיין ברוסט, געקושט, מורמלענדיג דערביי:

— מוחל, מוחל, מוחל!

און אַזוי איז געוואָרן אָן אייביגער שלום צווישן מיר און בעסי'ס טאַטע־מאַמע. מיר זענען שוין ניט געגאַנגען אין אונזער האָטעל. מיר זענען אַוועק צו בעסי'ס עלטערן. די שוויגער האָט באַלד דערלאַנגט צובייסן. דער שווער האָט געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דער פאָרשטעלונג, וואָס ער האָט יענעם אָוונט געזען (ער איז פאַרט געווען אין טעאַטער). דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט מיך געזען שפּילן, און לויט זיין באַגייסטע־רונג האָב איך געזען, אַז איך בין אים שטאַרק געפעלן געווען.

— עס איז געווען אַזוי שעהן, אַזוי שעהן, זאָל איך שוין אַזאַ מזל האָבן! — האָט די אַלטע אויסגערופן, און זי האָט פּרובירט נאָכזינגען וואָס עס איז איר געבליבן אין זכרון פון דער פאָרשטעלונג.

— דו זינגסט אַזוי שעהן, אַ מחיהן — רופט זיך אָפּ דער אַלטער צו מיר — דו ווייסט, מיין קינד, דו זינגסט דאָך שענער ווי אונזער חזן פון דער רוסישער שול. פאָלג מיך, מיין קינד, וואַרף אַוועק די אַקטיאָר־שטשיקעס און ווער אַ חזן אין אונזער שול.

פון באַלטימאָר זענען מיר געפאָרן קיין וואַשינגטאָן, וועלכע איז אַ קורצע רייזע פון דאָרטן. אין וואַשינגטאָן זענען מיר געווען די ערשטע אידישע שוישפּילער. פריער פאַר אונז האָט מען דאָרטן קיין אידיש טעאַטער ניט געזען. אַ גרויסע צאָל אידן פון וואַשינגטאָן זענען געקומען אין טעאַטער און מיר האָבן געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג.

פון וואַשינגטאָן זענען מיר געפאָרן קיין אָלבאַני, וואו מיר זענען אויך געווען די ערשטע אידישע אַקטיאָרן, און אויך דאָרטן האָט מען אונז אויפגענומען מיט פרייד. און אַזוי זענען מיר אַרומגעפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך און אומעטום איז געווען פריילעך; דאָס הייסט, אידן האָבן זיך געפרייט מיט אונז און מיר האָבן זיך געפרייט מיט די דאָלערס, וואָס זיי האָבן געבראַכט צו אונזער קאַסע.

קנאַפּע פיר וואָכן האָבן מיר אַרומגערייזט איבער דער פּראָווינץ, דערנאָך זענען מיר צוריקגעקומען אין פילאַדעלפיע.

דער זומער האָט זיך שוין צעפלאַקערט. עס זענען געווען גרויסע היצן, אָבער מאָגולעסקאָ און זיין טרופּע האָבן נאָך אַלץ געשפּילט אין טאַליאַ טעאַטער און אַלץ געמאַכט גוטע געשעפטן. דעם גרעסטן ערפאָלג האָבן זיי געהאַט מיט די צוויי פּיעסן: „דאָס פּוילישע אינגעל" און „די קאָקעטע דאַמען."

ווען איך בין אָנגעקומען צוריק אין פילאַדעלפיע, האָבן זיי אויפגעפירט צום ערשטן מאָל אין פילאַדעלפיע פּראָפעסאָר הורוויץ'ס פּיעסע „טיסאַ עסלאַר". פאַרבייגייענדיג, וויל איך באַמערקן, אַז פּראָפעסאָר הורוויץ איז אויך געווען מיט מאָגולעסקאָ'ן אין זיין קאָמפּאַני. ער איז געווען דער פאַרפאַסער פון עטלעכע פון די פּיעסען, וואָס זיי האָבן אויפגעפירט. „טיסאַ עסלאַר" האָט גאָר „אָנגעריסן" אין ניו יאָרק, און איצטער איז דאָס זעלבע געווען אין פילאַדעלפיע, און כאָטש די היצן זענען געווען שרעקלעכע, איז דאָס טעאַטער געווען געפּאַקט. מיינע פּראָצענטן האָבן מיר אַריינגעבראַכט שעהנע הונדערטער יעדע וואָך.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָבן מיר צוזאַמען, די אַלע שוישפּילער פון מאָגולעסקאָ'ס טרופּע און מיינע שוישפּילער, געלעבט זעהר פריינדלעך. יעדע נאַכט האָבן מיר געהאַט אַנדערע הוליאַנקעס. גוטע ברידער האָבן ניט געפעלט, איבערהויפּט אָדעסער לאַנדסלייט. די אָדעסער לאַנדסלייט האָבן ליב געהאַט מאָגולעסקאָ'ן נאָך פון אָדעס, וואו ער האָט געשפּילט מיט



יאָזעף לאַטיינער (1853—1935)



פּראָפעסאָר מ. האָרוויץ (1844—1910)

סאָפיע קאַרפּ

זיגמונט מאָגולעסקאָ (1858—1914)

גרויס ערפאָלג. מאָגולעסקאָ, קעסלער, פיינמאַן האָבן גענומען פילאַדעלפיע בוכשטעבלעך מיט שטורם. אזוי איז פריער געווען אין ניו יאָרק און אזוי האָט זיך איצט ווידערהאָלט דאָ. גאַנץ פילאַדעלפיע האָט גערעדט וועגן די דריי גרויסע אַרטיסטן: מאָגולעסקאָ, קעסלער און פיינמאַן.

דער קליינער מאָגולעסקאָ איז געווען אַ שטילער, אַ האַרציגער, אַן אמת׳ער גוטער ברודער, אָהן חכמות, אָהן קונצן. ער איז יעדן מענטשן איינגעבאַקן געוואָרן אין האַרצן מיט זיין שטילן, פריינדלעכן, ליבלעכן שמייכל.

דוד קעסלער, ווידער, איז געווען דער היפוך פון מאָגולעסקאָ׳ן — אַ הויכער, אַ ברייט־ביינינגער, אַ פּראַסטער גוטער ברודער און אביסל אַ שטאַלצער: אַ קלאַפּ איינעם אין דער פּלייצע, אַ דריק אַן אַנדערן אין האַנט, אַ כאַפּ געטאָן אַ פריינט און זיך מיט אים צעקושט, איבערהויפּט ביי אַ גלעזל וויין, און טרינקען האָט קעסלער ניט געקענט: ביים דריטן גלעזל וויין האָבן שוין זיינע אויגן געברענט און פון זיינע ליפּן זענען געפלויגן ווערטער, אָפט קוים פאַרשטענדלעכע.

זיגמונד פיינמאַן איז געווען דער אַריסטאָקראַט פון אידישן טעאַטער. ער האָט טאַקע געשטאַמט פון אַ געהויבענער רייכער פאַמיליע פון קישענעוו. ער האָט געקענט לערנען און ער האָט געקענט רוסיש, אביסל דייטש און אויך אביסל רומעניש. קיין גרויסער געבילדעטער מאַן איז ער ניט געווען, אָבער צווישן די אידישע אַקטיאָרן פון יענער צייט האָט ער זיך געלאָזט מערקן. בלויז ווייל ער איז געווען מער לאָמדן פון אים. אויף די דערמאָנטע דריי שפּראַכן האָט פיינמאַן געקענט זינגען, און אַ מנגן איז ער געווען אַ גוטער. ער האָט געהאַט אַ שעהנע באַס־באַריטאָן שטימע און געוואוסט ווי איר צו געברויכן.

ווען איך בין צוריקגעקומען פון מיין פּראָווינץ־רייזע, האָבן מיך חברה אויפגענומען מיט גרויס שמחה און מען האָט געפּראַוועט נייע הוליאַנקעס. די אָדעסער לאַנדסליים זענען מיר געווען דאַנקבאַר וואָס איך האָב געבראַכט אין פילאַדעלפיע זייערע ליבלינגען, מאָגולעסקאָ׳ן, קעסלער׳ן און פיינמאַנ׳ען, און זיי האָבן אַראַנזשירט נייע הוליאַנקעס. „טיסאַ עסלער“ איז נאָך אַלץ געגאַנגען מיט גרויס סוקסעס. אין דעם שטיק האָט מאָגולעסקאָ געשפּילט דאָס נאַרישע אינגל, מאָריץ שאַרף, וועלכער האָט, דורך זיין פאַלש עדות־זאָגן, אַריינגעבראַכט זיינע עלטערן און אַלע אידן אין אונגאַרן אין אַ גרויס אומגליק. אַט די ראָלע האָט מאָגולעסקאָ געשפּילט מיט אַזוי פיל קינסט־

לעריש געפּיהל, אַז ער האָט פּשוט אידישע הערצער צעריסן. פײַנמאַן האָט געשפּילט דעם אַלטן טאַטן.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן צוריקן די ימים נוראים, ווען מען מוז אויפהערן שפּילן אידיש טעאַטער אויף פיר וואָכן און זיך צוגרייטן צום נייעם סעזאָן. דאָס רומעניען אָפּערע הויז אין ניו יאָרק איז נאָך ניט פאַרטיג געווען. איך האָב אויסגעפונען, אַז מ'האָט אפילו גאָרניט אָנגעהויבן צו אַרבעטן דאָרטן. איך האָב זיך דורכגערעדט מיט מאָריס פינקעל, מאָגולעסקאָ'ס מענעדזשער, און אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיין טרופּע מוז אויפהערן צו שפּילן, ווייל איך וויל מיין טעאַטער לאָזן איבערמאָלן, אויף דאָס ניי דעקאָרירן, אַז איך גרייט זיך אָנצוהייבן מיין אייגענעם נייעם סיזאָן, מיט מיין אייגענער טרופּע, מוצאי יום כפור. אונזער אָריגינעלער קאָנטראַקט איז שוין לאַנג געווען אַריבער. מיינע קאָלעגן האָבן פאַרשטאַנען, אַז איך האָב רעכט און זיי האָבן אַנאָנסירט די לעצטע פאָרשטעלונגען.

די לעצטע פאָרשטעלונג איז גאָר געווען אַ גרויסע. פײַנמאַן האָט געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע וועגן מיר, ווי פיין איך האָב זיי באַהאַנדלט. פּראָפעסאָר הורוויץ האָט זיך גאָר צעלאָזט מיט שבחים איבער מיר. רירענד איז געווען די סצענע, ווען דער עולם האָט געזאָגט גוד־באַי צו זיינע ליבלינגען, די שוישפּילער. נאָך דער פאָרשטעלונג איז געווען אַ באַנקעט וועלכן איך האָב אַראַנזשירט. מיר האָבן זיך אַלע געזעגנט און זיך צעקושט.

איך האָב אַנאָנסירט די פּיעסע פאַר מוצאי יום כפור אַלס אָנהייב פון נייעם סעזאָן. מיינע אַפּישן האָבן פאַרדעקט אַלע אידישע פענסטער אין פילאַדעלפיע. איך בין געווען זיכער מיט סוקסעס. איינער אַליין מיט אַ טעאַטער אין פילאַדעלפיע — דאָס איז אַ זיכערער אַ גאַראַנטירטער סוקסעס, אָבער אויסגעלאָזן האָט זיך עס גאַנץ אַנדערש.

אין אַ שעהנעם טאָג ברענגט מען מיר אַ פּאָסטער פון נאָך אַ אידיש טעאַטער אין פילאַדעלפיע. און . . . ווער זענען מיינע קאָנקורענטן?! — אָט וואָס דער פּאָסטער האָט אַנאָנסירט:

„קריסטי האָל וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטענדיגן אידישן טעאַטער, וועלכער עפנט זיך מוצאי יום כפור ביינאַכט. די אמת'ע קינסטלער פון רומעניען אָפּערע הויז פון ניו יאָרק וועלן געבן פאָרשטעלונגען. זיגמונד מאָגולעסקאָ, דוד קעסלער, זיגמונד פײַנמאַן, מאָריס פינקעל אַלס מענעדזשער, און פּראָפעסאָר הורוויץ אַלס פאַרפאַסער.“

מ׳קאָן זיך פאָרשטעלן וואָס איך האָב געפיהלט ווען איך האָב איבער־געלעזן דעם פאָוסטער.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ טעאַטער־קאַמף; אַ קאַמף אויף טויט און לעבן. מאָגולעסקאָ און זײַנע שוישפּילער זענען געווען זיכער, אַז זיי וועלן מיך באַזיגן. איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל זיך ניט לאָזן באַזיגן. איך האָב אָפּגעמאַכט ביי זיך צו קעמפן מיט אַלע כוחות. אין איין זאַך בין איך געווען זיכער: די פילאַדעלפיער אידן וועלן ניט דערלאָזן מען זאָל מיר שלעכטס טאָן. עס האָבן זיך געבילדעט צוויי פּאַרטייען — מײַנע פּאַטריאָטן און די פּאַטריאָטן פון מאָגולעסקאָ און זײַן קאָמפּאַני.

די ערשטע זאַך, וואָס איך האָב געטאָן, איז געווען צו זוכן נייע אַר־טיסטן. איך האָב אַנגאַזשירט ספּיוואַקאָווסקי׳ן, מאַרינשטראַוס׳ן, אַ זינגער און אַ טענצער, וועלכער איז דאַמאָלט נאָר־וואָס געקומען פון וואַרשע, לעאָן ענגל, אַ זעהר שעהנער בחור מיט אַ זעהר שעהנער שטימע, און אַ קאָמיקער מיטן נאָמען גליקמאַן. איך האָב אויך אַנגאַזשירט אַ נייע פּרי־מאַדאָנע, פרײַלין דראָזדאָוויטש.

איך האָב אָנגעשריבן אַ נייע אָפּערעטע, „דער נדר אין בית המקדש“ און האָב אויסגעגעבן אַ סך געלט אויף דעקאָראַציעס און קליידער. די מוזיק צו דער אָפּערעטע איז געווען אַ געראָטענע. אין דער פּיעסע האָב איך געהאַט גוטע ראָלן פאַר מײַנע נייע אַרטיסטן און אַ שעהנע ראָלע פאַר מיין בעסי׳ן. אין טאַליאַ טעאַטער האָב איך געהאַט אַ גרויסע בינע מיט אַלע באַקוועמליכקייטן. אין מיין קליינעם טעאַטער, אין דראַמאַטיק האָל, ראַון־טאַון, האָב איך אויך געהאַט אַ שעהנע בינע הגם אַ קליינע. מײַנע קאָנקורענטן אין קריסטי האָל האָבן געהאַט אַ קליינטשיק בינעלע, וואָס איז געווען גוט פאַר קאָנצערטן, אָבער ניט פאַר קיין טעאַטער־פאָרשטעלונגען. ווען מאָגולעסקאָ זאָל מיר אפילו וועלן נאָכטאָן און מאַכן אַ רייכע אויס־שטאַטונג, האָט ער דאָס ניט געקענט באַווייזן אין קריסטי האָל. נאָך אַ זאַך: די שטולן אין קריסטי האָל זענען ניט געווען קיין אמת׳ע טעאַטער־שטולן נאָר פּראָסטע שטולן וואָס רוקן זיך אַרום פון איין פּלאַץ צום אַנדערן, און מאַנ־כע פון עולם פלעגן זיך צורוקן נעהענטער צו דער בינע, ניט וואו זייער פּלאַץ איז געווען. עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז די וואָס האָבן געקויפט ביליגערע בילעטן, פלעגן זיצן נעבן דער בינע, און די וואָס האָבן באַצאָלט פאַר בילעטן צו זיצן אין דער פראָנט, זענען געווען פאַרשטופּט גאַנץ ווייט, צו

די סאַמע טירן. דער קריסטי סטריט טעאַטער האָט געהאַט נאָך אַ צרה: מען האָט געדאַרפט אַרויפקריכן איבער דרייסיג הילצערנע טרעפּ, און די סטריט, וואו דאָס טעאַטער האָט זיך געפונען, איז געווען אַ פינסטערע, אַ פאַרוואָרפענע. די איינוואוינער אַרום זענען געווען דאָס רוב נעגערס און איטאַליענער. דעם גאַנצן טאָג איז דאָרטן געווען אַ מאַרקעט; קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ שמוץ מען האָט געדאַרפט דורכגיין ביז מען איז צוגעקומען צום האָל.

דורך דער צייט וואָס מאָגולעסקאָ האָט געשפּילט אין מיין טאַליאַ טעאַ־טער, האָט ער זיך פאַרשאַפט אַ סך פריינט צווישן די רייכסטע באַלעבאַטים אין פילאַדעלפיע. איך בין געווען זיכער, אַז די זעלבע פריינט זיינע וועלן צו אים אין זיין פינסטערער „קאַזאַרמע" איצט ניט גיין. מיט דעם געדאַנק האָב איך זיך געטרייסט. ווי גרויס זייער טרופּע זאָל ניט זיין, וואָס פאַרע פיינע שוישפּילער עס זאָלן זיך דאָרטן ניט געפינען, וועלן זיי געגן מיר ניט קענען קאָנקורירן, האָב איך געטראַכט.

פרייטאָג און שבת פלעג איך שפּילן אין מיין טאַליאַ טעאַטער; אין די וואָכן־טעג — אין דראַמאַטיק האָל, דאַון־טאַון.

די גאַנצע צייט זינט דעם באַנקעט, וואָס איך האָב אַראַנזשירט פאַר מאָגולעסקאָ'ן און זיינע שוישפּילער ביים שלום־סיזאָן, האָב איך זיך מיט קיינעם פון זיי ניט באַגעגנט. איך האָב זיך ניט געוואָלט מער צוזאַמענטרעפן מיט מאָגולעסקאָ'ן, קעסלער'ן און פיינמאַנ'ען.

אַלזאָ, דער נייער סיזאָן האָט זיך אָנגעהויבן. מיין פּיעסע „דער נדר אין בית המקדש" האָט געהאַט אַן ערפאָלג. ספּיוואַקאָווסקי און די אַנדערע נייע אַרטיסטן מיינע האָבן שטאַרק אויסגענומען ביים עולם. הונדערטער מענטשן פלעגן אַוועקגיין פון מיין טעאַטער, ווייל עס איז שוין מער קיין טיקעטס ניט געווען. איך האָב געהערט, אַז אויך ביי מאָגולעסקאָ'ן זענען הונדערטער מענטשן צוריקגעגאַנגען. מאָגולעסקאָ האָט געשפּילט אַלטע פּיעסען. קיין נייע פּיעסען האָבן זיי אויף דער קליינטשיקער בינעלע אין קריסטי האָל ניט געקענט אויפפירן.

עס איז געקומען דער יום טוב סוכות. די ביזנעס זענען געוואָרן אַלץ בעסער און בעסער, פיל בעסער ווי לעצטן סיזאָן. איך האָב אַבסאָלוט ניט געפיהלט, אַז איך האָב קאָנקורענטן, אַז עס שפּילט נאָך אַ אידישע טרופּע

אין פילאַדעלפיע. אָבער דער קאַמף צווישן די פּאַטריאָטן פוןביידע טעאַטערס איז נאָך ווייטער אָנגעגאַנגען, ווי געוועהנליך אַ קאַמף פון אידישע טעאַ־טער־פּאַטריאָטן. . . .

דריי חדשים האָט אָנגעהאַלטן די קאָנקורענץ. דורך דער צייט איז פאַר־טיג געוואָרן דאָס רומעניען אָפּערע הויז אין ניו יאָרק. דער אייגענטימער פון טעאַטער האָט געקראָגן לייסענס און די רומעניען אָפּערע קאָמפּאַני (מאָגולעסקאָ, קעסלער, פיינמאַן, פינקעל, וויינבלאַט, מאַקס אבראַמאָוויטש און די אַנדערע) האָבן פאַרלאָזט פילאַדעלפיע.

איך בין, אַלזאָ, ווידער געבליבן איינער אַליין מיט מיין טעאַטער אין פילאַדעלפיע. דאַן האָב איך צוגענומען צו מיין טרופּע גאַרטענשטיין'ען פאַר פופציג דאָלער אַ וואָך. מיין פאַמיליע האָט זיך געלעבט רוהיג און צופרידן. מיר האָבן געוואוינט אין אַ זעהר שעהנע הויז, און מיר האָבן געהאַט דינסטן. די גאַנצע פאַמיליע האָט געוואוינט צוזאַמען: מערי עפּשטיין מיט איר מאַן, פעני גרינבערג מיט איר מאַן, מיינע קליינע שוועס־טערלעך און ברידערלעך און די שעהנע בעסי'לע, וועלכע אַלע האָבן ליב געהאַט ווי דאָס לעבן און אויך רעספּעקטירט. אַן אַקטריסע איז בעסי דאַ־מאָלסט נאָך געווען אַ שוואַכע. אָבער זי האָט שוין אַרויסגעוויזן טאַלאַנט, און אַלע האָבן פאַראויסגעזאָגט, אַז זי וואַקסט אַ גרויסע אַקטריסע. די אַרטיסטן ספּיוואַקאָווסקי, גאַרטענשטיין, מאַריענשטראַס, ענגעל, גליקמאַן און די פּרימאַדאָנע דראַזדאָוויטש פלעגן ביי אונז אין הויז פאַרברענגען טאָג און נאַכט. מיר האָבן אויך געהאַט אַנדערע געסט, ווי מר. זילבערמאַן, דער גבאי פון דער דאָרטיגער רוסישער שול, מר. שטראַוס, אַ אידישער באַנקיר, גילים, דער גרעסטער פלייש־מאַגנאַט פון פּענסילווייניע סטעיט, באָגדאַנאָוו מיט זיין פרוי, אַ באַוואוסטער דימענטן־הענדלער, און נאָך און נאָך באַלע־באַטים פלעגן אונז אָפט באַזוכן. מיר האָבן זיך אַלע געפיהלט גליקלעך און צופרידן אין פילאַדעלפיע. צו מיינע בענעפיטס איז דער טעאַטער שטענדיג געווען געפּאַקט. פריינט און „פּאַטריאָטן" האָבן מיר געבראַכט שעהנע מתנות.

בלויז מיט איין שוישפּילער האָב איך געהאַט טראָבל — מיט ספּיוואַ־קאָווסקי'ן. ער האָט ניט געקענט לעבן בשלום מיט זיינע קאָלעגן, איבער־הויפּט מיט גאַרטענשטיינ'ען. ער פלעגט ניט קומען צו די פּראָבן אין צייט,

ער האָט זיך ניט געלערנט די ראָלן און האָט זיך פאַרלאָזט אײנגאַנצן אויפן סופליאָר, אָבער מיר האָבן געענדיגט דעם סיזאָן בשלום.

איך האָב גענומען טראַכטן וועגן ווייטערדיגע פּלענער. אַ געדאַנק איז מיר אַרײַן אין קאָפּ. פאַרוואָס זאָל מײַן טעאַטער שטעהן ליידיג? איך קען דאָך ברענגען אַ טרופּע פון ניו יאָרק וואָס זאָל שפּילן, און איך האָב אַריבער־געבראַכט פון ניו יאָרק די „אָריענטאַל קאָמפּאַני״, וואָס איז באַשטאַנען פון די שוישפּילער משה זילבערמאַן, היינע חיימאָוויטש, מאַקס קאַרפּ, סאָפיע קאַרפּ, וואַכטעל און אַנדערע, און איך האָב ווידער געמאַכט גוטע געשעפטן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון אידישן טעאַטער וואָס זומער־צייט זענען אידישע אַקטיאָרן פון ניו יאָרק געפאָרן שפּילן אויף דער פּראָווינץ.

13

מיין פריינטשאַפט מיט יעקב פּ. אַדלער - דער ראָמאַן צווישן אַדלער׳ן און סאָניאַ חיימאָוויטש. דיינע אַנטדעקט דעם ראָמאַן - סאָניאַ פּאַרזעצט איר צירונג כדי מ׳זאָל קאָנען שפּילן - צוליב אַן עקסידענט פאַרמאַכט מען אונז דאָס טעאַטער. איך געפין אַן אוצר.

אַ געוויסן טאָג באַקום איך אַ בריוול פון יאַקאָב פּ. אַדלער פון ניו יאָרק. ער האָט שוין געהאַט אַ גרויסן נאָמען אין רוסלאַנד, דערנאָך האָט ער געשפּילט אין לאָנדאָן און איצט איז ער געקומען אין אַמעריקע.

ער שרייבט מיר, אַז ער וויל קומען צו מיר אין פילאַדעלפיע שפּילן טעאַ־טער. איך האָב געכאַפּט די ערשטע טרעין און בין געפאָרן קיין ניו יאָרק. אַדלער האָט געוואוינט אין אָקסידענטאַל האָטעל, אויף דער באַוערי קאָרנער ברום סטריט, אין דעם זעלבן האָטעל, וואו איך בין איינגעשטאַנען, ווען איך בין צוריקגעקומען פון סעג הארבאָר. און אָט געפין איך זיך שוין ביי אַדלער׳ן אין זיין אָרעמען צימערל אין דעם אָרעמען האָטעל.

אָט אין דעם אָרעמען צימערל וואוינט עס דער גרויסער יאַקאָב אַדלער! — האָב איך ביי זיך געטראַכט מיט אַ געפיהל פון ניט־פריילעכער איבער־ראשונג.

איך בין אָנגעקומען פונקט אין אַ מזל׳דיגער שעה. אַדלער׳ס לאָנדאָנער פרוי דיינע, איז דאַן געלעגן אין קימפּעט. זי האָט געבוירן אַ מיידעלע — די איצטיגע צילי אַדלער. אין דעם קליינעם צימערל האָב איך געפונען עטלעכע מענטשן. די מאַטעריעלע לאַגע איז ביים גרויסן בינע־קינסטלער געווען אַ טרויעריגע, און עס האָט מיר פאַרקלעמט ביים הארצן.

אַדלער, דער גרויסער אַדלער, מיט זיינע וואונדער־שעהנע, קלוגע, גרויסע אויגן, מיט זיין מאַיעסטעטישער פיגור, אין אַ צעריסן זיידען כאַלאַט, אין אויסגעקרימטע אַלטע שטעק־שיך, איז געזעסן און זיך געוויצלט. ער האָט אונז אַלעמען געמאַט צום לאַכן. איך האָב אָבער געפיהלט אין זיין וויצלען־זיך, אַז זיין האַרץ איז פאַרביטערט. די קלוגע דיינע, זיין דאַמאַלסדיגע פרוי, האָט געזיפצט און געזיפצט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער זיפץ איז ניט פון ווייטאָג, נאָר אַז זי קען ניט ליידן, וואָס אַדלער וויצלט זיך און רעדט נאַרישקייטן אין דער צייט, ווען זיי געפינען זיך אין אַ געדריקטער לאַגע. די קימפּעטאָרין האָט זיך ענדלעך ניט געקענט איינהאַלטן און מיט אַ שוואַכן קול האָט זי זיך אָפּגערופן:

— יאַקאָבשי, וואָס טויג דיר דאָס וויצלען זיך? מר. טאָמאַשעווסקי איז דאָך געקומען פון פילאַדעלפיע וועגן ביזנעס.

מיר האָבן באַלד גענומען ריידן וועגן ביזנעס. עס האָט ניט גענומען לאַנג און איך האָב אָפּגעמאַכט מיט אַדלער'ן, אַז ער זאָל קומען שפּילן קיין פילאַדעלפיע. ער האָט מיך געזאָגט, אַז ער וויל אויפטרעטן אין קאַרל גוצקאָוו'ס בארימטער דראַמע „אוריאַל אַקאָסטאַ".

נאָכדעם ווי מיר זענען פאַרטיג געוואָרן וועגן די באַדינגונגען, האָט זיך אַדלער אויסגעפּוצט אין אַ שיינעם ראָק מיט אַ צילינדער־הוט און מיר זענען ביידע אַוועק אין אַ אידישן רעסטאָראַן. דוכט זיך, אַז עס איז געווען אויף קאַנאַל סטריט. זיצנדיג אין רעסטאָראַן רוימט מיר אַדלער איין אַ סוד אין אויער:

— איך מוז מיטנעמען מיט זיך אין פילאַדעלפיע סאָניאַ חיימאָוויטש. איך האָב ניט ווער עס זאָל שפּילן „יהודית" אין „אוריאַל אַקאָסטאַ", און די ראָלע איז זעהר אַ גרויסע. סאָניאַ חיימאָוויטש איז די פּאַסנדע שוישפּילערין פאַר דער ראָלע, זי האָט די ריכטיגע פיגור און זי שפּילט די ראָלע אויס־געצייכנט.

און אַדלער מאַכט שוין אָפּ מיט מיר די באַדינגונגען פאַר סאָניאַ'ן. פון זיינע רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער איז צו סאָניאַ'ן ניט גלייכגילטיג. איך האָב אַדלער'ן ערקלערט, אַז איך האָב אין מיין טרופּע גאַנץ גוטע אַקטריסעס, וועלכע האָבן שוין געשפּילט די ראָלע פון „יהודית", אַז מיין בעסי האָט די ראָלע געשפּילט און אויך מיין שוועסטער, מערי עפּשטיין, איז שוין אין דער ראָלע אויפגעטראָטן. מיינע רייד זענען אָבער געווען אַרויסגעוואָרפן.

— סאָניאַ חיימאָוויטש מוז שפּילן יהודית — איז אדלער געבליבן ביי זיינס, און איך האָב אים געמוזט נאָכגעבן.

ווי איך בין צוריקגעפאָרן קיין פילאַדעלפיע, און האָב אַנאָנסירט אַז עס קומען אָן שפּילן אין מיין טעאַטער דער באַרימטער יאַקאָב אַדלער און סאָניאַ חיימאָוויטש, איז געוואָרן אַ געלויף צו דער קאַסע נאָך טיקעטס. דער געלויף איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב געמוזט די קאַסע עפענען 8 אַזייגער אין דער פרי און זי האַלטן אָפן ביז 12 ביינאַכט. אַלע טיקעטס זענען אויספּאַרקויפט געוואָרן איינינע טעג פאַר די פאָרשטעלונגען. טי־קעטס־ספּעקולאַנטן האָבן געמאַכט אַ סך געלט. אַדלער האָט מיר געלאָזט וויסן ווען ער קומט, און אַלע שוישפּילער פון מיין טרופּע האָבן אים אָפּגע־וואַרט ביים טריין. צום טריין זענען אויך געקומען אַ סך אידן, וועלכע האָבן געקענט אַדלער׳ן פון רוסלאַנד און פון לאָנדאָן, וואו ער האָט געשפּילט. ענגלישע צייטונגען האָבן געשיקט רעפּאָרטערס. מען האָט אַדלער׳ן פאָטאָ־גראַפירט און געהאַט מיט אים אינטערוויוס. אַדלער האָט זיך געפיהלט גליקלעך.

די פּראָבעז זענען צוגעגאַנגען פיין. מיינע אַקטיאָרן האָבן געקענט זייערע ראָלן און אַדלער איז געווען העכסט צופרידן. מיינע שוישפּילער האָבן זיך אַלע באַמיט צופרידנצושטעלן דעם גרויסן גאַסט, און דערפאַר זענען די פּראָבן דורכגעגאַנגען אַזוי פיין.

אַדלער האָט ביי אונז געהאַט אַ קאָלאָסאַלן ערפאָלג. נאָך דער פאָר־שטעלונג האָט דאָס יונגוואַרג אַדלער׳ן אָפּגעוואַרט אין דרויסן פאַרן טעאַטער. ווען ער האָט זיך באַוויזן, האָט מען אים געגעבן אַ גרויסע אָוואַציע.

די ווייטערדיגע פאָרשטעלונגען מיט אַדלער׳ן אַלס דעם הויפּט־גאַס, זענען אויך געווען אַן אומגעהויער ערפאָלג.

דורך דער צייט וואָס ער האָט געשפּילט ביי מיר אין פילאַדעלפיע, האָבן מיר זיך ביידע זעהר באַפריינדעט. מיר פלעגן מאַכן פּלענער פאַר דעם נעקסטן סיזאָן. עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז מיר זאָלן ביידע ווערן פּאַרטנערס.

אין פילאַדעלפיע האָבן אַדלער און סאָניאַ חיימאָוויטש געוואוינט אין אַ אידישן האָטעל אויף פּאַין סטריט. איך געדענק ניט דעם נאָמען פון דעם האָטעל, אָבער איך געדענק, אַז דער אייגנטימער האָט געהייסן נאַגלער. אַדלער האָט געהאַט אַ צימער פאַר זיך און סאָניאַ חיימאָוויטש האָט געהאַט אַ באַזונדערן צימער; האָבן פילאַדעלפיער אידן ניט געהאַט וועגן וואָס

צו רעדן, ווענן וואָס צו פּלאַטקעווען און דער אייפערזיכטיגער חיימאָוויטש, סאָניאַ'ס מאַן, האָט ניט געהאַט אַן וואָס זיך אַנצוטשעפּען.

אַדלער האָט זיך אין פילאַדעלפיע באַקאַנט מיט שעהנע ווייבלעך און מיידלעך, וועלכע זענען געקומען צו מיר אין טעאַטער, און איינינע פון זיי זענען געקומען ספּעציעל צו אים. ער איז ווירקליך געווען שעהן, אינטער־רעסאַנט און מערקווירדיג עפעקטנע. יעדן טאָג און נאַכט זענען געווען הוליאַנקעס און די אַלע הוליאַנקעס זענען געהאַלטן געוואָרן בסוד. עס האָט געהייסן, אַז מיר גייען כלומרשט ווענן ביזנעס.

צו יענער צייט איז פילאַדעלפיע געווען אַ פריילעכע שטאָט, אַלץ איז געווען פריי און אָפן — סאַלונס, ביר־האַלס, פריילעכע הייזלעך — אידישע און קריסטלעכע. אויף דער אַכטער סטריט האָט אַן אָדעסער אידל געהאַט אַ פריילעך הייזל. ער האָט מיך און אַדלער'ן שטאַרק ליב געהאַט, פלעגט ער אונז אָפט איינלאַדן צו זיך אַלס זיינע געסט. אַדלער האָט די פריילעכקייט נאָך פריילעכער געמאַכט.

ער האָט געקענט פריילעך מאַכן מיט זיינע מעשה'לעך און וויצן. ער איז אויך געווען אַן אויסגעצייכנטער טענצער, ער האָט געקענט אַלע אָדעסער וואַויל־יונגערישע טענצלעך, און די פילאַדעלפיער ווייבלעך און מיידלעך — איך מיין די אנשטענדיגע — האָבן זיך די טענץ שנעל אויסגעלערנט. קורץ, עס איז געווען לעבעדיג און פריילעך. שפּעטער, אין זיינע עלטערע יאָרן, ווען אַדלער פלעגט מיט מיר רעדן ווענן יענער צייט, ווען ער האָט געשפּילט ביי מיר אין פילאַדעלפיע, פלעגט ער דערמאָנען יענע פריילעכע אָוונטן און טעג, און אויסגעדריקט אַ בענקעניש נאָך זיי.

אַדלער איז אויפגעטראָטן אין אַ צווייטער פּיעסע „משה'לע סאָלדאַט" און ער האָט ווידער אַרויסגעוויזן אַ גרויסן קינסטלערישן טאַלאַנט און ווידער גענומען פילאַדעלפיע מיט שטורם. די מיידלעך און ווייבלעך האָבן ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג פון דער נייער פּיעסע אַדלער'ן פאַרוואָרפן מיט בלומען.

אַזוי האָבן מיר געשפּילט ביז עס זענען אָנגעקומען די גרויסע היצן און עס איז שווער געווען צו שפּילן טעאַטער. דאָס פּובליקום איז אפילו אין די שרעקלעכע היצן געקומען אין טעאַטער, אָבער פאַר אונז אַקטיאָרן, איבערהויפּט פאַר אַדלער'ן, איז געווען שווער צו שפּילן. נאָר ניט קוקנדיג אויף די גרויסע היצן וואָלטן מיר נאָך ווייטער געשפּילט. עס האָט אָבער פּאַסירט אַ צרה:

אין א געוויסן טאג איז דיינע אדלער פלוצלונג געקומען קיין פילאדעלפיע. זי האט אדלער׳ן ניט געלאזט וויסן, אז זי קומט. זי האט אים ניט געפונען ביי זיך אין צימער, אין האטעל. עפעס האט זי שוין אין ניו יארק געהערט וועגן זיינע באציהונגען מיט סאניא חיימאוויטש, און דאס אייגענטלעך האט איר געמאכט קומען פלוצלונג אין פילאדעלפיע, און זי האט געטראפן דאס, וואס זי האט ערווארטעט. אין דעם קליינעם אידישן האטעל האט אויס־געבראכן א סקאנדאל און אדלער איז אין מיטן דער נאכט אנטלאפן. וואוהין ער איז אנטלאפן, האבן מיר ניט געוואוסט. סאניא חיימאוויטש איז צוריק קיין ניו יארק ניט געפארן. זי איז פארבליבן אין פילאדעלפיע. פון האטעל האט זי זיך אריבערגעקליבן אין א מעבלירטער וואוינונג.

איך האב ארויסגעלאזן הענדבילס מיט אן ערקלערונג, אז אדלער איז פלוצלונג קראנק געווארן און אז ער האט געמוזט אוועקפארן אין א סאנ־ניטאריום זיך אפרוהען אויף א געוויסע צייט. ער האט צו שווער געארבעט ביים צוגרייטן די פיעסע „משה׳לע סאלדאט״, און ער איז מיד — האב איך געשריבן אין די הענד־בילס, — און דער עולם האט מיר געגלויבט. איך האב דאן אפגעמאכט מיט דיינע אדלער, אז זי זאל אויפטרעטן אין מיין טעאטער. אויף א גרויסן שטייגער האב איך אנאנסירט די נייע שוישפילערין, דיינע אדלער, אדלער׳ס פרוי. זי איז אויפגעטראטן אין דער פיעסע „דעבא־ראה״. דאס שפילן איז איר אזוי לייכט ניט אנגעקומען. זי האט געהאט א פיצעלע קינד נעבן זיך און זי איז נעבעך געווען אויסגעמוטשעט פון די צרות, וואס אדלער האט איר פארשאפט מיט זיין אנטלויפן, אבער זי האט געהאט אן אומגעהויערן ערפאלג ביים פילאדעלפיער אידישן פובליקום.

די היצן זענען אבער געווען אזעלכע שרעקלעכע, אז איך האב ענדלעך געמוזט צושליסן דאס טעאטער. דיינע אדלער איז אוועק צוריק קיין ניו יארק און מיינע אקטיארן זענען זיך אויך צעפארן. איך האב געפלאנעוועט צו נעמען פאר מיין גאנצער משפחה א הויז אין דער קאנטרי, וואו מיר זאלן פארברענגען ביז ענדע זומער. פלוצלונג באקום איך א בריוו פון אדלער׳ן פון שיקאגא, א געשעפטלעכן בריוו.

כאטש איך האב מיט אדלער׳ן אינטים פארבראכט עטלעכע וואכן אין פילאדעלפיע, די צייט וואס ער האט געשפילט אין מיין טעאטער, האב איך זיך ערשט איצט איבערצייגט, אז איך האב אים גוט ניט געקענט. איך האב געגלויבט, אז אדלער איז א ביזנעסמאן, אז מען קען זיך אויף אים פארלאזן אין דער הינזיכט, איצט אבער האב איך אויסגעפונען, אז וואס אמבעלאנגט

געשעפט, קען מען זיך אויף אים ניט פאַרלאָזן, ווי מען זאָגט, אַ קאַץ אַן עק צו פאַרבינדן. אַדלער איז געווען אַ גרויסער אַרטיסט, אַ קלוגער, דורכ־געטריבענער שוישפּילער, ער האָט געקענט אַלע קונצן פון דער בינע, אָבער אין ביזנעס איז ער געווען אַ קאַליקע. נאָך אַ זאַך: אַדלער האָט ליב געהאַט לאַנג צו שלאָפן, צו דערציילן מעשיות, אַנעקדאָטן, אָפּצוטאָן אַלערליי שפּיצלעך, אָבער טאָן עפּעס ממשות׳דיגעס אין ביזנעס — צו דעם האָט ער אַבסאָלוט ניט געטויגט.

אין דעם בריוו וואָס איך האָב באַקומען פון אַדלער׳ן פון שיקאַגאָ, האָט ער מיר געשריבן אַז ער איז דאָרט שוין פיר וואָכן, און ער האָט נאָך גאָרניט אויפגעטאָן, און ער קען גאָרניט אויפטאָן. קיין טעאַטער קען ער ניט קריגן און ער קען ניט פאַראינטערעסירן קיינעם, וואָס זאָל אים אין דעם העלפן. אַדלער בעט מיך אין דעם בריוו, אַז איך זאָל נעמען סאָניאַ׳ן און זאָל באַלד קומען קיין שיקאַגאָ. ער פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אויף מיר. איך וועל שוין דאָרטן קריגן אַ טעאַטער. ער פאַרזיכערט מיר, אַז אין שיקאַגאָ זענען דאָ אַ סך אידן און מיר וועלן דאָרט קאָנען מאַכן גוטע געשעפטן.

אַז שיקאַגאָ האָט אַ סך אידן און אַז מ׳קאָן פאַר זיי שפּילן אידיש טעאַטער — האָב איך געוואוסט אָהן אַדלער׳ן, ווייל איך האָב דאָך שוין געשפּילט אין שיקאַגאָ, און מיט דערפאָלג.

אַזוי ווי אין פילאַדעלפיע האָט מען שוין סיי ווי סיי ניט געשפּילט, האָב איך ערקלערט מיינע אַקטיאָרן, אַז איך פאָר קיין שיקאַגאָ צו אַדלער׳ן און ווי באַלד מיר וועלן דאָרט אַוועקשטעלן אַ טרופּע, וועל איך זיי אַהיננעמען.

אַדלער׳ן האָב איך באַלד געענטפערט, אַז איך קום קיין שיקאַגאָ. מיט סאָניאַ׳ן האָב איך ניט געדאַרפט קיין סך ריידן, אַז זי זאָל מיט מיר מיט־פאָרן. זי איז שוין דאַן געווען שטאַרק פאַרליבט אין אַדלער׳ן, פאַרליבט איבער די אויערן. מיט גרויס פרייד האָט זי זיך גענומען פּאַקן און זיך מאַכן גרייט צו דער רייזע. דעם גאַנצן וועג קיין שיקאַגאָ האָט סאָניאַ ניט אויפגעהערט צו ריידן וועגן אַדלער׳ן. זי האָט זיך פאַר מיר מודה געווען, אַז זי וועט פאַרלאָזן איר מאַן, חיימאָוויטש׳ן, זיך מיט אים גט׳ן און דאַן חתונה האָבן מיט אַדלערן.

מיר זענען אָנגעקומען אין שיקאַגאָ אַרום 3 אַזייגער פאַרטאָג. דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגעשריגן „שיקאַגאָ״, זענען מיר אַרונטערגעגאַנגען פון וואַגאָן מיט אונזערע פּעקלעך. מיר האָבן אָבער געמאַכט אַ גרויסן טעות. מיר האָבן געדאַרפט נאָך פאָרן אַ פּאָר סטאַנציעס ביזן דיפּאָ. (אַרונטער־

געגאַנגען זענען מיר אויפֿן סטיישאַן אין די שלאַכט־הייזער וואו עס ווערן געקוילעט צענדליגער טויזנטער בהמות און עס ווערט צוגעפּערטיגט פלייש פאַר גאַנץ אַמעריקע). עס איז נאָך געווען שטאָק פינסטער. די פינסטערניש איז פון צייט צו צייט דורכגעשניטן געוואָרן פון בליצן און דונערן. עס האָט אויסגעזען, אָט־אָט ברעכט אויס אַ רעגן, און דאָ זענען מיר אין די שלאַכט־הייזערן קיין קאַר גייט ניט, קיין קעריִדזשעס זעט מען ניט. מען זעט ניט קיין לעבעדיגן מענטשן אין גאַס. עס איז ניטאָ ביי וועמען צו פרעגן וואוהין מיר דאַרפן גיין. פון דערוווייטנס האָט זיך געזען די שטאָט, האָבן מיר באַשלאָסן צו גיין אַהין צופוס. מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין מיט די פּעקלעך אויף די פּלייצעס, און פּעקלעך האָבן מיר געהאַט גענוג און גאַנץ שווערע. סאָניאַ האָט געהאַט עטלעכע העט־באָקסעס און סתם פּעק, גרויסע און קליינע. מיר האָבן געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. ביי יעדן בלאָק האָבן מיר זיך געמוזט אָפּרוהען. אַרום זעקס אַזייגער זענען מיר אָנגעקומען אין שטאָט. מיר זענען געווען גליקלעך, ווען מיר האָבן דערזען אַ פּאָליסמאַן. איך בין צוגעגאַנגען צו אים און געפרעגט, ווי ווייט איך האָב צו גיין צו דעם הויז, וואו אַדלער האָט געוואוינט. איך האָב דעם פּאָליסמאַן געגעבן דעם נומער פון הויז און אויך דעם נאָמען פון דער גאַס. דער פּאָליסמאַן האָט מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז מיר דאַרפן נאָך גיין בלויז עטלעכע בלאָק און מיר וועלן צוקומען צו דער 12טער סטריט וואו אַדלער האָט געוואוינט. מיר זענען געווען מיד און צעבראָכן פון גיין אַזאַ מהלך מיט די פּעק אויף די פּלייצעס, אָבער אויפֿן האַרץ איז שוין געווען אַביסל לייכטער. אָט באַלד, באַלד וועלן מיר זיין אין אַ צימער און זיך אָפּרוהען.

גייענדיג אַזוי, זע איך פון דערוווייטנס ווי עס רוקט זיך אַ צילינדער־הוט. איך האָב דערקענט אַדלער׳ן, און געוואָלט אויסשרייען „אַדלער׳ן" און אים צורופן. איך האָב זיך אָבער באַלד צוריקגעהאַלטן. איך האָב באַמערקט, אַז ער גייט ניט אַליין. ביי זיין זייט גייט אַ דאַמע. ער איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין געשפּרעך מיט זיין באַגלייטערין, אַז ער האָט אונז ניט געזען. איך האָב מורא געהאַט, אַז ווען סאָניאַ וועט אים דערזען מיט אַ פרוי, וועט זיין אַ סקאַנדאַל, האָב איך סאָניאַ׳ן גענומען אונטערן אָרעם, כדי מיט איר אַריבערצוגיין אויף דער אַנדערער זייט סאַידוואָק. איך האָב גערעכנט, אַז גייענדיג אויף דער צווייטער זייט וועט זי אַדלער׳ן ניט באַמערקן, אָבער סאָניאַ וויל ניט אַריבערגיין. זי זאָגט, אַז דער נומער וואָס מיר דאַרפן איז אויף דער זייט סאַידוואָק.

און דאָס אומגליק איז געשען: אַדלער מיט אַ גראָבער מויד קומען אונז אַן גלייך אין פּנים אַריין. סאָניאַ האָט אַ קוויטש געטאָן מיט איר סאָפּראַן־שטימע, און די גראָבע מויד איז פון שרעק אַנטלאָפן ווי אַן אָפּגעבריטע.

איך האָב געהאַט אַ דזשאָב צו מאַכן שלום צווישן סאָניאַ'ן און אַדלער'ן. ווען סאָניאַ האָט זיך אַביסל באַרוהיגט, האָט אַדלער אונז אַריינגעפירט צו זיך אין צימער.

אַ צימער! עס איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן אַריינקומענדיג אַהין. אַ קליין פינסטער צימערל, מיט אַ פענסטערל איבער דער טיר, אַ צעבראָכן בעטל, אַ צעבראָכן טישל מיט צוויי צעבראָכענע שטולן. קיין גאַז איז ניט געווען. אַ ליכט האָט געברענט אויפן טיש. דאָס צימער האָט זיך געפונען אויפן צווייטן שטאָק אין אַ יאַרד־הויז. אַדלער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז קיין בעסערע וואוינונג האָט ער ניט געקענט קריגן דאָ, אין דער אידישער געגענד. סאָניאַ האָט זיך געבייזערט, געוויינט, זיך געפּעסטשעט און זיך ענדלעך איבערגעבעטן.

מיר האָבן אַ ווײַלע גערעדט וועגן אונזערע פּלענער. איך האָב אַדלער'ן און סאָניאַ'ן געטרייסט, אַז איך וועל געפינען אַ שענערן צימער פאַר זיי און פאַר מיר און מיר האָבן זיך געלעגט שלאָפן. ווען מיר זענען אויפגעשטאַנען, האָט אַדלער גענומען דערציילן ווי עס האַלט מיט אים אין שיקאַגאָ, פאַרוואָס ער האָט גאָרניט געקענט אויפטאָן. ער דערציילט מיר אַז אַ געוויסער היימי רובינשטיין, אַ סאַלון־קיפּער, בויט אַ אידיש טעאַטער און אַז עס דאַרף נאָך נעמען אַ פּאָר יאָר ביז דאָס טעאַטער וועט פאַרטיג ווערן. איך דערצייל אַדלער'ן, אַז רובינשטיין איז מיינער אַן אַלטער פריינט, אַז איך בין באַפריינדעט מיט זיין גאַנצער פאַמיליע, אַז לעאָן גאָלובאָק האָט חתונה געהאַט מיט רובינשטיינ'ס אַ שוועסטער און אַז איך בין געווען אַ באָרדער ביי די רובינשטיינס אין הויז און בין געווען פאַרליבט אין זיין אינגערער שוועסטער, איוואַ.

איך האָב זיך געזען מיט רובינשטיינ'ען. ער האָט געמאַכט אַ פאָרשלאָג, אַז אַדלער זאָל קריגן אַזוי פיל און אַזוי פיל ווייךזשעס אַ וואָך, ער זאָל אָבער ניט שפּילן און וואַרטן ביז זיין טעאַטער וועט פאַרטיג ווערן. איך האָב רובינשטיינ'ען ערקלערט, אַז זיין פּלאַן איז טאַקע דער פּלאַן פון

א גוטן ברודער א ספּאָרט, אָבער זעהר ניט קיין פּראַקטישער. מיר קענען ניט זיצן אין שיקאַגאָ און וואַרטן ביז זיין טעאַטער וועט פאַרטיג ווערן.

איך האָב אַליין גענומען זוכן א טעאַטער. ווען איך האָב דעם ערשטן מאָל געשפּילט אין שיקאַגאָ, האָב איך זיך דאָרטן פאַרשאַפט א סך פריינט, דאָב איך איינינע פון זיי אָפּגעזוכט. אַנדערע, דערוויסנדיג זיך, אַז איך בין אין שיקאַגאָ, האָבן מיך אָפּגעזוכט. דורך מיר האָבן זיך מיינע פריינט ערשט דערוואוסט, אַז דער באַרימטער יאַקאָב אַדלער געפינט זיך אויך אין שיקאַגאָ, וואָרום אַדלער אַליין האָט פון זיך ניט געלאָזט הערן. ער האָט ערגעץ געפּאַקט די גראָבע מויד און נאָך עטלעכע מוידן און פלעגט זיך מיט זיי אַרומשלעפּן טאָג און נאַכט און גאָרניט געטאָן צו קריגן א טעאַטער. מיינע פריינט האָבן מיר אָנגעוויזן אויף דעם סטאַנדאַרד טעאַטער, וועלכער איז געווען געשלאָסן פאַר די זומער־מאָנאַטן. זיי האָבן מיר אויך אָנגעוויזן אויף דער אַקאַדעמי אָוו מיוזיק, וואָס האָט זיך געפונען מיט א צוויי בלאָק ווייטער פון סטאַנדאַרד טעאַטער, און וואָס איז אויך געווען פאַרמאַכט איבער די זומער־מאָנאַטן. איך בין אַוועק צום באַלעבאָס פון סטאַנדאַרד טעאַטער. דאָס איז געווען א דייטשער איד. זיין נאָמען האָב איך פאַרגעסן. ער איז געווען זעהר א פיינער מאַן און זיך געהאַלטן מעשה אַריסטאָקראַט. איך האָב אים ערקלערט ווער איך בין און אַז מיין פּאַרטנער איז דער באַרימטער יאַקאָב פּ. אַדלער. דער דייטשער איד האָט קיין אהנונג ניט געהאַט וועגן אידישן טעאַטער. אים איז אָבער געפעלן געוואָרן מיין פּלאַן, וואָס איך האָב אים פאָרגעלייגט און ער האָט מיר געגעבן זיין שעהנעם סטאַנדאַרד טעאַטער אויף די זומער־מאָנאַטן ביז עס וועט זיך אָנהייבן דער ענגלישער טעאַטער־סעזאָן.

ווען איך בין אַהיימגעקומען און איבערגעגעבן אַדלער'ן וואָס איך האָב אויפגעטאָן, איז ער געווען העכסט צופרידן. דאָ איז אָבער געווען א פראַגע וועגן געלט. מען האָט געדאַרפט האָבן אַמווייניגסטנס צווישן אַכט הונדערט און טויזנט דאָלער. מען האָט געדאַרפט ברענגען די טרופּע פון פילאַדעלפיע, מען האָט געדאַרפט מאַכן דעקאָראַציעס און אַנדערע זאַכן. אַדלער'ס א הייסער פּאַטריאָט, נאָך פון אָדעס, א רויטער איד, א שניידער, א גאַנץ רייכער, האָט אונז צוגעזאָגט צו לייען טויזנט דאָלער. מיר האָבן זיך דערפרייט. ער האָט אָבער אונז געצויגן פון טאָג צו טאָג. יעדן טאָג האָט ער געהאַט אַנדערע אויסריידן. מיר האָבן ענדלעך איינגעזען, אַז דער רויטער שניידער בלאָפט אונז, אַז ער וועט קיין געלט ניט געבן. א געוויסן טאָג זאָגט צו מיר אַדלער:

— טאָמאַשעווסקי, לאָמיר היינט, צום לעצטן מאָל, זיך דורכריידן מיטן רויטן שניידער, יאָ — יאָ, ניין — ניין, וועלן מיר וויסן וואו מיר האַלטן אין דער וועלט.

איך בין מיט אַדלער'ן אַוועק צו זיין פּאַטריאָט, דעם רויטן שניידער. ער האָט געהאַלטן אַ סטאָר אויף סאָוט סטריט. דערזעענדיג אונז פון דער־ווייטנס, האָט ער זיך באַהאַלט צווישן די הענגענדיגע קליידער אין סטאָר, אַזוי אַז מיר זאָלן אים ניט אַרויסזען. איך האָב אים אָבער דערזען און אים אַרויסגעשלעפּט פון זיין באַהעלטניש. וואָס מיר און אַדלער'ן איז געווען אויפן הארצן, האָבן מיר צו אים אויסגעלאָזט. מיר זענען אַוועק פון אים באַליידיגטע, פאַרשעמטע. פון ווייטאָג האָט אַדלער זיך שיער צעוויינט. איך האָב אים געטרייסט און געבעטן, ער זאָל ניט זיין פאַרצווייפלט — גאָט וועט שוין העלפן. מיינע טרייסט־ווערטער האָבן אָבער ניט געהאָלפן; אַזוי פאַרצווייפלט און דערשלאָגן איז ער געווען. ער האָט ניט געקענט גיין, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיינערנע באַנק נעבן פּאָסט־אָפּיס און געבעטן אַ גלאָז וואַסער. ניט ווייט פון אונז איז געשטאַנען אַן אַלטע קריסטין און פאַרקויפט לעמאָנאַד צו צוויי סענט אַ גלאָז. אַדלער האָט אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזער לעמאָנאַד און דאָס האָט אים אַביסל אויפגעמונטערט.

— הערט, — זאָגט צו מיר אַדלער, — מיין סאָניאַ האָט אַ סך צירונג, פאַר שווערע טויזנטער דאָלער. מיר וועט זי דאָס ניט געבן. אייך, אָבער, בין איך זיכער, וועט זי דאָס צירונג יאָ געבן צו פאַרזעצן. אויב איר וועט איר צוזאָגן, אַז באַלד נאָך די ערשטע עטלעכע פאָרשטעלונגען וועט איר דאָס אויסלייזן פון פּאָן־שאָפּ, און זאָגט איר אויך צו, אַז איר, דאָס הייסט, די גאַנצע טרופּע, וועט איר דערפאַר קויפן אַ שעהנע מתנה.

איך האָב אַדלער'ן געפאָלגט און בין אַוועק אויף דער צוועלפטער סטריט אין אַדלער'ס וואוינונג. איך קום אַריין אין שטוב, זעה איך ווי סאָניאַ פּאַקט אירע זאַכן. אויף מיין פראַגע, וואָס זי פּאַקט זיך עפּעס, ענטפערט מיר סאָניאַ, אַז זי זעט דאָ ניט קיין שום אויסזיכט, אַז מיר זאָלן קענען שפּילן טעאַטער און אַז זי פאָרט צוריק קיין ניו יאָרק. איך האָב איר ערקלערט וועגן דעם סטאַנדאַרד טעאַטער, וואָס איך האָב גענומען, און איר דערציילט, אַז דער רויטער שניידער האָט אונז אָפּגעבלאָפט, און בין ענדלעך צוגעקומען צום פּסוק:

— סאָניאַ, איך וויל איר זאָלט מיר געבן, אָבער טאַקע נאָר מיר, אייער

צירונג. איך וועל דאָס פאַרזעצן אין פאָון־שאָפּ פאַר עטלעכע הונדערט דאָלער און וועל שיקן נאָך דער טרופּע אין פילאַדעלפיע. איך גאַראַנטיר אייך, אַז פון דעם ערשטן געלט וואָס וועט אַריינקומען וועל איך דאָס צירונג אַרויסנעמען און וועל אייך נאָך קויפן אַ שעהנע מתנה.

איך האָב אַ היבשע ווײַלע מיט איר איינגע׳טענה׳ט. זי האָט געזען, אַז איך בין ערנסט, אויפריכטיג און זי האָט מיר ענדלעך געגעבן געגוג צירונג אויף וועלכע איך האָב געקענט קריגן אפילו טויזנט דאָלער. איך האָב איר זעהר געדאַנקט און בין גלייך אַוועק צום פּאָסט־אָפיס, וואו איך האָב איבערגעלאָזן אַדלער׳ן זיצן אויף דער שטיינערנער באַנק. איך האָב אים געפונען זיצן אויפן זעלבן פּלאַץ. ער איז אַנדרעמלט געוואָרן. איך האָב אים אויפגעוועקט און אָנגעזאָגט די גוטע בשורה. אַדלער האָט זיך דער־פרייט ווי אַ קליין קינד און געבענשט סאָניאַ׳ן פאַר איר גוט האַרץ.

— אַצינד זענען מיר געראַטעוועט! — האָט אַדלער אויסגערופן. — טאָמאַשעווסקי ברודער, מיר וועלן דאָ אין שיקאַגאָ מאַכן אַ סך געלט!

מיר זענען ביידע אַוועק אין אַ אידישן פּאָון־שאָפּ און האָבן פאַרן צירונג געקראָגן, אויב איך האָב קיין טעות ניט, אַכט הונדערט דאָלער. גליקלעכע זענען מיר פון פּאָון־שאָפּ אַוועק צו סאָניאַ׳ן. מיר האָבן זי געפונען אַ פאַרוויינטע.

— מיין ביסל צירונגן — האָט זי געקלאָגט. — ניט דו, יאַקאָב, האָסט מיר די צירונג געקויפט, — האָט זי מיט טרויעריגע בליקן געקוקט אויף אַדלער׳ן, — דאָס איז די צירונג פון מיין מאַן, פון מיין אייגענער פּראַצע. פון דיר האָב איך נאָך גאָרניט געהאַט, אויסער צרות, גרויסע צרות!

אַדלער האָט סאָניאַ׳ן געקושט און זי געטרייסט, אַז אַלץ וועט זיין אַלראַיט.

— מיר האָבן מיט זיך טאָמאַשעווסקי׳ן! — האָט ער אויסגערופן אַ פרעהלעכער. — ער איז אַ ביזנעסמאַן. ער וועט שוין זען, אַז אונז אַלעמען זאָל זיין גוט.

אַדלער האָט מיך אויך געקושט. מיר זענען אַלע דריי אַוועק דאַון־טאַון אין אַ גרויסן רעסטאָראַן, וואו מיר האָבן דערקוויקט אונזערע מאָגנס און גערעדט וועגן ווייטערע פּלענער. מיר האָבן באַשלאָסן צו דינגען אַ גרויסע הויז מיט אַ סך צימערן, וואו אַלע שוישפּילער פון דער טרופּע זאָלן וואוינען. מיר וועלן צונעמען אַ קעכין און אַ פרוי אויפצורוימען. סאָניאַ האָט זיך אונטערגענומען צו דינגען אַזאַ הויז און איך בין אַוועקגעפאָרן קיין פילאַ־

דערלפיע נאָך דער טרופּע. אין דער צייט וואָס איך בין געווען אוועקגעפאָרן האָט אַדלער אַרויסגעלאָזן אַ פּאָוסטער, אַז מיר הייבן אָן געבן פאָרשטעלונגען אין סטאַנדאַרד טעאַטער, אַז מיר הויבן אָן מיט גאָלדפאַדנע׳ס „שולמית״, אַז סאָניאַ חיימאָוויטש וועט שפּילן „שולמית,״ באָריס טאָמאַשעווסקי „אבשלום,״ יאַקאָב אַדלער „מנוח,״ עליאַס גליקמאַן „צינגענטאַנג,״ מערי עפּשטיין (מיין שוועסטער) „אביגיל״, אויפן פּאָוסטער זענען אויך אויסגערעכנט געוואָרן די איבעריגע אַרטיסטן, וואָס וועלן אנטייל נעמען אין דער אָפּערעטע. אונטערן פּאָוסטער איז מיט גרויסע בוכשטאַבן געווען אַנאָנסירט: „יאַקאָב אַדלער און באָריס טאָמאַשעווסקי, מענעדזשערס.״

אידן האָבן אויסגעקויפט די טיקעטס נאָך איינִיגע טעג פאַר דער פאָרשטעלונג. אין שיקאַגאָ איז געוואָרן פרעהלעך, אָבער ביי מיר אין פילאַדעלפיע איז נאָך פרעהלעכער געווען. מיין בעסי׳לע האָט מיר אַ טעכטערל געבוירן, מיין אסתר׳ל. דאָס איז געווען אַ זעלטן שעהנע קינד. איך און בעסי׳לע זענען געווען די גליקלעכסטע טאַטע־מאַמע. איך און בעסי האָבן זיך זעהר שטאַרק ליב געהאַט, כאָטש איך בין פאַרגעטערט געוואָרן פון די שענסטע ווייבלעך און מיידלעך. אומעטום וואו איך בין געקומען, האָב איך געהאַט שעהנע פרויען אַרום זיך, אָבער די שענסטע און די ליבסטע און די הייליגסטע איז ביי מיר געווען בעסי.

ביי מיין טרופּע איז געווען אַ דאָפּלטע שמחה — וואָס איך און בעסי זענען געוואָרן טאַטע־מאַמע און וואָס מיר פאָרן קיין שיקאַגאָ.

ווען מיר זענען געקומען אין שיקאַגאָ האָבן מיר געפונען אַן איי̆גענע היים, אַ גרויס הויז מיט אַ סך צימערן, אויסמעבלירט זעהר שעהן, ניט רייך אָבער באַלעבאַטיש. מיר האָבן אויך געטראָפן דאָרטן אַ פרוי, וואָס האָט אויפגעפּאַסט אויפן הויז. איר נאָמען איז געווען שרה. דאָס איז געווען אַ פיינע, איידעלע, ציכטיגע פרוי. זי האָט געפירט אונזער באַלעבאַטישקייט אויפן בעסטן און שענסטן אופן. יענע גליקלעכע צייט וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. אויך אַדלער האָט יענע צייט קיין מאָל ניט פאַרגעסן. גאַנץ אָפט אין שפּעטערע יאָרן, ווען מיר פלעגן זיך צוזאַמענקומען, האָבן מיר זיך דערמאָנט אָן יענע גליקלעכע טעג אין שיקאַגאָ. אונזערע שוישפּילער האָבן זיך געפיהלט גליקלעך. יעדער איינער האָט געקראָגן אַ שעהנעם, ליכטיגן, ריינעם צימער און געגעסן און געטרונקען פון דאָס בעסטע.

פיר וואָכן האָבן מיר געשפּילט „שולמית“. יעדע פאָרשטעלונג איז געווען איינגאַנצן אויספאַרקויפט נאָך מיט סטענדינג רום. מיר האָבן די זעלבע אָפּערעטע געמוזט שפּילן נאָך צוויי וואָכן. אַזוי גרויס איז געווען אונזער ערפאָלג. אַדלער פלעגט בעטן ביי גאָט, אַז אידן זאָלן אויפהערן צו קומען צו „שולמית“, ווייל ער האָט אין דער פּיעסע געשפּילט אַ קליינע ראָלע.

— טאָמאַשעווסקי, — פלעגט ער בעטן ביי מיר, — לאָמיר שוין אוועק־וואַרפן „שולמית“ן

איך האָב אים געמאַכט אַ פאָרשלאָג:

— ווייסט איר גאָר וואָס, אַדלער, שפּילט איר „אבשלום“ און אין־ וועל שפּילן אייער ראָלע, שולמית׳עס טאַטע.

— וואָס רעדסטו, טאָמאַשעווסקי, — האָט אַדלער זיך געערגערט. — ווען איך זאָל קענען זינגען, וואָלט איך שוין לאַנג געשפּילט „אבשלום“, האָט מיך אָבער גאָט געשטראָפט, איך האָב ניט קיין שטימע. אין דער ערד אַריין!

אַדלער האָט אַלץ ניט אויפגעהערט צו פאָדערן, אַז מיר זאָלן אויפפירן אַן אַנדער פּיעסע; אָבער ווי אויף להכעיס, זענען אידן געלאָפן זען „שולמית“, און וואָס פאַרע אידן! די רייכסטע פון שטאָט. עס פלעגן קומען מענטשן אין זייערע אייגענע קאַרעטן, אידן אין פראַקן, פרויען אין באַל־קליידער, באַהאַנגען מיט טייערע צירונג. ביי מיר און ביי אַדלער׳ן זענען די טויזנטער אין באַנק געוואַקסן. עשירים זענען מיר געוואָרן, און בעסי׳ לע און מיין טעכטערל האָבן געבליהט ווי בלומען. מיר זענען אַלע געווען העכסט גליקלעך, ביז עס האָט זיך געענדיגט אונזער סעזאָן און די ענגלישע טרופּע האָט זיך שוין גענומען אַריינקלייבן אין דעם סטענדאַרד טעאַטער אויפן נייעם סעזאָן. אייגנטלעך זענען מיר געווען צופרידן וואָס מיר האָבן געענדיגט די פאָרשטעלונגען. מיר זענען אַלע געווען זעהר אויסגע־מאַטערט פון שפּילן יעדע נאַכט און שבת און זונטאָג צוויי מאָל אין טאָג, און מיר האָבן זיך אַלע גענויטיגט אין אַ ביסל רו.

היימי רובינשטיין, דער סאַלון־קיפּער איז געקומען צו מיר און גענומען פאַרהאַנדלען, אַז מיר זאָלן אַלע וואַרטן ביז זיין טעאַטער וועט פאַרטיג ווערן. ער וועט צושטעלן מער אַרבעטער, מען וועט אַרבעטן בייטאָג און ביינאַכט און ער וועט זען אַז דאָס טעאַטער זאָל פאַרטיג ווערן אין אַ פינף העכסטנס זעקס, חדשים אַרום. ער האָט אויך פּרובירט אונטערקויפן אַדלער׳ן מיט עטלעכע טויזנט דאָלער. אַדלער האָט זיך אויסגעלאַכט פון רובינשטיינ׳ען און פון זיין כאַבאַר. ער האָט מיר אַלץ דערציילט, וואָס רובינשטיין פאַר־

לאַנגט פון אים. מיר האָבן קיין טעאַטער ניט געקענט קריגן און געבן פאָרשטעלונגען אין אַ האַל האָבן מיר ניט געוואָלט.

חברה אַקטיאָרן האָבן דערוואייל צע׳פּטר׳ט זייערע פּאָר דאָלער; אייניגע האָבן זייער גאַנץ געלט פאַרשפּילט אין קאָרטן. אַקטיאָרן האָבן אָנגעהויבן צו בורטשען, און מיט זיי זיך צו קריגן איז ניט געווען ראַטזאַם, ווייל צו יענער צייט זענען קיין סך פעהיגע אידישע אַקטיאָרן ניט געווען. איך אַליין בין שוין אויך געוואָרן אָפּהענטיג ביי זיך. אמת קיין געלט האָט מיר ניט געפעלט, אָבער כ׳האָב געוואָלט שפּילן טעאַטער. די פון אונז וואָס האָבן זיך געניוויטיגט אין געלט, האָב איך געהאָלפן, און אַזוי האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט אין שיקאַגאָ אָהן שום אויסזיכט אויף אַ טעאַטער.

הייִמי רובינשטיין איז שוין מער צו אונז ניט געקומען. ער האָט זיך געטרייסט, אַז סיי ווי האָבן מיר ניט וואו צו שפּילן, וועלן מיר זיין געצוואונגען צו וואַרטן ביז זיין טעאַטער וועט פאַרטיג ווערן. אַדלער פלעגט אָפּט קרעכצן.

— וואָס וועט זיין דער סוף? — האָט ער געהאַלטן אין איין פרעגן. — עס איז שוין פאַר׳מיאוס׳ט געוואָרן אַרומצוגיין פּוסט־און־פּאַס. עס ווילט זיך שוין אַשפּיל טאָן.

— נו, איר האָט דאָך אַ יונג שעהנע ווייבל, דאַרף אייך ניט זיין אַזוי לאַנגווייליג, — פלעג איך זיך וויצלען.

אַדלער האָט געלאַכט, די איבעריגע פון אונזער קאָמפּאַני האָבן מיטגעלאַכט; אָבער אין האַרצן איז געווען אומעטיג. יעדן טאָג פלעג איך אַרומגיין אין טעאַטער־דיסטריקט, געזוכט, געשניטערט, אָבער אומזיסט איז געווען מיין זוכן — עס איז ניט געווען וואו צו קריגן אַ טעאַטער.

צופעליג האָב איך זיך באַקאַנט מיטן אייגנטימער פון דער עקעדעמי אָוו מיוזיק, וואָס האָט זיך געפונען אויף האָלסטעד סטריט, עטלעכע בלאָק פון סטאַנדאַרד טעאַטער. ער איז געווען אַ דייטשער איד. איך האָב אים פאָרגעלייגט אַ פּלאַן, אַז מיר זאָלן שפּילן ביי אים אין זיין טעאַטער. ער האָט אין זיין לעבן נאָך קיין אידיש טעאַטער ניט געהאַט געזען, פון אַדלער׳ן און פון מיר האָט ער אָבער געהערט. די עקעדעמי אָוו מיוזיק איז צו יענער צייט געווען אַן ערשט־קלאַסיגער טעאַטער. דאָרט האָבן געשפּילט באַרימטע אַמעריקאַנער סטאַרס ווי עדווין בוטה, לאָרין באַרעט, מאַאָד עדעמס, די מאָדזשעסקאַ (אַ באַרימטע פּוילישע דראַמאַטישע שוישפּילערין,

וועלכע האָט געשפּילט אויף ענגליש), סאַראַ בערנאַרד, א. א. דער באַלעבאָס פון טעאַטער האָט זיך דעריבער געהאַלטן שטאָלץ און ער האָט מורא געהאַט אַריינצולאָזן אידישע אַקטיאָרן אין זיין טעאַטער. עס קען נאָך האָבן אַ שלעכטע ווירקונג אויף זיינע אַריסטאָקראַטישע באַזוכער, — האָט ער ערקלערט. איך האָב מיט אים איינגעַ'טענה'ט, אים ערקלערט, אַז די אידישע בינע האָט פיינע קינסטלער און אַז מיר שפּילן גוטע פּיעסן. איך האָב אים געוויזן וואָס קריטיקער אין לאָנדאָן און אין פּאַריז האָבן געשריבן וועגן אַדלער'ן, איך האָב אים אויך געוויזן קריטיקס אין אַמערי־קאַנער צייטונגען וועגן מיין שפּילן. ער האָט מיר ערקלערט, אַז ער האָט געלעזן וואָס מען האָט געשריבן אין די ענגלישע צייטונגען וועגן אונזערע פאָרשטעלונגען אין סטענדאַרד טעאַטער. עס איז אָבער שווער געווען אים צו איבערצייגן, אַז ער זאָל דאָס געשעפט מיט מיר שליסן. איך האָב גענומען צו הילף אַ דייטשן אידן, אַ דזשועלערי־סוחר מיטן נאָמען קין (זיין ערשטן נאָמען געדענק איך ניט). מר. קין האָט זיך מיט דעם אייגנטימער פון דער עקעדעמי אָוו מיוזיק פּערזענלעך געקענט און ער האָט ביי אים געַ'פּועל'ט, ער זאָל אונז געבן דעם טעאַטער, אָבער מיר האָבן דאָרט געקענט שפּילן בלויז אַ דריי־פיר וואָכן, ביז צום סעזאָן פון ענגלישן טעאַטער.

די היצן זענען געווען שרעקלעכע, אָבער מיר האָבן ניט קיין מורא געהאַט ניט פאַר קיין היץ און ניט פאַר קעלט, און די שיקאַגאָר אידן זענען געלאָפן צו אונז אין טעאַטער אַריין.

מיר האָבן אָנגעסירט. אַז מיר הייבן אָן מיט אַ נייע פּיעסע, „די ציגיינערין" פון דר. בן ציון. דאָס איז געווען אַ קאָמעדיע און זי איז פאַררעכנט געוואָרן אַלס איינע פון די בעסטע פּיעסן אין דעם דאַמאָלסטיגן אידישן רעפּערטואַר. אַדלער האָט אין דעם שטיק געשפּילט די ראָלע פון אַ גלח, אַ דיקן, זעהר אַ דיקן גלח. ער האָט געקענט זעהר גוט זיך אָנטאָן און גרימירן. דער גלח איז ביי אים אַרויסגעקומען אַ שרעקלעך איבער־טריבענע פיגור — אומגעהויער דיק, מיט אַ געשוואָלענעם קאַרק. דער אָרימער אַדלער האָט זיך קוים געקענט רירן. די היץ איז געווען אַזאַ שרעק־לעכע, אַז עס איז נעבעך געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף אים. מיין בעסי האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ נאָנע, אויך אַ דיקע. אין איר איז דאָס דער גראָבער גלח געווען פאַרליבט. אין די יונגע יאָרן פלעגט אַדלער טאַנצן און זינגען דועטלעך מיט אַנדערע אַקטיאָרן, מיט וועלכע עס איז אים איז אויס־געקומען צו שפּילן. אין „די ציגיינערין" האָבן דער גראָבער און די דיקע

נאָנע געדאַרפט זינגען אַזאַ דועט. נאָכן זינגען האָבן זיי ביידע געכאַפּט אַ טענצל, און אָט דאָס טענצל האָט אונז אָנגעאַרבעט אַ היבשע צרה.

די נייעס, אַז אַדלער און טאָמאַשעווסקי וועלן שפּילן אין עקעדעמי אָוו מיוזיק איז געווען אַ געוואַלדיגע סענסאַציע. צו דער ערשטער פאָר־שטעלונג איז דאָס טעאַטער געווען בוכשטעבלעך אויספאַרקויפט. עס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן דייטשע יאַהודים, וואָס האָבן אידיש טעאַטער פריער קיינמאָל ניט געזען. אויף דער בינע שפּילט זיך אָפּ די סצענע, אין וועלכער אַדלער און בעסי זינגען און טאַנצן. דער עולם קוועלט און אַפּלאָדירט זעהר שטאַרק. אַדלער און בעסי מוזן איבערזינגען און איבער־טאַנצן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. די היץ איז אונערטרעגלעך, די צוויי שוישפּילער זענען שוין מיד פון טאַנצן און זינגען, זיי באָדן זיך ממש אין שוויים, בעסי גליטשט זיך אויס און פאַלט און אַדלער פאַלט אויך, ער פאַלט ארויף אויף בעסי'ן. ביידע ליגן געבעך און קענען זיך ניט אויפהויבן. צווישן פּובליקום ברעכט אויס אַ ווילדער געלעכטער. עס הערן זיך קוויטשערייען. מאַנכע פון פּובליקום ברעכן אויס אין היסטעריקע. מען האָט ווייטער ניט געקענט אָנגיין מיט דער פאָרשטעלונג און איך האָב געמוזט אַראָפּלאָזן דעם פאָרהאַנג. אַ גרויסע צאָל פון עולם איז באַלד נאָכן עפּיזאָד אהיים־געגאַנגען. דער אייגנטימער פון טעאַטער, דער דייטשער איד, וועלכער איז געזעסן מיט זיין פאַמיליע אין אַ באָקס, האָט אויך באַלד פאַרלאָזט דאָס טעאַ־טער. די גאַנצע פאָרשטעלונג איז שוין געווען אַ צעשטערטע. דאָס פּובליקום האָט מער ניט געלאַכט פון אַדלער'ס און בעסי'ס וויצן, דער עולם האָט מער ניט אַפּלאָדירט זייער זינגען און טאַנצן. עס האָט זיך געפיהלט אַ פרעמדקייט פון פּובליקום צו דער גאַנצער פאָרשטעלונג.

נאָך דער פאָרשטעלונג זענען מיר אהיימגעגאַנגען זעהר באַטריבטע. די גאַנצע נאַכט האָט אַדלער ניט אויפגעהערט צו זיפצן. בעסי האָט כלומרשט געלאַכט, אָבער איר געלעכטער איז געווען דורכגעמישט מיט ביטערקייט. איך האָב פון ווייטאָג און בושה צוליב דער פּאַסירונג ניט געקענט עסן קיין סאַפּער. איך האָב ניט געקענט אויסריידן קיין וואָרט. איך בין אוועק פון אַלעמען אָהן „אַ גוטע נאַכט״. אַדלער האָט מיר נאָכגעשריען, מיך גערופן, אָבער איך האָב אים ניט געענטפערט. איך האָב יענע נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז עפּעס שרעקלעכעס ערוואַרטעט אונז. איך האָב קוים דערלעבט צען אַ זייגער אין דער פרי און בין אוועק אין דער עקעדעמי אָוו מיוזיק. צוקומענדיג צום טעאַטער, האָב

איך געטראָפן א צעטל אויף דער טיר. איבערלעזנדיג דעם צעטל, איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן. אויפן פּאַפּיר איז געווען אָנגעשריבן, אַז דאָס טעאַטער איז געשלאָסן פאַרן סעזאָן, אַז מער וועלן קיין אידישע פאָרשטעלונגען ניט געגעבן ווערן אין דער עקעדעמי אָוו מיוזיק. דער צעטל איז געווען אונטערגעשריבן מיטן נאָמען פון מענעדזשער. דאַכט זיך, ליוואַי האָט ער געהייסן. אַלע טירן פון טעאַטער זענען געווען פאַרשלאָסן. איך האָב גענומען וואַרטן. עס איז שוין עלף, צוועלף, איינס — קיינער קומט ניט. איך בין אָבער נאָך אַלץ געבליבן דאָרטן, איך האָב זיך אַרומגעדרייט א לאַנגע צייט אַרום טעאַטער, דערנאָך האָב איך אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן דעם אייגענטימער. מען האָט מיר געענטפערט, אַז מר. ליוואַי וויל צו מיר ניט ריידן.

דאָס איז געווען די ענדע פון אונזער שפּילן אין דער עקעדעמי אָוו מיוזיק.

איך בין אַהיימגעקומען און דערציילט אַדלער׳ן און די אַנדערע מיטגלידער פון דער טרופּע וועגן דעם רעזולטאַט פון אונזער גרויסער בושה פון דער נעכטיגער פאָרשטעלונג. אַלע האָבן געפיהלט א טיפן וועהטאָג, בלויז איין מענטש האָט פאַרגעניגן געהאַט פון אונזער נעכטיגן בראָך. דאָס איז געווען היימי רובינשטיין. ער איז געווען זיכער, אַז איצט וועלן מיר זיין געצוואונגען צו וואַרטן ביז זיין טעאַטער וועט פאַרטיג ווערען.

מיר זענען, אַלזאָ, ווידער געבליבן אָהן א טעאַטער. מיר דרייען זיך אַרום איבער די גאַסן פון שיקאַגאָ. מיר ווערן שיער ניט משוגע פון ליידיגגיין. אַדלער הערט ניט אויף מיר צו דערגיין די יאָרן:

— נו, טאָמאַשעווסקי, וואָס דענקט איר עפּעס צו טאָן? וואָס שווייגט איר? וואָס טוט איר ניט עפּעס?

איך האָב ניט געהאַט וואָס אים צו ענטפערן. איך האָב אים געטרייסט, איך האָב געטרייסט די אַנדערע שוישפּילער, אָבער ביי מיר אין האַרצן איז געווען ביטער. איך האָב געהאַט פאַרשידענע האָפנונגען אויף דעם מענעדזשער, אויף יענעם מענעדזשער, אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך פון אַלץ א בוידעם. פאַרצווייפלט בין איך אָבער ניט געווען. איך האָב געהאַט באַשלאָסן, אַז אויב מיר וועלן אין שיקאַגאָ קיין טעאַטער ניט קריגן, וועלן מיר אַרויספאָרן איבער אַמעריקע. אויף דער פּראָווינץ איז נאָך דאָ גענוג אידיש געלט פאַר אַדלער׳ן און טאָמאַשעווסקי׳ן.

אַ געווימן טאָג נעם איך אַ שפּאַציר איבער האָלסטעד סטריט. איך גיי פאַרביי אַ זייגערמאַכער, דערמאָן איך זיך, אַז מיין זייגערל איז עפּעס ניט מיט אַלעמען, גיי איך אַריין צו דעם זייגערמאַכער. דער איד האָט מיך באַלד דערקענט און מיך אָנגערופן ביים נאָמען. ער האָט מיר ערקלערט, אַז ער איז מיינער און אַדלער'ס אַ פּאַטריאָט. ער איז געווען אַ קלוגער און רעדעוודיגער מענטש און איז מיט מיר באַלד געוואָרן אַ גאַנצער גוטער־ברודער. ער וויל וויסן וואָס אַדלער טוט, וואָס מיר אַלע טוען, פאַרוואָס שפּילן מיר ניט קיין טעאַטער? איך האָב אים דערציילט אַז מיר זוכן אַ טעאַטער, אָבער מיר קענען ניט געפינען.

— שאָן — איך האָב פאַר אייך אַ טעאַטערן — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— איר האָט פאַר מיר אַ טעאַטער? וואו? אין וועלכער געגנד?

— טאַקע דאָ, — ענטפערט דער איד, — דאָ ביי מיר נעקסט־דאָר. איר האָט באַמערקט דאָ נעקסט־דאָר צו מיר אַ גאַנצע וואַנט פון ברעטער? דאָס איז ניט קיין וואַנט, נאָר דער אַריינגאַנג צום טעאַטער. איר ווילט עס אָנקוקן? איך קען עס אייך ווייזן. קומט אָקאָרשט מיט מיר!

ער פירט מיך אַריין אין הויף. איך זע אַ גאַנץ פיינע הילצערנע געביידע. דערנאָך פירט ער מיך צו אַ צעבראָכענער וואַנט, דורך וואַנען מען האָט געקענט אַריינגיין אין טעאַטער. דורך דער צעבראָכענער וואַנט האָבן מיר זיך אַריינגעשפּאַרט אינווייניג, און וואָס זע איך? — אַ גרויסער, שעהנער טעאַטער, מיט טעאַטער־שטולן, מיט אַ שעהנע באַלקאָני און אויך אַ גאַלערי, מיט אַ שעהנער, אָבער טאַקע גאָר אַ שעהנער, בינע, מיט אַ מאַסע דעקאָ־ראַציעס און פיינע, גרויסע, לופטיגע דרעסינג־רומס. מיין באַגלייטער דערציילט מיר, אַז דאָס טעאַטער שטייט שוין אַזוי פאַרשלאָגן מיט ברעטער איבער צען יאָר. די אייגנטימער זענען געשטאָרבן און עס זענען ניט איבערגעבליבן ניט קיין קינדער און ניט קיין קרובים. אַ אידישער לאָיער איז דער איינציגער, וואָס האָט דאָס רעכט אויפן טעאַטער, און דער לאָיער איז טאַקע זיין לענדלאָרד, זעהר אַ פיינער יונגערמאַן. ער דערציילט מיר דערביי, אַז ער מאָנט קיין מאָל ניט קיין רענט ביי אים. אַמאָל צאָלט ער רענט און אַ סך מאָל ניט.

— איך זאָג אייך, מיסטער טאָמאַשעווסקי, דאָס איז אַן אמת'ער שמאַלץ־גרוב. אויב איר ווילט, פאָר איך מיט אייך שוין צום לענדלאָרד. אַ קלייניגקייט איך וועל האָבן אַזעלכע טייערע שכנים אָט גיי איך שוין טעלעפאָנירן צום

לאָיער אויסגעפינען צי ער איז איצט אין אָפּיס, אויב יאָ, וועלן מיר טאַקע באַלד אַריבערפאָרן צו אים.

צו מיין מזל איז דער לאָיער געווען אין זיין אָפּיס. דער לאָיער ערקלערט מיר, אַז מיר קענען האָבן זיין טעאַטער. ער באַמערקט דערביי, אַז עס איז טאַקע אַ גרויסער שאָד וואָס אַזאַ טעאַטער זאָל זיין צוגעשלאָסן, פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. ער ערקלערט מיר אויך די אורזאַך פאַרוואָס קיינער וויל דאָס טעאַטער ניט דינגען: אויף האַלסטעד סטריט האָבן זיך אויפגעבויט דריי נייע מאָדערנע טעאַטערס — דער סטענדאַרד טעאַטער, די עקעדעמי אָוו מיוזיק און דער בידזשו טעאַטער. נו, ווער וויל דאָס אַריינלייגן געלט אין אַן אַלטן טעאַטער, דערצו נאָך אַ הילצערנע געביידע?

דער לאָיער האָט פאַרשטאַנען, אַז פאַר אידישע פאָרשטעלונגען איז זיין טעאַטער אַזוי ווי געוואונשן, און ער לאָזט מיך שוין ניט אָפּ. ער וויל דורכאויס, איך זאָל שוין, אויפן שטעל, אונטערשרייבן אַ ליס; געלט וויל ער ניט — ער וועט וועט אָפּמאַכן אויף פּראָצענטן. איך האָב אָפּגעמאַכט מיטן לאָיער אויף צוואַנציג פּראָצענט. ער דאַרף געבן דאָס טעאַטער, באַלייכטונג, סטעידזש־הענדס, אַ קעשיר און אַ העלפּט, וואָס עס וועט דאַרפן קאָסטן דרוקן די פּאָוסטערס און די אַדווערטייזמענטס אין די צייטונגען. מיר האָבן אָפּגעמאַכט, אַז מאָרגן, צען אַזייגער אין דער פרי, קום איך מיט אַדלער'ן און מיר וועלן אונטערשרייבן דעם ליס. דער לאָיער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועל איך ביז מאָרגן חרטה האָבן, האָט ער געלאָזט טייפּ־ראַיטן אַזאַ מין קאָנטראַקט, וואָס זאָל מיך גרינדלעך פאַרבינדונג מיט אים צום טעאַטער. מיר האָבן ביידע דעם קאָנטראַקט אונטערגעשריבן. דער זייגער־מאַכער האָט געטאַנצט פאַר שמחה.

ווען איך בין אַהיימגעקומען איז שוין געווען נאַכט. אַדלער און די טרופּע האָבן געוואַרט אויף מיר מיט סאַפּער. איך האָב אַלעמען איבערגעגעבן די גוטע בשורה, אַז מיר האָבן אַ טעאַטער, וואו מיר וועלן אָנהייבן שפּילן דעם נייעם סעזאָן. די שמחה, וואָס האָט דאַמאָלט ביי אונז אַלעמען גע־הערשט, איז זיך לייכט פאָרצושטעלן. מען האָט זיך געקושט איינע מיט די אַנדערע, מען האָט געטאַנצט פון פרייד. מען האָט אַרויפגעבראַכט עטלעכע פּאַינטלעך ביר און די שמחה האָט אָנגעהאַלטן ביז שפּעט אין דער נאַכט. חברה האָט געזונגען, אַדלער האָט געטאַנצט. מיר האָבן אַלע געוואַרט מיט אומגעדולד אויף מאָרגן, אום צו זעהן דעם געפונענעם אוצר אונזערן — דאָס נייע טעאַטער. עס זענען אָנגעקומען „פּאַטריאָטן", און ווען זיי האָבן

זיך דערוואוסט וועגן די נייעס, האָבן זיי מיך ממש אויף די הענט אַרומ־געטראָגן און געשריען „הורא פאַר טאָמאַשעווסקין". חברה אַקטיאָרן האָבן שוין ניט געוואָלט גיין שלאָפן, זיי האָבן געוואָלט הוליען אַזוי די גאַנצע נאַכט. מיט געוואַלד האָב איך זיי אַריינגעטריבן אין זייערע בעטן.

אויף מאָרגן, צען אַזייגער אין דער פרי, האָב איך די גאַנצע טרופּע געבראַכט אין טעאַטער. איצט האָט מען זיך שוין ניט געדאַרפט אַריינשפּאַרן דורך דער צעבראָכענער וואַנט, איך האָב שוין געהאַט אַ שליסל צום אַריינ־גאַנג און די וואַנט איז שוין געווען פאַנאַנדערגענומען. דאָס טעאַטער איז, נאַטירלעך, געווען פאַרשטויבט, אָפּגעלאָזן. מיר זענען אָבער ניט אַנטוישט געוואָרן. עס איז ביי קיינעם פון אונז קיין צווייפל ניט געווען, אַז ווען מיר וועלן אַלץ איבערפאַרבן, אויסרייניגן, וועלן מיר האָבן אַ גאַנץ פיינעם טעאַטער.

חברה האָט זיך געפרייט און געכאַפּט אַ טענצל אויף דער בינע. עליאַס גליקמאַן האָט געטאַנצט אַ קאַמאַרינסקע. (גליקמאַן איז שפּעטער יאָרן־לאַנג געווען דער מענעדזשער פון דעם סטאַר טעאַטער אין שיקאַגאָ). אַדלער האָט אָנגעקוואָלן.

— ווען איך וואָלט געהאַט אַזאַ טעאַטער אין לאָנדאָן, — האָט ער אויסגערופן, — וואָלט איך היינט אַ גרויסער עושר געווען! אָדער ווען מיר האָבן אַזאַ טעאַטער אין ניו יאָרק, וואָלט איך זיי געוויזן, די לאָפּאַצאַנעס, וואָס האָבן פאַרכאַפּט ניו יאָרק, ווער אַדלער איז!

מיט די „לאָפּאַצאַנעס" האָט ער געמיינט די צוויי קאָמפּאַניעס: מאָגו־לעסקאָ'ס און חיימאָוויטש'עס.

מיר זענען אַוועק צום לאָיער. אַדלער האָט אויף אים געמאַכט אַ זעהר גוטן איינדרוק. מיר האָבן אונטערגעשריבן דעם ליס און אָט האָבן מיר שוין ווידער אַ אידיש טעאַטער אין שיקאַגאָ!

מיר האָבן באַלד אַרויסגעלאָזן פּאָסטערס צום אידישן עולם, אַז מיר האָבן אַן אַדלער־און־טאָמאַשעווסקי־טעאַטער אויף האַלסטעד סטריט, און אַז דאָס טעאַטער וועט זיך אין קורצן עפענען. שיקאַגאָ'ער אידן האָבן זיך געפרייט. מיר האָבן געקראָגן באַגריסונגס־טעלעגראַמעס און מאַסן בריוו מיט גליקוואונשן. דער איינציגער, וואָס האָט זיך געפיהלט ניט גוט, איז געווען היימי רובינשטיין.

איך האָב זיך אַ נעם געטאָן צום אויסרייניגן און אויפפּיקסן דאָס טעאַטער. מען האָט באַלד צורעכט געמאַכט די צעבראָכענע וואַנט, דאָס טעאַטער האָט

מען איבערגעמאָלט, דעקאָרירט, געלעגט נייע קאַרפּעטס, אַריינגעשטעלט נייע פענסטער. פון דעם שמוציגן, אָפּגעלאָזענעם טעאַטער האָבן מיר געמאַכט אַ שעהנעם קונסט־טעמפּל.

מיר האָבן געעפנט די קאַסע פאַר די פאָרשטעלונגען, וואָס מיר האָבן געהאַט אַנאָנסירט. די אידן זענען געלאָפן נאָך טיקעטס ווי נאָך מצה־וואַסער. אונזער ערשטע פאָרשטעלונג אין דעם טעאַטער איז געווען גאָלד־פאַדענ'ס „בר־כוכבא". איך האָב געשפּילט „בר כוכבא", סאָניאַ האָט געהאַט די ראָלע פון „דינה", אדלער איז געווען „פּאַפּוס". די אַנדערע ראָלען זענען צעטיילט געוואָרן צווישן די אַנדערע שוישפּילער. דער אָרקעסטער איז באַשטאַנען פון צוואַנציג מאַן, אונטער דער פיהרערשאַפט פון מר. פידלער, אַ באַגאַבטער מוזיקער. מיר האָבן אויך געהאַט אַ פיינעם כאָר פון די בעסטע אידישע זינגער, וואָס מען האָט געקענט קריגן אין שיקאַגאָ. די דעקאָראַציעס זענען געמאָלן געוואָרן פון אַ געוויסן מאַלער, עדוואַרדס. מיר האָבן אויך געמאַכט נייע קליידער. אין דער געשיכטע פון אידישן טעאַטער איז נאָך קיין מאָל „בר־כוכבא" ניט געשפּילט געוואָרן מיט אַזאַ רייכער אויס־שטאַטונג און מיט אַזאַ פּינקטליכקייט, ווי ביי אונז.

14

פאַרשמירטע קליידער פאַרטרייבן דעם עולם. נייע ראָמאַנען — נייע צרות - אַן אומדערוואַרטעטער גאַסט - די דאַמע אין שוואַרצן - אַדלער־טאָמאַשעווסקי טעאַטער אין ניו יאָרק - אַדלער טוט אָפּ אַ שפּיצל - איך ווער ברוגז מיט אַדלער'ן - די אייראָפּעאישע טרופּעס אָנערקענען מיך שוין - צוריק קיין שיקאַגאָ.

Di נאַכט פון דער ערעפענונג פון אונזער נייעם טעאַטער אין שיקאַגאָ איז געווען אַן אמת'ער יום־טוב. ווייבער האָבן זיך געלאָזט מאַכן נייע קליידער, מענער זענען געקומען אין „פרינץ אַלבערטס", אין „טאָקסידאָס". די אפּלאָדיסמענטן נאָכן ערשטן אַקט האָבן געדונערט מינוטן־לאַנג, אָבער באַלד דערנאָך איז געשען אַ גרויס אומגליק; די ווייבער אין די נייע קליידער האָבן זיך ניט געקאָנט אויפהויבן פון זייערע פּלעצער. זיי זענען צוגעקלעפּט געוואָרן צו די שטולן פון דער פרישער פאַרב. פּרואווונדיג זיך אויפשטעלן, האָבן פיל טעאַטער־באַזוכער זייערע קליידער צעריסן. אַזוי ווי מיר האָבן זיך צוגעאיילט מיטן עפענען דאָס טעאַטער, האָט די פאַרב אויף די פּלעצער זיך נאָך ניט געהאַט ווי געהעריג אויסגעטריקנט. אין איילעניש האָבן מיר גאָרניט געטראַכט, אַז דאָס קאָן אונז אָנמאַכן אַזאַ טראָבל.

מיר האָבן געהאַט צו זינגען און צו זאָגן צוליב די צעריסענע קליידער. מען האָט אונז אָנגעקלאָגט אין געריכט. מיט אַ סך פון די אָנקלעגער האָבן מיר געסעטלט אויף אַ פרידלעכן אופן, אָבער ניט מיט אַלעמען. קיין גוטס האָט אונז די פּאַסירונג מיט דער ניט־פאַרטריקנטער פאַרב פון די שטולן איבערהויפּט ניט געטאָן. מאַנכע פון אונזערע באַזוכער פלעגן מיטברענגען מיט זיך אין טעאַטער האַנטיכער, שמאַטעס, אַלטע צייטונגען און דערמיט

פארדעקן די שטולן, כדי זיי זאָלן זיך ניט אויסשמירן מיט דער פארב, וועלכע איז נאָך אַלץ געווען קלעפּעדיג.

אָבער לאָמיר איבערלאָזן דאָס פעקל צרות, און איבערגיין צו אַן אַנדערן ענין.

ווי באקאנט, זענען פאראן ארום די טעאַטערס מיידלעך און ווייבלעך — יונגע און אַלטע — וואָס זוכן צו פארפירן ראָמאַנען מיט שוישפּילער. אונזער טעאַטער איז, נאַטירלעך, ניט געווען קיין אויסנאַם. אַדלער האָט זיך געהאַט זיינע „פּאַטריאָטקעס״. דאָס רוב פון זיי זענען געווען יונגע מיידלעך. אַדלער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צום שעהנעם געשלעכט. די צאָל פון זיינע „פּאַטריאָטקעס״ איז געווען אַ גאַנץ היבשע. גאַנץ אָפט פלעג איך אַדלער׳ס „פּאַטריאָטקעס״ פארטרייבן פון טעאַטער, און אַדלער איז אויף מיר דערפאַר געווען שטאַרק ברוגז. דאָס טרייבן האָט אָבער ניט געהאָלפן. זיי האָבן אַדלער׳ן ניט צורו געלאָזן, די פרויען. צו מיר האָט זיך געהאַט צוגעטשעפּעט אַ זעהר שיינע ווייבל, די פרוי פון אַ ביזנעסמאַן. זי פלעגט קומען יעדן אָוונט אין טעאַטער און יעדן נאָכמיטאָג פלעגט זי מיר אָפּשטאַטן אַ וויזיט אין מיין דרעסינג־רום. אַ פייערדיגן טעמפּעראַמענט האָט דאָס ווייבעלע געהאַט. די טריישאַפט, די ליבע וואָס זי האָט מיר ארויסגעוויזן, איז געווען אַן איבערנאַטירלעכע. זי האָט מיך פשוט פאַר־פלאָגט מיט איר פאַרליבטקייט. איך האָב גאָרניט געקאָנט פּטור ווערן פון איר. איר מאַן איז געווען פארנומען אין זיין ביזנעס דעם גאַנצן טאָג און ביז שפּעט אין דער נאַכט. קיין קינדער האָט דאָס פּאָר־פאָלק ניט געהאַט, האָט זי געהאַט גענוג צייט צו זיין נעבן מיר.

אַ געוויסן טאָג איז זי, ווי געוויינלעך, געקומען צו מיר אין מיין דרעסינג־רום. זי האָט, צו איר גרויסער איבעראַשונג, געפונען די טיר פארמאַכט. זי האָט אָבער געוואוסט, אַז אין דער צייט בין איך געוויינלעך אין דרעסינג־רום, פוילט זי זיך ניט און קוקט אריין דורכן שליסעל־לאָך. זי האָט קיין טעות ניט געהאַט. איך בין טאַקע דאָרטן געווען, און ניט אַליין. איך האָב געהאַט צו גאַסט אַן אַנדערע שעהנהייט. דאָס ווייבל, אויפגע־פלאַמט פון אייפערזוכט, האָט גענומען קלאַפּן אין טיר, און איך האָב זי געמוזט אריינלאָזן. ווי אַ ווילכער האָט זי זיך אריינגעריסן אין מיין צימער. זי האָט איר קאָנקורענטין דערקענט און זי אָנגערופן ביי איר ערשטן נאָמען. און באַלד האָט זי איר גענומען דערלאַנגען אַ פּאַרציע מוסר:

— דו, די טאָכטער פון אַ פרומען אידן! ווען דיין טאַטע וואָלט דאָס

וויסן . . . און ער וועט עס טאַקע וויסן! איך גיי שוין אַריבער צו אים און וועל אים אַלץ דערציילן!

זי האָט מיט רציחה פאַרהאַקט די טיר און איז אַוועק.

און דאָס מיידל? זי איז זיך געזעסן אַ געלאַסענע, אַ רוהיגע, אַזוי ווי קיין זאַך וואָלט ניט פּאַסירט. איך אָבער האָב זיך אַזוי רוהיג ניט געפיהלט. איך האָב ביי איר געפרעגט:

— וואָס וועט טאַקע זיין ווען דער טאַטע דיינער וועט זיך דערוויסן וועגן דיינע וויזיטן ביי מיר?

זי האָט אַ שמייכל געטאָן, אַרויסווייזנדיג אירע פּערלדיגע ציין און געזאָגט:

— וואָס אַרט מיך וואָס דער טאַטע וועט זאָגן, אָדער וואָס די גאַנצע וועלט וועט זאָגן; איך האָב דיך ליב און דאָס איז אַלץ!

פאַרליבט האָט זיך דאָס מיידעלע אין מיר ווען זי איז געקומען מיט איר פאַמיליע אין טעאַטער און מיך געזען שפּילן. זי איז באַלד נאָכדעם געקומען צו מיר און זיך מיט מיר באַקענט. איך בין פון איר שעהנקייט באַצויבערט געוואָרן. זי פלעגט מיך גאַנץ אָפט באַזוכן. אַנשטאָט צו גיין אין האַי־סקול, וואו זי איז געווען אַ שילערין, פלעגט זי קומען צו מיר. ווען אַדלער האָט זי דערזען, איז ער שיער ניט משוגע געוואָרן; אַזוי שטאַרק האָט זי אים איבעראַשט אַז ער זאָגט צו מיר:

— געדענק, טאָמאַשעווסקי, איך וועל דאָס שעהנע מיידעלע ביי דיר צונעמען!

און אַדלער האָט טאַקע פּרובירט דעם סטראַשונאַק זיינעם דורכצופירן; אָבער דאָס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן. דאָס שעהנע מיידל האָט אים באַליידיגט. זי פלעגט זיך פאַר מיר אויף אַדלער'ן אָפט באַקלאָגן, אַז ער טשעפּעט זיך צו איר.

אין אַ געוויסער נאַכט איז דאָס געווען. — עס איז שוין אייגענטליך געווען טאָג, איך בין געשמאַק געשלאָפן אויף מיין קוואַרטיר, ווען פּלוצלינג איז מיין שלאָף צעשטערט געוואָרן. מען האָט געקלאַפּט אין מיין טיר. אָבער אַלץ הייסט געקלאַפּטן איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענער, מיינענדיג, אַז דאָס הויז ברענט.

איך פרעג ווער עס קלאַפּט, אָבער אַנשטאָט אַ ענטפער, ווערט דאָס קלאַפּן נאָך שטאַרקער. אַדלער, וועלכער האָט געוואוינט נעקסט־דאָר צו מיר, האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט פון דעם שטאַרקן קלאַפּן און געעפנט די טיר

פון זיין צימער. איך האָב געהערט ווי אַדלער רעדט מיט מענטשן, האָב איך געעפנט די טיר. איך האָב דערזען דעם טאַטן פון דעם שעהנעם מיידעלע און איר ברודער. דער פאָטער פון דעם מיידל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צו מיר מיט זידל־ווערטער. אַדלער האָט אונז אַלעמען אַריינגענומען צו זיך אין פראָנט־רום. דאָרטן האָט דער מיידעלס ברודער אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער און זיך געצילט אין מיר. סאָניאַ חיימאָוויטש איז צוגעשפּרונגען צו אים, אַ כאַפּ געטאָן אים פאַרן האַנט און אַרויסגעשליידערט דעם רעוואָלווער. אַדלער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם רעוואָלווער פון פלאָר און אים אַריינגעלייגט צו זיך אין כאַלאַט־קעשענע. דער מיידעלעס פאָטער האָט ווידער מיר דערלאַנגט אַ פּאָרציע מוסר, און דער ברודער האָט מיך געסטראַשעט, אַז ער וועט מיך אַריינזעצן אין אַרעסט. דער פאָטער האָט זיך צעוויינט:

— אַזאַ קינד, אַזאַ אוצר, אַזאַ שעהנהייט פאַרשפּילט!

אַדלער האָט זיך אַריינגעמישט און ערקלערט דעם פאַרקלעמטן פאָטער און זיין זוהן, אַז דאָס מיידעלע איז ניט קיין פיינע, אַז זי שלעפּט זיך אַרום אפילו מיט די סטעידזש־העַנדס . . .

אַדלער'ס ווערטער האָבן געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויפן פאָטער און אויף זיין זוהן. דער כעס איז ביי ביידן אביסל אָפּגעקילט געוואָרן. זיי זענען ענדלעך אַוועק דערשלאָגענע און פאַרשעמטע.

איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט מיר יענע שעהנע ווייבעלע, די פרוי פון דעם ביזנעסמאַן, אָפּגעטאָן דאָס שפּיצל. זי האָט איר סטראַשונאָק דורכגעפירט.

בעסי איז אַזוי געשמאַק געשלאָפן, אַז זי האָט דאָס שטאַרקע קלאַפּן אין טיר ניט געהערט. וועגן דעם סקאַנדאַל האָט זי זיך דערוואוסט ערשט שפּעטער.

איצט לאָמיר זיך אומקערן צוריק צו אונזער טעאַטער.

מיר האָבן געמאַכט גאַנץ פיינע געשעפטן. מיט דער צייט האָבן די שיקאַגאָ'ער אידן שוין אינגאַנצן פאַרגעסן אָן די שטולן מיט דער ניט־פאַרטריקנטער פאַרב, און זיי זענען ווידער געקומען אין מאַסן אונז זען שפּילן. מיר האָבן געלעבט גליקלעך און צופרידן און יעדע וואָך געטראָגן גרויסע סומעס געלט אין דער באַנק אַריין.

פלוצלינג איז ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן אַ געוויסער מאַן מיטן נאָמען

מאַנדעלקערן. מיר האָבן אים פּערזענלעך ניט געקענט, אָבער ער האָט אין יענער צייט געשפּילט אַ גרויסע ראָלעביים אידישן טעאַטער. מען האָט אים גערופן „דער מלאך המות פון אידישן טעאַטער". וואו ער האָט זיך נאָר צוגערירט, איז געווען אַן אומגליק. ער איז געווען אַ דורכגעטריבענער בחור. אַ וואַנט מיט אַ וואַנט האָט ער געקאָנט צוזאַמענפירן, איבערהויפּט אין אידישן טעאַטער. האָט ער געוואָלט, איז מאַגולעסקאָ געווען אין דעם טעאַטער, האָט מאַנדעלקערן געקראָגן געלט פון אַ צווייטן טעאַטער־מעַ־מענעדזשער, האָט שוין מאַגולעסקאָ געשפּילט אין יענעמס טעאַטער. מאַנדעל־קערן האָט זיך געוואָרפן מיט אַקטיאָרן, ווי אים האָט זיך פאַרגלוסט. אויף אַזאַ אופן האָט ער געמאַכט אַ לעבן ביים אידישן טעאַטער.

מאַנדעלקערן איז געקומען קיין שיקאַגאָ מיטן אייגנטימער פון פּול טעאַטער, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער אַכטער סטריט אין ניו יאָרק, וואו היינט איז וואַנאַמעיקער'ס דעפּאַרטמענט־סטאָר. דער באַלעבאָס פון פּול טעאַטער איז געווען אַ דייטש מיטן נאָמען הינקען. אַ סך ביר־סאַלונס און טאַנץ־האָלס און טעאַטערס זענען אין יענער צייט געלעגן אין דייטשע הענט. הינקען האָט ניט געמאַכט קיין גוטע געשעפטן אין זיין טעאַטער. ער האָט פאַרלאָרן אַ סך געלט, איז אויסגעוואַקסן מאַנדעלקערן און אים פאַרגעלייגט, אַז ער זאָל זיין טעאַטער איבערגעבן צו אידישע שוישפּילער.

צוליב דעם צוועק איז דאָס איצט מאַנדעלקערן געקומען מיט הינקענ'ען קיין שיקאַגאָ — מאַכן אַ געשעפט מיט אַדלער'ן און מיט מיר. ער האָט זיך צוערשט געווענדעט צו אַדלער'ן. אַדלער האָט מיך נאַטירלעך גערופן צו די פאַרהאַנדלונגען. איך האָב ניט געוואָלט הערן פון דעם געשעפט און בין ניט געגאַנגען. איך האָב אַדלער'ן ערקלערט: נאָך וואָס דאַרפן מיר פאָרן קיין ניו יאָרק און קאָנקורירן מיט די שוישפּילער פון אָריענטאַל טעאַטער, וואו עס האָבן געשפּילט קאַרפּ, לאַטיינער, משה זילבערמאַן און די אַנדערע, און מיט דער רומעניען אָפּערע קאָמפּאַני, וואו עס האָבן געשפּילט מאָגולעסקאָ, קעסלער, פיינמאַן און פינקעל? וואָס צווינגט אונז דאָס צו טאָן? מיר האָבן דאָ אַן אייגענעם טעאַטער, מיר מאַכן גוטע געשעפטן, מיר שפּאָרן געלט און מיר לעבן זיך רוהיג; דאַרפן מיר דאָ פאַרבלייבן. אָבער אַדלער'ן איז געגאַנגען אין לעבן דוקא צו קאָנקורירן מיט די אַקטיאָרן, וועלכע ווילן אים ניט צולאָזן צו שפּילן אין ניו יאָרק, און עס האָט ניט געהאָלפן מיין רעדן, מיינע ערקלערונגען. אַדלער האָט אָפּגעמאַכט מיטן דייטש און מיט

מאַנדעלקערנ׳ען. ער האָט מיר ערקלערט, אַז זונטאָג נאַכט איז זיין לעצטער אויפטריט אין שיקאַגאָ. מאָנטאָג פאָרט ער קיין ניו יאָרק.

איך האָב געהאַט גרויס עגמת נפש פון דעם וואָס אַדלער פאַרלאָזט מיך. איך האָב באַשלאָסן צו בלייבן אין שיקאַגאָ אין מיין אייגענעם טעאַטער. נאָך אַדלער׳ס אַוועקפאָרן האָב איך אַרונטערגענומען זיין נאָמען פון דעם גרויסן סיין, וואָס האָט געהאַנגען איבערן טעאַטער. סאָניאַ חיימאָוויטש איז מיט אַדלער׳ן מיטגעפאָרן קיין ניו יאָרק.

מיינע געשעפטן האָבן גאָר ניט געליטן פון דעם וואָס אַדלער האָט מיך פאַרלאָזט. די איינגאַמען זענען געווען די זעלבע ווי מיט אים. איך האָב אויפגעפירט פּראָפעסאָר הורוויץ׳ס אַ פּיעסע מיטן נאָמען „דזהי דזשאַנסטאָן פלאָאַד" (די פאַרפלייצונג אין דזשאָנסטאָן), און שיקאַגאָ׳ער אידן האָבן אָנגעפילט דאָס טעאַטער יעדע נאַכט.

אַ געוויסן זונטאָג אָוונט, אומגעפער אַ דריי וואָכן נאָך אַדלער׳ס אַוועקפאָרן, האָט זיך אין מיין טעאַטער אָפּגעשפּילט די פאָלגנדע סצענע: איך געפין זיך אויף דער בינע מיט איינינע שוישפּילער און מיר שפּילן אַ אינטערעסאַנטע סצענע. פּלוצלינג דערהערן מיר אַ שרעקלעכן יאָמער־געשריי אין טעאַטער. מיר קוקן זיך אַרום און מיר זעען ווי אַ שוואַרץ־געקליידעטע פרוי מיט אַ שוואַרצן שלייער איבערן פּנים לאָזט זיך גיין דורך דער לענג פון די אָרקעסטער־שטולן צו דער בינע. די פרוי ברעכט פאַר־צווייפלט די הענט און וויינט ביטער. דאָס גאַנצע פּובליקום קוקט זיך אום דערשראָקן. פון דערווייטנס קען איך ניט זען ווער די פרוי איז. זי קומט אַרויס אויף דער בינע און נעמט אַרונטער דעם שוואַרצן שלייער. איך ווער אַ פאַרציטערטער און לויף אַרונטער פון דער בינע. די דאַמע אין שוואַרצן איז געווען סאָניאַ חיימאָוויטש.

מיר האָבן אַרונטערגעלאָזט דעם פאָרהאַנג און דערמיט איז געווען געענדיגט דער אַקט.

סאָניאַ איז אַריין צו מיר אין מיין דרעסינג רום אַ וויינענדיגע און דער־ציילט מיר אַז דאָס פול טעאַטער, אויף אַכטער סטריט, איז שעהן, אַלץ איז פיין, נאָר קיין אַקטיאָרן זענען ניטאָ. פון רומעניען אָפּערע הויז קען מען קיינעם ניט קריגן, און אַז דאָס אָריענטעל טעאַטער האָט צוגענומען די עטלעכע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן זיך אַרומגעדרייט אין ניו יאָרק אָהן דזשאָבס. אַדלער האָט ניט, אַלזאָ, מיט וועמען צו עפענען דעם טעאַטער.

האָט ער זי געשיקט צו מיר קיין שיקאַגאָ, אַז איך זאָל אים ראַטעווען און זאָל קומען קיין ניו יאָרק. ער וועט דעם טעאַטער רופן „אַדלער־טאָמאַשעווסקי טעאַטער", און מיר וועלן דאָרטן מאַכן מער געלט ווי אין שיקאַגאָ.

מיר האָבן געענדיגט די פאָרשטעלונג און מיר זענען אהיימגעגאַנגען. די גאַנצע נאַכט האָבן מיר פאַרהאַנדלט מיט סאָניאַ'ן. איך בין געווען אַנטשלאָסן נית צו פאָרן. איך האָב נית געוואָלט איבערלאָזן מיין טעאַטער אין שיקאַגאָ, אָבער מיינע שוישפילער האָבן דורכאויס געוואָלט שפּילן אין ניו יאָרק. קיינער פון זיי האָט נאָך אין ניו יאָרק קיין טעאַטער נית געהאַט געשפּילט, און ווער האָט דאָס נית געוואָלט שפּילן פאַרן ניו יאָרקער פּובליקום! ביי די אידישע שוישפּילער איז אָנגענומען, און נית דוקא בלויז ביי אידישע, אַז ווען מען שפּילט נית אין ניו יאָרק, איז מען נית קיין אַקטיאָר. אַלזאָ, האָבן מיר ענדלעך באַשלאָסן צו פאָרן קיין ניו יאָרק. איך האָב געבעטן מיינע אַקטיאָרן, אַז אונזער אָפּפאָרן פון שיקאַגאָ זאָל בלייבן אַ סוד. אָבער גיי האַלט אַ סוד מיט אידישע אַקטיאָרן! . . .

היימי רובינשטיין האָט זיך גלייך דערוואוסט וועגן דעם סוד. פאַר אים איז דאָס געווען אַ גרויסע פרייד. ער רופט מיך אָפּ אויפן טעלעפאָן און בעט מיך, איך זאָל אים זען איידער איך פאָר קיין ניו יאָרק. איך האָב אָפּגעמאַכט מיט אים זיך צו באַגעגענען אויף אַ געוויסן פּלאַץ. דאָס איז געווען אין אַ לאָיערס אָפיס. היימי און דער לאָיער האָבן מיר געגעבן צו פאַרשטיין וואָס פאַר אַ גליק עס ערוואַרט אונז דאָ. מיר וועלן עטלעכע חדשים שפּילן אין ניו יאָרק. דאָס שיקאַגאָ'ער פּובליקום וועט זיך עטלעכע חדשים אָפּרוען פון אידישן טעאַטער ביז זיין טעאַטער וועט פאַרטיג ווערן, דאַן וועל איך זיך אומקערן קיין שיקאַגאָ און עפענען זיין טעאַטער. ער וויל שוין אויפן שטעל מיט מיר מאַכן אַ קאָנטראַקט און מיר איבערגעבן אַ ליס אויף וויפיל יאָר איך וויל נאָר אַליין, אַבי איך זאָל עפענען זיין טעאַטער. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ זעהר גוט געשעפט פאַר מיר, וועט אַדלער וועלן זיך אומקערן צו מיר, — האָב איך ביי זיך געטראַכט, — וועלן מיר ווידער זיין צוזאַמען; אויב נית, וועל איך אַליין איבערנעמען דאָס טעאַטער. מיר זענען פאַרטיג געוואָרן מיט די באַדינגונגען. היימי רובינשטיין האָט מיר געגעבן פינף טויזנט דאָלער קעש און מיר האָבן אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט.

איינינע טעג שפּעטער זענען מיר אַלע אָפּגעפאָרן קיין ניו יאָרק, סאָניאַ איז אויך געפאָרן מיט אונז. קומענדיג אין ניו יאָרק האָב איך אַדלער'ן נית דערציילט וועגן מיין קאָנטראַקט מיט היימי רובינשטיינ'ען. מיר האָבן

אויפגעפֿענט דאָס טעאַטער אויף אַכטע סטריט מיט גאָלדפֿאַדענ׳ס אָפּערעטע „אחשורוש״. סאָניא האָט געשפּילט „אסתר המלכה״, איך האָב געשפּילט „מרדכי״, אַדלער האָט געהאַט די ראָלע פֿון „המן״, און בעסי פֿון „ויזתא״. מיר האָבן געהאַט אַ ריזיגן ערפֿאָלג. די פּרעסע האָט אונז געלויבט ביזן הימל און די געשעפֿטן זענען אַוועק זעהר גוט. אַדלער איז געווען גערעכט: מען האָט טאַקע געמאַכט מער געלט ווי אין שיקאַגאָ. די צווייטע וואָך האָבן מיר געשפּילט „שולמית״. דער אידישער טעאַטער־עולם אין ניו יאָרק האָט שוין „שולמית״ געזען פֿיל, פֿיל מאָל, אָבער דאָך איז מען געלאָפֿן צו אונזער פֿאָרשטעלונג פּונקט ווי עס וואָלט געווען אַ נייע פּיעסע. יעדער אָוונט, סיי אין מיטן וואָך, סיי פֿרייטאָג, שבת און זונטאָג — אַלע פֿאָר־שטעלונגען זענען געווען פֿולשטענדיג אויספֿאַרקויפֿט. אַדלער האָט נאָך אַלץ געשפּילט אין „שולמית״ די ניט וויכטיגע ראָלע פֿון „מנוח״, שולמית׳עס פֿאָטער. עס איז געשען מיט „שולמית״ דאָס זעלבע וואָס אין שיקאַגאָ: וואָס מער מיר האָבן די אָפּערעטע געשפּילט, אַלץ מער אידן זענען געקומען זי זען.

אַדלער׳ן האָט אָבער שטאַרק געקרענקט פֿאַרוואָס ער שפּילט אַזאַ קליינע ראָלע. דאָס איז טאַקע באמת געווען אַ צו קליינע ראָלע פֿאַר אים, דעם גרויסן שוישפּילער. אָבער אַנשטאָט מיט מיר זיך אַן עצה צו האַלטן וועגן שטעלן אַן אַנדערע פּיעסע, אין וועלכער ער זאָל האָבן אַ וויכטיגע ראָלע, האָט ער אָפּגעטאָן אַ נאַריש שטיקל.

אין אַ געוויסן פֿרייטאָג ביינאַכט קום איך אין טעאַטער צו דער פֿאָרשטע־לונג. מענטשן שטייען אין אַ ליין, וואָס ציט זיך ווייט פֿון טעאַטער אַרויס צו קריגן באַטש סטענדינג־רום, ווייל אַלע טיקעטס זענען שוין געווען פֿאַר־קויפֿט. איך וואונדער זיך: דער עולם קומט נאָך אַלץ מאַסנווייז צו דער אָפּערעטע „שולמית״? עס איז דאָך אַ גאָלד־מינע! איך גיי אַריין הינטער די קוליסן, זע איך, אַז אַדלער גייט אָנגעטאָן אַלס משה׳לע סאָלדאַט, — אַ פּיעסע, אין וועלכער ער האָט געהאַט זעהר אַ גרויסע ראָלע און מיט איר זעהר שטאַרק אויסגענומען. די אַנדערע אַקטיאָרן זענען אויך אָנגעטאָן אין די קליידער, וואָס האָבן זיך געפֿאָדערט צו ראָלן אין „משה׳לע סאָלדאַט״. אַדלער, אָנגעטאָן אַלס סאָלדאַט, קומט מיר אַנטקעגן מיט אַ שמייכל.

— טאָמאַשעווסקי, — זאָגט ער צו מיר, — מיר איז שוין „שולמית״ פֿאַרמיאוס׳ט געוואָרן. פּע, איך קען מער די ראָלע פֿון „מנוח״ ניט שפּילן, האָב איך באַשלאָסן צו שפּילן „משה׳לע סאָלדאַט״. היינט און מאָרגן וועלן

מיר שפּילן ניט „שולמית“, נאָר „משה׳לע סאָלדאַט“. איידער מיר וועלן אָנהויבן שפּילן, וועל איך אַרויסגיין אויף דער בינע און ערקלערן דעם פּובּ־ליקום, אַז אַנשטאָט „שולמית“ וועלן מיר שפּילן די באַרימטע דראַמע „משה׳לע סאָלדאַט“.

און ער נעמט מיך גלעטן און מיר איינריידן, אַז איך שפּיל אין דער פּיעסע צוויי שעהנע ראָלן, און אַז מיין בעסי האָט אויך אַ שעהנע ראָלע.

— וואָס טויג אייך „שולמית“ מיט די בית המקדש׳לעך, מיט די ראָזשינ־קעס און מאַנדלען? „משה׳לע סאָלדאַט“ איז אַ פּיעסע פון לעבן, מיר שפּילן אין דער פּיעסע ווי לעבעדיגע מענטשן און ניט ווי מענטשן וואָס האָבן געלעבט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק.

איך האָב געשוויגן און געלאָזן אַדלער׳ן אַראָפּריידן זיך פון האַרצן.

— גייט, — זאָגט אַדלער צו מיר, — און טוט זיך אָן אין די קליידער וואָס אייער ראָלע פאָדערט.

— מיסטער אַדלער, — רוף איך זיך אָן, — איר וועט גיין און זיך אָנטאָן אַלס דער אַלטער „מנוח“. מיר וועלן היינט שפּילן „שולמית“!

— מאַכט זיך ניט נאַריש, —זאָגט אַדלער צו מיר — די קליידער פון „שולמית“ האָט מען שוין צוגענומען און די פּאַרוקן זענען שוין אויך ניטאָ. דער פּאַרוקמאַכער האָט זיי אַהיימגענומען.

— איר האָט אונטערגעפירט אַ שלעכטן חשבון, מיסטער אַדלער! — זאָג איך צו מיין פּאַרטנער, — איך קען אויך חשבונ׳ען. איך וועל די פּלענער אייערע אַרויסשלאָגן פון אייער קאָפּ. מיר שפּילן היינט „שולמית“, אָדער מיר שפּילן גאָרניט.

און אַזוי איז טאַקע געווען. איך האָב מיינע שוישפּילער געהייסן אַהיימ־גיין. מען האָט יענע נאַכט ניט געשפּילט.

דאָס פּובּליקום איז אַהיימגעגאַנגען שרעקלעך אויפגערעגט. פון דער בינע איז ערקלערט געוואָרן פאַרן עולם, אַז טאָמאַשעווסקי איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן, און מען קען דעריבער היינט ניט שפּילן. פאַרשטייט זיך, אַז אַדלער איז געווען שטאַרק ברוגז אויף מיר, און מיר האָבן אויפגעהערט צו רעדן איינער צום אַנדערן. דורך בריוולעך האָבן מיר באַשלאָסן זונטאָג נאָכמיטאָג זיך דורכצורעדן מיטן באַלעבאָס פון פּולס טעאַטער, מיסטער הינקע. אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט מיט אים אַ קאָנטראַקט, טאָ זאָל ער, הינקע, אויסקלייבן ווער פון אונז ביידן זאָל בלייבן ביים טעאַטער — אַדלער אָדער איך. אַז מיר זאָלן ביידע ווייטער שפּילן צוזאַמען — וועגן דעם האָט

מער קיין רייד ניט געקאנט זיין. איך האָב פעסט באַשלאָסן אָפּצוהאַקן מיט אַדלער'ן. באַלד האָט אַדלער גענומען שיקן שלוחים צו מיר צו מאַכן שלום. איינער פון זיינע שלוחים איז געווען דער דער־מאָנטער מאַנדעלקערן. אין דעם שלום האָט זיך אויך אריינגעלייגט יוסף באַראָנדעס. באַראָנדעס האָט געהאַט גענומען ביי אונז אין טעאַטער אַ בענעפיט־פאָרשטעלונג פאַר דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, האָט ער זיך געבעטן, אַז איך און אַדלער זאָלן כאָטש אָפּשפּילן די פאָרשטעלונג פאַר זייער אָרגאַניזאַציע. אָבער אומזיסט איז געווען די מיה פון די אַלע שלוחים. איך האָב זיך פאַר'עקשנ'ט: אָדער איך, אָדער אַדלער! דאָס דאַרף דער אייגענטימער פון טעאַטער באַשטימען.

זונטאָג נאָכמיטאָג האָט מר. הינקע אונז ערוואַרטעט ביי זיך אין אָפּיס. צו דער באַשטימטער צייט זענען מיר דאָרטן געווען. איך האָב מר. הינקע'ן ערקלערט די אומגערעכטיגקייט, וואָס אַדלער איז באַגאַנגען געגן מיר און געגן עולם, וואָס איז געקומען אין טעאַטער זען „שולמית״, ווי עס איז געווען אַנאָנסירט. אַדלער האָט פּרובירט זיך אַרויסצודרייען און צו פאַרענטפערן זיין האַנדלונג.

מר. הינקע האָט מיט זיין דייטשער געלאַסנקייט אונז אויסגעהערט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיר ביידע צוזאַמען קאָנען שוין ניט שפּילן. ביי דעם געשפּרעך איז אויך געווען מיסעס הינקע, אַ יונגע, אַ שעהנע, רייצענדע דייטשקע, זעהר אַ קלוגע און אַן אינטעליגענטע. דוכט מיר, אַז זי איז גאָר געווען אַ אידישע טאָכטער. דורך דער צייט, וואָס מיר האָבן געשפּילט אין איר מאַנס טעאַטער, איז זי געוואָרן מיינע אַ שטאַרקע פּאַטריאָטקע. מר. הינקע האָט אַרויסגערופן זיין שעהנע פרוי און אונז געבעטן מיר זאָלן וואַרטן אויף זיין ענטפער. ער איז אַפּנים זיך געגאַנגען מיט איר מישב זיין וועגן דעם ענין. איך און אַדלער זענען געבליבן אַליין אין אָפּיס, האָט אַדלער מיר גענומען געבן צו פאַרשטיין, אַז מיר ביידע קענען קריגן טעאַטערס אויף דער גאַנצער וועלט. וואָס מיר הינקע, ווער מיר דייטש! „לאָמיר ווייטער זיין פאַראייניגט״, האָט ער גע'טענה'ט, — איך וועל אייך מוחל זיין וואָס איר האָט געגן מיר געטאָן לעצטן פרייטאָג. מיר וועלן קריגן איינעם פון די טעאַטערס אויף דער באַוערי, און אַדלער און טאָמאַשעווסקי וועלן ווייטער רעגירן.

אַדלער האָט געזוכט מיט מיר זיך איבערצובעטן. ער האָט אָבער אויך פּרובירט מיך אַ סטראַשע צו טאָן:

— איר פאַרשטייט דאָך מסתמא, טאָמאַשעווסקי, אַז הינקע וועט מיר

געבן זיין טעאַטער און איך וועל ווייטער בלייבן אַדלער, דער „נשר הגדול“ (דער גרויסער אדלער), און איר וועט זיך ווידער דאַרפן אַרומשלעפן איבער דער פּראָווינץ.

איך האָב אַדלער׳ן אויף אַלע זיינע רייד ניט געענטפערט. איך בין געזעסן ווי אַ שטומער. הינקע און זיין שעהנע ווייבעל זענען צוריק אַריינגעקומען. ער האָט גאַנץ העפלעך ערקלערט אַדלער׳ן אַז ער האָט געהאַנדלט לעצטן פרייטאָג ווי אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכער מענטש, אַז אין אַ געשעפט קאָן מען מיטן עולם זיך אַזוי ניט פירן און, אַז דעריבער גיט ער איבער זיין טעאַטער צו מיר.

אַדלער איז אויפגעשטאַנען אַ בייזער, האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין צילינדער־הוט און פאַרלאָזט דעם אָפיס.

איך בין, אַלזאָ, געבליבן ביים פּולס טעאַטער. מיינע שוישפּילער, וועלכע האָבן מיט מיר געשפּילט זייט יאָרן, האָבן געוואַרט אין דרויסן ביים טעאַטער מיט אומגעדולד אויף מיין ענטפער, האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט אין טעאַטער און זיי ערקלערט, אַז איך בין געבליבן ביים טעאַטער. זיי זענען אַלע געווען העפּסט צופרידן. זיי האָבן געוואוסט, אַז אויף מיר קאָנען זיי זיך פאַרלאָזן. איך בין זיי געווען טריי, און זיי זענען מיר געווען טריי.

מיר האָבן באַשלאָסן אָנצוהייבן נעקסטן פרייטאָג מיט אַ נייע פּיעסע, „די חליצה“.

אָט די פּיעסע האָבן מיר נאָך געהאַט איינגעשטודירט אין פילאַדעלפיע און אין שיקאַגאָ. איך האָב אין דעם שטיק געשפּילט זעהר אַ שווערע ראָלע — דוד־וועלוועלע, אַ נאַרישער בחור. איך האָב געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג אין דער ראָלע אומעטום וואו איך האָב זי געשפּילט. מיינע שוישפּילער האָבן זיך געפרייט וואָס צווישן מיר און אַדלער׳ן איז געוואָרן אויס שדוך. אַלס אַרטיסט האָבן זיי אַדלער׳ן פאַרגעטערט, אָבער פאַרלאָזן זיך אויף אים, האָבן זיי ניט געוואָלט. צו מיר אָבער האָבן זיי געהאַט פולשטענדיגן צוטרוי.

ווען באַראָנדעס האָט זיך דערוואוסט, אַז אַדלער איז אַרויס פון טעאַטער, איז ער געקומען צולויפן צו מיר אַן אויפגערעגטער: ס׳טייטש, זיין בענעפיט דאַרף פאָרקומען דינסטאָג, וואָס וועט זיין? אַלע בילעטן זענען אויספאַרקויפט, אַדלער וועט ניט שפּילן, דאָס וועט דאָך זיין אַ סקאַנדאַל. ער,

באַראַנדעס, איז פאַר דעם בענעפיט פאַראַנטוואָרטלעך צו די מיטגלידער פון זיין יוניאָן. איך האָב באַראַנדעס'ן באַרוהיגט און אים ערקלערט, אַז מיר וועלן צו זיין בענעפיט שפּילן אַ נייע פּיעסע, „די חליצה". ענדלעך האָט באַראַנדעס צוגעשטימט. דינסטאָג ביינאַכט, צו דער בענעפיט־פאָר־שטעלונג, איז באַראַנדעס אַרויף אויף דער בינע און ערקלערט דעם עולם, אַז צוליב דעם בענעפיט פיר איך אויף צום ערשטן מאָל אין ניו יאָרק אַ נייע פּיעסע. אַ טייל פון פּובליקום האָט אַפּלאָדירט די נייעס, אַנדערע ווידער זענען געווען אויפגערעגט צוליב דעם וואָס אַדלער באַטייליגט זיך ניט אין דער פּיעסע.

די פאָרשטעלונג איז אָבער אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס ענטוזיאַזם פון גאַנצן עולם אָהן אויסנאַם. נאָכן ערשטן אַקט איז באַראַנדעס אַרויס־געלאָפן קויפן פאַר מיר אַ מתנה. נאָכן דריטן אַקט האָט באַראַנדעס ווידער געהאַלטן אַ רעדע, לויבנדיג די פאָרשטעלונג און דאַנקענדיג די שוישפּילער. ער האָט מיך אַרויפגעפירט אויף דער בינע און געהאַלטן אַ לאַנגע דרשה וועגן מיר, דערביי האָט ער מיר איבערגעגעבן אַ קאָסטבאַרע לולקע.

„די חליצה" האָט שטאַרק אויסגענומען אין ניו יאָרק. פרייטאָג ביינאַכט איז דאָס טעאַטער געווען אויספאַרקויפט. שבת בייטאָג איז דער ערפאָלג געווען נאָך גרעסער, און שבת ביינאַכט זענען טויזנטער מענטשן אַוועק צוריק אַהיים, ווייל מען האָט ניט געקענט קריגן אפילו קיין סטענדינג־רום. אַדלער איז געזעסן ערגעץ אין אַ רומקע אויף סטענטאָן סטריט און זיך געערגערט פון די נייעס וועגן מיין גרויסן ערפאָלג. די דאַמאָלסטדיגע אידישע פרעסע, דער „טאַגעבלאַט" און דער „פאָלקס אַדוואָקאַט", וועלכע זענען אַרויסגע־געבן געוואָרן פון מאַיקעל מינץ, דער מאַן פון דער שפּעטער באַרימטער אי־דישער אַקטריסע קעני ליפּצין, האָבן געשריבן פיינע קריטיקס וועגן אונז.

אַדלער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף דער פּראָווינץ. ער איז געפאָרן קיין ניו העיווען, האַרטפאָרד, ברידזשפּאָרט און אין אַנדערע שטעטלעך אַרום ניו יאָרק. די צוויי ניו יאָרקער אידישע טעאַטער טרופּעס: די רומעניען אָפּעראַ־הויז און דער אָריענטאַל טעאַטער, האָבן זיך גענומען רעכענען מיט מיר. זיי האָבן מיין גרויסן ערפאָלג גאָרניט געקענט פאַרשטיין. וואָס הייסט עפּעס אַ אינגל, טאָמאַשעווסקי, וואָס האָט זיך אַמאָל נאַריש געמאַכט אין ניו יאָרק מיט אַ חברה דילעטאַנטן, גייט קאָנקורירן מיט זיי, די אמת'ע קינסטלער, די באַריהמטהייטן פון איירָאָפּאַ! אָבער וואָס גרעסער מיין ערפאָלג איז געווען, אַלץ מער האָבן די עלטערע שוישפּילער פון די דער־

מאָנטעביידע טעאַטערס זיך גענומען רעכענען מיט מיר, און עס האָבן אָנגעהויבן צו גיין צו מיר שדכנים, מעקלערס, טעאַטער־פּאַטריאָטן פון ביידע טעאַטערס, אַז איך זאָל אַריינקומען צו זיי און די קאָנקורענץ זאָל אָפּגעשאַפט ווערן. דער פאָרשלאָג האָט מיר געשמייכלט. אין האַרצן האָב איך זעהר שטאַרק געוואָלט זיך אַריינכאַפּן אין איינע פון די צוויי טרופּעס. איך האָב זיך שוין אפילו עטלעכע מאָל געהאַט באַגעגנט מיט די מענעדזשערס פון די דערמאָנטע צוויי טעאַטערס און מיט זיי גערעדט וועגן ביזנעס, אָבער אָפּמאַכן מיט זיי האָב איך ניט געקענט. איך האָב דאָך געהאַט אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט מיט היימי רובינשטיין צו עפענען זיין נייעם טעאַטער אין שיקאַגאָ, און האָב געהאַט געקראָגן פון אים פינף טויזנט דאָלער אַלס פאַרשוס.

עטלעכע וואָכן האָב איך געשפּילט „די חליצה". הינקע איז געווען אין זיבעטן הימל און זיין פרוי, די שעהנע דייטשקע, האָט אויך אָנגעקוואָלן פון מיר. זי פלעגט מיר גאַנץ אָפט ברענגען געשמאַקע דייטשע מאכלים. הינקע האָט געוואוסט, אַז איך האָב אַ קאָנטראַקט צו פאָרן אין שיקאַגאָ און זיין שמחה איז דעריבער געווען אַן אומזיסטע.

די צייט האָט זיך גערוקט, אָט, אָט און איך דאַרף שוין פאָרן קיין שיקאַגאָ. מיר האָט שטאַרק באַנג געטאָן צו פאַרלאָזן ניו יאָרק, וואו איך האָב אַזאַ גרויסן ערפאָלג. מיין מזל איז געווען וואָס איך האָב מיט הינקע'ן ניט געהאַט קיין נייעם קאָנטראַקט. נאָכדעם ווי איך בין געוואָרן אויס פּאַרטנער מיט אַדלער'ן, איז דער אַלטער קאָנטראַקט בטל געוואָרן, און קיין נייעם האָבן מיר ניט געמאַכט. איך האָב זיך, אַלזאָ, זעהר לייכט געקענט באַפרייען פון דעם דייטש.

אין אַ געוויסן אָוונט איז פאָרגעקומען דאָס פאָלגענדע: דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף און עס הייבט זיך אָן די פאָרשטעלונג. איך קום אַרויף אויף דער בינע און זע ווי די ביידע ברידער רובינשטיין, היימי און איק, זיצן אין אַ באָקס און אַפּלאָדירן מיר. פאַר מיר האָט דער אַפּלאָדיסמענט גע־מיינט אָט וואָס: יונגערמאַן, מיר זענען געקומען נאָך דיר. פּאַק איין דיינע זאַכן און קום מיט אונז קיין שיקאַגאָ!

עס איז מיר שווער איבערצוגעבן וואָס איך האָב אין יענעם מאָמענט געפיהלט. דאָס טעאַטער איז געווען איבערגעפּאַקט. אַפּלאָדיסמענטן הערן ניט אויף, און דאָ פּאַק זיך אין וועג אַריין!

נאָכן ערשטן אַקט זענען ביידע ברידער רובינשטיין אַרויפגעקומען אויף דער בינע. זיי האָבן זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט קושן. זיי האָבן מיר דערציילט ווי שעהן זייער טעאַטער איז, אַז עס הענגט שוין אַ גרויסע עלעקט־רישע סיין. „טאָמאַשעווסקי טעאַטער״, מען פאַרקויפט שוין בילעטן צו דער ערשטער פאָרשטעלונג, וואָס דאַרף פאָרקומען אין צוויי וואָכן אַרום, אַ סך סאָסייעטים קויפען שוין בענעפיטס. איך בין אַריין צו העך הינקע און אים דערציילט וועגן מיין אונטערגעשריבענעם קאָנטראַקט מיט די רובינשטיינס, און ערקלערט, אַז איך מוז אים איבערלאָזן און אַז איך פאָר נעקסטע וואָך אַוועק קיין שיקאַגאָ. נו, נו, האָט זיך דאָס אַביסל אָפּגעטאָן! דער פיינער, גוטער דייטש איז פלוצלינג געוואָרן ווילד . . . זיין פרוי, די שעהנע דייטשקע, האָט געוויינט. זי האָט פּרובירט מיך איבערצורעדן מיט גוטע רייד, מיט חניפה; עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. בלייבן איז פאַר מיר געווען אונמעגליך. אַ קאָנטראַקט איז אַ קאָנטראַקט. די רובינשטיינס האָבן מיך געהאַט אין זייערע הענט.

עטלעכע טעג שפּעטער איז די גאַנצע טרופּע, צוזאַמען מיט די ביידע ברידער רובינשטיין, אָפּגעפאָרן קיין שיקאַגאָ. די רובינשטיינס זענען געווען ספּאָרטס, האָבן מיר געהאַט אַ פרעהלעכע רייזע.

אַ חוץ מיינע אַנדערע שוישפּילער האָב איך מיטגענומען צוויי נייע אַקטיאָרן, וועלכע זענען דאַן אַנגעקומען פון וואַרשע, מר. און מרס. טאַנצמאַן. טאַנצמאַן איז געווען אַ קאָמיקער, אַ גאַנץ שוואַכער אַקטיאָר, אָבער זעהר אַ פיינער יונגערמאַן און ניט קיין פּראָסטער. ער האָט געשטאַמט פון אַ באַוואוסטער חסיד'ישער פאַמיליע אין פּוילן. מרס' טאַנצמאַן איז געווען אַ פיינע זינגערין, הגם אַלס אַקטריסע איז זי אויך געווען שוואַך. גאָט האָט איר געשטראָפט מיט אַ קורץ נעזל און מיט גרויסע דיקע ליפּן, און זעהר גרויסע ציין. איר אויסזען האָט פיל געשטערט איר ערפאָלג.

15

דאָס מאָדנע באַגעגעניש - דאַווידזאָן און מאָריס מאָריסאָן - די סיבה פון זיין פאַרשווינדן - ער קערט אוים די בינע - די סצענע ביים דייטשן טעאַטער־דירעקטאָר - ער שפּילט מיט אַ ריזיקן סוקסעס און פאַרשווינדט - צוריק חבר מיט די צעקריגטע אַקטיאָרן - פינקעל רעדט מיך צו צו קומען אין ניו יאָרק.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין שיקאַגאָ, האָט אונז ביי דער באַן אָפּגעוואָרט אַ היבשער עולם — מיינע „פּאַטריאָטן“. די גאַנצע רובינשטיין פאַמיליע איז, פאַרשטייט זיך, אויך דאָרטען געווען. די אַלטע מאַדאַם רובינשטיין, די גוטע ליטוואַטשקע, האָט צו דער סטיישאָן געבראַכט אַ גרויסן קעיק מיט מיין נאָמען אויסגעאַרבייט פון צוקער. פון דער באַן זענען מיר אַוועק צום טעאַטער. אויף דער בינע זענען געשטאַנען געדעקטע טישן מיט אַלערליי מאכלים און געטראַנקען. ווען מיר זענען אַריין אין טעאַטער, האָט דער אָרקעסטער, אונטער דער פּיהרערשאַפט פון דעם באַוואוסטן מוזיקער פידלער, אָפּגעשפּילט אַן אַמעריקאַנישן מאַרש. דאָס טעאַטער איז פון דרויסן געווען באַהאַנגען מיט פאָנען און מיט בלומען. טויזנטער מענטשן זענען געשטאַנען און אונז באַגריסט. מען האָט געהוליעט ביז שפּעט אין דער נאַכט. איך האָב זיך ווידער באַגעגנט מיט היימי׳ס אינגערע שוועסטער, איוועלע, וועלכע האָט ביי מיין ערשטן אויפטרעטן אין שיקאַגאָ, ווען איך בין געווען אַ באָרדער ביי איר מוטער אין הויז, אָנגעצונדן אַ פייער פון ליבע אין מיר. זי האָט זיך זעהר דערפרייט וואָס זי זעט מיך ווידער און האָט אַרומגעטאַנצט אַרום מיר. פאַר גרויס שמחה האָב איך געהאַלטן אין איין קושן זיך מיט איוועלע׳ן. ביי דער שמחה זענען געווען רעפּאָרטערס פון די ענגלישע צייטונגען, וועלכע האָבן אַלץ באַשריבן אין זייערע בלעטער.

איך האָב אַנאָנסירט, אַז מיר עפענען דאָס נייע טעאַטער מיט פּראָפעסאָר הורוויץ'עס „שלמה המלך". דאָס איז געווען די ערשטע אידישע אָפּערע אין דער געשיכטע פון אידישען טעאַטער. די רובינשטיינס, אַלס גרויסע ספּאָרטס, האָבן קיין קאָסטן ניט געזשאַלעוועט. זיי האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַן אָרקעסטער פון 28 מאַן און אַ כאָר פון צוואַנציג מיידלעך און צען מענער. די קליידער זענען געמאַכט געוואָרן פון באַוואוסטע שניידער און דער מאַ־טעריאַל איז געווען פון די פיינסטע און די טייערסטע. עס זענען געמאָלען געוואָרן ספּעציעלע דעקאָראַציעס פון באַוואוסטע קינסטלער. עס זענען בוכ־שטעבלעך אויספאַרקויפט געוואָרן אַלע טיקעטס צו די פאָרשטעלונגען פאַר פיר וואָכען אין פאָרויס. יעדע נאַכט האָבן אַ סך מענטשן געמוזט צוריק־גיין, ווייל זיי האָבן ניט געקאָנט קריגן קיין טיקעטס. די אָפּערע האָט געהאַט אַ ריזיגן ערפאָלג. אַזאַ זינגען, אַזאַ אָרקעסטער, אַזאַ אויסשטאַטונג האָבן שיקאַגאָ'ר אידן אויף אַ אידישער בינע איצט געזען צום ערשטן מאָל. די געשעפטן זענען געווען גלענצענדע און די רובינשטיינס זענען געווען גליקלעכע. אַ חוץ דעם טעאַטער האָבן די רובינשטיינס נעבן טעאַטער געהאַט אַ פיינעם רעסטאָראַן און אַ ביר־סאַלון. אויך דאָרט האָבן זיי געמאַכט גוטע געשעפטן צוליב דעם גרויסן ערפאָלג פון טעאַטער. פאַר דער פאָרשטעלונג און נאָך דער פאָרשטעלונג פלעגן אידן צו זיי גיין דערכאַפּן זיך דאָס האַרץ.

מיין נייער קאָמיקער, אברהם טאַנצמאַן, האָט זיך נאָך פון אייראָפּע גע־קענט מיט דעם באַרימטן אידיש־דייטשן שוישפּילער, מאָריס מאָריסאָן. אין אַ געוויסן זונטאָג מאַטינע, האָב איך געשפּילט די ראָלע פון „וועלוועלע" אין „די חליצה". דאָס טעאַטער איז געווען געפּאַקט, אפילו די דורכ־גאַנגען זענען געווען פול מיט מענטשן. טאַנצמאַן האָט אין דער פּיעסע ניט געהאַט קיין ראָלע, האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין טעאַטער. פּלוצלינג לויפט ער אַרויף צו מיר אויף דער בינע און זאָגט מיט באַגייסטערונג:

— מר. טאָמאַשעווסקי, קומט, וועל איך אייך עפּעס ווייזן.

ער נעמט מיך אָן פאַרן האַנט און פירט מיך צום פאָרהאַנג און הייסט מיר דורכקוקן דורכן לעכל, וואָס געפינט זיך אינעם פאָרהאַנג.

— אָט דאָרטן, — זאָגט ער מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם — איר זעט דאָרטן, אויף דעם שטול וואָס מען האָט צוגעשטעלט, זיצט אַ מאַן. קוקט זיך גוט איין אין אים. איר ווייסט ווער דאָס איז?

איך זע עס זיצט אַ מאַן מיט אַ פיינעם אַרטיסטישן קאָפּ, די האָר

פאַרשניטן ביים שטערן ווי „בענקס״ וואָס מיידלעך טראָגן. עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכער קאָפּ. איך האָב דעם קאָפּ ערגעץ־וואו געזען, אָבער איך קען זיך ניט דערמאָנען וואו.

טאַנצמאַן רוימט מיר איין אין אויער, ווי ער וואָלט מיר אַ סוד פאַרטרויט:

— דאָס איז מאָרים מאָריסאָן, דער באַרימטער מאָריסאָן!

איך האָב מאָרים מאָריסאָנ׳ען קיינמאָל ניט געזען שפּילן, זיין בילד האָב איך אָבער אַ סך מאָל באַגעגנט אין דייטשע זשורנאַלן, איבערהויפּט אין דעם זשורנאַל „בינע און וועלט״, וואָס איך פלעג רעגולמעסיג קויפן. איך האָב אויך געזען מאָריסאָנ׳ס בילד הענגען אין דער לאָבי פון אירווינג פּלייס טעאַטער — דאָס דאַמאָלסטדיגע באַרימטע דייטשע טעאַטער אין ניו יאָרק.

טאַנצמאַן דערציילט, אַז מאָריסאָן האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל קיינעם ניט זאָגן, אַז ער איז אין טעאַטער. ער וויל זיך מיט מיר באַקענען, אָבער ער וויל ניט, אַז טאַנצמאַן זאָל מיר זאָגן ווער ער איז. ער בעט, אַז ער זאָל אים פאָרשטעלן פאַר מיר אַלס דאַווידזאָן, אַ סוחר פון דייטשלאַנד.

טאַנצמאַן גייט אַוועק אין טעאַטער ברענגען צו מיר דעם געהויבענעם גאַסט. עס נעמט ניט לאַנג און טאַנצמאַן קומט אַריין אין מיין דרעסינג־רום מיט מאָריסאָנ׳ען. איך בין אַ פאַרציטערטער געוואָרן. איך האָב דערזען פאַר זיך אַן אָפּגעריסענעם, אָפּגעשליסענעם טרעמפּ, די שיך צעריסענע, די הויזן פול מיט לעכער און אין אַ פּראָסט אַרבייטער־העמד. ער שטעלט פאָר דעם גאַסט פאַר מיר:

— הערר דאַווידזאָן, אַ סוחר פון דייטשלאַנד.

איך בין געבליבן ווי פאַרשטיינערט. אָט דער אָפּגעריסענער טרעמפּ, ניט ראַזירט, מיט אַ ווילד־פאַרוואַקסענער שוואַרצער באָרד — ער איז דאָס דער באַרימטער אידיש־דייטשער קינסטלער מאָרים מאָריסאָן! דאָס האָב איך זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן. מאָריסאָן האָט געשפּילט זיין ראָלע אַלס כלומרשטדיגער סוחר און וועגן טעאַטער האָט ער קיין איין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. ער האָט מיר אויך ניט געמאַכט קיין קאָמפּלימענט וועגן דער פאָרשטעלונג. ער האָט איבערהויפּט גאַנץ ווייניג גערעדט. די קורצע צייט פון אַנטראַקט איז ער געזעסן נעבן מיר און געשמועסט...

פון אַנטראַקט איז ער געזעסן נעבן מיר און גערויכערט דעם סיגאַר, מיט וועלכן איך האָב אים מכבד געווען. ער האָט געבלאָזן דעם רויך מיט קונצן. פון דעם רויך זענען ביי אים אַרויסגעקומען קיילעכדיגע בייגעלעך. עס זענען אַריינגעקומען שוישפּילער צו מיר, און ער האָט זיי אַלעמען באַגריסט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ.

ווען די פאָרשטעלונג האָט זיך ווידער געדאַרפט אָנהייבן, איז מאָריסאָן צוריק אַריין אין טעאַטער און זיך אַוועקגעזעצט אויפן זעלבן פּלאַץ, אויף דעם צוגעשטעלטן שטול, וואו ער איז פריער געזעסן. איך ווענד זיך צו טאַנצמאַנ׳ען:

— מיר דאַכט זיך, טאַנצמאַן, אַז דער דייטש, וועמען איר האָט מיר דאָ אַריינגעבראַכט און פאָרגעשטעלט אַלס מאָריס מאָריסאָן, איז אַ פּשוט׳ער טרעמפּ, עפּעס אַ שיכור. עס קען דאָך ניט זיין, אַז דער באַרימטער מאָריסאָן זאָל קומען צו אַזאַ לאַגע. פאַרוואָס וויל ער עפּעס ניט, מ׳זאָל אים רופן מיט זיין אמת׳ן נאָמען, נאָר דאַווידזאָן? ווער ווייס וואָס פאַר אַ מין דאַווידזאָן דאָס איז? ער איז דאָך די גאַנצע צייט געזעסן ווי אַ שטומער און צו קיינעם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. אפשר האָט איר אַ טעות, טאַנצמאַן?

— וואָס רעדט איר, מר. טאָמאַשעווסקין — זאָגט טאַנצמאַן — איך זאָג דאָך אייך, אַז איך קען אים נאָך פון אייראָפּע, און מיין פרוי קען אים אויך זעהר גוט.

און ער ברענגט זיין פרוי אַלס עדות. מרס. טאַנצמאַן ערקלערט מיר, אַז דער טרעמפּ איז טאַקע מאָריס מאָריסאָן. מיר האָבן אַלע געשטוינט. מרס. טאַנצמאַן ערקלערט מיט טרערן אין די אויגן, אַז זי האָט זיך באַקענט מיט מאָריסאָנ׳ען אין בוקאַרעסט. דאָרטן וואוינען זיינע עלטערן, איז ער דענסט־מאָל צו זיי געקומען צו־גאַסט. אין בוקאַרעסט איז ער אַרומגעפאָרן איבערן שטאָט אין אַ קאַרעטע. זי האָט אים געזען שפּילן אין דאָרטיגן נאַציאָנאַל טעאַטער „אוריאַל אַקאָסטאַ“. ער האָט געשפּילט אין דייטש און די איבעריגע שוישפּילער האָבן זייערע ראָלן דורכגעפירט אין רומעניש. זי האָט נאָכאַמאָל פאַרזיכערט, אַז דער טרעמפּ איז מאָריס מאָריסאָן.

נאָך דער פאָרשטעלונג איז דאַווידזאָן, דאָס הייסט דער פאַרשטעלטער מאָריסאָן, ווידער אַריינגעקומען צו מיר אין דרעסינג־רום. ער האָט זיך אַוועק־געזעצט אויף אַ ראָקינג־טשער, ווידער געראַוכערט און ווידער ניט אַרויס־גערעדט קיין וואָרט. איך האָב זיך איבערגעטאָן, אָראָפּגעוואָרפן פון זיך „דוד וועלוועלען“ און געוואָרן צוריק טאָמאַשעווסקי. איך האָב מיין גאַסט איינגעלאַדן צו גיין עסן מיט מיר סאַפּער. ער האָט מיין איינלאַדונג אָנגענומען.

מיר זענען אַרונטערגעגאַנגען אין רובינשטיינ׳ס רעסטאָראַן, נעבן טעאַ־טער, וואו עס איז שוין געווען געדעקט אַ לאַנגער טיש פאַר דער גאַנצער טרופּע.

איך האָב געבעטן מיין גאַסט, ער זאָל זיך אוועקזעצן ביים טיש, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. ער איז ניט הונגעריג, האָט ער געענטפערט. מאַדאַם טאַנצמאַן האָט אים געבעטן און מיין בעסי האָט אים איינגעלאַדן, ער זאָל זיך אַוועקזעצן, אָבער ער איז ניט געגאַנגען. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אין אַ ווינקל ביי אַ ניט־געדעקטן טיש און ער איז דאָרטן געזעסן די גאַנצע צייט ביז מיר האָבן אָפּגעגעסן. איך האָב אים געבעטן ער זאָל עפּעס טרינקען, אפשר קאַפּע, טיי. „איך דאַנקע“, איז געווען זיין ענטפער און ער האָט גאָרניט פאַרזוכט.

ווען מיר זענען פאַרטיג געוואָרן מיטן סאַפּער, בין איך צוגעגאַנגען צו זיין טישל. מאָריסאָן זאָגט צו מיר, אַז ער וויל מיט מיר רעדן פּריוואַט. האָב איך דעם מאָדנעם גאַסט אַריינגענומען צו מיר אין אָפיס. דאַן איז ער פּלוצלינג געוואָרן רעדעוודיג, און אָט וואָס ער האָט מיר געזאָגט:

— מר. טאָמאַשעווסקי, איך זע איר קוקט מיך אָן מיט ערשטוינונג. אָט וועט איך באַלד אַלץ קלאָר ווערן. ערשטנס, בין איך ניט דאַווידזאָן. איך בין קייזער־קעניגליכער־הויף־שוישפּילער, מאָריץ מאָריסאָן. איר האָט זיכער מיין נאָמען געהערט, אָדער באַגעגנט אין דער פּרעסע. פריער מוז איך אייך ערקלערן וואָס עס האָט מיך געבראַכט צו אָט דער לאַגע, אין וועלכער איר זעט מיך איצט. דער דירעקטאָר פון דייטשן טעאַטער אין ניו יאָרק איז אַ גאָט־פאַרדאַמטער אַנטיסעמיט, און די שוישפּילער זענען נאָך גרעסערע אַנטיסעמיטן פונם דירעקטאָר. אַלס איד האָב איך ניט געקענט אַריבערטראָגן ווי דער אידישער נאָמען ווערט דאָרט אויף טריט און שריט באַליידיגט און ערנידריגט. צוליב דעם אידישן נאָמען האָב איך זיך צע'הרג'עט מיטן דירעקטאָר און מיט אַלע שוישפּילער.

ער איז אַ ווײלע שטיל געבליבן און פאָרטגעזעצט מיט שרעק:

— איר זעט דעם שניט אויבן ביי מיין שטערן, דאָס האָב איך באַקומען אויף יענער זייט ים פון אַ דייטשן אָפיציר. איך האָב מיט אים געהאַט אַ דועל דערפאַר וואָס ער האָט באַליידיגט דעם נאָמען איד. איך האָב דעם דירעקטאָר פון דייטשן טעאַטער אין ניו יאָרק אויך אויפגעפאָדערט אויף אַ דועל. פאַרשטייט איר דאָך, אַז צוליב דעם קאָן איך מער אין יענעם טעאַטער ניט שפּילן. ביי פּראָבע פון „קעניג ליר“ האָב איך זיך צע'הרג'עט מיט דער גאַנצער קאָמפּאַני און איך האָב פאַרלאָזט דאָס טעאַטער. די דייטשע פּרעסע, אויך די ענגלישע, האָט דעם אמת פאַרשוויגן. זיי האָבן באַריכטעט, אַז מאָריסאָן איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן און איז אוועק זיך

אויסקורירן. אין דער אמת'ן בין איך טאַקע שטאַרק ערשיטערט געוואָרן פון די אַלע איבערלעבונגען, קיין געלט אוועקצופאָרן צוריק קיין דייטשלאַנד האָב איך ניט. איך האָב מיין גאַנץ געלט פאַרגעמבלט. יאָ, פאַרגעמבלט!

און מאָריסאָן האָט זיך צעוויינט. עטלעכע מינוטן האָט דאָס וויינען אָנגעהאַלטן.

— גיט מיר אַ סיגאַר, טאָמאַשעווסקי, — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

ער האָט פאַררויכערט און ווייטער גערעדט:

— איך בין געזעסן אין אַ ניו יאָרקער האָטעל אויף בראָדוויי. גאַנצע טעג און נעכט האָב איך מיין צימער ניט פאַרלאָזט. איך האָב מיין געלט אין קאָרטן פאַרשפּילט און איך האָב ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר מיין צימער. איך בין געוואָרן קראַנק. צוריק פאָרן קיין דייטשלאַנד האָב איך זיך געשעמט, און האָב טאַקע ניט געהאַט מיט וואָס צו פאָרן. איך האָב אין די ניו יאָרקער צייטונגען געלעזן אַן אַנאָנס אַז מען דאַרף האָבן אַ קרעפטיגן דייטש־ריידנדיקן מאַן צו דער אַרבעט אויף אַ פאַרם, בין איך אוועק אַהין. איך האָב דאָרטן אָפּגעאַרבעט אַכצן חדשים, און קיינער האָט ניט געוואוסט וואו איך בין אַהינגעקומען. די פרישע לופט און די שווערע אַרבעט אויף דער פאַרם האָט מיך געזונט געמאַכט. איך האָב זיך אָבער צעקריגט מיטן פאַרמער, ווייל ער האָט מיר ניט באַצאָלט מיין קליינעם געהאַלט. איך בין פון אים אוועק כמעט מיט פוסטע קעשענעס. איך בין געגאַנגען צופוס פון שטעטל צו שטעטל און אַזוי בין איך אָנגעקומען אין שיקאַגאָ. דאָ בין איך דריי נעכט געשלאָפן אין אַ פופצן־סענטיגן האָטעל, וואו עס האַלטן זיך אויף טרעמפּס. איך האָב זיך דערוואוסט אַז דאָ שפּילט מען אידיש טעאַטער און, אַז איר, טאָמאַשעווסקי, זייט דער דירעקטאָר פונם טעאַטער. אייער נאָמען האָב איך געהערט ווען איך האָב געשפּילט אין ניו יאָרק.

ער איז ווידער אַ וויילע שטיל געבליבן און דערנאָך האָט ער פאָרטגעזעצט מיט אַ פאַרשטיקטן קול:

— איך בין אויך אָהן אַ סענט געלט, איך האָב ניט וואו צו שלאָפן, איך הונגער!

מאָריסאָן האָט ווייטער ניט געקענט רעדן. ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ היסטערישן געוויין. אַ וואַרעמער רחמנות־געפיהל האָט מיך אָרומגענומען צו דעם גרויסן דייטשן קינסטלער. אין זיינע טרערן האָט זיך מיין אייגענער

גורל אָפּגעשפּיגלט. איך בין דאָך אויך אַן אַקטיאָר, האָב איך ביי זיך גע־טראַכט, ווער ווייס, צי וועל איך אַמאָל ניט קומען צו אַזאַ מדרגה.

איך האָב געבעטן מאָריסאָנ׳ען, ער זאָל מיר אַנטשולדיגן און בלייבן אין אָפּיס ביז איך וועל צוריקקומען. איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך קום באַלד צוריק. ווען איך בין אַרויס פון מיין אָפּיס, האָבן מיך מיינע אַקטיאָרן געפרעגט פאַרוואָס איך בין אַזוי צערודערט און פאַרוויינט. איך האָב ניט געענטפערט. באַלד האָב איך גראַד באַגעגנט רובינשטיינ׳ס אַ שוועסטער, וועלכע האָט געפירט אַ זעהר שעהנע באַלעבאַטישע הויז. זי האָט געוואוינט אין אַ פּריוואַט הויז ניט ווייט פון מיין טעאַטער. קיין קינדער האָט זי ניט געהאַט, איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו בעטן ביי איר, אַז זי זאָל מיר אָפּגעבן אַ צימער פאַר מאָריסאָנ׳ען.

דער איינפאַל איז געווען אַ געלונגענער. איך האָב דער פרוי אין קורצן דערציילט, אַז ביי מיר אין אָפּיס זיצט איצט איינער פון די באַרימטסטע שוישפּילער אין דער וועלט און אַז זי מוז מיר פאַררעכנטן פאַר אים אַ צימער אין איר הויז. דערביי האָב איך איר ערקלערט, אַז עס וועט זיין אַ גרויסער כבוד פאַר איר צו האָבן אַזאַ אַרטיסט ביי זיך אין הויז. ווי איך האָב אַזוי גערעדט מיט דער פרוי, איז אָנגעקומען איר מאַן, אַ זעהר ליבער אינטע־ליגענטער מענטש. איך האָב אים אויך דערציילט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און ביידע, מאַן און פרוי, האָבן צוגעשטימט אַריינצונעמען צו זיך מאָריסאָנ׳ען.

איך האָב דאָס פאַר פאָלק געבעטן, זיי זאָלן גיין מיט מיר אין אָפּיס און איך האָב זיי פאָרגעשטעלט פאַר זייער צוקונפטיגן באָרדער. דערנאָך זענען מיר אַלע פיר אַוועק צום פאַר פאָלק אַהיים. די גוטע מענטשן האָבן מאָרי־סאָנ׳ען אַוועקגעגעבן דאָס שענסטע צימער, וואָס זייער הויז פאַרמאָגט. זיי האָבן אים ערקלערט, אַז זיי זענען דעם גאַנצן טאָג פאַרנומען אין גע־שעפט, אַז זיי קומען אַהיים שפּעט פאַרנאַכט און אַז דאָס גאַנצע הויז איז פאַר אים פריי. זיי האָבן אים געבעטן, ער זאָל זיך פיהלן ביי זיי ווי אין זיין אייגענער היים. מאָריסאָן האָט ניט געדאַנקט, ער האָט אפילו ניט אַרויסגעוויזן קיין מינע פון צופרידנקייט. איך האָב אים איבערגעלאָזט אין זיין נייער היים און בין צוריק אַוועק אין טעאַטער זיך צוגרייטן צו דער אָוונט־פאָרשטעלונג.

אַרום צען אַזייגער ביינאַכט איז מאָריסאָן ווידער געקומען צו מיר אין דרעסינג־רום. ער איז שוין געווען אויסגערוט. ער איז געשלאָפן די גאַנצע

צייט, האָט ער געזאָגט. ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז ער האָט זיך אויסגעבאָדן און אַז ער פיהלט זיך דערפרישט.

נאָך דער פאָרשטעלונג האָב איך אים גענומען צו זיך אַהיים אויף דער 12טער סטריט, ניט ווייט פון טעאַטער. ער האָט ביי מיר געגעסן סאַפּער און איז שוין געוואָרן אַביסל פריילעכער. ער האָט מיר דערציילט זיין גאַנצע לעבנס־געשיכטע. ער האָט געהאַט אַ אידישע ערציאונג. ער האָט אָבער ניט געוואָלט לערנען. עס האָט אים נאָר געצויגן צום טעאַטער. ער איז אַנטלאָפן פון דער היים ווען ער איז אַלט געווען זעכצן יאָר. ער האָט זיך געפּלאָגט אין דייטשלאַנד, דאָרט האָט ער אָנגעהויבן זיין קאַריערע אַלס שיק־אינגל אין אַ ביליג טעאַטערל, דערנאָך האָט ער אָבער געענדיגט אַ דראַמאַטישע שולע. ער האָט מיר אויך דערציילט, ווי ער איז שפּעטער אַריינגעטראָטן אין דער וועלט־באַרימטער מאַינינגער־טרופּע. אַ זעהר, זעהר אינטערעסאַנטע געשיכטע האָט ער מיר דערציילט, אָבער אַזוי ווי איך שרייב מיין אייגענע ביאָגראַפיע און ניט מאָריסאָנ׳ס, מוז איך דאָס דורכלאָזן. ביים אַוועקגיין האָב איך מיין גאַסט געבעטן, ער זאָל קומען צו מיר יעדן טאָג אויף ברעקפעסט, דינער און סאַפּער. איך האָב אים אויך געפרעגט צי ער דאַרף האָבן עפּעס געלט.

— יאָ, באָרג מיר צען דאָלער.

אַזוי האָט ער געזאָגט. ניט: „באָרגט מיר״, נאָר „באָרג מיר״. ער האָט באַלד מיט מיר גענומען רעדן אויף „דו״, לויט דעם חבר׳שן שטייגער, וועלכער גייט אָן צווישן שוישפּילער.

אַנשטאָט צען האָב איך אים געגעבן פינף־און־צוואַנציג דאָלער. דערביי האָב איך אים געבעטן, ער זאָל זיך גאָרניט שעמען און ווען ער וועט נאָך עפּעס דאַרפן, זאָל ער זיך ווענדן צו מיר.

צו מאָרגענס איז מאָריסאָן צו ברעקפעסט ניט געקומען. איך האָב געשיקט מיין דינסטמיידל אויסגעפינען וואָס מיט אים איז געשען. דאָס מיידל איז צוריקגעקומען צוזאַמען מיט מאָריסאָנען. ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז פאַרשלאָפן. שוין לאַנג, לאַנג ווי ער איז ניט געשלאָפן אַזוי געשמאַק און אין אַזאַ גוטע בעט ווי די לעצטע נאַכט.

מאָריסאָן האָט געגעסן מיט אונז דינער, וואָס איז עקסטראַ צוליב אים געמאַכט געוואָרן פון רומענישע מאכלים (די דינסט מיידל איז געווען אַ רומענישע). מאָריסאָן האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון די רומענישע פּאַטראַוועס. נאָכמיטאָג זענען מיר אַוועק שפּאַצירן. ביינאַכט איז ער געקומען אין מיין

טעאַטער, אָבער ער איז געזעסן די גאַנצע צייט הינטער דער בינע. ער איז געוואָרן אַלץ היימישער. ער האָט אָנגעהויבן צו העלפן די בינע־אַרבעטער אויסשטעלן די דעקאָראַציעס און דאָס מעבל און אויף אַנדערע אופנים האָט ער געהאָלפן. ווען מען האָט מיר דערציילט, אַז מאָריסאָן העלפט צו־זאַמענשטעלן די בינע, האָט דאָס מיך געקרענקט. אָבער זאָגן אים, אַז ער זאָל עס ניט טאָן, האָב איך זיך געשעמט. איין מאָל טרעף איך אים מיט אַ בעזים אין דער האַנט. ער האָט געהאַלטן אין אויסקערן די בינע. איך האָב אַרויסגעכאַפּט דעם בעזים פון זיינע הענט און אים אַריינגעפירט צו מיר אין דרעסינג־רום.

— מאָריסאָן, פאַרוואָס טוט איר דאָס? מיט אַזאַ האַנדלונג טוט איר מיר שטאַרק וועה! — האָב איך אים פאַרגעוואָרפן — איר, מאָריסאָן, דער באַרימטער אַרטיסט קערט אויס די בינע ביי טאָמאַשעווסקי'ן אין אידישן טעאַטער! איך בעט אייך, טוט דאָס ניט!

— איך טו דאָס פאַר מיין פריינט, פאַר מיין איינציגן פריינט. צווייטנס, טו איך דאָס וויייל איך ווער משוגע פאַר לאַנגווייליגקייט. איך קען ליידיג ניט אַרומגיין — איז געווען זיין ענטפער.

מאָריסאָן האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צו מיין פאַמיליע, איבערהויפּט האָט ער ליב געהאַט מיט אַ משוגענער ליבע מיין מיידעלע, אסתר'ל. גאַנצע טעג פלעגט ער פאַרברענגען מיטן קינד. ער פלעגט צו מיר קומען גאַנץ פרי ווען דאָס קינד איז נאָך געשלאָפן. ער האָט געוואַרט ביז זי איז אויפגעשטאַנען און דאָס דינסטמיידל האָט איר אָפּגעבאָדן און געגעבן עסן. דערנאָך פלעגט ער נעמען אסתר'לען אין איר קערידזשל און איר פירן שפּאַצירן. אַרום פערציג בלאָק פלעגט ער שטופּן דאָס קערידזשל ביז ער איז צוגעקומען צו אַ פּאַרק. דאָרטן, אין פּאַרק, האָט ער אויף איר אַכטונג געגעבן, געזונגען פאַר איר, געטאַנצט מיט איר. מיטאָג צייט האָט ער דאָס קינד אַהיימגעבראַכט צוריק און נאָכדעם ווי ער און דאָס קינד האָבן אָפּגעגעסן, איז ער ווידער אַוועק מיט איר אין פּאַרק אַריין. וויפל איך האָב זיך ניט געבעטן ביי אים, ער זאָל עס ניט טאָן, האָט עס ניט געהאָלפן. יעדן טאָג פלעגט ער זיך שלעפּן מיטן קינד אין פּאַרק אַריין. יעדן אָוונט פלעגט ער העלפן די בינע־אַרבעטער אויף דער בינע. זיינע אָרימע, כמעט טרעמפּישע, קליידער האָט ער ניט געוואָלט איבערטאָן. די באָרד האָט ער פאַרלאָזן נאָך גרעסער; ער האָט אויסגעזען ווי אין דעם טאָג, ווען ער איז צו מיר געקומען צום ערשטן מאָל.

איך האָב זיך פשוט געשעמט אים צו פרעגן פאַרוואָס ער וויל זיך ניט אָנטאָן ווי אַ מענטש און אויסזען ווי אַ מענטש.

אַ געוויסן טאָג קומט צו מיר מאָריסאָן און זאָגט, אַז ער האָט מיט מיר צו רעדן וועגן עפּעס וויכטיגעס. איך האָב אים אַריינגענומען צו זיך אין אָפיס. אַ היבשע ווײַלע איז ער געזעסן שטיל. דערנאָך רופט ער זיך אָן:

— באָריס, איך וויל שפּילן טעאַטער.

— מיט פאַרגעניגן — ענטפער איך אים, — מיין קאָמפּאַני און איך וועלן פאַר אייך טאָן וואָס איר וועט נאָר פאַרלאַנגען.

— ניין, ניט אין דיין טעאַטער — רעדט מאָריסאָן ווייטער — איך וויל פאַר זיך מאַכן עטלעכע טויזנט דאָלער און אַוועקפאָרן צוריק קיין דייטשלאַנד. אין שיקאַגאָ שפּילט מען יעדן זונטאָג ביינאַכט דייטש טעאַטער. דער דירעקטאָר פון דעם באַוואוסטן האַלים טעאַטער, האַלים, איז אַליין געוועזן אַ דייטשער אַקטיאָר. ער איז אַמאָל מיינער אַ גוטער פריינט געוועזן. מיר פלעגן זיך טרעפן יעדן זומער אין קאַרלסבאַד. גיי אַריבער צו הער האַלים און זאָג אים, אַז איך, מאָריץ מאָריסאָן, וויל ביי אים שפּילן עטלעכע זונטאָג־פאָרשטעלונגען. איך בין זיכער, אַז ער וועט דיר ניט אָפּזאָגן און ער וועט דיר געבן זיין טעאַטער.

דעם האַלים טעאַטער האָבן באַזוכט אינטעליגענטע מענטשן און אַהין פלעגן קומען די אַמעריקאַנער „פיר הונדערט״.

אויף מאָרגן בין איך, אַלזאָ, אַוועק זיך זען מיט האַלים׳ן. איך האָב מיטגענומען מאָריסאָנ׳ען מיט מיר. צוקומענדיג צום טעאַטער, ערקלערט מיר מאָריסאָן, אַז ער וויל ניט אַרויפגיין. ער שעמט זיך, אַז האַלים זאָל אים זען אין זיינע צעריסענע קליידער און מיט דער פאַרוואָקסענער באָרד.

איך בעט זיך ביי מאָריסאָנ׳ען:

— האַלים קען דאָך מיך ניט, ער וועט דאָך אפשר גאָר ניט וועלן ריידן מיט מיר. קומט מיט מיר אַרויף, מאָריסאָן!

איך בין אַרויפגעגאַנגען צו מר. האַלים׳ן. איך האָב זיך געמאָלדן צום דירעקטאָר דורך זיין סעקרעטאַרין, און נאָך אייניגע מינוטן וואַרטן, האָט מיך דאָס מיידל אַריינגעלאָזט צו אים. איך בין אַריין אין אַ קעניגלעכן אָפיס. אַלץ איז געווען שעהן און רייך. די ווענט זענען געווען באַהאַנגען מיט טייערע קונסט־בילדער. הער האַלים, אַ גרייז־אַלטער מאַן, מיט אַ וואָזשנעם אויסזען, איז געזעסן ביי אַ טייערן טיש. ער האָט מיך באַגריסט

פריינדלעך און געהייסן מיר זיך אוועקזעצן אנטקעגן אים. איך דערציייל אים נאָך וואָס איך בין געקומען צו אים. איך דערצייל אים אויך אין וואָס פאַר אַ לאַגע מאָריסאָן געפינט זיך איצט, ער דאַרף הילף און אַז די איניגע פאָרשטעלונגען וועלן אים העלפן צוריקפאָרן קיין דייטשלאַנד.

דער אַלטער האַליס האָט אָנגעטאָן אַ פּאָר גרויסע, שווערע ברילן און גענומען קוקן אויף מיר. איך האָב געפיהלט, אַז ער פאַרדעכטיגט מיך אין עפּעס. מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל באַלד הערן פון אים עפּעס אומאַנגענעמעס.

— אַנטשולדיגט, הער טאָמאַשעווסקי — זאָגט צו מיר דער אַלטער גרייז, — איך קען מאָריסאָנ'ען זעהר גוט. מיר זענען ביידע נאָהענט באַפריינדעט, אַ סך גליקלעכע שטונדן האָבן מיר צוזאַמען פאַרבראַכט. שוין באַלד צוויי יאָר ווי מאָריסאָן איז אַוועק פון דייטשן טעאַטער פון ניו יאָרק, און ניט איך, זיין פריינט, און ניט קיינער פון די שוישפּילער און אויך ניט די פּרעס ווייסען, וואו דער גרויסער קינסטלער איז אַהינגעקומען. ער מוז שוין אודאי זיין טויט, און איצט קומט איר און זאָגט מיר, אַז מאָריסאָן לעבט און אַז ער וויל שפּילן ביי מיר! איר ווייסט דאָך, אַז מיין טעאַטער איז אַן ערשט־קלאַסיגער און אויב איינער וויל זיך פאַרשטעלן אונטער מאָריסאָנ'ס נאָמען און אויסשווינדלען אַ פּאָר פאָרשטעלונגען אין מיין טעאַטער, וועט זיך אים דאָס ניט איינגעבן.

דער אַלטער איז אַ ווײַלע שטיל געבליבן און דאַן זיך ווידער געווענדט צו מיר.

— אַנטשולדיגט, הערר טאָמאַשעווסקי, וואָס איך וויל אייך געבן מיין ראַט. איך האָב אייער נאָמען אַלס שוישפּילער און אַלס דירעקטאָר געהערט. לאָזט זיך ניט פאַרפירן פון עפּעס אַ שווינדלער, וואָס גיט זיך אָן אַלס מאָריץ מאָריסאָן. אייער נאָמען קען דערביי פיל ליידן.

— אָבער, הערר האַליס! — רוף איך אויס — הערר מאָריסאָן שטייט דאָ אונטן. ער שעמט זיך אַרויפצוקומען ווייל... ווייל... ער איז אָפּגעריסן. ער זעט אויס ווי אַ טרעמפּ, ער טראָגט אַ ווילד פאַרוואָקסענע באָרד.

— וואָס?! מאָריסאָן איז דאָ אונטן, ביי מיין טעאַטער! מאָריסאָן שטייט אונטן און ער קומט ניט אַרויף צו מיר, צו זיין אַלטן פריינד האַליס!

דער אַלטער טעאַטער־דירעקטאָר האָט זיך האַסטיג אויפגעהויבן פון זיין שטול און אַרויסגעלאָפן מיט אַ האַסטיגן בראַזג מיט דער טיר. איך הער

ווי ער עפנט אונטן די טיר וואָס פירט אַרויס אויפֿן גאַס. איך עפֿן אויף די טיר פֿון זיין אָפּיס און הער ווי ער שרייט אויס:

— מאָריטץ! מאָריטץ! מאָריסאָן!

עס זענען אַוועק עטלעכע מינוטן און עס קומען אַריין געאַרעמט די צוויי אַלטע פּריינט, דער דירעקטאָר האַלים מיטן אָפּגעריסענעם טרעמפּ, מאָריטץ מאָריסאָן. ביידע פֿאַלן זיך איינע די אַנדערע אויף די העלזער און צוקושן זיך און ביידע וויינען. דער גרייז־גרויער האַלים בעט ביי מיר אַנטשולדיגונג און ער גייט אַריין מיט זיין גאַסט אין אַן אַנדערן צימער. צען מינוטן שפּעטער קומען צוריק אַריין האַלים און מאָריסאָן און ביידע אַנטשולדיגן זיך פֿאַר מיר פֿאַר וואָס זיי האָבן מיך געלאָזט וואַרטן. די אַלטע פּריינט געזעגענען זיך, דריקן זיך הייס די הענט און קושן זיך ווידער. דער אַלטער האַלים דאַנקט מיר פֿאַר וואָס איך האָב אים צוזאַמענגעבראַכט מיט זיין ליבן פּריינט. די לעצטע ווערטער פֿון האַלים'ן צו מאָריסאָנ'ען זענען געווען:

— מאָריטץ, ניט מער זאָרגן, לאָז אַלץ איבער צו מיר!

— אַלץ וואָס איך פֿאַרלאַנג פֿון דיר, האַלים — זאָגט מאָריסאָן — איז אַ גוטע טרופּע, מיט וועלכער איך זאָל קענען שפּילן. גרייט מיר צו גוטע שוישפּילער.

— די בעסטע וועל איך פֿאַר דיר צוגרייטן, — האָט האַלים אים פֿאַר־זיכערט.

און אַרונטערגייענדיג איבער די טרעפּ, האָט מאָריסאָן מיך אַרומגעכאַפּט און מיך גענומען קושן.

— באָריס, ליבער באָריס! — האָט מאָריסאָן אויסגערופֿן — דו האָסט מיך גליקלעך געמאַכט. דו ווייסט, איך וועל שפּילן ביי האַלים'ן אין צוויי וואָכן אַרום, זונטאָג. ער האָט מיר צוגעזאָגט צוצושטעלן אַן ערשט־קלאַ־סיגע טרופּע פֿון שוישפּילער. ער גיט מיר דאָס גאַנצע טעאַטער אַבסאָלוט פֿריי, אויך די שוישפּילער, די אַנאָנסן א. אז. וו. וואָס די קאַסע וועט אַריינברענגען, וועט אינגאַנצן באַלאַנגען צו מיר. איך וועל ווידער זיין מאָריטץ מאָריסאָן! איך וועל צוריקפֿאָרן אין דייטשלאַנד מיט געלט אין דער טאַש. איך וועל אַרויסנעמען מיינע קליידער און מיינע דימענטן פֿון פּאָון־שאָפּ און איך וועל ווידער זיין מאָריסאָן דער שוישפּילער און ניט מאָריסאָן דער טרעמפּ.

מאָריסאָן פֿאָרעט זיך עפּעס אין זיין טאַש און נעמט פֿון דאָרטן אַרויס

א פּעקל מיט אַסיגנאַציעס. עס איז זיכער דאָרטן געווען אַ פינף הונדערט דאָלער, אויב ניט מער. ער זאָגט דערביי מיט פרייד:

— דו זעסט, באָריס, דאָס האָט מיר מיין קאָלעגע געגעבן, מיין גוטער פריינט האַליס! קום, באָריס, מיר וועלן ביידע גיין היינט אַ לעב־טאָן. מיר וועלן עסן אַ פראַנצויזישן דינער אין אַ פראַנצויזישן רעסטאָראַן און פאַרטרינקען מיט פראַנצויזישן וויין, און מיר וועלן נעמען אַ קאַרעטע און אַרומפאָרן שפּאַצירן איבער אַלע שעהנע פּאַרקס, אין אַלע שעהנע געגענדן פון שטאָט, און אַ פּרעזענט פאַר דיין שעהן טעכטערל אסתר׳ל, וועל איך קויפן. באָריס, איך האָב דאָך ווידער געלט! היינט וועט זיין אַ פרעהלעכער טאָג.

איך האָב פּרובירט מאָריסאָנ׳ען אָפּצורעדן פון גיין אין אַ פראַנצויזישן רעסטאָראַן און אויסגעבן געלט. ער איז אָבער געבליבן ביי דאָס זייניגע.

ער איז מיט מיר אַריינגעגאַנגען אין אַן עלעגאַנטן רעסטאָראַן, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון האַליס׳עס טעאַטער. ער האָט געהאַקט פראַנ־צויזיש מיט די מיידלעך, וועלכע נעמען צו די קליידער ביי די געסט, מיט די וועיטערס און מיט וועמען ער האָט נאָר געקענט. אַ נייע נשמה איז אין אים אַריין. און נאָך די ערשטע גלעזלעך וויין, וואָס מיר האָבן אויס־געטרונקען, איז ער געוואָרן גאָר לוסטיג, און איך אויך. קיין וויין־טרינקער זענען מיר ביידע ניט געווען. דאַן האָט ער מיר ווידער גענומען דערציילן וועגן זיין לעבן, וועגן זיין יוגנט, וועגן זיינע עלטערן. ביים וואָרט „מאַמע", האָט זיך מאָריסאָן צעוויינט. וויינענדיג האָט ער געבענטשט דעם דירעקטאָר האַליס און דערביי האָט ער אַלע מאָל אַרויסגעכאַפּט דאָס פּעקל אַסיגנאַציעס, וואָס האַליס האָט אים געגעבן.

אַרויסקומענדיג פון רעסטאָראַן האָבן מיר גענומען אַ קערידזש. מיר זענען אַרומגעפאָרן איבער די פּאַרקס און די אַנדערע שעהנע געגענדן פון שטאָט. מאָריסאָן איז די גאַנצע צייט געשלאָפן און איך האָב אויך געכאַפּט אַ דרעמל. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען טונקל. דער קוטשער האָט אונז צוגעפירט אַהיים. מאָריסאָן האָט מיך געבעטן איך זאָל קיינעם ניט דערציילן וועגן זיין גרויסן גליק. איך האָב עס אים צוגעזאָגט און האָב מיין וואָרט געהאַלטן.

אויף מאָרגן האָט ער געבראַכט אַ טייערן קערעדזש פאַר מיין אסתר׳לען און אויך אַ שעהנע רייכע אויסשטאַטונג פאַרן קינד. דעם מיידל וואָס האָט אַכטונג געגעבן אויפן קינד, האָט ער געגעבן אַ צוואַנציג־דאָלאַרדיגן גאָלד־

שטיק אַלס מתנה. פאַר זיך אַליין האָט ער קיין נייע קליידער ניט געקויפט. ער האָט אַלץ אויסגעזען ווי אַ טרעמפּ.

מאָריסאָן איז יעדן טאָג געלאָפן צו פּראָבע און מיר האָבן זיך שוין וויניגער געזען. איך האָב זיך געבעטן ביי מאָריסאָנ׳ען:

— הערר מאָריסאָן, טוט זיך אָן ווי אַ מענטש. עס איז דאָך ניט שעהן אַזוי צו גיין צו פּראָבע. איר האָט דאָך שוין מיט וואָס צו קויפן אַנשטענדיגע קליידער.

ער האָט געשמייכלט און געענטפערט:

— דו ווערסט זען, באָריס, דו ווערסט שוין זען.

ער איז נאָך אַלץ געבליבן אַ באָרדער ביי רובינשטיינ׳ס שוועסטער.

די פּראָבען האָט ער געמאַכט אין דעם פיינעם האַלים טעאַטער, וואָס איז, ווי די לעזער ווייסן שוין, אין יענער צייט געווען דער בעסטער טעאַטער אין שיקאַגאָ. אין דער פרייער צייט האָט ער נאָך ווייטער געפירט מיין אסתר׳לען אין איר קערידזשל אין פּאַרק.

ענדלעך איז געקומען די צייט ווען ער האָט שוין געדאַרפט אויפטרעטן אויף דער בינע.

ער איז אַוועק צו דער לעצטער פּראָבע פּונקט אַזוי אָפּגעריסן ווי פריער און מיט אַ ווילד־פאַרוואַקסענער באָרד.

— מאָריסאָן! — האָב איך געשריגן אויף אים — מאָריסאָן, וואָס טראַכט אייער טרופּע וועגן אייך ווען איר קומט צו גענעראַל־פּראָבע נאָך אַלץ אַלס טרעמפּ. טוט זיך אָן אַנשטענדיג, זעט אויס ווי אַ מענטש, ווי עס פּאַסט פאַר אייך.

— דו ווערסט זען — האָט מאָריסאָן געשמייכלט — דו ווערסט שוין זען.

פאַרנאַכט, אַרום זעקס אַזייגער קלאַפּט מען אָן אין מיין טיר. איך בעט אַריינקומען און עס קומט אַריין מאָריסאָן, אַן אָפּגעראַזירטער, אין פיינע קליידער מיט אַ פעלערינע־מאַנטל און אַ צילינדער־הוט.

— מאָריסאָן! — האָב איך אויסגעשריען.

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז דו ווערסט זען — האָט ער גוטמוטיג געשמייכלט.

וואָס פאַר אַ גוואַלדיגע ענדערונג אין אים איז פאָרגעקומען! פאַר מיר איז געשטאַנען דער „קייזער־קעניגלעכער־הויף־שוישפּילער“ מאָריץ מאָריסאָן.

איך האָב ביי זיין פאָרשטעלונג ניט געקענט זיין, ווייל איך האָב יענעם

אָוונט אַליין געשפּילט. נאָך מיין פאָרשטעלונג האָב איך אויף אים געוואַרט אין מיין טעאַטער.

מיין גאַנצע טרופּע האָט אים אָפּגעוואַרט. די רובינשטיינס זענען געווען ביי זיין פאָרשטעלונג, און זיי זענען אַהיימגעקומען ווילד פון באַגייסטערונג. זיי האָבן מיר איבערגעגעבן וועגן דעם ריזיגן ערפאָלג וואָס מאָריסאָן האָט געהאַט.



רודאָלף שילדקרויט (1862—1930) מאָרים מאָריסאָן (1855—1917)

ווען ער איז געקומען אַהיים, האָבן מיר אים אַריינגענומען אין רובינ־שטיינ׳ס רעסטאָראַן און אַלע האָבן זיך מיט אים געפרייט. ער אַליין אָבער־

האט קיין סימן פון איבערראשונג ניט ארויסגעוויזן. ער איז זיך געזעסן גלייכגילטיג ווי ער וואלט זאגן: וואס מאכט איר דא פאר א טאראראם? איז עס דען דאס ערשטע מאל וואס איך האב ערפאלג אויף דער בינע? איך האב דאך שוין געשפילט פאר קעניגע און פירשטן.

מאנכע האבן געכאפט מאריסאן'ען צום טאנצן: אזוי גרויס איז געווען די פרייד ביי אלעמען. מאריסאן איז צוגעגאנגען צו מיר, אנגענומען מיין האנט און גאנץ שטיל געשעפטשעט:

— פאר די היינטיגע פרייד האב איך דיר צו פארדאנקען, באריס, א גוטע נאכט!

ער האט זיך מיט אלעמען געזעגנט און איז אהיימגעגאנגען, זייענדיג זעהר מיד פון שפילן.

אויף מארגן פרי איז ער געקומען צו מיר, ווי אלעמאל, גענומען מיין אסתר'ל מיט דער ניאנקע און איז אוועק מיט זיי שפאצירן אין פארק. ער האט אליין געשטופט דאס קינד אין קערידזש און ניט געלאזט, אז די ניאנקע זאל דאס טאן.

די שיקאגא'ער צייטונגען זענען געווען פול מיט לויב־געזאנגען וועגן מאריסאנ'ס שפילן און האבן געדרוקט זיין בילד.

דעם נעקסטן זונטאג אוונט האט מאריסאן ווידער געשפילט אין האלים טעאטער. ער איז אויפגעטראטן אין דער פיעסע „קין", אין וועלכער ער האט זיך בארימט געמאכט, און ווידער איז דאס טעאטער געווען אויספאר־קויפט; הונדערטער מענטשן האבן געמוזט גיין צוריק, ווייל זיי האבן קיין בילעטן ניט געקענט קריגן, און ווידער האט מאריסאן פארדינט א סך געלט; א גאנצער עושר איז ער שוין געווארן.

אויף מארגן, מאנטאג פרי, איז ער צו מיר ניט געקומען. נאכמיטאג אויך ניט. מיר האבן געווארט אויף אים. איך האב געגלויבט, אז מיט אים האט עפעס פאסירט, אפשר פיהלט ער ניט גוט. איך האב געהאפט, אז צו סאפער וועט ער קומען, ער איז אבער ניט געקומען. איך האב אריבער־געשיקט מיין דינסטמיידל צו אים און געווארט מיט אומגעדולד אויפן ענטפער וואס זי וועט ברענגען. יעדע ווײלע פלעג איך צולויפן צום פענסטער וואס איז ארויסגעגאנגען צו דער סטריט. אייניגע אקטיארן, וואס זענען געווען דאן ביי מיר אין הויז, האבן געלאכט פון מיר: „א מענטש זאל זיין אזוי אומגעדולדיג!" מאנכע האבן מיך געקיבעצט: „וואס מיינט איר, איר וועט קריגן א דאנק פאר דעם גוטס וואס איר האט געטאן דעם דייטש?"

ענדלעך איז דאָס דינסטמיידל צוריקגעקומען אַ לאַכענדיגע.

— איר ווייסט פאַרוואָס איך לאַך? — מאַכט זי צו מיר — אייער פריינט, מאָריץ מאָריסאָן, איז היינט גאַנץ פרי אוועקגעפאָרן. ער האָט איינגעפּאַקט אַלע זיינע קאַסטנס, געזאָגט גוד־באַי צו זיין מיסעס און איז אוועק.

איך האָב זיך געשעמט פאַר זיך אַליין. מאָריסאָן איז אוועקגעפאָרן אָהן אַ גוד־באַין פאַר בושה און ערגערניש האָב איך שוין קיין סאַפּער ניט געקענט עסן. איך בין אריין צו זיך אין פראָנטרום, זיך אוועקגעזעצט ביים אָרגל און געשפּילט טרויעריגע מעלאָדיעס. אין מיין מוח האָט געעגבערט אַ פאַרדראָס: ווי קען אַ מענטש זיין אַזוי אומדאַנקבאַר? וואָס מער איך האָב געטראַכט וועגן מאָריסאָנ׳ס האַנדלונג צו מיר, אַלץ מער האָב איך זיך געערגערט. איך האָב גערעכנט, אַז איך וועל מסתמא באַקומען פון אים אַ בריוו, ער וועט זיך אַנטשולדיגן, מסתמא איז געווען אַ ספּעציעלע אורזאַך פאַרוואָס ער האָט געמוזט שנעל אוועקפאָרן פון שיקאַגאָ.

עס זענען אוועק טעג, וואָכן, חדשים און איך האָב פון מאָריסאָנ׳ען גאָרניט געהערט, ווי אין וואַסער אריין. איך האָב שוין אָנגעהויבן פאַרגעסן אָן אים. מיט דער צייט האָב איך פאַרלוירן דעם לעצטן פונק פון פריינט־שאַפט, וואָס איך האָב געהאַט צו אים. איך האָב אויסגעמידט צו רעדן וועגן אים. ווען עמיצער האָט ביי מיר געפרעגט וועגן מאָריסאָנ׳ען, האָט עס מיך פאַרדראָסן. פאַרוואָס ער איז פּלוצלונג פאַרשוואונדן, איז עד־היום ביי מיר נאָך פאַרבליבן אַ געהיימניס.

די צייט איז זיך געלאָפן. איך האָב ווייטער געשפּילט אין שיקאַגאָ און געמאַכט גוטע ביזנעס. מיין קאָנטראַקט מיט רובינשטיינ׳ען איז געווען אויף איין יאָר און איך האָב נאָך געהאַט צו שפּילן דעם גאַנצן זומער. אָבער אַזוי ווי זומער שפּילט מען ניט קיין טעאַטער, האָב איך דעם טעאַטער פאַרוואַנדלט אין אַ אידישן קאָנצערט־זאַל פאַר די זומער־חדשים, כדי צו ערפילן מיין קאָנטראַקט. די קאָנצערטן, וואָס מיר פלעגן געבן אין רובינ־שטיינ׳ס מעטראָפּאָליטאַן טעאַטער, זענען אויך געווען אַן ערפאָלג. איך האָב געעפנט אין טעאַטער אַלע פענסטער, אריינגעשטעלט עלעקטרישע פענס, ארויסגענומען די טעאַטער־שטולן און אריינגעשטעלט קיילעכדיגע טישלעך מיט לייכטע שטולן ארום. דאָס געשעפט איז אוועק פיין, נאָך בעסער ווי דאָס טעאַטער.

א געוויסן טאָג האָב איך באַקומען אַ בריוו פון דערמאָנטן מאַנדעלקערן, וועלכער האָט ביי מיר צוגענומען מיין פאַרטנער, יאַקאָב פּ. אַדלער. ער האָט מיר געשריבן, אַז ער קומט צו מיר, און אין איינינע טעג אַרום איז ער טאַקע געקומען. ער האָט פאַר מיר געהאַט אַ ניי געשעפט: אַזוי ווי מאָגולעסקאָ, פיינמאַן, פינקעל און קעסלער זענען נאָך קיינמאָל אין שיקאַגאָ ניט געווען, זאָל איך זיי אַריבערנעמען אין מיין טעאַטער. ער האָט מיך דערביי געבעטן, איך זאָל פאַרגעסן אָן אַלע אומאַנגענעמלעכקייטן וואָס ער, מאַנדעלקערן, און די דערמאָנטע שוישפילער האָבן מיר פריער פאַרשאַפט. דער פּלאַן איז מיר געפעלן געוואָרן און איך האָב צוגעשטימט. מאַנדעלקערן האָט געהאַט פאַר זיך אַ געשריבענע באַשטעטיגונג פון מאָגולעסקאָ, קעסלער, פיינמאַן און פינקעל, אַז ער האָט דאָס רעכט מיט מיר אין זייער נאָמען צו שליסן דאָס געשעפט. איך האָב אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט. אַזוי ווי איך האָב געמאַכט גוטע געשעפטן מיט מיינע קאָנצערטן, האָב איך פאַר דער טרופּע פון דער ניו-יאָרקער רומעניען אָפּערא הויז אָפּגעדונגען דעם סטאַנדארד טעאַטער אויף האָלסטעד סטריט, וואו איך האָב פריער געשפּילט מיט אַדלער׳ן.

איינינע טעג שפּעטער איז געקומען די גאַנצע טרופּע פון רומעניען אָפּערע הויז. איך האָב די געסט אָפּגעוואַרט ביים טרעין. איך האָב אינ־גאַנצן שוין פאַרגעסן, אַז זיי האָבן מיר אין פילאַדעלפיע שטאַרק וועה געטאָן.

שיקאַגאָ איז באַלד פאַרפּלייצט געוואָרן מיט גרויסע פּאָסטערס און מיט די בילדער פון דער טרופּע, און שיקאַגאָ׳ער אידן האָבן מיט גרויס פרייד אויפגענומען די גרויסע געסט, איבערהויפּט מאָגולעסקאָ׳ן. מען האָט אים פאַרוואָרפן מיט בלומען. דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן קויפן טיקעטס. טיקעט־ספּעקולאַנטן האָבן געטאָן געוואַלדיגע ביזנעס. צו דער ערשטער פאָרשטעלונג איז געשטעלט געוואָרן „טיסאַ עסלער“. די גאַנצע טרופּע האָט געהאַט אַ ריזיגן ערפאָלג. חברה האָט געמאַכט אַ סך געלט און מען האָט געלעבט אַ גוטן טאָג. די טרופּע איז געשטאַנען מיט מיר אין שיקאַגאָ ביז עס האָט זיך געדאַרפט אָנפאַנגען דער נייער טעאַטער־סעזאָן אין ניו־יאָרק.

נאָך דער לעצטער פאָרשטעלונג פון די ניו יאָרקער געסט האָב איך פאַר זיי אַראַנזשירט אַ גרויסן באַנקעט אין רובינשטיינ׳ס רעסטאָראַן. די גאַנצע טרופּע מיינע האָט זיי צוגעטיילט אַ סך כבוד. ביים באַנקעט זענען אויך געווען אָנוועזנד פיל פון די חשוב׳ע אידישע באַלעבאַטים פון שטאָט מיט

זייערע פרויען און קינדער. עס איז געווען אַ שעהנע, הערלעכע טעאַטער־שמחה. איך אַליין בין ניט קיין גרויסער טרינקער, מאָגולעסקאָ אָבער האָט יאָ ליב געהאַט צו טרינקען, האָט ער מיך געצוואונגען איך זאָל מיט אים אַלע ווײַלע מאַכן אַ „לחיים". פון באַלקאָן, אין דרויסן, האָבן די רובינ־שטיינס געשאָסן מיט פײַערווערק. דאָס האָט צוגעציגן אַ ריזיגן עולם. די שמחה איז געווען אין דרויסן פונקט אַזוי גרויס ווי אינווייניג. פּראָפעסאָר הורוויץ, דער פאַרפאַסער פון פילע אידישע פּיעסן, האָט געהאַלטן אַ רעדע. עס האָט שוין געטאָגט אין דרויסן ווען מיר זענען, מידע פון אַ גאַנצער נאַכט הוליען, זיך צעגאַנגען אַהיים.

ווען אַלע זענען זיך שוין געווען פאַנאַנדערגעגאַנגען, איז צו מיר צו־געקומען פינקל (ער איז שפּעטער געוואָרן מיין שוואָגער. ער האָט חתונה געהאַט מיט מיין שוועסטער, די באַגאַבטע שוישפּילערין, די מערקווירדיג שעהנע עמאַ טאָמאַשעווסקי. וועגן דער טראַגעדיע, וואָס האָט פּאַסירט מיט אים און מיט איר, וועט מיר אויסקומען צו דערציילן שפּעטער). פינקל האָט מיך אָוועקגערופן אָן אַ זייט און געזאָגט:

— טאָמאַשעווסקי, מאַכט ניט מיט קיינעם קיין געשעפט פאַר דעם נעקסטן סעזאָן. נעמט ניט קיין טעאַטער פאַר זיך אין שיקאַגאָ אָדער אין וועלכער עס איז אַנדערע שטאָט. איך האָב ניט ליב קיין סך צו רעדן, אַלע וואָס קענען מיך ווייסן עס. הערט זיך צו צו מיינע רייד און פאָלגט מיך!

ער האָט אַ דריי געטאָן מיט אַ וואָנצע און פאַרטגעזעצט מיט אַ זעהר ערנסטער מינע:

— איר דאַרפט שפּילן אין ניו־יאָרק, און איך וועל אייך ברענגען אַהין. גוד באַי!

ער האָט זיך מיט מיר צעקושט. אויף מאָרגן אין דער פרי, נאָך דער גרויסער שמחה איז די טרופּע שוישפּילער אָוועקגעפאָרן צוריק קיין ניו יאָרק.

צו דעם סטעישאָן זענען געקומען טויזנטער אידן זיך געזעגענען מיט די ניו־יאָרקער שוישפּילער. דעם וואַגאָן, וואו די ניו־יאָרקער געסט זענען געזעסן, האָט מען מיט בלומען פאַרוואָרפן. מענטשן האָבן פשוט געטאַנצט פון ליבע צו די באַרימטע שוישפּילער און פיל האָבן געוויינט פאַרוואָס די ניו־יאָרקער קינסטלער פאַרלאָזן שיקאַגאָ. פון וואַגאָן אַרויס האָט פינקל

צו מיר געוואונקען, אז איך זאל ניט פארגעסן דאס, וועגן וואס ער האט מיט מיר גערעדט.

ווען מאגולעסקא, קעסלער, פיינמאן, פינקעל און די אנדערע פון דער טרופע זענען אוועק, איז שיקאגא געבליבן ווי א פאר׳יתומ׳טע. איך אליין האב אויך שטארק געבענקט נאך מיינע ניו־יארקער קאלעגן. עס האט זיך מיר זעהר געוואלט זיין מיט זיי, שפילן מיט זיי, זיך חבר׳ן מיט זיי. שפילנדיג מיט זיי, האב איך געפיהלט, אז איך געפין זיך צווישן אמת׳ע שוישפילער. איך האב זיך געפיהלט ביי זיך זיכערער אין מיינע ראלן. איך האב געפיהלט, אז דאס אידישע טעאטער איז ניט קיין הפקר־ביזנעס, וואו יעדער לאפאצאן קען ארויפגיין אויף דער בינע און טאן וואס זיין לאפא־צאנסקן קאפ פאלט נאר איין. עס האבן זיך מיר ערשט איצט מיינע אויגן געעפנט. איך האב דערזען, אז איך האב יארן לאנג געבלאנדזשעט. און דעם אמת זאגנדיג, ווען איך קוק זיך ניט ארום, ווען איך כאפ זיך ניט אין צייט, ווער ווייס וואוהין איך וואלט פארבלאנדזשעט געווארן . . . דאס פובליקום האט אפילו געהאט אן אנדערע מיינונג וועגן מיר, ווי איך אליין, א סימן — זיי זענען געקומען צו מיר אין טעאטער אריין אין גרויסע מאסן, ווען איך האב געשפילט מיט מיין חברה דילעטאנטן. אהן „אטרעקשאנס״, אהן אדלער׳ן, אהן ספיוואקאווסקי׳ן און די אנדערע טאלאנטפולע אידישע ארטיסטן, האב איך דאך מיט מיין ארעמער טרופע געמאכט זעהר גוטע ביזנעס.

איך בין אהיימגעקומען פון באן־הויף, נאכן געזעגענען זיך מיט מיינע קאלעגן, א צעטראגענער, א צערודערטער. מיין מוח האט אנגעהויבן צו ארבעטן: ווען און ווי אזוי קען איך זיך פאראייניגן מיט אזוינע ארטיסטן ווי מאגולעסקא, קעסלער, פיינמאן, פינקעל און די אנדערע?

איך בין זיכער געווען, אז ווען דאס וועט געשעהן, וועט מיין נאמען וואקסן.

איך האב געשיקט רופן היימי רובינשטיין, דעם אייגענטימער און מע־נעדזשער פון דעם „טאמאשעווסקי מעטראפאליטאן טעאטער״. איך האב אים ערקלערט, אז איך ענדיג דעם קאנטראקט וואס איך האב מיט אים אויף א יאר צייט. ער איז מיר גארניט שולדיג און איך וויל אים אויך גארניט שולדיג בלייבן. מיר געזעגענען זיך ווי פריינט און אז אין זיין טעאטער וועל איך מער ניט שפילן; איך פאר קיין ניו־יארק.

די בשורה האט רובינשטיינ׳ען זעהר ניט געשמעקט. ער און די גאנצע

פאַמיליע זיינע האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן איבער מיר, אַז איך זאָל בלייבן ווייטער אין שיקאַגאָ. היימי האָט מיר אָנגעבאָטן עטלעכע טויזנט דאָלער, אַז איך זאָל אונטערשרייבן אַ קאָנטראַקט נאָך אויף דריי יאָר. אין מיינע אויערן האָבן אָבער געקלונגען פינקעל׳ס ווערטער און פאַר מיינע אויגן האָב איך געזען זיינע וואונקען צו מיר דורכן פענסטערל פון וואַגאָן. איך האָב שטאַרק געבענקט נאָך מאָגולעסקאָ, קעסלער, פיינמאַן, פינקעל און אַנדערע שוישפּי־לער. איך האָב קיין קאָנטראַקט מיט היימי רובינשטיין ניט אונטערגעשריבן. איך האָב ביי זיך פעסט באַשלאָסן זיך אָפּצורייסן פון מיינע דילעטאַנטן־אַקטיאָרן און שפּילן מיט אמת׳ע קינסטלער.

ווען איך האָב געענדיגט מיין קאָנטראַקט, בין איך אַריבערגעפאָרן קיין פילאַדעלפיע זיך זען מיט אַלטע באַקאַנטע. דאָרטן, אין פילאַדעלפיע, האָב איך באַשלאָסן, אַז איך וועל אָפּוואַרטן אויף אַ טעלעגראַמע אָדער אַ בריוו פון פינקעל׳ן און אפשר וועט ער אַליין קומען צו מיר, האָב איך געטראַכט. איך האָב פינקעל׳ן געלאָזט וויסן, אַז איך פאָר קיין פילאַדעלפיע און אַז איך וועל דאָרט וואַרטן אויף זיין ענטפער.

איך האָב אַ צייט פון פינקעל׳ן ניט געהערט. אַז איך האָב זיך שטאַרק גע־ערגערט דערפון, איז איבעריג צו זאָגן.

אין יענער צייט האָט חתונה געהאַט אַ שוועסטער פון דעם באַקאַנטן קאָמיקער סעם קעסטין. די חתונה איז פאָרגעקומען אין דער אידישער קאָ־לאָניע ווײַנלאַנד, ניו דזשורזי, ניט ווייט פון פילאַדעלפיע. די קעסטינס זענען מיינע קרובים, האָט מען מיך פאַרבעטן צו דער חתונה, און איך האָב די איינלאַדונג מיט פאַרגעניגן אָנגענומען. איך וועל האָבן אַ געלעגנהייט ערגעץ־וואו צו פאַרברענגען אַ פּאָר טעג און פאַרגעסן מיין ערגערניש. סעם קעסטין איז נאָך דאַן ניט געווען קיין אַקטיאָר. אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז ער געווען אַ שניידער. בקיצור, איך האָב געלאָזט וויסן פינקעל׳ן, אַז איך בין אין ווײַנלאַנד און אים צוגעשיקט מיין דאָרטיגן אַדרעס.

אַ געוויסן פרימאָרגן קריג איך אַ טעלעגראַמע פון פינקעל׳ן, אַז איך זאָל באַלד קומען קיין ניו יאָרק. די לעזער קענען זיך שוין פאָרשטעלן מיין שמחה. איך האָב ניט לאַנג געטראַכט און בין אַוועקגעפאָרן קיין פילאַדעלפיע. זיך איינגעפּאַקט, און אָט בין איך שוין אין ניו יאָרק. איך רוף אָפּ אויפן טעלעפאָן פינקעל׳ן אין רומעניען אָפּערע הויז, און פינקעל ענטפערט מיר, אַז איך זאָל באַלד קומען, ווייל די גאַנצע טרופּע וואַרט אויף מיר.

16

איך קאָנקוריר אין שפּילן מיט קעסלער'ן - מען שפּילט אויף דייטשמעריש - פרויען און מיידלעך קומען מיך באַוואונדערן - „אונזער עמעלע". מיין טריאומף אין „פּרינץ אַלעקסאַנדער" - גיב מיר דעם קעניג!" - מיין לאָזשע אַלס ליבעס־נעסט - עמאַ'ס ערקלערונג פון דער בינע וועגן פינקעל'ן - עמאַ אַנטלויפט מיט פינקעל'ן און האָט חתונה.

איך בין באַלד געקומען צו זיי אין רומעניען אָפּעראַ הויז, דער פריערדיגער נעשאָנעל טעאַטער, וואו איך האָב דער ערשטער אָנגעהויבן צו שפּילן אידיש טעאַטער, און וואו איך האָב געשפּילט מיין לעצטע פאָרשטעלונג אין אַ פרויען־ראָלע, „מירעלע" אין גאָלדפאַדען'ס „קאָלדוניע". איצט, מיט אַ יאָר זעקס שפּעטער, בין איך געשטאַנען אין דעם זעלבן טעאַטער, אָבער אונטער גאַנץ אַנדערע אומשטענדן. איצט בין איך געוועזן אַרומגערינגלט פון די באַרימטע קינסטלער מאָגולעסקאָ, פיינמאַן, פינקעל, מאַקס קאַרפּ, ישראל וויינבלאַט, מאַקס אַבראַמאָוויטש, רודאָלף מאַרקס, אַבא שעהנגאָלד און אַנדערע פיינע אַרטיסטן. אַלע באַגריסן מיך, גיבן מיר אָפּ כבוד, פרייען זיך מיט מיר.

— וואו איז קעסלער? — פרעג איך.

פינקל גיט אַ דריי די וואָנצעס און ענטפערט:

— דוד קעסלער איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין אַן אַנדערע טשערעדע.

איך גיב אַ קוק אויף די צוויי ברעטער אין דרויסן אין פראָנט פון טעאַטער, וואו עס זענען אויסגעקלעפּט די פּאָסטערס, און דערזע אַן אַפיש

מיט אַ גרויס בילד פון מיר. הינטער דעם בילד זענען געווען די פאָלגענדע ווערטער:

„באָרים טאָמאַשעווסקי, אַמעריקע'ס ליבלינג, ווערט אַ מיטגליד אין דער רומעניען אָפּערא הויז קאָמפּאַני. ער טרעט אויף צום ערשטן מאָל אין ניו יאָרק נאָך די פיל יאָרן, וואָס זענען פאַריבער זינט ער איז אַוועק פון דאַנען. ער טרעט אויף אין יאָזעף לאַטיינער'ס באַרימטע אידישע אָפּערא „דוד בן ישי".

איך בין געקומען צו מיינע קאָלעגן אומגעפער אַרום צוועלף אַזייגער בייטאָג.

— מר. פינקעל, ליבע קאָלעגן מיינע — האָב איך זיך געווענדעט צו פינקעל'ן — איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געשפּילט „דוד בן ישי"ן איך ווייס אפילו ניט וואָס פאַר אַ שטיק דאָס איז. וואָס האָט איר געטאָן, פאַר־וואָס האָט איר ביי מיר ניט אָנגעפרעגט?

פינקעל, זאָל ער מיר מוחל זיין, איז געווען באַרימט אַלס אַ קאָלטער לונג־און־לעבער, האָט ער געענטפערט רוהיג, געלאַסן, אַזוי ווי ניט אים מיינט מען דאָס:

— עס איז פאַרפאַלן, עס איז שוין אָנאָנסירט „דוד בן ישי", מוז מען דאָס שטיק שפּילן.

— עס איז דאָך אָבער אוממעגלעך! — ווענד איך זיך ווידער צו אַלע שוישפּילער, — ס'איז שוין צוועלף אַזייגער און ביז דער פאָרשטעלונג איז אינגאַנצן עטלעכע שעה צייט געבליבן; היינט ווי קען אַ מענטש אויסלערנען אַן אָפּערעטע, און די ווערטער, און די מוזיק, אין עטלעכע שעה צייט? מען דאַרף זיך דאָך אַריינלעבן אין דער ראָלע, אויסרעכענען די סצענעס, היינט די מוזיק!

מיינע קאָלעגן טרייסטן מיך: זיי ווייסן, אַז איך בין מוזיקאַליש, וועט מען אַוועקזעצן מיט מיר דעם באַר־דיריגענט און דעם קאַפּעלמייסטער מיטן פידל און פאַרנאַכט וועט מען ברענגען דעם גאַנצן אָרקעסטער און מען וועט מאַכן אַ גענעראַל־פּראָבע. די אַקטיאָרן, וועלכע שפּילן מיט מיר אין דער פּיעסע, וועלן בלייבן נעבן מיר ביז צו דער פאָרשטעלונג. און פון אַלע זייטן בעט מען מיך איך זאָל ניט זאָגן „ניין", ווייל אויב איך וועל זיך איינ־שפּאַרן, וועל איך אַ גרויסן שאָדן טאָן ניט נאָר דער טרופּע, נאָר זיך אַליין אויך. דער עולם וועט זאָגן, אַז נאָך קעסלער'ן, וועלכער האָט פריער געשפּילט די הויפּט געזאַנג־ראָלע, האָט טאָמאַשעווסקי מורא צו שפּילן די ראָלע.

עס האָט ניט געהאָלפן מיין פּראָטעסטירן, מיין בעטן זיך און מיינע ערקלערונגען — איך מוז שפּילן!

איך האָב גענומען די פּיעסע און די מוזיק און בין ארויף אויף דער בינע. דאָרט האָב איך זיך אוועקגעזעצט ביי דער פּיאַנאָ און גענומען אַרבעטן. איך האָב קיין איין סעקונדע ניט פאַרלוירן און געלערנט, און נאָך ווי גע־לערנט. איך האָב געפיהלט, אַז מיין מוח קערט זיך מיר איבער. איך בין געוואָרן אַזוי פאַרצווייפלט, אַז עטלעכע מאָל האָב איך געוואָלט אַ וואָרף טאָן די נאָטן מיטן טעקסט אויף דער ערד. איך וועל צוריקפאָרן אין שיקאַגאָ צו מיינע דילעטאַנטן, האָב איך ביי זיך געטראַכט, און וועל ווייטער שפּילן מיינע ראָלן, מיין רעפּערטואַר, מיט וועלכן איך בין שוין איינגע־שפּילט אַזוי פיל יאָרן.

עס איז צוגעקומען צו מיר מאַדאַם סאָפיע קאַרפּ, וועלכע האָט אין דעם שטיק געדאַרפט שפּילן אַלס מיין געליבטע. זי איז געווען זעהר אַ שעהנע יונגע פרוי, און אַלס שוישפּילערין איז זי געווען איינע פון גאָר די גרעסטע. אין פילע פּיעסן האָט זי געמאַכט אַ פוראָר און צוליב איר זינגען און שפּילן, איז אַ שטיק געגאַנגען מיט גרויס ערפאָלג. (פריער האָט זי געהייסן סאָפיע גאָלדשטיין, און אַלס אַזאַ איז זי פריער באַרימט געווען אין רומעניען און אין אָדעס. דערנאָך האָט זי חתונה געהאַט מיט מאַקס קאַרפּ. און אין אַמעריקע איז זי שוין אויפגעטראָטן אַלס סאָפיע קאַרפּ). צו שפּילן מיט איר צוזאַמען אין די צוויי וויכטיגסטע געזאַנג־ראָלן איז פאַר מיר געווען אַן אומ־באַשרייבלעכער כבוד. אָבער ווי אַזוי קען איך פּלוצלינג שפּילן אַ ראָלע, פון וועלכער איך האָב קיין באַגריף ניט?

קורץ, זי איז צו מיר צוגעקומען און מיך גענומען בעטן אַז איך זאָל שטודירן די ראָל. דערביי האָט זי אַרויסגעוויזן אַזאַ אויפריכטיגע פריינד־לעכקייט און צערטלעכקייט, אַז זי האָט אויף מיר געהאַט אַ ווירקונג.

מאַדאַם סאָפיע קאַרפּ איז פון מיר נישט אָפּגעטראָטן ביז איך האָב גענו־מען ווייטער שטודירן מיין ראָל. אַלע וויילע האָט זי מיר צוגעגעבן חשק און מוט: „טאָמאַשעווסקי, לערנט, שטודירט, זעט, אַז איר זאָלט נישט פאַרשעמט ווערן נאָך קעסלער׳ן“.

און דאָס וואָס זי האָט נישט גערעדט מיט ווערטער, האָט זי דערגערעדט מיט אירע אויגן, מיט אירע שיינע אויגן: „באַרים, לערנט די ראָלע, לערנט מיט חשק, באַרים, פאַרלירט זיך נישט. באַרים, איר וועט האָבן פיל נחת פון דער ראָל.

עס וועט אפשר קלינגען ניט גלויבלעך, אָבער איך האָב באַוויזן אויס־צולערנען די גאַנצע ראָלע מיינע אין דער אָפּערע „דוד בן ישי״. מיינע קאָלעגן האָבן זיך געוואונדערט ווי שנעל איך האָב די ראָל איינגעשטודירט. פינקעל איז געווען אַ צופרידענער. מיר צוליב האָט ער אַ דריי געטאָן מיט דער וואָנצע און אַ שמייכעל געטאָן. נאָך דער פּראָבע האָט ער מיר אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און דערביי אויסגערופן: „מאָלאָדיעץ, טאָמאַשעווסקין״, אָבער מיר דאַרפן נאָך אָפּוואַרטן ביז נאָך דער פאָר־שטעלונג און הערען וואָס דער עולם וועט זאָגן. עס איז ניט גענוג וואָס מיר שוישפּילער, דענקען. מיר האָבן אַנדערע ריכטער, די, וואָס באַצאָלן פאַר די טיקעטס. זיי האָבן דאָס לעצטע וואָרט, און זאָל זיך גאָט מרחם זיין, ווען זיי, די אידן וואָס קומען אין טעאַטער, טראָגן אַרויס אַ שלעכטן אורטיילן״

מיין האַרץ האָט מיר געשראָקן פון פינקעל׳ס לעצטע ווערטער. איך בין פון דער נאַטור ניט קיין נערוועזער, אָבער דאָס מאָל האָבן מיינע נערוון מיך אינגאַנצן פאַרלאָזט . . .

אין דער אָפּערע „דוד בן ישי״ איז מיר אויסגעקומען אויפצוטרעטן ערשט אין צווייטן אַקט. דאָס טעאַטער איז געווען געפּאַקט. די ניו יאָרקער אידן, וועלכע האָבן מיך נאָך געדענקט אַלס יונג אינגעלע, ווען איך האָב נאָך געשפּילט מיידל־ראָלן, זענען געקומען אין מאַסן מיך זען אין דער ראָלע פון אַ מאַן, אין דער ראָלע, אין וועלכער דוד קעסלער האָט געהאַט אַזאַ ריזיגן ערפאָלג, מאַכן אַ פאַרגלייך, פּסק׳ענען צי דער קאָנקורענט קאָן זיך פאַרמעסטן מיט דעם אָריגינאַל. אויף דעם איז אַ טעאַטער־עולם איבער־הויפּט אַ גרויסער בעלן.

איך האָב זיך אָנגעטאָן אין די קליידער, וועלכע מען האָט פאַר מיר אָנגעגרייט. אַלץ האָט מיר זעהר שעהן געפּאַסט. אַ פּאַרוק האָב איך זיך אַליין אויסגעקליבן. ווען איך בין שוין געווען אינגאַנצן אָנגעטאָן און גרימירט אַלס „דוד בן ישי״, האָבן חברה אַקטיאָרן גאָר אָנגעקוואָלן פון מיר.

— גיט נאָר אַ קוקן — האָבן זיי גערעדט איינער צום אַנדערן — זעט ווי אונזער „דוד׳ל בן ישי״ זעט אויס, ווי שעהן ער איז!

עס האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין מיין דרעסינג־רום אַקטיאָרן מיט אַקטרי־סעס און אַלע האָבן מיך באַוואונדערט. די גליקלעכסטע און די פריילעכסטע אין דער גאַנצער טרופּע איז געווען סאָפיע קאַרפּ.

— אויב איר וועט שפּילן און זינגען אַזוי שעהן ווי שעהן איר זעהט

אויס אין די קליידער, ווען איר איינגעמען ניו יארק מיט שטורם — האט סאפיע זיך געוויצלט.

דער צווייטער אקט שפילט זיך אפביים קעניג אין זיין פאלאץ. דער קעניג זיצט אויף זיין טראן, ארומגערינגלט פון זיינע גענעראלן, אדמיראלן, מיניסטארן, פרינצן און פרינצעסינס. עס געפינען זיך אויך דארטן א מאסע טענצער. די ראלע פון קעניג האט געשפילט מאקס קארפ. נעבן קארפ'ן איז געזעסן דער שני למלך זיגמונד פיינמאן. די ראלע פון דעם קעניג'ס הויפט־ראטגעבער איז געשפילט געווארן פון אבא שעהנגאלד (דער פאטער פון יאזעף שעהנגאלד). אויף די טרעפ, וועלכע פירן ארויף צום טראן, זענען געזעסן די צוויי הויף־נאראנים (זיגמונד מאגולעסקא און רודאלף מארקס). די ראלע פון גלח'ס ארויסהעלפער האט געשפילט מאקס אבראמאוויטש.

די אלע שוישפילער, וועלכע איך האב דא אויסגערעכענט און איינע, וועלכע איך וועל באלד דערמאנען, לעבן שוין ניט מער. אלס די קעניגין האט געשפילט אונזער ליבע מאדאם בינע אבראמאוויטש. אלס די פרינצעסין האט געשפילט סאפיע קארפ. פון ביידע זייטן טראן זענען געשטאנען דעם קעניג'ס ליבלינגען, צוויי צויבערלעך חנ'עוודיגע יונגינקע מיידעלעך (סאבינא וויינבלאט און מיין שעהן שוועסטערל עמא). די ראלע פון די שטערן־זעהער זענען דורכגעפירט געווארן פון מארים פינקעל און וועלוועלע פרידמאן. אויף דער בינע האט זיך אויך געפונען דער גאנצער כאר און א מאסע סטאטיסטן, און איך דארף דאס אויפטרעטן פאר אזא געפאקטער בינע און א געפאקטן טעאטער [שפילן פאר געפאקטע הייזער בין איך שוין געוואוינט געווען, האב איך דאך שוין אזוי פיל יארן געשפילט טעא־טער, דאך האט מיין הארץ געציטערט. די שוישפילער זענען אלע געווען מיינע פריינד און דאך האב איך זיך געפיהלט עפעס ווי א פרעמדער צווישן פרעמדע. . . .

די סצענע הויבט זיך אן. דער כאר און די ארטיסטן זינגען א קאמפא־זיציע פון בארימטן חזן לעוואנדאווסקי. די קאמפאזיציע איז מיר געווען גוט באקאנט. איך דארף אונטער די קוליסן אנהייבן זינגען איינער אליין און, אזוי זינגענדיג, טרעט איך ארויף אויף דער בינע. ווען איך האב געענדיגט זינגען, האט דער עולם מיך ווארעם און לאנג אפלאדירט. די מאמע מיינע איז געזעסן אין א לאזשע, געשנייצט די נאז און געווישט די טרערן פון די אויגן פאר פרייד. דער טאטע מיינער, וועלכער איז געזעסן

נעבן איר, האָט אויך אָנגעקוואָלן. די אַפּלאָדיסמענטן זענען געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב געמוזט איבערזינגען די לעצטע ווערטער עטלעכע מאָל. דאָס פּובליקום האָט מיך גאָרניט אָפּגעלאָזט. מיין טענאָר־שטימע איז דאַן געווען יונג און פריש, און אַ מנגן בין איך דאָך געווען, וואָרום ניט קיין מנגן האָט ביי ר׳ ניסן בעלזער קיין משורר ניט געקענט זיין.

די הייסע, לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן האָבן באַרוהיגט מיין דערשראָקן האַרץ. אויך אַלע אַרטיסטן, וועלכע האָבן זיך אין דער סצענע געפונען אויף דער בינע, האָבן מיר אַפּלאָדירט.

עס הייבט זיך אָן די האַנדלונג. דער קעניג פרעגט ביי מיר, אויף דייטש (דעמאָלסט האָבן אידישע אַקטיאָרן ביי זיך אין דער היים גערעדט אידיש, אָבער אויף דער בינע האָבן זיי גערעדט דייטש). דער מלך שאול פרעגט ביי מיר: „זאַגע, יונגע, ווער ביזטו?“. אויף דער פראַגע דאַרף איך ענטפערן: „איך בין דוד בן ישי פון בית לחם“.

אַנשטאָט צו זאָגן „בית־לחם“, האָב איך געזאָגט אויף „דייטשמעריש“ באַאים לאַכאַם“. דער קעניג פאַריכט מיר: „פון בית לחם, ניט פון באַאים לאַכאַם“. אויף דער בינע שטיקן זיך חברה שוישפּילער פון געלעכטער. איך פאַל ביי זיך ניט אַרונטער און ענטפער טאַקע באַלד: „ליבער קעניג און אַלע פון דער קעניגלעכער משפּחה, איר דאַרפט זיך גאָרניט וואונדערן, ביי אונז אין שיקאַגאָ רעדט מען אַזאַ דייטש“.

אַ ריזיגער אַפּלאָז האָט אויסגעבראָכן. דאָס גאַנצע טעאַטער האָט געקראַכט. איך האָב אין פלוג אַליין ניט גענוי פאַרשטאַנען וואָס אַזוינס איך האָב דאָ געזאָגט און פאַרוואָס אַלע לאַכן און אַפּלאָדירן אַזוי שטאַרק. עס האָט זיך פּשוט אַזוי אַרויסגערעדט ביי מיר, אָבער די אַקטיאָרן אויף דער בינע האָבן מיר אויך שטאַרק אַפּלאָדירט פאַרן ענטפער. זיי אַליין זענען אויך געווען געגנער פון רעדן דייטש אויף דער בינע. אַליין האָבן זיי נעבעך געוואָלט ריידן מאַמע־לשון, בערדיטשעווער, קישיענעווער, אָדעסער און קיעווער אידיש, אָבער די פאַרפאַסער, ווי פּראָפעסאָר הורוויץ, לאַטיינער און יעקב טער — זיי האָבן אַלע פּראָטעסטירט און געפאָדערט מען זאָל רעדן נאָר דייטש. פאַרוואָס עפּעס דוקא דייטש? אויף דעם האָבן זיי געגעבן די פאָלגענדע ערקלערונג: אַזוי ווי 75 פּראָצענט פון די טעאַטער־באַזוכער זענען דייטשע אידן, דאַרף מען דעריבער רעדן דייטש.

דער אמת אָבער איז געווען אַז אַ מאַיאָריטעט פון די ניו־יאָרקער אידן האָבן גערעדט דייטש אַ סך פריער. אפשר האָט אַזאַ איינדרוק זיך אַלע

געפּלאָנטערט אין די מוחות פון די פיהרער פון די לאָדזשען, וועלכע זענען מייסטענס געווען אונגארישע אידן. זיי האָבן ווירקליך גערעדט דייטש. אין דער צייט ווען וועלכער איך רעד דאָ, האָט ניו־יאָרק שוין געהאַט אַ גרויסע אידישע באַפעלקערונג, און זי איז הויפּטזעכליך באַשטאַנען פון רוסישע, פּוילישע, גאַליצישע און רומענישע אימיגראַנטן. זיי האָבן אַלע גערעדט אידישע אידיש. דייטש־רעדענדע אידן זענען דאַן געווען אַ גאַנץ נישטיגער פּראָצענט. „דייטשמעריש“ האָט מען אויף דער אידישער בינע גערעדט צוליב אַ גאַנץ אַנדערע אורזאַך. דער שוישפּילער מאַקס קאַרפּ, צום ביישפּיל, וועלכער איז געווען פון רומעניען, וואו די דייטשע קולטור האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף די געבילדעטערע קלאַסן, פלעגט זאָגן:

— אידיש איז קיין שפּראַך ניט. די בינע פאָדערט אַ שענערן איידעלערן לשון, מוזען מיר אידיש פאַרפיינערן. מיר מוזן דעם אידישן פּובליקום בילדן, געוואוינען אים צו רעדן אַ שענערע שפּראַך.

דער לעזער דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז קאַרפּ'ס דייטש איז געווען אַן עכטע סחורה. ער האָט קיין דייטש אין אמת'ן ניט געקענט. ער האָט זיך בלויז געבראָכן אויף „דייטשמעריש“. און דעם זעלבן באַגריף ווי ער, האָבן אין אַלגעמיין געהאַט אַלע אידישע שוישפּילער און דער עולם אויך. דער טעאַטער איז דאָך ניט דער געוויינלעכער אמת'ער לעבן. אויף דער בינע דאַרף דעריבער אַלץ זיין „יום־טוב'דיגער“, „אינטעליגענטער“, ווי אין שטוב אָדער אין גאַס. אַזוי איז מיט די סצענעס און פּאַסירונגען און אַזוי אויך מיט דעם לשון. אַזוי פלעגט מען זיך דענסמאָל פאָרשטעלן. אמת'ע אידיש, ווי מען רעדט ווירקליך, פלעגן אויף דער בינע רעדן בלויז די קאָמיקער, וואָרום איינפאַכע אידיש גופא פלעגט קלינגען קאָמיש.

די וויכטיגסטע סיבה אָבער פאַרוואָס די שוישפּילער פלעגן דאַמאָלט רעדן דייטשמעריש אויף דער בינע איז געווען פאָלגענדע: אין רוסלאַנד האָט מען אין יענער צייט ניט געטאָרט שפּילן קיין אידיש טעאַטער, האָט מען כלומרשט געשפּילט אויף דייטש, עס האָט, אַלזאָ, געהייסן ניט קיין אידיש טעאַטער, נאָר דייטש טעאַטער, האָבן די אַקטיאָרן, וועלכע האָבן געשפּילט אין רוסלאַנד זיך צוגעוואוינט צו רעדן דייטשמעריש אויף דער בינע. איך בין געווען דער אומגליקלעכסטער צווישן אַלע מיינע קאָלעגן, וואָס האָט נעבעך קיין דייטש ניט געקענט. אין בערדיטשעוו, זלאַטאָפּאָליע, און קיעוו, וואו איך בין אַלס קינד ערצויגן געוואָרן, האָב איך קיין דייטש ניט גע־

לערנט, און אַ שטיק צייט האָב איך זיך געדאַרפט ברעכן די צונג צו האָווקען אויף דייטש.

אָבער לאָמיר צוריקגיין צו דער פאָרשטעלונג:

נאָכן דריטן אַקט, אין מיין ערשטער פאָרשטעלונג, האָט זיגמונד פיינ־מאַן געהאַלטן פאַרן עולם אַ פייערדיגע רעדע וועגן מיר. ער האָט אָנגעוויזן אויפן פאַקט, אַז איך, באָריס טאָמאַשעווסקי, האָב אַלס דרייצן־יאָריגער אינגל דער ערשטער אַרויפגעצויגן דעם פאָרהאַנג פון אַ אידישער בינע אין אַמעריקע. „היינט, האָט פיינמאַן אויסגערופן, האָבן מיר דאָס מזל צו באַגריסן דעם זעלבן באָריס טאָמאַשעווסקי שוין אַלס ערשט־קלאַסיגן אַרטיסט און זינגער. מיר באַגריסן אים אַלס מיטגליד פון אונזער טעאַטער־משפחה. באָריס טאָמאַשעווסקי וועט פון היינט אָן און ווייטער שפּילן מיט אונז צוזאַמען".

ווען פיינמאַן האָט געענדיגט זיין רעדע, האָט זיך דער פאָרהאַנג אַרויפ־געצויגן און אַלע שוישפּילער זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט מיט בלומען אין די הענט. מאַגולעסקאַ און רודאָלף מאַרקס האָבן מיך אַרויסגעפירט אויף דער בינע. (רודאָלף מאַרקס איז דאַן געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע טענצער, קופּלעטן־זינגער און קאָמיקער אויף דער אידישער בינע. שפּעטער איז ער פון דעם טעאַטער אַוועק און גענומען שטודירן לאָא און איז געוואָרן אַן ערפאָלגרייכער לאָיער. ער האָט אויך געשריבן אייניגע פּיעסען פאַר דער בינע, אין וועלכע מאַגולעסקאַ, איך און אַנדערע שוישפּילער האָבן געשפּילט. ער איז געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק). שעהנגאָלד, קאַרפּ און פינקעל האָבן מיר צוגעטראָגן אַ גרויסע האַרפע, געמאַכט פון בלומען. פּראָפעסאָר הורוויץ האָט אויך געהאַלטן אַ רעדע וועגן מיר און מיך געלויבט ביז די הימלען. „טאָמאַשעווסקי — האָט ער געזאָגט — איז ניט נאָר אַ פיינער אַרטיסט און גוטער זינגער, נאָר גאָט האָט אים גע־שאָנקען די שענסטע מתנה וואָס ער קען געבן אַ שוישפּילער. טאָמאַשעוו־סקי איז דער שענסטער אַקטיאָר־ליבהאָבער אין דער וועלט". פאַרשטייט זיך, אַז די פרויען אויף דער בינע און די פרויען און מיידלעך אין טעאַטער האָבן שטאַרק אַפּלאָדירט. זיי זענען געווען פולשטענדיג איינפאַרשטאַנען. די צוויבעלעך־שעהנע סאָפיע קאַרפּ האָט מיר אָנגעטאָן אַ זילבערנעם לאָר־בער־קראַנץ אויפן קאָפּ. איך האָב זיך דאַן מיט איר דאָס ערשטע מאָל צוקושט.

צומאָרגנס האָבן מיר די קאָלעגן אָפּגעגעבן גרויס כבוד. דער דאַ־

מאַלסטדיגער אידישער וואָכנבלאַט „פאָלקס־אַדוואָקאַט", פון וועלכן מאַיקעל מינץ (דער מאַן פון דער שוישפּילערין קעני ליפּצין) איז געווען דער אַרויסגעבער, האָט וועגן מיר זעהר גוט געשריבן. די צייטונג האָט געלויבט אויך מיין שעהנעם אויסזען און מיין האַלטן זיך אויף דער בינע. זי האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט אויפן שפּאַס מיטן „באַאיס לאַכאַם". די דאַמאָלסטדיגע אידישע פּרעסע איז געווען שטאַרק דאַגעגן וואָס אידישע אַקטיאָרן רעדן אויף דער בינע דייטש אַנשטאָט מאַמע־לשון, און זי האָט זעהר פיל געהאָלפן אַרויסצוואַרפן דעם „דייטש" פון דער אידישער בינע.

„דוד בן ישי" איז שוין געווען אין ניו יאָרק אַן אָפּגעשפּילטע פּיעסע. די הויפּט־ראָלע „דוד בן ישי", איז אַ לאַנגע צייט געשפּילט געוואָרן פון משה זילבערמאַנען. ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, האָט דוד קעסלער אויך געשפּילט די ראָלע און ער האָט זיך אין איר שטאַרק אויסגעצייכנט. (מען דאַרף באַמערקן, אַז דוד קעסלער איז נאָך דאַן אַלס רעאַליסטישער שוישפּילער ניט געווען באַקאַנט. ער פלעגט שפּילן אין די ביבלישע אָפּערעטן און אין אַנדערע זאַכן פון פּראָפעסאָר הורוויץ. ער איז געווען זעהר באַליבט ביים עולם, אָבער הויפּטזעכלעך אַלס העלד, וואָס האָט געטראָגן „היסטאָרישע" העלדן־קאָסטיומען, און האָט געזונגען, געטאַנצט, געזונגען לידער, א. אז. וו. דער אמת'ער קעסלער האָט זיך באַוויזן ערשט אין יעקב גאָרדינ'ס צייט). פּינקעל האָט די פּיעסע געשטעלט בלויז אויף איין וואָך, כדי איך זאָל אין איר אויפטרעטן. ער האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַ נייע פּיעסע פאַר מיר, וואָס לאַטיינער האָט אָנגעשריבן. די אַנדערע שוישפּילער האָבן אָבער באַשטימט, אַז איך זאָל שפּילן „דוד בן ישי" בלויז פרייטאָג און שבת און אַז אויף דער צווייטער וואָך זאָל איך אויפטרעטן צוזאַמען מיט סאָפיע קאַרפּ אין „שולמית". איך זאָל שפּילן „אבשלום" און סאָפיע קאַרפּ „שולמית", און אַז ערשט אויף דער דריטער וואָך זאָל מען איינשטודירן לאַטיינער'ס נייע פּיעסע. מיינע קאָלעגן האָבן אָבער אַ טעות געהאַט, „דוד בן ישי" האָט געמאַכט אַזאַ ריזיגן ערפאָלג, אַז ס'איז אונמעגלעך געווען אַראָפּצונעמען זי, איבערהויפּט האָט דאָס שטיק איצט אויסגענומען ביי די מיידלעך און ווייבלעך. דער שעהנער געשלעכט איז געלאָפן צו דער קאַסע און געפרעגט, „ווען שפּילט טאָמאַשעווסקי „דאָס שעהנע פאַסטוכל"?". קורץ, פּינקעל איז געצוואונגען געווען צו שפּילן „דוד בן ישי" אויך די צווייטע וואָך. די איינגאַמעס זענען געווען ריזיגע, און מען האָט נאָך קיינמאָל אַזוי פיל

פרויען ניט געזען אין אַ אידיש טעאַטער. דאָס טעאַטער איז פּשוט געווען באַזעצט כמעט מיט לויטער פרויען. אַז דער ווייבערשער עולם האָט מיך דערזען אויף דער בינע, איז געוואָרן פרעהלעך. זיי פלעגן מיך פּשוט פאַרוואַרפן מיט בלומען. די באַקסעס פון ביידע זייטן בינע זענען געווען געפּאַקט ווי הייַנט די סאָבוועי זעקס אַזייגער פאַרנאַכט. סאַפיע קאַרפּ פלעגט צו מיר אָפט זאָגן:

— טאָמאַשעווסקי, איר איבערשטייגט שלמה המלך'ן. אַזוי פיל ווייבער ן מאַמעניו, וואו האָבן זיי זיך גענומען? איך שפּיל שוין עטלעכע יאָר אין ניו־יאָרק און האָב נאָך קיין מאָל אַזוי פיל פרויען אין טעאַטער ניט געזען.

אויף סאָפיע'ס קיבעץ האָב איך געענטפערט:

— דער אונטערשייד צווישן מיר און שלמה המלך איז אָט וואָס: שלמה האָט זיינע ווייבער געדאַרפט אויסהאַלטן, ווערענד דאָ, ביי אונז, האַלטן די ווייבער אונז אַלעמען אויס.

אכט וואָכן האָב איך געשפּילט „דוד בן ישי" פאַר געפּאַקטע הייזער. מען האָט געקענט שפּילן די זעלבע פּיעסע נאָך אכט וואָכן, און אפשר דעם גאַנצן סעזאָן, אָבער עס איז שוין אונז, שוישפּילער אַליין, מיאוס געוואָרן צו שפּילן שטענדיג די זעלבע פּיעסע. דורך דער צייט האָבן מיר שטודירט לאַטיינער'ס נייע פּיעסע, וועלכע ער האָט אייגנטלעך ספּעציעל געשריבן פאַר מיר. „גלות רוסלאַנד" האָט געהייסן די פּיעסע. אין דעם שטיק האָב איך געשפּילט די ראָלע פון אַ רוסישן סטודענט, אַ ניהיליסט. ווען מיר האָבן די פּיעסע אויפגעפירט, האָט זי זעהר פיין אויסגענומען. די אַנדערע שוישפּילער, וועלכע האָבן זיך אין איר באַטייליגט, האָבן אויך אויסגענומען, אָבער מיין ראָלע אַלס ניהיליסט איז געווען אַ שעהנע און איך האָב אין איר זעהר שעהן אויסגעזען, זענען ווייבער און מיידלעך ווידער געקומען מיך זען. קורץ, איך בין געוואָרן דער ווייבערשער „אַטרעקשאָן" אין ניו־יאָרק.

„גלות רוסלאַנד" איז געשפּילט געוואָרן ביז פאַר פּסח. די ביזנעס זענען געווען אויסגעצייכנט. מען האָט אייגנטלעך קיין אַנדערע פּיעסע ניט געדאַרפט אויפפירן, אָבער פינקעל, וועלכער איז געווען ניט בלויז אַ שוישפּילער, נאָר אויך דער מענעדזשער פון דער טרופּע, האָט דורכאויס געוואָלט אויפפירן עפּעס נייעס אויף די פאַר וואָכן פאַר פּסח און אויף פּסח.

אַ געוויסן טאָג זיצן מיר ביי וויסיג׳ען אין וויין-קעלער, אויף קאָרנער גרענד און פּאַרסייט סטריטס, וואו עס איז צו יענער צייט געווען די טעאַטער־קיבעצאַרניע. פּינקעל פלעגט דאָרטן זיין דער בעסטער קאַסטאָמער, און דאָרט, וואו פּינקעל פלעגט גיין, פלעגן אַלע אַנדערע שוישפּילער מיטגיין. זיצן מיר זיך אַזוי ביי אַ גלעזל וויין, מאַכט צו מיר פּינקעל:

— עמע׳לע, אייער שוועסטער, האָט מיר דערציילט, אַז איר האָט עפּעס אַ פּיעסע מיטן נאָמען „די חליצה“, און אַז איר שפּילט דאָרטן אַ זעהר אינטערעסאַנטע ראָלע, אַלס דוד וועלוועלע. לאָמיר די פּיעסע אויפפירן איצט, די פּאָר וואָכן פאַר פּסח. אויב די פּיעסע איז טאַקע אַזוי גוט, ווי אונזער עמע׳לע האָט מיר דערציילט, דאַרפן מיר זי שטעלן. וואָס דענקט איר וועגן דעם טאָמאַשעווסקי?

די צוויי ווערטער „אונזער עמע׳לע“ האָט ער עפּעס אַזוי אַרויסגערעדט, אַז עס האָט מיך געמאַכט אומרוהיג. איך האָב זיך וועגן דעם טיף פאַרטראַכט. פּינקעל פרעגט ביי מיר ווייטער:

— נו, וואָס דענקט איר, טאָמאַשעווסקי, וועגן דעם וואָס מיר רעדן דאָ?

— וועגן וואָס? — פרעג איך פּינקעלן, פאַרגעסנדיג אינגאַנצן וועגן וואָס ער רעדט מיט מיר.

פּינקעל גיט אַ שמייכל, דרייט די וואָנצע און רעדט מער קיין וואָרט ניט. ער איז געווען אַ דורכגעטריבענער, כיטרער מענטש. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז זיין אויסדרוק „אונזער עמע׳לע“ האָט אויף מיר געמאַכט אַן אומאַנגענעמע ווירקונג.

פּינקעל איז שוין געווען אַן עלטערער מענטש, היבש איבער די פערציגער און עמאַ איז געווען נאָך כמעט אַ קינד. נאָך קיין פופצן יאָר ניט. מיר האָבן ווייטער געטרונקען וויין, און טרינקענדיג, האָבן מיר זיך אומגעקערט צוריק צום ענין וועגן „די חליצה“. איך האָב פּינקלען איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון מיין קאָמעדיע. דער סוזשעט איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן און ער האָט אויפן שטעל באַשלאָסן, אַז אין צוויי וואָכן אַרום הויבן מיר אָן שפּילן די פּיעסע. איך האָב באַמערקט, אַז פּינקעל זוכט די געלעגנהייט מיט מיר צו ווערן אַלץ מער באַפריינדעט, אַלץ נעהענטער, אַלץ אינטימער. מיר פלעגן זיך גאַנץ אָפט באַגעגענען ביי וויסיג׳ן אין וויין־קעלער. פּינקעל האָט ליב געהאַט צו טרינקען און ער האָט געטרונקען זעהר פיל. די אורזאַך, פאַרוואָס ער וויל ווערן מיט מיר אַזאַ גוטער ברודער, האָב איך גאַנץ גוט פאַרשטאַנען — אונזער עמע׳לע. און ער האָט געוואוסט, אַז מיר געפעלט

דאָס ניט, טראָץ דעם אָבער, פּלעג איך באַצאָלן פאַרן ווייַן. ווען עס איז געקומען צו נעמען זיך צו דער טאַש, איז ער געווען אַזוי צוריקגעהאַלטן ווי מיט ווערטער.

מיר האָבן אָנגעהויבן מאַכן פּראָבע פון דער „חליצה". די ראָלן זענען פאַרטיילט געוואָרן צווישן די בעסערע אַרטיסטן. אַז אין מיין ווערק זאָלן זיך באַטיילדיגן אַזעלכע גרויסע אידישע שוישפּילער — דאָס האָב איך אַפילו קיין מאָל ניט געֿחלומ'ט. מאָגולעסקאָ, רודאָלף מאַרקס, מאַקס קאַרפּ, דער בארימטער זינגער און פיינער אַרטיסט אַבאַ שעהנגאָלד, מאָרים פינקעל, מאַקס אַבראַמאָוויטש, בינע אַבראַמאָוויטש, קעני ליפּצין, סאָפיע קאַרפּ, מיין שעהן שוועסטערל עמאַ, סאַבינאַ וויינבלאַט — אָט די שוישפּילער, מיט מיר צוזאַמען, אין אַ קאָמעדיע, וועלכע איך האָב אָנגעשריבן, ווען איך בין פּופּצן יאָר אַלט געווען — אויף אַזאַ גליק, אויף אַזאַ כבוד האָב איך זיך קיינמאָל ניט גערעכט! אַלזאָ, מיר האָבן אָנגעהויבן מאַכן פּראָבען. אַלע שוישפּילער האָבן גאָר אָנגעקוואָלן פון די לעבעדיגע כאַראַקטערס אין דעם שטיק, פון דער פּראָזע און פון די געלונגענע פאָלקס־וויצן. זיי האָבן מיר ניט געזשאַלעוועט קיין קאָמפּלימענטן אַלס פאַרפאַסער. פינקעל איז גאָר געווען איבערראַשט פון זיין ראָלע אַלס דוד וועלוועלע'ס טאַטע. ער איז געווען אַ פיינער אַרטיסט, פינקעל. ווען ער וואָלט היינט געלעבט, וואָלט ער זיכער געווען פאַררעכנט אַלס איינער פון די בעסטע שוישפּילער אויף דער אידישער בינע. דאָס איז געווען, און עס איז נאָך היינט, מיין מיינונג איבער דעם פאַרשטאָרבענעם פינקעל.

פאַר דער פאָרשטעלונג האָט ער זיך צוגעקוקט צו מיין גרים אַלס דוד וועלוועלע, און ער האָט זיך גרימירט אַלס דוד וועלוועלע'ס פאָטער אַזוי קינסטלעריש, אַז יעדער איינער האָט געמוזט צוגעבן, אַז ער, פינקעל, איז דוד וועלוועלע'ס טאַטע.

„די חליצה" איז אויפגעפירט געוואָרן דריי וואָכן פאַר פּסח. די פּיעסע האָט געמאַכט אַזאַ רושם, אַז מיר האָבן אַפילו ניט געדענקט צו שפּילן אַ נייע פּיעסע אויף פּסח. „די חליצה" האָט געקעניגט איבער ניו יאָרק דעם גאַנצן פּסח, ווען דאָס טעאַטער האָט זיך צוגעמאַכט אויף די זומער־חדשים, ווען מען קאָן צוליב די היצן קיין טעאַטער ניט שפּילן.

ווי די לעזער דערמאָנען זיך פון אַ פריערדיגן קאַפּיטל, האָב איך די „חליצה" אויפגעפירט אין פּולס טעאַטער צו אַ בענעפיס־פאָרשטעלונג, וואָס דער פאַרשטאָרבענער יאָזעף באַראָנדעס האָט אַראַנזשירט פאַר אַ געוויסער

יוניאָן. דאָס שטיק האָט דאַמאָלט אַזוי שטאַרק אויסגענומען, אַז בראַנדעס איז נאָכן צווייטן אַקט אַרויסגעלאָפן און מיר געקויפט אַ מתנה, אַ טייערע ליולקע, וועלכער האָט מיר איבערגעגעבן ווען ער האָט מיך אַרויפגעפירט, נאָכן דריטן אַקט, אויף דער בינע און געהאַלטן אַ וואַרעמע רעדע וועגן מיר און וועגן דער פּיעסע. ניו־יאָרקער אידן האָבן נאָך געדענקט יענע פאָרשטעלונג און דאָס האָט פיל בייגעהאָלפן צום ריזיגן ערפאָלג. די הויפּט אורזאַך אָבער פון דעם גרויסן סוקסעס, וואָס דאָס שטיק האָט איצט געמאַכט, איז געווען דאָס, וואָס עס האָבן אין אים געשפּילט אַזעלכע בארימטע אַרטיסטן.

מיר האָבן פאַרענדיגט דעם סעזאָן אין רומעניען אָפּערא הויז. כמעט אַלע אַרטיסטן זענען אַוועקגעפאָרן אין ראַקאַוועי ביטש, אין אַרווערן, דוכט זיך מיר, צו אַ געוויסן מר. ליוויי, וועלכער איז געווען דער אייגנטימער פון אַ שעהנעם האָטעל. חברה אַקטיאָרן האָבן אָנגעפולט דעם גאַנצן האָטעל מיט געסט, וועלכע זענען צוליב אונז געקומען דאָרטן איינשטיין. איבער־הויפּט איז דער האָטעל געווען געפּאַקט מיט ווייבלעך און מיידלעך, וועלכע האָבן זיך דערוואוסט, אַז טאָמאַשעווסקי געפינט זיך דאָרטן. דער אייגנטימער פון האָטעל איז געווען אַ דייטשער איד, זעהר אַ ליבלעכער מענטש. ער האָט געהאַט זעהר אַ שעהנע יונגע פרוי, וועלכע האָט מיט איר שעהנקייט באַצויבערט אַלע מענער. מיט אַ יאָר פריער איז דער האָטעל כמעט געווען פּוסט, בלויז עטלעכע געסט זענען דאָרטן איינגעשטאַנען. מר. ליוויי האָט אונז דערציילט, אַז ער האָט צו זיין געשעפט שוין צוגעלייגט אַ סך געלט, אַז אייגענטלעך דאַרף ער גאָר ניט די האָטעל־ביזנעס, ווייל ער איז אַ פּאַרט־נער אין אַ געוויסער ביר־ברויעריי, וואו ער פאַרדינט אַ סך געלט, אָבער זיין שעהן ווייבעלע האָט ליב די האָטעל־ביזנעס. זי איז ערצויגן געוואָרן אין אַזאַ געשעפט, וואָרום איר פאָטער האָט אַ פיינעם שעהנעם האָטעל אין קאַרלסבאַד. אַלזאָ, איז איר פרעהלעכער ווען זי געפינט זיך אין אַ האָטעל. צו מיר איז דאָס שעהנע ווייבל, די האָטעל־אייגנטימערין, געווען ספּעציעל פריינדלעך. זי האָט אָנגעזאָגט אין קיך, אַז פאַר טאָמאַשעווסקי'ן זאָל מען קאָכן עקסטראַ מאכלים, און די וועיטערס פלעגן טראָגן דאָס עסן צו מיין טיש מיט צוגעדעקטע טעלער, כדי די איבריגע געסט זאָלן ניט זען וואָס מען דערלאַנגט מיר.

אין דעם זעלבן האָטעל האָט אויך געוואוינט חיימאָוויטש. יעדן אין דער פרי פלעגט ער מיך אָפּוואַרטן ביים האָטעל. מיר האָבן גענומען אַ לאַנגן שפּאַציר, דערנאָך האָבן מיר צוזאַמען זיך געבאָדן אין ים. ער האָט אָנגעהויבן מיט מיר צו פאַרהאַנדלען וועגן ביזנעס. יעדן טאָג האָט ער מיר געהאַקט אין קאָפּ אַריין: צו וואָס דאַרף איך שפּילן אין דעם קליינעם טעאַטערל, אין דעם רומעניען אָפּעראַ הויז, אַז איך קען שפּילן אין איינעם פון די גרעסטע און שענסטע טעאַטערס אין ניו יאָרק? ער וואַרט נאָר, אַז איך זאָל באַווילִיגן צו ווערן זיין פּאַרטנער און ער וועט קריגן אַ ליס אויפן שענסטן טעאַטער אין שטאָט. אַלץ איז פאַרטיג צום אונטערשרייבן דעם ליס, איך דאַרף בלויז זאָגן: „חיימאָוויטש, איך גיי מיט אייך“.

— ווער איז אייער טרופּע? — האָב איך איינמאָל, ביי אַזאַ געשפּרעך, חיימאָוויטש'ן געפרעגט.

ער האָט זיך געקווענקלט און מיר ניט געוואָלט ענטפערן אויף מיין פראַגע. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל ער האָט נאָך פון מיר קיין באַשטימטן ענטפער ניט באַקומען.

די דאַמאָלסטדיגע טעאַטער־פּאָליטיק איז באַשטאַנען אין דעם, אַז ווער עס וועט ביי וועמען אויסכאַפּן די בעסטע מענטשן און ווער עס וועט האָבן דעם בעסטן פּיעסען־שרייבער, יענער וועט זיין אויפן פערד. ענפעס האָט מיר חיימאָוויטש אָבער יאָ געזאָגט וועגן זיין פּלאַן.

— איך קען אייך איצט נאָך קיין איינצלהייטן ניט אַרויסגעבן, אָבער איך קען אייך בלויז זאָגן, אַז יאָזעף לאַטיינער, דער בעסטער פון אַלע פּיעסען־שרייבער, וועט זיין מיט אונז, און מאַקס קאַרפּ און זיין פרוי, סאָפיע, וועלן אויך זיין מיט מיר.

מער האָב איך שוין ניט געוואָלט הערן.

— סאָפיע קאַרפּ וועט זיין מיט אייך? זייט איר זיכער אין דעם?

— אַזוי זיכער זאָל איך זיין מיט אייך, טאָמאַשעווסקי, ווי זיכער איך בין מיט מאַקס און סאָפיע קאַרפּ.

איך האָב זיך געלאָזט איבעררײדן און האָב אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט מיט חיימאָוויטש'ן פאַרן נעקסטן סעזאָן אין טהאַליאַ טעאַטער, אויף דער באַוערי, טאַקע ניט ווייט פון רומעניען אָפּעראַ הויז.

טהאַליאַ טעאַטער, ווי איך האָב שוין באַמערקט איז אַ פריהערדיגן קאַפּיטל, איז צו יענער צייט געווען אַ גרויסער יחסן, און עס איז טאַקע געווען דער שענסטער טעאַטער אין דעם גאַנצן דאַון־טאַון. די בינע איז געווען

זעהר א גרויסע, און דער טעאטער גופא איז געווען א גרויסער. דארטן האבן געשפילט די גרעסטע דייטשע קינסטלער. אין טהאליא טעאטער האב איך געזען דעם וועלט־בארימטן דייטשן שוישפילער לודוויג בארנאי, אין „אוריאל אקאסטא". איך בין דאן אינגאנצן געווען א פאר טעג אין אמעריקע. און איצט וועל איך שפילן אויף דער זעלבער בינען — האב איך ביי זיך געטראכט. — וואס איך האב דערלעבטן וואס פאר א כבוד׳ן וואס פאר א סענסאציע׳ן איך האב פאר גרויס איבעראשונג ארומגעכאפט חיימא־וויטש׳ן און אים הארציג געקושט.

ווען פינקעל און די אנדערע ארטיסטן פון רומעניען אפערא הויז האבן זיך דערוואוסט, אז איך האב אונטערגעשריבן א קאנטראקט מיט חיימאוויטש׳ן פארן נעקסטן סעזאן אין טהאליא טעאטער, איז געווארן חושך: חברה האט צו מיר ניט געוואלט רעדן. באלד נאכדעם האבן די שוישפילער פון רומעניען אפערא הויז ארויסגעמופט פון האטעל. ליוואי, דער באלעבאס פון האטעל, האט זיך צוליב דעם זעהר געערגערט. די ניו יארקער אידישע צייטונגען זענען ארוים מיט דער נייעס, אז דעם נעקסטן סעזאן וועט טאמאשעווסקי שפילן מיט חיימאוויטש׳ן אין טהאליא טעאטער. די נייעס איז געווען א גרויסע איבעראשונג פאר די דאמאלסטדיגע „פאט־ריאטן" פון אידישן טעאטער. עס האט געדודערט אין די קאפע־הייזער. מיינע פאטריאטקעס, די שעהנע מיידלעך און ווייבלעך האבן זיך געפרייט וואס איך וועל שפילן אין דעם שענסטן טעאטער אין ניו יארק. חיימאוויטש איז מיט מיר ארומגעגאנגען איבער די האטעלן אין ראקאוועי ביטש און מיך פארגעשטעלט פאר די געסט.

איך האב גע׳פועל׳ט ביי מאקס און סאפיע קארפ, אז זיי זאלן אויך אריבערגיין מיט מיר אין טהאליא טעאטער. שפעטער האבן מיר אויך צוגעקראגן מאגולעסקא׳ן צו אונז. עס איז אונז זעהר שווער אנגעקומען אים ארויסצורייסן פון רומעניען אפערא הויז, וואו ער איז געווען דער סטאר. אין דעם האט אונז פיל צוגעהאלפן מיסיס מאגולעסקא, וועלכע האט געפירט די ריין־געשעפטלעכע זייט פון דער פארהאנדלונג, ווארום מיר האבן דעם בארימטן קינסטלער געגעבן פיל מער ווי ער האט באקומען ביי זיין קאמפאני. יאזעף לאטיינער׳ן האבן מיר אויך גענומען מיט זיך.

מיר האבן צוזאמענגעשטעלט אן ערשט־קלאסיגע קאמפאני. ליוואי, דער אייגנטימער פון האטעל, איז געווארן א פארטנער מיט אונז אין טעא־טער. אין דעם האבן מיר געהאט פיל צו פארדאנקען דער שעהנער מיסיס ליוואי,

וועלכע האָט איר מאַן צוגערעדט צום געשעפט. ער האָט אַריינגעלייגט שעהנע עטלעכע טויזנט דאָלער אין דעם געשעפט.

מיר האָבן אויפגעעפנט דעם טהאַליאַ טעאַטער. עס זענען דאַמאָלסט געווען דריי אידישע טעאַטערס אין ניו יאָרק: דער נעשאָנאַל טעאַטער אויף דער באָוערי, וואו יאַקאָב אַדלער האָט געשפּילט מיט אַ קאָמפּאַני; דער ווינדזאָר טעאַטער, אויף דער אַנטקעגנדיגער זייט פון דער באָוערי, וואו עס האָט זיך אַריבערגעקליבן די רומעניען אָפּערא קאָמפּאַני, און אונזער טהאַליאַ טעאַטער.

מיר האָבן אָנגעהויבן מיט יאָזעף לאַטיינער'ס היסטאָרישע אָפּערעטע „אשת חיל". די אָפּערעטע איז געווען אַ געלונגענע. מאַקס אַוראַמאָוויטש האָט פאַר דעם שטיק געשריבן שעהנע מוזיק. איך האָב געשפּילט אַ שעהנע ראָלע, אין וועלכער איך האָב געהאַט פיל צו זינגען. דאָס איז געווען די ראָלע פון אַ שעהנעם אָריענטאַלישן פּרינץ. אָנטאָן זיך, זיך אויספּוצן מיט היסטאָרישע צאַצקעס, וועלכע זאָלן איבעראַשן דעם עולם, — דאָס האָב איך גוט געקענט. וואָס שרייענדער, וואָס אומנאַטירלעכער איך האָב זיך אָנגעטאָן, אַלץ בעסער האָט דאָס אויסגענומען. פאַרשטייט זיך, דער פּרינץ האָט געהאַט אַ שעהנע פּרינצעסין, און מיין פּרינצעסין איז געווען די שעהנע מאַדאַם סאָפיע קאַרפּ. די מענער אין טעאַטער האָבן אָנגעקוואָלן פון דער פּרינצעסין און די פרויען און מיידלעך האָבן אָנגעקוואָלן פונם פּרינץ. די אָפּערעטע איז געווען אַ גרויסער ערפאָלג פאַרן באָקס-אָפיס. איבער גאַנץ ניו יאָרק האָבן אידן נאָכגעזונגען די שעהנע ליבעס-לידלעך וואָס איך און סאָפיע קאַרפּ האָבן געזונגען.

אין דער צייט וואָס מיר האָבן געשפּילט „אשת חיל" האָט לאַטיינער אָנגעשריבן זיין העכסט געלונגענע אָפּערעטע „אַלעקסאַנדער, דער קרוין-פּרינץ פון ירושלים". איך האָב אָנגאַזשירט דזשאַקאָמי (יאַנקעלע) מינקאָווסקי, וועלכער איז דאַמאָלט נאָר וואָס געווען אָנגעקומען פון אייראָפּאַ, ער זאָל שרייבן מוזיק פאַר דער נייער אָפּערעטע. מינקאָווסקי איז געווען אַ באַגאַבטער מוזיקער, אַ געענדיגטער פון אַ קאָנסערוואַטאָריע. ער האָט אָנגעשריבן געלונגענע מוזיק צו „אַלעקסאַנדער". דעם אמת זאָגנדיג, האָט מינקאָווסקי אַ היבש ביסל גענומען ביי די באַרימטע חזנים ניסן בעלזער, ירוחם הקטן, סולצער און נאָך אייניגע. ער האָט אויך אַרויסגענומען די

מוזיק פון גאַנץ אַלטע אָפּערעס. אָבער ווער האָט זיך געקימערט וועגן דעם, אַבי די מוזיק איז געווען שעהן און צוגעפּאַסט צו דער האַנדלונג.

די אָפּערעטע „אַלעקסאַנדער״ האָט געהאַט דעם גרעסטן ערפאָלג וואָס אַ פּיעסע האָט אַמאָל געהאַט אין דער געשיכטע פון אידישן טעאַטער. קאַרגע 2 יאָר איז די אָפּערעטע געגאַנגען מיט אַן אומגעהוירן סוקסעס. מיר שיינט, אַז עס איז ניט געווען אין ניו־יאָרק איין אידישע פאַמיליע, וועלכע האָט נישט געזען די אָפּערעטע. מען דערציילט, אַז איך בין געווען אַזוי שעהן אין דער הויפּט־ראָלע אַלס „אַלעקסאַנדער״, אַז ווען מען האָט מיך געזען אין דער ראָלע, האָט מען זיך פּשוט פאַרליבט אין מיר.

דער קאַסיר פון טהאַליאַ טעאַטער, וואָס פלעגט דאַן פאַרקויפען די טי־קעטס צו די פאָרשטעלונגען, און וועלכער איז היינט אַ מענעדזשער אין איינעם פון די וויכטיגסטע איצטיגע אידישע טעאַטערס אין ניו יאָרק, האָט מיר אַמאָל דערציילט פאָלגענדן עפּיזאָד:

צו דער קאַסע פון טהאַליאַ טעאַטער איז צוגעקומען אַ יונגע פרוי און שעמעוודיג געזאָגט: איך בעט אייך, טוט מיר אַ טובה. אין עטלעכע מאָנאַט אַרום וועל איך ווערן מוטער. גיט מיר אַ פּלאַץ גאַנץ נאָהענט צום סטיידזש, איך זאָל מיסטער טאָמאַשעווסקי׳ן זען וואָס בעסער. איך וויל האָבן אַ שעהן קינד, אַזוי ווי דער קרוין־פּרינץ פון ירושלים, איך מיין ווי מיסטער טאָ־מאַשעווסקי.

איינמאָל האָט זיך אין טהאַליאַ טעאַטער ביי דער פאָרשטעלונג פון „אַלעקסאַנדער״ אָפּגעשפּילט אַ זעהר אומאַנגענעמע סצענע: אין ערשטן אַקט קום איך אריין אָנגעטאָן אַלס יעגער. דאָס פּובליקום אין טעאַטער ווייסט ניט, אויך די אָרימע פאַמיליע אין אָרימען שטיבל, וואו איך קום אריין, ווייסט ניט, אַז דער יעגער איז גאָר דער פּרינץ אַלעקסאַנדער. אין אָרימען שטיבל אויפן פעלד וואוינט אַן אָרימער פאַרמער, און ער האָט זעהר אַ שעהנע טאָכטער. דער פּרינץ פאַרליבט זיך אין דעם שעהנעם מיידל. דאָס שעהנע מיידל ווייסט נאַטירלעך ניט אַז דאָס ערקלערט זיך איצט איר אין ליבע דער גרעסטער יחסן אין לאַנד, דער פּרינץ, וועלכער דאַרף ווערן קעניג. דער פאַרליבטער יעגער שווערט איר ביי דער לבנה און ביי די שטערן, אַז ער וועט איר אייביג ליבן. ער גיט איר אַ רינג אַלס מתנה און זי, די שעהנע אָרימע פאַרמער־טאָכטער, גיט אים אַלס מתנה אַ בראַסלעטל. די סצענע איז זעהר אַ שעהנע, אַ ראָמאַנטישע. די מוזיק איז אויך העכסט

געראָטן. אָריענטאַלישע מוזיק. אויף דער בינע ווערט טונקל, עס באַווייזן זיך די לבנה מיט די שטערן, וועלכע זייביידע, דער פּרינץ און דאָס אָרימע פּויערן־מיידל, נעמען אַלס עדות. אין דער ערשטער רייע איז געזעסן אַ פאַמיליע אין פול־דרעס. אין דער פאַמיליע האָט זיך געפונען אַ יונג שעהן מיידל פון אַ יאָר זיבעצן. איך האָב דאָס מיידעלע פון דער בינע דערזען אוז זי האָט אויף מיר געמאַכט אַ באַזונדערן איינדרוק, איך ווייס אייגנטליך ניט פאַרוואָס. די גאַנצע צייט וואָס איך האָב געשפּילט, האָב איך פון איר קיין אויג ניט אַרונטערגענומען. דאָס שעהנע מיידעל האָט אויך געטאָן דאָס זעלבע. איך האָב באַמערקט, אַז יעדעס מאָל ווען איך רעד מיט מיין געליבטער אויף דער בינע אָדער ווען איך זינג צו איר, קאָן דאָס שעהנע מיידעלע רוהיג ניט איינזיצן. איך האָב געפיהלט ווי זי דרייט זיך אויף איר שטול אַן אויפגערעגטע, אירע אויגן ווערן גרעסער, אירע באַוועגונגען זענען אונגעדולדיגע, נערוועזע. פּלוצלינג גיט זיך דאָס מיידעל אַ כאַפּ אויף פון איר פּלאַץ און נעמט שרייען:

— „גיוו מי דהי קינגן“ (גיב מיר דעם קעניגן) — און זי נעמט רייסן פון זיך די קליידער און בלייבט שטיין כמעט אַ האַלב נאַקעטע. זי קלאַפּט זיך האַסטיג אין איר נאַקעטער ברוסט און שרייט ווייטער:

—„אַי וואָנט דהי קינגן!“ (איך וויל דעם קעניגן)

אירע עלטערן און די אַנדערע מיטגלידער אין דער פאַמיליע האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון די פּלעצער, אַרומגערינגלט דאָס ווילד־שרייענדיגע מיידל. זיי האָבן איר געוואָלט באַרוהיגן און אַרויספירן פון טעאַטער. דאָס אומגליק־לעכע מיידל האָט זיך געראַנגלט מיט זיי און געוויינט היסטעריש, שרייענדיג אין אַ געבראָכענעם אידיש:

— ניין, ניין, איך וועל ניט אַוועקגיין פון דאַנען! איר וועט מיך פון דעם תענוג ניט אַוועקרייסן!

די אָשערס זענען צוגעלאָפן און געהאָלפן דער אומגליקלעכער פאַמיליע אַרויספירן דאָס מיידל פון טעאַטער, אָבער זי האָט זיך ווילד געריסן פון זיי און אַרויפגעשריען צו מיר אויף דער בינע:

— נאָ, נאָ, אַי וואָנ׳ט גאָו, אַי וואָנט טו סטעי היר וויטה מאַי קינגן“ (ניין, ניין, איך וויל ניט אַוועקגיין, איך וויל דאָ בלייבן מיט מיין קעניג).

מען האָט ענדלעך מיט גוואַלד דאָס מיידל אַרויסגעפירט פון טעאַטער און מיר האָבן געענדיגט דעם אַקט פון „אַלעקסאַנדער“. אַלע אַרטיסטן זענען געווען דערשלאָגן. איבערהויפּט האָב איך, דער „פּרינץ“, זיך געפיהלט

שרעקלעך. נאָך דער פאַרשטעלונג האָב איך אויסגעפונען, אַז דאָס שעהנע מיידעל איז די טאָכטער פון אַ זעהר רייכען גלאָז־פאַבריקאַנט. איך האָב אויך שפּעטער אויסגעפונען, אַז מען האָט דאָס מיידל געמוזט אַוועקפירן אין אַ סאַנאַטאָריום און אַז זי איז דאָרטן פאַרבליבן איבער אַ יאָר צייט. זי איז אָבער אויסקורירט געוואָרן. שפּעטער האָט זי גליקלעך געהייראַט. איך האָב מער דאָס שעהנע מיידל און איר פאַמיליע קיין מאָל ניט געזען.

„פּרינץ אַלעקסאַנדער" האָט מיך צוזאַמענגעפירט מיט אַ סך ניו־יאָרקער שעהנהייטן, אמת'ע קראַסאַוויצעס. דאָס שעהנע געשלעכט האָט מיך ניט צו רוה געלאָזט. איך האָב געהאַלטן אין איין באַקומען קאַרטלעך און בריוולעך פון פרויען און מיידלעך. די אָשערס פון טעאַטער פלעגן מיר ביי יעדער פאַרשטעלונג פון „פּרינץ אַלעקסאַנדער" דערלאַנגען גאַנצע בערג מיט בריוולעך און קאַרטלעך, און זיי האָבן דערביי געמאַכט אַ שעהנע פּאָר דאָלער. איך פלעג מיינע פאַרעהרערינס אויפנעמען אין דער אויבערשטער לאָזשע פון טהאַליא טעאַטער (פאַר יענער באַקס פלעגט מען קיין טיקעטס ניט פאַרקויפן. עס איז געווען מיין לאָזשע).

דאָס טהאַליא טעאַטער עקזיסטירט שוין ניט, עס איז מיט עטלעכע יאָר צוריק פאַרברענט געוואָרן, און איצט שטעהען אויף דעם אָרט ביזנעס־געבײדעס. ווען דאָס טהאַליא טעאַטער וואָלט נאָך איצט געשטאַנען, וואָלט די אויבערשטע לאָזשע געקענט דערציילען אַ סך פּיקאַנטע מעשה'לעך. ניט איין מאָל האָט געטראָפן, אַז איך פלעג זיך פאַרשפּעטיגן מיט מיין אויפטרעטן אויף דער בינע צוליב מיינע געסט: די שעהנהייטן האָבן מיך פּשוט ניט אַוועקגעלאָזן פון זיך.

איין מאָל האָט פּאַסירט דאָס פאָלגענדע: איך זיץ אין דער אויבערשטער לאָזשע מיט אַ גרופּע פאַרעהרערינס מיינע און האָב זיך פאַרגעסן, אַז איך דאַרף אויפטרעטן אין מיין ראָלע. געדאַרפט האָב איך אַרויסקומען אויף דער בינע זינגענדיג, האָב איך אָנגעפאַנגען צו זינגען זייענדיג נאָך אין דער אויבערשטער לאָזשע. דאָס פּובליקום איז געוואָרן איבעראַשט. ווי קום איך עפּעס אין דער אויבערשטער לאָזשע? וואָס זינג איך עפּעס פון דאָרטן? די אָשערס און די אַקטיאָרן, וועלכע האָבן געוואוסט וועגן מיינע „דעיטס" אָדער „ראַנדעוואוס" אין דער „געהיימער לאָזשע", האָבן געשמייכלט. דאָס ווערטע פּובליקום האָט זיך באַלד באַרוהיגט. אידן האָבן געמיינט, אַז אַזוי דאַרף טאַקע זיין, איך דאַרף אָנהויבן זינגען פון דער אויבערשטער לאָזשע.

איך האָב בײַ זיך באַשלאָסן, אַז מער זאָל אַזאַ זאַך ניט פּאַסירן, און ווייטער בין איך טאַקע געווען פֿאָרזיכטיג, אַז אַזעלכעס זאָל מער ניט פּאַסירן. אונטן, אויף די טרעפּ וואָס האָבן געפֿירט צו דער לאָזשע, איז געשטאַנען מיינער אַ מענטש, וועלכער פֿלעגט אַרויפֿשרייען צו מיר, ווען איך האָב געדאַרפֿט אַרונטערקומען אויף דער בינע פֿאָרטזעצן מיין שפּילן. דער שומר האָט געהאַט נאָך אַן אויפֿגאַבע: ניט אַרויפֿצולאָזן אין דער לאָזשע קיין זייטיגע מענטשן. חברה אַקטיאָרן און נאָהענטע באַקאַנטע האָבן די אויבערשטע לאָזשע אַ נאָמען געגעבן „דער ליבעס-נעסט“.

מאַנכע פֿון די טעאַטער-מענטשן פֿלעגן באַקומען פֿינפֿערלעך און אפֿילו צענערלעך פֿון די שעהנהייטן, וועלכע זענען געקומען זיך זען מיטן „פּרינץ אַלעקסאַנדער“ אין דער אויבערשטער לאָזשע.

מאָרים פֿינקעל איז מיט דער צייט געוואָרן אַ גאַנצער גוטער ברודער מיט מיין שעהן שוועסטערל, עמאַ. מענטשן זענען צו מיר געקומען און דערציילט, אַז מיין עמאַ שפּאַצירט מיט פֿינקלען אויף בראָדוויי. אַנדערע האָבן מיר דערציילט, אַז מען האָט געזען עמאַ'ן מיט פֿינקלען פֿאָרן אין אַ קערידזש אין סענטראַל פּאַרק. עמאַ איז דאַן געווען כמעט נאָך אַ קינד, קיין זעכצן יאָר נאָך ניט אַלט געווען און פֿינקעל איז געווען באַלד דריי מאָל אַזוי אַלט ווי זי. איך האָב אין עמאַ'ן גענומען אַ גרויסן אינטערעס. איך האָב זי זעהר שטאַרק ליב געהאַט. איך האָב געטאָן אַלץ וואָס איך האָב נאָר געקענט טאָן פֿאַר איר ערציאונג. איך האָב געצאָלט פֿאַר אירע פּיאַנאָ-לערער, פֿאַר געזאַנג-לערער, פֿאַר דראַמאַטישע לעדער, אַפֿילו מאָלן און צייכענען האָב איך זי געלאָזט לערנען. עמאַ איז געווען אַזאַ שטילינקע, אַזאַ בכבוד'ע, אַזאַ געהאָרכזאַמע. זי האָט מיך אויך שטאַרק ליב געהאַט.

האָט מיר די נייעס וועגן פֿינקעל'ס אַרומגיין מיט איר שטאַרק צערודערט.

ניין, איך וועל דאָס ניט דערלאָזן, האָב איך באַשלאָסן. די טייערע, שעהנע, טאַלאַנטפֿולע עמאַ'לע טאָר ניט אַריינפֿאַלן אין אַן אומגליק. ווי קאָן זי זיך פֿאַרבינדן מיט אַ מענטשן, וואָס איז באַלד דריי מאָל אַזוי אַלט ווי זי? און ניט בלויז איך אַליין האָב וועגן דעם אַזוי געפֿיהלט. נאָהענטע פֿריינד האָבן גערעדט מיט אַנגסט און באַדויערן וועגן פֿינקעל'ס ראָמאַן מיט עמאַ'ן. איך פֿלעג באַקומען בריוו פֿון באַקאַנטע און פֿרעמדע מענטשן. די שרייבער פֿון די בריוו האָבן באַדויערט מיין עמאַ'לען און מיך געבעטן, אַז איך זאָל ניט דערלאָזן צו קיין שידוך צווישן פֿינקעל'ן און מיין שוועסטערל.

מאָרים פינקעל (1904—1858)

עמאַ פינקעל־טאָמאַשעווסקי (1929־1879)



בעלאַ פינקעל (טאָכטער פון עמאַ און מאָרים) און איר מאַן
מוני וויזענפריינד (פאול מוני)

פינקעל איז געווען אַ קלוגער, ביטרער איד, אַ שטילער רוהיגער כאַ־ראַקטער, נאָך צו שטיל . . . ער פלעגט רעדן געצעהלטע ווערטער. ער האָט קיין מאָל קיין וויצן ניט געזאָגט, קיין מעשיות ניט דערציילט. ער פלעגט פאַר קיינעם קיין שמייכעל ניט ווייזן. געשוויגן און גערדרעהט מיט זיינע וואָנצעס פון צייט צו צייט. פלעגט ער מיט עמיצן רעדן, האָט עס געמעגט זיין זיינער אַ בעסטער פריינד, פלעגט ער אויף יענעם ניט קוקן, זיינע גרויסע אויגן האָבן דערביי שטענדיג געקוקט אָן אַ זייט. פאַר עמאַ'ן אָבער האָט ער שטענדיג געהאַט אַ שמייכל און אַ גוט וואָרט. דאָס האָב איך אַ סך מאָל באַמערקט, און דאָס אייגנטלעך האָט מיך אַרויפגעבראַכט אויפן חשד פון זיין ראָמאַן מיט עמאַ'ן, און אָט דער חשד איז נאָך פאַר־שטאַרקט געוואָרן דאַן, ווען ער האָט מיט מיר גערעדט וועגן מיין פּיעסע, „די חליצה" און וועגן איר גרויסן ערפאָלג, אָבער אַז אַזאַ עלטערער מענטש זאָל מיינען ערנסט מיט אַזאַ קינד ווי עמאַ — דאָס האָב איך זיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט. איך האָב פינקלען געהאַלטן פאַר אַ צו קלוגן, פּראַקטישן מענטשן, ער זאָל באַגיין אַזאַ נאַרישקייט.

אַ געוויסן טאָג האָב איך אַריינגענומען מיין שוועסטערל עמאַ צו מיר אין אָפיס און געהאַט מיט איר אַן אָפענעם געשפּרעך וועגן דעם ענין. איך האָב איר ערקלערט, אַז זי איז נאָך צו־יונג זיך צו פאַרדרעהען מיט אַ שידוך, אפילו מיט אַ יונגן מאַן. דאַן האָב איך איר געפרעגט, צי עס איז אמת, אַז פינקעל האָט זיך איר ערקלערט אין ליבע, און אַז זי שפּאַצירט אַרום מיט אים אויף בראָדוויי און אַז זי פאָרט מיט אים אין אַ קערידזש אין סענטראַל פּאַרק.

אַנשטאָט צו ענטפערן, האָט עמאַ זיך פאַנאַנדערגעוויינט. זי איז מיר געפאַלן אויף דער ברוסט און געבליפּעט.

איך האָב דאָס באַלד דערציילט דער מאַמען מיינער. דערהערנדיג די געשיכטע, האָט זיך די מאַמע צעוויינט.

— אַזאַ יונג קינד, אַזאַ שעהנע בלום, אונזער ליכטיגע, לוסטיגע עמאַן מיט וועמען גייט זי זיך פאַרבינדן, מיט אַזאַ אַלטן אידן? דערצו איז ער נאָך אַזאַ קאַרגער! אַ ניקל איז דאָך ביי אים אַ לעבנס־פראַגע.

איך האָב צוזאַמענגערופן אויף אַ באַראַטונג די גאַנצע פאַמיליע: מיין שוועסטער מערי, מרס. עפּשטיין מיט איר מאַן, מיין שוועסטער פעני מיט איר מאַן, מיינע קרובים פון ברוקלין, די רעזניקאָווס, וועלכע האָבן געבויט דאָס איצטיגע ליריק טעאַטער. מיר האָבן זיך אַלע באַראַטן וואָס עס

איז דאָ צו טאָן אום אָפּצוראַטעווען אונזער עמאַ. דער טאַטע מיינער איז געווען דער „פּאָרזיצער" פון דער באַראַטונג.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו האָבן אַן אָפּגעם געשפּרעך מיט פינקלען. איך האָב געשיקט נאָך פינקלען און אים געבעטן קומען צו מיר אין אָפּיס. מיין משפּחה איז אויך געווען דערביי. איך האָב פינקלען געזאָגט, אַז מיר, די פאַמיליע, האָבן באַשלאָסן אים צו בעטן, אַז ער זאָל אויפהערן צו פאַר־דרייען דעם קאָפּ אונזער יונגער עמאַ; מיר אַלע זעהען איין, אַז אַזאַ שידוך איז פשוט אַ גרויסער אומגליק; אַזעלכע שידוכים לאָזן זיך קיינמאָל ניט אויס גוט; בעטן מיר אים אַלע, אַז ער זאָל זיך פון קאָפּ אַרויסשלאָגן דעם נאַרישן חלום זיינעם. איך האָב אים אויך ערקלערט, אַז אויב ער וועט עמאַ'ן ניט צורו לאָזן, וועלן מיר טאָן אַלץ מעגלעכעס פון אונזער זייט ניט צו דערלאָזן צום שידוך.

פינקעל האָט געשוויגן, געשוויגן אַ לאַנגע צייט. איך האָב אים ערקלערט, אַז מיט זיין שווייגן וועט ער דאָס מאָל ניט אָפּקומען. מיר, די גאַנצע פאַמיליע, וועלכע געפינט זיך דאָ איצט, פאָדערן פון אים אַ באַשטימטן ענטפער.

האָט ער אַ דריי געטאָן די וואָנצע און קאַלטבלוטיג געענטפערט:

— מיין ענטפער וועל איך אייך שולדיג בלייבן.

ער האָט זיך האַסטיג אויפגעהויבן פון שטול און איז אַרויס, אַ קלאַפּ טוענדיג שטאַרק מיט דער טיר.

איך געדענק שוין ניט דעם דאַטום, ווען דאָס געשפּרעך מיט פינקלען איז פאָרגעקומען, אָבער דעם טאָג געדענק איך. דאָס איז געווען אין אַ פרייטאָג פאַרנאַכט, און דאָס געשפּרעך איז פאָרגעקומען אין מיין אָפּיס, אין טהאַליאַ טעאַטער. אַז דאָס איז געווען אַ פרייטאָג געדענק איך דערפאַר, ווייל מיין פעטער משה און זיין זוהן מרדכי'לע (ער האָט זיך שפּעטער גע־רופן מאַיק) האָבן זיך געאיילט צו לויפן אין שול אַריין. דער פעטער משה איז דאַמאָלט געווען דער פרעזידענט פון דער שול. צוליב דעם האָבן מיר געמוזט איבערברעכן אונזער פאַמיליען־פאַרזאַמלונג. אין אייליעניש האָבן מיר בלויז באַשלאָסן, אַז מיר וועלן טאָן אַלץ אין דער וועלט, אַז אונזער באַליבטע עמאַ זאָל זיך ניט פאַרבינדן מיט דעם קאַלטבלוטיגן וואָנצע־דרייער מאָרים פינקעל.

עס איז שוין געווען שפּעט פאַר מיר אהיימצוגיין. בין איך געבליבן אין טעאַטער. אַרום 7 אזייגער זענען די שוישפּילער געקומען זיך צוגרייטן

צו דער פאָרשטעלונג. איך האָב זיי אַלעמען אַריינגערופן צו זיך אין דרעסינג־רום און האָב זיי דערציילט וועגן מיין געשפּרעך מיט פינקלען. אַלע מיינע קאָלעגן האָבן זעהר שטאַרק ליב געהאַט עמאַ'ן, זענען זיי אַלע שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן פון דער געשיכטע. נאָך אַ קורצער באַראַטונג איז איינשטימיג באַשלאָסן געוואָרן פינקלען אויסצושליסן פון דער קאָמפּאַני. ער איז דאַן ביי אונז געווען כמעט דער גאַנצער פיהרער, דער וואָרט־זאָגער, און ער איז ווירקלך געווען אַ פּערזענלעכקייט, מען האָט אים גערופן „דער ביסמאַרק פון אידישן טעאַטער". די קאָלעגן האָבן מיך אויסגעוועהלט איבערצוגעבן פינקלען דעם באַשלוס פון דער טרופּע. איך האָב זיך געפיהלט זעהר אומאַנגענעם. נאָך אַלעם איז דאָך פינקעל געווען דער יעניגער, וועלכער האָט מיך אַראָפּגעבראַכט אין ניו יאָרק, ער האָט זיך שטאַרק איינגעשטעלט פאַר מיר און מיר צוגעגעבן מוט צו האָבן ערפאָלג. דאָס וואָס איך בין געוואָרן דער ליבלינג ביים טעאַטער־עולם, האָב איך געהאַט זעהר פיל פינקלען צו פאַרדאַנקען, און איצט דאַרף איך איבערגעבן פינקלען דעם באַשלוס פון דער טרופּע! איך האָב אָבער דעם באַשלוס געמוזט דורכפירן.

איך האָב אים אָפּגעוואַרט ביי דעם אַריינגאַנג צו דער בינע. דער אַריינגאַנג איז געווען אויף עטלעכע טרעפּלעך פון דער באַוערי־זייט און פון דאָרטן איז מען דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר צוגעקומען צו דער בינע. אין אַ צימערל, אין וועלכן עס פלעגן זיך פאַרזאַמלען די אַקטיאָרן ווען זיי האָבן געוואָלט רויכערן, זענען געזעסן אַלע מיטגלידער פון אונזער טרופּע און זיי האָבן געוואַרט צו הערן וואָס פינקל וועט זאָגן ווען איך וועל אים איבערגעבן דעם באַשלוס פון דער גאַנצער טרופּע.

פינקל איז אָנגעקומען. ער איז געגאַנגען מיט שטאָלצע טריט, אָנגעבלאָזן, ווי אַלע מאָל, ניט קוקנדיג אויף קיינעם. ער איז פאַר מיר פאַרביי־געגאַנגען אָהן אַ „גוטן אָוונט" און זיך געלאָזט גיין גלייך צו דער בינע. איך האָב אים פאַרשטעלט דעם וועג און געזאָגט:

— פינקעל, די גאַנצע טרופּע האָט באַשלאָסן, אַז איר קענט מער מיט אונז צוזאַמען ניט זיין, מיך האָט מען אויסגעקליבן אייך איבערצוגעבן דעם באַשלוס. מען האָט מיך אויסגעקליבן דערפאַר, ווייל איך האָב פאַר דער טרופּע געבראַכט געגן אייך די קלאַגע. איך זאָג אייך איצט נאָך אַמאָל, איר זאָלט מיין שוועסטערל עמאַ צורו לאָזן, איר זאָלט זיך מיט איר מער ניט באַגעגענען. איר זענט אַן עלטערער מענטש און זי איז נאָך אַ יונג

קינד . . . איך בין ניט בלויז איר ברודער, נאָר איר טאַטע, איר מאַמע, איר איינציגער פאַרזאָרגער. עמאַ געפינט זיך אונטער מיין אויפזיכט. איך האָב זי ערצויגן. איך בעט אייך, פינקעל, און איך וואָרען אייך — לאָזט צורו מיין שוועסטערל! צווינגט מיר ניט, אַז איך זאָל דאַרפן האַנדלען געגן אייך ווי אַ פאַרצווייפלטער ברודער, ווען ער מוז פאַרהיטן זיינע אַ שוועסטער פון אַן אומגליק. אייער אוכאַזשעווען אָרום עמאַ'ן מוז פירן צו אַ טראַגעדיען

פינקעל האָט געשוויגן. ער איז געווען בלאַס.

נאָך אַ קורצער ווייַלע פון שווייגן האָט ער זיך געווענדעט צו אַלע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער סמאָוקינג־רום:

— איר האָט געהערט וואָס טאָמאַשעווסקי האָט מיר דאָ געזאָגט?

— יאָ, מיר האָבן געהערט, — האָבן אַלע ווי איין מענטש געענטפערט.

פינקעל האָט געשמייכלט. אַ גאַנצער ים מיט גיפט האָט זיך איצט אויס־געגאָסן אין זיינע בליצנדיגע, שמייכלענדיגע אויגן. נאָך אַ קורצער ווייַלע האָט ער ווידער גערעדט:

— איך וועל עמיצן צושיקן נאָך מיינע זאַכן. איר וועט מיין שליח לאָזן נעמען אַלץ וואָס געהערט צו מיר.

און ער איז אַוועק.

חברה אַקטיאָרן זענען אים נאָכגעגאַנגען צו זען וואוהין ער גייט. ער איז אַריין אין ווינדזאָר טעאַטער, וואָס האָט זיך געפונען פונקט אַנט־קעגן דעם טהאַליאַ טעאַטער. דאָרטן, אין ווינדזאָר טעאַטער, האָט דאַן געשפילט קעסלער מיט אַ טרופּע. פינקעל האָט צוגעשטעלט די קליידער פאַר אונזער טעאַטער. ווען ער נעמט איצט אַוועק די קליידער, וואָלטן מיר ניט געקענט אָנגיין מיט דער פאָרשטעלונג, און אַזוי איז טאַקע געווען. ער האָט געשיקט ניט איין שליח, נאָר אַ גאַנצע חברה פון די באָיס, וואָס פלעגן איבערליגן ביי די טעאַטערס. זיי זענען געקומען צונעמען די גאַר־דעראָב און געפאָדערט מען זאָל זיי אויפן שטעל געבן אַלע קליידער. איך האָב די באָיס, פינקעל'ס שלוחים, אויף דער בינע ניט אַרויפגעלאָזט. איך האָב זיי געהייסן, אַז זיי זאָלן זאָגן פינקלען, אַז זונטאָג, 10 אַזייגער אין דער פרי, וועל איך אים געבן אַלץ, וואָס באַלאַנגט צו אים. פינקעל האָט מער קיינעם ניט געשיקט און מיר האָבן אָפּגעשפּילט די עטלעכע פאָרשטע־לונגען אין זיינע קליידער.

איך האָב געבעטן מיינע אַקטיאָרן אַז זיי זאָלן אַכטונג געבן אויף די קליידער פונקט ווי אַלע מאָל, מען זאָל זיי ניט פאַרפלעקן, ניט צערייסן און

שעהן צוזאַמענליינן. מיינע קאָלעגן האָבן מיר צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן דאָס טאָן און אַלץ איז געווען אין דער בעסטער אָרדנונג.

עמאַ, וועלכע האָט שוין געוואוסט פון דער געשיכטע, איז געזעסן אין איר דרעסינג־רום צוזאַמען מיט סאַבינאַ ווייגבלאַט און שטאַרק געוויינט.

איך בין אַריינגעגאַנגען צו מיין שוועסטערל, האָב איר געקושט און געזוכט איר צו באַרוהיגן. עמאַ האָט קיין איין וואָרט ניט אויסגערעדט. זי האָט געהאַלטן איר קאָפּ אויף מיין ברוסט און ביטער געוויינט.

עס האָבן גענומען לויפן שטאַפּעטן פון טהאַליאַ טעאַטער אין ווינדזאָר און פון ווינדזאָר אין טהאַליאַ. פּאַטריאָטלעך האָבן זיך געדרייט און גע־פירט פּלאָטקעס אהין און אהער.

נאָכן צווייטן אַקט קומט צו מיר מיינער אַ פּאַטריאָט און דערציילט מיר, אַז קעסלער האָט פינקלען פאַרגעשטעלט אויף דער בינע פון ווינדזאָר טעאַטער און ערקלערט דעם עולם, אַז פון היינט אָן וועט פינקעל, דער באַרימטער פינקעל זיין מיט אים, און אַז פינקעל ברענגט מיט זיך נאָך אַ ליבן גאַסט — די שעהנע, טאַלאַנטפולע אַקטריסעלע, עמאַ טאָמאַשעווסקי.

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן וואָס איך האָב אין יענעם מאָמענט געפיהלט. איך בין אַריינגעפאַלן צו עמאַ׳ן אין דרעסינג־רום און ביי איר געפרעגט:

— עמאַ, איז דאָס אמת? האָסטו געגעבן פינקלען די ערלויבעניש, אַז ער זאָל דיך אַנאָנסירן, אַז דו וועסט שפּילן אין ווינדזאָר טעאַטער?

עמאַ האָט ווידער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, ווען זי האָט זיך עטוואָס באַרוהיגט, האָט זי געענטפערט כליפּענדיג:

— ניין, באָריס, איך האָב אים אַזאַ ערלויבעניש ניט געגעבן. פינקעל האָט ביי מיר אפילו ניט געפרעגט וועגן דעם.

— עמע׳לע, טייערע, שוועסטערל מיינע! — האָב איך צו איר געזאָגט — איך פאַרלאַנג פון דיר, אַז דו זאָלסט אַרויסגיין מיט מיר אויף אונזער בינע און אָפּלייקענען דאָס, וואָס פינקעל האָט אַנאָנסירט אין ווינדזאָר טעאַטער. ערקלער דעם פּובליקום, אַז דו בלייבסט ווייטער שפּילן מיט אונז. קום מיט מיר!

איך האָב אָנגענומען עמאַ׳ן פאַר איר ציטערדיגער האַנט און בין מיט איר צוגעגאַנגען צום פאָרהאַנג, וועלכער איז געווען אַראָפּגעלאָזן איבער דער בינע. איך האָב געהייסן מען זאָל מאַכן ליכטיג אין טעאַטער און בין אַרויסגעקומען מיט איר פאַרן עולם. איך בין געווען שטאַרק אויפגערעגט

און אין דעם אויפגערעגטן צושטאנד האָב איך געהאַלטן אַ לאַנגע דרשה. איך האָב געבעטן ביים פּובליקום, אַז מען זאָל מיר מוחל זיין, וואָס איך גיי איצט באַרירען אַזאַ ענין, וואָס האָט מיט דעם שטיק, וואָס מיר שפּילן אבסאָלוט ניט צו טאָן. עס האָט איבערהויפּט ניט צו טאָן מיט טעאַטער־ביזנעס. עס איז אַ פּשוט'ע פאַמיליען־אַנגעלעגנהייט. איך האָב ערקלערט, אַז איך פאַרלאַנג פון גרויסן עולם, וואָס געפינט זיך איצט אין טעאַטער, אַז ער זאָל זיין אַן עדות צו דעם וואָס מיין שעהן שוועסטערל עמאַ, אַלעמענס ליבלינג, וועט דאָ זאָגן. זי וועט שווערן, אַז זי וועט זיך מער ניט באַגעגענען מיט מאָרים פינקעל, וועלכער איז באַלד דריי מאָל אַזוי אַלט ווי זי. איך האָב פאַר דעם פּובליקום ערקלערט, אַז פינקעל האָט מיין יונג שוועסטערל דעם קאָפּ פאַרדרייט, און אַז אַזאַ שידוך איז אַ זיכערער אומגליק, אַ זיכע־רע טראַגעדיע. און איך האָב געצוואונגען עמאַ'ן, אַז זי זאָל מיר געבן אַ שבועה פאַרן גאַנצן עולם אין טעאַטער, אַז זי וועט זיך מער ניט באַגעגענען מיט פינקלען, אַז זי וועט אים פון איר קאָפּ און פון איר יונגן האַרץ אַרויסרייסן.

און מיין שעהן שוועסטערל האָט געשוואוירן.

עס האָט זיך דאַמאָלסט געקאָכט און גערודערט ביים אידישן טעאַטער־עולם אין ניו יאָרק. די סענסאַציאָנעלע געשיכטע האָט זיך פאַרשפּרייט איבעראַל, וואו מען האָט נאָר געשפּילט אידיש טעאַטער. איך האָב באַקומען מאַסן בריוו פון פּובליקום, וואָס האָט די שבועה־סצענע אין מיין טעאַטער בייגעוואוינט.

זונטאָג אין דער פרי האָט פינקעל צוגעשיקט זיינע שלוחים און איך האָב אים אַרויסגעגעבן אַלץ, וואָס האָט באַלאַנגט צו אים. איך האָב באַלד אַוועקגעזעצט שניידערס און מען האָט געשניטן, אויפגענייט פון זייד און סאַמעט נייע קליידער, שענערע און בעסערע ווי די וואָס פינקעל האָט אונז צוגעשטעלט. און ווייטער האָט אויסגעזען ווי אַלץ גייט זיך בשלום: מיין עמאַ'ן פלעג איך נעמען אין ענגלישן טעאַטער צו מאַטינע־פאָרשטעלונגען און אויך אין מעטראָפּאָליטען אָפּעראַ הויז. איך האָב מיין שוועסטערל אומישנע אַרומגעפירט מיט זיך, כדי זי זאָל פינקלען נישט באַגעגענען. איך האָב אפילו ניט געלאָזט זי זאָל זיך באַגעגענען מיט אַנדערע שוישפּילער — סיי פון אונזער טרופּע, סיי פון אַנדערע טעאַטערס. מיינע עלטערן און די אַנדערע מיטגלידער פון דער פאַמיליע האָבן מיר געדאַנקט פאַר מיין

געטרייער זאָרג וועגן עמאַ'ן. אַלע זענען מיר געווען זיכער, אַז מיר האָבן אונזער עמאַ'ן געראַטעוועט. אָבער ווי זאָגט דאָס פאָלקס ווערטל, „אַז עס איז באַשערט אַן אומגליק קומט עס אין דער שטוב אַריין".

פינקעל איז געווען, ווי איך האָב שוין פריהער אָנגעמערקט, אַ כיטרער מענטש. אַלע אַקטיאָרן האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן חכם. איך בין געווען דער איינציגער, וואָס האָב אים גוט געקענט מיט אַלע זיינע חכמות און מיט אַלע זיינע טעאַטער־פּאָליטיקס, און איך פלעג זאָגן, אַז קיין גרויסער חכם איז ער ניט און אַז ער איז אויך ניט קיין גוואַלדיגער פּאָליטיקער. ער איז אַ מענטש, וואָס רעדט ווייניג און האַלט אין איין דרייען די וואָנצעס, מען זאָל מיינען, אַז ער דענקט, אַז ער טראַכט.

די גרויסע אַרטיסטן ווי קעסלער, פיינמאַן און מאָגולעסקאָ האָבן פינקלען באַטראַכט פאַר אַ גרויסן רעזשיסאָר. אין וואָס איז אייגנטלעך באַשטאַנען זיין גרויסקייט אַלס רעזשיסאָר? הערט נאָר: ווען מען פלעגט מאַכן פּראָבע, איז ער זיך געזעסן אויף אַ בענקל נעבן סופליאָר און ניט געלאָזט די אַקטיאָרן ריידן נאַרישקייטן. ער האָט אויך ניט געלאָזט די אַקטיאָרן רויכערן ביי פּראָבע, אָבער אָנווייזן דעם אַקטיאָר געוויסע שטעלונגען, איבערגאַנגען, ערקלערן אים ווי אַזוי ער זאָל אַרויסברענגען געוויסע געפילן, לייד, פרייד, ליבע, האַס — דאָס האָט פינקעל ניט אָנגעוויזן. אַלע אַקטיאָרן פלעגן שטיין אויסגעשטעלט ווי רעקרוטן און זיי פלעגן נאָכזאָגן דאָס, וואָס דער סופליאָר האָט געזאָגט. ווען איך האָב געשטעלט אין רומעניען אָפּערא הויז די ערשטע פּיעסע, וואָס לאַטיינער האָט פאַר מיר אָנגעשריבן, האָב איך דאָס שטיק אַליין רעזשיסירט. איך האָב אויך די דעקאָראַציעס געהייסן מאַכן לויט מיינע אָנווייזונגען און מוזיק אַריינגעגעבן, האָט די קאָמפּאַני מיך דאַמאָלסט געמאַכט אַלס רעזשיסאָר. דאָס האָט פינקל'ען ניט געשמעקט. ער איז אָבער געווען אַ פּאָליטישן, האָט ער מיר קיין שנאה ניט אַרויסגעוויזן. ווען איך האָב רעזשיסירט דאָס שטיק, איז ער זיך, ווי אַלע מאָל ביי די פּראָבען געזעסן און ווידער אַכטונג געגעבן, אַז מען זאָל ניט רויכערן און ניט ריידן קיין נאַרישע זייטיגע זאַכן. איצט, ווען פינקעל איז אַריבער אין ווינדזאָר טעאַטער, האָט ער קיינעם פון אונז ניט געפעלט. די פּיעסען זענען אויפגעפירט געוואָרען נאָך בעסער ווי פריער אונטער פינקעל'ס רעזשי. די אַקטיאָרן האָבן זיך איצט אַרומגעזען, אַז פינקעל איז אייגנטלעך געווען ניט מער ווי אַן אַכטונג־געבער, וואָס האָט אויפגעפּאַסט אויף געוויסע קליי־ניגקייטן, אָבער קיין רעזשיסאָר איז ער ניט געווען.

אונזערע געשעפטן זענען געגאנגען גאנץ גוט. מיר האָבן אַלע פּאַרדינט אַ סך געלט, און אַז יאָזעף לאַטיינער האָט געבראַכט אַ נייע אָפּערעטע, איז גאָר געווען פריילעך אין טעאַטער און נאָך פריילעכער ביי דער קאַסע.

·

אַ געוויסן אָוונט קומט די מאַמע מיינע צולויפן אין מיין דרעסינג־רום, ברעכט מיט די הענט, יאָמערט און קלאָגט און דערציילט מיר, אַז עמאַ איז אַוועק פון הויז גאַנץ פרי און איצט, שוין נאָך עלף אַזייגער, איז זי נאָך ניטאָ. די מאַמע דערציילט מיר ווייטער, אַז זי איז שוין געווען ביי דער גאַנצער משפחה, זי איז אויך געווען ביי עמאַ׳ס חבר׳טע, סאַבינאַ וויינ־בלאַט, און עמאַ איז ניטאָ. קיינער האָט זי ניט געזען. איך האָב פאַנאַנדער־געשיקט מענטשן אויף די אַלע פּלעצער, וואו איך האָב נאָר געהאַט אַ פאַר־דאַכט, אַז מען קען דאָרטן עמאַ׳ן טרעפן, אָבער אומזיסט. נאָך דער פאָר־שטעלונג זענען מיר אהיימגעגאַנגען. מיר זענען אַלע געווען פאַרצווייפלטע און געוואַרט אויף איר. עס איז געוואָרן גרויסער טאָג און זי איז נאָך אַלץ ניטאָ.

די גאַנצע פאַמיליע איז זיך צוזאַמענגעקומען. מיר האָבן געלאָזט וויסן דער פּאָליציי וועגן עמאַ׳ס פאַרשווינדן.

דאָ איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, צוצושיקן עמיצן צו פינקלען אהיים. ער האָט געוואוינט ביי חנן מיניקעס, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן די „יום־טוב־בלעטער״, און וועלכער איז אויך געווען אַן אַשער אין מיין טעאַטער. מען האָט מיניקעס׳ן אויפגעוועקט פון שלאָף און ביי אים געפרעגט וועגן פינקלען. מיניקעס האָט געענטפערט, אַז פינקעל איז אַוועק פון הויז נעכטן ניין אַזייגער אין דער פרי און וואוהין ער איז אַוועק, ווייסט ער ניט. עס האָט, אַלזאָ, געשטימט. ער, פינקעל, איז אַוועק ניין אַזייגער אין דער פרי און עמאַ צען אַזייגער.

די טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין מיין היים און אויך אין אונזער גאַנצער פאַמיליע, איז זיך לייכט פאָרצושטעלן.

ביינאַכט באַקום איך די פאָלגענדע טעלעגראַמע פון עמאַ׳ן:

„איך האָב חתונה געהאַט, גראַטולירט מיר. מיר געפינען זיך אין פילאַדעלפיע. — עמאַ״.

עס איז אַלזאָ געשען! עס איז שוין געווען צו שפּעט צו פּראָטעסטירן, צו שפּעט צו טאָן עפּעס כדי צו צעשטערן דעם שידוך.

עמאַ און פינקעל זענען געבליבן וואוינען אין פילאַדעלפיע.

דאָ איז וויכטיג צו באַמערקען דאָס פֿאָלגענדע: מאָרים פֿינקעל איז געקומען קיין אַמעריקע צוזאַמען מיט זיין פֿרוי און אַ אינגעלע. די פֿרוי איז געווען אַ זינגערין און זי האָט געשפּילט צוזאַמען מיט זיין קאָמפּאַני. ער האָט זיך מיט זיין פֿרוי שפּעטער גע׳גט. ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט מיין שוועסטער איז ער שוין לאַנג געווען אַ פֿרייער מענטש.

פֿינקעל האָט אָפּגעדונגען דעם אַרטש סטריט טעאַטער אין פֿילאַדעלפֿיע און צוזאַמענגעשטעלט אַ טרופּע. ער האָט געמאַכט גוטע געשעפֿטן. אָט די אַלע בשורות האָבן מיר געהערט פֿון דערווייטנס. עמאַ איז, אַלזאָ, געוואָרן אַ באַלעבאָסטע פֿון אַ טעאַטער און אַ באַלעבאָסטע פֿון אַ שעהנער היים, וואָס פֿינקעל האָט פֿאַר איר איינגעאָרדנט.

די פֿאַמיליע האָט איר באַוויינט, און באַקלאָגט איר ביטער מזל. די מאַמע האָט זיך גאָרניט געקענט באַרוהיגן. זי האָט געהאַלטן אין איין קלאָגן, אַזוי ווי איר מוטער־האַרץ וואָלט איר נעבעך געוואָרנט, אַז איר שעהן טעכטערל ערוואַרטעט אַ שרעקלעכע טראַגעדיע. אַלע אין דער פֿאַמיליע האָבן מיר געפֿיהלט, אַז עמאַ איז פֿאַר אונז ווי אָפּגעשטאָרבן. מיר האָבן די גאַנצע צייט פֿון עמאַ׳ן ניט געהערט. ניט זי האָט אונז געשריבן, ניט פֿינקעל. פֿון די אַקטיאָרן, וואָס האָבן מיט פֿינקלען געשפּילט אין פֿילאַדעלפֿיע, האָבן מיר געהערט, אַז דאָס פּאָר־פֿאָלק לעבט זיך גליקלעך. פֿינקעל איז גליקלעך מיט זיין יונג שעהן ווייבעלע און עמאַ — וואָס ווייסט זי, אַזאַ יונג קינד? זי שפּרינגט אים אין פּנים אַריין, לאַסטשעט זיך צו אים, מאַכט אים ליבע־חנ׳דעלעך. פֿינקעל, דער פּאָליטישען, האָט צוגעפֿירט דערצו, אַז עמאַ זאָל זיך מער ניט אינטערעסירן מיט איר פֿאַמיליע, מיט אירע שוועסטער און ברידער, מיט די עלטערן און אַז זי זאָל צו קיינעם ניט שרייבן. ער פֿלעגט זי נעמען מיט זיך איבעראַל, וואו ער איז נאָר געפֿאָרן. איבער גאַנץ אַמעריקע איז ער מיט איר געפֿאָרן. מיין ליבע עמאַ איז שוין טויט, און עס טוט אַזוי וויי ווען איך דערמאָן זיך ווי מיין שעהן ליב שוועסטערל האָט זיך אַליין געבראַכט אַלס קרבן פֿאַר דעם ביטרען מיטל־יאָהריקן פֿינקעל. עס וועט מיר נאָך ווייטער אויסקומען צו ריידן וועגן עמאַ׳ן און פֿינקלען — וועגן דער שרעקלעכער טראַגעדיע וואָס האָט מיט זייביידן פּאַסירט. דערווייל וועל איך זיך אומקערן צוריק צו מיין לעבנס־געשיכטע.

17

מיר קאָנקורירן דורך שעקספּיר'ישע סחורה - זייפּערט זעצט איבער „האַמלעט" אין 24 שעה - ווי אַזוי הורוויץ מאַכט זיינע פּיעסען - איך ווער אַ קינפּעטאָרין - מיין אסתּר'ל שטאַרבט און העריווערט געבוירן - איך גיי איבער אין ווינדזאָר טעאַטער - די פּאַראַדן פון די „פּאַטריאָטן" - דער טויט פון מאַקס אַוראַמאָוויטש.

איך האָב באַשלאָסן אויפצופירן אין טהאַליאַ טעאַטער „האַמלעט". איך, נאַטירלעך, זאָל שפּילן די הויפּט־ראָלע — „האַמלעט". דאָס איז אייגנטלעך געווען אַ געוואַגטער געדאַנק. איך, אַ יונגער אידישער אַקטיאָר, וועלכער איז ערצויגן געוואָרן אויף די פּיעסען פון גאָלדפאַדען, לאַטיינער, זייפּערט, יעקב טער — איך זאָל אויפטרעטן אין דעם וועלט באַרימטן ווערק „האַמלעט"? איך האָב געהאַט דאָס מזל צו זען די באַרימטסטע שוישפּילער אין „האַמלעט". נאָך אַלס קינד, ווען מיר האָבן געוואוינט אין קיעוו, האָט דער טאַטע מיך איינמאָל גענומען אין סאַווין'ס טעאַטער, וואו איך האָב געזען אַ באַרימטן רוסישן שוישפּילער אין דער ראָלע פון „האַמלעט". נאַטירלעך האָב איך דאַמאָלסט כמעט ניט פאַרשטאַנען וואָס מען האָט געשפּילט און ווי אַזוי מען האָט געשפּילט, אָבער דער נאָמען „האַמלעט", האָט נאָך אַלס קינד אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיגע ווירקונג. איך געדענק ווי דער טאַטע האָט מיר ביי יענער פאָרשטעלונג געזאָגט, אַז דאָס שפּילט מען אַ באַרימט שטיק, און אַז דער אַקטיאָר, וועלכער שפּילט די הויפּט־ראָלע, איז איינער פון די באַרימטסטע בינע־קינסטלער אין רוסלאַנד.

שפּעטער האָב איך שוין אפילו איינינע מאָל געהאַט איבערגעלעזן „האַמלעט" אין דער דייטשער שפּראַך, און אין דעם זעלבן טהאַליאַ טעאַטער האָב

איך מיט עטלעכע יאָר פריער אין שעקספּיר־ראָלן געזען די וועלט־באַרימטסטע דייטשע שוישפּילער. איך האָב אויך געזען אין „האַמלעט" עדווין בוט, דעם באַרימטסטן „האַמלעט" פון אַמעריקע און ענגלאַנד. אַז איך אַליין זאָל אויפטרעטן אין דער ראָלע פון „האַמלעט" — וועגן דעם האָב איך פריער אפילו ניט גע'חלומ'ט. אַ שעהנער שפּרונג, כ'לעבן, פון „קאַלדוניו", פון ני־בע, ני־מע, ני־קוקוריקו" צו שעקספּיר'ס „האַמלעט"ן

ווי אַזוי איז טאַקע געקומען, אַז „האַמלעט" זאָל זיך אַרויפכאַפּען אויף דער אידישער בינע? די קאָנקורענץ אין אידישן טעאַטער איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. איינער האָט געזוכט צו איבערשטייגן דעם אַנדערן סיי אין פּיעסען, סיי אין ראָלען. צום ביישפּיל: האָט אַדלער אויפגעפירט אַ פּיעסע און דער עולם האָט זי גוט אויפגענומען, — אי די פּיעסע אי די שוישפּילער, האָט קעסלער באַלד אָנגעהויבן נישטערן און זוכן אַזאַ פּיעסע, וועלכע זאָל אַדלער'ס פּאַרטונקלען. דאַן האָב איך אָנגעהויבן זוכן עפּעס אַן אָפּערעטע מיט אַ קנאַק, אַז סיי אַדלער און סיי קעסלער זאָלן זיך ניט קאָנען פאַרגלייכן מיט מיין ערפאָלג. אַדלער האָט קיין אָפּערעטן ניט געשפּילט, אויך קעסלער האָט אָפּערעטן פיינט געהאַט, הגם אין פריהערדיגע צייטן פלעגט ער זיי יאָ שפּילן. בין איך, אַלזאָ, געבליבן איינער אַליין אויפן פעלד פון אידישע אָפּערעטן. זייענדיג אַ מנגן און קענענדיג אַביסל מוזיק, האָב איך אַליין אָנגעשריבן די מוזיק צו די אָפּערעטן, און דעם טעקסט פלעגן פאַר מיר ספּעציעל שרייבן לאַטיינער, און אַנדערע פאַרפאַסערס. מיינע אָפּערעטן האָב איך אויפגעפירט אויף אַ רייכן, גלענצענדן שטייגער, און דאָס גופא איז שוין געווען אַ גאַראַנטיע פאַר ערפאָלג.

דער לעזער דאַרף דאָ אין זינען האָבן אָט וואָס: אין יענע יאָרן זענען נאָך ניט געווען קיין מואווינג פּיקטשורס, וואו מען קאָן פאַר צען סענט זען אַן אויסשטאַטונג, וואָס קאָסט אָפּ מיליאָנען. יאָ, איך בין געווען דער איינציגער, וואָס האָב דעם אידישן פּובליקום פאַרטומלט דעם מוח מיט גאָלדענע און זילבערנע צאַצקעס, מיט עלעקטרישע לעמפּלעך פון אַלערליי קאָלירן. אַלזאָ, זענען אידן, ווייבער, מיידלעך געלאָפן צו טאָמאַשעווסקי'ן אין טעאַטער. איך האָב שטענדיג געמאַכט בעסערע געשעפטן ווי מיינע קאָנקורענטן.

ווען קעסלער און אַדלער האָבן צוזאַמען געשפּילט אין ווינדזאָר טעאַטער, בין איך מיט מיין טרופּע געשטאַנען אין טהאַליאַ טעאַטער, וואָס איז געווען פּונקט אַנטקעגן דעם ווינדזאָר. אין ווינדזאָר טעאַטער האָט

מען אויפגעפירט א פיעסע פון פראפעסאר הורוויץ. איך געדענק ניט מער ווי די פיעסע האט געהייסן, אבער איך געדענק, אז אדלער און קעסלער האבן אין יענער פיעסע געהאט צוויי גאר גרויסע ראלן. עס האט זיי אבער ניט געפאלן. די פיעסע איז דורכגעפאלן. אין דער זעלבער צייט האב איך געשפילט א פיעסע, וואס האט געהאט א גרויסן ערפאלג, האבן דיביידע גרויסע קינסטלער, אדלער און קעסלער, גענומען טראכטן וועגן מיר, זייער קאנקורענט. אין דעם האבן זיי צוגעהאלפן אייניגע פריינט זייערע און אויך טעאטער־„פאטריאטן“. מען טאר ניט דערלאזן, אז ביי טאמאשעווסקי׳ן זאל זיין א סוקסעס־פיעסע און ביי זיי, ביי אדלער׳ן און קעסלער׳ן — א דורכפאל.

און זיי האבן באשלאסן אויפצופירן שעקספיר׳ס „אטעלא“. איינער פון זיי וועט שפילן „אטעלא“ און דער צווייטער — „יאגא“. „אט מיט דעם וועלן זיי דערלאנגען טאמאשעווסקי׳ן איבערן קאפ!“.

אדלער און קעסלער האבן דעם באשלוס זייערן געהאלטן בסוד. זיי האבן געלאזט איבערזעצן „אטעלא“ אויף אידיש. מען האט צעשריבן די ראלן און מען האט אין געהיים שטודירט די פיעסע. די קאלעגן פון מיין טעאטער און אנדערע פריינד האבן אבער באמערקט, אז עפעס רודערט זיך אין וועלטל פון די טעאטער־פאטריאטן, אבער קיינער האט ניט געוואוסט וואס, ווער און ווען. געוואוסט האב איך בלויז, אז אדלער און קעסלער גרייטן צו עפעס א „באמבע“, וואס וועט אינגיכן עקספלאדירן. נאטירלעך האב איך זעהר שטארק געוואלט וויסן וואס פאר א באמבע דאס איז. אין אנהויב האב איך דאס אבער ניט געקענט אויסגעפינען.

אין דער טעאטער־וועלט קען זיך דאך אבער א סוד צו לאנג ניט האלטן, ווארום מען דארף דאך אדווערטייזן, באקאנט מאכן דעם עולם, וואס מען גרייט צו פאר זיינעטוועגן.

א געוויסן אוונט קומען צו לויפן צו מיר מיינע פאטריאטן, צערודערטע, צעטראגענע:

— איר ווייסט, מר. טאמאשעווסקי, אדלער האט נאר־וואס אנאנסירט פון דער בינע, אז אינגיכן וועט ער אויפפירן די וועלט-בארימטע סענסאציאנעלע טראגעדיע מיט מוזיק פון וויליאם שעקספיר, דאס גרעסטע ווערק פון דער גאנצער וועלט־ליטעראטור, „אטעלא“. ער האט געזאגט אין זיין רעדע, אז ער, אדלער, וועט שפילן „אטעלא“ און קעסלער וועט שפילן „יאגא“, און זיי וועלן זיך ביידע איבערבייטן מיט די ראלן; איין נאכט וועט

אדלער שפּילן „אָטעלאָ“ און קעסלער „יאגאָ“, און די צווייטע נאַכט וועט קעסלער שפּילן „אָטעלאָ“ און אדלער „יאגאָ“.

די פּאַטריאָטן האָבן מיר אויך דערציילט, אַז אדלער האָט מיך באַ־לײדיגט פון דער בינע; ער האָט געזאָגט, אַז מיט אזא פּיעסע ווי „אָטעלאָ“ וועט אים קיינער ניט נאָכטאַנצן; אַז מען מוז זיין אַן אַקטיאָר צו קענען שפּילן „אָטעלאָ“. „אָטעלאָ“ איז ניט „אַלעקסאַנדער“, דאָס „קרוין־פּרינצעלע פון ירושלים“ . . .

נאַטירלעך האָט דאָס מיך שטאַרק פאַרדראָסן אויף אדלער׳ן. זענען מיר דאָך אין פּריוואַט־לעבן געווען די בעסטע פריינט, מיר פלעגן זיך יעדע נאַכט טרעפן אין קאַפע, צוזאַמען געגעסן, געטרונקען, זיך וויצן געזאָגט, מעשה׳לעך דערציילט.

אָבער ביזנעס איז ביזנעס . . . .

איך האָב מיט אומגעדולד געוואַרט שוין צו ענדיגן דעם אַקט פון דער פאָרשטעלונג. ווען איך האָב געענדיגט, בין איך אַרויסגעגאַנגען פאַרן פאָרהאַנג און האָב אָנאָנסירט פאַרן פּובליקום, אַז אַזוי ווי מיר האָבן אַ גרויסן סוקסעס מיט אונזער פּיעסע און מיר קאָנען זי ניט אַראָפּנעמען, וועל איך זי ווייטער שפּילן, אָבער בלויז פרייטאָג, שבת און זונטאָג, און אין מיטנוואָך וועל איך אינגיכן אויפפירן די גרעסטע טראַגעדיע פון וויליאַם שעקספּיר „האַמלעט“. איך וועל שפּילן די ראָלע פון „האַמלעט“, דער „פּרינץ פון דענמאַרק“. דאָס טעאַטער איז געווען געפּאַקט מיט אידן און ווייבער און מיידלעך. די מאַיאָריטעט פון פּובליקום האָבן אַזוי פיל געוואוסט וועגן „האַמלעט, דעם פּרינץ פון דענמאַרק“, פּונקט ווי אַ פרומער איד ווייסט דעם טעם פון גוי׳אישע מאכלים. זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס איז עפּעס אַ נייע אָפּערעטע. די פּאַטריאָטלעך האָבן אַפּלאָדירט און געקלאַפּט מיט די הענט און מיט די פיס, מיט ברעטלעך און מיט שטעקנס.

אין דער זעלבער צייט וואָס אין ווינדזאָר טעאַטער האָט מען געמאַכט פּראָבע אויף „אָטעלאָ“, האָט מען ביי מיר אין טהאַליאַ טעאַטער געמאַכט פּראָבען אויף „האַמלעט“. די איבערזעצונג פון „האַמלעט“ האָט פאַר מיר געמאַכט זייפערט. אין פיר־און־צוואַנציג שעה צייט האָט ער מיר צוגע־שטעלט דעם אידישן טעקסט.

פון אוירווינג פּליים טעאַטער (דער באַרימטער דייטשער טעאַטער פון יענער צייט) האָב איך גענומען אַ רעזשיסער, וועלכער האָט זיך גלייך גע־נומען צוגרייטן אונזער אויפירונג. ער האָט אויך מיט מיר איינשטודירט

די ראָלע פון „האמלעט“. דאָס איז געווען אַ גוטער אַקטיאָר און אַן אויס־געצייכנטער רעזשיסער. זיין נאָמען איז געווען וואָלטער. ער האָט מיר ממש אריינגעלייגט אין מויל יעדעס וואָרט, מיר אָנגעוויזן די באַדייטונג פון די וויכטיגסטע שטעלן, ער האָט מיר ערקלערט די געדאַנקען וואָס שעקספּיר האָט געוואָלט אויסדריקן אין זיין ווערק. איך האָב שטודירט מיין ראָלע גאַנצע טעג און נעכט. זיבן אַ זייגער אין דער פרי, ווען אַלע אַקטיאָרן זענען נאָך געשלאָפן, באַלד נאָך ברעקפעסט, בין איך שוין געווען אין טעאַטער אויף דער בינע מיטן הער וואָלטער און שטודירט. ער האָט מיט מיר געמאָסטן יעדן טריט, וואָס איך האָב געדאַרפט מאַכן, מיר אָנגעוויזן יעדן טאָן פון די ווערטער, יעדן איבערגאַנג. ער האָט מיך געלערנט וואו זיך צו האַלטן געלאַסן און, פאַרקערט, וואו איך דאַרף זיין שטורמדיג, אויפגערעגט און אַזוי ווייטער.

וואָלטער האָט מיר אויך געהאָלפן באַשטעלן די נויטיגע דעקאָראַציעס, קליידער, פּאַרוקן און אַנדערע געהעריגע זאַכן. מיינע קאָלעגן, די אַקטיאָרן, האָבן געהאַט צו זינגען און צו זאָגן לערנענדיג זייערע ראָלן. קיינער פון זיי האָט ניט פאַרשטאַנען קיין וואָרט פון די ראָלן זייערע. זיי האָבן זיך באַקלאָגט: „וואָס האָט שעקספּיר פון זיי געוואָלט האָבן?“

די פּראָבן פון „האמלעט“ האָבן יעדעס מאָל געדויערט דריי, פיר שעה לענגער ווי אונזערע געוועהנלעכע פּראָבן.

אין ווינדזאָר טעאַטער האָט מען זיך דערוואוסט וועגן מיין „באָמבע“. אַדלער האָט זיך געקאָכט: אַזאַ חוצפה, טאָמאַשעווסקי גייט שפּילן „האמלעט“ אין דער צייט ווען ער שפּילט „אָטעלאָ“־ן יעדן אָוונט פלעגט ער האַלטן רעדעס פאַרן עולם פון זיין טעאַטער וועגן זיין „אָטעלאָ“.

אַדלער האָט פון דער נאַטור ליב געהאַט צו פירן מלחמות: און ער האָט אויך ליב געהאַט אָפט אַרויסצוגיין ריידן פאַרן פּובליקום, האָט ער איצט געפונען די ריכטיגע געלעגנהייט. ס'טייטש, ער, יאַקאָב פּ. אַדלער, דער קעניג פון דער אידישער דראַמע, שפּילט שעקספּיר'ס „אָטעלאָ“, זאָל אַן אַנדערער וואַגן צו שפּילן „האמלעט“ן, און ער האָט געוואָלט איבערצייגן דעם עולם, אַז צו זיין „אָטעלאָ“ דאַרפן אידן קומען, ווייל ער און קעסלער זענען באַרעכטיגט אויפצופירן אַזאַ ווערק, אָבער דער אַנדערער, „אַלעק־סאַנדער'ל דער אשת־חיל'דיגער“ אַקטיאָר פון אַנטקעגן, האָט קיין רעכט ניט צו שפּילן שעקספּיר'ס אַ ווערק! (אשת-חיל'דיגער אַקטיאָר האָט אַדלער

מיך גערופן דערפאַר, ווייל, ווי דער לעזער קען זיך עראינערן פון אַ פריהערדיגן קאַפּיטעל, האָב איך געשפּילט מיט גרויס ערפאָלג לאַטיינער'ס אָפּערעטע „אשת־חיל״.)

גאָט האָט געהאָלפן און אַדלער האָט אויפגעפירט „אָטעלאָ״. עס איז ניט געווען אַי, אַי, אַי. ביידע, סיי אַדלער, סיי קעסלער, האָבן ניט „אָנגעריסן״ מיט זייער אויפטרעטן אין „אָטעלאָ״. דער גרויסער עולם האָט זיך באַצויגן פרעמד צו שעקספּיר'ס ווערק אויף אידיש. איך בין זיך אין דער זעלבער צייט אָנגעגאַנגען ווייטער מיט די פּראָבן פון „האַמלעט״.

דאָ מוז איך באַשרייבן אַ קליינע סצענקע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ביי מיר אין דער היים דעם טאָג, וואָס „האַמלעט״ איז אויפגעפירט געוואָרן אין מיין טעאַטער. איך בין דאַן געווען שרעקליך נערוועז. ביי דער לעצ־טער פּראָבע האָב איך ממש געפיהלט, אַז איך ברעך צוזאַמען. דער געדאַנק, אַז היינט ביינאַכט דאַרף איך אויפטרעטן אין „האַמלעט״, האָט מיך אינ־גאַנצן צעשרויפט. ביי מיר אין מוח זענען ערשינען די אַלע האַמלעטס, וואָס איך האָב געזען אויף די פאַרשידענע בינעס. איבערהויפּט איז מיר געלעגן איינגעקריצט אין זכרון דער „האַמלעט״ פון עדווין בוטה, דער באַרימטער אַמעריקאַנישער און ענגלישער שעקספּיר־שוישפּילער. דאָס איז געווען זעהר אַן אינטערעסאַנטער אַרטיסט. זיין גאַנצע האַלטונג, זיין אַרט ריידן, זיין אָפּט פאַרטראַכטן־זיך, זיין פיגור, זיינע לאַנגע האָר, זיין אויס־געדאַרט פּנים, זיינע איידעלע געזיכטס־אויסדריקן — ער איז געווען אַ גע־בוירענער „האַמלעט״. מיט אַ נאַכט פריהער, פאַר מיין אויפפירן „האַמלעט״, בין איך געווען אין בוטה'ס טעאַטער און אים געזען אין „האַמלעט״. דאָס איז געווען אפשר צום פופציגסטן מאָל ווי איך האָב אים אין דער ראָלע געזען. איך דערמאָן זיך ווי איך בין אַמאָל געפאָרן פון באַלטימאָר קיין וואַשינגטאָן צו זען אים שפּילן אין „האַמלעט״. איך האָב בוטה'ן פּשוט פאַרגעטערט. מיר זענען מיט דער צייט באַקאַנט און באַפריינדעט געוואָרן. ער האָט מיר ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט ערקלערט, אַז ער ווייסט וועגן מיר פון די צייטונגען און אַז ער ווייסט דאָס אידישע שוישפּילער שפּילן אויף אַן אייראָפּעאישן שטייגער און זיי האָבן ערפאָלג. ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז ער קען דאָס טהאַליאַ טעאַטער, ווייל ער האָט דאָרטן פיל מאָל געשפּילט „האַמלעט״ און אויך אַנדערע פּיעסען פון זיין רעפּערטואַר.

און היינט ביינאַכט דאַרף איך אַליין אויפטרעטן אין „האַמלעט״ן

דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון אידישן טעאַטער, ווען שעקס־פּיר׳ס באַרימטע טראַגעדיע וועט אויפגעפירט ווערן אויף אידיש, און איך האָב דאָס מזל צו זיין דער ערשטער אידישער שוישפּילער אין איר הויפּטראָלע צו שפּילן.

נאָך פּראָבע בין איך אַהיימגעגאַנגען. איך האָב ניט געגעסן, האָב ניט געטרונקען, בין אַריין צו זיך אין בעדרום, פאַרשלאָסן די טיר, אַרונטערגעלאָזט די ווינדאָ־שיידס און בין איינגעשלאָפן. עס האָבן מיך געמוטשעט חלומות. איך האָב אין חלום איבערגעלעבט מיין באַגעגעניש מיט עדווין בוטה און מיט אַנדערע שוישפּילער, וועלכע איך האָב געזען שפּילן אין „האַמלעט״. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז שוין געווען שטאָק־פינסטער, עס איז אָבער נאָך געווען צייט צו לויפן אין טעאַטער אַריין. דאָס האָט מיר דער זייגער געלאָזט וויסן. איך האָב זיך אָנגעטאָן און זיך געלאָזט לויפן אין טעאַטער אַריין. ווען איך בין שוין געווען ביי דער טיר, שרייט אויס צו מיר מיין קליין טעכטערל, אסתר׳ל, וועלכע איז דאַמאָלט פינף יאָר אַלט געווען:

„פּאַפּאַ, דו קושט מיך ניט גוד־נאַיט?״

איך האָב מיין קינד, וואָס איז ביי מיר טייערער געווען ווי מיין אייגן לעבן, צום האַרצן צוגעדריקט, איר געקושט און געזאָגט „גוד־נאַיט״. דאָס קינד האָט מיך אַרומגעכאַפּט מיט אירע קליינע ווייסע הענטלעך און מיין קאָפּ צו איר הערצעלע צוגעדריקט און דערביי געזאָגט:

„פּאַפּאַ, גיי און איך וועל גאָט בעטן דו זאָלסט האָבן סוקסעס״. (דאָס קינד האָט געהערט וואָכן צייט אין הויז ריידן וועגן דער אויפפירונג. מסתמא האָט זי אויך געהערט פון עמיצן, אַז „גאָט זאָל געבן״ איך זאָל האָבן סוקסעס).

טרערן האָבן מיר גענומען שטיקן און איך בין אַרויסגעלאָפן פון הויז.

די סטריט אַרום טעאַטער איז געווען באַלאַגערט פון אידן. מען האָט זיך געשטופּט צו דער קאַסע מיך צו זעהן אין „האַמלעט״.

און „האַמלעט״ האָט געהאַט אַן אומגעהויערן ערפאָלג אויף דער אי־דישער בינע. ערוואַרטן אָבער, אַז דער ערפאָלג וועט לאַנג אָנהאַלטן, וואָלט געווען אַ טעות. דער עולם האָט אויסגעדריקט באַוואונדערונג און באַגייסטערונג. די זאַך איז אים אָבער געווען פרעמד און ווייט. אים האָט געצויגן צו לייכטערע, נעהענטערע פּיעסען. און דאָס זעלבע איז געווען מיט אַדלער און קעסלער׳ס „אָטעלאָ״.

פּראָפעסאָר הורוויץ האָט פאַר מיר אָנגעשריבן אַ פּיעסע מיטן נאָמען „יפת־תואר". דער פּראָפעסאָר האָט זיך אונטערגעגאַרטלט צו שרייבן פאַר מיר עפּעס „אַזוינס און אַזעלכעס". נאָך מיין גרויסן ערפאָלג אין שעקספּיר'ס „האמלעט", האָט הורוויץ געוואָלט ווייזן, אַז ער קען פאַר מיר שרייבן אַ פּיעסע, אין וועלכער איך זאָל האָבן נאָך אַ פּיל גרעסערן ערפאָלג, און ער פלעגט גאַנץ אָפט זאָגן צו מיר:

— טאָמאַשעווסקי, איך שרייב פאַר אייך אַ בעסערע ראָלע פון „האמלעט". איך שרייב אַ ראָלע, וועלכע בלויז אַ שוישפּילער ווי איר וועט זי קענען שפּילן. (מען פלעגט זיך דאַן וויצלען, אַז הורוויץ וויל קאָנקורירן מיט שעקספּיר'ן און ווייזן, אַז ער קען אים איבערשטייגן).

ער האָט מיך געמאַכט נייגעריג און איך האָב מיט אומגעדולד געוואַרט צו זען וואָס פאַר אַ סאָרט פּיעסע דאָס וועט זיין. עס איז געקומען דער טאָג פון דער פאָרלעזונג פון דער נייער פּיעסע. הורוויץ האָט די פּיעסע אַליין געלעזן. דעם אמת זאָגנדיג, האָב איך שוין דאַן ניט שטאַרק געהאַלטן פון זיינע פּיעסען. ער האָט געשאַפן זעהר ווייניג אָריגינעלעס. דאָס רוב פון זיינע ווערק האָבן ניט געשילדערט קיין טיפּן פון דעם אַלטעגלעכן אידישן לעבן. ער פלעגט אַריינגיין אין שטייגער'ס (אַ דייטש) בוך־געשעפט, קויפן עטלעכע דייטשע פּיעסן צו זיבן סענט אַ שטיק. די שפּראַך האָט ער ניט גע־דאַרפט פּיל איבעראַרבעטן, ווייל דעמאָלט האָט מען אין אידישן טעאַטער דאָך „געשפּראָכן דייטשמעריש". איך בין אַרומגעגאַנגען מיט אַ געשוואָ־לענער צונג פון דעם אַמאָליגן דייטש אויף דער אידישער בינע. פאַר מאַקס קאַרפּ, סאָפיע קאַרפּ און די אַנדערע רומענישע און גאַליציאַנישע שוישפּילער איז די דייטשע בינע־שפּראַך ניט געווען פרעמד. קעסלער און פיינמאַן, אָפּשפּילנדיג אַזוי פיל יאָרן אין רוסלאַנד, וואו מען האָט קיין אידיש טעאַ־טער ניט געטאָרט שפּילן און מען האָט כלומרשט געמוזט רעדן אויף דייטש, האָבן זיך אויך אין דער דייטשער שפּראַך געפיהלט היימיש; אָבער איך, אַ „דייטש" פון אַסיטניאַטשקע, פון זלאָטאָפּאָליע, פון בערדיטשעוו — איך האָב געהאַט גרויסע צרות מיט דעם דייטש. הורוויץ האָט געקענט די קונסט ווי אַזוי צוצופּאַסן פרעמדע פּיעסן פאַר דער אידישער בינע.

דער כאַראַקטער, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט איצט פאַר מיר געשאַפן אין זיין נייער פּיעסע (מסתמא אויך גענומען פון אַ דייטשיש ביכל), איז געווען עפּעס אַ מאָדנער. עס איז געווען אַ משוגענער איינפאַל, אָבער עס האָט זיך אים איינגעגעבן. די פּיעסע האָט געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג און געבראַכט

א סך געלט אין דער קאסע. ווי לאנג די קאסע האט געגעבן געלט, אידן זענען געקומען אין טעאטער, האבן מיר אלע געשוויגן און אלע נארישקייטן זענען געווען גרויסע חכמות.

מיין ראלע איז געווען א טשיקאווע: א מאן האט זיך איינגערעדט, אז ער טראגט א קינד אונטערן הארצן און, אז ער ערווארט יעדע מינוט זיך צו לעגן אין קימפעט. בשעת הורוויץ האט פאר אונז פארגעלעזן די פיעסע, האב איך מורא געהאט, אז דאס פובליקום וועט אויסשיסן אין א געלעכ־טער, ווען עס וועט הערן, אז א מאן גייט האבן א קינד. איך האב אבער א טעות געהאט. דאס פובליקום האט עס גענומען זעהר ערנסט. ווייבער האבן געוויינט, מיידלעך האבן געבליפעט וואס טאמאשעווסקי'ן האט, נעבעך, אזא גרוים אומגליק געטראפן. די פיעסע איז געגאנגען א סך חדשים ביי געפאקטע הייזער.

די פיעסע און די ראלע וואס איך האב אין איר געשפילט האבן זיך מיר שטארק איינגעקריצט אין מיין מוח און אין הארצן, ווייל אין יענער צייט האט מיר אין מיין פריוואטן לעבן א גרויסער אומגליק געטראפן: מיין שעהן טעכטעריל, מיין אסתר'ל, איז קראנק געווארן אויף דיפטעריע און איז געשטארבן.

אין דעם זעלבן טאג וואס זי האט איר נשמה'לע אויסגעהויכט, האט מען איר מקבר געווען, און ביינאכט האב איך געמוזט שפילן פראפעסאר הורוויצ'ס „יפת־תואר", שפילן די ראלע פון דעם מאן, וואס גייט האבן א קינד . . . אין דער פיעסע קומט פאר, ווי מען האט דעם מאן איינגע־רעדט, אז ער האט שוין דאס קינד געבוירן און אז דאס קינד איז געשטארבן. עס קומט פאר א סצענע, וואו דער פאטער באוויינט דאס טויטע קינד. אט די סצענע האב איך געדארפט שפילן באלד נאך מיין קינדס קבורה. איך האב צוזאמענגעבראכן אויף דער בינע און מען האט געמוזט ארונטער־לאזן דעם פארהאנג אין מיטן שפילן. ווען מען האט מיך אפגעמינטערט און איך בין ווידער ארויף אויף דער בינע, האב איך שוין ניט געוואוסט וואס איך שפיל. מעכאניש האב איך נאכגעזאגט דעם סופליאר די ווער־טער, וואס ער האט ארויסגעשריען צו מיר פון זיין סופליאר־בודקע. דאס פובליקום האט עס, נאטירלעך, באמערקט, אבער מען האט מיר מוחל געווען. א שרעקלעכע פארשטעלונג איז דאס געווען. איך וועל יענעם אוונט קיינ־מאל ניט פארגעסן. . .

אסתר'ל

דר. מילטאָן טאָמאַשעווסקי (1898—1936)



הערי טאָמאַשעווסקי

טעאָדאָר הערצל טאָמאַשעווסקי

אָבער ווי זאָגט דאָס פאָלקס־ווערטל „וואָס די ערד דעקט צו, מוז פאַרגעסן ווערן“. איך האָב ווייטער געשפּילט, געלאַכט, געזונגען, געזאָגט וויצן, אַזוי ווי קיין זאַך וואָלט ניט באַטריבט מיין האַרץ.

דריי חדשים שפּעטער נאָכן אומגליק איז מיין הערשעלע (הערי) געבוירן געוואָרן. מיר האָבן דאַן אויפגעפירט הורוויץ׳עס פּיעסע „יונה הנביא“, אַ פּיעסע, וואָס האָט אויך געהאַט אַ גרויסן ערפאָלג. צוליב דעם סוקסעס פון דער נייער פּיעסע, האָב איך מיין אינגעלע אַ נאָמען געגעבן „יונה הירש“. דער „יונה“ איז פאַרגעסן געוואָרן, פּונקט ווי פּראָפעסאָר הורוויץ׳עס פּיעסע איז פאַרגעסן געוואָרן. דער נאָמען הירש איז געבליבן. דאָס איז מיין זוהן, הערי טאָמאַשעווסקי. מיין עלטסטער זוהן, הערי, איז מיט מיר די גאַנצע צייט. וואוהין איך בין געפאָרן, אין וועלכן לאַנד איך זאָל ניט זיין געווען, רוסלאַנד, פּוילן, אַרגענטינע, בראַזיל, — מיין הערילע איז מיט מיר שטענדיג. וואָס עס האָט אַלץ ניט פּאַסירט אין מיין לעבן, — מיין הערילע איז שטענדיג געבליבן ביי מיר, נעבן מיר.

דער סעזאָן אין טהאַליאַ טעאַטער האָט זיך געענדיגט. עמאַ׳ס חתונה מיט פינקלען האָט אויף מיר אַזוי שטאַרק געווירקט, אַז מיר איז ניו יאָרק פאַר׳מיאוס׳ט געוואָרן. איך האָב געוואָלט אַנטלויפן אין אַן אַנדערער שטאָט, ערגעץ ווייט, וואו איך זאָל קאָנען אַרויסרייסן פון מיין מוח די טרויעריגע געשיכטע צווישן מיין עמאַ׳ן מיט פינקלען. איך האָב זיך שוין געהאַט איינגעפּאַקט אין וועג אַריין. איך בין געווען גרייט אַוועקצופאָרן. איך האָב געזאָלט פאָרן קיין שיקאַגאָ. דאָרטן, האָב איך געגלויבט, וועל איך זיך ווידער פאַרבינדן מיט רובינשטיינען. איך האָב זיך שוין אפילו געהאַט געזעגנט מיט אַ סך פון מיינע נאָהענטע פריינד. פּלוצלינג קומט צו מיר אַריין זיגמונד פיינמאַן.

איידער איך גיי ווייטער, וויל איך דאָ זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם פיינמאַנ׳ען. ער איז דאַן געווען דער אינטעליגענטסטער צווישן אַלע אידישע שוישפּילער. ער האָט געשטאַמט פון אַ זעהר פיינער רייכער פאַמיליע אין קעשענעוו. נאָך אַלס קליין אינגל ווען איך האָב גע־זונגען אַלס משורר ביים באַרימטן חזן ניסן בעלזער אין בערדיטשעוו, האָב איך זיך באַקענט מיט זיגמונד פיינמאַן. ער איז געווען, דוכט מיר, אפשר איין יאָר עלטער פון מיר. ר׳ ניסן איז געווען געלאַדן פון פיינמאַנ׳ס פאָטער קיין קעשענעוו צו אַ באַנקעט, וואָס ער האָט געגעבן (איך ווייס ניט

פאַר וועמען). ר׳ ניסן האָט געזאָלט זינגען מיט זיין כאָר ביי דעם באַנקעט. דאָס איז געווען אַ שבת ביינאַכט. דאָרט, אויף דעם באַנקעט אין דעם שעהנעם, רייכן הויז פון פיינמאַנ׳ס עלטערן, האָט זיך אַרומגעדרייט אַ שעהן דיק אינגעלע. דאָס איז געווען זיגמונד פיינמאַן. ווען איך האָב געזונגען מיינע סאָלאָס, האָט ער מיך מקנא געווען. ער האָט אויך געוואָלט זינגען, אַז די ווייבער און די באַלעבאַטים זאָלן פון אים אַזוי אַנקוועלן, ווי פון מיר, ברוך׳ל, דער קיעווער סאָפּראַן. איך געדענק, ווי ר׳ ניסן האָט גענומען דאָס אינגעלע אויף די הענט און צו אים געזאָגט:

— דיין טאַטע זאָגט מיר, אַז דו ביזט אַ מנגן, אַז דו זינגסט זעהר שעהן.

איך געדענק אויך פיינמאַנ׳ס פאָטער. אַ הויכער, אַ שעהנער, שטאָלצער איד. דאָס עשירות איז אים געלעגן אויסגעגאָסן אויפן פּנים. ווען ר׳ ניסן האָט גערעדט צום אינגעלע, האָט דער פאָטער זיינער אים געגלעט און דערביי ווידער דערציילט ר׳ ניסנ׳ען, אַז זיין זעליג׳ל איז גאָר אַ געראָטענער בחור, אַז ער זינגט זעהר שעהן און לערנט זיך זעהר גוט ביי די מלמדים, וואָס ער האַלט פאַר אים. ער האָט דערציילט, אַז דעם קינד ציט זעהר שטאַרק צום זינגען.

— מיין זעליג׳ל איז מקנא אייערע משוררים, אָבער פאַר אַ משורר וועל איך אים ניט מאַכן. זעט איהר, ר׳ ניסן, ווען איהר זאָלט זיין חזן ביי אונז אין קעשענעוו, וואָלט איך מיט כבוד אים געלאָזט ביי אייך זינגען, אָבער איהר זענט דאָך אין בערדיטשעוו, און זעליג׳לען וועל איך פון מיין היים ניט אַוועקלאָזן.

דער קליינינקער זעליג׳ל האָט ניט געוואַגט אַריינצורייך אַ וואָרט, ווען דער טאַטע זיינער האָט גערעדט, אָבער איך האָב באַמערקט טרערן אין זיינע אויגן.

אַלזאָ, זיגמונד פיינמאַן איז שפּעטער געוואָרן אַ באַרימטער אידישער שוישפּילער און איצט איז ער צו מיר געקומען וועגן ביזנעס. ער האָט געהאַלטן פאַר מיר אַ לעקטשור:

— וואָס הייסט עפּעס, טאָמאַשעווסקי, איהר פאָרט אַוועק פון ניו יאָרק? ווי וואַגט איהר צו טאָן אַזאַ נאַרישקייט? איהר האָט אָנגעהויבן אייער קאַריערע אין ניו יאָרק? דאָ האָט ער איהר געעפענט דאָס ערשטע אידישע טעאַטער, איהר האָט געהאָלפן אַריבערברענגען אַהער די ערשטע אידישע אַרטיסטן פון לאָנדאָן, נאָך אַלס דרייצן־יאָהריגער אינגל האָט ניו יאָרק געשטורעמט מיט אייער שעהן זינגען און שפּילן, און אַצינד, ווען איהר זייט ווידער אין

ניו יאָרק און איר האָט געמאַכט אַזאַ ריזיגן ערפאָלג, — אַצינד ווילט איר אַנטלויפן?! אַנטלויפן זאָלן אַנדערע, אַנטלויפן זאָל דער, וועמען עס איז דאָ ענג, דער, ווער עס ווערט ניט אויפגענומען מיט אַזוי פיל ליבע און כבוד, דער זאָל לויפן פון ניו יאָרק, אָבער ווי קומט איר צו וועלן טאָן אַזאַ זאַך? ניו יאָרק איז אייער היים, דאָ האָט איר כבוד. איר טאָרט ניט און איר זאָלט ניט פאַרלאָזן ניו יאָרק!

ער איז אַ ווײַלע שטיל געבליבן און דאַן פאָרטגעזעצט:

— טאָמאַשעווסקי, איך בין צו אייך געקומען, אַז מיר זאָלן צוזאַמען מאַכן אַ געשעפט. איך בין געשיקט געוואָרן צו אייך פון דער גאַנצער טרופּע און אויך פון די באַלעבאַטים פון אונזער טעאַטער, אַז מיר זאָלן נעקסטן סעזאָן זיין צוזאַמען. געלט וועט אייך ניט פעלן. מיר וועלן מאַכן גרויסע ביזנעס. דער אידישער טעאַטער־עולם פאַרגעטערט אייך פשוט. אידישע ווייבלעך און מיידלעך גייען דאָך אויס פאַר אייך. אונזער פאַרפאַסער איז פּראָפעסאָר הורוויץ. ער וועט פאַר אייך אנשרייבן אַ פיעסע, מיט וועלכער איר וועט איינגעמען גאַנץ ניו יאָרק.

פיינמאַן האָט זיך אומגעקוקט און אויסגערופן?

— זע נאָר, זע נאָר, ער איז שוין איינגעפּאַקט און גרייט צום פאָרן! נאַרישער מענטש, וואָס טוט איר!

פיינמאַן האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל, פאַרקאַשערט די אַרבל און גענומען אויפבינדן די שטריק פון די קאַסטנס און אַרויסגענומען פון דאָרטן צוריק די פאַרפּאַקטע קליידער.

— איך וועל אייך ניט לאָזן פאָרן, טאָמאַשעווסקי, איר וועט זיין מיט אונז.

איך האָב אים דערציילט די אורזאַך פון מיין באַשלוס צו פאַרלאָזן ניו יאָרק.

— אייער שוועסטער און פינקעל? וואָס גייט עס אייך אָן? זיי זענען אין פילאַדעלפיע! אייגענע טאַטע־מאַמע קענען ניט העלפן ווען זייערע קינדער ווילן באַגיין נאַרישקייטן. לאַכט זיך אויס! ווי אַזוי זיי האָבן זיך אויסגעבעט, אַזוי וועלן זיי שלאָפן. איר זאָלט צעברעכן צוליב דעם אייער היים, אייער קאַריערע! ניין, ניין! דאָס איז אַ נאַרישקייט פון אייער זייט. פינקעל פאַרדינט גאָרניט אַזאַ קרבן, און אייער נאַאיווע, ניט־געהאָרכזאַמע שוועסטער פאַרדינט עס אויך ניט.

דעם זעלבן טאָג איז געווען ששון ושמחה ביי מיר אין דער היים, און די שמחה האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין. די גאַנצע קאָמפּאַני: פּיינמאַן, קארפּ, וויינבלאַט, פרידמאַן, מאַקס אבראַמאָוויטש, אבא שעהנגאָלד, רודאָלף מאַרקס, בינע אבראַמאָוויטש, מרס. קארפּ, מרס. גודינסקי, פּראָפעסאָר הורוויץ, — אַלע זענען געווען ביי אונז און מיר האָבן געשלאָסן דאָס געשעפט. איך בין אריבער אין ווינדזאָר טעאַטער אַלס פּאַרטנער אין די ביזנעס און אַלס רעזשיסער.

אויף צו מאָרגן אין דער פרי, האָבן די צייטונגען געבראַכט די נייעס: „טאָמאַשעווסקי איז איינער פון די באַלעבאַטים פון די ווינדזאָר טעאַטער פאַרן נעקסטן סעזאָן”. פּראָפעסאָר הורוויץ איז געווען אין זיבעטן הימל, וואָס איך וועל אויפפירן זיינע פּיעסען. (דוד קעסלער האָט שטאַרק ניט געהאַלטן פון פּראָפעסאָר הורוויץ'עס לייסטונגען פאַר דער בינע. ער פלעגט חוזק מאַכן פון דער שפּראַך, פון דעם אינהאַלט, כמעט פון אַלץ, וואָס פּראָפעסאָר הורוויץ האָט אָנגעשריבן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז פּראָפעסאָר הורוויץ האָט דערפאַר אויף קעסלער'ן געקוקט קרום. ווי איך האָב שוין אויבן געזאָגט, האָב איך אויך זיך שוין פאַרהאַלטן קריטיש צו זיינע זאַכן. איך בין אָבער געווען צוריקגעהאַלטן און ווייניג גערעדט וועגן הורוויץ'עס ווערק. פאַרן עולם זענען זיינע פּיעסען דאַן יעדענפאַלס געווען אַ גוטע סחורה און מען האָט מיט זיי געמאַכט גוטע געשעפטן).

די דאַמאָלסטדיגע „פּאַטריאָטן” פון אידישן טעאַטער האָבן געמאַכט גאַנצע פאַראַדן וועגן מיין איבערגיין אין ווינדזאָר טעאַטער. עס האָט זיך געקאָכט אין „פּאַטריאָטישן וועלטל”. חברה האָבן מיך באַגלייט פון ווינדזאָר טעאַטער ביז צו מאַרקיז'ס קאַפע אויף גרענד סטריט — די דאַמאָלסטדיגע „בירזשע” פון אידישע אַקטיאָרן און טעאַטער-מענטשן בכלל. די גאַס איז געווען אָנגעפולט מיט בראַוואָ-געשרייען און מיט גליקוואונשען. די פּאַטריאָטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דרויסן ביים קאַפע און פאַרטגעזעצט זייערע הורא-געשרייען פאַר טאָמאַשעווסקי'ן. אין יענער צייט זענען אַזעלכע פאַראַדן און אַזעלכע דעמאָנסטראַציעס ביי די טעאַטער-פּאַטריאָטן קיין נאָווי-נע ניט געווען. זיי האָבן שוין געפונען געוווינהייט פאַר דעם.

איך האָב געענדיגט דעם סעזאָן אין טהאַליאַ טעאַטער. אין די ערשטע זומער-מאָנאַטן פלעגן מיר, ווי דער לעזער ווייסט שוין, געבן פאָרשטעלונ-גען איבער דער פּראָווינץ. דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז עס האָבן זיך אָנגע-

הויבן די גרויסע היצן, אין דזשולײַ. דאַן פלעגן מיר זיך אומקערן צוריק אין ניו יאָרק. דאָ זענען מיר זיך פאַנאַנדערגעפאָרן, ווער אין די בערג און ווער צום ים.

איך מוז זיך דאָ אָפּשטעלן און שילדערן אַ דראַמאַטישע סצענע, וואָס האָט אייגנטלעך ניט צו טאָן דירעקט מיט מיין ביאָגראַפיע.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז מאַקס אווראַמאָוויטש געווען אַ מיט־גליד אין אונזער טרופּע. ער איז דאַן געווען קראַנק, און וועגן מיטנעמען אים צו אונזערע פאָרשטעלונגען אין קאַונטרי האָט קיין רייד ניט געקענט זיין. זיין דאָקטאָר האָט מיר ערקלערט, אַז ער מוז בלייבן אויף אַן אָרט, רוען און קורירן זיך.

איידער איך גיי ווייטער וויל איך די לעזער אַביסל באַקאַנט מאַכן מיט אָט דעם שוישפּילער. ער איז ניט געווען קיין רוסישער אָדער רומענישער איד, ווי כמעט אַלע אידישע שוישפּילער. ער האָט ניט גערעדט קיין אידיש, נאָר דייטש — ניט „דייטשמעריש״, נאָר טאַקע עכט דייטש. ער איז געווען פון אונגאַרן, און וואַרשיינלעך פון יענע טיילן, וואו אידן האָבן גערעדט דייטש און אונגאַריש. ווען איך און די אַנדערע ערשטע אימיגראַנטן פון דער גרויסער רוסיש־אידישער איינוואַנדערונג זענען געקומען אין ניו יאָרק, האָבן מיר אים דאָ געפונען אין דער ראָלע פון אַ דייטשן קופּלעטן־זינגער. ער האָט זיינע קופּלעטן געזונגען אין דעם אַטלאַנטיק גאַרדן (אַ מין ביר־האַלע און קאַפע), וועלכער איז געווען נעבן טהאַליאַ טעאַטער. דאָס טהאַליאַ טעאַטער איז דעמאָלט געווען אַ דייטשער טעאַטער (די דייטשע באַפעלקערונג פון ניו יאָרק איז געווען זעהר גרויס, און דער אַטלאַנטיק גאַרדען פלעגט מייסטנס אויך באַזוכט ווערן פון דייטשן. די צוויי פּלעצער האָבן געהערט צו דעם זעלבען באַלעבאָס, אַ דייטש).

אווראַמאָוויטש׳ס קופּלעטן, הויפּטזעכלעך לוסטיגע, וויציגע לידער, האָבן ביי דעם דייטשן עולם שטאַרק אויסגענומען און ווען עס זענען אָנגעקומען אונזערע אידישע אימיגראַנטן, פלעגן זיי אויך באַזוכן דעם אַטלאַנטיק גאַרדן, און מאַקס אווראַמאָוויטש׳ס פריילעכע קופּלעטן פלעגן זיי דערנאָך איבערזינגען צווישן זיך. אַלס קופּלעטיסט איז ער דאַן געווען זעהר פּאָפּולער. מיר האָבן אים אָבער באַטראַכט אַלס ניט־קיין אידישן אַרטיסט. אַז ער זאָל צושטיין צום אידישן טעאַטער, האָט זיך דאַן קיינעם ניט גע׳חלומ׳ט.

שפּעטער אָבער, איז ער יאָ געוואָרן אַ מיטגליד פון אונזער אידישער טעאַטער־וועלט. דאָס איז געווען הויפּטזעכלעך צוליב זיין מוזיקאַלישקייט.

די גאַנצע טאָמאַשעווסקי־משפּחה, ביי דער חתונה פון איזי טאָמאַשעווסקי

ער האט גוט געקענט מוזיק און טאקע שעהן געזונגען. אלזא, פלעגט ער זיך שוין ארײנפּאסן אין אידישע פּארשטעלונגען, הגם אידיש רעדן האט ער זיך קיין מאל ניט אויסגעלערנט.

איך בין מיט אים באפריינדעט געווארן און מיר פלעגן אָפט פאַרברענגען צוזאמען. ער האט איבערהויפּט ליב געהאט מיט מיר צו פאָרן אויף דער פּראָווינץ. איצט אָבער איז זיין מיטפאָרן מיט אונז געווען אויסגעשלאָסן צוליב זיין קראַנקן צושטאַנד. ווען איך האָב דאָס אים ערקלערט, האָט דאָס אויף אים געמאַכט אַ זעהר שווערן איינדרוק. ער איז געבליבן זיצן ווי אַ פאַרצווייפלטער, האָב איך אים געזאָגט, אַז מיר גיבן אויף דעם גאַנצן פּלאַן פון שפּילן אין קאַונטרי.

— אָ, באָריס, מיר וועלען יאָ פאָרן, — האָט ער זיך אָפּגערופן. — צוליב מיר וועסטו פאָרן. איך האָב ליב אַמאָל איבערצובייטן דאָס אָרט. עס איז גוט אַוועקצופאָרן פון ניו יאָרק, פון דעם טומל, פון דעם גערודער, פון דעם קלאַפּן פון די עלעווייטעדס, פון דעם געוויש פון די קינדערלעך אין די גאַסן, פון דעם טראַמפּלען פון די פערד מיט די עקספּרעסן (דעמאָלט זענען נאָך קיין אויטאָמאָבילן ניט געווען). יאָ, באָריס, מיר וועלן פאָרן אויף דער פּראָווינץ. דו מאַכסט דאָך שטענדיג גוטע געשעפטן איבעראַל, וואו דו קומסט נאָר.

איך האָב אים ערקלערט, אַז איך וועל אים לאָזן וויסן מיין אַנטגילטיקן באַשלוס וועגן דעם.

אַ טאָג שפּעטער האָב איך אווראַמאָוויטש'ן געלאָזט וויסן, אַז מיר וועלן באַשטימט אויף דער פּראָווינץ הײ־יאָר ניט פאָרן. אין דער אמת'ן אָבער, האָב איך שוין געהאַט אַרויסגעשיקט איבער דער פּראָווינץ אַ מענטשן, וועלכער האָט פאַרזאָרגט פאַר מיר די אַלע שטעט און שטעטלעך, וואו איך האָב געדאַרפט שפּילן. מיין מענטש האָט אומעטום אויסגעקלעפּט אַפישן מיטן נאָמען פון דער פּיעסע און אויך די נעמען פון די אַרטיסטן. דאָס אַלץ איז, נאַטירלעך, געטאָן געוואָרן בשתיקה פון אווראַמאָוויטש'ן. איך האָב אָנגעזאָגט אַלע אַרטיסטן, אַז זיי זאָלן זיך אויסהיטן מיט אַ וואָרט פאַרן קראַנקען שוישפּילער.

עס האָט זיך אָנגערוקט די צייט פון פאָרן. אווראַמאָוויטש האָט געפיהלט אַביסל בעסער, און יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך געפיהלט בעסער, איז ער צו מיר געקומען. פאַר אים האָט עס געהייסן, אַז מיר פאָרן ניט דאָס יאָר אין דער פּראָווינץ, נאָר אַז מיר וועלן פאַרברענגען אין ראָקאָוועי

ביטש, האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל קריגן פֿאַר אים אַ צימער אין זעלבן האָטעל, וואו איך וועל איינשטיין. איך האָב עס אים צוגעזאָגט. איך האָב זיך געפֿונען אין אַ גרויסער פֿאַרלעגנהייט. כ'האָב געדאַרפֿט איינפּאַקן די זאַכן און איך האָב עס ניט געקענט טאָן, ווייל מאַקס אוראַמאָוויטש פֿלעגט צו מיר אַריינקומען יעדן טאָג, האָב איך באַשלאָסן זיך איינצופּאַקן ביינאַכט, ווען ער וועט שוין שלאָפֿן, און איך וועל ניט מורא האָבן טאָמער פֿאַלט ער אַריין צו מיר אונטערוואַרטעט.

די נאַכט פֿאַרן אָפּפֿאָרן בין איך אויפֿגעשטאַנען פֿיר אַ זייגער פֿאַרטאָג און גענומען זיך פּאַקן. אַכט אַזייגער האָט די גאַנצע טרופּע געדאַרפֿט אָפּפֿאָרן קיין פֿילאַדעלפֿיע. איך שטיי און פּאַק מיינע קליידער, די דינסטן העלפֿן מיר דערביי. פּלוצלינג עפֿנט זיך די טיר און עס קומט אַריין מאַקס אוראַמאָוויטש. ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר אַ בלאַסער. ער האָט שטאַרק געציטערט. איך זע, אַז ער וויל עפּעס רעדן און קאָן ניט. איך האָב זיך דערשראָקן, אַז אָט-אָט ברעכט ער צוזאַמען. וואָס טוט מען דאָ? פֿאַרענטפֿערן זיך, אָפּלייקענען, קען איך ניט. ער זעט דאָך, אַז איך קלייב זיך אין וועג אַריין. מיין אונערוואַרטעטער גאַסט שטייט ביי דער טיר, שאָקלט טרויעריג מיטן קאָפּ און זאָגט, רעדנדיג אויף דייטש, ווי עס איז געווען זיין טבע:

— יאָ, יאָ, יאָ, זאָ איסט עס. מאַקס פֿאַרט ניכט מער ! . . . באָריס פֿאַרט אונד מאַקס בלייבט . . . .

אוראַמאָוויטש לאָזט זיך גיין מיט לאַנגזאַמע טריט, ווי אַ קראַנקער מענטש. ער קומט צו צום אָרגעל, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פֿון צימער, זעצט זיך אַוועק און נעמט שפּילן אַקאָרדן, ניט קיין מעלאָדיע, נאָר באַזונדערע טענער. איך הער זיך צו, די טענער זענען אַזעלכע האַרצ־רייסנדע, שעהנע, זיסע, טרויעריגע. איך נעם זיך ווייטער פּאַקן. אויפֿן האַרצן איז מיר זעהר אומעטיג. ווען איך בין פֿאַרטיג געוואָרן, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט נעבן מיין גאַסט און אַוועקגענומען זיין ציטעריגע האַנט פֿון די קלאַווישן פֿון אָרגעל. ער האָט אָבער פֿאָרטגעזעצט צו שפּילן מיט איין האַנט. די טענער זענען געווען די זעלבע אומעטיגע, מעלאַנכאָלישע, האַרצרייסנדע.

— מאַקס, — זאָג איך צו אים — דו ווייסט דאָך ווי ליב דו ביזט מיר, און דו ווייסט דאָך אַז איך נעם דיך יעדעס יאָר מיט ווען איך פֿאָר שפּילן אויף דער פּראָווינץ; און דו ווייסט דאָך, אַז איך זוך דאָ ניט קיין

עקאָנאָמיע. פאַרשטיי מיך, מאַקס, מיר טוט וויי דאָס האַרץ, ווען איך זע דיך אין אַזאַ צושטאַנד. דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט איצט ניט פאָרן, טאָ רו זשע זיך אָפּ אַביסל, דאָס וועט דיר גוטס טאָן. ווען דו וועסט פילן בעסער, וועסטו פאָרן דעם נעקסטן יאָר מיט אונז. רו זיך אויס אין דיין היים, דיין פרוי וועט אויף דיר אַכטונג געבן, דו וועסט זיין אונטער דער אויפזיכט פון דיין דאָקטאָר, און וועגן פרנסה זאָלסטו זיך ניט זאָרגן: איך וועל דיר יעדע וואָך צושיקן דיינע ווייזשעס. די טעלעכע וואָכן וועלן שנעל איבערלויפן, דאַן וועל איך אַהיימקומען און וועל דיר טרעפן אַ געזונטן, אַ שטאַרקן, אַ מוטיגן, אַזוי ווי שטענדיג, אַזוי ווי דאַן, ווען איך האָב דיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט, ווען דו ביזט געקומען צו מיר אין פילאַדעלפיע, ווען איך האָב דאָרט געגעבן די ערשטע אידישע פאָרשטע־לונג אין אַלעקסאַנדער קאָסט׳ס דייטשן טעאַטער.

איך האָב געזוכט אים אויפצומונטערן, אַביסל צו אַמוזירן, האָב איך אים דערמאָנט וועגן יענער פאָרשטעלונג, ווען ער איז אַרויפגעקומען צו מיר אויף דער בינע, בשעת מיין שוועסטער, דאַן נאָך אַ יונגינקע מיידעלע, האָט געזונגען פאַרן פובליקום. איך האָב אים ווייטער דערמאָנט די מפּלה, וואָס מיר, שוישפּילער, האָבן דאַן געהאַט, ווען דאָס דייטשע פובליקום האָט, נאָכן ערשטן אַקט, זיך אַרויסגערוקט פון טעאַטער און אונז, שוישפּילער, איבערגעלאָזן מיט די פיר ווענט. איך האָב אים דערמאָנט אָן אַנדערע זאַכן, זוכנדיג ביי אים אַרויסצוקריגן כאָטש אַ שמייכל, אים אַריינצוברענגען אין אַ פרעהלעכע שטימונג. מאַקס׳עס פּנים איז אָבער געבליבן שטאַר און געל אַזוי ווי פון וואַקס און קיין שפּור פון אַ שמייכל האָט זיך אויף זיינע ליפּן ניט קיין דיר געטאָן. אַ פּאָר גרויסע, שעהנע, קלוגע אויגן האָבן געקוקט אין מיינע אויגן, אין וועלכע עס האָבן זיך גענומען באַווייזן טרערן.

מאַקס שווייגט. ער רעדט ניט קיין וואָרט און ענטפערט מיר ניט מיט קיין וואָרט. לאַנגזאַם נעמט ער אַרויס זיין האַנט פון מיינער און הויבט ווידער אָן שפּילן מיטביידע הענט אויפן אָרגל. איצט שפּילט ער שוין ניט קיין אַקאָרדן, נאָר עפּעס אַ מעלאָדיע, באַגלייט מיט אַ וואונדערבאַרער האַר־מאָניע. איך פיהל, אַז אָט־אָט ווערט אין מיר דאָס האַרץ צעריסן פון וועהטאָג.

— פּליז, מאַקס, פּליז, שפּיל ניט, הער אויף! דו צעברעכסט מיין האַרץ! — בעט איך זיך ביי אים.

ער ענטפערט ניט און שפּילט ווייטער. איך זע, ווי טרערן נעמען פליסן פון זיינע אויגן און צערינען זיך איבער זיין שעהן, אָבער קראַנק פּנים. מאַקס נעמט, מורמלענדיג, זינגען אַ צווייטע מעלאָדיע, מיט אַ נייער האַר־מאָנישער באַגלייטונג. איך האָב לענגער ניט געקענט אויסהאַלטן. איך האָב געלאָזט מיין גאַסט ביים אָרגל און איינגעפּאַקט די לעצטע זאַכן, וואָס זענען מיר נויטיג געווען צו דער רייזע. ווען איך האָב פאַרשלאָסן דעם הענד־בעג און דעם קאַסטן, האָט מיך מאַקס צוגערופן צו זיך. ער האָט געהאַלטן אין שרייבן עפּעס אויף אַ בויגן נאָטן־פּאַפּיר.

— באָריס, קאָם מאַל הער!

איך בין צוגעגאַנגען.

— ביטע, — זאָגט אוראַמאָוויטש צו מיר ווייטער, — זינג מיט מיר דיזן דועט.

איך האָב געזונגען מיט אים אַ דועט. די ווערטער צו דער מעלאָדיע האָט אוראַמאָוויטש אַליין איצט אויפגעשריבן. איך דערמאָן זיך בלויז די ערשטע פיר שורות:

שיידען, שיידען,
יאַ שיידען, שיידען;
וועלכע שמערצען,
יאַ, וועלכע ליידען! . . .

ביים ענדיגן דעם דועט האָבן מיר זיך ביידע גוט אויסגעוויינט. אוראַ־מאָוויטש ווענדעט זיך צו מיר מיט די פאָלגענדע צעווייטאָגטע ווערטער:

— באָריסן ווען דו וועסט צוריקקומען פון דער פּראָווינץ, וועסטו מיך טרעפן אַ טויטן. בעט איך דיך, אַז דו זאָלסט איינשטודירן אָט דאָס קליינע נומערל מיט דיינע אַרטיסטן און מיטן כאָר, און אַלע זאָלט איר דאָס זינגען ביי מיין טויטן־בעט, און דעם גאַנצן וועג פון דער לויה, ביז צום בית־עולם, זאָל מען דאָס זינגען, און ווען איך וועל שוין ליגן אין קבר, צוגעדעקט מיט דער פייכטער ערד, זאָלט איר זיך מיט מיר געזעגענען מיט דעם לידל, וואָס איך האָב אָקאָרשט פאַרפאַסט.

נאָך אַ קורצן שטילשווייגן, זאָגט אוראַמאָוויטש ווידער צו מיר:

— באָריס, זינג מיט מיר איבער דעם דועטן

שיידען, שיידען,
יאָ, שיידען;
וועלכע שמערצען,
יאָ, וועלכע ליידען! . . . .

ווען מיר האָבן געענדיגט זינגען, איז ער אַרויפגעפאַלן אויף מיר מיט אַ געוויין און זיך געזעגנט. צוגייענדיג צו דער טיר, האָט ער נאָך אַלץ געמורמלט:

— יאָ, באָרים פאָרט אַוועק און מאַקס בלייבט. . . .

איך בין צוריקגעקומען פון דער רייזע אויף דער פּראָווינץ. עטלעכע מינוטן נאָך מיין צוריקקומען איז מאַקס אָווראַמאָוויטש געשטאָרבן.

אין דער לויה האָבן זיך באַטייליגט טויזנטער אידן. די גאַסן פון ניו יאָרק זענען געווען באַלאַגערט מיט מענטשן. מיר זענען אַלע נאָכגעגאַנגען נאָכן אָרון און געזונגען:

שיידען, שיידען,
יאָ, שיידען;
וועלכע שמערצען,
יאָ, וועלכע ליידען! . . . .

18

די אונטערוועלט - די הויפּט־באַזוכער אין אידישן טעאַטער - מעדוויעדיעוו אַלס מיין קאָנקורענט אין פֿלירט - זיין דערפֿאָלג אין קאָנצערטן - דער דורכפֿאַל אין „פּרינץ אַלעקסאַנדער" - איך ברענג די אָפּערע־פּרימאַדאָנע מעלאַני גוטמאַן - די קאַטאַסטראָפֿע מיט „ראָמעאָ און דזשוליעט".

מיר האָבן געעפֿנט דעם סעזאָן אין ווינדזאָר טעאַטער, וואו איך בין אַריבערגעגאַנגען אַלס פּאַרטנער און רעזשיסער. הורוויץ האָט ערגעץ־וואו אויסגעגראָבן אַ מעשה׳לע וועגן קאַווקאַזער אידן, האָט ער צוזאַמענגעשטוקעוועט אַ מאַכערייקע, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן „כוזרי". די אידן אין טעאַטער זענען איבערראַשט געוואָרן פֿון די אידישע טשערקעסן מיט די לאַנגע רעק, מיט די הויכע פֿוטערנע היטלען און מיט די שווערדלעך ביי די זייטן, און זיי זענען געלאָפֿן אין טעאַטער אַריין. די מיידלעך און די יונגע ווייבלעך האָבן גאָר אָנגעקוואָלן, ווען זיי האָבן מיך דערזען אַלס טשערקעס. דער קאָסטיום האָט מיר זעהר געפּאַסט. איך האָב אויסגעזען ווי אַ „פּרינץ" אָדער אַ „קעניג" פֿון די קאַווקאַזער אידן, האָבן זיי געזאָגט. די באַזוכער ביי דער קאַווקאַזער פּיעסע זענען געווען פֿינף־און־זיבעציג פּראָצענט פֿרויען, און פּונקט ווי אין טהאַליאַ טעאַטער, האָב איך ביי יעדער פֿאָרשטעלונג געקראָגן בריוולעך און קאַרטלעך פֿון דעם שעהנעם געשלעכט, — פֿון פֿרויען און מיידלעך, וואָס האָבן געזוכט מיט מיר זיך צו באַקענען פּערזענלעך. הורוויץ׳עס טשערקעסן האָבן מיר געגעבן אַ דזשאַב: נאָך יעדער פֿאָרשטעלונג בין איך געווען ביזי מיט מיינע נייע פֿאַרעהרערינס. מיט יעדער איינער האָט מען געדאַרפֿט רעדן עטלעכע ווערטער, אויסהערן קאָמפּלימענטן און אַזוי ווייטער און ווייטער.

צו יענער צײַט האָבן נאָך עקזיסטירט די פּרעהלעכע הײזלעך אויף עלען סטריט, פּאָרסאַיט סטריט און קריסטי סטריט. יענע סטריטען, הויפּטזעכלעך עלען סטריט, זענען געװען פֿול מיט שאַנד־הײזלעך. די פּערזאָנען פֿון אָט די הײזער זענען געװען די בעסטע באַזוכער אין אַלע אידישע טעאַטערס.

אָבער צו „כוזרי״ זענען זײ געלאָפֿן מער װי צו אַלע אַנדערע פּיעסן. די סיטס פֿון די ערשטע עטלעכע רײהען זענען אין פֿאַרלויף פֿון דער װאָך געװאָרן אויספֿאַרקויפֿט צו אָט די קאָסטאָמער; די באַקסעס זענען אויך בײ יעדער פֿאָרשטעלונג געװען פֿאַרנומען פֿון יענע פֿרויען. זײ פֿלעגן קומען צוזאַמען מיט זײערע באַלעבאַטים און באַלעבאָסטעס און מיט זײערע „חתנים״.

די „חתנים״ פֿלעגן זיך אויספּוצן אין פֿול־דרעס און זײערע „כלות״ זענען געװען אָנגעטאָן אין באָל־קלײדער. אָט זײ האָבן דאָס פֿאַרנומען די באַקסעס. און אַז אין טעאַטער פֿלעגט קומען אַ פֿרעמדער מענטש און ניט געװאוסט װער עס זענען די, װאָס פֿאַרנעמען אַלע באַקסעס, האָט ער געמײנט, אַז דאָס זענען אַריסטאָקראַטן. די ערלעכע, די אנשטענדיגע טעאַטער־גײער האָבן קײן מאָל ניט געקענט בײ דער קאַסע קריגן אַ סיט אין די ערשטע רײען, װעגן די באַקסעס איז שױן אָפּגערעדט. בײ יעדן טעאַטער האָט זיך געפֿונען אַ בחור'ל, װאָס איז געװען באַקאַנט מיט די אונטערװעלט־מענטשן. אָט דער בחור'ל פֿלעגט אויספֿאַרקויפֿן אַלע בילעטן פֿון די באַקסעס און פֿון די ערשטע רײען און זײ פֿאַרקויפֿט, פֿאַר העכערע פּרײזן, נאַטירלעך, צו די „חתנים״, „כלות״ און „מחותנים״. בײ מיר אין טעאַטער האָט זיך אויך געפֿונען אַזאַ פֿאַרשױן. ער האָט געמאַכט אַ סך געלט, אין זײנע קעשענעס האָבן זיך שטענדיג אַרומגעװאַלגערט פֿופֿציג־דאָלאַר בילס און אפילו הונ־דערט־דאָלאַרדיגע. ער איז געװען אַ גאַנצער קעניג אין זײן „פֿאַך״. װען איך האָב זיך דערװאוסט פֿון זײנע מעשים, האָב איך אים געמאַכט פֿאַר אויס קעניג. ער האָט מיר אָנגעבאָטן צו געבן יעדע װאָך אַ הונדערטער, אַז איך זאָל אים ניט אַרױסװאַרפֿן פֿון טעאַטער. איך האָב זײן פֿאָרשלאַג מיט עקל אָפּגעװאָרפֿן און אים פֿאַרטריבן פֿון מײן טעאַטער.

פֿאַרבײגײענדיג: די פּרעסע האָט אָנגעהויבן אַ שטאַרקע באַװעגונג צו פֿאַרטרײבן די הײזלעך פֿון דער איסט סאַיד. כ'דערמאָן זיך, אז אב. קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פֿון „פֿאָרװערטס״, האָט אין „פֿאָרװערטס״ אָנגעפֿירט אַן ענערגישן קאַמף געגן דער הערשאַפֿט פֿון דער חברה, װאָס האָבן געהאַלטן די אומאנשטענדיגע הײזער, און פֿון זײערע „קאַדעטן״, װעלכע ער האָט גערופֿן

„די נייע מגפה״. ער האָט אַפּעלירט צו אַלע רעכט־דענקענדע מענטשן אין אידישן קוואַרטאַל, אַז מען זאָל די „מגפה״ פאַרטרייבן, און דער קאַמף האָט געבראַכט דעם געווינשטן ערפאָלג. די פּאָליציי האָט אַלע הייזלעך אויף דער איסט סאַיד פאַרמאַכט און די „כלות״ מיט זייערע „חתנים״ און זייערע „מחותנים״ פאַרטריבן. דאָס אידישע טעאַטער האָט פון דעם אַ קורצע צייט געליטן מאַטעריעל, און מיין טעאַטער מער ווי די אַנדערע, אָבער עס האָט ניט געגומען לאַנג, און פיינע אַנשטענדיגע מענטשן האָבן פאַרנומען די ערשטע פּלעצער, אויך די לאָזשעס אין אידישן טעאַטער. איך האָב געדאַנקט גאָט, וואָס איך בין פּטור געוואָרן פון מיינע פריערדיגע באַזוכער. די אַרויסגעטריבענע אונטערוועלט־מענטשן האָבן זיך דאַן פאַרשפּרייט איבער דער פּראָווינץ. ווען איך פלעג זומער־צייט געבן פאַרשטעלונגען אין פאַרשידענע שטעט, האָב איך זיי געזען, די ניו יאָרקער קאָסטאָמער, די „כלות״ און זייערע „חתנים״, אין די ערשטע רייען אין טעאַטער.

עס האָט שוין געהאַלטן ביים שלום סעזאָן. עס זענען אינגאַנצן נאָך געבליבן בלויז עטלעכע וואָכן צו שפּילן. מיר האָבן אַלע געפיהלט, אַז די ביזנעס וועט שוואַכער. עס האָבן געפעלט די בירגער פון דער אונטערוועלט, וועלכע זאָלן אויספאַרקויפן די בעסטע סיטס, האָב איך גענומען רעדן מיט מיינע פּאַרטנערס, אַז מען דאַרף זען עפּעס טאָן, אַז מען מוז ברענגען נייע קרעפטן פון אייראָפּע, אַריינצוברענגען ניי לעבן אין טעאַטער. אין מיינע טענות מיט מיינע פּאַרטנערס האָבן איך אָנגעוויזן, אַז דאָס מענשלעכע אויג וויל שטענדיג זען נייע פּנים׳ער, נייע אַרטיסטן, אַ נייעם ליבהאָבער, אַ נייעם קאָמיקער, אַ נייע פּרימאַדאָנע.

מאָגולעסקאָ, דער באַרימטער קאָמיקער, האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט, צוהערנדיג זיך צו מיינע רייד. ער האָט פאַר קאָנקורענץ קיין מורא ניט געהאַט. ער איז געווען ביי זיך זיכער, אַז אין גאַנץ אייראָפּע איז ניטאָ נאָך אַזאַ איינער ווי ער. דער ליבהאָבער בין איך געווען, און איך האָב געוואוסט, אַז אַזאַ בחור׳ל, אַזאַ ליבהאָבער, ווי איך, איז אויך שווער צו געפינען, אַלזאָ, האָב איך אויך פאַר קיין קאָנקורענץ ניט מורא געהאַט, יעדנפאַלס ניט ביים אידישן טעאַטער. אויף יענער זייט ים, האָב איך געגלויבט, ביים רוסישן און ביים דייטשן טעאַטער, זענען זיכער דאָ מענטשן, וועמען צו ברענגען אהער אַלס „אַטרעקשאָנס״.

איך האָב געהערט וועגן אַ געוויסן מעדוועדיעוו, אַ גרויסער קראַסאַוועץ און אַ באַרימטער טענאָר, — אַ קיעווער איד, — האָב איך, אַזוי גלאַט אין

דער וועלט אריין, א זאָג געטאָן צו מיינע פּאַרטנערס: „איך וועל פאָרן קיין רוסלאַנד און ברענגען מעדוועדיעוו׳ן קיין ניו יאָרק פאַר אונזער טעאַטער״. חברה האָבן זיך אויסגעלאַכט. זיי, מיינע פּאַרטנערס, האָבן געוואוסט ווי באַרימט ער איז, וואָס פאַר א גרויסע שטעלע ער פאַרנעמט אין רוסלאַנד, אין דער רוסישער אָפּערע.

— טאָמאַשעווסקי׳ן איז א משוגעת אריינגעפאַלן אין קאָפּ. מעדוויע־דעוו׳ן וויל ער אהער ברענגען אין אונזער טעאַטער אריין! — האָבן זיי געזאָגט מיט חוזק.

איך האָב אויך גערעדט וועגן אראָפּברענגען א פּרימאַדאָנע פון איי־ראָפּע. ווען סאָפיע קאַרפּ האָט דאָס דערהערט, איז זי געוואָרן אָן אַנגע־צונדענע. פון כעס האָט זי אויפגעהערט צו רעדן צו מיר. יעדעס מאָל וואָס זי פלעגט מיך באַגעגענען, האָט זי געקוקט אויף מיר בייז, אָבער סאָפיע האָט לאַנג ניט געקענט אָנהאַלטן איר כעס אויף מיר. א געוויסן טאָג, ביי פּראָבע, זאָגט זיך צו מיר, אַז זי האָט מיט מיר וועגן זעהר וויכטיגעס צו רעדן. איך האָב באַשטימט א געוויסן פּלאַץ, וואו מיר זאָלן זיך זען. ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט, האָט סאָפיע געוויינט און געלאַכט האַלב היסטעריש און מיך געבעטן, איך זאָל קיין אַנדערע פּרימאַדאָנע נישט ברענגען. זי האָט ניט קיין מורא פאַר קיין קאָנקורענטין, האָט זי געזאָגט. די נייע פּרימאַדאָנע וועט ניט זינגען שענער, אָדער שפּילן בעסער פון איר. זי האָט אָבער מורא, האָט זי מיט שפּאַס געזאָגט, אַז איך וועל זיך פאַרליבן אין דער נייער פּרימאַדאָנע, און דאָס וויל זי ניט. לאַכנדיג האָב איך איר געמוזט צוזאָגן, אַז איך וועל זיך אין קיינער ניט פאַרליבן. מיר זענען צוריק שלום געוואָרן. מיר האָבן דאַן גאַנץ שעהן פאַרבראַכט.

עס איז ביי אונז אָלעמען באַשלאָסן געוואָרן צו ברענגען מעדוויעדיעוו׳ן, דעם באַרימטן טענאָר, און ניט קיין פּרימאַדאָנע. די שעהנע סאָפיע קאַרפּ האָט שטענדיג מיט איר זיסן שמייכל אויסגעפירט אַלץ וואָס זי האָט נאָר געוואָלט. איך האָב אָנגעהויבן ארבעטן דורך פאַרשידענע באַקאַנטע, וועלכע האָבן זיך געקענט מיט מעדוויעדעוו׳ס פריינד אין אַמעריקע. עס האָט זיך אָנגעהויבן א קאָרעספּאָנדענץ מיט אים. עס זענען געפלויגן בריוו און טע־לעגראַמען פון ניו יאָרק קיין קיעוו און פון קיעוו קיין ניו יאָרק. מעדוויעדעוו האָט צו יענער צייט געזונגען אין קיעווער אָפּערע־הויז. ער האָט דאָרט אויך געהאַט אָן אייגענע שולע, וואו ער האָט צוגעגרייט זינגער צו דער אָפּערע.

מעדוויעדעוו איז ענדלעך אָנגעקומען קיין ניו יאָרק. ביי דער שיף איז געווען אַ גרויסער עולם רוסישע אידן, וועלכע האָבן מעדוויעדעוו'ן געהערט זינגען אין רוסלאַנד. זיי האָבן אים אָפּגעגעבן אַ סך כבוד. זיי האָבן דעם גאַסט אויפגענומען מיט בלומען און מיט מתנות. מיר האָבן אַלע געמאַכט גרויסע אָוואַציעס פאַרן אידישן אָפּערע־זינגער. אין אָוונט האָב איך אים פון דער בינע פון ווינדזאָר טעאַטער פאָרגעשטעלט פאַרן עולם. מיר האָבן באַשלאָסן, צוזאַמען מיט מעדוויעדעוו'ן, אַז ער זאָל אויפטרעטן ניט אין אַ אידישער אָפּערעטע, נאָר אין אַ קאָנצערט, אַז ער זאָל זינגען אַריעס פון באַרימטע אָפּערעס. דער גאַסט דערציילט אונז, אַז ער האָט אַ גרויסן רעפּערטואַר פון מאַלאָרוסישע פאָלקס־לידער. מיר האָבן אַנאָנסירט, אַז דער באַרימטער מעדוויעדעוו וועט אויפטרעטן אין אונזער טעאַטער פרייטאָג, שבת און זונטאָג מיט אַ קאָנצערט, וואָס וועט באַשטיין פון צוויי טיילן. דאָס פּראָגראַם פון ערשטן טייל וועט אַנטהאַלטן מאַלאָרוסישע פאָלקס־לידער, און אין צווייטן טייל וועט ער זינגען אַריעס פון באַרימטע אָפּערעס. מיר האָבן פאַרדאָפּלט די פּרייזן פון די בילעטן. צו יענער צייט איז דאָס געווען אַ געוואַגטער שריט. אַ גאַלערי־טיקעט האָט געקאָסט אַ דאָלער; אַ באַלקאָני־טיקעט — דריי דאָלער; די ערשטע צוויי רייען אין אָרקעסטער — דריי, פיר און פינף דאָלער אַ סיט. אין די באַקסעס — אַכט דאָלער אַ סיט.

דאָס טעאַטער איז צו דער ערשטער פאָרשטעלונג געווען אינגאַנצן אויספאַרקויפט. די גאַנצע רוסיש־רעדנדע קאָלאָניע פון ניו יאָרק, — אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, רייכע סוחרים — זענען געווען ביים קאָנצערט. עס זענען אויך געקומען רוסישע אידן פון די אַרומיגע שטעט און שטעטלעך.

די אַקטיאָרן האָבן זיך געשושקעט: „טאָמאַשעווסקי וועט איצט ווערן אויס יחסן; מעדוויעדעוו איז שענער פון אים". פרויען, וועלכע האָבן געקענט אָדער געהערט פון מעדוויעדעוו'ן, זייענדיג נאָך אין רוסלאַנד, זענען געקומען מיט אָפּערע־גלעזער.

ווען דער קאָנצערט האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן, בין איך אַרויף אויף דער בינע פאַרן פאָרהאַנג און געהאַלטן אַ רעדע וועגן מעדוויעדעוו'ן. דאָס פּובליקום האָט שטאַרק אַפּלאָדירט יעדעס מאָל וואָס איך האָב אַרויסגערעדט דעם נאָמען פון דעם גאַסט. קיין אָרקעסטער האָט ניט געשפּילט. אויף דעם פּלאַץ, וואו עס זיצן די מוזיקאַנטן, האָב איך אויסגעשטעלט שטולן

און אידן האָבן געצאָלט צו צען דאָלער אַ סיט דאָרטן. מעדוויעדעוו איז באַגלייט געוואָרן פון אַ פּיאַנאָ.

איך קאָן זיך ניט אונטערנעמען צו שילדערן וואָס עס האָט זיך אָפּגע־טאָן אין טעאַטער ווען מעדוויעדעוו האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע. דאָס פּובליקום איז איינפאַך ווילד געוואָרן פון באַגייסטערונג. פּרויען האָבן זיך אַרויפגעשטעלט פון זייערע פּלעצער און געפּאַכעט מיט הענדקערטשיפס און געשריען: „הוראַן דאַ זדראַווסטוואויעט מעדוויעדעוו (עס לעבע מעד־וויעדעוו). אפשר צען מינוטן האָט די אָוואַציע אָנגעהאַלטן. מעדוויעדעוו האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין פאַרנייגן.

ער איז ווירקליך געווען זעהר אַ שעהנער מאַן, אַן אויסערגעוויינליך שעהנער, מיט אַ הויכער, שטאָלצער, וואונדערבאַר בויגזאַמער פיגור, מיט אַ גרויסן קאָפּ שווארצע האָר, אַן אויסגעטאָקט געזיכט, שווארצע בליסטשענדע אויגן. ווען ער פלעגט שמייכלען, האָבן זיך באַוויזן ווייסע פּערלדיגע ציין, און געהאַלטן האָט ער זיך מיט אַ מערקווירדיגער ווירדע, ווי אַ מענטש, וואָס איז געוואוינט צו באַגייסטערטע אָוואַציעס. ער איז ערשינען אויף דער בינע אין אַ פראַק מיט ווייסע הענטשקעס. אונזערע אַקטיאָרן און אַקטריסעס זענען ניט ווייניגער באַגייסטערט געוואָרן ווי דאָס פּובליקום אין טעאַטער. אַ סך פון זיי האָבן צו מיר געזאָגט: „טאָמאַשעווסקי, איר מעגט זיך שוין באַהאַלטן: מעדוויעדעוו איז שענער פון אייך“. סאָפיע קאַרפּ, וועלכע האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן נעבן מיר, האָט מיך געטרייסט: „עס איז ניט אמת, מעדוויעדעוו איז ניט שענער פון דיר, באָריס. האָסט גאָר־ניט וואָס מורא צו האָבן פאַר אים. נאָך אַ טאָמאַשעווסקי וועלן מיר ניט האָבן, יעדנפאַלס ניט אזוי גיך“.

דאָס פּובליקום איז ענדליך שטיל געוואָרן און דער קאָנצערט האָט זיך אָנגעהויבן. מעדוויעדעוו האָט געזונגען מאַלאָרוסישע פאָלקס־לידער, און רוסישע לאַנדסלייט האָבן צעטראָגן דאָס טעאַטער פון באַגייסטערונג. מען האָט אים באַוואָרפן מיט בלומען. מען האָט אים אָהן אַ שיעור מאָל אַרויסגערופן. דער פאָרהאַנג האָט זיך געהאַלטן אין איין אַרויפהויבן און אַרונטערלאָזן.

מעדוויעדעוו׳ס דרעסינג־רום איז געווען געפּאַקט מיט זיינע פאַרעהרער. פרויען האָבן אים געקושט, מענער האָבן אים געצערטלט.

אין צווייטן טייל פון פּראָגראַם האָט מעדוויעדעוו געזונגען אַן אַריע פון דער באַרימטער אָפּערע „האַלקאַ“, זעהר שעהנע מוזיק, אָבער זיין שטימע

האָט שוין נישט געקאָנט דערגרייכן די אויבערשטע טענער. דער פּאַלצעט איז אויך ביי אים געווען זעהר שוואַך און ניט ריין געזונג. די טענער האָבן זיך געריסן און מאַנכע טענער האָט ער איינגאַנצן אויסגעלאָזט. דאָס האָט פּשוט געהייסן, אַז מעדוויעדעוו קאָן מער ניט זינגען קיין אָפּערע, זיין שטימע האָט פאַרלאָרן איר אַמאָליגע קראַפט. ער האָט אָבער געזונגען מיט אַ מערקווירדיגען געשמאַק, מיט אַן אומבאַשרייבלעכן חן און געפיהל. עס איז געווען פאַרשטענדלעך פאַר וואָס ער האָט אַזוי באַצויבערט די אָפּערע-גייער פון רוסלאַנד, קריסטן אַזוי גוט ווי אידן.

מעדוויעדיעוו'ס קומען אין ניו יאָרק האָט אריינגעבראַכט אַ ניי לעבן אין אידישן טעאַטער. ער איז טאַקע געווען אַ דורכפאַל מיט זיינע אַריעס פון אָפּערע, וואָס ער האָט געזונגען, אָבער קיין בושה האָט ער דערפון ניט געליטן. זיינע היגע פאַרעהרער, וועלכע האָבן אים געהערט זינגען, זייענדיג נאָך אין רוסלאַנד, האָבן אים שטאַרק אַפּלאָדירט און אים אַרויסגעוויזן פיל ליבע.

נאָכן ערשטן קאָנצערט האָב איך מעדוויעדיעוו'ן גענומען אין אונזער טעאַטער-קאַפע אויף גרענד סטריט. דאָרטן האָב איך אים פאַרגעשטעלט פאַר אַלע אידישע אַקטיאָרן, און זיי האָבן דעם גאַסט אויפגענומען מיט גרויס כבוד.

מעדוויעדיעוו איז געווען אַ זון פון אַ אידישן סוחר פון שוואַרץ-טומאה (ביעלאַ-צערקאָוו), האָט ער זיך געפונען צווישן אייגענע מענטשן, און ער האָט זיך באַצויגן צו יעדן איינעם מעשה גוטער ברודער.

זיינע ווייטערדיגע קאָנצערטן אָבער האָבן קיין פינאַנציעלן ערפאָלג ניט געהאַט. דער עולם האָט אָנגעהויבן קומען אַלץ ווייניגער. די אידישע מאַסן צו יענער צייט זענען נאָך ניט געווען צוגעוואוינט צו קאָנצערטן. אידן זענען געקומען צו מעדוויעדיעוו'ס קאָנצערטן די ערשטע טעג, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז ער וועט אויפטרעטן אין אַ פּיעסע. אויף רוסישע לידלעך זענען אידן קיין שטאַרקע בעלנים ניט געווען, און דערצו נאָך אָהן אַן אָרקעסטער, נאַר מיט פּיאַנאָ-באַגלייטונג. פיל פון עולם זענען אַוועק פון טעאַטער אומצופרידן.

איך האָב זיך מיט מעדוויעדיעוו'ן זעהר נאָהענט באַפריינדעט. מיר פלעגן אַרומגיין צוזאַמען. ער האָט אָפט פאַרבראַכט ביי מיר אין הויז. איך האָב אים אַרומגעפירט איבער אַלע מיוזיק-האָלס, איבער אַלע טעאַטערס, אפילו אין מאַינער'ס בורלעסק טעאַטער אויף דער באָוערי האָב איך אים

געבראַכט. מעדוויעדיעוו׳ן איז אַמעריקע שטאַרק געפעלן געוועזן. איבער־הויפּט איז אים געפעלן דאָס, וואָס מען דאַרף זיך ניט האַלטן אין איין בויגן און נייגן פאַר נאַטשאַלסטווא. כאָטש מעדוויעדיעוו איז געווען שטאַרק באַליבט אין גאַנץ רוסלאַנד און ער האָט דאָרטן געהאַט אַ סך כבוד, אפילו ביי די רוסישע גדולים, האָט אים אָבער אַמעריקע בעסער געשמעקט, ער איז געווען באַגייסטערט פאַר אירע דעמאָקראַטישע פירונגען.

איך האָב געטאָן אַלץ מעגלעכעס, אַז מעדוויעדיעוו׳ס באַזוך אין אַמע־ריקע זאָל זיין אַ סוקסעס. אַ געוויסן טאָג, זיצנדיג ביי מיר אין הויז ביי אַ גלעזל טיי, פרעגט מיך דער באַרימטער אָפּערע־זינגער, וואָס עס וועט ווייטער זיין. קאָנצערטן, זעט ער איין, זענען ניט קיין ערפאָלג, און אין אידישע פיעסען האָט ער קיינמאָל ניט געשפּילט, און קיין אידישע אָפּערעס זענען דאָך ניטאָ. ווען מען זאָל שוין אפילו איבערזעצן אויף אידיש אַ לייכטע אָפּערע — האָבן מיר ווידער ניט אין אידישן טעאַטער קיין אָפּערע־אַרטיסטן. מעדוויעדיעוו איז געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן דעם. איך פרעג ביי מעדוויעדיעוו׳ן צי ער האָט שוין געזען ביי אונז אין טעאַטער די אידישע אָפּערעטע „אַלעקסאַנדער“.

— יאָ, איך האָב זי געזען, אָבער ניט אינגאַנצן, — ענטפערט מיין גאַסט. — איך בין געקומען אין מיטן פון צווייטן אַקט. די מוזיק איז ניט שלעכט, חזנ׳ישע מוזיק, אָבער זעהר פיין צוזאַמענגעשטעלט.

— מאָרגן שפּיל איך „אַלעקסאַנדער“, — ערקלער איך אים. — בעט איך אייך, קומט און זעט די גאַנצע אָפּערעטע. דער ערשטער אַקט אַנט־האַלט גאַנץ שעהנע מוזיק, אמת, צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשידענע מעלאָ־דיעס און פון קאָמפּאָזיציעס פון חזנים, ווי ניסן בעלזער, ירוחם הקטן, וועלוועלע שעסטאָפּאָלער, ניסן בלומענטאַל, אָבער דעם עולם געפעלט עס זעהר שטאַרק.

און איך ערקלער אים, אַז אויב ער וועט וועלן, קען ער אויפטרעטן אין „אַלעקסאַנדער“.

— איך וועל מיט אייך איינשטודירן די אָפּערעטע און וועל אייך אי־בערגעבן אַלע „סודות“, — זאָג איך צו מיין גאַסט.

מעדוויעדיעוו האָט געשמייכלט און מיר געדאַנקט. ער האָט מיר ער־קלערט, אַז הגם ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געשפּילט אין קיין אָפּערעטע, וואָלט ער אָבער אין אַזאַ שטיק אויפגעטראָטן.

אין פלוג האָב איך געמיינט, אַז מעדוויעדיעוו האָט זיך באַליידיגט, ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל אים איבערגעבן אַלע „סודות". איך האָב זיך אָבער באַלד איבערצייגט פון זיין ענטפער, אַז ער מיינט עס גאַנץ ערנסט. איך האָב אים איבערגעגעבן די ראָלע פון „אַלעקסאַנדער" און אויך די מוזיק וואָס ער דאַרף דאָרטן זינגען. ער האָט ביי מיר ניט געבעטן, איך זאָל אים ערקלערן די „סודות", און איך האָב ביי אים ניט געפרעגט וואָס ער גייט טאָן מיט דער ראָלע. איך האָב בלויז געוואוסט, אַז ער שטודירט גאַנץ ערנסט די ראָלע פון „אַלעקסאַנדער".

עטלעכע טעג שפּעטער קומט מעדוויעדיעוו צו מיר אין טעאַטער אַריין. ער זאָגט מיר, אַז ער איז פאַרטיג מיט „אַלעקסאַנדער". ער קען שוין דעם טעקסט און די מוזיק און ער וויל אָנהויבן מאַכן פּראָבע. איך האָב באַלד באַשטעלט דעם אָרקעסטער און די אַקטיאָרן צו קומען אַ געוויסן טאָג צו פּראָבע פון „אַלעקסאַנדער", בלויז איין מיטגליד פון מיינע שוישפּילער האָט זיך שטאַרק געערגערט פאַר וואָס איך לאָז אַן אַנדערן שפּילן די ראָלע פון „אַלעקסאַנדער". דאָס איז געווען סאָפיע קאַרפּ. זי וויל ניט האָבן קיין נייעם „אַלעקסאַנדער", האָט זי געזאָגט, דער אַלטער „אַלעקסאַנדער" איז זעהר גוט און עס קען ניט זיין קיין בעסערער.

אַרום מעדוויעדיעוו'ן האָבן זיך גענומען קלייבן ווייבלעך און מיידלעך. מאַנכע פון זיי פלעגן זיך גיסן פּאַרפיום אין די בוזימס און אין די זאָקן. דאָס האָבן אויך געטאָן מאַנכע אַקטריסעס. דאָס איז חלילה ניט קיין בלבול אויף דעם שעהנעם געשלעכט און אויך ניט אויף מיינע אַמאָליגע קאָלעגינס, די שוישפּילערינס. איך האָב דאָס אַליין געזען. איך האָב אַמאָל געפרעגט ביי אַ דאַמע, מיט וועלכער איך בין געווען זעהר נאָהענט באַקאַנט, פאַרוואָס זי גיסט עפּעס פּאַרפיום אין די זאָקן. מילא אין בוזים, האָב איך געזאָגט, קען איך נאָך פאַרשטיין, אָבער אין די זאָקן! . . .

זי האָט זיך שטאַרק פאַרשעמט, ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן און איז אַרויסגעלאָפן אַ בייזע. איך דערצייל דאָ דעם פאַקט וועגן דעם פּאַרפיום אין די זאָקן, ווייל דאָס האָט אַ שטיקל שייכות צו דער פּראָבע וואָס מעדוויעדיעוו האָט געמאַכט אויף „אַלעקסאַנדער".

אַלזאָ, מעדוויעדיעוו מאַכט די פּראָבע פון דער מוזיק. צוליב דעם גרויסן גאַסט האָב איך פאַרגרעסערט דעם אָרקעסטער. אַנשטאָט צוועלף מוזיקער, האָב איך באַשטעלט פיר־און־צוואַנציג. מעדוויעדיעוו האָט גע־

BELASCO THEATRE

FORTY-FOURTH STREET, NEAR BROADWAY

NEW YORK CITY

Under the Sole Management of

DAVID BELASCO

March 24, 1915.

My dear Comrade;-

I would have written to you before about your splendid production that I had the pleasure of seeing last week, but I have been over-burdened with work so that my correspondence has been neglected. It gave me the utmost pleasure to see you and your splendid, enthusiastic audience. Your performance of the old coal and wood dealer in "The Green Millionaire" has virtually haunted me ever since. It was a truly great bit of characterization, so true to life, so human, so full of pathos and humor and the thousand-and-one little touches you gave made it stand out a living, breathing character. How few actors we have in the world who could give such a performance. Your entire company did great work too - what we call team work. I only wish our English - speaking companies could do as well. I was glad to see the house crowded and if you turn them away nightly, you will be doing no more business than you deserve.

As a Jew I was proud to be there and to see such a gathering of intelligent, enthusiastic people, all of whom were so thoroughly alive to the cleverness of the acting. It is a pleasure and privilege to know that there is such an institution as yours, headed and made up of Hebrews and supported by Hebrew patronage.

With warmest congratulations and the most sincere good wishes for a continuation of your success, I am

Faithfully,

David Belasco

(דאָס איז אַ דאַנק־בריוו, וואָס דער באַקאַנטער טעאַטער־רעזשיסער און שוישפּילער
דוד בעלאַסקאָ האָט צוגעשיקט אין 1915 צו באָריס טאָמאַשעווסקי׳ן נאָך זיין
באַזוכן די אויפירונג פון דער קאָמעדיע „דער גרינער מיליאָנער“)

זונגען די לידער פון דער אָפּערעטע גרויסאַרטיג, אַזוי ווי ער האָט געקענט. די מענער־אַרטיסטן האָבן דעם זינגער געדריקט די הענט און די שווישפּי־לערינס, מאַנכע פון וועלכע עס האָבן געברויכט פּאַרפיום אין די זאָקן, זענען אים באַפאַלן ווי הייזשעריקן און געקושט. די קושן זענען געווען באַגלייט פון דעם שטאַרקן ריח פון דעם פּאַרפיום, וואָס זיי האָבן אָנגעגאָסן אין בוזים און אין די זאָקן. אויך איך, וועלכער בין געווען אָנערקענט אַלס דער שעהנער פּרינץ אַלעקסאַנדער, האָב מעדוויעדיעוו'ן אויסגעדריקט מיין באַגייסטערונג. איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז ער וועט זיכער מאַכן דעם גרעסטן ערפאָלג.

פון זיין זינגען זענען אַלע געווען העכסט צופרידן. אָבער ווען מיר האָבן אָנגעהויבן די פּראָבע פון דער פּראָזע, — דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע צרה. אידיש האָט מעדוויעדיעוו גערעדט מיט אַ גוי'ישן אַקצענט. די ראָלע פון „אַלעקסאַנדער" איז ניט געווען קיין גרויסע, אָבער מען האָט געדאַרפט זיין אַן ערפאַהרענער שווישפּילער כדי זי דורכצופירן. איך האָב ערקלערט מיינע שווישפּילער, אַז מיר וועלן די פּראָבע אָפּלייגן אויף אַ צוויי־דריי טעג שפּעטער. חברה האָט פאַרשטאַנען פאַרוואָס איך האָב דאָס געטאָן.

איך האָב אָפּגעמאַכט מיט מעדוויעדיעוו'ן, אַז ער זאָל קומען איינער אַליין צו מיר און איך וועל מיט אים איינשטודירן די ראָלע. ווען איך האָב אים אָנגעהויבן ערקלערן וואָס ער דאַרף טאָן, אַז ער זאָל אַרויסברענגען די ראָלע פון „אַלעקסאַנדער", האָב איך געפיהלט, אַז ער האָט זיך געפונען באַליידיגט.

— מיר פעלט בלויז אַביסל דאָס אידיש רעדן. נו, וועל איך זיך אַביסל פּלאַגען און זיך אויסלערנען. ווען איך וועל קומען צו דער נעקסטער פּראָבע, וועל איך זיין אַלרייט.

צוויי טעג שפּעטער האָבן מיר ווידער געמאַכט פּראָבע פון „אַלעקסאַנ־דער". ווי געזאָגט, געזונגען האָט מעדוויעדיעוו זעהר פיין, כאָטש די אונ־טערשטע אָקטאַווע איז שוין ביי אים געווען אָפּגעשוואַכט. זיין שטימע האָט זיך אָנגעהויבן פון דער מיטלסטער „דאָ" ביז דער אויבערשטער „סאָל". אין די טענער האָט זיין שטימע געקלונגען שעהן, הגם שוואַך, אָבער ער איז פאָרט געווען אַ גרויסער זינגער און ער האָט געוואוסט ווי אַזוי צו געברויכן זיין שטימע. ער האָט ניט געדאַרפט זיך באַנוצן מיט אידישע דריידלעך, מיט וועלכע איך פלעג זיך באַנוצן ביים שפּילן די זעלבע ראָלע.

ווען עס איז געקומען צו דער פּראָזע, איז ווידער געווען שרעקלעך. זיין אי־דיש רעדן איז געווען נאָך ערגער ווי דאָס ערשטע מאָל, אָבער די ראָלע האָט ער געקענט אויסווייניק. ער האָט ניט אַרויסגעבראַכט די שטעלונגען, די איבערגאַנגען, די פריידן, די ליידן, די איבערראַשונגען און איבערלעבונ־גען. זאָגן אים וועגן דעם, האָב איך שוין ניט געקענט, איך האָב ניט געוואָלט ער זאָל זיך פיהלן באַליידיגט. עס איז אָבער געווען זעהר ניט גוט. וואָס טוט מען דאָ? אָבער לאַנג צו טראַכטן איז קיין צייט ניט געווען. די צווייטע פּראָבע איז געמאַכט געוואָרן דאָנערשטאָג, און פרייטאָג ביינאַכט, דאָס הייסט אויף מאָרגן, דאַרף ער שוין אָנהייבן שפּילן.

אויף צו מאָרגנס, דעם טאָג פון שפּילן, איז געמאַכט געוואָרן די לעצטע פּראָבע. איך האָב מעדוויעדיעוו׳ן ניט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף זיין שפּילן. ער האָט גערעדט און געהאַנדלט ווי אַזוי ער האָט אַליין געוואָלט. שוישפּילער האָבן מיר געשושקעט אין אויער: „טאָמאַשעווסקי, פאַרוואָס דערלאָזט איר דאָס? לענט אָפּ זיין אויפטרעטן אויף נאָך אַ וואָך". איך האָב קיינעם ניט געפאָלגט און מעדוויעדיעוו איז אויפגעטראָטן אין „אַלעק־סאַנדער".

מיין אַלעקסאַנדער־קאָסטיום האָט מעדוויעדיעוו׳ן געפּאַסט. ער האָט אויסגעזעהן זעהר שיין. דאָס טעאַטער איז געווען אינגאַנצן אויספאַרקויפט. ווען מעדוויעדיעוו האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע אַלס „אַלעקסאַנדער", האָט דאָס טעאַטער געשטורעמט פון אַפּלאָדיסמענטן. מעדוויעדיעוו האָט אָפּגעזונגען דאָס ליד ביי זיין ערשטן אויפטריט:

ווי געפלויגן קום איך ווידער
דיך מיין ליבע דאָ צו זען . . .

דאָס טעאַטער האָט ווידער געשטורעמט. די אָוואַציעס האָבן אָנגעהאַלטן לאַנגע, לאַנגע מינוטן, אָבער ווען מעדוויעדיעוו האָט אָנגעהויבן רעדן זיין „פּראָזע" — דאָ האָט דאָס אומגליק געטראָפן פונקט אַזוי ווי מיין האַרץ האָט מיר פאָרגעזאָגט. ביסלעכווייז האָט דער עולם אָנגעהויבן לאַכן, און דאָס געלעכטער איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. מאַנכע חוצפּה׳ניקעס האָבן זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט אונזער באַריהמטן מעדוויעדיעוו, דער ליבלינג פון גאַנץ רוסלאַנד. עס האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען:

— „טעיק הים אָפן" „געט די הוקן" (נעמט אים אַוועק. זייט אים משלחן), און נאָך אַזעלכע ווערטער, וועלכע זענען ניט געווען קיין כבוד ניט פאַרן טעאַטער און ניט פאַר מעדוויעדיעוו׳ן. ביי דער סצענע ווען אַלעקסאַנדער

באַוויינט זיין געליבטע נעמי, האָט מען שטאַרק געלאַכט, אָבער אַלץ צוליב זיין גוי'אישן אידיש.

קורץ, מעדוויעדיעוו איז דורכגעפאַלן אין דער ראָלע פון „אַלעקסאַנדער". די מיידלעך און ווייבלעך, מיינע פּאַטריאָטקעס, האָבן געשריגן: „טאָמאַשעווסקין מיר ווילן טאָמאַשעווסקי'ן!"

איך בין אַרויסגעקומען פאַרן פאָרהאַנג. דאָס טעאַטער האָט געקראַכט פון אַפּלאָדיסמענטן, ווען איך האָב זיך באַוויזן. איך האָב געהאַלטן אַ פייערדיגע רעדע. איך האָב דעם פּובליקום ערקלערט ווער מעדוויעדיעוו איז, וואָס פאַר אַ כבוד ער האָט זיין גאַנצן לעבן געהאַט אין רוסלאַנד און וואָס פאַר אַן עהרע עס איז פאַרן אידישן טעאַטער צו האָבן אַזאַ גרויסן וועלט־קינסטלער. מיין רעדע האָט גאָרניט געהאָלפן. פון פּובליקום האָבן זיך געהערט געשרייען: „שיקט אים צוריק קיין רוסלאַנדן" „זאָל ער זיך אויס־לערנען רעדן אידישן", און נאָך אַזעלכע אויסרופן האָבן זיך געהערט פון עולם.

אַט אַזוי האָט זיך געענדיגט מעדוויעדיעוו'ס אויפטרעטן אַלס אידי־שער שוישפּילער אין ניו יאָרק. כדי אָנצוהאַלטן זיין קאָנטראַקט, און אים צו קענען באַצאָלן די גרויסע שכירות, האָב איך מעדוויעדיעוו'ן געשיקט קיין פילאַדעלפיע, ער זאָל דאָרטן אויפטרעטן אין „אַלעקסאַנדער", אָבער אויך אין פילאַדעלפיע איז ער דורכגעפאַלן. ער איז געבליבן אין ניו יאָרק עטלעכע חדשים און איז אָפּגעפאָרן צוריק קיין קיעוו. דאָרטן האָט ער געעפנט אַ קאָנסערוואַטאָריום. אין דער אָפּערע האָט ער מער ניט געקענט שפּילן, ווייל זיין שטימע איז שוין געווען אָפּגעשוואַכט.

צו יענער צייט האָט דאָס אידישע טעאַטער גענומען אויפלעבן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן נייע גרויסע כוואַליעס פון אימיגראַציע. וואָס מיר האָבן געשפּילט, האָט געהאַט ערפאָלג. דאָס טעאַטער איז שטענדיג געווען איינגאַנצן אויספאַרקויפט. איך האָב געהאַט אַ זיג איבער מיינע קאָלעגן, מיט וועלכע איך האָב שטענדיג איינגע'טענה'ט, אַז דאָס טעאַטער דאַרף האָבן ניי בלוט, נייע אַרטיסטן. מיינע פּאַרטנערס, יאָסעלע עדעלשטיין און אַ געוויסער מיסטער ליוואַי, האָבן מיך פאַרשטאַנען. עס איז ביי אונז געבליבן, אַז יעדן סעזאָן זאָל עמיצער פון אונז פאָרן קיין אייראָפּע ברענגען נייע אַרטיסטן.

ווען דער סעזאָן האָט זיך געענדיגט, בין איך אַוועקגעפאָרן קיין אייראָפּע. אין לאָנדאָן האָב איך געטראָפן אַ טרופּע, וואָס האָט געשפּילט אידיש טעאַטער. די טרופּע איז באַשטאַנען פון שוישפּילער, וועלכע זענען צוזאַמענגעשלעפּט געוואָרן פון דער גאַנצער וועלט. קיין איינציגער פון זיי איז ניט ווערט געווען, אַז מען זאָל אים אַריבערברענגען קיין אַמעריקע. די שוואַכסטע פון אונזערע ניו יאָרקער שוישפּילער זענען געווען בעסער פון זיי, די לאָנדאָנער, בין איך אַוועקגעפאָרן קיין רומעניען. אויך דאָרטן האָב איך קיין וויכטיגע שוישפּילער ניט געטראָפן. אין רומעניען האָב איך געפונען אַן אָרעמע טרופּע, וואָס האָט געשפּילט אין אַ גאָרטן מיינע אייגענע פּיעסען. איך האָב די פּיעסען ניט דערקענט, אַזוי צעדרייט זענען זיי געווען. אויך אין יענער טרופּע האָב איך ניט געפונען קיין איינעם, וועלכן איך זאָל קענען נעמען מיט זיך. איך בין אויסגעפאָרן גאַנץ רומעניען, אומעטום וואו מען האָט נאָר געשפּילט אידיש טעאַטער, אָבער אומזיסט. דערנאָך בין איך געפאָרן קיין לעמבערג.

דעמזעלבן אָוונט ווען איך בין אַהין אָנגעקומען, בין איך אַוועק אין גימפּעל'ס טעאַטער. עס איז געווען נאָך אַ רעגנדיגן טאָג. איך האָב געטראָגן אַ ווייסן אַנצוג. גייענדיג צום טעאַטער, בין איך אַריינגעקראָכן אין אַ בלאָטע. איך האָב געמוזט צוריקגיין אין מיין האָטעל זיך איבערטאָן. ווען איך בין צוריקגעקומען אין טעאַטער, האָט מען שוין געשפּילט דעם דריטן אַקט. איך האָב געזוכט, געניסטערט, אפשר דעם, אפשר יענעם, אָבער איך האָב קיינעם ניט געפונען. בלויז דילעטאַנטן האָבן דאָרטן געשפּילט.

אין לעמבערג האָבן מיר די אַקטיאָרן רעקאָמענדירט צו פאָרן קיין בודאַפּעסט, אונגאַרן. דאָרטן, האָבן זיי מיך ערקלערט, שפּילט אַ גוטע אידישע טרופּע. איך בין אַוועק קיין בודאַפּעסט. דאָרטן האָב איך געטראָפן דאָס זעלבע וואָס אין די אַנדערע שטעט. אין בודאַפּעסט האָב איך פאַרבראַכט איינינגע טעג. איך האָב זיך געקוויקט מיט אונגאַרישן גולאַש און ביזן היינטיקן טאָג האָב איך ליב אָט דעם אונגאַרישן מאכל. אין בודאַפּעסט האָב איך געזען אַ וואונדערבאַרע פאָרשטעלונג, אָבער ניט אין אידישן טעאַטער.

פון בודאַפּעסט בין איך געפאָרן קיין ווין. אין ווין האָט יעדן אָוונט געשפּילט אַ אידישע טרופּע אין אַ קליין טעאַטערל. עס איז אייגנטלעך געווען מער אַ קאַבאַרעט, ווי אַ טעאַטער. די בינע איז געווען גרויס ווי

אַ געניץ. איך בין געווען ביי אַ פאָרשטעלונג פון „יוסף מיט זיינע ברידער״. די אַקטיאָרן פון דעם קליינעם טעאַטערל האָבן מיר ערקלערט, אַז אין „גרויסן טעאַטער״ שפּילן איצט אַקטיאָרן פון לעמבערג אונטער דעם דירעקטאָר גימפּעל. איך בין באַלד אַוועק אין דעם „גרויסן טעאַטער״. דער דירעקטאָר גימפּעל האָט מיך ביי דער קאַסע דערקענט און ער איז אַרויסגעלאָפן צו מיר און זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט.

וועגן גימפּעל׳ן האָב איך אַ סך געהערט . . . ער האָט מיך אַריינגעפירט אין זיין לאָזשע. מען האָט דאַמאָלסט געשפּילט גאָלדפאַדען׳ס „בר כוכבא״. אַ גרויסער אָרקעסטער האָט פיין געשפּילט און אַ גוטער קאַפּעלמייסטער האָט מיט אים דיריגירט. דאָס כאָר האָט גוט געזונגען, אָבער די אויסשטאַטונג איז געווען אַן אָרעמע, ווי אין אַ פּראָווינץ־טעאַטערל. געשפּילט האָט מען אָהן טעמפּעראַמענט, אָהן טאַקט, אָהן האַרץ, אָהן נשמה, ווי גרויסע מענטשן וואָלטן זיך נאַריש געמאַכט, אָבער די פּרימאַדאָנע איז געווען ניט שלעכט, זי האָט געזונגען גאַנץ פיין, ניט קיין מיאוס׳ע, אָבער אַלץ ניט פאַר אַמעריקע. דאָס טעאַטער איז געווען באַזעצט פון אויבען ביז אונטן מיט זעהר אַ פיין פּובליקום. פיל צווישן עולם זענען געווען אַנגעטאָן אין פול דרעס. עס האָבן זיך אויך געפונען אַ סך אָפיצירן אין זייערע אוניפאָרמען. נאָך דער פאָרשטעלונג האָט גימפּעל געמאַכט אַ שטיקל פּאַרטי פאַר מיר אין אַ באַקאַנטען רעסטאָראַן. צו דער פּאַרטי האָט ער איינגעלאַדן, אויסער די אַרטיסטן, אויך פּריוואַט מענטשן, זיינע פריינט. מיר האָבן זעהר פיין פאַרבראַכט. גימפּעל האָט געקענט טרינקען און צוליב מיר האָט ער אַביסל צו פיל געטרונקען, האָט זיך אים דער קאָפּ פאַרדרייט און ער האָט גערעדט אַ סך נאַרישקייטן. פון גרויס שמחה האָט ער געטאַנצט אַ אידיש טענצל און געטרונקען וויין פון זיין צילינדער־הוט. ביז אין גרויען טאָג אַריין האָט מען געהוליעט. אויף צומאָרגנס בין איך דעם גאַנצן טאָג געשלאָפן אין מיין האָטעל אַ מידער פון דער ביינאַכטיגער שמחה.

אין אָוונט בין איך אַוועק אין ווינער אָפּערע הויז. מען האָט דאַמאָלט געשפּילט „פאַוסט״. די פּרימאַדאָנע, וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פון „מאַרגאַריטאַ״ איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן. זי איז געווען זעהר אַ שעהנע און אַ פיינע זינגערין. איך האָב ביי זיך געטראַכט: אָט אַזאַ מיידעלע, אַזאַ זינגערין, ווען איך קריג צו מיר אין טעאַטער, וואָלט געווען זעהר פיין. נעבן מיר איז געזעסן אַ אידיש פּאָר פאָלק. גערעדט האָבן זיי אפילו דייטש, נאָר אין זייער דייטש רעדן האָב איך דערקענט, אַז זיי זענען פון אונזערע

אידן. איך הער ווי זיי רעדן צווישן זיך, אַז די פּרימאַדאָנא איז אַ אידישע מיידל. מיר איז דאָס אריין שטאַרק אין דער נאָז. אַ אידיש מיידל? . . . אפשר . . . איך ווייס . . . וואָס קען דאָ שאַדן, אַז איך וועל פּרובירן?

נאָכן ערשטן אַקט בין איך צוגעגאַנגען צו דער טיר, וואָס פירט צו דער בינע. דורך דעם וועכטער, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר, האָב איך אַריינגעשיקט מיין קאַרטל צו דער פּרימאַדאָנע. ווען איך האָב שפּעטער געגעבן דעם שומר אַ גאָלד־שטיקל, האָט ער מיך אַריינגעפירט צו דער פּרי־מאַדאָנא אין דרעסינג־רום. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט פאַר איר און אויך פאַר איר מוטער, וועלכע האָט זיך דאָרטן געפונען. די מאַמע האָט מיט פרייד אויסגעשריגן אין מאַמע־לשון:

— אוי וויי, טאָמאַשעווסקין דער אַמעריקאַנער שוישפּילער טאָמאַ־שעווסקי! דאָס זענט איר? מיינע קינדער, וועלכע וואוינען אין ניו יאָרק, האָבן מיר וועגן אייך געשריבן, און ווען זיי זענען געקומען צו מיר צו גאַסט, האָבן זיי מיר פיל דערציילט וועגן אייך און וועגן אייער טעאַטער. אַלזאָ, דאָס זענט איר, הער טאָמאַשעווסקי!

די פרוי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און דאַן זיך ווידער געווענדעט צו מיר:

— אפשר וואָלט איר מיין טעכטערל גענומען צו אייך אין אַמעריקע? וואָס דאַרף זי דאָ זיין צווישן די גויים?

אַכט טעג שפּעטער האָב איך אַנגאַזשירט די פּרימאַדאָנע, וועלכע איך האָב געבראַכט קיין ניו יאָרק. איר נאָמען איז געווען מעלאַני גוטמאַן. איך האָב אויפגעפירט מיט איר די באַוואוסטע אָפּערע „פרא דיאַוואָלאָ". זי האָט געהאַט גרויסן ערפאָלג. די נייע פּרימאַדאָנע האָט אַריינגעבראַכט פריש לעבן אין טעאַטער. זי איז געבליבן ביי אונז אַ פאָר סעזאָנען און זי האָט דאָ חתונה געהאַט מיט אַ רייכן אַמעריקאַנער. עס איז איר זעהר גוט. זי באַזוכט מיך גאַנץ אָפט.

אַזוי האָב איך יעדן סיזאָן געבראַכט עפּעס נייעס פאַר מיין טעאַטער. די געשעפטן זענען געגאַנגען זעהר גוט, מיט יעדן סעזאָן אַלץ בעסער און בעסער. זייט דאָס אידישע טעאַטער עקזיסטירט האָט מען נאָך אַזעלכע גוטע געשעפטן ניט געמאַכט ווי אין יענער צייט. איך האָב איינגעזען, אַז דאָס טעאַטער־פּובליקום פאַרלאַנגט נייע פּנים׳ער, נייע אַרטיסטן, האָב איך שטענדיג געזוכט עפּעס נייעס. ווען איך פלעג הערן, אַז אין אַ געוויס

לאַנד געפינט זיך עפּעס אַ נייע קראַפט, אַן ארטיסט אָדער אַן ארטיסטין, האָב איך שוין נישט גערוט. בריוו און טעלעגראַמעס זענען געפלויגן אַהין און צוריק, אָדער איך בין אַליין געפאָרן און געבראַכט דעם געווינשטן שוישפּילער.

מיינע קאָלעגן־שוישפּילער, ווי אַדלער, קעסלער, מאָגולעסקאָ, האָבן שטאַרק פּאַראיבל געהאַט אויף מיר פאַרוואָס איך ברענג נייע אַקטיאָרן קיין אַמעריקע, אָבער איך האָב געטאָן דאָס מייניגע. קיינער פון מיינע קאָנקורענטן האָט מיר ניט נאָכגעטאָן. צווישן אַלע שוישפּילער־מענעדזשערס בין איך געווען דער איינציגער, וואָס האָב זיך ניט געשראָקן טאָמער וועט קומען איינער, וואָס איז בעסער פון מיר און וועט מיך פאַרטונקלען.

פּראָפעסאָר הורוויץ, איינער פון מיינע קאָנקורענטן, האָט מיר גענומען נאָכטאָן. ער איז אַוועק קיין איראָפּאַ און פון דאָרט געבראַכט אַ גאַנצע טרופּע. געבראַכט האָט ער אָפּערע־זינגער, און ער האָט גענומען אויפפירן אָפּערעס אויף אידיש אין זיין ווינדזאָר טעאַטער. (איך האָב דאַמאָלט געשפּילט אין פּיפּלס טעאַטער). ער האָט אויפגעפירט „קאַרמען", „פאַוסט", „ריגאָ־לעטאָ". די אויסשטאַטונג איז געווען אַן אָרעמע. די דעקאָראַציעס זענען געווען ביליגע, צוזאַמענגעשטוקעוועט פון פאַרשידענע פּיעסן. די טעאַטער־קליידער זענען אויך געווען פון ביליגן סאָרט און דער אָרקעסטער איז געווען אַ קליינער, איז די אָפּערע אַרויסגעקומען אַ חוזק, הגם די זינגער וואָס ער האָט געבראַכט זענען געווען גאַנץ פיינע.

מיין מיינונג איז, אַז דאָס אידישע טעאַטער מוז זיין אידיש. עס דאַרפן געשטעלט ווערן פּיעסן פון אידישן לעבן. די מוזיק מוז זיין אַ עכט־אידישע, די מעלאָדיעס דאַרפן אַריינדרינגען אין די אידישע הערצער פון פּובליקום. איך אַליין האָב שוין פיל מאָל פּרובירט צו שטעלן שעהנע זאַכן, וואָס האָבן ביי די אומות־העולם געהאַט אַ ריזיגן דערפאָלג. אָבער ביי אונז, אויף דער אידישער בינע, זענען די פּיעסן געווען אַ דורכפאַל. בלויז איניגע וועלט־פּיעסן האָבן אידישע אַקטיאָרן ניט געקענט דער'הרג'ענען, ווי „האַמלעט", „ראָמעאָ און דזשוליעט" און „די הוגענאָטן".

דערמאָנענדיג „ראָמעאָ און דזשוליעט" וויל איך איבערגעבן אַ טשיקאַווע געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט ווען איך האָב דאָס ווערק אויפגעפירט אין פילאַדעלפיע.

„ראָמעאָ און דזשוליעט" איז אויפגעפירט געוואָרן אין ווינדזאָר טעאַטער אין דער צייט וואָס איך בין דאָרטן געווען איינער פון די פּאַרטנערס. איך

האָב געשפּילט די ראָלע פון „ראָמעאָ“ און די שעהנע סאָפיע קאַרפּ האָט געשפּילט „דזשוליעט“. ווי די לעזער ווייסען שוין, איז סאָפיע קאַרפּ געוועזן אַ זעהר שעהנע, און געזונגען האָט זי בעסער פון דעם בעסטען חזן. זי האָט זיך געקענט אָנטאָן אויף דער בינע, בעסער. שענער, ווי וועלכע אַנדערע שוישפּי־לערין. איר קליידן זיך האָט געהאַט אַ שם. יאָ, סאָפיע איז געוועזן אַ גאַנץ וואוילע אַקטריסע. זי האָט אָבער געהאַט איין גרויסן חסרון — זי האָט קיין ראָלע ניט געקענט אויסלערנען. זי האָט געקענט שפּילן אַ ראָלע הונ־דערט מאָל און דאָך האָט זי קיין איין וואָרט פון איר ניט געדענקט. יעדעס מאָל וואָס זי איז אויפגעטראָטן אין אַ ראָלע, וועלכע זי האָט שוין פיל, פיל מאָל פריהער געהאַט געשפּילט, האָט זי געהאַלטן אין איין קוקן צום סופליאָר און נאָכגעזאָגט וואָס ער האָט איר אונטערגעזאָגט. אפילו אַ גוטע שוישפּילערין דאַרף די ראָלע פון „דזשוליעט“ שטודירן אַ לענגערע צייט. עפּעס אַ קליינינקייט שעקספּיר׳ס „פּראָזע“, זיין ליבעס־שפּראַך! און איך האָב דוקא געוואָלט, אַז סאָפיע זאָל האָבן ערפאָלג אַלס „דזשוליעט“, און גע־פּאַסט האָט זי זיך צו דער ראָלע אויסגעצייכנט, האָב איך מיט איר שטודירט די ראָלע גאַנצע טעג און גאַנץ אָפט אויך גאַנצע נעכט. איך האָב איר ער־קלערט, אַז זי דאַרף זיך גוט אונטערנאַרטלען צו שפּילן די ראָלע פון „דזשו־ליעט“. דאָס איז דאָך ניט קיין ראָלע פון „בן־יעקב“, אָדער פון די „קוני לעמעלס“. זי האָט מיך פאַרשטאַנען און גענומען לערנען מיט חשק, אָבער וואָס מער זי האָט געלערנט, אַלץ ווייניגער האָט זי געקענט. אַ זעהר שלעכטן קאָפּ צום לערנען האָט זי געהאַט. זי האָט זיך ווייטער פאַרלאָזט אויפן סופליאָר. ער וועט איר שוין אַרויסהעלפן, כאָטש עס פלעגט אָפט פּאַסירן אַזאַ קאָמישער פאַל: פלעגט דער סופליאָר זיך אויסשנייצן די נאָז, אָדער ער האָט זיך פאַרהוסט און אַ ווײַלע ניט געקענט סופלירן, פלעגט סאָפיע פאַרבלייבן אין דער גרעסטער פאַרלעגנהייט. זי איז אָבער ניט שטיין געבליבן. זי האָט דאַן גענומען ריידן פּראָזע פון אַנדערע פּיעסען. וואָס עס איז איר אַריינגעפאַלן אין מויל האָט זי גערעדט. פאַרשטייט זיך, אַז אין שעקספּיר׳ס „ראָמעאָ און דזשוליעט“ קען מען קיין אייגענע פּראָזע ניט רעדן.

איך האָב געלאָזט אויף דער בינע פון ווינדזאָר טעאַטער אויפבויען דעם באַלקאָן פאַר דער באַרימטער סצענע, אין וועלכער דזשוליעט זיצט אויפן באַלקאָן און ראָמעאָ דראַפּעט זיך אַרויף צו איר אויף אַ לייטער פון בלומען. שעקספּיר שילדערט אין דער סצענע ווי די אָרימע פאַרליבטע קאָן נעבעך

ניט שלאָפֿן דורך די נעכט, זיצט זי אויפֿן באַלקאָן און פֿאַנטאַזירט וועגן איר געליבטן. דער געליבטער אין וועמעס האַרץ עס פֿלאַמט אויך אַ ליבעס־פֿייער, קאָן אויך ניט שלאָפֿן גאַנצע נעכט, בלאָנדזשעט ער אַרום זיין געליבטערס הויז מיט דער האָפֿנונג, טאָמער וועט זי זיך באַווייזן אויפֿן באַלקאָן, און ווען ער דערזעט איר פֿלוצלינג, דראַפּעט ער זיך פֿלינק אַרויף צו איר. איך האָב אומישנע געמאַכט דעם באַלקאָן אַזוי, אַז ער זאָל אויסקומען גאַנץ נאָהענט צום סופֿליאָר. איך אַליין האָב דעם סופֿליאָר ניט געדאַרפֿט האָבן, ווייל איך האָב מיין ראָלע געקענט אויף אויסווייניק. די אַנדערע שוישפּילער האָבן אויך זייערע ראָלן גוט געקענט. דאָס האָב איך געטאָן בלויז צוליב סאָפּיע'ן, אַז זי זאָל קענען הערן די ווערטער וואָס דער סופֿליאָר וועט איר דערלאַנגען פֿון זיין בודקע. אַ חוץ דעם האָב איך אַוועקגעשטעלט אַ מענטשן פֿון יענער זייט פֿון באַלקאָן, וועלכן דער עולם אין טעאַטער האָט ניט געקענט זען. אויך ער האָט סופֿלירט סאָפּיע'ן. אַלץ איז דורכגעגאַנגען בשלום און „ראָמעאָ און דזשוליעט" איז געווען אַ גרויסער ערפֿאָלג. מיידלעך פֿלעגן ברענגען זייערע יונגעלייט, אַז זיי זאָלן זיך לערנען ביי טאָמאַשעווסקי'ן און סאָפּיע קאַרפּ ווי אַזוי מען דאַרף זיך ליבן. ביי יעדער פֿאָרשטעלונג פֿון „ראָמעאָ און דזשוליעט" איז דאָס טעאַטער געווען געפּאַקט מיט יונגע באָיס און יונגע מיידלעך. מענער פֿלעגן אויך ברענגען זייערע ווייבער און ווייבער זייערע מענער, אַז זיי זאָלן אויך נעמען אַ לעסאָן אין ליבע. די פֿרויען פֿלעגן זיך גאָר קוויקן מיט די ליבעס־סצענעס פֿון „ראָמעאָ און דזשוליעט". אין זייערע צייטן, ווען זיי האָבן געפֿירט ראָמאַנען, האָבן זיי אַזאַ שעהנע ליבעס־שפּראַך ניט געהערט. יאָ, „ראָמעאָ און דזשוליעט" איז פֿאַר מיר געווען אַ שמאַלץ־גרוב. מיין באַנק־ביכל איז מיט יעדער וואָך אַלץ פֿעטער געוואָרן, און געלעבט אַ גוטן טאָג האָט מען אויך.

צען וואָכן האָבן מיר געשפּילט „ראָמעאָ און דזשוליעט" ביי געפּאַקטע הייזער.

אַ געוויסן טאָג קומט צו מיר מיין קאָלעגע און פֿריינט, דער כאַראַקטער־קאָמיקער ישראל וויינבלאַט, דער פֿאָטער פֿון דעם באַקאַנטן נישט־לאַנג פֿאַרשטאָרבענעם לאָיער, טשאַרלס וויינבלאַט, און פֿון דער אַקטריסע סאַבינאַ וויינבלאַט. ער האָט געהאַט באַשלאָסן זיך צוריקצוציהען פֿון דער בינע און ווערן אַ פֿאַרמער. ער האָט געקויפֿט אַ פֿאַרם אין דער אידישער קאָלאָניע ראָזענהיים (און אפשר איז דאָס געווען אין ווינלאַנד, ניו דזשוירזי,

איך געדענק שוין ניט גענוי). ער דערציילט מיר, אז ער דארף באצאָלן טעקסעס און א מאַרטגעדזש און ער דארף נאָך און נאָך זאכן, ער מוז, אלזאָ, נויטיג האָבן עטלעכע הונדערט דאָלער. ישראל וויינבלאַט איז געווען א גוטער, א דימענטענער מענטש און אן אמת'ער פריינט. ער איז אויך געווען א געשוואוירענער פריינט פון סאָפיע קארפ. וויינבלאַט'ן האָבן אלע געמוזט ליב האָבן. ער האָט פאר יעדן איינעם געהאט א גוט וואָרט און געקענט זאָגן גוטע, געלונגענע וויצן. געקומען איז וויינבלאַט ניט אליין. ער האָט געבראַכט מיט זיך סאָפיע קארפ. אלזאָ, איך מוז עפּעס טאָן פאר וויינבלאַט'ן, אז ער זאָל קענען באצאָלן די טעקסעס און דעם מאַרטגעדזש. סאָפיע קארפ לייגט מיר פאָר, אז מיר זאָלן ביידע, איך און זי, שפּילן א בענעפיט פאר וויינבלאַט'ן אין פילאַדעלפיע און אז מיר זאָלן שפּילן „ראָ־מעאָ און דזשוליעט".

— ס'טייטש, — זאָג איך — ווי קען איך איצט די פּיעסע שפּילן אין פילאַדעלפיע? איך האָב געדענקט מיט דעם שטיק צו פאָרן קיין פילאַ־דעלפיע אין דעם זומער־סעזאָן, וואו איך קען פארדינען אין איין נאכט וויניגסטנס פופצן הונדערט דאָלער און נאָך מער. אָבער סאָפיע'ס א וואונק מיט אירע שעהנע אויגן, אירער א גלעט, האָט געקענט דאָס גרעסטע עקשנות ברעכן. איך האָב צוגעזאָגט וויינבלאַט'ן צו שפּילן „ראָמעאָ און דזשוליעט" אין פילאַדעלפיע.

וויינבלאַט איז אוועקגעפאָרן א גליקלעכער און האָט אין פילאַדעלפיע אנאָנסירט, אז איך וועל שפּילן „ראָמעאָ און דזשוליעט" אין דעם דאָרטיגן אַרטש סטריט טעאַטער.

מאָריס פינקעל, ווי דער לעזער ווייסט, איז שוין געווען פארהייראַט צו מיין שוועסטערל עמאַ. ער איז געווען דער דירעקטאָר פון דעם אַרטש סטריט טעאַטער. ווען איך האָב וויינבלאַט'ן צוגעזאָגט צו שפּילן פאר אים א בענעפיט, האָב איך דאָס אינגאנצן געהאט פארגעסן. ווען איך האָב זיך שפּעטער דערמאָנט אָן דעם, איז שוין געווען צו שפּעט. פּאָסטערס זענען שוין געווען אויסגעהאַנגען איבער גאַנץ פילאַדעלפיע און אידן זענען געלאָפן נאָך בילעטן ווי נאָך מצה־וואסער. איך בין, אלזאָ, געווען געצוואונגען צו פאָרן שפּילן אין פילאַדעלפיע. פינקעל האָט צוגעגרייט די פיינסטע דעקאָראַציעס, אזוי ווי איך האָב פארלאַנגט. ער האָט אויך געמאַכט שעהנע

בינע־עפעקטן. איך בין געקומען אין פילאַדעלפיע אַ טאָג פריער, כדי צו זען אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדנונג.

אַריינקומענדיג אין אַרטש סטריט טעאַטער, בין איך ניט אַריינגעגאַנגען אין אָפיס, ווייל איך האָב זיך ניט געוואָלט באַגעגענען מיט פינקלען. איך בין באַלד אַרויף אויף דער בינע. די בינע־אַרבעטער האָבן געפאָלגט אַלץ וואָס איך האָב זיי געהייסן טאָן.

פלוצלינג קומט אָן מיין שוועסטערל עמאַ, וועלכע איך האָב ניט געזען זינט זי איז אַנטלאָפן מיט פינקלען. זי פאַלט מיר אויפן האַלז, קושט מיך און וויינט, איך זאָל איר מוחל זיין.

— באָריס, באָריס, ברודערל טייערער, זיי מיר מוחל, לאָמיר זיך איבער־בעטן. . . .

קיין גזלן בין איך קיינמאָל ניט געווען. מיין שוועסטערלס טרערן האָבן מיין האַרץ גערירט, איך האָב זי אַרומגענומען און צוגעדריקט צו מיין ברוסט און אָפּגעווישט מיט מיין טאַשן־טיכל אירע טרערן. איך האָב איר מוחל געווען. עמאַ האָט זיך געפיהלט אַ גליקלעכע. זי האָט גענומען פרעהלעך שרייען: „פינקעל, פינקעלן" פינקעל איז אַרויפגעקומען אויף דער בינע און אויסגעשטרעקט צו מיר זיין האַנט. עמאַ'לע האָט אָנגע־נומען מיין האַנט און זי פאַראייניגט מיט פינקעל'ס. מיר האָבן זיך איבער־געבעטן.

— שלום על ישראל, זאָל זיין שלום ביי אידן — האָט פינקעל אויס־גערופן.

איך האָב אָן אַ זייט אַ פרעג געטאָן ביי מיין שעהן שוועסטערל, צי זי איז צופרידן מיט איר צוזאַמענלעבן מיט פינקלען. זי האָט מיר פאַרזיכערט, אַז זי איז אַ צופרידענע, אַ גליקלעכע, בין איך אויך געווען אַ צופרידענער און אַ גליקלעכער. דינער האָב איך שוין געגעסן ביי פינקלען. איך האָב ביים פאַר־פאָלק געטראָפן אַ זעהר שעהנע און רייכע היים. ער האָט באַוואוינט אַ גאַנץ הויז פון דריי שטאָק, אויף אַ שעהנער סטריט, אַנטקעגנאיבער אַ גאַרטן. צוויי דינסטן האָבן באַדינט ביים דינער. פינקעל האָט ליב געהאַט אַ גוט ביסעלע בראַנפן, אַ גוט פלעשעלע וויין און גוטע רומענישע מאכלים (ער איז געווען אַ רומענישער). זיי האָבן מיך ניט געלאָזט אַוועקגיין און איך האָב ביי זיי געמוזט איבערנעכטיגן. איך האָב באַמערקט, אַז פינקעל באַהאַנדעלט עמאַ'ן זעהר איידעל, זעהר פיין, אָבער ניט ווי אַ געליבטער אָדער פאַרליבטער האָט ער זיך צו איר באַצויגען, נאָר ווי אַ טאַטע

צו זיין באליבטער טאכטער. פינקעל איז שוין געווען צו אלט פאר ליבע, א צו אלטער „ראמעא״ איז ער שוין געווען.

אויף מארגן איז געקומען די טרופע פון ניו יארק. מיר האבן גענומען מאכן פראבע. דער באלקאן איז נאך ניט פארטיג געווען. פינקעל האט מיר אבער פארזיכערט, אז ביינאכט צו דער פארשטעלונג וועט דער באלקאן זיין פארטיג.

אין אוונט איז ארטש סטריט געווען שווארץ פון מענטשן, וועלכע האבן זיך געשטופט צו קריגן טיקעטס צו זען „ראמעא און יוליא״. דער טעאטער איז געווען אזוי געפאקט, אז עס איז ניט געווען וואו א שפילקע צוווארפן.

אלץ איז צוגעגאנגען גלאט ביז צו דער באלקאן־סצענע, און דא האט פאסירט אן אונערווארטעט אומגליק.

דער באלקאן איז געמאכט געווארן ווייט אוועק פון דעם סופליאר'ס בודקע. פינקעל האט נאטירלעך ניט געוואוסט, אז אין מיין טעאטער אין ניו יארק האב איך אומישנע אויפגעבויט דעם באלקאן נעבן דער סופליאר־בודקע. און איך, זייענדיג צעטראגן פון דער באגעגעניש מיט עמא און פינקלען, האב זיך פארגעסן וועגן דעם. איך האב אויך פארגעסן אנצושטעלן אן עקסטרא מענטשן פון יענער זייט פון באלקאן, וואס זאל אויך סופלירן סאפיע'ן איר ראלע, ווי איך האב דאס געטאן אין ניו יארק.

און אט קומט ביינאכט די פארשטעלונג: סאפיע קומט ארויס אין נעגליזשע און זעצט זיך אוועק אויפן באלקאן, איר קאפ אנגעשפארט אויף דער רעכטער האנט. ראמעא, דערזעהענדיג זיין געליבטער יוליא, שפרינגט אריבער דעם פארקאן און נעמט זיך דראפען ווי א קאץ איבערן לייטער צווישן די בלומען. ער באגריסט זיין געליבטע. די שעהנע רייצענדע יוליא דארף ענטפערן איר ראמעא אזוי ווי שעקספיר האט אנגעשריבן. סאפיע זאגט צו מיר אין דער שטיל:

— בארים, איך הער ניט דעם סופליאר!

איך פרוביר איר צו סופלירן די ווערטער. סאפיע זאגט מיר:

— בארים, איך הער קיין איין ווארט ניט!

איך בלייב שטיין אויפן לייטער א פארגליווערטער, א פארצווייפלטער, איך שעפטשע צו סאפיע'ן:

— רעד, איך סופליר דאך דיר וואס דו דארפסט זאגן.

זי ענטפערט מיר ווייטער, אז זי הערט ניט.

צווישן פּובליקום ווערט אַן אומרוהיגקייט. דער עולם האָט אַ פּנים אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז עפּעס קומט דאָ פאָר. סאָפיע הייבט אָן צו רעדן די פּראָזע פון „אַלעקסאַנדער“, פון „בן יעקב“, פון „שולמית“, אָבער ניט קיין איין וואָרט פון „ראָמעאָ און יוליאַ“. איך שטיי אַ פאַרצווייפלטער און ווייס ניט וואָס צו ענטפערן אויף איר פּלאַפּלען. איך זאָג צו איר ווידער גאַנץ שטיל:

— סאָפיע, וואָס טוסטו, דו רעדסט דאָך גאָר ווערטער פון „שולמית“.

זי ענטפערט מיר:

— וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך הער ניט קיין איין וואָרט פון סופליאָרן

דאָס גאַנצע בלוט האָט זיך מיר אָנגעצונדן. איך האָב געפיהלט, אַז אָט, אָט און דער מוח רייסט זיך ביי מיר אויף. איך האָב געפיהלט ווי זיך אַרונטערצוואַרפן פון באַלקאָן און דעם קאָפּ זיך צעשפּאַלטן. איך לאָז איר ווייטער רעדן, און זי רעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער. איין וואָרט קלעפּט זיך ניט צום אַנדערן. איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון באַלקאָן, אַזוי, אַז קיינער אין טעאַטער זאָל מיך ניט זען. די אַקטיאָרן זענען אין יענעם מאָמענט געווען אין זייערע דרעסינג־רומס. פינקלען און עמאַ'ן האָב איך אויך ניט געזען אויף דער בינע. איך האָב זיך געלאָזט גיין צו מיין דרעסינג־רום. גייענדיג, האָב איך נאָך געהערט ווי סאָפיע זאָגט אַ מאָנאָלאָג פון „שולמית“. איך בין אַריינגעפאַלן אין מיין דרעסינג־רום מיט אַ פאַרקלעמטע האַרץ. שנעל האָב איך זיך איבערגעטאָן אין מיינע אייגענע קליידער און בין אַרויסגעגאַנגען. סאָפיע האָט נאָך אַלץ גערעדט דעם מאָנאָלאָג. איך בין אַרויס פון טעאַטער און קיינער האָט מיך ניט באַמערקט. איך האָב גראַד אָנגעטראָפן אויף אַ באַן, וואָס איז אָפּגעגאַנגען קיין ניו יאָרק און בין אַהיימגעפאָרן. אויפן וועג האָב איך ערשט באַטראַכט וואָס איך האָב דאָ אָפּגעטאָן. איך בין געווען שטאַרק אויפגערעגט צוליב מיין האַנדלונג, אָבער צוריקכאַפּן האָב איך שוין ניט געקענט. די באַן איז געפלויגן און מיך געפירט קיין ניו יאָרק.

קומענדיג אין ניו יאָרק בין איך אַוועק אין אַ טערקישער באָד. דאָ האָב איך געקראָגן אַ שרעקלעכן פיבער און מען האָט געמוזט ברענגען אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט מיר געגעבן אַ מעדיצין, כדי איינצושטילן מיינע צערודערטע נערוון. איך בין געווען קראַנק צוויי וואָכן און קראַנקערהייט האָב איך געמוזט שפּילן טעאַטער. מיט סאָפיע'ן האָב איך מער ניט געוואָלט שפּילן, איך האָב איבערהויפּט מער ניט געוואָלט מיט איר זיך באַגעגענען.

אַ געוויסן אָוונט קומט צו מיר סאָפיע אין מיין דרעסינג־רום. זי האָט זיך שטאַרק צעוויינט און מיך געבעטן, איך זאָל איר מוחל זיין. זי האָט דאָך דאָס ניט געטאָן כדי מיר וויי צו טאָן. זי פאַרענטפערט זיך, אַז זי ווייסט אַליין ניט וואָס מיט איר האָט דאַמאָלסט פּאַסירט. און אַזוי ווי איך בין ניט קיין גזלן, איבערהויפּט ווען אַ שעהנע פרוי וויינט און חלש׳ט מען זאָל איר מוחל זיין, האָב איך איר מוחל געווען. איך האָב געמוזט גיין מיט איר עסן סאַפּער אין אַ גרויסן בראָדווייער רעסטאָראַן, וואו עס האָט געשפּילט שעהנע מוזיק און שעהנע מיידלעך האָבן געזונגען און געטאַנצט. סאָפיע איז געווען שעהנער פון די אַלע מיידלעך, וואָס האָבן געזונגען און געטאַנצט, זי איז געווען שעהנער פון די מיידלעך און ווייבלעך, וועלכע האָבן פאַרנומען די טישלעך אין דעם רעסטאָראַן. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן מיר דאָרטן פאַרבראַכט. איך האָב שוין אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם אומגליק אין פילאַדעלפיע. עס איז שוין געווען כמעט פאַרטאָג ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון רעסטאָראַן. איך האָב גענומען אַ קערעדזש און מיר זענען געפאָרן שפּאַצירן אין סענטראַל פּאַרק. מיר זענען דורכגעפאָרן עטלעכע מאָל דעם פּאַרק, און איך האָב סאָפיע׳ן צוגעפירט אַהיים. עס איז שוין געווען גרויסער טאָג. אָט אַזוי האָב איך זיך מיט סאָפיע׳ן איבער־געבעטן. דער שלום האָט אָנגעהאַלטן פיל, פיל יאָרן, ביז די שעהנע סאָפיע האָט זיך מיט אַלעמען אויף אייביג געזעגנט און איר שעהנע טאָכטער, ראָ־זעלע, האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון איר מוטער, אַלס פרימאַדאָנע אין מיין טעאַטער. איצט איז שוין ראָזעלע אויך נעבן איר מוטער.

פילאַדעלפיע האָט אַ לאַנגע צייט געקאָכט מיט דער געשעעניש פון „ראָמעאָ און יוליאַ“. דעם לעזער איז דאָך אודאי אינטערעסאַנט צו וויסן מיט וואָס יענע היסטאָרישע פאָרשטעלונג אין אַרטש סטריט טעאַטער האָט זיך געענדיגט, וועל איך אים דאָס דערציילן:

ווען פינקעל האָט זיך דערוואוסט, אַז איך האָב געמאַכט פּליטה, איז ער, אַ פאַרסאָפּעטער, אַרויפגעלאָפן אויף דער בינע און געהייסן אַרונטער־לאָזן דעם פאָרהאַנג. דאַן איז ער אַרויס און געהאַלטן אַ רעדע פאַר דעם פּובליקום, אַז טאָמאַשעווסקי איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן און מען מוז דעריבער שפּילן אַן אַנדערע פּיעסע. דאָס פּובליקום האָט געשריען און געוואַלדעוועט, פיל האָבן גענומען זייער געלט צוריק. פאַר די, וועלכע זענען געבליבן אין טעאַטער, האָט מען געשפּילט „שולמית“.

19

דאָס „אידל פון עסעקס סטריט" באַווייזט זיך. דער איבעראַשטער באַזוך - מאָריסאָן קומט צוריק און דערקענט מיך נישט - ער ווערט אַ קאָרטן־שפּילער - ער שפּילט דייטש און די אַנדערע אַקטיאָרן אויף מאַמע־לשון - „באָרים, דו ביסט מיין פאַטער!"

אין די ערשטע קאַפּיטלעך פון מיינע עראינערונגען, האָב איך געבעטן דעם לעזער, אז ער זאָל ניט פאַרגעסן דעם „אידעל פון עסעקס סטריט". איך האָב דערביי באמערקט, אז מיר וועט שפּעטער נאָך אויסקומען וועגן אים צו שרייבן. ווי דער לעזער קען זיך דערמאָנען, איז אָט דאָס „אידל פון עסעקס סטריט" געווען דער מלאך הגואל, דער רעטער פון מיין פאַמיליע. מיר האָבן דאַמאָלסט געלעבט אין גרויס אָרעמקייט. עס איז געקומען אזוי ווייט, אַז דער לענדלאָרד, אַ בוטשער, האָט אונז מיט די בעבעכעס אין גאַס אַרויסגעשטעלט. איך בין גראד צוגעקומען צום הויז אין דעם מאָמענט ווען עטלעכע געזונטע קריסטן, דעם שעריפס מענטשן, האָבן אַרונטערגע־טראָגן אונזער מעבל.

דאָס אידל האָט מיך אָנגענומען פאַרן האַנט און איז מיט מיר אַריינ־געגאַנגען צום לענדלאָרד, וועלכער האָט געהאַט זיין בוטשער־סטאָר אין זעלבן הויז, וואו מיר האָבן געוואוינט. ער האָט באַצאָלט פאַר דעם חודש רענט וואָס אים איז געקומען און האָט אים געגעבן נאָך פאַר אַ חודש פאָראויס. דער לענדלאָרד האָט גלייך געהייסן די זעלבע קריסטן צוריק אַריינטראָגן אין הויז די מעבל. אונזער רעטער האָט זיך מיט דעם נאָך ניט באַנוגנט. ער האָט אַרויפגעבראַכט גראָסעריז זאַכן אין הויז און פאַר מיר און פאַר די אַנדערע קינדער האָט ער געקויפט קליידער. דער גוטער, ליבער מענש איז געוואָרן אַ הויז־פריינט ביי אונז. ער פלעגט קומען צו אונז ווען מיר

האָבן שוין געהאַט געמופט פון איסט בראָדוויי, וואו די אויבען-באַשריבענע
סצענע האָט פּאַסירט, אין עלדרידזש סטריט. אונזער נייע דירה איז געווען
אַ שעהנערע און אַ באַקוועמערע.

פּלוצלינג האָט אונזער פריינד אויפגעהערט אונז צו באַזוכן. מיר האָבן
זיך נאָכגעפרעגט וועגן אים, אָבער מיר האָבן קיין שום ידיעה ניט געקענט
קריגן, — פאַרשוואונדן ווי אין וואַסער אריין!

עס זענען אַוועק יאָרן און יאָרן און מיר האָבן וועגן דעם „אידל פון
עסעקס סטריט" ניט געהערט.

אַ געוויסן סעזאָן האָב איך אָפּגעמאַכט מיט אַ אידישן טעאַטער־מע־
נעדזשער פון באָסטאָן צו שפּילן ביי אים צוויי פאָרשטעלונגען, איינע אין
באָסטאָן און איינע אין טשעלסי. אין טשעלסי האָב איך געשפּילט „די
הוגענאָטן", וואו איך שפּיל די ראָלע פון קעניג קאַרל דעם 9טן. אין יענער
צייט איז דאָס געווען איינע פון מיינע גרויסע סוקסעס־ראָלן. דאָס טעאַטער
איז איינגאַנצן געווען אויספאַרקויפט. די אידן פון טשעלסי זענען נתפּעל
געוואָרן פונם נאָמען „הוגענאָטן, אָדער קעניג קאַרל דער 9טער, פון אַלעק־
סאַנדער דיומאַ", און זיי זענען געקומען אין די מאַסן אין טעאַטער.

נאָכן ערשטן אַקט קומט אַריין אין מיין דרעסינג-רום דער דאָר־קיפּער
און זאָגט מיר, אַז עפּעס אַ אידל פרעגט זיך אויף מיר. איך האָב געהייסן דעם
דאָר־קיפּער ער זאָל דעם מאַן גלייך אַריינפירן צו מיר אין דרעסינג־רום.
איך זיץ זיך אַזוי אויף אַ ברייטן שטול אָנגעטאָן אין די גאָלדענע קליידער,
מיט אַ גאָלדענעם מאַנטל און מיט אַ דימענטענעם האַלד־באַנד, מיט אַ גאָל־
דענעם קרייץ, באַזעצט מיט בלישטשענדע שטיינער, עפנט זיך די טיר
און דער דאָר־קיפּער לאָזט אַריין אַן אָרעם קליין אידל, איינגאַנצן איינגע־
שמירט ווי מיט סאַזשע. ווי אַ היימישער קוימען־קערער האָט ער אויסגעזען.
די קליידער, וואָס ער האָט געטראָגן, זענען אויך ניט געווען קיין זויבערע און
דער הוט איז ביי אים געווען אַ צעקנייטשטער. אויף זיין העמד זענען
געווען בלויז שוואַכע סמנים, אַז עס איז אַמאָל געווען וויים. מיין גייסט
בלייבט שטיין ביים טיר און זאָגט מיר „אַ גוטן אָוונט". די דרעסינג־רום
איז ניט געווען העל באַלויכטן. איך האָב פון תמיד ליב לעמפּלעך פון פאַר־
שידענע קאָלירן, און די לעמפּלעך פלעגט דער מענטש, וואָס פלעגט מיך
אָנטאָן, מיטפירן מיט זיך וואו איך בין נאָר געפאָרן, און אין דער נאַכט
פון דער פאָרשטעלונג פלעגט ער זיי אַריינשטעלן אין מיין דרעסינג־רום, האָב

איך נישט געקענט גוט זען דאָס פּנים פון מיין גאַסט. איך ענטפער אים אויף זיין „גוטן אָוונט“ און פרעג ביי אים:

— וואָס פאַרלאַנגט איר, ר׳ איד, וואָס קען איך טאָן פאַר אייך?

מיין גאַסט שטעהט אַ ווײַלע אַ שווייגנדיגער, ניט רירנדיג זיך פון אָרט ביי דער טיר. נאָך אייניגע סעקונדן פון שטילשווייגן, רופט ער זיך אָן:

— ווען דו וועסט מאַכן ליכטיג, וועסטו מיך פיליייכט דערקענען.

איך האָב געהייסן מיין דרעסער ער זאָל מאַכן ליכטיג. איך בין געווען טשיקאַווע צו וויסן ווער עס איז דער מאַן, וועלכער דוצט מיר. ווען עס איז געוואָרן ליכטיג, האָב איך מיין גאַסט דערקענט. — „דאָס אידל פון עסעקס סטריט“ איז פאַר מיר איצט געשטאַנען. איך בין אים געפאַלן אויפן האַלז און אים געגומען קושן. פון גרויס שמחה האָב איך ניט גע־וואוסט וואָס איך זאָל טאָן מיט אים. איך האָב אַריינגערופן אַלע מיינע שוישפּילער און צו זיי געזאָגט:

— קינדער, איך בין היינט דער גליקלעכסטער מענטש אין טשעלסי, אין באָסטאָן, ניין, אויף דער גאַנצער וועלט. איר זעט — האָב איך אָנ־געוויזן אויף מיין גאַסט — אָט דעם מענטשן האָב איך שוין יאָרן לאַנג ניט געזען, און דורך דער גאַנצער צייט האָב איך ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן אים. אַ לאַנגע צייט האָב איך אים אַרומגעזוכט און געבענקט נאָך אים.

איך האָב פאַר מיינע קאָלעגן דערציילט די גאַנצע מעשה וועגן אונזער רעטער, מיין איצטיגן אומערוואַרטעטן גאַסט.

איך האָב מיין גאַסט נאָכאַמאָל געקושט. דער גלאָק האָט גענומען קלינגען, אַ סיגנאַל, אַז מען גייט אָנהייבן שפּילן דעם צווייטן אַקט. איך האָב גע־בעטן מיין אומערוואַרטעטן גאַסט, ער זאָל נישט אַוועקגיין, ער זאָל וואַרטן אויף מיר אויף דער בינע, הינטער די קוליסן. ער האָט אַזוי געטאָן.

ווען איך האָב געענדיגט מיין סצענע, בין איך ווידער צוגעלאָפן צו אים, און „קעניג קאַרל“ האָט זיך ווידער צוקושט מיט דעם אָרימען אידל.

די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיגט און איך האָב זיך איבערגעטאָן. דאָ האָב איך שוין געהאַט גענוג צייט צו ריידן מיט מיין ליבן גאַסט.

— וואָס טוט איר, טייערער פריינט? ווי גייט עס אייך? מיט וואָס באַשעפטיגט איר זיך? איך בין היינט רייך און איך וויל אייך באַצאָלן פאַר אַלץ, וואָס איר האָט אַמאָל געטאָן פאַר מיין פאַמיליע. אפשר דאַרפט

איר געלט? אפשר נויטיגט איר זיך אין א ביזנעס? אפשר קען איך עפּעס טאָן פאַר אייערע קינדער? שעמט זיך ניט, זאָגט, זאָגט!

דאָס אידל שווייגט א ווײלע. דערנאָך גיט ער א שאָקל מיטן קאָפּ און זאָגט:

— ניין, מיין קינד. איך דאַרף גאָרנישט פון דיר. איך בין גליקלעך ווען איך הער, אז עס איז דיר גוט. די גאַנצע צייט וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, האָב איך זיך ניט אויפגעהערט צו אינטערעסירן וועגן דיר און איך בין גליקלעך צו הערן, אז דיין נאָמען אַלס שוישפּילער איז גרויס און אז דו ביזט רייך.

איך רוף אוים צו מיינע אַקטיאָרן:

— קינדער, די היינטיגע נאַכט וועט ביי אונז זיין א פריילעכע. מיר פאָרן אַלע אין בעסטן רעסטאָראַן פון באָסטאָן און מיר וועלן זיך לאָזן וואוילגיין, און אַלץ צוליב דעם כבוד פון מיין אַמאָליגן רעטער.

מיין גאַסט קוקט אויף מיר מיט א גוטמוטיגן שמייכל.

— מאַקס! — רוף איך אוים צו מיין דרעסער — לויף שוין אַרוים אין דרויסן און באַשטעל א האַלב טוץ דראָשקעס (קיין טעקסעס און אויטאָמאָ־בילן זענען נאָך דאַמאָלסט ניט געווען אזוי פּאָפּולער ווי היינט). מיר פאָרן אַלע, אָבער טאַקע אַלע, אפילו די סטיידזש־הענט און די פּראָפּערטי מען. איך פּראַווע היינט א יום טוב, א גרויסן יום טוב.

און איך צוקוש זיך ווידער מיט מיין טייער אידעלע.

מיר זענען אַלע פאַרטיג געוואָרן מיטן אָנטאָן זיך. די אַקטיאָרן שטייען אַרום מיר. איך האַלט אַרומגענומען מיין גאַסט.

— נו, חברה, קומט אַלע און איר זאָלט אַלע נאָכפאָרן נאָך מיין קערעדזש.

ווען מיר זענען אַרויסגעקומען אויף דער גאַס, זענען שוין געשטאַנען גרייטע קערעדזשעס. איך גיי אַריין מיט מיין גאַסט אין דעם ערשטן קע־רעדזש און גיב א באַפעל צו אַלע אַרטיסטן:

— פאָרט מיר נאָך!

איך זאָג צו מיין באַגלייטער:

— איך ווייס נישט וועלכער רעסטאָראַן איז דער בעסטער אין באָסטאָן, אָבער איך וועל שוין אויסגעפינען.

מיין אַלטער פריינט זאָגט מיר, אז ער איז בעסער באַקאַנט מיט באָסטאָן ווי איך. ער וועט שוין זאָגן דעם קוטשער וואוהין צו פאָרן, און ער שטעקט אַרויס זיין קאָפּ און זאָגט עפּעס דעם קוטשער אויפן אויער.

מיר פאָרן. חברה אין די הינטערשטע קערעדזשעס נעמען זינגען. עס איז לוסטיג, פרעהלעך. אָפּפאָרנדיג אַ געוויסע שטרעקע, שטעלט זיך אָפּ מיין קערעדזש ביי אַ זעהר שעהן הויז מיט אַ גרויסן אייזערנעם טויער אַרומ-געצאַמט. די אַנדערע קערעדזשעס בלייבן שטיין הינטער אונז. דאָס אידל גייט אַרויס און בעט מיר זאָלן אַלע מיטגיין מיט אים. גייען מיר. ער קלינגט אָן ביים טויער און עס קומט אַרויס אַ יאַפּאַנעזישער באַדינער אין פול-דרעס, און עפנט דאָס טויער. מיר גייען אַריין אין הויז. אין קאָרידאָר נעמט דער יאַפּאַנעזער ביי אונז צו אונזערע העטס און קאָוטס. מיין פריינט אַנטשולדיגט זיך. ער וועט באַלד קומען, זאָגט ער. דער יאַפּאַנעזער לאַקעי פירט אונז אַלע אַריין אין אַ גרויסן זאַל, וועלכער איז געווען זעהר טונקל באַלויכטען, און ער בעט אונז מיר זאָלן זיך זעצען. ווען אונזערע אויגן האָבן זיך שוין געהאַט אַביסל צוגעוואוינט צו דער האַלבער טונקלקייט, האָבן מיר דערזען, אַז מיר געפינען זיך אין אַ רייך-מעבלירטען זאַל. די ווענט זענען געווען באַהאַנגען מיט טייערע בילדער און טעפּיכער. דער פלאָר איז געווען אויסגעלייגט מיט פוטערנע ראָגס. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ קאָסטבאַרע פּיאַנע. ניט איך און ניט מיינע אַרטיסטן האָבן פאַרשטאַנען וואו מיר געפינען זיך און וואָס ס'קומט דאָ פאָר. וואָס האָט עפּעס דער קוטשער אונז דאָ אַהערגעפירט? האָב איך דאָך געהייסן, אַז מען זאָל מיך פירן צו אַ רייכן רעסטאָראַן, און דאָ איז דאָך נישט קיין רעסטאָראַן. עפּעס איז דאָס מיר פאַרגעקומען ווי אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט. ווי קומט אָט דאָס אָרימע פאַרסאַזשעטע אידל אין אַזאַ פּאַלאַץ?

עס באַווייזט זיך פּלוצלינג דער יאַפּאַנעזישער לאַקעי און מאַכט ליכטיג דעם זאַל. די אויגן זענען ביי אונז פאַרבלענדעט געוואָרן פון די פיל לעמפּלעך אין די טייערע קרישטאָלענע שענדעליערס. מיר זענען אַלע גע-זעסן ווי פאַרגאַפטע. באַלד באַווייזט זיך דאָס אידל, אויסגעפּוצט אין אַ טאָק-סידאָ, מיט צוויי דימענטענע שפּילקעס אַריינגעשטעקט אין דעם ווייס געפּרעסטן העמד און מיט אַ גרויסן דימענטענעם רינג אויפן פינגער. ער באַגריסט פריינטלעך אַלעמען. דאַן לויפט ער צו צו מיר, כאַפּט זיך אַרום מיט מיר און זאָגט:

— אַן איבערראַשונג, האַ? האָסט געמיינט, אַז איך בין אַ שמאַטע-קלייבערן איצט וועל איך דיך פאָרשטעלן פאַר מיין גאַנצער פאַמיליע, וועלכע וואַרט אויף דיר. איך האָב זיי צוגעזאָגט, אַז איך וועל דיך אַהער-ברענגען.

דאָס אידל גיט אַ קלונג אין דעם כינעזישן טאָם־טאָם, וואָס איז גע־שטאַנען אויף אַ טישל, און עס עפענען זיך צוויי ברייטע טירן, וועלכע זענען געווען פאַרהאַנגען מיט זיידענע פּאָרטיערן. מיר האָבן דערזען אין דעם צווייטן צימער אַ לאַנגן טיש, אויף וועלכן עס זענען געווען אָנגעשטעלט פאַרשידענע מאכלים און אויך אַלערליי געטראַנקען. דער טיש האָט זיך געצויגן איבער דער גאַנצער לענג פון דעם צימער, די דאַיינינג רום. אויפן טיש זענען אויך געשטאַנען קרישטאָלענע לאָמפּן. אַרום טיש זענען געשטאַנען אַלע מיטגלידער פון דעם אידעלס משפחה: זיין פרוי, קינדער, שניר, איי־דעמס, — אַלע אין איוונינג דרעסעס. די דאַמען זענען געווען באַהאַנ־גען מיט טייערע דזשולערי. דאָס אידל שטעלט מיך פאָר פאַר זיין משפחה און איך שטעל פאָר מיינע אַרטיסטן. מיר זעצן זיך צום טיש. באַדינער אין פול־דרעס דערלאַנגען עסן און גיסן אָן אין די בעכער אַלערליי געטראַנקען. איך הויב אויף מיין בעכער און טרינק אַ טאָסט פאַר מיין אַלטן פריינט. דערביי דערצייל איך פאַר זיין משפחה, ווי אַזוי דער קאָפּ פון דער פאַמיליע, האָט מיט פיל יאָרן צוריק געראַטעוועט מיין פאַמיליע, ווען מיר האָבן זיך געפונען אין אַ שרעקלעכער נויט.

די סצענע איז געווען אַ רירענדע. די באַלעבאָסטע האָט זיך האַרציג צעקושט מיט איר מאַן. זי איז געווען שטאָלץ מיט זיין עדלער טאַט.

מיר האָבן פאַרבראַכט אַ זעהר פרעהלעכן אָוונט. יענעם אָוונט וועל איך מיין גאַנצן לעבן ניט פאַרגעסן. נאָכן סאַפּער זענען מיר ווידער אריין אין זאַל. דער לאַקעי האָט צוגעטראָגן יעדן איינעם קאַווע און סיגאַרן און סיגאַרעטס. די טעכטער פון דעם באַלעבאָס האָבן אונז אונטערהאַלטן ביי דער פּיאַנאָ. מיינע אַקטיאָרן און אַקטריסעס האָבן געזונגען און דע־קלאַמירט.

דאָס „אידעלע פון עסעקס סטריט״ זיצט מיט מיר אין אַ ווינקל און מיר שמועסן. איך דערצייל אים וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט די גאַנצע צייט זינט ער האָט מיך ניט געזען און ער דערציילט מיר וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט. קיין אָרימאַן איז ער קיינמאָל ניט געווען. אין ניו יאָרק האָט ער שווער געאַרבעט, אָבער ער האָט פאַר זיך ניט געזען קיין וועג ווי זיך אַרויפצואַרבעטן, האָט ער באַשלאָסן אַוועקצופאָרן. ער איז געקומען אין טשעלסי. דאָ האָט ער גענומען האַנדלען מיט אַלט אייזן, שפּעטער האָט ער גענומען אָפּקויפן אַלטע הייזער, וואָס מ׳האָט געדאַרפט אַראָפּוואַרפן און אויפבויען אויף דעם פּלאַץ נייע. קורץ, ער צעוואַרפט אַלטע הייזער און

בויט נייע, קויפט און פאַרקויפט אייזן, שטיינער און האָלץ. ער איז אַ גרויסער עושר. זיין פאַמיליען־לעבן איז אויך אַ גליקלעכער. ער האָט נחת פון די קינדער. איין איידעם איז אַ לאָיער, דער צווייטער — אַ דאָקטאָר. איין זוהן איז מיט אים אין ביזנעס; דער צווייטער איז אַ פּראָפעסאָר אין אַ קאַלעדזש.

איך פריי זיך מיט זיין פרייד.

פלוצלינג גיט ער אַ פרעג:

— טאָמאַשעווסקעלע, אפשר דאַרפסטו געלט, אפשר דאַרפסטו אַ טעאַ־טער? איך וועל דיר געבן געלט און איך וועל דיר בויען אַ טעאַטער. ביי מיר ביזטו פונקט ווי מיינס אַ קינד. איך פיהל צו דיר פונקט ווי אַ טאַטע פיהלט צו אַ טייער, ליב קינד. איך האָב דיך געזען דאָס ערשטע מאָל שפּילן טעאַטער ווען דו ביזט נאָך געווען אַ יונגער בחור'ל. דו האָסט דענסטמאָל געשפּילט אין „ראָטשילד'ס ביאָגראַפיע". זינט דאַן ביזטו מיר געוואָרן איינגעבאַקן אין הארצן. פונקט ווי מאיר אנשעל ראָטשילד, די ראָלע וואָס דו האָסט געשפּילט אַלס אָרעמער אינגל, וועלכער לויפט אַרום נאַקעט און באָרוועס איבער די גאַסן און קלויבט שמאַטעס, — פונקט ווי ער, האָב איך אָנגעפאַנגען מיין קאַריערע מיט שמאַטעס. אמת, איך אַליין האָב די שמאַטעס ניט געקליבן. איך האָב זיי בלויז געקויפט און פאַרקויפט. און נאָך אַצינד האַנדל איך מיט שמאַטעס — אַלט אייזן, אַלטע הייזער, אַלטע ציגל, אייגנטלעך אויך שמאַטעס. . . . טאָמאַשעווסקעלע, שעם זיך ניט, זאָג וואָס איך קאָן פאַר דיר טאָן און איך וועל אַלץ טאָן. געדענקסטו נאָך דאָס לידל, וואָס דו האָסט געזונגען, ווען דו האָסט אין דיין ראָלע געקליבן שמאַטעס אין די גאַסן?

און ער נעמט מיר זינגען דאָס לידל, וואָס איך האָב געזונגען אין „ראָטשילד'ס ביאָגראַפיע", די פּיעסע וואָס מיין טאַטע האָט פאַרפאַסט. ווי דער לעזער דערמאָנט זיך, האָב איך אין דער פּיעסע געשפּילט צוויי ראָלן: אַלס ראָטשילד דער שמאַטער־קלייבער און אַלס ראָטשילד דער באַנקיר. איך האָב גאָר קיינמאָל ניט געדענקט, אַז די ראָלע מיינע זאָל אויף עמיצן מאַכן אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז נאָך אַזוי פיל יאָרן זאָל ער נאָך געדענקען דאָס לידל, וואָס איך האָב געזונגען.

מיר האָבן זיך גאָרניט געקענט שיידן מיט די ליבע, האַרציגע מענטשן, מיט זייער גאַסטפריינדלעכקייט.

די זעלבע קערעדזשעס, וועלכע האָבן אונז געבראַכט צו דעם רייכן הויז, האָבן אונז אָפּגעפירט צוריק אין אונזער האָטעל. דער אַמאָליגער פּעד־לער און איצטיגער גביר האָט פאַר אַלץ באַצאָלט. מיין אַלטער פריינט האָט מיך באַגלייט צוזאַמען מיט זיינע איידעמס און ביידע זין אין מיין האָטעל. מיר זענען נאָך אַריין אין אַ קאַפע און פאַרבראַכט אַ היבשע צייט. די גאַנצע צייט האָט מיין אַלטער פריינט געהאַלטן מיינע הענט אין זיינע און מיר געקוקט אין די אויגן אַריין, און ווידער האָט ער מיך געגלעט און געמורמלט:

— טאַמאַשעווסקעלע, שעם זיך ניט, איך בעט דיך, זאָג מיר, אפשר קען איך דאָך פאַר דיר עפּעס טאָן אַז איך זאָל דיך מאַכן גליקלעך.

איך האָב זיך מיט מיין אַלטן פריינט געזעגנט. איך האָב אים נאָך אַמאָל געדאַנקט פאַר אַלץ וואָס ער האָט אַמאָל געטאָן פאַר מיין אָרעמער פאַ־מיליע און אים געבעטן, ער זאָל מיך קומען באַזוכן אין ניו יאָרק.

— איך וועל זיך פילן גליקלעך ווען איך וועל אייך זען זיצן אין אַ לאָזשע אין מיין טעאַטער. איך וועל דאַמאָלסט שפּילן נאָר פאַר אייך, נאָר פאַר אייך, מיין טייערער פריינט, רעטער פון מיין גאַנצער פאַמיליע!

ער איז קיין ניו יאָרק ניט געקומען. איך האָב אים מער ניט געזען, ניט אים און ניט קיינעם פון זיין פאַמיליע. איך טראָג זיך אָבער אַרום מיט אַ הייסן וואונש אים און זיינע קינדער נאָך אַמאָל צו באַגעגענען. עס וועט דאַן זיין ביי מיר אַ גרויסע שמחה.

די לעזער געדענקען פון אַ פריערדיגן קאַפּיטעל ווי אַזוי איך האָב זיך באַ־קאַנט מיט מאָרים מאָריסאָנ׳ען אין שיקאַגאָ.

אַ לאַנגע, לאַנגע צייט האָב איך פון מאָריסאָנ׳ען ניט געהערט.

איך שפּיל אין ניו יאָרק אין טהאַליאַ טעאַטער און האָב גרויס ערפאָלג מיט מיינע אָפּערעטן. אַ געוויסן פרײַטאָג קום איך אין טעאַטער צו פּראָבע, זאָגן מיר חברה שוישפּילער, אַז מאָריסאָן איז דאָ אין ניו יאָרק. זיי האָבן אים געזען אין מאַרקיז׳ס קאַפע (די דאַמאָלסטדיגע בירזשע פון אידישע שוישפּילער). איך וואונדער זיך: מאָריסאָן איז דאָ אין ניו יאָרק און ער קומט ניט צו מיר! איך טראַכט ביי זיך: וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך אים געטאָן?

איך דערמאָן זיך וועגן זיין פאַרשוואונדן ווערן פון שיקאַגאָ. זיין איצטיג אויסבאַהאַלטן זיך פאַר מיר איז אומפאַרשטענדלעך, אָבער איך

טרייסט זיך: ער וועט נאָך אודאי קומען, און אפשר האָט ער מיך געזוכט און ניט געפונען. אפשר איז ער געוועזן ביי מיר אין דער היים און מיך ניט געטראָפן.

נאָך פּראָבע גיי איך אַרויס פון טעאַטער. איך בלייב שטיין אויף די ברייטע טרעפּ, וועלכע האָבן אַריינגעפירט אין טעאַטער און זע ווי אויף דער אַנדערער זייט, ביים ווינדזאָר טעאַטער, שטייט מאָריסאָן מיט אַ גרופּע אידישע שוישפּילער. איך זע זיי לאַכן, טראַכט איך ביי זיך, וואַרשיינלעך דערציילט זיי מאָריסאָן זיינע דייטשע וויצן. פּלוצלינג באַמערק איך, אַז מאָריסאָן האָט מיך דערזען. איך האָב אים באַגריסט, אָבער ער ענטפערט ניט. טראַכט איך ביי זיך: אפשר זעט ער מיך ניט? איך בין אומישנע געשטאַנען אויף די טרעפּן עטלעכע מינוט, אָבער מאָריסאָן איז צו מיר ניט צוגעקומען. איך בין שוין איצט געוועזן זיכער, אַז ער האָט מיך יאָ געזען, בין איך אַהיימגעגאַנגען אַן אויפגערעגטער.

איך האָב זיך נאָכגעפרעגט ווי עס גייט מאָריסאָנ'ען. מען האָט מיר דערציילט, אַז עס זעט אויס, אַז ער איז אויף גרויסע צרות. ער טראָגט אַלטע, אָפּגעריבענע קליידער. ער ראַזירט זיך ניט און עס נעמט שוין ביי אים וואַקסן אַ באָרד, ער כאַפּט ביי שוישפּילער אַ גמילת חסד, און די גרעסטע צרה מיט אים איז, וואָס ער האַלט אין איין שפּילן קאָרטן אין אַ געוויסן געמבלינג־הויז, וואו עס שפּילן אויך מאַנכע אידישע אַקטיאָרן.

עס גייען אַוועק טעג און וואָכן און מאָריסאָן קומט אַלץ ניט צו מיר. אין אָנהייב האָט עס מיך זעהר פאַרדראָסן, אָבער שפּעטער האָט עס מיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן. איך האָב זיך מער ניט אינטערעסירט וועגן מאָריסאָנ'ען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער האָט מסתמא דאָס געלט, וואָס ער האָט געמאַכט אין שיקאַגאָ, פאַרשפּילט אין קאָרטן און ער איז ווידער אויף גרויסע צרות. איך האָב געזוכט אַ זכות אויף אים: זייענדיג אַ „געבראָכענער מעמבער“ שעמט ער זיך צו ווייזן פאַר מיר.

געהערט האָב איך, אַז מאָריסאָן ליגט איבער אין ווינדזאָר טעאַטער גאַנצע טעג און נעכט, אַז ער חבר'ט זיך מיט אַדלער'ן און מיט קעסלער'ן. איך האָב זיך אויך דערוואוסט, אַז ער פרעגט זיך אפילו ניט אויף מיר און אויך ניט אויף מיין אסתר'לען, וועלכע ער האָט, זייענדיג אין שיקאַגאָ, אַזוי שטאַרק ליב געהאַט און וועלכע ער פלעגט יעדן טאָג פירן אין איר קערעדזשל אין פּאַרק אַריין.

א געווינסן טאָג, זיצנדיג אין טעאַטער ביי פּראָבע, דערזע איך, אַז מאָ־ריסאָן שטייט ביים טיר. איך מאַך זיך ווי איך זע אים ניט און לאָז אים אַזוי שטיין. איך קוק מער ניט אין יענער זייט. מיינע שוישפּילער זאָגן מיר, אַז מאָריסאָן איז דאָ, אַז ער שטייט ביים טיר. איך מאַך זיך ניט הערנדיג און גיי ווייטער אָן מיט דער פּראָבע. איך האָב געענדיגט איין אַקט. ביי פּראָבע פירט מען זיך געוויינלעך, אַז ווען מען ענדיגט אַן אַקט, מאַכט מען אַ פּויזע אויף צען מינוט, דערנאָך גייט מען ווייטער אָן מיט דער פּראָבע. דאָס מאָל האָב איך קיין פּויזע ניט געמאַכט, ווייל כ'האָב זיך ניט געוואָלט באַגעגענען מיט מאָריסאָנ'ען. אין מיטן פון מיין אַרבעט קומט מאָריסאָן צו צו מיין טיש, לעגט אַרויף זיין גרויסע, ברייטע האַנט אויף דער פּיעסע, וואָס איז דאָרט געלעגן, און זאָגט מיט זיין ברייטן, שווערן דייטשן אַקצענט:

— באָריס, דו מוזט מיט מיר שפּרעכן!

מיין האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן. מאָריסאָן האָט די עטלעכע ווערטער אַרויסגעזאָגט מיט אַזוי פיל וועהטאָג, מיט אַזוי פיל שרעק, אַז איך האָב אין דעם מאָמענט פאַרגעסן אַלע עולות, וואָס ער איז געגן מיר באַגאַנגען. איך האָב געהייסן ברענגען אַ שטול, וועלכע מען האָט אַוועקגעשטעלט נעבן מיר. מאָריסאָן האָט זיך אַוועקגעזעצט און איך בין ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דער פּראָבע. וואָרפנדיג אויף דעם באַרימטן שוישפּילער אַ זייטיגן בליק, האָב איך באַמערקט, אַז ער זיצט ווי אַ פאַרשעמטער. איך האָב געפיהלט, אַז זיין האַרץ איז איבערפולט מיט חרטה, און אין זיינע אויגן האָב איך דערקענט, אַז ער האָט מיר אַ סך, זעהר אַ סך צו דערציילן. ווען איך בין פאַרטיג געוואָרן מיטן אַקט, האָב איך זיך צו מיין גאַסט געווענדעט:

— קומט מיט מיר, מאָריסאָן.

איך האָב אים אַוועקגעפירט אין מיין דרעסינג־רום. מאָריסאָן איז גע־זעסן און געשוויגן. אַ לאַנגע צייט איז קיין וואָרט פון זיין מויל ניט אַרויס־געקומען. ענדלעך האָב איך געגעבן מאָריסאָנ'ען אַ סיגאַר און אַליין אויך פאַררויכערט. מיר לאָזן ביידע אַרויס דעם רויך פון די סיגאַרן. מאָריסאָן מאַכט בויגעלעך פון רויך פון זיין סיגאַר, ווי עס איז געווען זיין טבע ביים רויכערן, קוקט אויף מיר און זיינע אויגן זענען מיט טרערן אָנגעגאָסן, אָבער ער שווייגט נאָך אַלץ, רעדט קיין וואָרט ניט. איך האָב אונטערבראָכן דאָס שטילשווייגן.

— נו, מאָריסאָן, ווי גייט עס אייך?

איך האָב אים ניט געוואָלט פרעגן פאַרוואָס ער איז צו מיר ניט געקומען, פאַרוואָס ער האָט מיך ניט באַגריסט, ווען ער האָט מיר געזען מיט עטלעכע טעג צוריק אויף די טרעפ פון מיין טעאַטער. איך האָב אויך ניט געוואָלט דערמאָנען זיינע האַנדלונגען געגן מיר אין שיקאַגאָ. איך האָב פּשוט אַ פרעג געטאָן ווי עס גייט אים.

מאָריסאָן האָט זיך שטאַרק צעוויינט. ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט, אַז ביי יעדער קליינינקייט פלעגט ער זיך צעוויינען. איך האָב אים גע־לאָזט זיך גוט אויסוויינען, און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן רעדן.

— באָריס, איך בין אַ גאָט־פאַרדאַמטער לומפּ! איך שעם זיך פאַר דיר, באָריס! דו ביזט אַ דזשענטלמען. דו האָסט געגן מיר געהאַנדלט איידל און איך בין אַ גאָט־פאַרדאַמטער שורקע. איך האָב אַלץ פאַרגעמבלט. איך בין אַ שלעכטער מענטש און אַ שלעכטער קאָרטן־שפּילער. זיי, די פאַרדאַמטע קאָרטן־שפּילער, די געמבלערס, קענען מיין שוואַכקייט און זיי נעמען פון מיר אַלץ אַוועק, נאַטירלעך ניט אויף קיין ערלעכן וועג. שווינדלער, קאָרטן־שווינדלער זענען זיי. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז זיי שפּילן מיט געמאַרקטע קאָרטן, אָבער איך שפּיל ניט מער. גלויב עס מיר, באָריס! די שווינדלער האָבן מיך פון דער קאָרטן־קראַנקהייט אויסקורירט.

איך פרעג ביי מאָריסאָנ׳ען וואָס ער רעכנט צו טאָן.

— איך וויל שפּילן טעאַטער! — ענטפערט ער מיר.

— אידיש טעאַטער? — פרעג איך אים.

— דו ווייסט דאָך, אַז איך קען ניט רעדן קיין אידיש. איך וואָלט וועלן . . . איך וויל זיין מיט דיר, באָריס! איך וועל טאָן אַלץ וואָס דו וועסט מיר באַפעלן, דיין קינד וויל איך זיין און דו זאָלסט זיין מיין פאָטער. באָריס, איך בין אַ קראַנקער לומפּ און עמיצער מוז מיך קורירן. זיי דו מיין רעטער, באָריס!

— וואו וואוינט איר? — פרעג איך ביי אים ווייטער.

— אין אַ באַוערי־האָטעל, וואו עס האַלטן זיך אויף טרעמפּס, פינף־און־צוואַנציג סענט אַ נאַכט צאָל איך פאַר דעם געלעגער. יאָ, דאָס בין איך — אַ טרעמפּ, אַ באַוערי־טרעמפּ! איך האָב שוין ביי אַלע אידישע שוישפּילער געלט געליען. איך בין יעדן איינעם שולדיג און איך וויל אַלעמען באַצאָלן. אויב ניט, וועל איך זיך דערשיסן. עס בלייבט מיר קיין אַנדער וועג ניט. יאָ, באָריס, איך וועל מאַכן אַ סוף צו מיין לעבן, איך קאָן ווייטער אַזוי ניט לעבן!

— אפשר וואָלט איר צוריקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד? — פרעג איך.

— ניין, ניין, ניין! — שרייט מאָריסאָן אויס מיט זיין דראַמאַטישער שטימע, — ניט קיין דייטשלאַנד! דייטשלאַנד איז פאַר מיר טויט און באַגראָבן. ניין, איך בלייב אין אַמעריקע, ביי דיר, באָריס, בלייב איך. אייביג, אייביג וועל איך דיך געדענקען. איך בין דיין קינד און דו ביסט מיין פאָטער. . . .

און מאָריסאָן וויינט שוין ווידער.

— וואו זענען אייערע שעהנע קליידער, וואָס איר האָט געקויפט אין שיקאַגאָ? וואָס האָט איר געטאָן מיט זיי? — פרעג איך ביי מאָריסאָנ'ען.

— אין פאָון־שאָפּ — ענטפערט ער, כליפּענדיג — אַלץ איז אין פאָון־שאָפּ. איך פאַרמאָג אפילו ניט ביי זיך קיין קוואָדער אויף צו באַצאָלן פאַר אַ נאַכט־לעגער.

געוואוסט האָב איך, אַז מאָריסאָן האָט ליב צו „לייהען" געלט און האָב ערוואַרט, אַז ער וועט פאַרלאַנגען פון מיר אַ גמילת חסד'ל. איך האָב אויך געוואוסט, אַז אויב איך וועל אים אַצינד געבן אפילו פינף דאָלער, וועט ער גלייך אַוועק אין אַ געמבלינג-הויז און ווידער פאַרשפּילן און ער וועט ווידער קומען צו מיר און וויינען, אָדער ער וועט זיך אָפּזוכן אַן אַנדערן „סאָקער". איך האָב זיך אויפגעהויבן און געזאָגט צו מיין גאַסט:

— קומט מיט מיר, מאָריסאָן, מיר וועלן עסן מיטאָג.

— איך וויל ניט עסן. מיך הונגערט ניט — ענטפערט מאָריסאָן — אַ היים וויל איך, באָריס, אַ צימער.

און ער יאָמערט ווייטער. איך בין אַרויסגעגאַנגען מיט מיין גאַסט פון דרעסינג־רום. מיינע שוישפּילער האָבן געוואַרט איך זאָל ענדיגן די פּראָבע. איך האָב זיך אַנטשולדיגט פאַר מאָריסאָן און געהייסן אים זיך אַוועקזעצן און בין ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דער פּראָבע. די גאַנצע צייט איז ער געזעסן נעבן מיר. איך האָב געפיהלט, אַז ער זיצט אויף שפּילקעס, עטלעכע מאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— באָריס, איך וויל שוין גיין.

— איר וועט גיין מיט מיר אַהיים — האָב איך אים געענטפערט.

מיר זענען פאַרטיג געוואָרן מיט דער פּראָבע. די שוישפּילער זענען זיך צעגאַנגען. איך האָב גענומען מאָריסאָנ'ען און אים צוגעפירט צו ברום סטריט קאָרנער באַוערי, וואו עס האָט זיך געפונען דער קאָנטינענטאַל האָטעל. איך בין אַריינגעגאַנגען און אָפּגעזוכט אַ שעהן צימער פאַר פופצן דאָלער

אַ וואָך און האָב באַצאָלט פאַר אַ חודש פאָראויס. איך האָב מאָריסאָנ'ען געגעבן דעם שליסל פון זיין צימער. ער האָט מיר ניט געדאַנקט, האָט אַריינגעלעגט דעם שליסל אין קעשענע און מיר זענען געגאַנגען עסן מיטאָג אין אַ רעסטאָראַן. ביים עסן האָט מאָריסאָן עטלעכע מאָל אַרויסגענומען דעם שליסל פון זיין צימער און דערביי באַמערקט:

— יאָ, איך האָב שוין וואו צו שלאָפן.

נאָכן עסן האָב איך מיין גאַסט געבראַכט צו מיר אַהיים. ער האָט זיך געפריינט מיט מיין פאַמיליע. ער איז שוין פאַרבליבן ביי מיר אין הויז ביז סאַפּער. נאָכן סאַפּער האָבן מיר גענומען אַ שפּאַציר. אין אָוונט איז מאָריסאָן שוין געזעסן אין מיין דרעסינג־רום אין טעאַטער. נאָך דער פאָר־שטעלונג זענען מיר ביידע אַוועק אין דער טעאַטער־קאַפע און דאָרטן פאַר־בראַכט ביז גאַנץ שפּעט. דאַן האָב איך אים צוגעפירט צום האָטעל. ביים זאָגן אים „גוד נאַיט", האָב איך אים אַריינגעשטופּט אַ פינף דאָלער ביל אין האַנט און בין אַוועק.

אויף מאָרגן צו פּראָבע — מאָריסאָן איז ווידער דאָ! ער זעצט זיך אַוועק אויף אַ בענקל נעבן מיר און זיצט די גאַנצע צייט, וואָס די פּראָבע גייט אָן. פון צייט צו צייט נעמט ער אַרויס דעם פינף דאָלער ביל און שפּילט זיך מיט אים. דאָס האָט ער מיר געוואָלט ווייזן, אַז ער האָט נאָך דאָס געלט. ביי דער פּויזע, נאָכן ערשטן אַקט, דערציילט ער מיר ווי גוט ער איז געשלאָפן די נאַכט, ער האָט זיך אויסגעבאָדן, געלעזן אַ צייטונג. ער האָט גערעדט פּונקט ווי אַ קינד, ווען עס גייט אָפּ רעכנונג זיין פאָטער ווי אַזוי עס האָט זיך אויפגעפירט דורך דער צייט, ווען ער, דער פאָטער, איז אין דער היים ניט געווען. מיינע שוישפּילער דערציילן מיר, אַז מאָריסאָן האָט זיי פריער באַגעגנט און פאַר זיי דערציילט וואָס איך האָב פאַר אים געטאָן אין שיקאַגאָ און אויך וואָס איך טו דאָ איצט פאַר אים. ער האָט זיי געזאָגט, אַז פון היינט אָן בין איך זיין פאָטער און ער איז מיין קינד. חברה האָט זיך דערביי געוויצלט. פאַרשטייט זיך, זיי האָבן אים ניט גענומען ערנסט. מאָריסאָן טרעט אַלץ ניט אָפּ פון מיר. זיץ איך, זיצט ער אויך, גיי איך אין אָפיס, גייט ער מיר נאָך. ער עסט שוין ביי מיר אין הויז, נאָכן עסן, ווען איך גיי כאַפּן אַ דרעמל, לייגט ער זיך אויך צו אויפן קאַוטש. אין אָוונט גייט ער מיט מיר אין טעאַטער און זיצט נעבן מיר בשעת איך גרימיר זיך, און ווען איך שפּיל, שטייט ער הינטער די קוליסן און לאָזט פון מיר קיין אויג ניט אַראָפּ.

א געוויסע נאכט זיץ איך מיט מאָריסאָנ׳ען אין דער טעאַטער־קאַפע. פּלוצלינג נעמט ער מיך אַרום מיט דער צערטלעכקייט פון א קינד צו זיין פאָטער און זאָגט:

— באַריס, איך וויל שפּילן טעאַטער!

— אָבער וואָס זאָל איך טאָן מיט אייך, אַז איר ווילט ניט רעדן קיין אידיש!

— איך וויל יאָ, אָבער איך קען ניט „יודלען", טאָ וואָס זשע זאָל איך טאָן, באַריס?

— ווייסט איר וואָס, מאָריסאָן? איר וועט שפּילן אויף דייטש און די אַנדערע שוישפּילער אויף אידיש.

— גוט, פיין, גרויסאַרטיגן — דערפרייט זיך מאָריסאָן — א קאָלאָסאַלע אידעע! אַט דאָס וועלן מיר טאָקע טאָן.

און ער פרעגט ביי מיר וואָס עס זאָל זיין די ערשטע פּיעסע, אין וועלכער ער זאָל אויפטרעטן. איך זאָג אים, אַז לויט מיין מיינונג איז די פּאַסענדסטע פּיעסע „אוריאל אַקאָסטאַ", ווייל מיינע אַקטיאָרן האָבן שוין געשפּילט אין איר און זיי קענען גוט זייערע ראָלן.

— פיין, גוט, גרויסאַרטיג, קאָלאָסאַל! — רופט ווידער מאָריסאָן אויס מיט פרייד.

נאָך א קורצן פאַרטראַכטן זיך, זאָגט מאָריסאָן:

— אַלזאָ, מיר שפּילן „אַקאָסטאַ", אָבער דו מוזט אויך מיטשפּילן. דו וועסט שפּילן „דע־סילוואַ".

— לאָזט מיך אָפּ מיט „דע־סילוואַ"! — בעט איך זיך ביי מאָריסאָנ׳ען — מיינע קאָסטאָמער, איבערהויפּט די מיידלעך און די ווייבלעך, ווילן מיך זען אָהן א באָרד. פאַר זיי מוז איך שפּילן עפּעס א יונגען פּרינץ, א יונגען קעניג, א יונגען העלד, א פּאַסטוכעל, אָדער סתם עפּעס א שעהן בחור׳ל, און איר ווילט מיך גאָר פאַרשלייערן מיט א באָרד און מאַכן פון מיר אַן אַלטן אידן! . . .

— באַריס, ווייסטו ווער עס האָט מיט מיר אין בערלין און אין ווין געשפּילט אין „אַקאָסטאַ" די ראָלע פון „דע־סילוואַ"?

און ער נעמט מיר אויסרעכענען א צעטל פון ערשט־קלאַסיגע אַרטיסטן.

— עס איז אמת, איך ווייס, אַז איר האָט געשפּילט מיט גרויסע אַרטיסטן, אָבער איך בין א גאַנץ געוויינלעכער אידישער אַקטיאָר און איך מוז אָפּהיטן מיין שטיקל ברויט — ערקלער איך מאָריסאָנ׳ען — איך האָב גענוג אַרטיסטן

וואָס וועלן גוט שפּילן די ראָלע פון „דע־סילוואַ“. איר וועט זיכער צופרידן זיין מיט זייער שפּילן.

און באַלד האָט דאָס גאַנצע קאָפּע־הויז געוואוסט, אַז מאָריס מאָריסאָן וועט שפּילן „אַקאָסטאַ“ מיט אידישע אַקטיאָרן. די שוישפּילער האָבן מאָריסאָנ'ען גראַטולירט און אים געוואונשן ערפאָלג.

אַ טאָג שפּעטער איז שוין די נייעס געמעלדעט געוואָרן אין די ענגלישע, דייטשע און אידישע צייטונגען. איך האָב אַרויסגעלאָזן פּאוסטערס מיט מאָריסאָנ'ס בילד און געלאָזט וויסן דעם עולם, אַז אין דעם און דעם טאָג וועט אין טהאַליאַ טעאַטער פאָרקומען אַ היסטאָריש געשעעניש: מאָריס מאָריסאָן וועט אויפטרעטן אין „אוריאַל אַקאָסטאַ“ צוזאַמען מיט אידישע שוישפּילער. ער וועט שפּילן אין דייטש און די איבעריגע שוישפּילער אין מאַמע-לשון. עס איז געוואָרן אַ געלויף ביי דער קאַסע נאָך טיקעטס. אידן האָבן זיך באַזאָרגט באַצייטנס מיט בילעטן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פּראָבן. אין אָנהייב איז געווען אַ ביסל צרות מיט די אידישע שוישפּילער, ווייל מאָריסאָן האָט געהאַט אַ גאַנץ אַנדערע רעזשי און אונזערע שוישפּילער האָבן שטודירט זייערע ראָלן אויף אַן אַנדערן שטייגער און אונטער אַן אַנדערן רעזשיסער. עס זענען אויך געווען צרות מיט דער איבערזעצונג, ווייל דער אידישער איבערזעצער האָט פון דעם אָריגינאַל אויסגעלאָזט גאַנצע שטיקער, און אַ רעזשיסער איז מאָריסאָן געווען אַ שלעכטער. ביי פּראָבן איז ער געווען בייז, אויפגערעגט. אַ רעזשיסער מוז אָבער זיין אַ געלאַסענער, אַן איבערגעלעגטער, אַ געדולדיגער. איך האָב געמוזט קומען צו אַלע פּראָבן און אַכטונג געבן, אַז עס זאָל ניט אויסברעכן אַ מלחמה צווישן מאָריסאָנ'ען און די שוישפּילער. און מיט דער דאַמע, וואָס האָט געדאַרפט שפּילן די ראָלע פון „יהודית“, איז גאָר געווען גרויסע צרות. די ראָלע האָט געדאַרפט שפּילן סאָפיע קאַרפּ. ווי דער לעזער ווייסט שוין פון אַ פריערדיגן קאַפּיטעל, האָט סאָפיע קאַרפּ קיינמאָל קיין ראָלע זיך ניט געקענט אויסלערנען. מאָריסאָן האָט אָבער דערפון ניט געוואָלט וויסן. ער האָט פאַרלאַנגט ווערטער, שפּראַך, און קיין ווערטער האָט סאָפיע ניט געקענט געבן, האָבן זיך אָפּגעטאָן מעשים ביי די פּראָבן. מאָריסאָן האָט זיך געערגערט. איך האָב מיט אַלע כחות אים געזוכט באַרואיקן און האָב די ראָל אַוועקגעגעבן צו בעלאַ גודינסקי. סאָפיע האָט זיך געערגערט און זי האָט אויף רומעניש געשאָלטן דעם „דייטש“, איז אָבער מאָריסאָן געווען אַ רומענישער און גערעדט זעהר גוט רומעניש. האָבן זיך ביידע, מאָריסאָן און סאָפיע קאַרפּ,

גענומען קריגן זיך אויף רומעניש, און איך האָב געמוזט אויף אידיש מאַכן שלום צווישן זיי. אָבער, נאָכדעם ווי בעלאַ גודינסקי האָט איבערגענומען די ראָלע פון „יהודית“, איז ערקלערט געוואָרן אַ וואַפן־שטילשטאַנד.

דעם טאָג פון דער ערשטער פאָרשטעלונג פון „אוריאל אַקאָסטאַ“ מיט מאָריסאָנ׳ען אין דער הויפּט־ראָלע וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. די לעצטע פּראָבע איז דורכגעפירט געוואָרן אין גרויס אויפרעגונג. אַלע זענען געווען נערוועז. עטלעכע מאָל האָט מאָריסאָן זיך צעוויינט. די קאַסע איז געווען באַלאַגערט. דאָס טעאַטער איז שוין געווען איינגאַנצן אויספאַרקויפט נאָך מיט צוויי טעג פריער. בילעטן־שפּעקולאַנטן האָבן געמאַכט אַ סך געלט.

פאַר דער פאָרשטעלונג, איידער דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן, בין איך אַרויס פאַרן פּובליקום און געהאַלטן אַ רעדע וועגן מאָריסאָנ׳ען. איך האָב ערקלערט וואָס פאַר אַ גרויסער כבוד עס איז פאַר אונזער אידישן טעאַטער, אַז דער קייזער־קעניגלעכער שוישפּילער שפּילט פאַר אונז.

ווען מאָריסאָן האָט זיך באַוויזן אויף דער סצענע, איז ער פאַרוואָרפן געוואָרן מיט בלומען. ער האָט ווירקלעך אויסגעזען ווי אַ הייליגער אין דער ראָלע פון „אַקאָסטאַ“. ער איז געווען אַ וואונדערבארער „אַקאָסטאַ“.

דאָ איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין זיין גאַנצן לעבן האָט מאָריסאָן געשפּילט בלויז זיבן פּיעסן: „די רויבער“ פון שילער (אין דער פּיעסע פלעגט ער אַמאָל שפּילן צוויי ראָלן, די ברידער פראַנץ און קאַרל), „האַמלעט“, „שיילאָק“, „קעניג ריכאַרד דער דריטער“, „קין“ און „אוריאל אַקאָסטאַ“. אָט אין דעם רעפּערטואַר פלעגט ער אויפטרעטן אין די אידישע טעאַטערס פון ניו יאָרק און אויך אויף דער פּראָווינץ. ער פלעגט זיינע ראָלן דורכפירן אין דער דייטשער שפּראַך און די אַנדערע שפּילער האָבן געשפּילט מאַמע-לשון. „אַקאָסטאַ“ איז געווען די בעסטע ראָלע זיינע.

מיינע באַציהונגען צו מאָריסאָנ׳ען זענען ווירקלעך געווען ווי פון אַ פאָטער צו אַ קינד, און אָט די באַציהונגען האָבן אָנגעהאַלטן ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן. עטלעכע מינוט פאַר זיין טויט זאָגט ער צו מיר:

— פאָטער מיינער! דו, באָריס, ביסט געווען מיר געטריי ווי אַ פאָטער.

און באַלד נאָכדעם האָט ער זיינע קלוגע, שעהנע אויגן אויף אייביג פאַרמאַכט.

20

איך ווער אַ שותּף מיט אַדלער'ן - מיר נעמען איבער דאָס פּיפּלס טעאַטער - גאָרדין שרייבט פֿאַר מיר אַ פּיעסע פֿון אַלטער בעלזער'ס פֿאַמיליע־לעבן - אַ מעשה מיט צוויי שוועסטערלעך. טאָלסטאָי'ס „רעזורעקשאָן" - אַ טעאַטער־מלחמה

דער לעזער געדענקט נאָך די סצענע, וואו איך האָב זיך אין פּילאַדעלפּיע, אויף דער בינע פֿון אַרטש סטריט טעאַטער, איבערגעבעטן מיט מיין שוועסטער עמאַ און מיט מיין שוואָגער מאָריס פינקעל, איר מאַן. ער געדענקט אויך געוויס וואָס עס איז פֿאָרגעקומען ביי דער באַלקאָן־סצענע אין דעם זעלבן טעאַטער ווען איך און סאָפיע קאַרפּ האָבן געשפּילט „ראָמעאָ און דזשוליעט", איך בין דאַמאָלט אינמיטן פֿון דער סצענע אַנטלאָפֿן פֿון דער בינע, האָב אויף גיך זיך איבערגעטאָן אין מיינע קליידער, צוגעלאָפֿן צום דיפּאָ און געכאַפּט אַ טריין, וועלכע האָט מיר אָוועקגעטראָגן קיין ניו יאָרק.

אַדלער האָט דאַמאָלסט געשפּילט אין דעם קליינעם רומעניען אָפּערא הויז. ער האָט געמאַכט שלעכטע געשעפֿטן. די צוויי גרויסע אידישע טעאַטערס, דאָס ווינדזאָר און טהאַליאַ, האָבן אַדלער'ן פּשוט ניט געלאָזט אויפֿהויבן דעם קאָפּ. אַדלער האָט שטאַרק געוואָלט אָנקומען אין איינעם פֿון די גרויסע טעאַטערס. מיט קעסלער'ן האָט אַדלער ניט געלעבט בשלום. ביי יעדער געלעגנהייט פֿלעגן זיך די צוויי קינסטלער איינער דעם אַנדערן קיבעצן. מיט מיר איז אַדלער געווען אַלע יאָרן באַפֿריינדעט, אפילו ווען מיר האָבן זיך צעווערטלט אין פּולס טעאַטער, וואו מיר זענען געווען פּאַרטנערס.

אַ געוויסן טאָג קריג איך אַ בריוול פֿון אַדלער'ן. ער שרייבט מיר, אַז ער וואָלט זיך וועלן מיט מיר טרעפֿן אין אַזאַ פּלאַץ, וואו אונזערע מענטשן (טעאַטער־לייט) קומען ניט. איך האָב אים געענטפֿערט, אַז מיר זאָלן זיך באַגעגענען אין סענטראַל פּאַרק קאַסינאָ און דערביי אָנגעגעבן דעם טאָג

און די צייט. איך האָב ביי זיך געטראַכט, אַז דאָרטן קומען געוויס ניט קיין אידישע טעאַטער־מענטשן.

צו דער באַשטימטער צייט האָבן מיר זיך דאָרט ביידע באַגעגנט. דער גרויסער אַדלער דערציילט מיר, אַז ער איז אין זיין טעאַטערל אויף גרויסע צרות. איך האָב אַדלער'ן גוט געקענט, ער איז געווען אַ ציניקער. כמעט אַלץ וואָס ער האָט גערעדט האָט געקלונגען מיט שפּאַס, ערנסטקייט האָט זיך אין זיין ריידן זעלטן געפּיהלט. דאָס מאָל האָב איך אַריינגעקוקט אין זיינע גרויסע, שעהנע אויגן און האָב געזען, אַז ער ליידט שטאַרק. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט זיך פיל מאָל איבערלייגט ביז ער האָט באַשלאָסן זיך מיט מיר צו באַגעגענען און פאַר מיר זיין האַרץ אויסצורעדן. ער דער־ציילט מיר גאַנץ פּשוט, אַז ער קען ניט עקזיסטירן אין דעם קליינעם טעאַ־טערל. ער האָט קיין כח ניט צו שפּילן יעדע נאַכט. ער האָט ניט קיין רעפּערטואַר, קיין אויסוואַל פון גוטע פּיעסען, ער קען ניט אויסקומען מיט די אַקטיאָרן, וועלכע בונטעווען זיך געגן אים. איבערהויפּט האָט זיך אַדלער שטאַרק געקלאָגט אויף מאַשקאָוויטש'ן און טאָרנבערג'ן, אַז זיי דערגייען אים פּשוט די יאָרן. ער האָט זיך אויך באַקלאָגט אויף אַ מענטשן, וועלכער איז געווען זעהר נאָהענט צו אים, אָבער איך קען דעם נאָמען פון דעם מענטשן ניט אַרויסגעבן. ער לעבט נאָך און מיר באַגעגענען זיך גאַנץ אָפט. קורץ, אַדלער זאָגט מיר, אַז ווען מיר ביידע וואָלטן זיך פאַראייניגט אין איינעם פון די גרויסע טעאַטערס, וואו איך זאָל שפּילן מיין רעפּערטואַר און ער זיינעם, וואָלטן מיר מאַכן גלענצנדע געשעפטן. מיט דער צייט, זאָגט ער ווייטער, וועלן מיר קענען שטעלן אַ פּיעסע, וואו מיר ביידע זאָלן צוזאַמען שפּילן. דאָס וועט גאָר ברענגען אַ סך ביזנעס און מיר וועלן דאַן ביידע ניט דאַרפן אזוי שווער אַרבעטן.

איך האָב אַדלער'ן ערקלערט, אַז איך וועל איבעררעדן מיט יאָסעלע עדעלשטיינ'ען, וועלכער איז געווען מיין פּאַרטנער, און אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועל איך אים געבן אַן ענטפער. איך האָב אים אויך ערקלערט, אַז איצט, אין מיטן סעזאָן, קאָן איבערהויפּט וועגן אַ פאַראייניגונג קיין רייד ניט זיין, אָבער ווען דער סעזאָן וועט זיך ענדיגן, וועלן מיר זיכער מאַכן אַ געשעפט. דער פּלאַן געפעלט מיר.

איך האָב עדעלשטיינ'ען דערציילט וועגן מיין באַגעגעניש מיט אַדלער'ן און וועגן זיין פאָרשלאַג. עדעלשטיינ'ען איז אויך געפעלן געוואָרן דער פּלאַן. עדעלשטיין האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מיט אַדלער'ן צו

האַנדלען איז ניט אַזוי לייכט. איך האָב עדעלשטיינ׳ען ערקלערט, אַז איך בין שוין מיט אַדלער׳ן געווען פּאַרטנערס צוויי יאָר צייט. דאָס איז געווען אין שיקאַגאָ, און אַז אויך אין פּולס טעאַטער, אויף דער אַבטער סטריט, אין ניו יאָרק, זענען מיר אַ צייט געווען שותפים, אַז מיר האָבן אפילו געוואוינט איבער אַ יאָר צייט אין איין וואוינונג, און מיר האָבן שטענדיג געלעבט בשלום.

דער סעזאָן האָט זיך געענדיגט. אַדלער האָט דאַמאָלט געוואוינט ביי זיינער אַ שוועסטער, וועלכע האָט געהאַט אַ האָטעל אין פאַלסבוירג, אין די בערג. מיר זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין יענעם האָטעל. דאָרטן איז געשלאָסן געוואָרן דאָס געשעפט. מיר זענען געוואָרן דריי פּאַרטנערס, — אַדלער, עדעלשטיין און איך.

מיר האָבן אָנגעהויבן דעם נייעם סעזאָן אין ווינדזאָר טעאַטער. די געשעפטן זענען אַוועק זעהר גוט. צוויי־דריי מאָל אַ וואָך פלעגט אַדלער שפּילן זיין רעפּערטואַר, די איבעריגע אָוונטן האָב איך אויפגעפירט מיינע אָפּערעטן. עס איז געווען פיל בעסער ווי מיר האָבן ערוואַרטעט. מיר, די דריי פּאַרטנערס, האָבן געלעבט ווי איין פרידלעכע פאַמיליע.

אין מיטן סעזאָן איז אַדלער קראַנק געוואָרן. ער האָט זיך שטאַרק געערגערט פאַרוואָס ער קאָן ניט שפּילן. איך האָב אים געטרייסט און געבעטן, ער זאָל זיך ניט ערגערן:

— איר וועט געזונט ווערן, וועט איר ווייטער שפּילן.

אַדלער האָט גאָרניט געוואוסט ווי מיר אָפּצודאַנקען פאַר מיין פריינדלעכקייט, און מיר זענען טאַקע פאַרבליבן אינטימע פריינט ביז זיינע לעצטע מינוטן. איך האָב אַדלער׳ן זעהר שטאַרק ליב געהאַט פאַר זיין אַרטיסטיש שפּילן אויף דער בינע. אַלס מענטש אָבער האָט ער ניט געקענט אָנהאַלטן לאַנג קיין פריינטשאַפט און ליבע, אָבער מיט אונז ביידן איז געווען גאַנץ אַנדערש. אונזער פריינטשאַפט איז קיינמאָל ניט אונטערבראָכן געוואָרן.

איך האָב דאַן צוריק אַריינגענומען אין אונזער טעאַטער מיין שוואָגער מאָרים פינקעל און מיין שוועסטערל עמאַ. איך האָב אויך צוגענומען מיין שוועסטער מערי עפּשטיין, וועלכע איז געווען אַ שעהנע פרוי און אַ גוטע אַקטריסע. איבערהויפּט האָט זי זיך זעהר גוט צוגעפּאַסט צו היסטאָרישע פּיעסען, וועלכע זענען דאַמאָלט געווען אַ גאַנגבאַרער אַרטיקל. זי פלעגט שפּילן די ראָלעס פון אַ קעניגלעכער מאַמע און ווען מערי פלעגט זיך אָנטאָן אַלס אַ קעניגלעכע מוטער, האָט זי געהאַט אַלע חנ׳ען. איר מאַן, לעאָן עפּשטיין,

איז געווען אַ קלוגער, דורכגעטריבענער ליטוואַק. ער איז געווען אַ סופליאָר, האָב איך אים אַרויסגענומען פון דער סופליאָר־בודקע און אים געמאַכט פאַר קעשיר און טרעזשורער פון טעאַטער. עפשטיין האָט זיך די תורה שנעל אויסגעלערנט. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די טרעזשורי־ביזנעס האָט ער געקענט זעהר גוט. אין זיינע קונציגע חשבונות'לעך האָט ער ווייט איבערגעשטיגן די אַנדערע טרעזשורערס, וועלכע איך האָב געמוזט פון מיין טעאַטער אַרויסוואַרפן. ער איז אָבער ביי מיר געווען אויף דעם פּאָסטן אַ סך יאָרן, ביז ער איז פּלוצלינג געשטאָרבן.

אַדלער איז געזונט געוואָרן און האָט ווידער אָנגעהויבן שפּילן. דער סעזאָן אין ווינדזאָר טעאַטער איז געווען אַ העכסט ערפאָלגרייכער. מיר האָבן געמאַכט אַ סך געלט. עטלעכע סעזאָנען זענען מיר צוזאַמען געשטאַנען אין ווינדזאָר טעאַטער און געמאַכט גלענצנדע געשעפטן, אָבער אַדלער האָט מער געקרענקט ווי געשפּילט.

אַ געווויסן טאָג קומט צו מיר דער מענעדזשער פון פּיפּלס טעאַטער, וואו עס האָט געשפּילט אַן ענגלישע קאָמפּאַני, און בעט ביי מיר, אַז איך זאָל אים אַנטלייען אַ געוויסע ווינטער־דעקאָראַציע, וועלכע ער האָט געזען ביי מיר אין אַ געוויסער פּיעסע. איך האָב אים די דעקאָראַציע געליען. ער האָט מיר צוגעזאָגט די דעקאָראַציע צוריקצושיקן באַלד נאָך דער פאָרשטעלונג. ער האָט אָבער זיין וואָרט ניט געהאַלטן. עס זענען אַוועק וואָכן און איך האָב די דעקאָראַציע ניט געקראָגן. אַ געוויסן טאָג, פאַרבייגייענדיג פּיפּלס טעאַ־טער, האָב איך זיך דערמאָנט וועגן דער דעקאָראַציע און בין אַריינגעגאַנגען אין טעאַטער. איך האָב גראַד געטראָפן דעם מענעדזשער אין אָפיס. ער האָט זיך פאַר מיר פיל מאָל אַנטשולדיגט און טאַקע אויפן שטעל האָט ער געהייסן די סטיידזש־הענט זיי זאָלן אויסזוכן די דעקאָראַציע, און פאַר מיינע אויגן האָט מען זי אַוועקגעשיקט אין ווינדזאָר טעאַטער. דער מענעדזשער האָט מיך מכבד געווען מיט אַ גוטן סיגאַר און מיך געבעטן זיצן. ער דערציילט מיר, אַז ער מופט אַרויס פון פּיפּלס טעאַטער. ער לאָזט פאַלן זיין „ליס“ און, אַז ער האָט שוין געלאָזן וויסן די אייגנטימער פון טעאַטער, די מאַינערס, אַז זיי קענען מיטן טעאַטער טאָן וואָס זיי ווילן, ער גייט אַרויס. מען קען מער קיין ענגליש טעאַטער אויף דער באַוערי ניט שפּילן, די געגנד איז געוואָרן אַ אידישע און אַ איטאַליענישע, און די איטאַליענער גייען אויך ניט אין ענגלישן טעאַטער. יעדן זונטאָג נעמען זיי מאַינער'ס בורלעסק־טעאַטער און גיבן דאָרטן איטאַליענישע פאָרשטעלונגען.

קורץ, איך געפין אויס, אַז מען קען דינגען דעם פּיפּלס טעאַטער. איך געזעגן זיך מיטן מענעדזשער (מיר דוכט, אַז זיין נאָמען איז געווען סעלדין) און גיי מיר אַוועק. איך גיי גלייך אַריין צו מאַינער'ן אין זיין דראָגסטאָר, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם זעלבן בנין וואו פּיפּלס טעאַטער. פון דער גרויסער לאָבי אין פּיפּלס טעאַטער איז געווען אַ טיר, וואָס האָט אַריינגעפירט אין דראָג־סטאָר. פון דאָרטן האָב איך אָפּגערופן דעם אַלטן מאַינער אויפן טעלעפאָן. איך האָב זיך מיט אים עטלעכע מאָל באַגעגנט און מיר זענען באַקאַנט געוואָרן. באַקענט האָבן מיר זיך אין זיין בורלעסק-טעאַטער אויף דער באַוערי. ער בעט מיר, איך זאָל תיכף אַריבערקומען צו אים, ער וואַרט אויף מיר אין זיין אָפיס. איך בין באַלד אַוועק אַהין. זיין אָפיס איז געווען ערגעץ אויף דער פיר־און־דרייסיגסטער סטריט. מאַינער ערקלערט מיר, אַז זיין פּיפּלס טעאַטער איז צום פאַרדינגען און ער זאָגט מיר וויפל ער פאַר־לאַנגט דירה־געלט. ער וועט מיר געבן אַ לאַנגן „ליס". ער דריקט אויס זיין מיינונג, אַז פאַר אידישע פאָרשטעלונגען איז דער פּיפּלס טעאַטער ווי געוואונשן. איך פּרוביר אַרונטעררייסן אַביסל פון דירה־געלט, כאָטש אַ פאָר טויזנט דאָלער אַ יאָר, אָבער מאַינער איז פאַר'עקשנ'ט. אַזוי פיל איז זיין פּרייז און קיין סענט ביליגער וועט ער ניט נעמען, ווען דאָס טעאַטער זאָל אפילו שטיין צען יאָר ליידיג. איך האָב געזען, אַז דאָס דינגען זיך וועט גאָרניט העלפן. אין דער אמת'ן איז דער פּרייז גאָרניט געווען אַזאַ גרויסער. מיר האָבן געצאָלט פאַרן ווינדזאָר טעאַטער פיל מער וויפיל מאַינער האָט פאַרלאַנגט. איך האָב אויסגעשטעלט אַ טשעק אויף טויזנט דאָלער און דערלאַנגט מאַינער'ן, וועלכער האָט מיר געגעבן אַ רעסיט. עס איז אָפּגע־מאַכט געוואָרן, אַז אין דריי טעג אַרום דאַרף איך ברענגען נאָך ניין טויזנט דאָלער אַלס סעקיוריטי פאַר אַ פינף־יאָהריגן „ליס".

איך בין באַלד אַוועק צו יאָסעלע עדעלשטיין און אים דערציילט וועגן דעם נייעם געשעפט. שפּעטער האָבן מיר ביידע זיך געזען מיט אַדלער'ן. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן ווייטער פאַרבלייבן זאַלבעדריט אַלס פאַרטנערס. אין דריי טעג אַרום בין איך געקומען צו מאַינער'ן מיט מיינע צוויי פאַרט־נערס, וועלכע איך האָב פאַר אים פאָרגעשטעלט. מיר זענען אַלע אַוועק צו אַ לאָיער און אונטערגעשריבן דעם „ליס". מאַינער'ס לאָיערס זענען געווען האו און האָמעל, צוויי באַרימטע לאָיערס אין יענער צייט. מאַינער האָט גענומען דרייען, קינצלען, אָבער יאָסעלע האָט זיך אַריינגעמישט און ניט געלאָזט. אונזער לאָיער איז געווען רודאָלף מאַרקס, דער געוועזענער קאָ־

מיקער. מארקס האט זיך אויך ארײנגעמישט מיט לאיערשע טעכנישע פונקטן, איז האמעל (װעלכער איז אליין געװען א איד) אין כעס געװארן און האט אונז געהייסן ארויסגיין פון אפיס. ער האט זיך דערביי צעשריען:

— איך האב פיינט, אז מען מאכט מיר דא אין אפיס אידישע קונצן.

מאינער האט עפעס געװאלט זאגן, האט האמעל זיך אויף אים הויך צעשריגן:

— געט דהי העלל אוט אװ הירן (גייט צום טייװעל), איך װיל אייך ניט קענען מיט אייערע ליסעס, מיט אייערע ביזנעסן גייט אייך צו אן אנדערן לאיערן

מיר זענען אלע ארויס פון האמעל׳ס אפיס. מיר זענען ארײן אין א צװייטן אפיס, װעלכער האט אויך באלאנגט צו האמעל׳ן. דארט האט א לאיער אונז פארזיכערט, אז האמעל װעט באלד בעסער װערן. ער איז אן אויפגערעגטער מענטש, און װען ער בארוהיגט זיך, װערט ער װייך װי װאקס און האט שוין חרטה אויף דעם, װאס ער האט אפגעטאן, זייענדיג אויפ־גערעגט. און אזוי איז טאקע געװען. עטלעכע מינוטען שפעטער איז ארויסגעקומען א מיידל און אונז געבעטן, מיר זאלן צוריק ארײנקומען צו האמעל׳ן אין אפיס.

דער בארימטער לאיער האט גארניט געזאגט, זיך ניט אנטשולדיגט, נאר גענומען איבערקוקן די פאפירן. דערנאך האט ער צוגערופן יעדן פון אונז, אז מיר זאלן אונטערשרייבן. פון דעם אפיס זענען מיר אלע אװעק אין דעלמאניקא׳ס בארימטן רעסטאראן, װאו מיר האבן זיך געלאזט װאויל־גיין מיט גוטע מאכלים און פארטרונקען מיט גוטן װיין.

און אט זענען מיר שוין די באלעבאטים פון פיפלס טעאטער.

באלד האט זיך פארשפרייט די נייעס איבער ניו יארק, אז פיפלס טעא־טער איז געװארן א אידיש טעאטער.

מיר האבן זיך גענומען צום אריבערמופן פון װינדזאר טעאטער אין אונ־זער נייער היים. מען האט אנגעהויבן ארויסטראגן דעקאראציעס, גרויסע קאסטנס מיט קליידער און אנדערע בינע־זאכן. אין דרויסן האבן געװארט עקספרעסן, אויף װעלכע מען האט די אלע זאכן אװעקגעלייגט. איך גיב א קוק — אדלער שטייט ביי דער טיר און װיינט. איך גיי צו צו אים און פרעג:

— װאס װיינט איר, אדלער? איר מאכט אויף מיר דעם איינדרוק פון א װיינענדיק קינד, װען די מאמע גייט אװעק און לאזט אים איבער איינעם אליין.

אַדלער האָט מיך אַרומגענומען, און כליפּענדיג געזאָגט:

— טאָמאַשעווסקי, אונז איז אַזוי גוט געווען דאָ, אין ווינדזאָר טעאַטער! מיט יעדן יאָר האָבן מיר געמאַכט אַלץ מער געלט. אַלע פּיעסן, וועלכע מיר האָבן אויפגעפירט, זענען געווען ערפאָלגרייך. נאָך וואָס דאַרפן מיר מופן? נאָך וואָס זוכן אַ נייעם טעאַטער ווען אין דעם אַלטן איז אונז אַזוי גוט? איך זאָג אייך דעם גאַנצן אמת, טאָמאַשעווסקי, אַז ווען איר זענט ניט מיין פּאַרטנער, ווען איך בין מיט יאַסעלע'ן אַליין, לאָז איך אים ניט אַרויס־מופן אין פּיפּלס טעאַטער, און איך בלייב דאָ אין ווינדזאָר טעאַטער. מיר ברעכט דאָס האַרץ, טאָמאַשעווסקי, ווען איך זע ווי די אַרבייטער טראָגן זאַכן.

עס איז צוגעקומען יאַסעלע און נאָך איניגע פון אונזערע מענטשן. מיר האָבן אַלע געלאַכט פון אַדלער'ס טרערן. מיר האָבן אים געטרייסט, אַז אין שעהנעם פּיפּלס טעאַטער וועלן מיר מאַכן נאָך בעסערע געשעפטן. פּיפּלס טעאַטער געפינט זיך אין אַ בעסערער געגענד. דאָ זענען ניטאָ אַזוי פיל ביליגע ביר־סאַלונס און אַזוי פיל האָטעלס, וואו עס האַלטן זיך אויף שכור'ע באָמס. דער צוגאַנג און צופאָהר צום פּיפּלס טעאַטער איז אַ פיל באַקוועמערער ווי צום ווינדזאָר טעאַטער. אַדלער האָט טרויעריג געשאָקלט מיטן קאָפּ און מיט פּאַרוויינטע אויגן געוואונשן, אַז עס זאָל זיין אַזוי ווי מיר טרייסטן אים. איך זאָג צו אַדלער'ן, אַז ער זאָל ניט פּאַרגעסן און צוגרייטן אַ פּאָר גוטע פּיעסן פון יעקב גאָרדין אָדער פון לעאָן קאָברין (די צוויי דראַמאַטורגן האָבן שוין דאַן געהאַט איניגע ערפאָלגרייכע פּיעסן אויפ־געפירט).

— קויפט ביי זיי, אָדער באַשטעלט ביי זיי אַ פּאָר גוטע דראַמעס פאַר אייערטוועגן.

אַדלער זאָגט צו מיר:

— און איר שרייבט אָן עפּעס אַ פיינע מאַכערייקע, עפּעס פון די גוטע, פון די פליישיגע, אַז אידן זאָלן לעקן די פינגער. איר ווייסט דאָך שוין וואָס איך מיין.

איך האָב צוגעזאָגט אַדלער'ן, אַז איך וועל אָנשרייבן אַ געזאַלצענע און געפּעפּערטע אָפּערעטע, אַז אידן וועלן זיך קוויקן מיט איר און וועלן קומען אַזוי די מאַסן אין פּיפּלס טעאַטער. איך האָב אים דערביי איבערגעגעבן דעם סוזשעט פון מיין נייער אָפּערעטע און עס איז אים זעהר געפעלן געווען. ער איז געוואָרן פריילעך און געזאָגט צו עדעלשטיין'ען:

— יאָסעלע, דו הערסט, טאָמאַשעווסקי האָט מיר אַצינד דערציילט דעם אינהאַלט פון דער נייער אָפּערעטע, וואָס ער גייט אָנשרייבן. איך זאָג דיר, אַ רעגעלער צימעס, אַ פעטער קוגעל! דו הערסט, יאָסעלע, דו רומענישע מאַמעליגע! . . . מיר וועלען מאַכן גלענצנדע געשעפטן, קענסט דיר שוין אויפנייען אַ בייטל.

ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און דאַן ווייטער געזאָגט:

— עס טוט מיר בלויז באַנג וואָס איך בין ניט קיין אָפּערעטן־אַקטיאָר, וואָס איך קען ניט זינגען. איך וואָלט אין דער אָפּערעטע מיט פאַרגעניגן געשפּילט.

און ער ווענדעט זיך צו מיר:

— טאָמאַשעסקי, שרייבט פאַר מיר אַן אַ ראָלע אין אייער נייער פּיעסע און איך וועל שפּילן. איך זאָל אַזוי געזונט זיין, ווי איך מיין עס ערנסט! שרייבט פאַר מיר אַ ראָלע פון אַ טאַטען, אַ זיידען, אַן אַלטען גענעראַל, מעג אַפילו זיין פון אַ פּראָסטן סאָלדאַט. שרייבט עפּעס אַ כאַראַקטער פאַר מיר און איך וועל שפּילן.

איך ווענד זיך צו מיינע פאַרטנערס:

— און ווייסט איר ווי די אָפּערעטע וועט הייסן? איך האָב שוין אַ נאָמען פאַר איר: „דאָס פּינטעלע איד".

אַדלער איז אויפגעשפּרונגען פון שמחה.

— „דאָס פּינטעלע איד"! פיין, פיין! פיין! ווען אידן וועלן דערזען אויף די אַפישן טאָמאַשעווסקי'ס „דאָס פּינטעלע איד", וועט ווערן פרעהלעך אין די אידישע גאַסן, אַפילו אין אַפּ־טאַון, צווישן די אַמעריקאַניזירטע אידן, וועט די אָפּערעטע אַרויסרופן גרויס אינטערעס. הערט אַן איינפאַל פון טאָמאַשעווסקי'ן, הערט אַ נאָמען — „דאָס פּינטעלע איד"! איך בין זיכער, אַז „דאָס פּינטעלע איד" וועט זיין אַ סענסאַציע. איך מוז איצט אַריבער אין פּיפּלס טעאַטער מיט אַ גאַנץ אַנדער געמיט. מיין האַרץ איז פול מיט האָפנונגען. גוד־באַי ווינדזאָר טעאַטער! גוד־באַי איר טייערע פיר ווענט, וועלכע האָבן אונז פאַרשאַפט עשירות און כבוד!

מיר, די דריי פאַרטנערס, האָבן גענומען אַ שפּאַציר פון ווינדזאָר טעאַטער צום פּיפּלס טעאַטער. קומענדיג אין אונזער נייער היים, האָבן מיר אַריינגעשיקט נאָך ווײַן אין סאַליוועג'ס סאַלון, וואָס האָט זיך געפונען צוויי טירן פון דעם טעאַטער. סאַליוועג אַליין, דער באַקאַנטער טעמעני־פּאָליטישן,

האָט געבראַכט עטלעכע פֿלעשער ווײַן און עטלעכע פֿלעשער קאָניאַק און מיר האָבן געמאַכט אַ „לחיים‟ און זיך געוואונשן מזל־ברכה אין אונזער נײַער היים.

מיר האָבן זיך גענומען צוגרייטן צום נײַעם סעזאָן. ווען מיר זענען געקומען צו פּראָבע, האָבן מיר אויף דער בינע געפֿונען אַ מאַסע בלומען, וואָס אונזערע שוישפּילער, פֿריינט און באַקאַנטע האָבן אונז צוגעשיקט. אַ לאַנגער טיש איז געווען געדעקט איבער דער גאַנצער לענג פֿון דער בינע פֿון פּיפּלס טעאַטער. אַלע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, כאָריסטן, סטעידזש־הענד, אַשערס און דאָרקיפּערס האָבן אונז אויפֿגענומען מיט הוראַ־געשרייען און אונז געוואונשן גליק. פֿרידזל האָט מיט זײַן אָרקעסטער געשפּילט באַקאַנטע מעלאָדיען פֿון אונזער רעפּערטואַר. איך האָב געזאָגט עטלעכע ווערטער, אַדלער האָט געוואָלט רעדן, אָבער ער האָט ניט געקענט, טרערן האָבן אים געשטיקט.

מיר זענען אַרײַן מיטן רעכטן פֿוס אין פּיפּלס טעאַטער. די געשעפֿטן זענען אַוועק גוט, אָבער טאַקע גאָר גוט, און מיט יעדן יאָר איז געוואָרן אַלץ בעסער און בעסער. מיר האָבן אַ סך, אַ סך געלט דאָרטן פֿאַרדינט. מיר, די דרײַ שותּפֿים, האָבן אַוועקגעלייגט שווערע טויזנטער אין די בענק. יאָסעלע האָט געהאַט שׂכל און אַוועקגעלייגט אַ שווערן שטיין אויף יעדן דאָלער. . . . אַדלער האָט אויך געשפּאָרט געלט אין באַנק. איך בין געווען דער איינציגער, וואָס האָט זיך ניט געיאָגט נאָך אַ פּעטן באַנק־ביכל. איך האָב מײַן געלט פֿאַרספּענדט, איך האָב געקויפֿט קערעדזשעס מיט פֿערד, געהאַט אייגענע הײַזער, אַ שיינע הויז מיט צוועלף צימערן אויף בעדפֿאָרד עוועניו, אין ברוקלין, אַ באָנגאַלאָ בײַם ים, מיט עלעקטרישע ליכט, מיט אַן אייגענעם גאָרטן, מיט אַ פֿאָנטאַן, מיט גאָלדענע פֿישלעך. אין האָנטער האָב איך געהאַט אַ זומערהיים מיט צוואַנציג אַקער לאַנד, מיט אַ זומער טעאַטער, וואו איך פֿלעג געבן פֿאָרשטעלונגען אין דער צײַט וואָס איך בין דאָרטן געווען אין די הייסע מאָנאַטן. יעדער פֿון מײַנע בײַם האָט געהאַט אַן אַראַביש פֿערדל און אויך פּאָנים (קליינע פֿערדלעך). איך האָב פֿאַר זיך דאָרטן אויפֿגעבויט אַן עקסטראַ הויז, צווישן געדיכטע ביימער, אַרומגערינגלט פֿון ריזיגע בערג. דאָס איז געווען מײַן אַרבייטס-צימער. דאָרטן, אין יענעם הויז, האָב איך מײַנע אָפּערעטן געשריבן. איך האָב פֿאַר מײַן געלט געלעבט און געהאַט הנאה פֿון לעבן. אַדלער האָט מיט אַלע זײַנע קינדערלעך געוואוינט אין אַ טענעמענט־הויז, שפּעטער אין אַן אַפּאַרטמענט־הויז, און יאָסעלע האָט אויך פֿאַרנומען

אַזעלכע צימערן ווי אַדלער, אָבער טראָץ דעם וואָס איך האָב אַזוי פיל פאַר־ספּענט, האָב איך נאָך געהאַט אַ שעהנע סומע געלט אין באַנק.

געעפנט האָבן מיר דעם פּיפּלס טעאַטער ניט מיט קיין נייע פּיעסען, נאָר מיט רעפּערטואַר, מיט פּיעסען וואָס מיר האָבן שוין געהאַט געשפּילט מיט אַ יאָר און צוויי צוריק.



אברהם גאָלדפאַדען (1840—1908)

יעקב גאָרדין (1853—1909)

אויף סוכות האָב איך אויפגעפירט אַ נייע פּיעסע פון יעקב גאָרדין. דער נאָמען פון דעם שטיק איז געווען „דוד'ל משורר“. די פּיעסע האָט אַריינ־געבראַכט אַ סך געלט אין אונזער קאַסע.

דאָ מוז איך דעם לעזער ערקלערן ווי אַזוי איך קום צו גאָרדינ'ען. עס איז מיט דעם פאַרבונדן אַ געוויסע פּאַסירונג:

יעקב גאָרדין האָט געשריבן זיינע פּיעסען אויסשליסליך פאַר יאַקאָב אַדלער, פאַר דוד קעסלער און פאַר קעני ליפּצין. אַ געוויסן נאָכמיטאָג

קומט יעקב גאָרדין צו מיר אהיים. איך האָב זיך זעהר דערפרייט מיט דעם ליבן גאַסט און אים אָפּגעגעבן אַ סך כבוד. פּריוואַט זענען מיר, יעקב גאָרדין און איך, געווען זעהר גוט באַפריינדעט, הגם דער עולם האָט גע־מיינט אַז מיר זענען אויף מעסער־שטעך. געמיינט האָט דער עולם אַזוי דערפאַר, ווייל גאָרדין פלעגט האַלטן רעדעס אין קלובס, אין האָלס און ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט ער מיך אַטאַקירן. ער האָט געזאָגט, אַז טאָמאַ־שעווסקי מיט זיינע „פינטעלעך", „אַלעקסאַנדערלעך" און „פידעלעך", מאַכט אַ תל פון דער ליטעראַטור. מיך האָט דאָס, נאַטירלעך, פאַרדראָסן, פלעג איך אים קיין בעל־חוב ניט בלייבן. איך פלעג האַלטן רעדעס פון מיין בינע און געקיבעצט גאָרדינ'ען מיט זיינע „קעניג לירעלעך" און די „אידישע גלחים־לעך". נאָך זיינע אַטאַקעס אויף מיר און נאָך מיין ענטפערן אויף זיי, פלעגן מיר זיך באַגעגענען ביי צייטלינ'ען אין רעסטאָראַן, אויף קאַנאַל סטריט, נעבן דער באַוערי, (דאָרטן פלעגן אויך קומען אידישע שוישפּילער און אי־דישע שרייבער), אָדער אין מאַרקיז'ס קאַפע, אויף גרענד סטריט, און מיר פלעגן שטונדן לאַנג פאַרברענגען אויף דעם פריינטלעכסטן שטייגער. גאַנץ אָפט פלעג איך גאָרדינ'ען אָפּפירן אהיים אין מיין קערעדזש (קיין אָטאָמאָבילס זענען נאָך דאַן ניט געווען).

אַלזאָ, גאָרדין איז ביי מיר אין דער היים אַלס גאַסט. מיר טרינקען טיי און מיר אונטערהאַלטן זיך. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז גאָרדין איז געקומען צו מיר ניט סתם אַלס גאַסט, ער האָט אודאי עפּעס אַ פאָרשלאַג פאַר מיר, און מיין האַרץ האָט מיך נישט אָפּגענאַרט.

גאָרדין ערקלערט מיר, אַז ער דאַרף שיקן זיין זוהן אין קאָלעדזש און, אַז ער דאַרף איינצאָלן דריי הונדערט דאָלער און ער האָט ניט די סומע.

— אָדלער — ערקלערט ער מיר — זאָגט, אַז ער האָט נישט קיין געלט, קעני ליפּצין זאָגט אויך דאָס זעלבע, און דעם זעלבן תירוץ גיט אויך דוד קעסלער.

— בין איך, אַלזאָ, געקומען צו אייך, מיסטער טאָמאַשעווסקי, איך מוז האָבן דריי הונדערט דאָלער.

איך האָב נישט אויסגערעדט קיין איין וואָרט און האָב אָנגעשריבן אַ טשעק אויף דריי הונדערט דאָלער.

— איך וועל זיך אַוועקזעצן פאַר אייך שרייבן אַ פּיעסע — זאָגט ווײי־טער גאָרדין. — וועט איר די דריי הונדערט דאָלער אַראָפּנעמען פון מיין ראָיאַלטי.

— זעהר פיין, מיסטער גאָרדין. — בין איך צופרידן מיט מיין גאַסטס פּאַרשלאַג. — איך וועל טאַקע וואַרטן אויף אייער פּיעסע מיט אומגעדולד.

— אפשר קענט איר מיר געבן עפּעס אַ סוזשעט? — פרעגט גאָרדין.

— יעס, — ענטפער איך.

איך האָב פאַר גאָרדינ'ען דערציילט די פאַמיליען־טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דעם הויז פון דעם באַרימטן חזן ניסן בעלזער מיט זיין זוהן אַלטער'ל. איך האָב וועגן דעם געשריבן, ווי דער לעזער געדענקט אודאי, אין די ערשטע קאַפּיטלעך פון מיינע ערינערונגען. אָט פון דער פּאַסירונג האָט גאָרדין געמאַכט זיין פּיעסע „דוד'ל משורר". ווען גאָרדין האָט פאַר מיר געלייענט די פּיעסע, איז דער לעצטער אַקט אַרויסגעקומען ניט קיין געראָטענער. ער האָט פאַר מיר געלייענט עטלעכע מאָל דעם לעצטן אַקט, ווייל ער האָט אים געהאַלטן אין איין איבערמאַכן. ער איז אָבער אַלץ ניט אַרויסגעקומען אַזוי ווי איך האָב געוואָלט.

איך זאָג צו גאָרדינ'ען:

— אויב איר וועט זיך נישט געפינען באַליידיגט, מר. גאָרדין, וועל איך אָנשרייבן דעם לעצטן אַקט. איך וועל אים אייך געבן און איר וועט אים איבערשרייבן אויף אַ ליטעראַרישער שפּראַך, און אויב איר וועט געפינען פאַר נויטיג, קאָנט איר אויך מאַנכע סצענעס איבעראַרבעטן. אויף אַזאַ אופן וועלן מיר פאַרענדיגן אונזער „דוד'ל משורר".

ער האָט צוגעשטימט, און איך האָב אָנגעשריבן דעם לעצטן אַקט.

ווען איך האָב אים איבערגעלעזן פאַר גאָרדינ'ען, איז ער געבליבן זיצן אַביסל פאַרטראַכט, דאַן זאָגט ער צו מיר:

— איר ווייסט, טאָמאַשעווסקי, איר האָט אָנגעשריבן אַ גוטן לעצטן אַקט. איך האָב גאָרנישט וואָס איבערצומאַכן.

האָבן מיר געשפּילט „דוד'ל משורר" מיט מיין לעצטן אַקט.

ביז איצט ווייסט קיינער נישט וועגן דעם, נאָר אַזוי ווי איך האָב צוגעזאָגט ביים אָנהייב פון מיינע ערינערונגען, אַז איך וועל שרייבן אַלץ, אַלץ, און וועל קיין זאַך ניט פאַרבאָרגן, גיב איך איצט דאָס ערשטע מאָל אַרויס דעם סוד אין דער עפנטלעכקייט.

„דוד'ל משורר" איז געבליבן איינע פון מיינע וויכטיגסטע ראָלן. איך האָב די פּיעסע געשפּילט אַ לאַנגע צייט אין ניו יאָרק און אויך איבער גאַנץ אַמעריקע. אויף מיין רייזע איבער איראָפּע האָב איך אויך דאָס זעלבע שטיק געשפּילט אין לאָנדאָן, פּאַריז, וויען, בערלין, לעמבערג, לאָדזש,

וואַרשע, יעקאַטערינאָסלאַוו, אָדעס, און אומעטום האָט די פּיעסע פּיין אויס־גענומען. גאָרדין פלעגט אָפט קומען אין מיין טעאַטער מיך זען שפּילן „דוד'ל משורר". איך האָב פאַרגעשטעלט אַ חסידישן יונגעמאַן, וואָס האָט אַ שטאַרקן חשק צו מוזיק. ער פאַרלאָזט זיין היים, זיין יונג ווייבל און זיינע קליינע קינדערלעך און פאָרט אַוועק שטודירן מוזיק. ער ווערט אַ גרויסער מוזיקער. ער פאַרליבט זיך אין איינע פון די לערערינס אין קאָנסערוואַ־טאָריום און קומט אהיים אָפּ'גט'ן זיין פרוי, און ביים גט שטאַרבט ער פּלוצלינג. איך האָב דעם כאַראַקטער גוט אַרויסגעבראַכט, ווייל איך האָב אַלטער'לען, ניסן בעלזער'ס עלטסטן זון, פּערזענלעך גוט געקענט. בין איך דאָך געוועזן מיט אים צוויי און אַ האַלב יאָר צוזאַמען. איך בין אויך געוועזן זיין לערער און האָב אים געגעבן די ערשטע לעסאָנס אין רוסיש. די טראַ־געדיע מיט דעם באַגאַבטן יונגעמאַן איז מיר געלעגן טיף אין מיין האַרצן, דערפאַר האָב איך זיך אַזוי שטאַרק דערפרייט, ווען גאָרדין האָט אָנגענומען מיין סוזשעט און זיך אַוועקגעזעצט פאַר מיר שרייבן די פּיעסע. מיינע דאַמאָלסטיגע פּאַטריאָטן האָבן שטאַרק אָנגעקוואָלן פון מיין נייער ראָלע. זיי האָבן געלאָזט מאַכן פון מיר אַ בילד פון לויטער אידישע בוכשטאַבן. אין דעם פּאָרטרעט זענען געווען אויסגערעכנט אַלע מיינע פּיעסען, וואָס איך האָב דורך דער גאַנצער צייט אויפגעפירט און אויך אַ שטיק פון מיין לעבנס־געשיכטע. פאַר דעם בילד האָבן די פּאַטריאָטן באַצאָלט אַ היבשע סומע געלט. אַ געוויסן אָוונט, ווען איך האָב געשפּילט „דוד'ל משורר", האָבן זיי מיר דאָס בילד געגעבן אַלס מתנה.

„דוד'ל משורר" האָט פאַרגרעסערט די צאָהל פון מיינע פּאַטריאָטן, ריכ־טיגער געזאָגט, פּאַטריאָטקעס. צוויי מיידלעך, שוועסטערלעך, האָבן זיך אין מיר פאַרליבט, ווען זיי האָבן מיך געזען אין דער ראָלע. דאָס איז געווען זייער ערשטער באַזוך אין אַ אידיש טעאַטער, און „דוד'ל משורר" האָט זיי ביידן פאַרכאַפּט ביים האַרצן. זיי זענען געוואָרן מיינע געשוואוירענע פּאַטריאָטקעס. אָבער פּאַטריאָטקעס צו פּאַטריאָטקעס איז נישט גלייך. יעדעס מאָל, ווען איך האָב געשפּילט דאָס שטיק, זענען ביידע שוועסטער־לעך געזעסן אין דער לאָזשע אויסגעפּוצטע, באַהאַנגען מיט דזשולערי. ביידע האָבן געהאַט בוקעטן בלומען מיט זיך און ווען דער ערשטער אַקט האָט זיך געענדיגט, האָט די עלטערע מיר אַרויפגעוואָרפן דעם בוקעט, וואָס זי האָט געהאַט צוגעשפּילעט צו איר ברוסט און נאָכן צווייטן אַקט האָט

די אינגערע שוועסטער איר בוקעט צו מיר צוגעוואָרפן. די ביידע שוועס־טערלעך האָבן געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע צושפּילער און אויך פון פּובליקום. נאַטירלעך, האָבן זיי אויך מיין אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגן. איך האָב שוין געוואוסט, אַז יעדעס מאָל וואָס איך שפּיל „דוד׳ל משורר״, וועלן ביידע שוועסטערלעך זיצן אין באָקס און וואַרפן צו מיר בלומען. חברה פלעגן מיר דערציילן, אַז די ביידע שוועסטערלעך זענען שטערבלעך פאַרליבט אין מיר. זיי זענען ניט קיין אָרעמע קינדער און, אַז זיי וואָלטן אַוועקגעגעבן די דיימאָנד־רינגען וואָס זיי טראָגן, אַז זיי זאָלן כאָטש קאָנען איין מינוט ריידן מיט מיר. און טאַקע דערפאַר, וואָס חברה האָבן מיר דאָס דערציילט, האָב איך אויפגעהערט קוקן אויף ביידע שוועס־טערלעך. פריער, ווען איך האָב ניט געוואוסט פון זייער ליבע צו מיר, פלעג איך אַמאָל צו זיי אַ שמייכל טאָן און צוואַרפן זיי אַ בליק אין דער באָקס, וואו זיי זענען געזעסן, אָבער ווען מען האָט מיר דערציילט די מעשה וועגן די רינגלעך, האָב איך אויפגעהערט צו קוקן צו זיי.

אַ געוויסן אָוונט שפּיל איך „דוד׳ל משורר״. ווי אַלע מאָל ביי דער פאָרשטעלונג פון דער פּיעסע זענען אין באָקס געזעסן די צוויי שוועסטערלעך. נאָכן ערשטן אַקט, ווען איך בין געווען ביי זיך אין דרעסינג־רום, הער איך פּלוצלינג אַ גערודער ביי דער טיר. מיין דרעסער, מאַקס, לויפט אַרויס זען וואָס עס איז געשען. ער קומט צולויפן אַ דערשראָקענער און דערציילט מיר, אַז אַ מיידל איז געפאַלן אין חלשות ביי דער טיר פון מיין דרעסינג־רום, און אַז אַרום איר שטייען דערשראָקענע די אַקטיאָרן און אַנדערע בינע־מענטשן. איך האָב געהייסן, אַז מען זאָל די פאַר׳חלש׳טע אַריינברענגען צו מיר. די טיר פון מיין דרעסינג־רום איז אויסגעקומען די צווייטע טיר פון דער לאָזשע. איינינע אַשערס און עטלעכע פרויען, וועלכע זענען אויך געזעסן אין דער זעלבער באָקס מיט די צוויי שוועסטערלעך, האָבן די פאַר־חלש׳טע אַריינגעבראַכט און איר אַוועקגעלעגט אויפן טערקישן קאָוטש, וואָס האָט זיך דאָרטן געפונען. זיי האָבן איר גענומען מינטערן, בעת איך האָב געמוזט אַרויפגיין אויף דער בינע. עפּעס איז דאָרטן קאַליע געוואָרן די עלעקטריק און מען האָט מיך געדאַרפט האָבן. ווען איך בין צוריק אַריינ־געקומען אין דרעסינג־רום, האָב איך דערקענט די פאַר׳חלש׳טע. זי איז געווען די עלטערע פון די צוויי שוועסטערלעך, מיינע נייע פּאַטריאָטקעס. די אינגערע שוועסטער איז געזעסן נעבן דער פאַר׳חלש׳טער און איר צוגעלעגט קאַלטע קאָמפּרעסן צום קאָפּ. זי דערציילט מיר, אַז איר שוועסטער האָט

זיך געפּיהלט ניט־גוט דעם גאַנצן טאָג און, אַז די מאַמע האָט איר ניט געהייסן גיין אין טעאַטער, אָבער ווען טאָמאַשעווסקי שפּילט „דוד׳ל משורר״, מוזן זיי ביידע גיין צו דער פאָרשטעלונג.

די פאַר׳חלש׳טע איז צו זיך געקומען. זי האָט געעפנט אירע אויגן און אַ שמייכל געטאָן צו מיר. זי זאָגט צו איר שוועסטער, „איך פּיהל שוין בעסער״, דערנאָך האָט זי זיך געווענדעט צו מיר:

— איך דאַנק אייך, מיסטער טאָמאַשעווסקי, וואָס איר האָט ערלויבט מען זאָל מיך דאָ אַריינברענגען און אָפּראַטעווען. איך האָב געמיינט, אַז איך שטאַרב שוין.

די פאָרשטעלונג איז ווייטער אָנגעגאַנגען און ביידע שוועסטערלעך זענען ווידער געזעסן אין דער לאָזשע.

ביים נעקסטן מאָל שפּילן „דוד׳ל משורר״ האָט די אינגערע שוועסטערל גע׳חלש׳ט, און, שוין ניט אָנפרעגנדיג ביי מיר, האָט די עלטערע די פאַר׳חלש׳טע אַריינגעבראַכט אין מיין דרעסינג־רום. דאָס האָט פּאַסירט ניט צווישן דער פאָרשטעלונג, נאָר ווען דאָס שפּילן האָט זיך שוין געהאַט געענדיגט און דאָס פּובליקום איז שוין געווען אַהיימגעגאַנגען. ווען איך בין אַריינגעגאַנגען אין מיין דרעסינג־רום האָב איך געפונען די פאַר׳חלש׳טע אויפן קאַוטש. איר עלטערע שוועסטער האָט זי געמינטערט. אַזוי ווי עס איז שוין געווען נאָך דער פאָרשטעלונג, האָב איך מער צייט געהאַט צו פאַרבלייבן מיט זיי. די פאַר׳חלש׳טע איז אָפּגעמינטערט געוואָרן און האָט איינגעדרעמלט. די עלטערע האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן מיר, ווען איך האָב זיך גענומען אָפּווישן די שמינק פון פּנים. איך האָב זיך געוואָלט איבערטאָן, אָבער איך האָב ניט געקענט צוליב מיינע געסט. די עלטערע פון די שוועסטער האָט געזען מיין פאַרלעגנהייט. מאַקס, מיין דרעסער, האָט געגעבן אָנצוהערעניש, אַז מען דאַרף זיך איבערטאָן. די מיידל האָט שמייכלענדיג אַ זאָג געטאָן:

— איך וועל אַרויסגיין און וואַרטן ביז איר וועט פאַרטיג ווערן מיטן אָנטאָן זיך. מיין שוועסטערל קען איך דאָך נישט רירן פון אָרט. זי האָט איינגעדרעמלט, וועט זי סיי ווי סיי גאָרניט זען.

זי איז אַרויסגעגאַנגען, אַוועקגעזעצט זיך אין דער באָקס און געוואַרט ביז מען וועט איר רופן. איך האָב זיך איבערגעטאָן און מאַקס איז אַהיימגעגאַנגען. איך בין געבליבן אַליין אין דרעסינג־רום מיט דעם מיידל. איך בין צוגעגאַנגען צו איר, גענומען איר הענטל, געפּיהלט איר פּולס. אָבער

אזוי ווי איך בין ניט קיין דאָקטאָר, האָב איך ניט געוואוסט וואָס מיט איר איז. איך האָב איר אָפּגעשפּילעט די ווייסטל, עס זאָל איר זיין באַקוועמער צו שלאָפן. זי האָט געשווינגן, זיך נישט גערירט. איך האָב זיך אוועקגעזעצט נעבן איר אויפן קאַנאַפּע. די שלאָפנדיגע מיידל האָט אַרויפגעלעגט איר האַנט אויף מיר און מיך פעסט געדריקט. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אז דאָס חלש׳ן פון ביידע שוועסטערלעך איז געווען א גוט אויסגעטראַכטער פּלאַן ווי אזוי אַריינצוקומען אין מיין דרעסינג־רום. ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָט מיין דרעסינג־רום שטענדיג געהאַט פיינע עלעקטרישע באַלייכטונגען פון אַלערליי קאָלירן. איך האָב געמאַכט דאָס צימער אַביסל טונקעל, אין אָראַנדזש קאָליר. דאָס ליכט איז געפאַלן אויפן פּנים׳ל פון יונגן מיידעלע. איך האָב זי אַרומגענומען און איר אַ קוש געטאָן. ווי אַ ווילדע האָט זי זיך פּלוצלינג אויפגעכאַפּט און גענומען מיך קושן און האַלזן און דערביי היסטעריש געלאַכט. זי האָט זיך געפרייט ווי אַ קינד, וואָס געפינט עפּעס א טייער שפּילעכל. א היבשע ווילע זענען מיר ביידע געזעסן אויף דעם קאַנאַפּע און זיך געקושט און געהאַלזט.

— וואו איז מיין שוועסטער? — פרעגט זי, — זי האָט מיך גאָר איבערגעלאָזט אליין!

און באַלד גיט זי אַליין אַן ענטפער אויף דער פראַגע.

— עס מאַכט נישט, איך בין שוין ניט קיין איבערגעשראָקענע.

פּלוצלינג האָט די עלטערע שוועסטער אָנגעקלאַפּט אין טיר. די אינגערע האָט די טיר געעפנט. זי האָט איר געלאָזט וויסן, אז זי פיהלט שוין בעסער. ביידע מיידלעך זענען שנעל אוועק.

זינט יענעם אָוונט האָט זיך ביי די צוויי שוועסטערלעך אָנגעהויבן אַ סדרה פון חלש׳ען. ביי איין פאָרשטעלונג האָט די עלטערע גע׳חלש׳ט און ביי דער צווייטער — די אינגערע, און אַמאָל האָט זיך געמאַכט, אז ביידע האָבן צוזאַמען גע׳חלש׳ט, און איך האָב דאַן געהאַט אַ דזשאַב די גע׳חלש׳טע מיידלעך צו מינטערן. . . .

איך האָב נאַטירלעך גלייך געזען, אז די גאַנצע געשיכטע איז אַ קאָמעדיע. דעם אמת זאָגנדיג, האָב איך דאָס נאָך געפיהלט פריער, אָבער אויב איר האַלט שוין ביים אויסזאָגן דעם אמת, וועל איך שוין אויך זיך מודה זיין, אז איך בין נישט מעהר ווי אַ בשר ודם, און די פאַרליבטע פרויען און מיידלעך האָבן מיר גוט פאַרדרייט דעם קאָפּ. זיך פאָרשטעלן דאָ, אז איך בין געווען אַ צדיק, וואָלט געווען לעכערלעך.

איידער איך גיי ווייטער אָן מיט מיינע דערמאָנונגען, וויל איך פאַר דעם לעזער שילדערן אַ סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין פּיפּלס טעאַטער ווען אַדלער האָט אויפגעפירט טאָלסטאָי׳ס „רעזורעקשאָן“.

צווישן מיר און אַדלער׳ן איז געווען אָפּגעמאַכט דורך אַ געשריבענעם קאָנטראַקט, אַז ער, אַדלער, טאָר זיך נישט אַריינמישן אין מיינע פּיעסען, וואָס איך פיר אויך און אַז איך טאָר זיך ניט מישן אין זיינע אויפירונגען. מיר האָבן זיך געהאַלטן טריי לויט אונזער אָפּמאַך. אַדלער פלעגט קיינמאָל נישט קומען צו די פּראָבען פון מיינע פּיעסען און איך פלעג קיינמאָל נישט קומען ווען אַדלער האָט געמאַכט פּראָבע. ווען מיר וואָלטן ניט פּינקטלעך געהאַלטן דעם אָפּמאַך, וואָלט זיכער אויסגעבראָכן אַן אַדלער־טאָמאַשעווסקי־מלחמה און אונזער פּאַרטנערשיפּ וואָלט ניט אָנגעהאַלטן אַזוי פיל יאָרן.

נאָכדעם ווי איך האָב אויפגעפירט „דוד׳ל משורר“, האָט אַדלער, לויטן אָפּמאַך, גענאַרפט אויפירן זיינע אַ פּיעסע. ער האָט גענומען מאַכן פּראָבן פון טאָלסטאָי׳ס „רעזורעקשאָן“. דאָס שטיק האָט אַ סך כאַראַקטער־ראָלן און מיר האָבן ניט געהאַט אַזוי פיל אַקטיאָרן פאַר דער פּיעסע. עס איז, אַלזאָ, ניט געווען וועמען פאַנאַנדערצוטיילן די ראָלן, און דינגען נייע אַקטיאָרן האָט מען נישט געקאָנט. עס איז דאַמאָלסט געווען אַ יקרות אויף שוישפּילער. אַלע פעהיגע אַקטיאָרן זענען געווען פאַרנומען. האָט אַדלער, מיט דער צושטימונג פון אַלע שוישפּילער, איינגעטיילט צו יעדן שוישפּילער צו צוויי און דריי ראָלן. מאָגולעסקאָ, דער גאָט־באַגאַבטער קינסטלער, האָט געמוזט שפּילן צוויי ראָלן. מאָשקאָוויטש, אויך צוויי ראָלן. טאָרנבערג האָט געקראָגן דריי, לייביש גאָלד אויך דריי. סימאָנאָוו האָט געקראָגן פיר קליינע ראָלן און מאַנע — דריי. די שוישפּילער האָבן די פיל ראָלן אָנגענומען צו שפּילן ניט אַזוי צוליב אַדלער׳ן, נאָר אויס דרך ארץ פאַר טאָלסטאָי׳ען. אַדלער האָט זעהר שווער געאַרבעט ביי די פּראָבן. איך האָב דאַמאָלט מיט אַדלער׳ן געוואוינט אין איין הויז, אויף דער צענטער סטריט. אַדלער האָט געוואוינט אויפן צווייטן פלאָר און איך אויפן דריטן. אַדלער פלעגט אַהיימקומען פון די פּראָבן אַ מידער, אַ פאַרצווייפלטער. גאַנצע טעג און נעכט פלעגט ער אָפּזיצן איבער דער פּיעסע און שווער געאַרבעט: גע־מעקט און געשריבן, געשריבן און געמעקט. איך בין דאַמאָלט ברוגז געווען מיט אים, צוליב עפּעס אַ קליינינקייט, און מיר האָבן עטלעכע וואָכן ניט גערעדט איינער צום צווייטן. פון מיין פענסטער פון דאַיינינג־רום האָב איך געקענט זען דעם צימער, אין וועלכן אַדלער האָט געאַרבעט. שפּעט

אין דער נאַכט און גאַנץ אָפט פאַרטאָג, פלעג איך זען ווי ער זיצט ביי זיין שרייבטיש און גריבלט זיך. זיין גאַנצע נשמה איז געווען אריינגעטאָן אין טאָלסטאָי׳ס ווערק. אדלער האָט געהאַט אַ ספּעציעלע אַמביציע, אַז די פּיעסע זאָל האָבן אַ גרויסן ערפאָלג: טאָמאַשעווסקי האָט געהאַט ערפאָלג אין גאָרדינ׳ס „דוד׳ל משורר״, מוז ער האָבן נאָך אַ גרעסערן סוקסעס — אַ ליטעראַרישן סוקסעס.

געוועהנלעכע טעאַטער פּאָליטיק. . . .

איך האָב געפרעגט ביי די אַקטיאָרן ווי עס גייען צו די פּראָבעס.

אַלע ווי איינער האָבן מיר געענטפערט „אדלער איז משוגע, ער קען קיין פּראָבעס ניט מאַכן. ער ווייס נישט ווי אַזוי צו רעזשיסירן אַ פּיעסע. ער איז נערוועז און ער געדענקט ניט פון איין סצענע ביז דער צווייטער. היינט הייסט ער מיר זאָלן דאָ שטיין, מאָרגן געדענקט ער ניט און ער הייסט שטיין ערגעץ אַנדערש, היינט הייסט ער פירן די געשפּרעכן שטיל, געלאַסן, מאָרגן הייסט ער די זעלבע געשפּרעכן זאָלן געפירט ווערן שרייענדיג, פּילדערנדיג״. קורץ, אַלע שוישפּילער האָבן זיך באַקלאָגט אויף אדלער׳ן, אַז ער איז אַ שלעכטער רעזשיסער, און עס וואָלט געווען פיל בעסער, אַז איך זאָל די פּיעסע אויפפירן.

איך האָב באַרוהיגט די שוישפּילער און דערביי געלויבט אדלער׳ן סיי אַלס גרויסן אַרטיסט און סיי אַלס פעהיגן רעזשיסער. דער בעסטער סימן, אַז ער קען רעזשיסירן איז זיין רעפּערטואַר. אַלע זיינע סוקסעספולע פּיעסען האָט דאָך אדלער אַליין אויפגעפירט.

אַ סך טראָבעל האָב איך געהאַט מיט מאָגולעסקאָ, טאָרענבערג און לייביש גאָלד. אָט די דריי שוישפּילער זענען געווען שטאַרק אָנגעצויגן אויף אדלער׳ן. מאָשקאָוויטש האָט אויך געהאַט זיינע טענות צו אים, אָבער ער איז געווען דער געלאַסענסטער פון אַלעמען, האָב איך געבעטן מאָשקאָוויטש׳ן, אַז ער זאָל אַכטונג געבן אויף די אַנדערע שוישפּילער און ניט דערלאָזן, אַז עס זאָל קומען צו אונאַנגענעמלעכקייטן.

מיר האָבן שוין אַרויסגעלאָזט אַפישן וועגן טאָלסטאָי׳ס „רעזורעקשאָן״. מיר האָבן אויך געדרוקט אַנאָנסן אין די צייטונגען. אויף די אַפישן און אין די אַדווערטייזמענטס האָבן מיר געדרוקט בילדער פון אדלער׳ן און טאָלסטאָי׳ען. אדלער האָט אויף די אַפישן און אויך אין די אַדווערטייזמענטס אין די צייטונגען געלאָזט אָנשרייבן די פאָלגנדע ווערטער: „רעזו־

רעקשאָן" איז אמת'ע ליטעראַטור, אמת'ע קונסט, ניט קיין געמאַכטע, ניט קיין געפעלשטע, ניט קיין נאָכגעקרימטע ליטעראַטור". די ווערטער זענען געווען געצילט געגן יעקב גאָרדין'ען.

ביי דער קאַסע איז געווען פרעהליך, אָבער די פרעהליכקייט איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע ווי ביי געוועהנליכע פּיעסען. עס איז געקומען אַ גאַנץ „אַנדער" עולם, ניט דער סאָרט קאָסטאָמער, צו וועלכן מיר זענען געווען צוגעוואוינט. ניט די מוידן, ניט די שעהנע ווייבלעך, וועלכע פלעגן לויפן צו מיינע פאָרשטעלונגען. עס איז געקומען די אידיש־רוסישע אינטעליגענץ.

מען דערציילט פאַרשידענע וויצן וועגן אַדלער'ס פּאַטריאָטן, די אידיש־רוסישע אינטעליגענץ. אָט איז איינער פון זיי:

— „גאָספּאָדין אַדלער, דאַיטע מניע פּעס דליאַ דווענאַדצאַטי" (גיט מיר אַ פּעס פאַר צוועלף מענטשן).

איך אַליין האָב קיינמאָל ניט געהערט אַז מען זאָל ביי אַדלער'ן בעטן אַ פרייען פּעס פאַר 12 מענטשן. אין דער קאַסע האָב איך אויך קיינמאָל אַזאַ פּעס ניט געפונען, ווען מיר פלעגן דורכקוקן די פּעסעס. עס איז אָבער אמת, אַז אַדלער האָט ליב געהאַט צו צעטיילן פּעסעס צו זיינע פּאַטריאָטן.

פרייטאָג, דעם טאָג פון דער פאָרשטעלונג איז געווען פּראָבע. ביי דער לעצטער פּראָבע מוזן אַלע שוישפּילער שוין קענען זייערע ראָלן און שפּילן אַזוי גוט ווי פאַרן פּובליקום. אַזוי פירט זיך אין אַלע טעאַטערס איבער דער גאַנצער וועלט. איך האָב דאָס זעלבע סיסטעם דער ערשטער איינגעפירט אין אידישן טעאַטער. פריער האָבן אידישע אַקטיאָרן געוואוסט, אַז ביי דער ערשטער פּראָבע דאַרף מען בלויז אָפּ'פּטר'ן די „פּראָזע", ווייזן אַז מען קען די ראָלע, דורכלויפן שנעל די סצענעס אָדער די מוזיק (אויב עס איז געווען אַ מוזיקאַליש שטיק) און דאָס איבעריגע, דאָס הייסט דאָס שפּילן גופא, דאָס אַרויסברענגען דעם כאַראַקטער פון דער ראָלע און אַלץ איבעריגע, וואָס אַן אַקטיאָר דאַרף טאָן, — דאָס האָט מען איבערגעלאָזט אויף ביינאַכט, צו דער פאָרשטעלונג. עס וועט שוין גוט זיין, מען וועט שוין ווייסן ווען מען דאַרף לאַכן. ביי די גוטע שוישפּילער איז טאַקע אָפט זייער ראָלע אַרויסגעקומען גוט. זיי, מיט זייער טאַלאַנט, האָבן זייער ראָלע דורכגע־פירט קינסטלעריש. די שוואַכערע אַקטיאָרן אָבער זענען אין אָוונט ביי דער פאָרשטעלונג געווען נאָך שוואַכער. זיי זענען געווען אין אַ נערוועזן צו־שטאַנד, איז ביי זיי די ראָלע אַרויסגעקומען שלעכט.

עס איז פרייטאָג ארום צוועלף אזייגער מיטאָג־צייט. אדלער מאַכט זיין גענעראַל־פּראָבע אויף דער בינע. איך בין ביי זיך אין דער היים. איך בין אין אַ גוטער שטימונג. איך וועל דריי טעג ניט שפּילן, איך וועל זיך אָפּרוען, פּונקט ווי אדלער רוט זיך אָפּ ווען איך טרעט אויף אין אַ פּיעסע. עס קלינגט מיין טעלעפאָן.

— איך בין עס, איך, אדלער. טאָמאַשעווסקי, קומט שוין אריבער אין טעאַטער! איר וועט מוזן היינט ביינאַכט שפּילן מיין ראָלע. איך קען מיט די שאַרלאַטאַנעס, מיט די שאַלטיקעס, מיט די קאַרמאַנשטשיקעס גאָרניט מאַכן.

איך האָב ניט געוואוּרט ביז אדלער וועט אָפּזידלען יעדן אַקטיאָר באַזונדער און בין צוגעלאָפן צום פּיפּלס טעאַטער, און אָט איז דאָס בילד וואָס איך האָב דאָרטן געפונען:

אין דער גרויסער, לאַנגער לאָבי פון פּיפּלס טעאַטער לויפט אדלער, נאָך אים לויפט מיסיס אדלער. נאָך מיסיס אדלער לויפט יאַסעלע עדעלשטיין. נאָך עדעלשטיינ׳ען לויפט מיסיס עדעלשטיין, און הינטער זיי לויפט אַ גאַנצער סקאַדראָן. מען שרייט: „אדלער, מיסטער אדלער"! פון אדלער׳ס הענט פליען באַשריבענע זייטן פּאַפּיר, וועלכע פאַרשפּרייטן זיך איבער דער גאַנצער לאָבי. דאָס זענען געווען די ראָלן פון „רעזורעקשאָן". ווען אדלער האָט מיך דערזען אריינקומען דורך דער טיר, האָט ער אַ שליידער געטאָן די פּיעסע מיט אַלע ראָלען אויף דער ערד. ער וויל אַנטלויפן, אָבער אַלע האַלטן אים אָפּ. אדלער צעשרייט זיך אויף אַ הייזעריג קול:

— דער רוח זאָל מיט זיי האַנדלען! אַזעלכע באַהעלפּער־יונגען! אַזעלכע באָד־יונגען! אַזעלכע איזוואָזטשיקעס! קיין רעספּעקט, קיין דרך ארץ! איצט גיבן זיי מיר אַלע אָפּ די ראָלן! זיי ווילן ניט שפּילן קיין דאָפּלטע ראָלן. די סטיידזש־הענדס שלעפּן ערשט איצט די דעקאָראַציעס, וועלכע זענען נאָך רעכט ניט פאַרטיק, די פּראָפּערטי־לייט שלעפּן צוזאַמען די קאָסטענס, די זעק און אַלע צרות, און דאָס גראַד אצינד, ווען איך מאַך פּראָבע. איך קען ניט, איך קען ניט אויסהאַלטן מער!

און ער ווענדט זיך צו מיר דירעקט:

— טאָמאַשעווסקי, נעמט אייך די פּיעסע, נעמט אייך מיין ראָלע און שפּילט, מאַכט פּראָבן. איך וועל גיין. איך וועל גיין. אין דר׳ערד אריין וועל איך גיין! איך וועל ווערן אַ שניידער, אַ שוסטער, אַ דאָר־קיפּער. איך קען אַזוי ניט לעבן.

און אַדלער צעווייִנט זיך היסטעריש. ווי די לעזער ווייסן שוין, האָט אַדלער געהאַט אַ טבע, אַז ווען ער פֿלעגט ווערן אויפֿגערעגט, האָט ער זיך צעוויינט, היסטעריש צעוויינט. איך האָב געוואוסט, אַז ער וועט זיך באַלד באַרוהיגן, ווי עס פֿלעגט שטענדיג פּאַסירן אין אַזאַ פֿאַל. איך האָב אים אַריינגענומען אין אָפּיס פֿון טעאַטער. ער דערציילט מיר וואָס פֿאַרעצרות ער האָט פֿון די אַקטיאָרן וואָס דאַרפֿן שפּילן דאָפּלטע ראָלן. ער דערציילט מיר אויך, אַז זיי קענען ניט זייערע ראָלן, און אַז זיי ווילן ניט מאַכן קיין פּראָבען. ער פֿירט מיך אַריין אין טעאַטער. איך זע פֿון דערווייטנס וואָס עס קומט פֿאָר אויף דער בינע: שרעקלעך! די בינע איז אָנגעוואָרפֿן מיט דעקאָראַציעס, אַ באַרג מיט קאַסטנס ליגן אינמיטן, כאָריסטן און כאָריסטקעס, אַקטיאָרן און אַקטריסעס זיצן אויסגעזעצט אויף די קאַסטנס. מ׳שרייט, מ׳קוויטשעט, מען זינגט, מען מאַכט זיך נאַריש. דער געפּילדער און די געלעכטערס זענען ניט ווי אויף אַ בינע, נאָר ווי אין אַ רוסישן קאַבאַק צווישן שכור׳ע פּויערים. אַדלער ווייזט אָן אויף דער בינע:

— קוקט! אָט אַזוי ווי איר זעט איז פֿון אין דער פֿרי אָן, ווען איך האָב אָנגעהויבן מיין פּראָבע. איך בעט זיך ביי זיי מיט גוטן, מיט בייזן, און זיי הערן מיך ווי די קאַץ! זיי טוען זיך זייערס און מיין האַרץ פּלאַצט. וואָס אַרט דען זיי, די דראָנגעס! זיי זענען דען פֿאַראַנטוואָרטלעך? ווען די פּיעסע וועט דורכפֿאַלן, וועט מען דאָך ניט זאָגן אַז זיי, די העלפֿערס זענען שולדיג. איך, אַדלער, דער „נשר הגדול" וועל זיין פֿאַראַנטוואָרטלעך! טאָמאַשעווסקי, טאַטעלע־האַרצעלע, איר זענט דאָך אַ גוטער מענטש, איך בעט אייך, שפּילט היינט ביינאַכט! ווען איך זאָל אפֿילו וועלן שפּילן, קען איך ניט. איך האָב זיך צופֿיל אויפֿגערעגט.

איך זאָג צו אַדלער׳ן:

— קומט מיט מיר, אַדלער, אַרויף אויף דער בינע און טוט וואָס כ׳וועל אייך הייסן טאָן, וועט איר זיך ניט אויפֿרעגן, וועט איר זיך באַרוהיגן און אַלץ וועט זיין אין דער בעסטער אָרדנונג. איר זעצט זיך אַוועק ביים טיש און איך וועל זיצן נעבן אייך, און אויב אַן אַקטיאָר אָדער אַקטריסע וועט ניט שפּילן ווי איר ווילט, אָדער אַ גאַנצע סצענע וועט ניט דורכגעפֿירט ווערן אַזוי ווי איר הייסט, ערקלערט מיר ווי אַזוי דאָס דאַרף געטאָן ווערן, לויט אייער געשמאַק, און איך וועל עס שוין באַזאָרגן. איר זיצט נאָר רוהיג, רעדט ניט קיין וואָרט צו קיינעם, ווען מען פֿרעגט עפּעס ביי אייך.

עדעלשטיין און זיין פרוי, פּאָולינאַ, מיסיס אַדלער און אַדלער'ס אַ שוואָ־גער, לואיס, וועלכער איז געווען דער קאַסירער אין טעאַטער — אַלע האָבן מיר צוגעהאָלפן. אַדלער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיך פּאָלגן. ער וועט טאָן וואָס איך האָב אים אָנגעזאָגט, און איך בין אַרויף מיט אַד־לער'ן אויפן בינע. דערזעענדיג מיר אויף דער בינע, האָט יעדער איינער זיך גענומען גלייך צו זיין אַרבעט: די סטיידזש־הענדס און די אַנדערע אַרבעטער האָבן געטאָן וואָס עס איז נויטיג געווען, די כאָריסטקעס און כאָ־ריסטן זענען זיך צעלאָפן אין די גאַרדעראָבעס. די אַקטיאָרן האָבן זיך צע־שטעלט אָדער צוגעזעצט. עס איז געוואָרן שטיל. איך רוף צו טאָרנבערג'ן, דעם קאָמיקער, וועלכער האָט געהאַט אַ שם אַלס אַן עקשן און אַ חוצפּה'ניק. טאָרנבערג צעשרייט זיך:

— אומזיסט, טאָמאַשעווסקי, איר האָט מיך אומזיסט צוגערופן. איך וועל מער ווי איין ראָלע נישט שפּילן!

איך ערקלער טאָרנבערג'ן גאַנץ געלאַסן, אַז אומגערעכט איז ער ניט. אַקטיאָרן, איבערהויפּט אַזעלכע אַקטיאָרן ווי ער, טאָרנבערג, דאַרפן ניט שפּילן מער ווי איין ראָלע אין אַ פּיעסע. ער האָט אַ ריכטיגע אורזאַך צו זיין אויפגערעגט. איך באַמערק אָבער, אַז דאָס האָט ער געדאַרפט טאָן דאַמאָלט, ווען מען האָט אים געגעבן די צוויי אָדער דריי ראָלן. דאַן האָט ער געקאָנט זאָגן, אַז ער קאָן ניט שפּילן עטלעכע ראָלן אין איין שטיק, אַז ער קאָן בלויז דורכפירן איין ראָלע. אויב עס זענען ניטאָ גענוג אַקטיאָרן, דאַרף מען אַזאַ פּיעסע איבערהויפּט ניט אויפפירן. ווען ער זאָגט דאָס אין אָנהויב, וואָלט מען צו אים קיין טענה ניט געהאַט, און אפשר וואָלט מען טאַקע די פּיעסע ניט אויפגעפירט. אָבער איצט, עטלעכע שעה פאַר דער פאָר־שטעלונג, — איצט קען מען ניט זאָגן „ניין". איצט וועט קיינער, צו וועמען ער זאָל זיך ניט ווענדן, אים ניט גערעכט געבן.

טאָרנבערג האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט גענומען צוריק די ראָלן און ער איז אַוועק אַ ברוגז'ער.

דער נעקסטער איז געווען מאָגולעסקאָ. דער באַרימטער קאָמיקער איז בטבע געווען אַ גוטינקער, אַ שווייגעדיגער, אַ נאָכגעביגער, אָבער דאָס מאָל האָט ער אויך גערעדט מיט כעס און מיט ביטערקייט געגן אַדלער'ן. ער זאָגט:

— איר, טאָמאַשעווסקי, רעדט אַנדערש און איר האַנדלט גאַנץ אַנ-דערש. איר קענט מיט אַקטיאָרן אַלצדינג אויספירן, אָבער ער — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַדלער'ן — איז אַ משוגענער.

און מאָגולעסקאָ ווענדט זיך דירעקט צו אַדלער'ן:

— יעס, יעס, יאַנקעלע. דו ביזט אַ צעדולטער מוח, אַ נערוועזער מענטש, קענסט ניט רעדן ווי אַ מענטש, קענסט ניט האַנדלען ווי אַ מענטש. דו וועסט ביי מיר קיינמאָל ניט פועל'ן, אַז איך זאָל שפּילן צוויי ראָלן.

אַדלער'ס פּנים האָט זיך אָנגעצונדן. איך האָב געפיהלט, אַז אָט-אָט ברעכט אויס אַ מלחמה. איך האָב אַדלער'ן אַ טראָט געטאָן אויפן פוס — אַ סיגנאַל, אַז ער זאָל זיך ניט קאָכן און צוריקהאַלטן זיין ציטערדיגע האַנט, וועלכע האָט זיך געריסן צו אַ געשלעג. מאָגולעסקאָ האָט צוגענומען די צוויי ראָלן זיינע, איז אַוועק אין אַ ווינקעלע און זיך אַוועקגעזעצט שטיל ווי אַ חדר-אינגל. נאָכדעם ווי מאָגולעסקאָ און טאָרנבערג האָבן צוגענומען זייערע דאָפּלטע ראָלן, האָב איך שוין מיט די אַנדערע שוישפּילער ניט געהאַט וואָס מער צו ריידן. אַלע האָבן גענומען זייערע ראָלן. איך האָב געהייסן, מען זאָל אָנהייבן די פּראָבע פון ערשטן אַקט.

שטיל, רוהיג איז זיך געגאַנגען איין סצענע נאָך דער אַנדערער. אויב איך האָב געפונען פאַר נויטיג צו מאַכן אַ באַמערקונג, עטוואָס אויסצובעסערן, האָב איך דאָס געטאָן. ווען אַדלער האָט מיר געזאָגט, אַז אַ געוויסע סצענע דאַרף גיין אַזוי און אַזוי, האָב איך דאָס פּינקטלעך דורכגעפירט. אויף דער בינע האָט געהערשט שטילקייט. די אַקטיאָרן זענען געשטאַנען אָדער געזעסן אין די פאַרשידענע ווינקעלעך און געוואַרט אויף זייער אויפטריט. קיינער האָט ניט אַרויסגערעדט קיין הויך וואָרט. די בינע-אַרבעטער האָבן געטאָן זייער אַרבעט שטיל, גייענדיג אויף די שפּיץ-פינגער, יאָסעלע עדעלשטיין איז געשטאַנען אין טעאַטער אָנגעשפּאַרט אָן דער לאָזשע, און ער האָט געהאַט גרויס פאַרגעניגן פון דער פּראָבע, פּלוצלינג כאַפּט זיך אַדלער אויף פון זיין שטול און גיט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין טיש:

— אַ באַנדע קאַרמאַנשטשיקעס זענט איר! אַ באַנדע באַהעלפערס! אַקטיאָרן זענט איר? שוסטערס זענט איר! אייך דאַרף מען אַנשטענדיג ניט באַהאַנדלען. אַ פּאָליסמאַן דאַרפט איר האָבן, אַ פּאָליסמאַן דאַרף מיט אייך מאַכן אַ פּראָבע, אַ רוסישן קאָזאַק מיט אַ נאַגאַיקע — אָט וואָס איר דאַרפט האָבן!

חברה־שוישפּילער כאַפּן זיך אַרויף אויף אַדלער׳ן מיט געשרייען און אַ ליאַרם. איך האָב אַלעמען באַרוהיגט. מאַגולעסקאַ איז געבליבן דער לעצטער, וואָס איז געשטאַנען אַן אויפגערעגטער נעגן אַדלער׳ן. הענט און פיס האָבן ביי אים געציטערט.

— ניין, יאַנקעלע, ניט קיין פּאָליסמאַן און ניט קיין קאָזאַק און ניט אַזאַ אידיאָט ווי דו דאַרף זיין אַ רעזשיסער. אַ מענטשן דאַרפן מיר, אַ מענטשן, וועלכער האָט קלאָרע געדאַנקען, ניט אַזעלכע משוגענע געדאַנקען ווי דו האָסט. טאָמאַשעווסקי׳ן דאַרפן מיר! ער פירט מיט אונז אויף די שווערסטע אָפּע־רעטן, און אַלץ איז שאַ, שטיל. אַלע מאַכן פּראָבע מיט פאַרגעניגן, אַלע קענען זייערע ראָלן, זייער מוזיק. אַלע ווייסן גענוי וואָס זיי האָבן צו טאָן. אָבער ביי דיר, משוגענער, ווייסן מיר גאָרניט. דו אַליין ווייסט אויך גאָר־ניט וואָס דו דאַרפסט טאָן. אין דיין שפּילן קומט ביי דיר אַרויס פּלוצ־לינג, אומגעריכטערהייט, אַ גרויסענער כאַראַקטער, אָבער דאָס ערשט ביי דער צענטער אָדער צוועלפטער פאָרשטעלונג.

און די אַנדערע שוישפּילער האָבן זיך ווידער צעשריען.

— אַ מענטשן דאַרפן מיר! טאָמאַשעווסקי׳ן דאַרפן מיר!

„רעזורעקשאָן" איז אויפגעפירט געוואָרן אין פּיפּלס טעאַטער און האָט געהאַט אַן אומגעהויערן ערפאָלג. די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן אַ לאַנגע צייט. מיסיס אַדלער האָט מיט איר שפּילן געמאַכט אַ ריזיגן ערפאָלג. אַדלער איז געווען גלענצענד אין זיין ראָלע, אָבער מיסיס אַדלער האָט אים איבערגעשטיגן. זי האָט אויך, ווי מען זאָגט אויף טעאַטער־שפּראַך, „צוגע־דעקט" אַלע אַנדערע שוישפּילער, וואָס האָבן זיך באַטייליגט אין דעם שטיק.

סאַראַ אַדלער איז אַ געבוירענע אין אָדעס. זי איז ערצויגן געוואָרן אין אַ היים, וואו מען האָט גערעדט רוסיש. דער טאַטע, די מאַמע, אַלע קינ־דער האָבן גערעדט רוסיש. דעריבער איז זי געווען זעהר גוט צוגעפּאַסט צום כאַראַקטער, וואָס זי האָט געשפּילט „קאַטיושאַ מאַסלאָוואַ". איך וועל קיינ־מאָל ניט פאַרגעסן סאַראַ׳ן אין איר ראָלע אין „רעזורעקשאָן". מיט איר שפּילן אין דעם שטיק האָט זי מיך געמאַכט פאַר אירן אַ הייסן פּאַטריאָט.

פּיפּלס טעאַטער איז פאַר אונז אַלעמען געווען מזל׳דיג. אַדלער האָט שוין אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן אין דעם מזל׳דיגן ווינדזאָר טעאַטער. ער האָט זיך געפיהלט גליקלעך מיט אונז אין אונזער נייער היים.

ווי דער לעזער ווייסט שוין, האָב איך נאָך אַלס יונג בחור'ל געשריבן פּיעסען. אין די שפּעטערדיגע יאָרן בין איך געוואָרן נאָך טעטיגער אַלס פּיעסען־שרייבער. מיין ערשטע פּיעסע האָב איך אָנגעשריבן ווען איך בין זעכצן יאָר אַלט געווען. „די היילינע ליבע״ האָט דאָס ערשטע שטיק מיינס געהייסן. די פּיעסע איז אויפגעפירט געוואָרן דעם זעלבן יאָר ווען איך האָב זי אָנגעשריבען, אין דעם באוערי גאַרדען טעאַטער. עס האָבען אין איר געשפּילט די ביידע ברידער גאָלובאָק, מר. און מרס. ספּעקטאָר, ישראל באָר־סקי, באָיאַרסקי, לאַנדעסמאַן און טאַנטשוק. דער טאַטע מיינער האָט אויך מיטגעשפּילט. דאָס שטיק האָט געהאַט אַ גאָר נישקשהדיגען ערפאָלג. מיין צווייטע פּיעסע איז געווען „עלילת דם״, און זי איז גאָר געווען אַ צאַצקע פאַרן עולם. אין ניו־יאָרק האָב איך זיך קיינמאָל ניט געשפּילט, נאָר אויף דער פּראָווינץ: אין פילאַדעלפיע, באָסטאָן, באַלטימאָר, שיקאַגאָ. מיין דריטע פּיעסע איז געווען „דער גרינער שוסטער״. אָנגעשריבן די פּיעסע האָב איך ווען איך בין געווען אין פילאַדעלפיע. מיין „גרינער שוסטער״ האָט געהאַט אַ ריזיגן ערפאָלג. איינער פון מיינע שוישפּילער, טעפּליצקי, האָט די פּיעסע אָהן מיין וויסן פאַרקויפט קיין ניו יאָרק צו זילבערמאַנ'ען. זילבערמאַן האָט דאָס שטיק אויפגעפירט און געהאַט אַן אומגעוויינלעכן ערפאָלג. אַ גאַנצן סעזאָן האָט ער די פּיעסע געשפּילט. איך האָב פון דעם גאָרניט געהאַט, ווייל טעפּליצקי האָט די פּיעסע פאַרקויפט און גענומען ראָיאַלטיס. איך בין דאַן געווען נאָך אַ אינגל און אַ „גרינער״ דערצו און האָב ניט גע־וואוסט, אַז איך קאָן דורכן קאָורט מאָנען ראָיאַלטיס, און אַז איך קען אינגאַנצן אָפּשטעלן צו שפּילן מיין פּיעסע. מיין פערטע פּיעסע האָב איך אָנגעשריבן ווען איך האָב געשפּילט אין ניו יאָרק אין טהאַליאַ טעאַטער. איך האָב זיך ניט גע־וואָלט באַרימען פאַר מיינע קאָלעגן־שוישפּילער, אַז איך שרייב פּיעסען אויך. דער פּאַרפאַסער פון אונזער טרופּע איז דאַמאָלט געווען יאָזעף לאַטיינער.

נאָך אַדלער'ס „רעזורעקשאָן״ האָט יאָזעף לאַטיינער אונז געבראַכט אַ פּיעסע מיטן נאָמען „די פיר הונדערט יאָר״. אין דער פּיעסע האָט זיך געהאַנדעלט וועגן די אידן־פאַרפאָלגונגען אין שפּאַניע, און די אינקוויזיציע. אין דריטן אַקט האָב איך אַריינגעשטעלט אַ וואַסער־עפעקט. איך בין אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער אַריין. די פּיעסע האָט געוואַלדיג אויסגע־נומען. אידן, ווייבער און מיידלעך זענען געלאָפן זען ווי טאָמאַשעווסקי שפּרינגט אין וואַסער אַריין און ווערט טאַקע באמת נאַס. די פּיעסע גופא

באָריס טאָמאַשעווסקי און רעגינאַ צוקערבערג (זומער 1937)

איז געווען ניט קיין שלעכטע. די האַנדלונג איז געווען אַ שעהנע, און אינטערעסאַנטע, און פרידזעל, אונזער מוזיקער, האָט אָנגעשריבן שעהנע מוזיק פאַר איר. אין דער קאַסע פון פּיפּלס טעאַטער איז שוין ווידער געווען מזל ברכה. די „פיר הונדערט יאָר" זענען געגאַנגען אַ גאַנצן סעזאָן.

אין דער זעלבער צייט איז געגרינדעט געוואָרן די אידישע אַקטיאָרן־יוניאָן און זיי האָבן ערקלערט ביי אונז אַ סטרייק. אַזוי ווי איך האָב זיך גענומען דאָ דערציילן דעם גאַנצן אמת, קיין זאַך ניט לייקענען, וויל איך דערציילן ווי ניט שעהן מיר האָבן געהאַנדלט און ווי מיר האָבן נאָכדעם חרטה געהאַט. מיר האָבן פּשוט געהאַנדלט ווי עס האַנדלט יעדער פאַברי־קאַנט, וואָס שטעלט זיך געגן די גערעכטע פאָדערונגען פון דער יוניאָן און ער וויל די יוניאָן באַזיגן מיט דער הילף פון סקעבס.

מיר זענען געווען שטאָלץ ביי זיך, ווי אַלע באַלעבאַטים זענען שטאָלץ. מיר האָבן ניט געהאַט קיין שכל און פאַרשטאַנד און איינזעהעניש אויף די שוישפּילער, וועלכע האָבן ביי אונז געאַרבעט. מיר האָבן געמיינט, אַז מיר קענען זיי באַקעמפן און באַזיגן. מיר האָבן אָבער אַ טעות געהאַט. איצט, ווען איך דערמאָן זיך די געשיכטע איז מיר אנגענעם צו דערציילן, אַז איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָט חרטה געהאַט פאַר מיין וועלן באַקעמפן די יוניאָן. איך בין געווען דער ערשטער, וואָס איז געווען דערפאַר, אַז מען זאָל נאָכגעבן און סעטלען מיט דער יוניאָן.

אין מיין שטורמיש לעבן איז מיר אויסגעקומען נאָך זעהר פיל איבערצולעבן. עס איז געקומען אַ מאָמענט ווען עס איז צעשטערט געוואָרן די ליבע צווישן מיר און מיין פרוי בעסי. עס איז געקומען אַ צייט ווען מיר האָבן צעבראָכן אונזער פאַמיליע־לעבן און זיך געשידן. עס איז געקומען אַ מאָמענט ווען דער ים מיט ליבע, וואָס האָט תמיד געשטורעמט אין מיין האַרץ, האָט זיך ווידער אויפגעברויזט צו אַ פרוי, וועלכע האָט מיך באַצויבערט, און וועלכע איז ביז היינט צו טאָג מיין טרייע לעבנס־באַגלייטערין — די תמיד שעהנע קינסטלערין רעגינע צוקערבערג.

היינט וואו איז מיין גרויסע קאַריערע אַלס שוישפּילער און דירעקטאָר, ווי אויך אַלס ערפאָלגרייכער דראַמאַטורג?

די אַלע וויכטיקע בלעטער פון מיין לעבנס־געשיכטע וועל איך האָפנטלעך געבן אין צווייטן באַנד פון מיינע מעמואַרן.

דאָ וויל איך נאָר דערמאָנען אין מיין שפּעטערדיג מענעדזשן אין נעשאָנעל־טעאַטער אויף סעקאָנד עוועניו, ניו יאָרק, און מיין ברענגען צום ערשטן מאָל צו דער אידישער בינע דעם באַרימטן דראַמאַטורג אָסיפּ דימאָוו, די סטאַרס מיכאַל מיכאַלעסקאָ, אהרן לעבעדעוו, סעמיועל גאָלדענבורג, מיין שפּילן צוזאַמען מיט שילדקרויטן אויף בראָדוועי, מיין עפענען די טירן פון אַמעריקע פאַר דער „ווילנער טרופּע“, מיין גרויסע רייזע איבער אַר־גענטינע און די אַנדערע דרום־אַמעריקאַנער לענדער, דאַן מיין גרויסן לאַנג־יאָריגן טורנעע איבער הונדערטער שטעט און שטעטלעך איבער מערב און מזרח אייראָפּע, מיין צוריקקומען אין אַמעריקע, שפּילן און גאַסטראָלירן אין די גרעסטע אידישע טעאַטערס, מיין פּרוב צו שפּילן אויף בראָדוועי אידיש טעאַטער אויף ענגליש, די גרויסע טראַגעדיע פון מיין זון, דאָקטאָר מיקי טאָמאַשעווסקי, מיין פאַרבינדן זיך מיט רומענישע רעסטאָראַנען און מיין ווידער צוריקקערן זיך צו דער אידישער בינע מיט אַ פּיעסע פון מיין לעבנס־געשיכטע.

מיר וועלן נאָך וועגן דעם אַלעם, ליבער לעזער, אויספירלעך רעדן.

דערווייל, אויף ווידערזען!

באַנוצטע אַנגליציזמען:

אַדווערטייזמענט—אַנאָנס.
אויסטער—אַ שאַל־פיש.
אַטרעקשאָן—אַטראַקציע.
אינשורענס—פאַרזיכערונג.
אָלרייט—פיין, זעהר גוט.
אָפיס—ביוראָ, קאַנצעלאַריע.
אַפּאָינטמענט—ראַנדעוואו.
אָרדער—באַפעל, באַשטעלונג.
אָשערס—פלעצער־אָנווייזער.

באָארד—אויסהאַלט.
באַהעיווען זיך—האַלטן זיך רואיק, אָנשטענדיק, געמיטלעך.
באָי—בחור, יונגערמאַן.
באָטאָן־האָל—קנעפּ־לעכלעך.
באָם—אויסוואורף, זשוליק.
באָקס—שעכטל, לאַזשע.
באָרדער—שכן, סוב־לאָקאַטאָר.
באַרדזש—אַ פלאַך־שיפל.
באָרדינג־האוז—מעבלירטע וואוינונג.
בוטשער—קצב.
בייבי—קינד.
בייבי־קערעדזש—קינדער־וועגעלע.
ביוטים—שעהנהייטן.
ביזנעס—געשעפט.
ביר־סאַלון—שענק.
בלאָק—קוואַרטאַל, שטח פון איין גאַס צו דער אַנדערער.
בעד־רום—שלאָפצימער.

גוד באַי—אַדיע.
גוד־טיים—גוט פאַרברענגען, הנאה האָבן.
געמבלער—שולער, אַזאַרט־שפּילער.
געמבלינג־הויז—אַזאַרט־פלאַץ.
געפרייעט—געפּרעגלט.
גראָסערי—שפּייז־געוועלב.
גראָסערי־מאַן—געוועלב־באַזיצער.

דאַינינג־רום—עס־צימער.
דאָר־קיפּער, דאָרמען—טיר־קאָנטראָ־לער.
דזשאָב—פּאָסטן, שטעלע.
דזשעיל—טורמע, תפיסה.
דזשעלאָס—אייפערזוכט.
דינער—מיטאָג.
דיסטריקט—באַצירק, ראַיאָן.
דיספּאָזעס—באַפעל אַרויסצוציען.
דיפּאָ—וואָקזאַל.
דעפּאָזיט—האַנט־געלט.
דראָג־סטאָר—אַפּטייק.
דרעס—קלייד.
דרעסער—גאַרדעראָבער.
דרעסינג־רום—גאַרדעראָב־צימער.

האָל—זאַל.
היט—ערפּאָלג.
העט—הוט.
הענד־בילס—פלוגצעטלען.
וואַטש־קייסעס—זייגער־שעכטעלעך
ווייזשעס—שכירות.
ווייסטעל—בלוזע.
וועל—גוט, הייסט עס.

טאַקסעס—שטייערן.
טייפּרייטער—שרייב־מאַשין.

טיקעט—בילעט.
טענעמענט־הויז—אַ גרויס הויז.
טראָבל—צרות, עגמת־נפש.
טריטן—מכבד זיין.
טריין—באַן, צוג.
טרעיד—פאַך, פראָפעסיע.
טרעמפ—בראַדיאַגאַ, הפקר־מענטש.
טשער—שטול.

יארד—הויף.

לאָאָ—געזעץ.
לאָבי—פאָיע.
לאָיער—אַדוואָקאַט.
לאָנטש—סאָפּע, צווייטער פרישטיק.
לויפער—חברה־מאַן, גאַסן־יונג.
לייסענס—ערלויבניש.
לים—אַרענדע.
לענדלאָרד—הויז־באַזיצער.
לעסאָן—לעקציע, למוד.

מאַטינע—נאָכמיטאָג.
מאָרדטגעדזש—היפּאָטעק.
מופן—אַרויסציען זיך.
מעטשעס—צינדהעלצלעך.
מעמבער—מיטגליד.
מענטל־פּיס—קאַמין.
מענעדזשער—פאַרוואַלטער, דירעקטאָר

נוירס—באַרעמהערציגע שוועסטער.
נעקטאַי—קראַוואַט, בינדער.

סאָידוואָק—טראָטואַר.
סאָסייעטי—געזעלשאַפט, חברה.
סאָפּער—אָוונט־ברויט.

סוט—אָנצוג.
סופּעראינטענדענט—פאַרוואַלטער.
סוקסעס—ערפאָלג.
סטאָוו־פּאַיפּ—צילינדער.
סטאַר—שטערן, גרעסטער אַקטיאָר.
סטאָר—געשעפט, געוועלב.
סטופּ—פאָדער־אַרויפגאַנג.
סטענדינג־רום—שטיי־פּלעצער.
סטיישאָנערי־סטאָר—שרייב־פּאַפּיר געשעפט.
סטעידזש—בינע.
סטעידזש־הענד—בינע־אַרבעטער.
סטענד—ביידל.
סטריט—גאַס.
סיט—פּלאַץ.
סיין—שילד, אַנאָנס.
סעטלען—רעגולירן, ערליידיקן.
סעקיוריטי—גאַראַנטיע.
סעקאָנד הענדיג—צווייט קלאַסיג, צווייטער ראַנג.
ספּענדען—אויסגעבן.
סקול—שול.
סקעב—שטרייק־ברעכער.

עסקייפּ—פייער־טרעפּ.
עקטער—אַקטיאָר.

פּאַון־שאָפּ—לאָמבאַרד.
פּאוסטער—אַפיש.
פּאָטייטאָס—קאַרטאָפל.
פּאָליטישן—ביליגער פּאָליטיקער.
פּאָלישן—פּוצן.
פּארטיס—חברות, שמחות.
פּארטנערשיפּ—שותפות.
פּארלאָר—קאָרידאָר.

פּיקעט—וואַך־אָפּהיטער.
פּיר—שיף־האַפן.
פּלעי—פּיעסע, טעאַטער־שטיק.
פּליעז—ביטע.
פּראָפּערטי־מאַן—רעקוויזיטאָר.

פּאָרמאַן—אויפזעער.
פּול־דרעס—גאַלאַ קאָסטיום.
פּינישערין—שניידערין.
פּלאָר—שטאָק, פּאָדלאָגע.
פּען—פּעכער.
פּעקטאָרי—פּאַבריק.

קאונטרי—פּראָווינץ.
קאַוטש—סאָפּע.
קאָורט—געריכט.
קאָמפּאַני—טרופּע.
קאַר—וואָגן, אויטאָמאָביל.
קאָרנער—עק, ווינקל.
קאַרפּעט—דיוואַן, קאָוויאָר, טעפּיך.
קאָסטאָם־פּעדלער—סוחר אויף ראַ־
טעס.

קאָסטאָם־אינספּעקטאָר—צאָל־אויפ־
זעער.
קוירטן—פּאָרהאַנג.
קענדי—צוקערלעך.
קעש—מזומן.
קעשיער—קאַסירער.
קרעקערס—געזאַלצענע קיכלעך.

ראָגס—טעפּיכער.
ראָוד—וועג, רייזע.
ראָיאַלטי—האָנאָראַר.
ראַפּער—שלאָפּראָק.
רום—צימער.
רוף—דאַך.
רעגעלע—רעגולערע, אמת'ע.
רענט—דירה־געלט.
רעסיט—קבלה, באַשטעטיגונג.

שאַפּ—פּאַבריק.
שוירט—העמד.
שור—געווים, זיכער, טאַקע.
שעריף—פּאָליציי־פּאָרשטייער.